STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01061

IN UN ARUM

Henri Sloves

Permanent preservation of this book was made possible
by The Stark-Malz Family
in memory of
Alfred Stark & Nathan Malz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין און אַרום

עסייען

ח. סלאָוועס

אין און אַרום

עסייען

אַרויסגעגעבן פון:

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק 1970

H. SLOVES

IN AND AROUND
(Essays)

הילע געצייכנט פון : אַרטור קאָלניק

Copyright by YKUF, 1970

•

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND
(YKUF)
80 Fifth Avenue, New York, N. Y. 10011

•

Printed in U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

ביי די אָבות

אָמר מענדעלע...

מ'קאָן אין פלוג זיך אויסווייזן, אַז דער אײנפאַל איז געווען די פּשטות אַליין. וואָס באמת האָט געקאָנט זיין נאָך איינפאַכער? אָמר אַביי, האָט אַביי געזאָגט... אָמר מענדעלע, האָט מענדעלע געזאָגט...

במשך פון לאַנגע און לאַנגע יאָרהונדערטער, איז יידישע גייסטיקייט באַשטאַנען בעיקר — פון זאָגן. אָמר רב מאיר, אָמר רב שמעון, אָמר רב הונא... דורות און דורות יידן האָבן אַ לעבן־לאַנג געחזרט מיט התמדה, וואָס רב מאיר האָט געזאָגט און רב שמעון האָט געזאָגט און רב הונא האָט געזאָגט און יעדער וואוילגעלערנטער האָט געטרוימט עפּעס מחדש צו זיין און אַליין עפּעס צו זאָגן, עפּעס אייגנס, וועגן גרויסן און ברייטן און טיפן ים פון פריער־און־לאַנג־שוין־געזאָגטן. דאָס זאָגן האָט זיך אָנגעהויבן אויפן זאָגן, זיך אָנגעטורעמט אין אַ הימל־גרייכנדיקן טורעם. „אָמר" איז געווען דער שליסל צו אָט דעם טורעם, דער קען־צייכן פון תורה־און־חכמה־קולטור.

דער שליסל איז געלעגן ממש פאַר יעדע טיר־און־טויער, אונטער יעדער האַרטער ישיבה־באַנק, פאַר יעדן היימישן ספרים־שענקל. בויג זיך נאָר איין און הייב אים אויף. האָט אָבער אָט דער שליסל — צו טויזנט־יאָריקער יידישער גייסטיקייט — נישט געפירט צו יידישער ליטעראַטור. צווישן זיי איז געלעגן אַ דורותדיקער המבדיל, דער המבדיל בין קודש לחול.

אונדזער יידישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען נישט אויף דער פּאַר'פּל־פּול'טער ישיבה־באַנק און נישט ביים פאַרדיסן־לומדישן ספרים־שאַנק, נאָר אינעם עניוותדיקן פּרויען־חדר. אָהער איז אַגב דערגאַנגען, פריער און שאַרפער ווי אין גאַנצן הויז, דער אָטעם פון וועלטלעכקייט און אפילו פון גרויסוועלטישקייט.

איבערן וויגל פון אונדזער ליטעראַטור איז געשטאַנען די שיצערין־באַשיצערין דווקא פון דעם חול, די באַהיטערין פון דער גוט־וואָכעדיקייט פון יידישע היימען, דער גוטער מלאך פון יידישער טאָג־טעגלעכקייט — די יידישע פרוי.

ווער איז געווען, אינעם סאַמע ליטעראַטור־באַגינען אונדזערן, אין פערצנטן יאָרהונדערט, דער אָפּנעמער־צוהערער (און שפּעטער, לייענער) פון דער עלטסטער יידישער עפּיק און לירִיק, פון ראָמאַן און נאָוועלע? צי בלויז די יידישע פרוי, אָדער בעיקר די יידישע פרוי? מער ווי מיט השערות לאָזט זיך די פראַגע ניט פאַרענטפערן.

זיכערע ידיעות, דאָקומענטן, זיינען צו אונדז דערגאַנגען ערשט פון שפּעטערדיקע תקופות. אַט, למשל, האָט זיך אַריינגעשריבן אין דער איי־ביקייס אַן אָרעמער יידישער קאָפּיסט פון זעכצענטן יאָרהונדערט און זיך פאַרגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן: „אַנשל לוי בין איך גענאַנט, קומען אויז טויטשן (דייטשלאַנד) אין וועלש לאַנד (איטאַליע)". און די פּרנסה זיינע אַנשל לויס? אַן „אָרעם שרייבער, דינער אַלער פרומן ווייבער".

אַנטקעגן דער אין קדושה איינגעהילטער „אָמר"־טראַדיציע איז פּאַמעלעך אויפגעקומען אַ צווייטע טראַדיציע, אַ וועלטלעכע, די טראַדיציע פונעם טייטש־ביכל" פאַר פּולצלען (מיידלעך) און ווייבער". ניט זעלטן איז דער מחבר פון ביכל אַליין געווען אַ למדן און אַ בן־תורה, אָבער אויף יידיש־טייטש איז זיין עובדה געווען צו „דינען די ווייבער די פרומן".

מיט דער צייט האָט די „פּולצלען־און־ווייבער"־ טראַדיציע באַקומען אַ נייע דימענסיע און אַ נייעם אויסקלאַנג. צום קריטעריום פון מין־זכר און מין־נקבה איז צוגעקומען אַ צווייטער קריטעריום, אַ סאָציאַלער: המונישקייט, פּראָסט־פאָלקישקייט. אין דער דאָזיקער טראַדיציע טאַקע האָט, מיט עטלעכע יאָרהונדערט שפּעטער, זיך אַנגעשלאָסן (און זי ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן) שלום־עליכם. זיין „געשריבן יידיש־טייטש פאַר ווייבער" האָט פאַר כידוע געגראַמט מיט „פאַרן פּראָסטן פאָלק געווען אַ שרייבער". ווי עס טרעפט ניט זעלטן, איז אָט דער אני־מאמין, ווען ער איז דערשינען אויסגעקריצט אין שטיין ווי אויף לוחות, געווען שוין באַדייטנדיק מער סטיליזאַציע און ליטעראַרישע רעמיניסצענץ, ווי היסטאָרישעווירקלעכקייט.

דער „קודש" האָט זיך געגרויסט מיט יאָרטויזנטער. דער „חול" האָט עקשנותדיק זיך געקלאָמערט אין יאָרהונדערטער. זיי זיינען ניט דווקא און ניט תמיד געווען אַנטאַגאָניסטיש. אַדרבא, טעמאַטיש איז דאָס בוך, אין דער עלסטערער ליטעראַטור אונדזערער, ס׳רוב געקניפּט און געבונדן מיטן ספר. דער המבדיל האָט אָבער אָנגעהאַלטן, שאַרף און שטרענג. ביידע שטראָמען זיינען געפלאָסן פּאַראַלעל און דערווייטערט, אויף קיין פאַל חלילה נישט אויסצומישן זיך — דער „אָמר" אויבנאָן, אינמיטן, און די „פּולצלען־ווייבער" אויפן סאַמע ראַנד.

ס׳וועט ניט זיין איבעריק צו דערמאָנען: די ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון, איז במשך פון דורות און דורות, געווען בפירוש אַ ראַנד־דערשיינונג אין דער יידישער קולטור. ווי אַזאַ איז זי באַטראַכט געוואָרן נישט בלויז דורכן וואויללערנער און תלמיד חכם, נאָר אויך — וואָס איז נאָך וויכטיקער — דורך זיך גופא. זי אַליין איז געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון אייגענער מינדערווערטיקייט. דערנענטערן זיך צו איר, האָט געהייסן — אַראָפּנידערן פון די באַרג־שפּיצן פון אַלימפּ. פאַרגעבן זיך מיט איר האָט באַטייט — איינשטעלן אין קאָן דעם שרייבערישן כבוד. דער המבדיל האָט געוואָרצלט אין באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין פון אַ גאַנצן פאָלק.

מענדעלע, דער ערשטער, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אָט דעם דורותדיקן

המבדיל. אין זיין באַרימטן בײדל האָט ער, צוגלײך מיטן אויסטערלישן רומל פון טליתים און ציצית, פון שופרות, מזוזות, קמיעות וכדומה, פאַר־לאָדן אויך, גלײך אויף גלײך, הן ספרים אין דער הײליקער שפּראַך, הן מעשה־ביכלעך אויף פּראָסט־יידיש.

מענדעלע, דער ערשטער, האָט די טראַדיציע פון „אָמר" צונויפגע־שמאָלצן מיט דער טראַדיציע פון „פאָלקצלען־און־ווייבער". די צווײ קולטור־שטראָמען, פײנטלעך־פּאַראַלעלע, האָבן זיך דערנענטערט, זיך דורכגעקרײצט און קעגנזײטיק זיך באַפרוכפּערט.

ס'איז ניט גענוג צו זאָגן, אַז מענדעלע האָט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור אַרײנגעבראַכט די אַלטע יידישע חכמה. דאָס האָט מען גע־פּרואווט שוין אויך פאַר אים. ער האָט באַוויזן עפּעס וועזנטלעך אַנדערשדיקס און גרעסערס: אין דער אַלטער יידישער גײסטיקײט אַרײנצוברענגען די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

דער סימביאָז צווישן קודש און חול האָט אָנגעגעבן דער יידישער ליטע־ראַטור אַ לחלוטין נײע קוואַליטעט. „אָמר מענדעלע" איז געווען דער אויסדרוק אירער, איר סימבאָל.

„אָמר מענדעלע" האָט באַטײט: אַרײנשרײבן זיך אין לאַנגן, היסטאָרישן יחוס־בריוו פון אַלע בעלי־אָמר, נאָך אַלע אַבײס און רב מאירס און רב שמעונס און רב הונהס, אַרײנשרײבן זיך ווי אַ גלײכער צווישן גלײכע. די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן דער רינג פון די מאָדערנע צײטן אין דער פילטויזנט־יאָריקער קײט פון כסדר זיך באַנײענדיקער יידישער תורה־און־חכמה.

*****

דער „אָמר־מענדעלע"־סימבאָל איז געבוירן אין ליבשאַפט, ער שטאַמט פון אַ דעם גליקלעכן זיווג, וועלכן דער זיידע אַלײן האָט באַשריבן בזה הלשון: „פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך פאַרליבט אין יידיש און האָב די שפּראַך צו מיר פאַרקנסט אויף אײביק און האָב איר געגעבן די בשמים און קרײטעכצער, וואָס איר קומט און זי איז געוואָרן אַ שײנע באַחנטע פריצטע און האָט מיר געגעבן אַ סך זין".

די דאָזיקע בשמים מענדעלעס באַשמעקן נאָך עד היום אונדזער מאַמע־לשון מיט די וואונדערלעכסטע ריחות און דעם זײדנס קרײטעכצער זײנען אַלץ נאָך פריש און באַטעמט און זיס צו אונדזער גומען. די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט ניט אויפגעהערט צו טרינקען פונעם מענדעלע־קוואַל און לערנען בײם זיידן דעם גרויסן סוד: ווי אַזוי, מיטן כשוף פון קונסט און מיט דער קונסט פון וואָרט, צו פאַרוואַנדלען גרויען שאָטן אין בלענדנדיקן ליכט און שוואַרצע שפּליטערס אין פינקלענדיקע אײדלשטײנער.

מענדעלע איז נישט בלויז דער ערשטער — און מיט דעם אַלײן וואָלט געווען אויך געווען דיינו — נאָר צוגלײך אײנער פון די גרעסטע, אויב טאָקע ניט דער גרעסטער, שפּראַך־מײסטער בײ אונדז. מײסטער אין אײגנסלעכן זין פון וואָרט, ס'הײסט דער, וואָס פורעמט און געשטאַלטיקט

מים די אייגענע הענט און ווערט נישט מיד צו שלייפן, ציזעלירן און פֿאַר־פײַנערן אין קיינמאָל ניט געשטילטן דורשט נאָך שלימות. שלום־עליכמס שפּראַך־עשירות איז סטיכיש, וואָס דער שרײַבער מוז זי צוימען. מענדעלעס שפּראַך־אוצר איז לויטער פּערל, וואָס מען ציט אָן אײנס נאָך איינס, מיט אומענדלעכן געדולד, מיט געשמאַק און קולטור. קיינער האָט ניט איבער־געשטיגן דעם זיידן אין הילכות שפּראַך־ציכטלעריי, וואָס איז, ווידער אַ מאָל, פֿאַרבליבן ווי אַ מוסטער פֿאַר קינדער און קינדס־קינדער.

נאַטירלעך, מענדעלע האָט ניט געשאַפֿן קיין יש מאין. הינטער אים איז געלעגן די גאַנצע עלטערע יידישע ליטעראַטור. אָבער וואָס אייגנטלעך האָט ער פֿון איר געקאָנט ירשנען — פֿון ווען און וועמען?

י. ל. פּרץ, אין זיין רעפֿעראַט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, אין 1908, האָט באַצייכנט ווי דעם בראשית פֿון אונדזער ליטעראַטור אייזיק־מאיר דיקן, וואָס איז געווען מענדעלעס אַ מיטצייטלער, בסך הכל מיט אַ יאָר דרייסיק עלטער פֿאַר אים. האָט אָבער, אויפֿן פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס, יוסף אָפּאַטאָשו, דער הייסער פּרציאַנער, זיין גרויסן רבין דערווידערט.

צווישן טשערנאָוויץ און פּאַריז זיינען געלעגן דריי יאָרצענדליק פֿון אומגעזוזענער יידישער קולטור־שפּע. ס'האָט זיך געהאַט צעבליט, ווי נאָך קיינמאָל, די יידישע פּראָזע און דיכטונג, אָבער גלייכצייטיק אויך די לי־טעראַטור־און־שפּראַך־פֿאַרשונג. אָפּאַטאָשו האָט אין פּאַריז פֿונאַנדערגע־וויקלט דעם אָפּגעפֿונענעם היסטאָרישן יחוס־בריוו פֿון יידיש און יידישער ליטעראַטור און דערמאָנט מיט שטאָלץ, אַז אונדזער גענעאַלאָגישער בוים וואָרצלט אַזש אין דרייצענטן יאָרהונדערט, אויב ניט נאָך ווייטער.

די עלטערע יידישע ליטעראַטור איז נאָך ווייניק אויסגעפֿאָרשט, הן קינסטלעריש, הן לינגוויסטיש. ס'איז אָבער מעגלעך, היינט שוין, פֿעסט־צושטעלן עפּעס, וואָס זעט אויס צו זיין איינער פֿון אירע גרונט־שטריכן: עס פֿעלט איר לחלוטין שפּראַך־קולטור. נישט בלויז אין אונדזער העלדן־עפּאָס, פֿון פֿערצענטן יאָרהונדערט (יידיש איז נאָך, סוף כל סוף, דאָן געלעגן אין די קינדער־וויקעלעך), נאָר אין אַלע שפּעטערדיקע תקופות, אַפֿילו גאָר נאָענט צו אונדז, אין ניינצענטן יאָרהונדערט, האָט דער יידישער שרייבער — מיט איין און איינציקן אויסנאַם: שלמה עטינגער — ניט געהאַט דעם מינדסטן חוש און ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע באַציאונג צו שפּראַך. דער פּראָבלעם פֿון שפּראַך איז פֿאַרן עלטערן יידישן שרייבער ניט געווען קיין פּראָבלעם פֿון ליטעראַטור.

דאָס יידישע וואָרט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו מענדעלען בירושה איז געווען אַזוי אַרום אַ רווישטאָף־וואָרט, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט קודם צוזיפֿנעמען און ערשט דערנאָך עס לייטערן.

מענדעלע איז דער ערשטער און גרעסטער איינזאַמלער, איינשפּייכלערער פֿון יידיש־לשון. פּונקט ווי ער האָט, אין בויד פֿון זיין פֿערד־און־וועגל, פֿאַר־לאָדן צוגלייך הייליקע ספֿרים פֿון „אָמר"־קוואַל און עברי־טייטש־ביכלעך „פֿאַר פֿולצלען און ווייבער", אַזוי האָט ער אין זיינע מעשה־ביכלעך אויף

פראָסט־יידיש אַריינגענומען אַלע מינים יידישן, פון אַלע צייטן. דאָרט הויזט בשלום, אויפן גרויסן וואָרט־מאַסיוו פון פאָלק — וואָס איז געווען כמעט נאָך אַ קרקע בתולה — די שפּראַך פון למדן און פון עם־הארץ, פון בעל־טאַקסע און בעל־טאַרבע, פון תחינה און גמרא, פון טייטש־חומש, פון מדרש און פון „צאינה וראינה". דאָס איז דער ערשטער, דער גרינט־לעכסטער וואָרט־אינווענטאַר פון יידיש, פון די עלטסטע צייטן אָן. פון דעם דאָזיקן חומר איז עס, אין דעם וואונדערלעכן שמעלץ־טיגל פונעם יוצר — מענדעלע — געבוירן געוואָרן, אין ליבשאַפט צום פאָלק און צום לשון פון פאָלק, די שפּראַך פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

***

צי האָט אָבער דער זיידע אונדז איבערגעלאָזט בלויז, אָדער בעיקר, שפּראַך — און מער גאָרנישט? אייניקלעך־אַפּיקורסים האָבן אין דער שטיל אַזוי אונטערגעמורמלט. דרייסטערע, מיט מער יוגנטלעכער העזה, האָבן אַפילו געוואָגט עס אַרויסצוריידן הויך אויפן קול.

אַפילו אין פּרצעס באַרימטער לויב־מעטאַפאָרע וועגן „מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד" האָט מען געזען אַ מין אַמביגואיטעט, עפּעס אַ נישט־קלאָרקייט און ערגעץ־וואו־נישט־דערזאָגטקייט, וואָס איז אויסגע־טייטשט געוואָרן קעגן זיידן. „געווען אַ מאַן — האָט פּרץ געשריבן צום פינף־און־זיבעציקסטן יובל פון מענדעלען — וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד און זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך דאָס ראָד ביז אויף היינטיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונדזער ליטעראַטור און יעדער איינער פון אונדז, ביז דעם יונגסטן פון די יונגע, דרייט אָט דאָס ראָד".

פאַרגלייכן מענדעלען צום „ראָד־דערפינדער" (ווענס נאָמען די צייט האָט געקאָנט פאַרווישן פון מענטשלעכער געדעכעניש) האָט אַוודאי געהייסן: אונטערשטרייכן מענדעלעס געוואַלדיקע פאַרדינסטן, ווי דער גרונטלייגער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. צי האָט עס אָבער גלייכצייטיק ניט באַטייט: באַצייכענען מענדעלען בעיקר ווי באַשאַפער פון אינסטרומענט — פון שפּראַך — און נישט ווי באַשאַפער פון מייסטערווערק גופא, פון דוי־ערנדיקע ליטעראַרישע ווערק?

בנוגע קיין שום אַנדערן פון אונדזערע קלאַסיקער זיינען ניט געשטעלט געוואָרן אַזעלכע מינים כופר־בעיקר־שאלות. קעגן קיינעם האָט מען ניט אַזוי „רעוואָלטירט", אין ווידעראַנאַנד פון דורות. דאָס באַווייזט אָבער דווקא ווי טיף און אָרגאַניש עס איז די השפּעה פון מענדעלען נישט בלויז וואָס שייך שפּראַך, נאָר פיל מער נאָך, וואָס שייך סטיל.

דער שלום־עליכם־נוסח איז איין־און־איינציק, אַ יחיד במינו אין פולן זין פון וואָרט, ניט איבערצוחזרן און אַוודאי ניט איבערצושטייגן. ער באַ־שטראַלט אונדז מיט דער לויטערסטער פרייד און לייטזעליקייט, אָבער בלייבט ווי איינגעשלאָסן אין אייגענער שלימות.

ביי פּרצן האָט די יידישע ליטעראַטור אָן אַ שיר געלערנט, און לערנט

אויך ווייטער, אָבער בעיקר — תורה, ס׳הייסט דעם וואָס און פאַרוואָס, אָבער כמעט נישט דעם ווי־אַזוי. דעם נוסח־פּרק, וואָס איז איין גרויסע, פלאַמיקע סטיליזאַציע און צונויפשמעלץ פון פיל נוסחאות, קאָן מען בלויז אימיטירן.

מענדעלע, דער ערשטער, האָט געבראַכט אין דער יידישער ליטע־ראַטור דעם ווי־אַזוי. ער איז אונדזער ערשטער רבי פון יידישער שרייבעריי־מלאָכה, וואָס עס מיינט: די קונץ פון שאַפן קונסט — דורך ווערטער. מענדעלע האָט אונדז געלערנט ווי אַזוי אויסצוזוכן דאָס פּאַסיקסטע, דאָס ריכטיקסטע וואָרט, צווישן טויזנט און צען טויזנט, ווי אַזוי צו וועגן־און־מעסטן דאָס וואָרט, אַרומגלעטן עס, דערפילן דעם טעם און ריח פון יעדן וואָרט באַזונדער, ווי אַזוי אויסצוסדרן ווערטער, צונויפשטעלן זיי און דיסציפּלינירן, לויטן שרייבערס ווילן און פאַרמעסט. אין חדר־מענדעלע האָט אונדזער גאַנצע ליטעראַטור געלערנט — סטיל.

מען דאַרף פּרעציזירן: דער יידישער שרייבער איז געגאַנגען צו מענדעלען אין־דער־לער נישט בכדי אַראָפּצוכאַפּן פון אים זיין שניט (ער וואָלט דאָן קיין אמתער קינסטלער ניט געווען), נאָר בכדי צו דערגיין דעם סוד פון חכמת־שניט בכלל. דער נוסח־זיידע איז אַוודאי ניט דער נוסח־אייניקל. אַז אַך־און־ווי וואָלט געווען צו אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרבלייבט ביים סטיל פון איר קלאַסיק. אין דעם זין, האָט דער „רעוואָלט״ קעגן מענדעלען — פּונקט ווי דער רעוואָלט פון די „יונגע״ אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור — געטראָגן אין זיך די געזונטע שאַפערישע אַנטי־טעזע, וואָס איז דער גרונט־באַדינג פאַרווירקלעכן קינסטלערישן המשך. ס׳וואָלט אָבער געווען אומיושרדיק צו פאַרגעסן, אַז פון יעדן יידישן שריי־בער, ווי ער זאָל ניט ריידן און ווי ער זאָל ניט שרייבן, רעדט־אַרויס און שרייבט־אַרויס, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, — מענדעלע.

דער מייסטער פון שפּראַך און סטיל איז געווען אויך דער ערשטער, אין דער יידישער ליטעראַטור, מייסטער־אַרכיטעקט.

אויף זיין גאַנצן שאַפונג־וועג האָט מענדעלע ניט אויפגעהערט צו שטייערן זיך מיטן מלאך פון אַרכיטעקטאָניק. עס טרעפט אָפט ביי גרויסע שריפטשטעלער, אַז צאָלרייכע ווערק שטעלן פאַר מיט זיך פאַרשיידענע וואַריאַציעס אויף איין און דער זעלבער טעמע. דער זיידע איז ניט מיד געוואָרן צו שאַפן צאָלרייכע וואַריאַנטן פון איינע און די זעלבע ווערק. ער האָט זיך מיטן מלאך געשטייערט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אים בייגעקומען. דאָס ווערק האָט דאַן באַקומען זיין ענדגילטיקן פּנים, אויסגעהאַמערט און אויסגעשמידט לדורות. אַזוי איז אויפגעבויט געוואָרן דער מענדעלע־מאָ־נומענט, מיט פּרעסקן־מייסטערשטיק, וואָס האָבן פאַראייביקט אַ גאַנצע יידישע וועלט און אַ גאַנצן אָפּגעשלאָסענעם יידישן לעבן.

אויף אָט די פּרעסקן ליגט, נאַטירלעך, דער חותם פון זייער צייט. מענדעלעס וועלט איז ווייט אומגעהויער. עס טיילט זי אָפּ פון אונדז, סאָציאַל און פּסיכאָלאָגיש, נישט איין יאָרהונדערט, נאָר — מחמת דעם אומגעווענלעכן

היסטאָרישן קפיצת הדרך פון אונדזער פאָלק — ממש יאָרהונדערטער. דער פראַנצויזישער, דער ענגלישער, דער רוסישער לייענער פילט צווישן בילד פון זיינע זיידעס און זיך גופא אַ דיסטאַנץ פון דריי דורות, ענג פאַרבונ־דענע און באַטירלעך־געקייטלטע. דער הייַנטיקער יידישער לייענער דער־קענט אין מענדעלעס העלדן נישט עלטער־זיידעס, נאָר בפירוש אורעלטערן.

דער ענין פון היסטאָרישער פערספּעקטיוו איז נאָך וויכטיקער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ קינסטלער ווי מענדעלע, וואָס איז דער מאָלער נישט פון יחיד, נאָר פון דער עדה. דער געשיכטלעכער הינטערגרונט פון אַ טביה, צי אַ מנחם־מענדל קאָן אָפּטרעטן אַלץ טיפער אין דער פאַר־גאַנגענהייט, אָבער די העלדן ווערן אונדז צוליב דעם ניט ווייטער. אונטער אַנדערע באַדינגונגען און אַנדערש געקליידט, טרעפן מיר זיי כסדר, אין אונדז און אַרום אונדז. אַנדערש איז, ווען דער העלד פון ווערק איז דער יידישער כלל, ווי אַ גאַנצער, דער „נוסח גלופּסק" ווי אַזעלכער, אַט דער נוסח, וואָס מענדעלע האָט אים געהאַלטן שיר־ניט פאַר אַן אייביקן, אָבער וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן נאָך ביים לעבן פון זיידן.

ס׳איז אויך לסוף אמת, אַז נישט אַלץ ביי מענדעלען דערגייט צום הייַנטיקן לייענער. פיל פון זיינע זאַגעכישן, אַריינזאָגענישן און מליצה ווירקן זיך מער ניט אויס. איז אָבער פונקט דער זעלבער „צייט־אָפּקלויב" חל אויף דער קלאַסיק בכלל, ביי אַלע פעלקער. אויך וואָלטערן און דידראָ איז ניט מעגלעך צו לייענען הייַנט פון א׳ ביז ת׳, אויך דיקענסן איז שווער ביי־צוקומען. און ווער, אויסער ספּעציאַליסטן, לייענט הייַנט דעם פולן אָריגינאַל פון „דאָן־קיכאָט"?

מענדעלעס לייוונטן זיינען בלי ספק באַיאָרט און דורך־און־דורך צייט־קאָלאָריסטיש. ס׳איז אָבער גענוג אַ וואָרף צו טאָן אויף זיי אַ בליק בכדי פעסטצושטעלן, אַז זיי האָבן ניט פאַרלוירן אין דער מינדסטער מאָס די שטראַליקע לויכטנדיקייט פון זייערע פאַרבן, זייער לויטערן חן, זייער גאַנצן פּראַכט־און־גלאַנץ.

מענדעלע, דער ערשטער קינסטלער אין דער יידישער ליטעראַטור, דער וואונדערלעכער מאָלער פון גרויסע לייוונטן, הן אין שטייגער־בילד, הן אין פּייזאַזש און פּאָרטרעט, האָט אונדז איבערגעלאָזן עכטע, אויף אייביקייט־געבענטשטע מייסטערווערק.

***

אין „אָמר מענדעלע"־סימבאָל, האַרמאָנישער סינטעז פון אַלטער און נייער יידישקייט, איז פאַראַן נאָך אַ דריטער אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל: וועלט־ליטעראַטור. צוגלייך מיט ספרים אין דער הייליקער שפּראַך און מעשה־ביכלעך אויף פּראָסט עברי־טייטש, האָט דער זיידע פאַרלאָדן אין זיין ביידל אויך די וועלט־קלאַסיק, אין כלערליי לשונות.

נישט צום ערשטן מאָל האָט יידישע ליטעראַטור זיך צונויפגעטראָפן מיט וועלט־ליטעראַטור. אַדרבא, אין די עלטערע תקופות איז זי איר ממש

נאָכגעגאַנגען פּוס־טריט. די נאָענטקייט איז אָבער תמיד געווען אַ מעכאַני־שע, אַ ריין־אויסערלעכע.

אַמבולטסטן דערשיינט עס דווקא אויפן ביישפּיל פון דעם באַדייטנ־דיקסטן ווערק פון אונדזער עלטערער ליטעראַטור, אָנהייב זעכצנטן יאָר־הונדערט — דאָס „בבא־בוך" פון אליהו בחור (אליהו לעוויטא). דער מחבר, אַ קאַלירפולע רענעסאַנס־געשטאַלט, איז געווען צוגלייך דיכטער און וויסנשאַפטלער־פילאָלאָג, מחבר פון אַ העברעאישער גראַמאַטיק, העברע־איש־לערער ביי קאַרדינאַלן און אַמבאַסאַדאָרן און, פון צייט צו צייט, אויך וואַנדערנדיקער שפּילמאַן־פּאַרוויילער אויף נע־ונד.

ס׳איז קוים מעגלעך היינט זיך פאָרצושטעלן, ווי באַליבט און פאַר־שפּרייט עס איז, במשך פון פיל יאָרהונדערטער, געווען דאָס „בבא־בוך" — אַ יידישע באַאַרבעטונג (פון איטאַליעניש) פון אַ פּאָפּולערן מיטלאַלטערלעכן ריטער־ראָמאַן — היינט וואָלטן מיר געזאָגט: אַוואַנטורע־ראָמאַן — מיט וועלכן ס׳האָט זיך דאַן געקוויקט גאַנץ אייראָפּע. די יידישע פרוי, דער יידישער פאָלקס־מענטש, אין זייער אומגעשטילטן דורשט נאָך וועלטלעכקייט און פאַנטאַסטיק, זיינען ממש צוגעפאַלן צום בוך, וואָס איז געוואָרן איינס פון די באַליבטסטע ווערק ביי יידן און איז דערשינען אין צענדליקער און צענדליקער אויפלאַגעס. פון בבא (באָווע) — ראָמאַן איז, אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם, אַרויסגעקומען דער שם־דבר „אַ באָבע־מעשה", פאַר געשעעניש ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע.

און דאָך, ניט געקוקט אויף זיין געוואַלדיקער פּאָפּולערקייט און באַ־ליבטקייט, איז דער באַטייט פון „בבא־בוך", פּונקט ווי פון אַלע אַנדערע באַאַרבעטונגען פון דער אייראָפּעאישער מיטלאַלטערלעכער ריטער־ליטע־ראַטור, בלויז אַ קולטור־היסטאָרישער. דער פרעמדער מאָטיוו, וואָס איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן ריין־מעכאַניש, האָט קיין וואָרצלען נישט גע־שלאָגן.

מענדעלע, דער ערשטער, האָט די איינפלוסן פון דער וועלט־ליטעראַטור (און ער איז געווען אַ גלענצנדיקער קענער הן פון די רוסישע און ענגלישע רעאַליסטן, הן פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיק, שוין ניט ריידנדיק וועגן סערוואַנטעסן) אַריינגעוועבט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַריינגעפלאָכטן אויף אַן אָרגאַנישן אופן, ניט אָפּצושיידן און ניט אָפּצוטיילן. דאָס אויסער־לעכע איז געוואָרן נישט בלויז איבערגעגאָסן אין אַ צווייטער שפּראַך־כלי, נאָר צוגעאייגנט און פאַרדייט. מער נאָך, דער פרעמדער מאָטיוו איז געוואָרן אַזוי טיף פאַריידישט, אַז ער האָט באַקומען אַ יידיש־נאַציאָנאַלן קען־צייכן. אַזוי, למשל, איז „מסעות בנימין", אין דער פּוילישער איבערזעצונג פון 1883, דערשינען אונטערן נאָמען: „דער יידישער דאָן־קיכאָט".

מיט מענדעלען איז, צום ערשטן מאָל, אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ קינסטלער־רעאַליסט פון וועלט־פאַרנעם. מיט מענדעלען, צום ערשטן מאָל, איז די יידישע ליטעראַטור אַריינגעטראָטן באמת אין דער

וועלט־ליטעראַטור און געוואָרן, שוין אויף שטענדיק, אַן אינטעגראַלער טייל פון איר.

**
*

מייסטערשאַפט פון שפּראַך און סטיל, טיף־וואָרצלדיקע יידישקייט, וועלט־קולטור, אָבער צוגלייך — שליח־צבורדיקייט, גנזלשאַפטלעך־מאָ־ראַלישער אימפּעראַטיוו. דאָס איז געווען דער קאַטאַליזאַטאָר פונעם סינטעז. אָן דעם וואָלט קיין „אָמר מענדעלע״־סימבאָל ניט געווען. דער זיידע וואָלט פאַרבליבן בלויז קינסטלער, זיכער צווישן די גרעסטע ביי יידן, אָבער נישט גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

„בראשית איז געווען דאָס וואָרט״ פּראָקלאַמירט די מאָדערנע לינגוויס־טיק, דאָס וואָרט אין זיין טיפערן מהות גענומען, ווי דער שורש פון די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון קולטור, ווי דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון צווישן מענטשלעכן פאַרקער, הן באַוואוסטזיניקן, הן אונטערבאַוואוסטזיניקן. בלי ספק האָט דער מהות פון יידיש־וואָרט געהאַט זיין חלק אין דער אויס־קריסטאַליזירונג פון דער מענדעלע־געשטאַלט.

צו דעם אַלטן המבדיל צווישן דורותדיק־פאַרהייליקטער „אָמר״־קולטור און וועלטלעכער „ווייבער־און־פּולצלען״־טראַדיציע איז, פון אַרום אַכצענטן יאָרהונדערט אָן, צוגעקומען אַ נייער: שוין נישט בין קודש לחול, נאָר אינצווישן חול גופא. יידיש, וואָס האָט צוערשט געהאַט געהייסן „לשון אשכנז״ און דערנאָך „עברי־טייטש״ און שפּעטער „יידיש־טייטש״ און „לשוננו״, אונדזער שפּראַך, איז געוואָרן — „זשאַרגאָן״. ריידן יידיש האָט באַקומען אַ פּנים נישט פון ריידן, נאָר — פאַר די יאָהודים אין דייטשלאַנד — פון „מאַושלען״ און — פאַר די יאַהודים אין פּוילן — פון „שוואַרגאָט־שען״. אַפילו די משכילים אין רוסלאַנד האָבן פון „זשאַרגאָן״ זיך אָפּגע־קערט מיט ווידערווילן און צומאָל מיט האָס. דער בטול, די פאַראַכטונג און די שנאה צו דער שפּראַך איז נאַטירלעך אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויך אויפן פּשוטן פאָלקס־ייד, וואָס האָט גערעדט דווקא יידיש און נישט קיין דייטש און נישט קיין פּויליש און נישט קיין רוסיש. דער פּשוטער פאָלקס־ייד אָבער האָט דערויף געענטפערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן: „זשאַרגאָן״ איז פאַר אים געוואָרן „מאַמע־לשון״.

אויך ביי אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע זיינען די אויבערשטע־צענ־טויזנט (די דייטשע, למשל, צי די רוסישע) געווען אָפּגעפרעמדט, אין געוויסע תקופות, פון זייער פאָלקס־שפּראַך. יידיש אָבער איז, דוכט זיך, צווישן די גאָר זעלטענע, אויב נישט די איינציקע טאָקע שפּראַך, וואָס זאָל אַזוי דורות־און דורות־לאַנג, אַזוי ענג און אָרגאַניש זיין פאַרבונדן, ממש אידענ־טיפיצירן זיך מיט פאָלקישקייט. די איינציקע שפּראַך, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך דעם חותם נישט בלויז פון נאַציאָנאַלן גורל פון אַ פאָלק, נאָר גלייכ־צייטיק, און אפשר שאַרפער נאָך, דעם חותם פון סאָציאַלן גורל פון די ברייטסטע, אונטערדריקטע שיכטן פון דער פאָלק. יידיש, אַ שפּראַך אַ פאַריער — ביז אויף היינטיקן טאָג! — האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם

ווי־און־קרעכץ פון די אָממערסטן דערנידעריקטע צווישן אַלע דערנידעריק־טע, די טרערן פון די אָממערסטן באַעוולטע פון אַלע באַעוולטע, אָבער אויך זייער צאָרן, זייער ביטער־טראַציקן געלעכטער, זייער רעוואָלט און זייער אומגעבראָכענעם היסטאָרישן בטחון.

דאָס „פּאַרקנסן זיך אויף אייביק" צום מהות פון יידיש־וואָרט האָט דעם משכיל און בעל־הלשון שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש געבראַכט צום שורש גופא, צו די טיפסטע קוואַלן פון פאָלקישקייט און אים געגרויסט און אים דערהויבן צו מענדעלע דעם מוכר ספרים, אַ ייד פון פאָלק, וואָס איז געוואָרן דער בעל־פּנקס פון פאָלק און זיין פירזאָרגער און זיין לערער און זיין אייפעריקער מליץ־יושר. אַ שטרענגער לערער, אַ מוכיח און אַ שטראָפער, אָבער מיט ברענענדיקער ליבשאַפט אין האַרצן. אָט די ליבשאַפט פון קינסטלער האָט באַשטראַלט מיט וואונדערלעכן ליכט אַפילו די לייוונטן פון טונקלדיקסטן עלנט.

ביי די קוואַלן פון פאָלקישקייט באַקומט מענדעלעס ברויזנדיקער גע־זעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט זיין פולן תיקון. מיט אומגעהויערן מוט, פאַר יענע צייטן, לאָזט זיך דער זיידע אין אַ מלחמת מצווה קעגן אַלע קליינע מענטשעלעך, קעגן אַלע שיינע יידן, פיינע בריות און בעלי־טובות. ער איז דער צאָרנדיקער מאָנער פון גערעכטיקייט פאַר די „אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע נעבעך", פאַר אַלע אָרעמע פאַרקריפּלטע נשמות פונעם „נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן, אונטן אין די קעלערס". ער רייסט אַראָפּ אַלע צביעותדיקע שלייערן, ער דעקט אויף און צווינגט אָנצוקוקן אַלץ, וואָס איז פאַרשימלט און צעפוילט, ער איז געבערויז פון ערב־פרילינגדיקן אייז־גאַנג, מחמת ס'איז טאַקע וועסנע־צייט אויף דער יידישער גאַס, אָנזאָג פון רענעסאַנס, ערשטע טריט פון איינעם פון די מערקווירדיקסטע יאָרהונדערטער פון יידישער געשיכטע.

„אָמר מענדעלע"־סימבאָל איז שלימותדיקע האַרמאָניע צווישן מהות פון קינסטלער, מהות פון שפּראַך, פון פאָלק און פון צייט.

**
*

קוקן מיר אַרויף, מיט ליבשאַפט און מיט שטאָלץ, צו דעם מענדעלע־מאָנומענט, וואָס הייבט זיך הויך אַרויס פון אונדזער ליטעראַטור און קאָנען זיך ניט אָפּוואונדערן: ווי פריש און לויטער פינקלט נאָך ביים זיידן דער בליק פון אונטער די שפּאַקולן! ווי פּקחותדיק־שאַרף עס טרעפט נאָך אַלץ זיין וואָרט! ווי ווייניק איז דער גרייז־גרויער מאַן פאַרשטיינערט אינעם דענקמאָל־שטיין!

די שאלות, וואָס דער זיידע, דער גרויסער בעל־אחריות, האָט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פאַרגעבן — און קודם כל: „וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט נישט קיין נוצן זיין פאָלק?" — אָט די שאלות זיינען אַלץ נאָך אונדזערע אייגענע שאלות. און די וועגן, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, זיינען עד היום נאָך אונדזערע וועגן. געוויס

האָבן געקאָנט זיך ענדערן טראָט און ריטם און פאַרנעם און האַריזאָנט, אָבער דער דרך־המלך איז פאַרבליבן.

און נישט בלויז וואָס שייך אידעען, נאָר אויך וואָס שייך פאָרם, זעט אָפּטמאָל אויס דער אַלטער זיידע מער יונג און מער מאָדערן, ווי פיל פון זיינע יונגע אייניקלעך. מ'האָט לאַנג געהאַט פאַרגעוואָרפן מענדעלען חסרונות פון קאָמפּאָזיציע און טעכניק, אָבער דווקא אָט די כלומרשטע חסרונות ווערן היינט באַטראַכט ווי גרויסע מעלות. מענדעלעס נוסח פון אַ מעשה אין אַ מעשה, זיין אויסטערליש־געקייטלטע סיוזשעט־ליניע, זיין אינטעלעקטועלקייט, די צוצווייאיקטקייט פון מחבר — אין מוכר־ספרים מענדעלע און אין העלד פון דער דערציילונג — זיין כסדרדיקער אַריינמישן זיך מיט רעפלעקסיעס, וואָס עט, „ניט דאָס בין איך אויסן” — דאָס אַלץ געהערט היינט צו די סמני־מובהק פון דער סאַמע אַוואַנגאַרדיסטישער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור.

דער נאַציאָנאַל־אייגנאַרטיקסטער און צייטלעכסטער פון אונדזערע גרויסע אָבות איז געבליבן מערקווירדיק אַלמענטשלעך — און אַלצייטלעך־יונג.

דער ברענענדיקער דאָרן

צווישן די דריי גרויסע שריפטשטעלער אונדזערע, וואָס זיינען געקרוינט געוואָרן דורכן פאָלק ווי די גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, צווישן די דריי קלאַסיקער, וועמען דאָס פאָלק האָט אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ליבע און יראת־הכבוד, פאַרנעמט פּרץ אַן איינציק־אייגנאַרטיקן אָרט.

ס׳איז נישטאָ ביי אונדז קיין לעגענדע־מענדעלע, ס׳איז אויך נישטאָ קיין לעגענדע־שלום־עליכם. ס׳איז אָבער יאָ פאַראַן — און מען וואָלט געקאָנט זאָגן, עס שפּינט זיך אַלץ מער — די לעגענדע־פּרץ. און ווי אין יעדער לעגענדע, ווערט דער קערן, די אייגנטלעכע פּרץ־געשטאַלט, איינגעהילט אין כסדר נייע שלייערס פון זכרונות, טראַכטונגען און קאָמענטאַרן, שוין ראַנדיקע, זייטיק־צוגעקומענע, אַריינגעהאַפּטענע במשך פון יאָרן, פון יאָרצענדליקער, אָט במשך פון די צוויי דורות כמעט — פערציק יאָר — וואָס טיילן אונדז אָפּ פון פּרצעס טויט.

האָט זיך טאַקע באַקומען, אַז די פּרץ־לעגענדע, אין פּראָצעס פון אומאויפהערלעכער אויסברייטערונג און באַרייכערונג, איז ווייט אַריבערגעוואַקסן די גרענעצן פון פּרצן דעם יחיד און איז געוואָרן אַ לעגענדע וועגן אַ גאַנצער עפּאָכע, וועגן אַ גאַנצער וועלט, וועגן אַ גאַנצן פאַרגאַנגענעם לעבן. ס׳איז טאַקע די מעשה וועגן אַמאָל איז געווען אַ מלך... אָבער נישט בלויז דער מלך איז אין קאָן, ס׳איז אויך די מלכה און אויך דער ווייגאָרטן און אַרום זיי — די מיליאָנען פּוילישע יידן און די מיליאָנען יידן פון גאָר דער וועלט, וועמענס מלך פון גייסט עס איז געווען פּרץ.

פאַרוואָס האָט פּרץ זוכה געווען צו אַזאַ איינציק־אַרטיקן גורל אין אונדזער ליטעראַטור? צוליב זיין מאַכט און, גלייכצייטיק, צוליב זיין אָנמאַכט, צוליב זיין שטאַרקייט און — זיין שוואַכקייט.

דער זיידע, רב מענדעלע איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און בן־תורה, אַ ייד אַ פּקח, אָנגעפּילט מיט אַלטער, דורותדיקער יידישער חכמה, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. ס׳איז פאַראַן אַ מענדעלע בכתב און אַ מענדעלע בעל־פּה, אָבער ביידע האָבן זיך אויסגעלעבט, אין גרויס נחת און כבוד, אין די כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים. נישט בלויז ר׳ מענדעלע, נאָר טאַקע אויך שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש געפינט זיך פול און גאַנץ אין זיינע ווערק. ס׳איז נישט פאַרבליבן קיין שום ניט דערזאָגטעס, קיין שום סודות צו זוכן.

דאָס אייניקל שלום־עליכם האָט, אַלס קינסטלער, ווייט אַריבערגע־

שטיגן דעם דיכטער. ס'איז פונקט, ווי עס וואָלט אויפגעשלאָגן, אין אים און דורך אים, אַ פאַרבאָרגענער, דורותדיקער פאָלקס־קוואַל פון פריידיקער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, וואָס האָט געשטראָמט און געשטראָמט, מיט דער לויטערקייט, אומגעצוואונגענקייט און אומגעצוימטקייט פון אַן אמתן נאָטור־כח. אָבער שלום־עליכם, וועגן וועמען דער אַמעריקאַניש־יידישער שריפטשטעלער מייק גאָלד האָט לעצטנס געקאָנט זאָגן, מיט רעכט, אַז זיין, שלום־עליכמס, טאַלאַנט האָט באַדייטנדיק באַרייכערט די גאַנצע אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור, שלום־עליכם, וועלכער ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די אַממערסטן באַליבטע שרייבער אין דער גאַנצער סאָוועטישער לי־טעראַטור, ביי אַלע סאָוועטישע פעלקער, אָט דער געניאַלער קינסטלער שלום־עליכם שטייט באַדייטנדיק העכער פונעם קיעווער מיעשטשאַנין סאַ־לאָמאָן ראַבינאָוויטש. שלום־עליכמס ווערק זיינען מערער און גרעסער, ווי זייער מחבר.

פּרץ דאַגעגן איז אַן ערך מערער און גרעסער פאַר זיינע ווערק. ער האָט אין זיי קיין פולן תיקון נישט געפונען. די פּרץ־געשטאַלט שטייגט ווייט אַריבער די געזאַמלטע שריפטן פון יצחק־לייבוש פּרץ, זי שוועבט איבער זיי, אַלץ העכער און העכער — אויב נישט נאָך העכער...

עס קאָן אויסקוקן ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ס'איז פאָרט אַן אמת, אַז פּרץ, אָט דער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער פון יידישן וואָרט און יידישן סטיל, דער וואונדערלעכער קינסטלער איז, פון צייט צו צייט — כמעט אַ כבוד פּה, וואָס איז אומבאַהאָלפן אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט, דאָס גרויסע וואָרט, וואָס רייסט זיך אים אויף די ליפּן.

ס'איז באַקאַנט, ווי פּרץ פּלעגט, פול ווייטאָק, זיך ראַנגלען מיט די דראַמען זיינע און איז ווייט נישט אַלעמאָל פונעם קאַמף אַרויס מיט נצחון. פונקט אַזוי, אין תוך, נעמען מיר אויף אַ גרויסן טייל פון פּרצעס דיכטונג בלויז מחמת אונדזער גרענעצלאָזער פאַרערונג פאַר זייער מחבר.

ס'איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן פּרצעס פּילזשאַנערדיקייט, וועגן זיין כסדרדיקן וואַרפן זיך צו אַלץ נייע פאָרמען און סטילן. נאָמבערג האָט אָנגערופן פּרצן „דער געניאַלער אָנפאַנגער", אַנדערע ווידער ווילן זען אין אָט דער פּילזשאַנערדיקייט גראָד אַ ברכה, אַ סימן פון פּרצעס גאונות, פון דער אויסערגעוויינלעכער פּילזייטיקייט פון זיין טאַלאַנט. דער אמת זעט אויס צו זיין, אַז פּרץ, דער גייסטיקער ריז, פּרץ, די גרעסטע פּערזענלעכקייט אין אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט גע־זוכט כסדר נייע אויסדרוק־מיטלען, כדי צו געשטאַלטיקן אַלץ בעסער, אַלץ אַדעקוואַטער דעם גליענדיקן פּייער פון זיין נשמה. אַ גאַנץ לעבן האָט פּרץ זיך געראַנגלט מיט פאָרם און אָפט נעמט ער אונדז פאַר אַ שותף צום געראַנגל. פונקט ווי משה רבינו האָט צעבראָכן די לוחות, זעענדיק די אַנמאַכטיקייט פון געשריבענעם וואָרט, אַזוי פאַרוואַרפט אָפט פּרץ אינגאַנצן דאָס וואָרט און רעדט צו אונדז בלויז ווי גייסט צו גייסט, אַן קלאַנגען, אַן אותיות, בלויז מיט פינטעלעך, מיט די שורות באַרימטע פּרץ־פינטעלעך...

דער זיידע ר׳ מענדעלע האָט אויסגעמאָלט, אויסגעציקלט מיט זיין פּערלדיקן כתב, אַ וואונדערלעכן פּייזאַזש פון אַלטן יידישן לעבן — די שטעטל איז געווען אַ יידישע, די טאַקסע, די טאַרבע, די באָד און די בלאָטע, אַלץ כשר־יידישע. אַפילו די נאַטור אַרום האָט אויך געהאַט אַ יידישלעכן פּנים, פייגעלעך אויף די בוימער האָבן געדאַוונט מנחה און געזונגען, געציקלט זיך חזניש, שירה צום רבונו של עולם.

אין דעם דאַזיקן יידישלעכן פּייזאַזש האָט שלום־עליכם געגעבן אַ פלאַנץ איין מעכטיקע קינסטלערישע דעמבעס — אַ טביה, אַ מנחם־מענדל, אַ מאָטל פּייסיס — וואָס זייערע וואָרצלען גרייכן אויף יאָהונדערטער טיף־און־וויים אין פאָלקס־לעבן, דעמבעס אויפגעוואַקסענע לעולם ועד אין דער יידישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור.

און אָט איז געקומען פּרץ און דער אַלט־יידישער פּייזאַזש האָט פּלוצלונג אויפגעציטערט, ווי בעת אַ שטורעם־ווינט. דער פאַרשלאָפענער הימל איז צעריסן געוואָרן, פייערדיקע בליצן האָבן אים געשניטן אָן רחמנות, דונערן האָבן צעטרייסלט די דורותדיקע פאַרשטאַנענקייט, הינטער דעם ניידריקן שטעטלשן האָריזאָנט האָבן זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט שווינדלענדיקע באַרג־שפּיצן און אָן־סופיקע תהומען. פּרץ איז געקומען און האָט, מיט זיין גליענדיקן בליק, אַנגעצונדן די יידישע ליטעראַטור און אַליין זיך אָנגעצונדן און פאַרוואַנדלט זיך אין ברענענדיקן דאָרן פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור און פון אונדזער מאָדערנער יידישקייט בכלל.

ווייל איז דען פּרץ פאַר אונדז בלויז קינסטלער?! איז ער דען נישט גלייכצייטיק — מאָראַליסט, לערער, קעמפער, פאָלקס־פירער?! פּרץ וועקט און זוכט, פרעגט און פרעגט אָפּ, גראָבט אין דער טיף און רייסט זיך גלייכצייטיק צו די העכסטע הויכן. פּרצעס וואָרט איז שאַרף, ווי אַ חלף, זיין פאָרם איז קאָנצענטרירט און פאַרשפּיצט ביז גאָר. ער פאַרמאָגט די געשפּאַנטקייט און דעם צמצום פון העכסטער טראַגיק און במילא, פון טיפסטער גורלדיקייט.

נישט צופעליק דערשיינט אַזוי אָפט ביי פּרצן די וואָגשאָל פון שיקזאַל, וואו עס ווערט געוואויגן דער גורל פון יחיד און דער גורל פון דער וועלט. עס זעט דער אַלטער רב שלומה, פון דער „גאָלדענער קייט", ווי „עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג, פאַרן כסא הכבוד... וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג..." אָדער גאָר די וואָג פון די „דריי מתנות", פאַרן בית־דין של מעלה, וואָס אירע וואָגשאָלן „הייבן זיך פאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל די, אַמאָל יענע..." גראָד אָט דער גורל־שפּיל מאַכט אונדז פּרצן באַזונדערס נאָענט היינט, אין אונדזער גורלדיקער צייט, ווען פאַר אונדזערע אויגן ממש וויגט זיך דער שיקזאַל פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, פון אונדזער גאַנצער ציוויליזאַציע, וואָס איז באַדראָט פון אַסאַמישן מאָרד־משוגעת. דער ציטער פון פּרצעס גורל־וואָגשאָל, ווען ער שווינגלט זיך אין צאַפּלט, איז אונדז היינט נאָענטער ווי ווען נישט איז, ווייל אין אים דערפילן מיר דעם צאַפּל פון אונדזער אייגן האַרץ.

**
*

וואָס לערנט אונדז היינט, פערציק יאָר נאָך פרצעס טויט, דער אייביק ברענענדיקער דאָרן פון דער לעגענדע־פרץ?

ער לערנט אונדז קודם כל צו גרויסן און הייליק צו האַלטן די עבודה פון יידישער ליטעראַטור.

„פאַר אונדז — זאָגט פרץ — איז קונסט נישט שפּיל, קיין מיטל אָפּצו־טויטן די צייט, אָדער די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן (מערסטנטייל: אויסצוזינדיקן) אויסער די גרענעצן פון לעבן, אָדער אין דער זייט פון לעבן... ביי אונדז איז דאָס „וואָרט" הייליק. נישט פאַר אונדז איז „קונסט צוליב קונסט" — נישט קיין שפּיל איז דאָס וואָרט!"

ליטעראַטור איז שליחות, גרויסע פאָלקס־שליחות, וואָס פאָדערט אחריות און יראת־הכבוד. דער שרייבער איז דער שליח־ציבור, וואָס רעדט אין נאָמען פון פאָלק; קומט דעם פאָלק פון אים חשבון.

נישט קונסט לשם קונסט, נאָר קונסט לשם פאָלק — די לעגענדע־פרץ ברענגט אונדז דעם שענסטן, דעם פולסטן ביישפּיל פון לעבעדיקן בונד צווישן פאָלק און שרייבער. קיין שום אַנדערער, אין דער יידישער ליטע־ראַטור, האָט נישט אַזוי שטאַרק און טיף באַווירקט און איז אַליין באַווירקט געוואָרן, ווי פרץ; קיינער האָט נישט געהאַט די זכיה אויפצואוועקן אַזאַ קוואַל פון געוואַלדיקער ליבשאַפט, פון באַגייסטערונג, פון התלהבות, ווי פרץ.

ביי דעם פלאַם פון ליבשאַפט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם מיליאָניקן פאָלק צום גרויסן שרייבער, אָט ביי דעם פלאַם, וואָס האָט געשאַפן די גע־בענטשטע טעמפּעראַטור פאַר דער זיך פונאַנדערוואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור — ביי אים וואַרעמען מיר זיך, מיט בענקשאַפט און טרייסט, נאָך היינט, ווען סיי אונדזער ליטעראַרישער בוים, סיי אונדזער פאָלקס־סובסטאַנץ זיינען אַזוי טראַגיש פאַרמינערט געוואָרן.

פונעם גליענדיקן פרץ־דאָרן טראָגט זיך דער שטאָלצער רוף צום יידישן שרייבער: „לאָמיר נביאים, פירער ווערן!" אָבער נביאים — פון אמת! פירער — צום ליכטיקן מאָרגן! מעגלעך איז עס בלויז דאַן, ווען דער שרייבער באַהעפט זיך מיט די אויפגייענדיקע פאָלקס־כחות, וואָס זיינען די געשיכטלעכע טרעגער פון צוקונפט. אויך דאָס לערנט אונדז די לעגענדע וועגן ברענענדיקן דאָרן.

דער ערשטער צווישן אונדזערע קלאַסיקער, האָט פרץ געפונען דעם וועג צו די יונגע, אויפוואַכנדיקע כוחות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווען ס'איז באַשערט געווען צו ווערן דער איבערבויער און באַנייער פון יידישן לעבן. דער ערשטער האָט פרץ דערפילט דעם באַטייט און דעם זינען פון דער געזעלשאַפטלעכער איבערגעשטאַלטיקונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיינע אויגן. פרץ האָט מיטן גאַנצן אימפּעט זיך אַריינגעוואָרפן אינעם מעכטיקן שטראָם, וואָס האָט געשטורעמט און געברויזט אַרום אים. פון זיין פלאַמענדיקן וואָרט, פון זיין פייערדיקן אָטעם, איז דעם שטראָם נאָך הייסער און ברויזנדיקער געוואָרן און ער גופא, פרץ, אַ צעגליטער און

פאַרשכורטער פון קאַמף, אַ באַרוישטער פון דער שפע פרילינגדיקע כוחות, וואָס האָבן געשפּרודלט פון אַלע זייטן — ער איז דורך דעם שטראָם באַ־נייט און געגרויסט געוואָרן, ער איז דורך אים געטראָגן און דערטראָגן געוואָרן אין דער צוקונפט אַריין.

אויך פאַר פּרצן איז דער יידישער אַרבעטס־מענטש געקומען צום אויסדרוק אין אונדזער ליטעראַטור. נישט בלויז ביי שלום־עליכמען און מענדעלען, נאָר אויך ביי די עלטערע יידישע שריפטשטעלער פון סוף אַכצנטן און ערשטער העלפט ניינצנטן יאָרהונדערט, דערשיינען יידישע האַרעפּאַשניקעס, בעלי־מלאכות, משרתים און ס׳צעקלינגט זיך אָפט דער לוסטיקער, טראַציקער געלעכטער פון קליינשטעטלדיקן פּועל, פון „עמך שער־און־אייזן". אָבער פּרץ האָט, דער ערשטער, דערזען דעם יידישן פּראָלעטאַריער און תכף דערזען אים אין דער גרויסער ליכט פון זיין היסטאָרישן גורל.

פּרץ האָט דערבליקט דעם יידישן פּראָלעטאַריער ווען די יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, ווען עס האָט ערשט זיך אָנגעהויבן אויסצופּיקן דאָס פּראָלעטאַרישע באַוואוסטזיין. פּרץ האָט דערפילט דעם יידישן פּראָלעטאַריער, ווען דער יידישער פּראָלעטאַריער האָט נאָך זיך אַליין נישט געהאַט דערפילט און באַנומען, ווען ער האָט בלויז, ווי באָנטשע־שוויַיג, געליטן און געשוויגן, נישט ווויסנדיק אַפילו, אַז ער קאָן שרייען און אַז פון זיין געשריי „קענען יריחוס מויערן ציטערן און איינפאַלן".

האָבן אָן אָפּן אויג פאַר היסטאָרישע פּראָצעסן, אויפנעמען סיי די לי־טעראַטור, סיי דאָס לעבן אין כסדרדיקער געשיכטלעכער פאַרענדערונג און געשטאַלטיקונג (מיר וואָלטן היינט געזאָגט דיאַלעקטיש) — דאָס לערנט אונדז אויך י. ל. פּרץ. און דערמיט שטייט ער, פון אונדזערע אַלע קלאַסי־קער, אַמנאָענטסטן צום מאָדערנעם אַרט דענקען.

דער זיידע ר׳ מענדעלע האָט אונטערגעצייגן אַ קינסטלערישן סך־הכּל פון אַ תקופה אַ פאַרענדיקטער, פון אַ לעבן אַ געזעלשאַפטלעך־אָפּגעשלאָ־סענעם. ס׳איז געווען ווי אַן אונטערשטע שורה, פון וועלכער עס האָט זיך נישט געעפנט קיין שום היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דורות גייען, דורות קומען, אָבער דאָס פּערמאַנענטע, פאַר מענדעלען, שיער־ניט דאָס אייביקע איז — די יידישע טאָרבע.

ביי שלום־עליכמען זיינען די דאַמבעס פון מיטלאַלטערלעכער, פאַר־גליווערטער יידישקייט שוין אויפגעריסן. דאָס יידיש לעבן ברעכט זיך, ענדערט זיך כסדר, זוכט וויטאָקדיק נייע פאָרמען. שלום־עליכמס העלדן ווערן אַרויסגעריסן פון זייער אַלטער דורותדיקער סביבה, ווי דורך אַ ווירבל־זייל. זיי ווערן געטראָגן דורך אַ בלינדער סטיכיע, וואָס נישט זיי, די העלדן גופא, און נישט זייער באַשאַפער, האָבן נישט קלאָר באַנומען איר ריכטונג און איר זין.

דעם פאַרוואָס און דעם וואוהין האָט, דער ערשטער, דערזען פּרץ. און

אויך — די געזעצן פון די געשיכטלעכע פּאַרענדערונגען, הן אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, הן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און דער קולטור בכלל.

אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1913 וועגן שלום־עליכמען, זאָגט פּרץ: „די קולטור — אַן אַלטע געביידע, האַלט שטענדיק אין איבער־געבויט ווערן... קראַצט איינער, און אָפּט אַ געשלעכט, דעם שימל פון מויערן און ווענט, באַזייטיקט איינער דאָס פוילע, דאָס קראַנקע... אַ צוויי־טער — גאַנץ אָפּט אַ דור — קנעט ליים, נאָך אים אַ צווייט געשלעכט ברענגט ציגל"... דער פּראָצעס פון איבערבויאונג און באַנייאונג איז אויף אַן אומאַבדינגטן אופן כולל אין זיך דאָס אויפרייסן פונעם אָפּגעלעבטן, דאָס באַזייטיקן פון אַלדאָס פוילע און היסטאָריש־קראַנקע. ס'איז נישט מעגלעך קיין באַנייאונג, אָן שאַרפן קאַמף קעגן אַלטן. און פּרץ האָט, דרייסט און אומדערשראָקן אויפגעהויבן די פאָן פונעם דאָזיקן קאַמף, וואָס ווערט, אין די געענדערטע באַדינגונגען פון אונדזער צייט, פאָרגעזעצט דורך דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור.

באַנייען די יידישע ליטעראַטור האָט פּרץ זיך גענומען קודם כל מיט דער הילף פון דער וועלט־ליטעראַטור. מיט דעם טייל ער זיך ווידער אויס פון אַלע זיינע פאָרגייער און מיטצייטלער. געוויס זיינען ס'רוב יידישע שריפטשטעלער געשטאַנען, יעדער אויף זיין אופן און לויט זיין קינסטלע־רישן טעמפּעראַמענט, אונטערן דירעקטן אָדער אומדירעקטן איינפלוס פון אַזאַ אָדער אַנדער שיטה, פון אַזאַ אַנדער פאָרשטייער פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַזאַ דערשיינונג, וואָס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע ליטעראַטורן, איז באַזונדערס פאַרשטענדלעך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס אירע שרייבער, אַפילו אין די צייטן ווען זיי זיינען, צוליב די פאַרשיידנאַרטיקסטע יידן־פאַרפאָלגונגען, געווען אָפּ־געריסן פונעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד, האָבן אָבער תמיד זיך געפונען אונטער אַ געוויסער השפּעה פון דער לאַנד־ליטעראַטור. אַזוי איז למשל גוט באַקאַנט די טיפע השפּעה, וואָס עס האָבן געהאַט אויף מענדעלען די רוסישע „אויפקלערער" און גאָר באַזונדערס די גרויסע רוסישע רעאַליסטן. דאָס אָבער וואָס איז געווען בלויז אינדיווידועלער, אָפּט אַפילו כמעט אונ־טערבאַוואוסטזיניקער, שאַפערישער פּראָצעס, איז ביי פּרצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלאָרער, צילגעווענדטער, קינסטלערישער פּלאַטפאָרם — אין פּראָגראַם פון „אויפרייסן אַ פענצטער אין אייראָפּע אַריין".

„נישט לופטיק איז אונדזער שטוב געווען — שרייבט פּרץ אין זיין אַרטיקל וועגן דער יידישער ליטעראַטור — אַ פענצטער אין אייראָפּע אַריין אויפרייסן האָט מען געמוזט: נייע קולטור־ווערטן ווערן באַשאַפן, עוואָלוציאָנערע פאָרשריט־מאָמענטן זיינען מעגלעך נאָר ביים צוזאַמענ־טרעפן זיך פון פאַרשיידענע קולטורן, פון פאַרשיידענע, אָבער גלייכבאַרעכ־טיקטע. דעמאָלט קומט צו אַ קעגנזייטיקן איינפלוס, צו אַ קעגנזייטיקע באַפרוכפערונג און ביידע פּראָגרעסירן".

פּרץ צעעפּנט ברייט די פּענצטער פון דער יידישער ליטעראַטור. נישט בלויז נעמט ער אויף, צופעליק און פּאַסיוו, די באַווירקונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר ער זוכט און באַמיט זיך איינזאַפּן די בעסטע טראַדיציעס פון דער רוסישער, פּוילישער, דייטשישער און פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער זאַפּט זיי איין און פאַרדייט זיי אויף אייגענעם פּרצישן אופן, ער שמעלצט זיי צוזאַמען ביי דער גליענדיקער טעמפּעראַטור פון זיין שאַפערישער לאַבאָראַטאָריע.

דאָס ווענדן זיך צו די אוצרות פון דער וועלט־קולטור איז ביי פּרצן אָן אויסדרוק נישט פון עפּעס אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, נאָר, קאַפּויער, פון טיפן גלויבן אין דער פול־און־הויכווערטיקייט פון דער יידישער קולטור, וועלכע איז מסוגל, פּונקט ווי די פאָלקס־קולטורן פון אַלע אומות העולם, אויפצונעמען און שאַפעריש פאַרדייען די פאַרשיידנסטע פרעמדע בייטראָגן. דער וועג צו וואוקס און פאַרטיפונג, אין די באַדינגונגען פון מאָדערנעם לעבן, פירט בלויז דורך ברייטן, צווישן־פעלקערלעכן גייסטיקן פאַרקער דורך אויסטויש פון אידייען, געדאַנקען און דערפאַרונגען. „קולטור־קרייציקונג, פראָקלאַמירט פּרץ, איז די איינציקע מעגלעכקייט פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג". און ער וואָרנט הויך: „געטאָ איז אימפּאָטענץ!". די דאָזיקע וואָרענונג טראָגט זיך, ביז אויף היינטיקן טאָג, ווי אַ רוף פונעם ברענענדיקן דאָרן, און קלינגט נאָך העכער, נאָך דעצידירטער אין פּנים פון די כלערליי געטאָ־אימפּאָטענטן פון אונדזער ליטעראַטור.

דער ענין קולטור־קרייציקונג שטעלט אַוועק, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אַ צווייטן ענין — דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער פאָרם, פון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט אין דער ליטעראַטור. „נעמען און זיך נישט פאַרלירן — זאָגט פּרץ — דאָס איז די הויפּט־זאַך און דאָס איז דאָס שווערסטע ביי שוואַכע און נישט זעלבסשטענדיקע פעלקער. פון יידישן שרייבער מוז מען דערווערבער מער פאַרלאַנגען. דאָ איז אייגנאַרט — ווירקלעכער כאַראַקטער; די אָריגינעלע פאָרם — די העכסטע פאָרם פון ווילנסקראַפט".

דאָס אויפהאַלטן און אַנטוויקלען די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע פאָרם פאָדערט פריער פאַר אַלץ אַ טיפן און קלאָרן באַוואוסטזיין פון אייגענעם פאָלקס־מהות, פונעם מהות פון דער אייגענער פאָלקס־קולטור, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן במשך פון לאַנגע דורות. „נישט נאָר אַ מענטש, חזרט פּרץ, נאָר אויך אַ פאָלק דאַרף האָבן זכרון". דורכן פאָלקס־זכרון פּרוּווט ער געפינען אַ תשובה אויף דער פראַגע, וואָס מאַטערט אים און וואָס גייט דורך ווי אַ לייט־מאָטיוו דורך זיין גאַנצן שאַפן: „מיט וואָס זיינען מיר אויף דער וועלט געקומען? וואָס ווילן מיר? וועלכן קולטור־פאָדים שפּינען מיר אין וועלט־געוועב אַריין? וואָס איז אונדזער טאָן אין דער וועלט־האַרמאָניע? וואָס וועט פעלן, אַז מיר וועלן פעלן?"

דעם אויסגאַנג־פּונקט פונעם קולטור־פאָדים, וואָס דאָס יידיש פאָלק האָט אַריינגעשפּונען אין וועלט־געוועב, דעם גרונט־קלאַנג, וואָס באַשטימט אונדזער טאָן אין דער וועלט־האַרמאָניע, זעט פּרץ — אין די נביאים. דאָס

הויכע עטישע געזעץ, דער קאַמף פאַר יושר און צדק, די אידעאַלן פון מענטשנליבע, דאָס באַחרית־הימימדיקע איבערשמידן פון שווערד אין אַקעראייזן, אָט די וואונדערלעכע וויזיע פון אייביקן שלום צווישן מענטשן און פעלקער — דאָס איז דער עלטסטער, גרונטיקסטער שיכט, וואָס שיינט אַרויס מיט אַ בלענדנדיקן ליכט פון די טיפענישן פון פאָלקס־זכרון. מיט דעם דאָזיקן ליכט הערט פּרץ נישט אויף זיך צו באַגייסטערן, פון אים זיך צו אינספּירירן.

פּרץ טויכט ווייטער אין פאָלקס־זכרון און, איבערן ערשטן גרונט־שיכט, אַנטדעקט ער אַלץ נייע שיכטן — וואונדערלעכע איידלשטיינער, אוצרות פון נשמהדיקער דערהויבנקייט, פון גלויבן, פון קידוש־השם. מיט די דאָזיקע איידלשטיינער בויט ער אויף אַ נייעם פאָלקס־עפּאָס און עס אַנטשטייען די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס געהערן צו די פּערלען פון דער יידישער ליטעראַטור און בלי ספק אויך — פון דער וועלט־ליטעראַטור.

וואָס און וועמען באַזינגט פּרצעס פאָלק־עפּאָס? נישט קיין העלדנ־טאָטן פון בעלי־מלחמה, נישט די שכרות פון נצחון אויפן שלאַכטפעלד, נישט קיין מאָרד, נישט קיין בלוט. ער באַזינגט דעם גוסס נחמנקע פון זבאראזש, וואָס האָט „קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט, נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע פאַרמאַטערטע"...

ער באַזינגט די שטאָלצע יידישע טאָכטער פון מיטלאַלטערלעכן דייטש־לאַנד, וועמענס פלאַמענדיקע מענטשן־ווערדע און אמונה עס פירן זי צו קדוש־השם. און אויך — אַ צווייטע יידישע טאָכטער, פון אַמאָליקן צפת, וואָס איר מסירת־נפשדיקע ליבע איז גובר אַלץ, אַפילו דעם טויט.

ער באַזינגט דעם אָרעמען טרעגער טוביהן, מיט זיין גרויס און ערלעך האַרץ, טוביהן וועלכער האָלט פאַר זיין אייגנס בלויז דאָס, וואָס ער פאַר־דינט מיט זיינע צען פינגער, מחמת „אַזוינע עשירות, וואָס קומט אָן שווייס און אומגעזוכט — במשך פון די זיבן גוטע יאָר — איז נאָר פקדון... פאַר אָרעמע לייט וועגן..."

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען איין וואונדערלעך געזאַנג פאַר דער נשמהדיקער גרויסקייט, פאַר דער דערהויבנקייט און ברידערלעכ־קייט פון פשוטן פאָלקס־מענטש, פאַר ליבע צום מענטשן און ליבע צום פאָלק. זיי געהערן צו די שענסטע מוסטערן פון עכטן הומאַניזם אין דער יידישער קולטור. און אָט דעם הומאַניזם לערנען מיר, ביז היינט צו טאָג, ביי דעם אייביק־ברענענדיקן דאָרן פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

צוזאַמען מיט די גייסטיקע אוצרות פון די ווייט־פאַרגאַנגענע דורות, האָט פּרץ איינגעזאַמלט אויך דאָס מענטשלעך־דערהויבענע פון דער חסידישער באַוועגונג. דער יידישער אַרבעטער איז לכתחילה געווען אומאָנגענעם איבערראַשט פון פּרצעס באַזינגען דעם חסידיזם. מען האָט זיך אָבער שנעל געכאַפּט, אַז מיט די חסידישע דערציילונגען האָט פּרץ

אויפגעריסן אַ פּאַרטריקנטע שאָל, כּדי צו דערקלייבן זיך צו אַ טיף־מענטשלעכן, פּראָגרעסיוון קערן, וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס האָט אַריינגענומען אַלס טייל פון זיין קולטור־ירושה. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די העראָאישע געשטאַלט פון רב שלומהן, פון דער „גאָלדענער קייט" איז געוואָרן באַזונדערס נאָענט און אייגן דער יונגער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. רב שלומהס אויסגעשריי: „אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!", האָט אָפּגעקלונגען אין די סאַמע טיפעניש פון יידישן לעבן ווי אַ סינטעז פון אַלטן יידישן גאולה־טרוים מיט די בייסטע קאַמפס־לאָזונגען פון אונדזער צייט.

מער נאָך: די פלאַמענדיקע ווערטער פונעם גרייז־גראָען חסידישן רבין וועגן די „גרויסע, גרויסע יידן", וועגן די „שבת־יום־טובדיקע יידן", זיינען געוואָרן, אויף אַ מערקווירדיקן אופן, שיער־ניט אַ מין דערקענצייכן און אַ פּאַראָל פון אַ גאַנצן דור רעוואָלוציאָנערער יוגנט. מיט פּרצעס־רב־שלומהס ווערטער זיינען געגאַנגען צום קאַמף יידישע יוגנטלעכע פון באַטווין־אָפּטיילונג, בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע. מיט פּרצעס־רב־שלומהס ווערטער אין זכרון, האָבן נקמה גענומען אין שונא יידישע פּאַרטיזאַנער און אונטערערדלער בעת דער לעצטער מלחמה. און זיכער האָבן די זעלבע ווערטער פייערדיק געגליט אין די הערצער פון די געטאָ־אויפשטענדלער, צווישן די פלאַמען פון די קעמפנדיקע געטאָס פון וואַרשע, ווילנע און ביאַליסטאָק.

פּרץ, דער באַזינגער פון העראָאישן נעכטן איז אויך דער אַנזאָגער פונעם גרויסן מאָרגן. ער זעט גוט: „גייט אַ נייער משיח: דער פּראָלעטאַריאַט! ער גייט אין מלחמה אַריין, מיר גייען מיט! מיר מוזן מיטמאַכן אַלע וועלט־פּראָצעסן, מיטהעלפן יעדער באַפרייאונג, בפרט דער, וואָס איז אונדז אַזוי היימיש, וואָס קומט אונדז פאַר אַזוי ביבליש — אונדזער"... קיינער פון די דעמאָלטיקע יידישע שריפטשטעלער האָט נישט אַזוי טיף באַנומען, ווי פּרץ, דעם ענגן שייכות צווישן די „אַלע וועלט־פּראָצעסן" און די יידישע פאָלקס־מאַסן, אָט די גורל־געמיינשאַפט צווישן יידישן פאָלק און דער אַרומיקער וועלט.

אָט דאָס געפיל פון גורל־געמיינשאַפט איז אַמבולטסטן געקומען ביי פּרצן צום אויסדרוק אין זיין באַציאונג צום פּוילישן פאָלק. בעת עס איז פונאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן, איבערן גאַנצן לאַנד, די ווילדעסטע העצע פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, שרייבט פּרץ: „איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז נישט פּוילן רעדט, אַז דעם בעסטן, ערלעכסטן טייל פון פּוילן האָט מען דאָס מויל מיט דער פויסט פאַרמאַכט, אַז פריי ריידן רעדט נאָר דער פּוילישער ענדעק". און ווייטער: „אונדזער באַציאונג צום פּוילישן פאָלק איז אַ לאָיאַלע, טרייע און ליבע... מיר זיינען מיטן פּוילישן פאָלק סאָלידאַר אויף דער גאַנצער באַפרייאונג־ליניע"...

דאָס סאָלידאַריזירן זיך מיט „דעם בעסטן ערלעכסטן טייל פון פּוילן" ברענגט ביי פּרצן אַרויס ווערטער ממש נביאישע: „פּריץ־לעב — שרייבט

ער — מיין אײנציקער טרייסט איז, אַז אין דעם פּוילן, וואָס איז דיין, האָט אויסער מיר, וואָס אַרבעט און האַנדלט אין שטאָט, אויך דער פּויער, וואָס אַקערט און זייט דאָס פעלד אין דאָרף, אויך קיין חלק נישט. וואָס אין דער קולטור, וואָס דו באַשאַפסט, האָבן, אויסער מיר, קיין חלק אויך נישט די אַלע, וואָס פּילן און דענקען מענטשלעך, נישט פּריציש! איך ווייס אויך, אַז אין דעם פּוילן, וואָס וועט קומען, וועל איך יאָ אַ חלק האָבן. דער מענטשלעך־דענקענדיקער מענטש, דער פּויער, דער אַרבעטער און איך".

דאָס לערנט אונדז פּרץ — דער ברענענדיקער דאָרן. איז עס אָבער — דער גאַנצער פּרץ? זיכער ניין.

מען טאָר נישט פאַרגעסן: דער פאָטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַ קינד פון זיין דור און פון זיין צייט. אינעם קאַמף פאַר דער באַנייאונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון ייִדישן לעבן, איז פּרץ געווען דער ברוויזנדיקסטער אפשר, דער אימפּעטיקסטער און מעכטיקסטער פון אַלע צוים־ברעכער. אָבער דעם מאָרגן האָט ער בלויז פאַרגעפילט, אָרגאַניש איינצוגלידערן זיך אין די באַפרייאונג־כוחות האָט ער נישט באַוויזן. עס שפּיגלען זיך אָפּ אין אים אַלע סתירות, אַלע ווידעראַנאַנדן פון זיין תקופה און דערפון נעמט זיך ביי אים טראַגישע צעשפּאָלטנקייט.

אין שווערע טעג פון רעאַקציע ווערט פּרץ אַנטמוטיקט און פאַרלוירן, ער האָט מאָמענטן פון אומגלויבן, פון יאוש אַפילו, ס׳דערוועקט זיך אין אים דער „אייביקער וואַנדערער", וואָס פאַרנעמט זיך אויף וועגן פון אויסוועגלאָזיקייט. דאָס זיינען אָבער בלויז פאַרביייגייענדיקע שטימונגען, מאָמענטן פון שוואַכקייט, פון מידקייט — מענטשלעך־פאַרשטענדלעכע — וואָס זיינען בשום אופן ניט ביכולת נישט צו מינערן די אָדלער־הויך פון פּרץ־גייסט, נישט צו פאַרשאָטענען דאָס אומשטערבלעכע ליכט פונעם ברענענדיקן דאָרן.

מען טאָר ניט זען פּרצן אין דער בחינה פון קליינקייט, פון עלנט און דערשלאָגנקייט. דער אמתער פּרץ איז נישט דאָ.

דער אמתער פּרץ איז אין אָט דעם שטאָלצן רוף, וואָס קלינגט ווי אַ שבועה: „קיין שום אומגליק: די ערגסטע גזירות, די שטאַרקסטע פּאָגראָמען, נויט, הונגער, שאַנד און שפּאָט — דאָס אַלץ איז נישט קיין באַרעכטיקונג פאַר רעאַקציע! ...איך בין געשטאַנען און רעכן ביזן לעצטן אָטעמצוג צו שטיין אין די רייען פון פאַרשריטלעכן ייִדישן געדאַנק".

דער אמתער פּרץ איז — אין ברענענדיקן דאָרן, אינעם בלענדנדיקן ליכט, פון וועלכן עס טראָגט זיך דאָס אומשטערבלעך געזאַנג וועגן ליבע צום מענטש, צום פאָלק און צו וועלט, דאָס אומשטערבלעך געזאַנג פון האָפענונג און גלויבן.

1955

דאָס געלעכטער פון אַ ייד אַ פשוטן

דאָ ליגט אַ ייד אַ פשוטער
געשריבן יידיש־טייטש פאַר ווייבער
און פאַרן פראָסטן פאָלק האָט ער
געווען אַ הומאָריסט אַ שרייבער
(פון אויפשריפט אויף דער מצבה פון שלום־עליכם)

ס'האָט געזאָגט אַ דייטשער דענקער: „דוכט מיר, איך ווייס פאַרוואָס בלויז דער מענטש קאָן לאַכן; בלויז ער ליידט אַזוי מוראדיק, אַז ער האָט געמוזט אַנטדעקן דאָס געלעכטער".

דאָס וואָס איז חל אויף מענטש, איז חל נאַטירלעך אויף מענטשלעכער געמיינשאַפט, אויף פאָלק. יעדעס פאָלק לאַכט, אָבער מיט זיין באַזונדערן, אייגנאַרטיקן געלעכטער. דאָס ספּעציפישע פון אָט דעם געלעכטער, זיינע אייגנטימלעכע ניואַנסן און אונטערטענער, זיין קאָליר, אויסקלאַנג און פאַרנעם, זיינען אַ רעזולטאַט פונעם געשיכטלעכן גורל פון פאָלק.

דאָס יידישע פאָלק האָט, במשך פון זיין טויזנטער־יאָריקן גאַנג אויף דער ערד, זיך דערוואָרבן דעם טראַגישן כבוד צו געהערן צו די, וואָס האָבן אַממוראדיקסטן געליטן. האָט עס דעריבער געמוזט אַנטדעקן, טאַקע בכדי אָנצוהאַלטן זיין געשיכטלעכן טראָט, אַ געלעכטער פון אַ באַזונדער מין — אַ געלעכטער דורך טרערן און בלוט.

דאָס איז אייגנטלעך דאָס געלעכטער פון שלום־עליכם.

שלום־עליכם לאַכט נישט ווי אַ יחיד. ער טראַכט נישט אויס, קליגלט זיך נישט, ווינקט נישט צו, פאַרשפיצט נישט און העלפט זיך נישט אַרויס מיט געקינצלטקייט. אין די טיפענישן פון פאָלקס־לעבן האָט, במשך פון דורות, געריזלט, ווי אַן אונטערערדישער שטראָם, ווי אַן אונטערערדישער וואַסער־שטח, וואָס באַפּרוכפּערט, אָבער בלייבט אומגעזען, דאָס אומגעצוימטע געלעכטער פון פאָלק. שלום־עליכם האָט, אין דעם גרויען און שטייניקן באָדן פון יידישער טאָג־טעגלעכקייט, אויפגעהאַקט אַ קוואַל און דער שטראָם האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפלאַך און אַ פלייץ געגעבן און זיך אַ הייב געטאָן אין דער הויך און געגומען שפּילן אויף דער זון מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. דורך שלום־עליכמען האָט זיך צעקלונגען איבער גאָר דער וועלט דאָס דורותדיקע געלעכטער פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

ס'איז די העכסטע בחינה פון אַ קינסטלער, ווען ער איז זוכה צו אַנטפּלעקן טיף־פאַרבאָרגענע אוצרות אין דער נשמה פון זיין פאָלק. צו אַזאַ

בחינה דערגייען בלויז די גרעסטע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור. צווישן זיי געפינט זיך אויך שלום־עליכם. דאָס איז דער וועג וואָס פירט דעם גאון, דורך פאָלק און צייט — צו אוניווערסאַלקייט און אייביקייט.

*****

אין פעברואַר 1916, צוויי חדשים פאַר זיין טויט, האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אַ ווידמונג צו די דאַן־דערשינענע ערשטע צוויי בענדער פון זיין שוין נישט־פאַרענדיקטער אויטאָביאָגראַפיע „פונעם יאַריד", וועלכע דער מחבר האָט באַטראַכט ווי דאָס ווערק פון זיינע ווערק, דאָס בוך פון זיינע ביכער, דער שיר־השירים פון זיין נשמה. די ווידמונג איז — פאַר זיינע קינדער און שלום־עליכם בעט זיי: „לייענט דאָס פון צייט צו צייט, אפשר וועט איר אָדער אייערע קינדער דערפון עפּעס לערנען — ווי אַזוי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער ערד".

ליבע צום פאָלק, דרך־ארץ פאַרן פאָלק און פאַר זיין גייסטיקן פאַרמעגן, דאָס באַהויכט און באַקרוינט נישט בלויז שלום־עליכמס אויטאָביאָגראַפיע, נאָר בכלל דאָס גאַנצע שאַפן זיינס. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אַט די פאָלקס־ליבשאַפט האָט תיכף אויפגעכאַפּט מאַקסים גאָרקי ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט, אין דער רוסישער איבערזעצונג, „מאָטל פּייסי דעם חזנס". „אייער בוך האָב איך דערהאַלטן — האָט גאָרקי געשריבן שלום־עליכמען אין 1910 — דורכגעלייענט, געלאַכט און געוויינט — אַ וואונדערלעך בוך! דאָס בוך געפעלט מיר זייער. איך וועל אייך נאָך אַ מאָל זאָגן — אַן אויסגעצייכנט בוך! עס לויכט איבגאַנצן מיט אַזאַ פיינער, עכטער און קלוגער ליבע צום פאָלק און אָט דאָס געפיל איז אַזוי זעלטן אין אונדזערע טעג".

שלום־עליכמס ליבע צום פאָלק, וואָס באַשטראַלט ווי די ליכטיקע זון אַלע זיינע העלדן, דערפירט צו אַן אינטערעסאַנטער טאָפּלטער אידענטיפיצירונג פונעם שרייבער מיטן געוויינלעכן יידישן פאָלקס־מענטש, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, פונעם שרייבער מיט זיינע אייגענע העלדן, וואָס זיינען ווידער פאָלקס־מענטשן פאַר עקסעלאַנס.

די מצבה־אויפשריפט, וואָס שלום־עליכם האָט פאַר זיך אַליין פאַרפאַסט, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דאָ ליגט אַ ייד אַ פשוטער". און באמת — דער גרעסטער קינסטלער פון דער יידישער ליטעראַטור, איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור, איז געווען, אין פולן זין פון וואָרט, אַ ייד אַ פשוטער. שלום־עליכמען איז פרעמד פרצעס „לאָמיר נביאים, פירער ווערן". ער, דער באַליבטסטער יידישער שרייבער, האָט זיך קיינמאָל נישט געפירט ווי אַ ליטעראַרישער כהן־גדול. אים איז דערווידער יעדער מין פּאָזע, צערעמאָניע און דעקאָרום. שלום־עליכמס סטיכיע איז — דער פשוטער ייד, וועלכער איז מיט אים ביז גאָר פאַני־בראַט, שטעקט אים אָפּ אומגעשטערט און גוטברודעריש אַ ברייטן „שלום־עליכם, פאַני שלום־

עליכם״ און נעמט זיך תיכף אַראָפּריידן פֿונעם האַרצן, אויספּאַקן דאָס גאַנצע פּעקל צרות. די גרויסקייט פֿון שלום־עליכמען איז ווי אַ קרישטאָלענער שפּיגל־בילד פֿון דער גרויסקייט פֿון מיליאָנען פּשוטע יידן.

אַפֿילו נאָכן טויט וויל שלום־עליכם נישט זיין אָפּגעטיילט פֿונעם פּראָסטן יידן, פֿונעם ערלעכן יידישן פֿאָלקס־מענטש. ס׳קאָן נישט זיין קיין מער רירנדיקער אויסדרוק פֿון תמימותדיקער פֿאָלקס־ליבע, ווי עס איז שלום־עליכמס צוואה. „וואו איך זאָל שטאַרבן — האָט אָנגעזאָגט שלום־עליכם — זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע יידן, אַרבעטער, מיטן אמתן פֿאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מען וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיינען די איינפֿאַכע קברים אַרום מיר און די איינפֿאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע, ערלעך פֿאָלק האָט, פֿאַר מיין לעבן, באַשיינט זייער פֿאָלקס־שרייבער״. ס׳וועט קוים זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז נישט בלויז קיין איינער פֿון די קלאַסיקער אונדזערע, נאָר אויך קיין שום אַנדערער פֿון די פֿירנדיקע שריפֿטשטעלער פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז נישט געווען אַזוי נאַטירלעך־אינטים, אַזוי אָרגאַניש באַהעפֿט מיטן יידישן פֿאָלקס־מענטש, ווי שלום־עליכם. קיין שום אַנדערער איז נישט געווען אַזוי איין־גוף־און־איין נשמה מיטן פּשוטן יידן, ווי ער. דאָס האָט אָנגעגעבן שלום־עליכמס שאַפֿן דעם באַזונדערס מחיהדיקן ריח פֿון עכטער, אויטענטישער פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿון טיפֿער פֿאָלקישער פּשטות און אומיטלבאַרקייט, וואָס בלויז אַדאַנק קינסטלערישער גאונות באַוויזט זי צו פֿאַרבלייבן אין ליטעראַטור אַזוי עכט, אַזוי פּשוט און אומיטלבאַר, ווי ביים פֿאָלק.

צוגלייך מיט דער אידענטיפֿיצירונג צווישן שרייבער און פֿאָלקס־מענטש, איז פֿאַראַן ביי שלום־עליכמען אידענטיפֿיצירונג צווישן שרייבער און זיינע אייגענע העלדן. ס׳איז באַקאַנט, אַז שלום־עליכם פֿלעגט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, ריידנדיק וועגן זיך גופֿא, אָנרופֿן זיך, אָפּהענגיק פֿון צייט און סיטואַציע, אַ מאָל מנחם־מענדל, אַ מאָל טביה און אַ מאָל מיט בײדע נעמען גלייכצייטיק. אַוודאי שטעקט אין דעם שפּיל און מאַניר, אָבער ווייט נישט דאָס אַליין. מנחם־מענדל און טביה, אָט די צוויי פּאָלוסן פֿון יידישן פֿאָלקס־לעבן, וואָרצלען באמת ביידע אין שלום־עליכמען גופֿא, פּונקט ווי מאָטל־פּייסיס איז דער זעלבער שלום־עליכם, נאָר נאָך אַלס קינד. ס׳איז נישטאָ ביי שלום־עליכמען קיין שום דיסטאַנץ צווישן באַשאַפֿער און ווערק, צווישן מחבר און העלד. שלום־עליכם איז דער קינסטלער, וואָס נויטיקט זיך בכלל נישט אין שאַפֿערישער דיסטאַנץ. מיט דעם אפֿשר דערקלערט זיך, וואָס ער איז מסוגל אַזוי נאָכצוגיין פֿוסטריט דעם יידישן פֿאָלקס־מענטש פֿון זיין צייט, באַגלייטן אים אין אַלע זיינע וואַנדלונגען, מיט דער בויד, מיט אייזנבאַן און שיף, לאָזן זיך מיטן גרויסן מיליאָניקן „לך לך״, פֿונעם קליינעם שטעטל אין גרויסן כרך אַריין און פֿון דאָרטן, דורך אַלע

געשוואַרצטע גרענעצן, דורך אַלע אַנטװערפּנס און לאַנדאָנס, צום „קעסל־גאַרדן" און אין קאָלומבוסעס מדינה.

שלום־עליכם נוויטיקט זיך נישט אין דיסטאַנץ, ווייל דער שרייבער און זיין העלד — דער יידישער פאָלקס־מענטש — זיינען אידענטיש, ווייל שלום־עליכמס הויפּט־ווערק באַשרייבן אייגנטלעך שלום־עליכמען גופא. דערפון נעמט זיך זייער אויסערגעוויינלעכע ספּאָנטאַנישקייט, דערפון דאָס אַזוי זעלטן געפיל פון פולשטענדיקן, אַבסאָלוטן אויסלעבן זיך פון שרייבער אין זיינע העלדן, דאָס געפיל פון פולקייט, פון גאַנצקייט, פון גליקזעליקן תיקון פונעם פּשוטן ייד אין די ווערק פון גרויסן מייסטער.

*
**

ליבע צום פאָלק איז ביי שלום־עליכמען נישט אָפּצוטיילן פון ליבע צו דער שפּראַך פון פאָלק. שלום־עליכם איז, ווי ער זאָגט אַליין, „פאַרליבט אין יידיש ווי אַ חדר־יינגל". זיין ליבע איז אַן אייפערוקע, פול מיט אימפּעט און פייער. ער קעמפט, שלאָגט זיך פאַרביסן, פּטרט אַוועק זיין גאַנץ פאַר־מעגן פאַרן כבוד פון מאַמע־לשון, פאַר דער שיינקייט און ציכטיקייט פון דער פאָלקס־שפּראַך. אויף דעם גרונט־שטיין, וואָס עס האָט געלייגט דער זיידע מענדעלע, האָט דאָס אייניקל שלום־עליכם אויפגעבויט דעם העכסטן און וואונדערלעכסטן שפּראַך־מאָנומענט פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער אופן ווי אַזוי אַט דיביידע קלאַסיקער האָבן געאַרבעט אויפן געביט פון שפּראַך־מייסטערשאַפט, אילוסטרירט אַגב אַמבעסטן די באַזונדערקייט און אָריגינעלקייט פון יעדערן פון זיי.

דער גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער פּראָזע, מענדעלע, האָט צוערשט געדאַרפט „זיך דערבאַרימען אויף יידיש, די פאַרשטויסענע טאָכ־טער". דערנאָך, דערציילט דער זיידע, „האָב איך זיך פאַרליבט אין יידיש און האָבן די שפּראַך צו מיר פאַרקנסט אויף אייביק און האָב איר געגעבן די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט און זי איז געוואָרן אַ שיינע, באַחנטע פּריצטע און האָט מיר געגעבן אַ סך זין".

די בשמים און קרייטעכצער, וואָס ר' מענדעלע האָט געשאָנקען דער פאַרשטויסענער טאָכטער יידיש, זיינען געוועזן פון זיין אייגענעם גאָרטן. ער האָט זיי לאַנג און זאָרגפעליק געקליבן און אָפּגעקליבן, געמישט און געלייטערט. זיי שטאַמען פון העט־וויט, פון אַלטע יידישע מעשה־ביכער און ריטער־ראָמאַנען, פון צאינה־וראינה, פון תחינות, פון סידורים און מוסר־ספרים, פון תורה, חכמה און השכלה און אויך געוויס — פון אַ טיף און הייס געפיל פאַר לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך. מענדעלע האָט כּידוע לאַנג געפיילט און געשליפן יעדעס וואָרט זיינס. דערציילט מען, ער פלעגט אָפּט איבערלייענען דאָס שרייבן, האַלב־פאַרמאַכן די אויגן, פאַרקנייטשן דעם הויכן שטערן און פאַרטראַכטן זיך, אונטערברומענדיק דערביי אויפן קול, מיט אַ גמרא־ניגון: „ישראליק, ישראליק, ישראליק — ווי וואָלט דאָ ישראליק געזאָגט ? !"

שלום־עליכם האָט נישט געדאַרפט גאָר זיך שטעלן די פראַגע, ווי

ישראליק וואָלט געזאָגט, ער האָט פּשוט געלאָזט רעדן ישראליקן אַליין. פון זיין ערשטן „ווערק" אָן, „אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע", וואָס דער קליינער שלומקע, דער צוקונפטיקער שלום־עליכם, האָט פאַרפאַסט „נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן" און אין וועלכן ער האָט צונויפגעקליבן און אויסגעסאָרטירט לויטן אלף־בית אַלע קללות, וואָס ער האָט געהערט פון זיין שטיפמאַמעס מויל, פון אָט דעם דאָזיקן „ערשטלינג" און ביז זיין לעצטער שורה, האָט שלום־עליכם געלאָזט רעדן דירעקט זיינע העלדן, יעדערן מיט זיין אייגענער שפּראַך, מיט זיינע ווערטלעך, מיט זיינע תנועות און קנייטשן.

שלום־עליכם האָט אויפגעריסן די רוי־ערד פון מאַמע־לשון און, ווידער אַ מאָל, אָנגעטראָפן אויף אַ שפע פון שפּרודלענדיקע שפּראַך־קוואַלן. עס האָט ביי אים אַ שטראָם געגעבן, אַ פליייץ געגעבן, נישט בלויז מיט ניין מאָס רייד, נאָר מיט טייכן רייד, מיט ימען רייד, וועלכע וואָלטן יעדן אַנדערן קינסטלער פון אַ קלענערער מדרגה ממש דערטרונקען און אומגעבראַכט. שלום עליכם אָבער האָט, ווי שפּילנדיק, באַהערשט און איינגעצוימט דאָס געוועסער, וואָס איז געהאַרכזאַם אַריין אין די פּאַר אים אָנגעצייכנטע ברעגן.

שפּראַך איז פאַר יעדן שריפטשטעלער דער גרונטיקער רוי־מאַטעריאַל און אינסטרומענט, פּונקט ווי ס'איז רוי־מאַטעריאַל און אינסטרומענט — פאַרב, פאַרן מאָלער און קלאַנג פאַרן מוזיקער. די ראָל אָבער פון שפּראַך קאָן זיין אַ פאַרשיידענע ביי פאַרשיידענע קינסטלער. עפּעס ענלעכס אין דער מאָלעריי: אָפּהענגיק פון דער תקופה, איז פאַרב אַמאָל בלויז איינער פון די הויפּט־עלעמענטן פון בילד, צוגלייך מיט צייכענונג און קאָמפּאָזיציע און אַמאָל גאָר, ווי אין דער מאָדערנער מאָלעריי, למשל, דער אַבסאָלוט־איבערוויגנדיקער פלאַסטישער עלעמענט. אויך אין דער מוזיק מוז נישט שטענדיק און נישט דווקא דאָמינירן דער קלאַנג. אין אַ רייע ווערק פון באַדייטנדיקע מאָדערנע קאָמפּאָזיטאָרן, פּונקט איבעריקנס ווי אין דער ווייט־מזרחדיקער מוזיק, האָט די איבערגעוויכט נישט דער קלאַנג נאָר דער ריטם.

ביי שלום־עליכמען איז שפּראַך דער דאָמינירנדיקער שאַפונגס־עלעמענט, וואָס לאָזט אָפּט ווייט הינטער זיך אַנדערע עלעמענטן, ווי סיוזשעט, קאָמפּאָזיציע, געשטאַלטן־צייכענונג אאַ"וו. עס טרעפט, די איינציקע פונקציע און די איינציקע עובדה פון שלום־עליכמס העלדן איז — דאָס רעדן. זיי האָבן משונה ליב צו רעדן און מיר האָבן משונה הנאה פון זייערע רייד, ס'ווערט אונדז גאָרנישט מיאוס צו הערן זיי נאָך אַ מאָל און נאָך אַמאָל. דאָס איז דער לויטערער גענוס פון הערן פאָלקס־נגינה. שלום־עליכמס שפּראַך איז, אין זיך און פאַר זיך, אַ וועלט אַ גאַנצע פון קאָלירפולער, שפּילעווודיקער, פאָלקסטימלעכער יידישקייט. מאַמע־לשון איז העכסטער קאָנצענטראַט פון פאָלקס־לעבן. דאָס איז די סאַמע לעבעדיקסטע, די סאַמע ברוייזנדיקסטע סטיכיע פון פאָלקס־שאַפן.

שלום־עליכם האָט, ווי קיינער פאַר אים און ווי קיינער נאָך אים, באַוויזן קינסטלעריש צו באַוועלטיקן די דאָזיקע סטיכיע און דערהויבן זי צו שלמות־דיקער האַרמאָניע. דאָ איז די גרעניץ וואו ליטעראַטור הערט אויף צו זיין בלויז ליטעראַטור און פאַרוואַנדלט זיך — אין פאָלקס־סובסטאַנץ.

און דעריבער, אַזוי לאַנג ווי אויף דער ערד וועט זיך געפינען דאָס קלענסטע ווינקעלע, וואו ס'וועט שפּרודלען יידיש פאָלקס־לעבן, וועט שלום־עליכם זיין אַ לעבעדיקער, ווירקנדיקער טייל פונעם דאָזיקן לעבן.

***

ליבע צום פּשוטן פאָלק און צו זיין שפּראַך האָט פאַר שלום־עליכמען געעפנט דעם וועג צום ווערטפולסטן און פאַרבאָרגנסטן אפשר פאָלקס־אוצר — צו דער בלוטיקער טרער, וואָס פינקלט אויף און צעשטראַלט זיך ווי אַן איידלשטיין, אונטער דער זון פון געלעכטער.

וויניק מייסטער פון הומאָר אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן באַוויזן אַזוי אַרויסצוברענגען דורך געלעכטער דעם מהות פון זייער פאָלק, ווי דאָס האָט באַוויזן שלום־עליכם.

מיר לייענען שלום־עליכמען, דעם באַליבטסטן שרייבער ביי יידן, און מיר לאַכן, מיר לאַכן פון גאַנצן האַרצן. פאַרוואָס לאַכן מיר אייגנטלעך? פון וואָס? דערציילט אונדז דען דער מחבר פריילעכע מעשיות? גראָד קאַפויער, זיינען מעשיות זיינען ס'רוב טרויעריקע. מ'וואָלט גאָר געדאַרפט פון זיי וויינען.

צי קאָן נאָך זיין אַ גרעסערער שלימזל, ווי מנחם־מענדל? צי איז דען נישט טביה אַ טראַגישע פערזענלעכקייט? צי איז נישט מאָטל פּייסיס — אַ תמימותדיק־קינדערישער בליק אויף דערשיטערנדיקער דראַמע פון פאָלקס־נויט? און וואָס איז דען דאָס פאַרכשופטע שניידערל, וועלכער גייט אַראָפּ פון זינען צוליב אַ מעשה מיט אַ ציג, וואָס ווערט גאָר אַ באָק? און שימעלע סאָראָקער מיט זיינע פּוסטע חלומות וועגן גרויסן געווינס? און נחת פון קינדער — אָך און וויי — וואָס גייען אויס פון דחקות און קרענק? און צענדליקער, צענדליקער אַנדערע געשיכטעס, איינע אומעטיקער פאַר דער צווייטער? בלויז די אַקסעסאַריע, די באַלייכטונג, די אויסערלעכע תנועה זיינען קאָמיש, אָבער דער אינהאַלט איז פול, ווי אַ מילגרוים, מיט טרויער.

דער יידיש־פראַנצויזישער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן האָט געפּרוּווט דעפינירן דעם מקור פון יעדן געלעכטער אין זיין באַרימטער פאָרמולע: Du mécanique plaqué sur du vivant — דאָס מעכאַנישע אַרויפגעזעצט אויפן לעבעדיקן. ס'הייסט, געלעכטער ווערט אַרויסגערופן דאַן, ווען דער לעבעדיקער מענטש באַקומט פּלוצלונג, צוליב אַן אומגעריכטער סיבה, אַ פּנים פון עפּעס מעכאַניש־אויטאָמאַטישעס. אָט אויף דעם קאָנטראַסט צווישן לעבעדיקער באַוועגלעכקייט און אויטאָמאַטישער מעכאַנישקייט רעאַגירן מיר מיטן לאַכן.

אויב מען זאָל די בערגסאָנישע דעפיניציע אָנווענדן אויף שלום־עליכמס ווערק, וועט זי חל זיין — העכסטנס — אויף מנחם־מענדלען. די משונה־

דיק־פיבערדיקע באַוועגלעכקייט פון מנחם־מענדלען האָט אין זיך, מחמת איר אומרעאַלן, ממש אומזיניקן ריטם, עפּעס בעצם מעכאַנישעס, פּונקט ווי אַט דער לעבעדיקער מענטש וואָלט פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין לויף־אויטאָמאַט. פּונקט אַזוי פאַרמאָגט עפּעס מעכאַנישעס און מאַ־ריאָנעטן־אַרטיקס מנחם־מענדלס פעאיקייט צו כאַפּן קלעפּ און תיכף אָפּ־צוטרייסלען זיך, צו פאַלן און גלייך זיך שטעלן אויף די פיס. ס׳איז דער קלאַסישער העלד פון ליאַלקע־טעאַטער, וואָס קריגט כסדר מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, פאַלט אַנידער און גלייך איז ער ווידער פריש און לעבעדיק, ווי נישט אים מיינט מען עס.

אָבער אַפילו בנוגע מנחם־מענדלען, קלערט די בערגסאָן־פאָרמולע אויף בלויז דאָס ריין־אויסערלעכע פון זיין קאָמיזם און דערלויבט נישט אַריינצודרינגען אין זיין אינערלעכן מהות. וואָס שייך די אַנדערע שלום־עליכם־העלדן, אַזעלכע ווי טביה למשל, אָדער ווי מאָטל פּייסיס, איז די בערגסאָן־טעאָריע צו זיי לחלוטין נישט אָנווענדבאַר, פּונקט ווי ס׳זיינען איבעריקס נישט אָנווענדבאַר, אַ רייע אַנדערע טעאָריעס און השערות, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע בנוגע דעם כאַראַקטער פון קאָמיזם.

ווייזט אויס, אַז שלום־עליכמס געלעכטער לאָזט זיך נישט אַנאַלי־זירן און אויסטייטשן דורך אָנגענומענע קאַטעגאָריעס, פּאַסט זיך שווער אָדער איגאַנצן נישט אַריין אין אַלגעמיינע פאָרמולן. דאָס איז, אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַ געלעכטער כמעט אַ יחיד במינו — אַ געלעכטער פון אַן אַלט היסטאָריש פאָלק, אין פּנים פון זיין טראַגישן גורל.

מיר לאַכן פון שלום־עליכמס אין תוך־טרויעריקע מעשיות, ווייל מיט זיין לויטערן שמייכל האָט שלום־עליכם באַוויזן צו באַזיגן דעם טרויער, צו באַוועלטיקן און בטול מאַכן די טראַגיק, צו דערהויבן אונדז איבער דער בלינדער סטיכיע פון לעבנס־פּחד. און אָט ווערט די מורא גופא אומזיניק און דאָס גאַנצע שלעכטס — לעכערלעך. שלום־עליכמס געלעכ־טער ווערט אַ שוץ קעגן בייז.

אַזאַ איז דעם מחברס באַוואוסטזיניקער צוגאַנג צו הומאָר. „אַ מאוסע, בייזע וועלט, זאָגט שלום־עליכם, און נאָר אויף צו להכעיס דאַרף מען נימ ווײנען! אויף צו להכעיס נאָר לאַכן!״ אויף צו להכעיס וועמען? ס׳איז אָפּשפּעטונג, ס׳איז גאַלגן־הומאָר איבערן אייגענעם גורל.

געוויס איז דאָס נישט ספּעציפיש־יידיש. אויך ראָמען־ראָלאַנס „קאָ־ליאַ בריניאָן״ באַזיגט דורך געלעכטער די טראַגיק פונעם אָרום און אויך מאָליער פאַרלאַכט ביזן טויט אַריין זיין אייגענעם טראַגיזם און די איבער־לעבע טראַגישקייט פון אַ גאַנצע ריי זיינע העלדן. אָבער ביי שלום־עליכמען האַנדלט זיך עס נישט וועגן געלעכטער פון אַ יחיד איבער זיין יחידישן גורל, נאָר וועגן געלעכטער פונעם ייד־דעם־פּשוטן, פונעם פּשוטן פאָלקס־מענטש איבערן טראַגישן גורל פון זיין פאָלק.

יידישער פאָלקס־געלעכטער, פאָלק־הומאָר, פאָלקס־וויץ איז אין תוך

געבויט אויף קאָמעדיזירן דראַמאַטישע און אַפילו טראַגישע סיטואַציעס. אַמבעסטן און אַמשאַרפזיניקסטן לאַכן יידן — פון זייערע אייגענע צרות. אַזוי שוין לאַנגע יאָרהונדערטער, אויב נישט יאָרטויזנטער. דאָס איז אַ מין נקמה־געלעכטער איבער דער בייזער וועלט. דאָס איז אַ וואָפן וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן במשך פון דורות און דורות, אַ וואָפן פון גערודפטע, געפייניקטע, וואָס זוכן צו קאָמפּענסירן שוואַכקייט פון זייערע הענט מיט שטאַרקייט פון זייער גייסט. דאָס דאָזיקע געלעכטער איז ווי דער שאַרף פון אַ מעסער, וואָס צעשניידט און צעברעקלט דעם גרויל פון דער נאַכט. ס'לעכערט דורך דאָס שרעקנדיקע געשפּענסט פון שונא. פון דער אומגעהויערער, כסדר־לויערנדיקער פינצטערער כמאַרע, וואָס דריקט אומדערטרעגלעך אויפן געמיט, ווערט מיט אַ מאָל איינפאַכער שאָטן, וואָס מוז פאַרשווינדן מיטן אויפגאַנג פון דער זון.

די תקופה אין וועלכער עס האָט געלעבט שלום־עליכם איז געווען אַ שרעקנדיקע און גרויליקע, אַ צייט פון גרויסע אויפטרייסלונגען, פון טיפע איבערגעשטאַלטיקונגען, פון ראַדיקאַלע ענדערונגען. צווייטע העלפט ניינצנטער און אָנהייב צוואַנציקסטער יאָרהונדערט — אַלטע לעבנס־פאָרמען שטאַרבן אָפּ, נייע ווערן געבוירן אין יסורים. געזעלשאַפטלעכער אויפברויז אויף דער נישט־יידישער און יידישער גאַס, רעוואָלוציע, שחיטה־שטעט, מיליאָנען־וואַנדערונגען — אין טייכן בלוט, אין ימען טרערן און שווייס, ביי די ערשטע דונערן פונעם אָנקומענדיקן וועלט־שטורעם, האָט זיך אָנגעהויבן אַ היסטאָרישער פּראָצעס פון איבערבוי פון אַ פאָלק, אַ פּראָצעס וואָס דויערט נאָך ביז היינט צו טאָג. ס'איז אַ וואונדערלעך גרויסע תקופה, אָבער אַן אומגעוויינלעך טראַגישע און בלוטיקע.

שלום־עליכם פילט די טראַגיק פון זיין צייט, ער באַנעמט איר גורל־דיקייט. ער לאָזט נישט אַרויס פונעם אויג, אויף קיין איין רגע, דעם פּשוטן פאָלקס־ייד, אין אַלע זיינע האַנדלונגען־און־וואַנדלונגען. ער האַלט כסדר אַלץ און אַלעמען אין איין „באַשרייבן". וואו נאָר אַ שמחה אָדער אַן אומגליק ביים פאָלק, זאָגט ער, מוז עס דעם שרייבער „אָנרירן און טאַקע גוט אָנרירן, ביזן ביין אַריין". באַגנוגנט ער זיך נישט מיטן אויבער־פלאַכלעכן דעטאַל, נאָר גראָבט אין דער טיף, (ביזן ביין אַריין), און טרעפט אָן אויף די וואָרצלען, וואָס זיינען אויך זיינע אייגענע וואָרצלען, פון לויטערסטן פאָלקס־אָפּטימיזם. ער ווערט דער פירזאָגער פון אָט דעם אָפּטימיזם, דער באַזינגער פון פאָלקישן גלויבן אין לעבן און אין צוקונפט.

נישטאָ אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך אַ שריפטשטעלער, וואָס זאָל, מיט זיין שמייכל, אַזוי באַזינגען דעם גלויבן אין לעבן, וואָס זאָל אַזוי הייס, אַזוי אומאויפהערלעך בענטשן דאָס לעבן, ווי שלום־עליכם. ער איז איין גרויסער, שפּרודלענדיקער קוואַל פון לעבנס־פרייד און לעבנס־לוסט. ער איז דער גלויביקסטער שרייבער פון דער יידישער ליטע־ראַטור, דער אַממערסטן בטחונדיקער.

„דער עיקר איז בטחון" — דער אינהאַלט, דער זין, די באַגרינדונג

און די פאַרמען פון אַט דעם אַלטן יידישלעכן בטחון האָבן זיך אַ סך מאָל געביטן. טעאָלאָגיע, מעטאַפיזיק, סאָציאָלאָגיע, פּאַסיווער גלויבן, אַקטי־ווער קאַמף — דאָס אַלץ האָט, אין פאַרשיידענע צייטן, באַהויכט דעם בטחון, אָבער דער עיקר איז געווען און איז אויך ווייטער — אַז דער בטחון זאָל בלייבן גאַנץ און אומגעבראָכן. געוויס איז טביהס גלויבן נישט אונדזער גלויבן. ס׳איז די ערשטע, נאָך אומקלאָרע זעלבסט־באַשטימונג פון אויפוואַכנדיקן מאָדערנעם יידישן פאָלקס־מענטש. זיין קוואַל איז אָבער שוין ווייט ניט בלויז „דער וואָס לעבט אייביק". דאָס איז אין תוך גיכער מליצה, ווייל טביה איז שוין נישט קיין צו גרויסער בעל־מאמין. טביה האָט בטחון, ווייל ער גלויבט, צוזאַמען מיט אַלע שלום־עליכמס עמך־העלדן, וואָס ציען זייער חיונה פון שער־און־אייזן און זייער יניקה פון די טיפסטע און עלטסטע פאָלקס־קוואַלן, אַז די געשיכטלעכע לעבנס־כוחות פון אונדזער פאָלק זיינען אומאויסשעפּבאַרע; ווייל ער גלויבט, צוזאַמען מיט אַלע „פּעפּערלעך" און אַלע האָדלס, אַז עס וועט קומען, פריער צו שפּעטער, אָבער זיכער, אַ וועלט אַ גערעכטע, געבויט אויף יושר פאַר אַלעמען און פאַר אונדז אויך.

דער פּאַסיווער טביהשער בטחון האָט געשיכטלעך באַנקראָטירט אין די בלוטיקע יאָרן פון לעצטן מיליאָנען־אומקום. אָבער טביה אַליין — איז דען אומוואַרשיינלעך צו קלערן, אַז ער איז געוואָרן אַ ווידערשטענדלער און קעמפער אין געטאָ, אָדער אַ פּאַרטיזאַן אין וואַלד? אָפּגעזען פון זיין פּאַ־סיוויקייט, האָט דער זוניקער טביה־גלויבן געגעבן עפּעס גרויסעס אַפילו אין די ערגסטע צייטן. ער האָט געשטאַרקט דעם גייסט, נישט געלאָזט ברעכן זיך, דערלויבט דורכצוהאַלטן, לעבן און איבערלעבן. אַפילו אין די טויט־לאַגערן האָט טראָגיק געקלונגען בטחונדיקער יידישער געלעכטער. אַ שאַר־פער וויץ, אַ גלייכווערטל — און דער מוראדיקער שונא איז ווי דורך אַ בליץ באַלויכטן געוואָרן און זיך באַוויזן אין זיין אמתער געשטאַלט: אַ גרויזאַמע און בלוטדורשטיקע חיה, אָבער נישט מער ווי אַ חיה, אַ טעמפּע, אַן אומזיניקע, וואָס מוז און וועט סוף כל סוף באַזיגט ווערן — דורכן מענטש.

**
*

ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן: די דאָמינירונג, ביי שלום־עליכמען פון שפּראַך־סטיכיע, ד״ה פון עפּעס אַזוינס וואָס איז נאַציאָנאַל פאַר עקסעלאָנס, וועט אים פאַרמשפּטן צו בלייבן לאָקאַל־יידיש און אומפאַרשטענדלעך פאַר נישט־יידן. אַרויסגעוויזן האָט זיך גראָד דאָס פאַרקערטע: פון אַלע גרויסע יידישע שריפטשטעלער, איז שלום־עליכם דער, וואָס האָט געפונען אַמ־מערסטן אָפּקלאַנג אין דער נישט־יידישער וועלט. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליקער, איז ער געוואָרן דער גרויסער אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין ראַטנפאַרבאַנד געהערן שלום־עליכמס ווערק, וואָס זיינען איבער־זעצט אין פיל שפּראַכן, צו דעם אַזוי גערופענעם „אייזערנעם פאָנד" פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און אונדזער קלאַסיקער איז איינער פון די

באַליבטסטע שריפטשטעלער ביי אַלע סאָוועטישע פעלקער. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז שלום־עליכם אויך אַזוי פיל באַקאַנט, אַז מ׳האָט געקאָנט רעדן, אָן גוזמא, וועגן זיין ווירקונג אויף דער גאַנצער היינטצייטיקער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

זיכער דערקלערט זיך די אויסווירקונג פון שלום־עליכמען אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט זיין קינסטלערישער גאונות, אָבער נישט בלויז מיט דעם. אגב, איינער פון די הויפט־אַספּעקטן פון שלום־עליכמס זשעני, זיין וואונדערלעכע שפּראַך־מייסטערשאַפט, ווערט באַדייטנדיק פאַרשאָטנט אין די פאַרשיידענע פרעמד־שפּראַכיקע איבערזעצונגען, וואָס דאָס איז זיכער אַ באַדויערנסווערטע אָבער אַ געוויינלעכע און כמעט אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג.

אויב שלום־עליכם איז דאָך דערגאַנגען צו דער וועלט־ליטעראַטור, איז עס בעיקר דערפאַר, ווייל ער האָט אַהין דערבראַכט, מיט באַצויבערנדיקער עכטקייט, דאָס געלעכטער פונעם ייד־דעם־פּשוטן, דאָס אַלטע, געשיכטלעכע געלעכטער פון אַן אַלט געשיכטלעך און טראַגיש פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך מיט עקשנות און גלויבן פאַר זיין לעבן, זיין דויער און המשך — פון אַ פאָלק, וואָס לאָזט קיינמאָל נישט אַרויס פון האַנט, אויף אַלע בלוטיקע וועגן און אין אַלע טרערן־טאָלן, טביהס פאָן: דער עיקר איז בטחון, היסטאָרישער בטחון.

נישט מיט דער פאַראייביקונג פון אַ תקופה, נישט מיט אַ גאַלעריע ליטעראַרישע געשטאַלטן האָט שלום־עליכם זיך דערוואָרבן זיין פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר מיט געניאַל־פאַראַלגעמיינערטע פאָלקס־סימבאָלן, מיטן סימבאָל פון אַ פאָלקס־גורל. דער כלומרשטער פאַרווײלער און אַלץ־באַשרייבער, דער וואָס האָט אויסגעזען, אין פלוג, גיכער ווי אַ צייטשרייבער, איז אין תוך דער אַממערסטן אַלצייטיק־גורלדיקער קינסטלער פון אונדזער קלאַסיק. דער גרויסער רעאַליסט און פאָלקס־מענטש האָט באַוויזן אויסצוקנעטן אַזעלכע רעאַלע, פולבלוטיקע און פאַרטיפטע פאָלקס־פּערסאָנאַזשן, אַז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן. און גראָד דער אַממערסטן נאַציאָנאַלער קינסטלער האָט געקאָנט באַהויכן זיינע העלדן מיט אַזוי פיל אויטענטישער, פאָלקישער מענטשלעכקייט, אַז זיי זיינען געוואָרן אוניווערסאַל.

שלום־עליכמס וואונדערלעך געזאַנג וועגן פּשוטן יידישן פאָלקס־מענטש, מיט זיין נשמהדיקער גרויסקייט, מיט זיין דורותדיקער חכמה און לויטערער מאָראַל, פאַרוואַנדלט זיך דעריבער אין אַ געזאַנג וועגן יעדן פּשוטן, ערלעכן פאָלקס־מענטש פון אַלע פעלקער פון דער ערד, אין אַ הימן פאַרן מענטש בכלל, מיט זיין לייד און פרייד, פאַרן מענטש — וואָס בלויז ער, אויף דער גאָרער וועלט, איז געבענטשט מיט דער ברכה פון געלעכטער.

1956

הינטערן רויטן פּאָרהאַנג

אונדזער טעאַטער־פֿאָטער

אין יענעם פֿרי־האַרבסטיקן, חול־המועד־סוכּותדיקן טאָג פֿונעם יאָר 1876 (אַ היסטאָרישער יאָר פֿאַרן יידישן טעאַטער), ווען אַברהם גאָלדפֿאַדען האָט זיך עס, לויט זיינע אייגענע ווערטער, „ענטשלאָסען, אויף אַללגעמיין פֿאַרלאַנגען, צוזאַמענצושטעללען אַ טרופּע פֿון די בעסטע אַרטיסטען און דאָס איינאָרדנען אייראָפּעאיש ווי עס איז איבעראַלל און עס זאָל אַ פּנים האָבען; אין יאַססי היער ווירד געבויט ווערדען אַ יודיש טהעאַטער סטאַביל (פֿיר שטענדיק), מיר ערוויילען זייא צום דירעקטאָר״ — אין יענעם מזלדיקן טאָג איז דער שפּאָגל־נייער און אַליין־געקרוינטער טעאַטער־דירעקטאָר אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר.

פֿאַר זיינע זעקס און דרייסיק יאָר, האָט ער שוין געהאַט אַ היפּש ביסל דורכגעמאַכט: פֿאַרענדיקט די זשיטאָמירער ראַבינער־שול (אַ וויכטיקער השכּלה־צענטער פֿון יענער צייט), געווען קנאַפּע צוויי יאָר לערער אין סימפֿעראָפּאָל, געוואָרפֿן דאָס לערעריי, געקומען קיין אָדעס, געלעבט אַ שטיקל צייט אַ גוטן טאָג ביי אַ רייכן פֿעטער, חתונה געהאַט, באַקומען אַ קאַסירער־שטעלע אין אַ הוט־מאַגאַזין, באַלד זיך מתקנא געווען און אַליין געעפֿנט אַזאַ מין מאַגאַזין, געהאַנדלט ברייט און מיט גרויס פֿאַרנעם, אַנגעזעצט אַ פֿיינע אַפּותּיקא, אַנטלאָפֿן פֿון די בעלי־חובֿות, געקומען קיין מינכען, געוואָלט שטודירן מעדיצין, פֿאַרלאָזן מינכען, געקומען קיין לעמבערג, אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט זיין פֿריינט יצחק יואל לינעצקי (מחבר פֿון „פּוילישן יינגל״) אַ וואָכנטלעכע צייטונג מיטן נאָמען „ישראליק״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז זעקס חדשים, אַוועק קיין טשערנאָוויץ, אַרויסגעגעבן — שוין אַליין — אַ נייע צייטונג „איזרעאַעליטישעס פֿאָלקס־בלאַט״, וואָס איז דערשיינען קוים דריי חדשים, געבליבן סוף כּל סוף אינגאַנצן אָן פּרנסה און געלאָזט זיך וואַנדערן קיין רומעניע מיטן געדאַנק אַריבערצוטראָגן אַהין און דאָרט מחיה־מתים זיין דאָס אונטערגעגאַנגענע בלאַט. איינער פֿון זיינע צייטונגס־אַגענטן, אַ געוויסער י. ליברעסקאָ, האָט אים מכוח אָט דעם ענין אַרויסגערופֿן קיין יאַס און צו אָט דעם ליברעסקאָ טאַקע איז דער געוועזענער צייטונגס־רעדאַקטאָר און צוקונפֿטיקער טעאַטער־דירעקטאָר גלייך פֿאַרפֿאָרן. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1876.

גאָלדפֿאַדען האָט שוין דאַן פֿאַרמאָגט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט. ער איז געווען דער מחבר פֿון לידער, וואָס אַ סך פֿון זיי זיינען פֿאָרגעטראָגן אָדער געזונגען געוואָרן דורך די „בראָדער־זינגער״. זיין ליטעראַרישער פֿאַרמעגן איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע לידער־זאַמלונגען,

איינע אויף העברעאיש, די איבעריקע אויף יידיש. איין ביכל זיינס האָט געהייסן „דאָס יודעלע״; אַ צווייטס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די יודענע — פֿאַרשיידענע געדיכטע און טעאַטער אין פּראָסט־אידישן״.

צוליבן דערפֿאָלג פֿון זיינע לידער ביים ברייטן עולם האָט גאָלדפֿאַדן געשמט פֿאַר אַ פֿאָלקס־דיכטער. ער האָט זייער ליב געהאַט (און מיט רעכט) צו קרוינען זיך מיטן טיטל פֿאָלקס־דיכטער. די קרוין איז אָבער נישט דווקא געווען פֿון עכטן גינגאָלד. דעם זעלבן טיטל פֿון באַרימטע און באַליבטע פֿאָלקס־דיכטער האָבן אין יענער צייט געטראָגן (און נישט מיט ווייניקער רעכט) אליקום צונזער, וועלוול זבאַרזשער א. אַנד.

ווי־זשע האָט אויסגעזען די מוזע פֿון אַברהם גאָלדפֿאַדן? אָט זיינען למשל די ערשטע עטלעכע סטראָפֿן פֿון זיין גרויסער פּאָעמע „שבתיאל״:

דער לויטערער הימעל האָט זיך פּליצלינג פֿאַרהילט
מיט זיין שלייער דעם כמאַרנע, דעם שוואַרצען
אין דרויסן דאָס וועטער האָט אויף צוגעשפּילט
אַקאָראַט נאָר ווי אויף דעם האַרצין

אַ ווינטל אַ פּוילס האָט געבלאָזן אויף דער גאַס
ס'האָט געמראַקעט, גערעגנט, צו קאַפּלעך
אונטער די פּיס איז געווען קאָלט און נאַס
פֿון אויבן האָט געשיט ווי מיט גראַפּלעך

שבת בייטאָג, טיר און טויער פֿאַרמאַכט
נעבן אַ הויז געשמירט ווייס מיט קאַלעך
איז, ביים ווינקל אין דרויסן, געשטאַנען פֿאַרשמאַכט
וואָס קאָכט שבת דעם טשאָלינט, דער מלאך.

און אָט ווי עס הייבט זיך אָן גאָלדפֿאַדנס אַ צווייטע פּאָעמע וואָס ער אַליין האָט געהאַלטן שיער־נישט פֿאַר זיין מייסטערווערק, זיין באַקאַנטע נאַציאָנאַלע פּאָעמע, וועלכע טראָגט דעם פּילזאַגנדיקן נאָמען „דאָס פּינטעלע ייד״:

איך האָב דיך ליב, מיין פֿאָלק, דו טייערע אומה,
דו שטאַרקע, דו שיינע, דו פֿיינע, דו פֿרומע.
איך האָב ליב דיין אמונה, דיין הייליקע תורה,
נאָך אין וויגל האָב איך געהערט: „דאָס איז די בעסטע סחורה״.
איך האָב ליב דיין נאָמען, ווי מען גיט אים אַ דריי:
צי ישראל, צי יזרעאל, צי עברי, צי יעווריי,
צי יעקב, צי יאַקאָב, צי יודע, צי ייד
איך האָב דיך ליב אַפֿילו ביים נאָמען זשיד...

מען קאָן, דוכט זיך, פֿעסטשטעלן, נישט אַריינפֿאַלנדיק אין אַ צו גרויסן טעות, אַז אין די דאָזיקע ווערק האָט דער פֿאָלקס־דיכטער אַברהם

גאָלדפאַדן צו די העכסטע באַרג־שפּיצן פון דיכטונג נאָך נישט געהאַט דערגרייכט.

ס׳מוז אָבער געמאַכט ווערן אַ צווייטע פעסטשטעלונג, פון אַ פיל גרעסערן קולטור־היסטאָרישן באַטייט: אין סעפּטעמבער 1876, בעת דער צוקונפטיקער פאָטער פון יידישן טעאַטער איז אַראָפּגעקומען אין דער יידיש־מאָלדאַווישער הויפּטשטאָט יאַס, איז ער נאָך קיין דראַמאַטורג כמעט בכלל נישט געווען.

אין גאָלדפאַדנס פריער דערמאָנטן ביכל „די יודענע״ געפינען זיך צוויי קלענערע סצענישע זאַכן, אַן עסקיז „צוויי שכנות״ און אַ קאָמעדיע „די מימע סאָסיע״, וועלכע פאַרמאָגט אָגב אויפן שער־בלאַט פאָלגנדיקע ווידמונג: „מיין טייערער האָכגעשעצטער און פיל־געליבטער כלה פּערעלע, פּריילן ווערבעל, געווידמעט אין עוויגער, טרייער און גרעניצלאָזער ליבע, פון איר חתן א. גאָלדפאַדן״. אויסער אָט דעם דאָזיקן יוגנט־ווערק „די מימע סאָסיע״, האָט גאָלדפאַדן אויפן געביט פון דראַמאַטורגיע גאָרנישט געהאַט געשאַפן.

דאָס איז באַזונדערס אויפפאַלנדיק גראָד דערפאַר, ווייל די יידישע ליטעראַטור פון ערב דער קלאַסיקער־תקופה, ד. ה. פון סוף אַכצנטן און ערשטער העלפט נייַנצנטן יאָרהונדערט (ביז מענדעלען) איז געווען געבויט אויף אַן אַבסאָלוטן איבערגעוויכט דווקא פונעם דראַמאַטורגישן זשאַנר — הן דראַמע און הן קאָמעדיע. די טעאַטער־פאָרם איז געווען אויסערגעוויינלעך באַליבט ביי אַלע פּירנדיקע שרייבער פון דער השכלה, זיי האָבן אין איר געפונען דעם פאַסיקסטן, בויגזאַמסטן און פּילבאַרסטן אינסטרומענט פאַר געזעלשאַפט־קריטיק און פאַר אויפקלערונג בכלל.

די הויפּט־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט זיינען, מיט ווייניקע אויסנאַמען — ס׳רוב פּיעסן. פון אהרן האַללע־וואָלפזאָנס „לייכטזין אונד פרעמעלייא״, וואָס איז דערשינען אין 1796 אין ברעסלוי, פון איציק אייכעלס ערשטער יידישער קאָמעדיע „ר׳ הענאָך, אָדער, וואָס טוט מען דאָמיט״, פון דער אַנאָנימער „די גענאַרטע וועלט״ („ אַ ווינדער שיין טעיאַטער שטוק עס אוז דר בעסטער שפּיגל אין דר וועלט אַז מען קוקט דרונון גוט אַריין זעהט מען זייער קלאָר און ריין וואָס עס טוט זוך און יענעמס האַרץ און מען לערנט דר פון אַז מען טאָר זוך נישט תמיד פר לאָזן אויף דעם פּנים, וואָרון אַמאָל איז דאָס עפּולו זייער שיין און אונוויינונג זיצט אַ בייזער וואָרום״), פון אָט די ערשטע, געוויס נאַאיווע, הגם שוין קערנדיקע שאַפונגען, ביז אַזעלכע רייפע ווערק ווי אַקסענפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט״, אָדער ווי דאָס עכטע מייסטערווערק פון שלמה עטינגער „סערקעלע״ (וואָס איז געוואָרן אַ גרויסע טעאַטער־געשעעניש אין דער אויפפירונג פון זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשעווער „צענטראַל״ אין 1923) — באַגעגענען מיר אַ גאַנצע רייע יידישע דראַמען און קאָמעדיעס.

צוגלייך מיט אַזעלכע פּיעסן, למשל, ווי לעווינזאָנס „די וויבערישע קניפּלעך״ און גאָטלאָבערס „דער דעקטוך, אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט״,

גייען אַרום, פון האַנט צו האַנט, טעאַטער־שפּילן פון מחברים וועמענס נעמען עס זיינען געבליבן אומבאַקאַנט. אַזוי, למשל, האָט דר. מ. ווייַנרייך אַנטדעקט אין 1928 און קאָמענטירט אין ערשטן באַנד פון „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע" (1930), דעם כתב־יד פון פיר אומבאַקאַנטע טעאַטער־שטיק פון מיטן 19טן יאָרהונדערט: „מאַנדריש, אָדער קאַראַקטערבילד דער יאַסער קויפמאַנשאַפט אים יאהרע 1858", „דער כל בוניק, אָדער דיא פערביסענע חתן כלה", „די דרייא שוועסטער קינדער" און „דער זיווג אָדער וואָס ס'איז באַשערט, דאָס איז באַווערט", אין 1946 ווידער האָט ד"ר ל. פוקס אַנטדעקט אין אַמסטערדאַם אַ כתב־יד פון אַן אַלטער יידישער קאָמעדיע פון סוף 18טן יאָרהונדערט „אַלס דער סוף איז גוט, איז אַללעס גוט", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די נומערן 1—4 „פאַריזער צייטשריפט" און דערשינען אין בוך־פאָרם אין פאַריזער פאַרלאַג „אויפסניי" אין 1954.

מ'קאָן משער זיין, אַז פיל אַנדערע יידישע טעאַטער־ווערק פון יענער תקופה זיינען בכלל צו אונדז נישט דערגאַנגען. לכל הדעות איז זיכער, אַז דער סצענישער נוסח (באַשטימט צו שפּילן, דורך ליבהאָבער־טרופּעס, אָדער בלויז צום לייענען) איז געווען זייער באַליבט און פאַרשפּרייט. הונדערטער כתב־ידן האָבן צירקולירט איבער גאַליציע, פּוילן, וואָלין און רוסלאַנד.

די דאָזיקע טעאַטער־ליטעראַטור איז, אין איר ווייט גרעסטן טייל, געווען אַ ליטעראַטור אַן אידייאיש־אַנגעלאָדענע, אַ קעמפערישע. אירע שאַרפסטע פיילן — סאַטירע, פאַרס — זיינען געווען געצילט קעגן די מיטלאַלטער־לעכע יידישע לעבנספאָרמען, קעגן אַבערגלויבן, פאַנאַטיזם, עם־הארצות, וואָס זייער בולטסטער אויסדרוק איז דאַן געווען, אין דער ערשטער ריי — דער חסידיזם. דעם ווילדן, פאַנאַטישן און צבועקישן חסיד, אָט דעם נעגאַטיוון העלד, איז תמיד אַנטקעגנגעשטעלט געוואָרן אַ פּאָזיטיווער העלד, וואָס האָט פאַרטראָטן די אידייען פון אויפקלערונג, די אידייען פון „דער הימלישער טאָכטער", די השכלה.

גאָלדפאַדן, אַליין אַ משכיל, האָט אָט די דראַמאַטישע ליטעראַטור, יעדנפאַלס דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל אירן, זיכער געקענט. ער האָט אַליין געהאַט אַנטיילגענומען, אַלס שילער פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, אין אַן אַמאַטאָרן־אויפפירונג פון ש. עטינגערס „סערקעלע", וואו ער האָט אַגב געשפּילט די הויפּט־ראָל. אין אָדעס באַפריינדעט ער זיך מיט ש. בערנשטיין, מחבר פון דער קאָמעדיע „ר' יאָכצי"; ער קומט אין פאַרקער מיט אַנדערע פּיעסן־שרייבער. איז דעריבער אויף אַזוי פיל מערקווירדיקער נאָך דער פאַקט, וואָס, ביז זיין קומען קיין יאַס אין 1876, איז גאָלדפאַדן געהאַט פאַרבייגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ זייט פונעם גאַנצן פאַרהעלטענישמעסיק רייכן דעמאָלטיקן יידישן דראַמאַטורגישן שאַפן און האָט פון אים נישט באַקומען קיין אַנרעגונג צו ווערן אַליין אַ דראַ־מאַטורג.

אין זיין פריער ציטירטן בריוו צום פאָלקס־זינגער און שפּעטערדיקן

שווישפּילער משה פינקעל, פון 4טן אָקטאָבער 1876, אין וועלכן גאָלדפאַדען טיילט מיט, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן „אויף אַלגעמיין פערלאַנגען" צוזאַמענ־שטעלן אַ טרופּע פון די בעסטע שווישפּילער און גרינדן אַ סטאַבילן יידישן טעאַטער אין יאַס, און ער איז שוין אַגב דערוויילט „צום דירעקטאָר", שטרייכט ער אונטער: „אויסער דעם, וואָס עס געפינען זיך ביי מיר יעצט די נייעסטע ליעדער, וואָס איך האָב די לעצטע צייט פערפאַסט, ווי אויך טהעאַטערע, וועלל איך איממער שרייבן נייס פיר דאָס טהעאַטער, און עס וועט זיין איינס אין דער גאַנצער וועלט, אויך פרויען־צימער וועלען אַנטהייל נעמען. איהר ווייסט געוויס, אַז יעצט איז פאַסט קיינער ניטאָ פון די שרייבער, וואָס זאָללען עטוואָס נייעס ליפערן, איבערהויפּט פאַר דער ביהנע און איך בין יעצט דער איינציקער, דאַרום רעכען איך, אַז ווען איר וועט ערהאַלטען דעם בריעף וועט איהר לאַנג ניט טראַכטען און אויגענבליקלעך קוממען צו מיר. נעבען מיר וועט אייך זיין וואָריי־מער... וויא איבעראַלל..."

אָט־דער בריוו, געשריבן שוין אין ספּעציפיש־„דירעקטאָרישן" נוסח, באַווייזט, אַז גאָלדפאַדען האָט אין זיינע טעאַטער־פּלענער אַריינגעגעבן אין גדן בעיקר די לעצטע־פאַרפאַסטע לידער זיינע, ווי אויך זיין גרייטקייט צו „ליפערן עטוואָס נייעס" פאַר דער בינע. עס רעדט זיך אמת אין בריוו אויך וועגן „טהעאַטערע", ד. ה. וועגן פּיעסן אָבער אויף אַ ביז גאָר נעפּלהאַפטן אופן און דאָס איז אַגב פאַרשטענדלעך: ערשטנס, האָט גאָלדפאַדען קיין „טהעאַטערע", אין מערצאָל, בכלל דאַן נישט פאַרמאָגט; צווייטנס, האָט זיין נאָמען — און במילא, דער צוטרוי, וואָס ער האָט געקאָנט דערוועקן ביי זיינע צוקונפטיקע שווישפּילער — זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויפן דערפאָלג פון זיינע לידער. נישט דער דראַמאַטורג האָט גאָלדפאַדענען גע־בראַכט צו טעאַטער־אונטערנעמונג און צום דירעקטאָר־קאַבינעט, נאָר דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט אים געבראַכט צו דראַמאַטורגיע.

**
*

אינעם יידישן טעאַטער־לעבן פון דער פאַר־גאָלדפאַדען תקופה לאָזן זיך מערקן — אין גרויסן און זייער אַלגעמיין גענומען — צוויי שטראָמען.

איין שטראָם, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון דער אַלטער, דורותדי־קער פּורים־שפּיל־טראַדיציע, איז, אַ דאַנק די סעקולאַריזאַציע־פּראָצעסן אינערהאַלב פון דער יידישער געזעלשאַפט און אונטער דער דירעקטער השפּעה פון דער השכּלה־ליטעראַטור, געפּלאָסן אין דער ריכטונג פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער בינע. דאָס איז דער „ליטעראַרישער" טעאַטער־שטראָם, וואָס, הגם זיינע ערשטע ווערק זיינען נאָך געווען — אָדער, לכל הפּחות, האָבן נאָך געהייסן — „פּורים־פּיעסן" (מ'האָט דאָך געמוזט זיך אָנ־שפּאַרן אויף אַ וועלכער־נישט־איז טראַדיציע, אַפילו בלויז כדי זי צו באַ־קעמפן), האָט ער אָבער אַלץ מער און אַלץ טיפער איינגעזאַפּט אין זיך די איינפלוסן פון דער דייטשער און פראַנצויזישער דראַמאַטורגיע, פון דער דייטשער בירגערלעכער פאַמיליען־דראַמע און פון דער פראַנצויזישער קאָ־

מעדיע. די וואָלפּואַנס, אײכלס, אָקסענפעלדס, עטינגערס, גאָטלאָבערס און אַנדערע פאָרשטייער פון אָט־דעם נוסח זײנען געװען די װאָרט־און פאַן־טרעגער פון אויפוואַכנדיקן יידישן בירגערטום אין זײַן קאַמף קעגן אָפּגע־לעבטן מיטלאַלטערלעכן שטייגער. היפּש דערווייטערט פון דער ברוינג־דיקער פאָלקסטימלעכקייט פון אמתער פּורים־שפּיל־טראַדיציע און אומ־איינהייטלעך בכלל אין זײַן באַציאונג צו דער פאָלקס־מאַסע, האָט דער מש־כילישער טעאַטער אָפט געזינדיקט מיט אויספעלן פון ספּאָנטאַנישקייט, וואָס וואָלט געװען מסוגל אים דערנענטערן צום פּשוטן פאָלק. ער האָט אַגב ניט געשטיצט זיך נישט אויף אַ סטאַבילער בינע, נישט אויף פּראָפעס־סיאָנעלע שוישפּילער. אויפפירונגען זײַנען געװען זעלטן — אַמאָל אין אַ פּורים טאָקע, אָדער סתם ביי אַ גוטער געלעגנהייט — און בלויז דורך אַמאַטאָרן. דאָס רוב זײַנען די פּיעסן געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און גע־לייענט געוואָרן דורך אַן עולם, וואָס מען קאָן אָפּשאַצן אויף פיל צענדליקער טויזנטער. גאָלדפאַדן, ווי געזאָגט, האָט צו דעם דאָזיקן טעאַטער־שטראָם נישט געהאַט כמעט קיין שום שייכות.

אַ צווייטער, פּאַראַלעלער שטראָם האָט געצויגן זײַן יניקה פון אַן אַנדערער, אויך אַלטער און דורותדיקער טראַדיציע — פון דעם יידישן מיטלאַלטערלעכן שפּילמאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער מאַרשעליק, פּראָפעסיאָנעלער פּאַרוויילער, דער בדחן, פאָלקס־דיכטער און פאָלקס־זינגער. דאָס איז געװען אַ קערנדיקער, גאַנץ־אָדער האַלב־פאָלקלאָרישער און אויס־געשפּראָכן המונישער טעאַטער־שטראָם. די פאַרקערפּערער זײַנע, דירעקט פאַר דער גאָלדפאַדן־תקופה, זײַנען געװען הן די פאָלקס־דיכטער גופא, ווי אליקום צונזער און ספּעציעל וועלוול זבאַרזשער, וועלכער פלעגט אין די קרעטשמעס, ביי צווײ אָנגעצונדענע ליכט, פאָרטראָגן זײַנע לידער (און אויך גאָלדפאַדן האָט, ווי מיר וועלן באַלד זען, געפּרוּווט מזל אויף דעם געביט), הן און בעיקר — די א״ג „בראָדער זינגער״.

דאָס אויפקומען פון די „בראָדער זינגער״ איז געבליבן נישט גענוי אויסגעפאָרשט. ס׳איז בלויז באַוואוסט, אַז אַרום די פערציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אין אייניקע שטעט פון גאַליציע, וואַר־שײַנלעך אַרום בראָד, באַוויזן אַ נײַער מין פאַרוויילער. דאָס איז נישט געװען דער בדחן, אָדער מאַרשעליק, וועלכן דער עולם פלעגט קומען הערן ביי ספּעציעלע פייערלעכע געלעגנהייטן, אויף שמחות פון אַ מער־וויניקער ריטועלן־כאַראַקטער. דער נײַער פאַרוויילער איז געװען אַ וועלט־לעכער זינגער, אַ לידל־זינגער, און שוישפּילער, וואָס פלעגט זיך גאַר אַראָפּלאָזן צו עמך, אין שענק אַרײַן, אין ווײַנקעלער.

אָט ווי עס דערציילט, אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע״ (ווילנע־ניו־יאָרק, 1930), אַ געוויסער ב. ווײַנשטיין זײַנע אייגענע זכרונות וועגן די „בראָדער זינגער״.

„איך געדענק״, שרײַבט ב. ווײַנשטיין, „ווי מײַן טאַטע האָט מיך, אַ יינגל פון אַ יאָר צען, איינמאָל אין אַ שבת צונאַכטס מיטגענומען אין

אַ ווײַנקעלער אויף דער פּיש־גאַס פֿון דער שטאָט אָדעס, וואו איך בין געבוירן געוואָרן.

„די דעמאָלטיקע אָדעסער ייִדן, דווקא די אָרעמע מענטשן, ווי די בעלי־מלאכות, אָנגעשטעלטע אָדער ווייצלערס, פֿלעגן שטאַרק ליב האָבן צו באַזוכן די ווײַנקעלערס, וואָס פֿלעגן דאַן זיך געפֿינען אין יעדער אָדע־סער גאַס און וואו גוטע משקה פֿלעגט זײַן גאַנץ ביליק. איך בין יענעם אָוונט נאָכגעלאָפֿן מײַן פֿאָטער אין יענעם קעלער, ווײַל איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט זינגען די בראָדער זינגער שיינע ייִדישע לידער און אַפֿטמאָל פֿלעגן זיי זיך פֿאַרשטעלן און שפּילן אַ קאָמעדיע.

„ווען איך מיטן טאַטן זײַנען אַרונטערגעקומען אין ווײַנקעלער, האָבן מיר דאָרטן געטראָפֿן אַ גרויסן עולם פֿון יוגנט און אַלטע מענער, וואָס זײַנען געזעסן בײַ לאַנגע פּראָסטע טישן און האָבן געטרונקען ווײַן און צוגעביסן — ווער ,קנישעס׳ און ווער ,וואַרעניקעס׳ אָדער גאָר געבראָטענע לעבערלעך. אויף אַלע טישן זײַנען געשטאַנען קריגלעך ווײַן. פֿון דעם רויך פֿון די פּאַפּיראָסן, וואָס דער עולם האָט גערויכערט, איז געווען אַ נעפּל אין דעם האַלב־טונקעלן גרויסן גרוב.

„מײַן טאַטע איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש. נישט ווײַט פֿון אונדז איז געשטאַנען אַזאַ מין הילצערנע פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר די זינגער און אַק־טיאָרשטשיקעס. דערבײַ זײַנען געזעסן אַ פּאָר ייִדישע קלעזמער און האָבן צוגעריפּעט.

„עס האָט נישט גענומען לאַנג און די קאָמעדיע האָט זיך אָנגעהויבן. אויף דער באַלעמער־פּלאַטפֿאָרמע זײַנען אַרויס דרײַ־פֿיר ייִדן, יונגעלײַט. פֿריער האָבן זיי געזונגען זאַלבעצווייט און שפּעטער סאָלאָ. מען האָט גע־זונגען מייסטנס ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואָס זײַנען שוין געווען פּאָפּולער בײַם עולם. די צושויער האָבן גענומען שטאַרק קלאַפּן און שרײַען: ,בראַוואָ׳ ,נאָך אַמאָל׳. די זינגער האָבן זיך נישט געפֿוילט און האָבן ווידער גע־זונגען. פּלוצלונג זײַנען צוויי פֿון יענע זינגער אַרויף אויף דער בינע פֿאַרשטעלטע — איינער אַלס קצב מיט אַ גרויסער באָרד און דער צווייטער, אַ גאַנץ יונגער בחור, אַלס זײַן אַרויסהעלפֿער. זיי האָבן גענומען שפּילן די קאָמעדיע.

„פֿון יענע צוויי אַקטיאָרשטשיקעס האָט דער ייִנגערער זינגער שטאַרק אויסגענומען מיט זײַנע לידלעך און קופּלעטן. דער עולם בײַ אונדזער טיש האָט געזאָגט וועגן יונגן זינגער, אַז זיי קענען אים: ער איז אַ פּאַפּיראָסנ־מאַכער.

„איך בין די גאַנצע צײַט געשטאַנען בײַ דער פּלאַטפֿאָרמע און האָב זיך אײַנגעקוקט אין דעם יונגן זינגערל. איך האָב אים מקנא געווען. ווען ער האָט געענדיקט זײַן זינגען, האָט דער עלטערער זינגער דערלאַנגט אים אַ טעלער, מיט וועלכן ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די טישן און יעדער האָט מיט פֿאַרגעניגן געוואָרפֿן מטבעות אין טעלער אַרײַן״.

אויף דעם זעלבן אופֿן, אין מער־ווייניק ענלעכע ווײַנקעלערס אָדער

קרעטשמעס פלעגן די „בראָדער זינגער" — איבער גאַליציע, רומעניע, דרום־רוסלאַנד, וואָלין און פוילן — זינגען יידישער לידער און, אָנהענגענ־דיק זיך באָרד־און פיאות, אָדער, נאָך פשוטער, אויסשמירנדיק זיך דאָס פנים מיט סאַזשע פון אַ פּראָפּן, פלעגן זיי — „שפּילן די קאָמעדיע".

וואָס איז געווען דער רעפּערטואַר פון די „בראָדער"? די פריער־ציטירטע זכרונות פון ב. וויינשטיין גיבן אונדז אַ תשובה דערויף: „מען האָט געזונגען מייסטנס יידישע פאָלקסלידער". דאָס איז בכן געווען אַ פאָלקלאָר־רעפּערטואַר, אָבער זיכער איז דער פאָלקלאָר־קערן וואָס ווייטער אַלץ מער אַרומגעוואַקסן מיט האַלב־פאָלקלאָרישע עלעמענטן, מיט די לידער פון די דעמאָלטיקע יידישע דיכטער (פאָלקס־דיכטער) אליקום צונזער, וועלוול זבאַרזשער, י. לינעצקי און טאָקע אברהם גאָלדפאַדן.

דאָס איז וואָס שייך דעם לידער־רעפּערטואַר, אָבער מיט וואָס פלעגט מען „שפּילן די קאָמעדיע"? אויך דערויף געפינען מיר אַ געוויסע תשובה אין די וויינשטיין־זכרונות. פון די „צוויי אַקטיאָרשטשיקעס", וואָס האָבן געשפּילט דאָס שפּיל פון „קצב מיט אַ גרויסער באָרד" און זיין אַרויס־העלפער, האָט דער יינגערער זינגער „שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע לידלעך און קופּלעטן". די „קאָמעדיע" איז, הייסט עס, געווען אַ מין מו־זיקאַלישע קאָמעדיע (מער אָדער ווייניקער מוזיקאַליש און בכלל — מער אָדער ווייניקער קאָמעדיע), וואָס איז אָדער באַשטאַנען אין גאַנצן פון „לידלעך און קופּלעטן", אָדער אין וועלכער דער זינג־טייל איז געווען צו־זאַמענגעבונדן מיט אַ גערעדטן, קאָמישן טעקסט.

גאָלדפאַדן אַליין דערציילט וועגן איינעם אַ „נומער" פון באַרימטן בראָדער זינגער ישראל גראָדנער, דעם שפּעטערדיקן ערשטן אַקטיאָר זיי־נעם. דער נומער איז באַשטאַנען פון אַ לידל „ערב יום־כיפור", אַ קאָמי־שער וויכוח צווישן אַ חסיד און אַ „דייטש", ד. ה. אַ משכיל. „דער פּראַק־טישער גראָדנער", דערציילט גאָלדפאַדן, „האָט שוין לאַנג איינגעזען, אַז ביי ערנסטע לידער פלעגט מייסטנס דער עולם איינשלאָפן. כדי צו באַלעבן דעם עולם, האָט דער חסיד מיט דעם דייטש געמוזט זיך גוט אָנזידלען מיט אַלע מיאוסע קללות, וואָס איז געקומען אין מויל אַריין — דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט. דערנאָך האָבן זיי זיך געמוזט צעפּאַטשן, דאָס הייסט, דער חסיד מיט דעם דייטש; און דער עולם האָט דערפאַר גע־פּאַטשט בראַוואָ! און נאָך דעם פּאַטשן האָט מען געמוזט שליסן מיט סענק; דער דייטש האָט געטאַנצט אַ חסידישן טאַנץ און דער חסיד אַ לוסטיקע רוסישע קאַמאַרינסקע — דאָס פּובליקום איז געווען אַנטציקט און באַ־פרידיקט".

הגם די געשיכטע פון די „בראָדער זינגער", ווי בכלל פון יידישן טעאַטער פון דער פאַר־גאָלדפאַדן־עפּאָכע, איז כמעט אינגאַנצן נישט אויס־געפאָרשט, איז אָבער דערלויבט משער צו זיין, אַז דער קאָמעדיע־רע־פּערטואַר פון די „בראָדער" האָט זיך ווייט נישט אויסגעשעפּט מיט אַזעלכע מינים דיאַלאָגירטע לידער. אין דעם גאַנץ־און האַלב־פאָלקלאָרישן טע־

אַמער־שטראָם האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען אויך שאַפונגען פון אויס־
געשפּראָכן דראַמאַטורגישער סטרוקטור, פּרימיטיווע זיכער, אָבער ביגע־
מעסיקע אין פולן זין פון וואָרט. ניט די מחברים, נישט די נעמען פון
די דאָזיקע טעאַטער־ווערק — וואַרשיינלעך סקעטשן, איינאַקטיקע קאָמע־
דיעס, אָדער אפשר גרעסערע פּיעסן — זיינען אונדז באַקאַנט. גאָלדפאַדן,
וואָס האָט זיי זיכער געקענט, פאַרשוויגט זיי אינגאַנצן אין זיינע זכ־
רונות. זיי האָבן אָבער בלי־ספק עקסיסטירט.

דער יידיש־רומעניש פובליציסט און היסטאָריקער משה שוואַרצ־
פעלד הייבט אָן זיין ערשטע רעצענזיע וועגן יידישן טעאַטער אין 1877,
ד. ה. בסך הכל אַ יאָר נאָכדעם, ווי עס איז אַנטשטאַנען דער גאָלדפאַדן־
טעאַטער, אויף פאָלגנדיקן אופן: „דריי יאָר אַן ערך, ווי ביי יידן אין
רומעניע זיינען אויפגעקומען עטלעכע טרופּעס, וואָס שפּילן פּיעסן אין דער
היינטיקער יידישער רייד־שפּראַך" (ציטירט לויטן אַרטיקל פון ישׂראל
בערקאָוויטש און שאָס־ראָמאַן: „80 יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע").

דער זעלבער היסטאָריקער משה שוואַרצפעלד שרייבט אין 1885:
„שוין איבער צוועלף יאָר זינט ס'האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, צום ערשטן
מאָל, די אַזוי גערופענע איזראַעליטישע טרופּעס, וועלכע פלעגן פאָרשטעלן
טעאַטראַלישע פּיעסן אין פאָלקסטימלעכן יידישן דיאַלעקט. די אונטער־
שטיצונג פון ברייטן עולם האָט מעגלעך געמאַכט, זיי זאָלן זיך אפילו
מערן און זייערע כוחות זאָלן וואַקסן". דער אָנהייב פון די „איזראַעליטישע
טרופּעס", ד. ה. פון יידישן טעאַטער פאַלט אַזוי אַרום אויס, לויט שוואַרצ־
פעלדן, בערך אין 1873, ד. ה. מיט דריי יאָר פאַר דער גרינדונג פון
דער גאָלדפאַדן־טרופּע.

אַ נייעם און ערשטראַנגיקן, ממש סענסאַציאָנעלן דאָקומענט וועגן
יענער צייט ברענגט די זאַמלונג „אַכציק יאָר יידיש טעאַטער אין רו־
מעניע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן בוקאַרעשטער יידישן מלו־
כה־טעאַטער צו די טעאַטער־יובל־פייערונגען אין דעצעמבער 1956.

דער דאָקומענט איז — די ערשטע נישט־יידישע רעצענזיע וועגן
יידיש טעאַטער אין רומעניע. דער מחבר פון דער רעצענזיע איז נישט
קיין אַנדערער ווי דער גרויסער רומענישער דיכטער מיכאַיל עמינעסקו.
אַ תושב פון דער רומעניש־יידישער שטאָט יאַס, האָט ער וואַרשיינלעך
פאַרשטאַנען יידיש. די רעצענזיע, פאַרעפנטלעכט אין נומער 93 פון דער
יאַסער רומענישער צייטונג „קוריערול דע יאַסי" פאַרן יאָר 1876, הייבט
זיך אָן אַזוי:

„טעאַטער־נאָטיצן. יידיש טעאַטער. אין אַ גאָרטן אויף דער גרויסער
גאַס האָט זיך געעפנט אַ קליינער זומער־טעאַטער, וואו מען שפּילט אין דער
יידישער שפּראַך [צעבראָכן דייטש]. די טרופּע וועלכע קומט פון רוסלאַנד
און באַשטייט פון בערך 16 פאַרשוין [אַלע מאַנסבילן], האָט אַ כאַראַק־
טעריסטישן רעפּערטואַר, וועלכער באַרירט נאָר דאָס שטוביקע און רע־
ליגיעזע לעבן פון די יידן. אַזוי האָט מען דאָנערשטיק, דעם 19טן אויגוסט

געשפּילט: 1) די וועלט ווי אַ גן־עדן [אַ סאַטיריש לידעלע]; 2) דער פֿאַרליבטער פֿילאָזאָף און דער אויפֿגעקלערטער חסיד [חבדניק], דיאַלאָג; 3) דער שווער מיטן איידעם; 4) פּישל דער באַלעגאָלע מיט זיין משרת סידאָר, קאָמעדיע. בנוגע די פּיעסן האָבן מיר וויניק וואָס צו זאָגן — זיי שטעלן מיט זיך נישט פֿאָר קיין גרויסן דראַמאַטישן ווערט, אָבער דאָס שפּילן פֿון די אַקטיאָרן איז געווען זייער גוט".

עמינעסקו באַשרייבט דאָן גענויער ווי אַזוי עס זיינען אויסגעפֿירט געוואָרן די באַזונדערע ראָלן פֿון די פּיעסן. וועגן איין אַקטיאָר זאָגט ער, אַז „מיר דאַרפֿן אים אָנערקענען פֿאַר אַ גרויסן טאַלאַנט". אַ צווייטן אַקטיאָר ווידער האַלט ער „פֿאַרן טאַלאַנטפֿולסטן פֿון דער גאַנצער טרופּע". ס'ווערט אויך נישט פֿאַרגעסן דער „דירעקטאָר פֿון דער טרופּע", וואָס „האָט אַ סימפּאַטישע שטימע [באַריטאָן] און אַן אָנגענעמע פֿיגור". די רעצענזיע ענדיקט זיך אַזוי: „די אַריעס זיינען יידישע און דאָס פּובליקום, וואָס באַשטייט צום גרעסטן טייל פֿון די אַקטיאָרנס גלויבנס־גענאָסן, אונטערהאַלט זיך גוט".

דער דאָזיקער דאָקומענט, וועמענס אויטענטישקייט עס קאָן קוים באַצווייפֿלט ווערן, דערלויבט צו מאַכן אַ רייע וויכטיקע פֿעסטשטעלונגען:

1) דעם 19טן אויגוסט 1876, אינעם טאָג ווען אַברהם גאָלדפֿאַדן איז געווען נאָך פֿאַרטאָן מיטן צוריקאויפֿלעבן זיין אונטערגעגאַנגענעם „איזראַעליטישעס פֿאָלקס־בלאַט" און האָט נאָך נישט געטרוימט אפֿילו — נישט אפֿשר וועגן קומען קיין יאַס און זיכער נישט צו ווערן „דער פֿאָטער פֿון יידישן טעאַטער", האָט שוין אין יאַס געשפּילט, און געוויס נישט צום ערשטן מאָל, אַן אויטענטיש יידיש טעאַטער.

2) ס'האָט זיך געהאַנדלט דאָ נישט וועגן אַ צווײ־פּיר „בראָדער־זינגער", נאָר וועגן אַן אמתער, פֿאַרהעלטענישמעסיק צאָלרייכער טעאַטער־טרופּע פֿון בערך 16 שוישפּילער, געקומענע קיין רומעניע פֿון רוסלאַנד און צווישן זיי — אייניקע זייער טאַלאַנטפֿולע.

3) די פֿאָרשטעלונג פֿון דאָנערשטיק, דעם 19טן אויגוסט, איז באַשטאַנען פֿון סאַטירישע לידער, דיאַלאָגן און אויך — פּיעסן. אַלץ, פֿון „שטוביקן און רעליגיעזן לעבן פֿון די יידן", ד. ה. פֿון שטייגעריש־סאָציאַלן כאַראַקטער. מען דאַרף אָננעמען, אַז די טרופּע, וואָס האָט וואַרשיינלעך געמוזט טוישן אָפֿט איר פּראָגראַם, האָט אין איר רעפּערטואַר פֿאַרמאָגט נאָך אַנדערע דיאַלאָגן און אַנדערע פּיעסן.

4) לשם קוריאָז דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָס פּובליקום אויף דער דערמאָנטער יידישער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג איז באַשטאַנען, לויט מיכאַאיל עמינעסקו, „צום גרעסטן טייל פֿון די אַקטיאָרנס גלויבנס־גענאָסן". אַנדערש געזאָגט, צווישן עולם זיינען געווען אויך אַ טייל נישט־יידן, רומענער, איינוואוינער פֿון יאַס, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען יידיש און זיינען געגאַנגען זיך ווײלן ביי יידישע אַקטיאָרן.

אַט דער ערשטראַנגיקער דאָקומענט באַשטעטיקט ענדגילטיק, אַז דער

פאָלקישער, גאַנץ־און האַלב־פאָלקלאָרישער שטראָם פון יידישן טעאַטער־לעבן האָט, נאָך לאַנג פאַר גאָלדפאַדענען, אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן זיך אין מאָדערנע טעאַטער־פאָרמען, הן וואָס שייך בינע און שוישפּילער, הן וואָס שייך רעפּערטואַר. די דראַמאַטורגיע פון אָט דעם טעאַטער־שטראָם, הגם נאָך אַ פּרימיטיווע און, לויט דער באַצייכענונג פון עמינעסקו, „אָן גרויסן דראַמאַטישן ווערט״, איז אָבער, מחמת איר אוממיטלבאַרן קאָנ־טאַקט מיט די פאָלקס־מאַסן, און איר סאָציאַל־שטייגערישן כאַראַקטער, געווען ביכולת צו אַנטוויקלען זיך און וואַקסן און דערנענטערן זיך אַלץ מער, הן קינסטלעריש, הן אידייאיש (אַגב, אידייאיש איז זי במילא גאָענט געווען) צו דער דראַמאַטורגיע פונעם צווייטן, פון „ליטעראַרישן״ טעאַטער־שטראָם. די צונויפגיסונג, דער סינטעז פון אָט דיביידע שטראָמען וואָלט געווען מסוגל צו שאַפן דעם געזונטן פונדאַמענט פאַר אַ פּולבלוטיקן, פּול־חערטיקן און דויערנדיקן יידישן טעאַטער.

***

דער היסטאָרישער אַנאַליז — זאָל זיין אַפילו בלויז אַן אויבנאויפ־קער — פון דער פאַר־גאָלדפאַדן־עפּאָכע דערלויבט אָפּצושאַצן, אויף אַן אופן, וואָס דערנענטערט זיך אַממערסטן, דוכט זיך, צו דער ווירקלעכקייט, די אויפטוען און פאַרדינסטן פון גאָלדפאַדענען ביי דער גרינדונג פון זיין טעאַטער.

די פאַקטן זיינען באַקאַנט. גאָלדפאַדן איז, אין סעפּטעמבער 1876, געקומען צו זיין צייטונגס־אַגענט און פריינט ליברעסקאָ קיין יאַס. „מיט דער האָפענונג — ווי ער שרייבט אַליין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — דאָרט אַרויסצוגעבן אַ יידיש בלאַט״. פון דער האָפענונג האָט זיך זייער שנעל אויסגעלאָזט אַ טייך און דער שריפטשטעלער איז געבליבן אָן קאָנקרעטע פּלענער אויף דער צוקונפט און — וואָס נאָך ערגער איז — אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. דאָ קומט אונטער אַן אינטערעסאַנטער פאָרשלאָג: אַ גע־וויסער שמעון מאַרק, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס אַ ווייַנקעלער אין יאַס און, ביים ווייַנקעלער, אַ גאָרטן מיט אַן עסטראַדע, פון וועלכער בראָדער־זינגער פלעגן אַלע שבת־צו־נאַכטס פאַרווייַלן דעם עולם, לייגט פאָר דעם באַליבטן פאָלקס־דיכטער אברהם גאָלדפאַדן ער זאָל אַליין בכבודו ובעצמו אויפטרעטן אין גאָרטן. דער האָנאָראַר, גאַנצע הונדערט פראַנק, אַ גאָר נישקשהדיקע מטבע פאַר יענער צייט, ווערט אויסגעצאָלט פאָראויס, ביזן לעצטן סאַנטים.

אין אָפּגערעדטן שבת־צו־נאַכטס לאָזט זיך גאָלדפאַדן, אַ פאַרפּוצטער אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט ווייסע „האַנטשו״ און אַ ווייסן קראַוואַט, צו שמעון מאַרקס גאָרטן, וואָס איז שוין איבערפולט. ער גייט אַרויף אויף דער עסטראַדע און הייבט אָן פאַרטראָגן זיין באַרימטע פּאָעמע „דאָס פּיג־מעלע ייד״. „איך האָב — דערציילט ער — דעקלאַמירט הויך, אָנגענעם, מיט עקסטאַז, לויט אַלע רעגלען דער דעקלאַמאַציאָנס־קונסט״. פּלוצלונג אָבער געשעעט עפּעס אַזוינס, אויף וואָס נישט שמעון מאַרק, נישט דער

פאָלקס־דיכטער גופא האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט ריכטן — דער עולם האָט אָנגעהויבן פייפן! אַזוי פייפן, אַז גאָלדפאַדן האָט קוים געפונען דעם וועג אַראָפּצוגיין פון דער עסטראַדע.

און אָט געשעט נאָך עפּעס, פונקט אַזוי אומדערוואַרט: דער בראָדער־זינגער ישראל גראָדנער, וואָס איז גראָד געשטאַנען ביי דער בינע און האָט גרויס עגמת־נפש געהאַט פון בזיון, וואָס זיין באַליבטער מחבר האָט אויס־צושטיין, גיט אַ כאַפּ אַרויף אַ קאַפּאָטע, שיך־און־זאָקן, אַ שטריימל מיט פּאות, שפּרינגט אַרויף אויף דער עסטראַדע און שרייט אויס: „איך וועל אייך פאַרזינגען אַ שיין ליד, „דאָס פריילעכע חסידל", פאַרפאַסט פון אונ־דזער באַרימטן פאָלקס־דיכטער אַברהם גאָלדפאַדן". און פון גאַנצן גאָרטן הייבט זיך תיכף אויף אַ גראַנדיעזע אָוואַציע לכבוד דעם באַרימטן פאָלקס־דיכטער.

„פון דעם שוואַרצן סוף, וואָס איך האָב געהאַט — דערציילט גאָלד־פאַדן אליין — איז אַרויס דער ליכטיקער אָנפאַנג צו אַ פריילעכער צוקונפט". דער דיכטער שטויסט זיך אָן פּנים לפּנים מיטן כוח פון סצענישער אויס־ווירקונג. דער „ליכטיקער אָנפאַנג" האָט זיך אמת באַוויזן נישט תיכף. אַ שטאַרק דערשלאָגענער פון זיין סצענישן דורכפאַל האָט גאָלדפאַדן געהאַט שוין באַשלאָסן זיך ווידער נעמען צו שרייבערייי, אָוועקפאָרן קיין בוקאַ־רעשט און דאָרט פּרוּוון אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג. אָבער דאָ איז דער שינען די פּראָווידענץ, אין געשטאַלט פון מאַדאַם ליבערעסקאָ, וועלכע האָט צום געוועזענעם און שיר־נישט־צוקונפטיקן רעדאַקטאָר זיך אָפּגערופן בזה הלשון: „מאָסיע גאָלדפאַדן, אין בוקאַרעשט איז שוין פאַראַן אַ יידישע בלאַט, שטאַרבט דער רעדאַקטאָר זיבן מאָל אַ טאָג פון הונגער. איר פאָלגט מיך בעסער, האַקט אָפּ פון דעם משוגעת. יידן פעלט אַ טעאַטער, נעמט זיך דערצו. איך מיין יידיש טעאַטער, אַקוראַט ווי ביי די גויים".

דורכן מויל פון מאַדאַם ליבערעסקאָ האָט בפירוש גערעדט דער שכל־הישר אליין. געוויס אָבער האָט דער דאָזיקער פאָלקס־פּרוי נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז מיט איר עצה, וואָס האָט וואַרשיינלעך זיך געשטיצט אויפן דערפאָלג פון דורך מיכאַאיל עמינעסקו דערמאָנטן יידישן טעאַטער אין יאַס — וועט זי אַריין, פלוצלונג און אומגעריכט... אין דער יידישער קולטור־געשיכטע. אַזוי און נישט אַנדערש איז עס אָבער געשען.

ליבערעסקאָ דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז גאָלדפאַדן, וואָס איז בעת דעם שמועס געשטאַנען אין צילינדער, מיטן שטעקן אין האַנט, האָט פּלוצ־לונג אויסגעטאָן דעם הוט, אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן און זיך אָנגערופן: „איר ווייסט, ליבערעסקאָ, אייער וויב האָט מיר געגעבן אַן אידייע! מען וועט שאַרן „באַפּאַלעאַנס" מיט לאָפּעטעס!"

די אידייע וועגן גאָלדפאַדן־טעאַטער איז געבוירן געוואָרן! געבוירן אַ באַשטראַלטע מיט דער וויזיע פון... שאַרן גילדערנע רענדלעך — „באַפּאַ־לעאָנס" — מיט לאָפּעטעס. ס'איז בלי שום ספק, אַז די דאָזיקע וויזיע האָט געמוזט באַווירקן דעם כאַראַקטער פונעם ניי־געבוירענעם קינד.

גאָלדפאַדן באַקומט פלוצלונג זיין אמתן תיקון. ער ווערט „ערוויילט" — ד"ה ער דערוויילט זיך אַליין, נאַטירלעך — „צום דירעקטאָר" פון דעם טעאַטער, וואָס עקזיסטירט נאָך דערווייל בלויז אין זיין צעשפּילטער פאַנ־טאַזיע. באַלד אָבער ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַן ערשטראַנגיקן אָרגאַני־זאַטאָר. ער ווערט־בירט שוישפּילער, ער פאַרפאַסט בינע־טעקסטן, ער איז דער רעזשיסאָר, דער מוזיקער, דער סופלאָר, דער אַדמיניסטראַטאָר, דער „פּובליסיטי"־אַגענט און איבער אַלץ — דער דירעקטאָר.

פאָרשטעלונגען ווערן געגרייט איבערגנאַכט, מען שפּילט אין פינצטערע לעכער, ס'איז אָפט נישטאָ אויף הוצאות צו פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ס'טרעפט, מען מוז אַנטלויפן שטילערהייט פון בעלי־חובות, אָבער גאָלדפאַדנס ברען ווערט נישט אָפּגעשוואַכט, זיין ענערגיע צעברויזט זיך אַלץ מער. זייער שנעל, אין קוים עטלעכע חדשים, ווערט דער חלום פאַר־וואַנדלט אין וואָר. די גאָלדפאַדן־טרופּע, וואָס איז זיך שטאַרק פונאַנדער־געוואַקסן, קומט קיין בוקאַרעשט און... הייבט אָן שאַרן „גאַפּאַלעאַנס".

באַלד דערשיינען אַנדערע טרופּעס, וואָס צעשפּרייטן זיך איבער גאַנץ רומעניע, דרום־רוסלאַנד און פּוילן, לאָזן זיך אַוועק קיין ענגלאַנד און — ספּעציעל נאָכן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד — אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מען שפּילט שוין אין גרויסע, מאָדערנע טעאַטער־זאַלן, מיט בלענדנדיקע דעקאָראַציעס און גרויסע אָרקעסטערס. די אויס־טערלישע עפּאָפּייע פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן.

***

דער גאַנצער געשיכטלעכער מאַטעריאַל וועגן דער גאָלדפאַדן־עפּאָכע לאָזט זיך איינטיילן אין צוויי שטאַרק אומגלייכמעסיקע טיילן: פון איין זייט — אויטענטישע דאָקומענטן, צום באַדויערן זייער ניט קיין צאָל־רייכע; פון דער צווייטער זייט — גאָלדפאַדנס אויטאָביאָגראַפיע און פאַר־שיידענע אויטאָביאָגראַפישע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, צו וועלכע מען מוז אָבער זיך באַציען זייער פאָרזיכטיק, מחמת זיי זיינען ביז גאָר... „טע־אַטראַליזירט" און צוגעשמינקט.

דעם תמצית פון גאָלדפאַדנס סאַמע ערשטע טעאַטער־פּלענער געפינען מיר אין זיין שוין פריער ציטירטן בריוו צו משה פינקעל, פון 4טן אָקטאָ־בער 1876. די פּלענער זיינען: ערשטנס — „צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע פון די בעסטע אַרטיסטן" (גאָלדפאַדן רעדט ניט וועגן גרינדונג פון יידיש טעאַטער, דאָס וואָלט געווען לעכערלעך אין דער צייט, ווען צאָלמעסיק־גרויסע יידישע טרופּעס האָבן געשפּילט טעאַטער, שוין פון לאַנג מסתמא), צווייטנס — זיין טרופּע „איינאָרדענען איראָפּעאיש, ווי עס איבעראַלל", דריטנס — אויפבויען אין יאַס אַ סטאַבילן יידישן טעאַטער און פערטנס — מאַכן פונעם דאָזיקן טעאַטער „איינס אין דער גאַנצער וועלט, אויך פרויען צימער וועלן אָנטייל נעמען".

צי גאָלדפאַדנס שוישפּילער זיינען טאַקע געווען „די בעסטע אַרטיסטן", איז שווער צו זאָגן (מיכאַאיל עמינעסקו דערציילט דאָך וועגן שטאַרק טאַ־

לענטירטע אַקטיאָרן פון דער יאָסער פּאַר־גאָלדפאַדן־טרופּע אין אויגוסט 1876); אַז דער פּלאַן אויפצובויען אַ סטאַבילן טעאַטער אין יאַס איז דורכ־געפאַלן, ווייסן מיר אויף זיכער. דערפאַר איז אָבער גאָלדפאַדענען געלונגען צו פאַרווירקלעכן אַן אַנדער טרוים זיינעם — צו מאַכן זיין טעאַטער „איי־ראָפּעאיש, ווי איבעראַל" און אַפילו „איינס אין דער וועלט" און טאַקע מחמת דעם, וואָס ס'האָבן אין אים אָנטייל גענומען... „פּרויען־צימער".

דאָס איז אין יידישן טעאַטער געווען אַ מין רעוואָלוציע. אין מיטל־אַלטער און ביים אָנהייב פון דער נייער צייט זיינען צווישן די יידישע שפּילמענער און פּראָפעסיאָנעלע פאַרוויילער („נאַרן", לצים א"א) גע־ווען זיכער אויך פרויען. אין דער באַקאַנטער יידן־רשימה פון פּראַג, אין 1546, געפינען זיך 4 פּראָפעסיאָנעלע „נאַרן" („בלאַזען" אויף טשעכיש), צווישן זיי איינע אַ פרוי, רויזע, די „נאַרישע ווייב". במשך פון זיבעצנטן, אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט, איז אָבער די יידישע פרוי אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער שוישפּיל־ און פאַרוויילונג־פּראָפעסיע. יידיש טעאַטער האָבן געשפּילט בלויז מענער, אויך די פרויען־ראָלן. צווישן די בראָדער־זינגער איז נישט געווען קיין איין פרוי. די טרופּע פון זעכצן פּערזאָן, וועגן וועלכע עס שרייבט עמינעסקו איז באַשטאַנען בלויז פון מענער.

געוויס איז דער אינערלעכער עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס פון דער יידישער געזעלשאַפט געווען שוין אויף אַזוי פיל רייף, אַז בלויז איין שטויס האָט געפעלט כדי אומצואוואַרפן דורותדיקע צוימען. אָבער דער דאָזיקער שטויס איז געקומען פון אַברהם גאָלדפאַדן און דאָס איז זיכער איינער פון זיינע אומצווייפלהאַפטע קולטור־היסטאָרישע פאַרדינסטן.

אויף אַ בליץ־שנעלן אופן, אין קאָרגע עטלעכע חדשים, איז דאָס יידישע טעאַטער געוואָרן, וואָס שייך דעם שוישפּילער־צוזאַמענשטעל, באמת „איי־ראָפּעאיזירט". דאָס באַוויזן זיך פון דער יידישער פרוי אויף דער בינע האָט נישט בלויז צוגעגעבן דעם טעאַטער אַ כאַראַקטער פון עכטקייט, וואָס עס האָט ביז דאַן ניט פאַרמאָגט, נאָר גלייכצייטיק מיטגעהאָלפן ברייטער צו עפענען פאַר דער יידישער פרוי בכלל די טירן פון צושויער־זאַל. די אויס־ברייטערונג פון דער טעאַטער־באַזוכערשאַפט, אַ באַלדיק־ווירקלעכע אָדער בלויז פּאָטענציעלע, דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן צו גאָלדפאַדנס פאַר־דינסטן.

אין וואָס פאַר אַ ריכטונג האָט גאָלדפאַדן אָנגעהויבן קערעווען זיין ניי־געשאַפענע טרופּע? אין וואָס פאַר אַ טעאַטער־שטראָמען האָט ער זיך געלאָזט שווימען? ס'זיינען ניט פאַרבליבן קיין שום דאָקומענטן וועגן דער סאַמע ערשטער תקופה פון גאָלדפאַדן־טעאַטער (אָקטאָבער 1876 — אַפּריל 1877), בעת וועלכער דער דירעקטאָר מיט זיינע עטלעכע אַקטיאָרן האָבן זיך אַרומ־געשלעפּט, אויף גרויסע צרות, איבער באָטאָשאַן, גאַלאַץ און בראַילאַ. די בינע־טעקסטן, וואָס גאָלדפאַדן האָט דאַן געשאַפן, האָט ער אַליין שפּעטער באַצייכנט ווי „אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ קאָלאָטוכע" און מסתמא איז עס אַזוי געווען.

דער באַרג־אַרויף פונעם גאָלדפֿאַדן־טעאַטער הייבט זיך אָן פֿרילינג 1877, אין בוקאַרעשט, און פֿון דער דאָזיקער צייט האָבן זיך אויפֿגעהיט אַפֿישן.

דאָנערשטיק, דעם 23טן יוני 1877, האָט די „באַרימטע יידישע טרופּע" „אונטער דער דירעקציאָן פֿון א. גאָלדפֿאַדן" (דער טיטל איז דערווײַלע נאָך אַ באַשיידענער) געשפּילט פֿאָלגנדיקן פּראָגראַם: ערשטער טייל — „דעם זייגערמאַכערס קאַפּעלוש", קאָמעדיע אין איין אַקט מיט געזאַנג; צווייטער טייל — „די געפּערלעכע שכנים", מעלאָדראַמע אין איין אַקט מיט געזאַנג; דריטער טייל — „דער קנעפּל־פֿאַבריקאַנט", מעלאָדראַמע אין איין אַקט. דער אַפֿיש, אויף וועלכן ס'זיינען אויסגערעכנט נאָמענטלעך צען שוישפּילער, און צווישן זיי דריי פֿרויען, זאָגט אָן דעם עולם, אַז „די ראָלע פֿון דעם קנעפּל־פֿאַבריקאַנט וועט שפּילן דער באַרימטער שוישפּילער און זינגער הער דאַווידאָוו, ער וועט אויך זינגען יידישע, רומעניש, דייטשע און פֿראַנצויזישע שאַנסאָנעטן".

אַ צווייטער אַפֿיש איז מודיע די בוקאַרעשטער יידן, אַז דינסטיק דעם 9טן אויגוסט, וועט „אונטער דער דירעקציאָן דעס פֿיעל בעריהמטען יודישן פֿאָלקסדיכטער הער א. גאָלדפֿאַדן (דער טיטל האָט זיך אויס־געברייטערט), געגעבן ווערן: „דאַס בינטל האָלץ", „שוסטער אונד שניי־דער", „דער לעבענדיקע טאָטע" (ד. ה. דער לעבעדיקער מת).

אַ דריטער אַפֿיש גיט צו וויסן, אַז דאָנערשטיק דעם 25טן אויגוסט „אין בענעפֿיס פֿון דיעזער פֿיעלבעליבטן יודישן דיכטער אונד דראַמאַטיק ה"ר א. גאָלדפֿאַדן (דער טיטל האָט זיך שטאַרק צעבליט) ווערט געגעבן „די מימע סאָסיע, קאָמעדיע אין פֿינף אַקטן פֿאַרפֿאַסט פֿון א. גאָלדפֿאַדן. אויסערדעם וועט ה' גאָלדפֿאַדן דעקלאַמירן זיינע נייע פֿאַרפֿאַסטע גע־דיכטע: 1) דער הימל שפּאַלט זיך, 2) לאַמפּיטסקי און אָסטרימסקי, 3) לעבען זאָלל טאַקע דער יודישע קאָפּ".

ס'איז געננוג צו פֿאַרגלייכן אָט דעם גאָלדפֿאַדן־רעפּערטואַר מיטן רע־פּערטואַר פֿון דער פֿאַר־גאָלדפֿאַדן־טרופּע, און ספּעציעל פֿון דער פֿאַר־שטעלונג פֿון 19טן אויגוסט 1876, וועלכע עס האָט רעצענזירט עמינעסקו, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז מיר האָבן דאָ איין און דעם זעלבן טעאַטער־נוסח. איןביידע פֿאַלן באַשטייען די פֿאַרשטעלונגען פֿון איינאַקטיקע מוזיקאַלישע קאָמעדיעס און פֿון לידער (גאָלדפֿאַדן רופֿט זיי עפֿעקטפּולער — שאַנסאָנעטן).

דאָס טעאַטער „איינס אין דער וועלט" איז פּאַקטיש אַ המשך פֿון פֿריערדיקן פֿאָלקישן טעאַטער־שטראָם, מיט אַלע מעלות פֿון זיין פֿאָלקיש־קייט און אַלע חסרונות פֿון זיין פּרימיטיווקייט. אַנדערש האָט עס אַגב נישט געקאָנט זיין, מחמת בלויז די ברייטע פֿאָלקס־באַזע איז געווען מסוגל צו פֿאַרזיכערן דעם דערפֿאָלג פֿון אָט דער אומבאַדינגט־קאָמערציעלער אונטערנעמונג, וואָס עס האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטעלן מיט זיך דאָס גאָלד־פֿאַדן־טעאַטער. דער דירעקטאָר אַברהם גאָלדפֿאַדן האָט, ביים אָנהייב פֿון

זיין קאַריערע, נישט געפּרוּווט זיך אויפהויבן אויף אַ האָר העכער פון זיין „פּיל געערטעס פּובליקום".

אין אָט די באַדינגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן גאָלדפאַדנס אַ צאָל פּיל־אַקטיקע פּיעסן, פון וועלכע די ערשטע איז געווען — „שמענדריק".

אויף די עלטערע יאָרן (אויטאָביאָגראַפישער אַרטיקל „פון שמענדריק" ביז „בן־עמי" פון 1907), אונטערציענדיק דעם סך־הכל פון זיין שאַפן, פּרוּווט גאָלדפאַדן אויפקלערן פאַרוואָס אים, דעם הויך־געבילדעטן מאַן, וואָס האָט „צו עלף יאָר אָנגעשריבן אַ העברעאישן שיר און געקענט תנ"ך כמעט אויסנווייניק", אים, וואָס האָט „דורכגעלייענט די גאַנצע יידישע געשיכטע פון ד"ר יאָסט", איז „דורכגעגאַנגען כמעט די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור, ווי גאָגאָל, גריבאָיעדאָוו, אָסטראָווסקי אאַ"וו און איז „אײַ־בערגעלעגן אין די פּוילישע און רוסישע טהעאַטערע" — פאַרוואָס אים איז „עפּעס גאָר איינגעפאַלן אַ מין „שמענדריק".

דער תירוץ, זאָגט גאָלדפאַדן, איז: „עבדים היינו!" „איך בין געווען אַ שקלאַפע פון די אומשטענדן פון דער צייט, פון די דעמאָלטיקע טעאַ־טער־באַזוכער און די רויען קרעפּטע".

און גאָלדפאַדן קלערט אויף באַריכות: „געבוירן אין רוסלאַנד, שטודירט אין רוסלאַנד", האָט אים, נאָך אַלס יונגנמאַן „אויך באַהערשט דער רוסישער קולטור־גייסט", דער גייסט פון געבילדעטן רוס, וואָס פאַ־דערט, אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי אין טעאַטער, „ערנסטע נאַטור־טרייע לעבנסבילדער" און „פאַרדאַמט יעדע איבערטרייבונג און באַלאַ־גאַנשטשינע".

„ווען איך האָב אָנגעפאַנגען צו שרייבן פאַר דער יידישער בינע — דערציילט גאָלדפאַדן — האָבן איך אויך געוואָלט גיין אויף דעם זעלבן וועג, ווי מיינע לאַנדסלייט, און האָב פּרובירט אָנצושרייבן צוויי נאַטור־טרייע לעבנסדראַמען (פון וועלכע איך וועל אַמאָל ריידן)".

נאָר וואָס זשע דען?

„וואָלט מיר געהאַט געווען באַשערט צו גרינדן דאָס טעאַטער אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען דאָ פּיל מבינים אויף וואָרע דראַמען, וואָלט עס מיר געגעבן מוט צו אַרבעטן פאָרווערטס אויף דעם זעלבן זשאַנער און עס וואָלט גאָר אַן אַנדער רעפּערטואַר באַשאַפן געוואָרן, דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, איך זאָל לייגן דעם גרונדשטיין פון דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, אין אַ לאַנד און פאַר אַ פּעבל, וואָס צוריק מיט דרייסיק יאָר האָט עס נאָך קיין באַגריף געהאַט פון טעאַטער־ליטעראַטור... פאַר אַן עולם, וואָס זיין גאַנצע פּיזישע און גייסטיקע נאַרונג איז באַשטאַנען אין אַ גוט גלעזל דאַראַבעטשער וויין און אין יידישע „לידלעך" — און ווען איך האָב אויפגעפירט מיין ערשטע לעבנסדראַמע ריין, אָן קאָמיקער, אָן געזעענגע, זענען מאַנכע פון פּובליקום צו מיר אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און מיך אַפּאָסטראָפירט מיט פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „מיר קומען נישט אין טעאַטער מען זאָל אונדז אָנווייגען אַ קאָפּ!

מיר האָבן אונדזערע אייגענע צרות אין דער היים פון ווייב און קינדער! מיר קומען אין טעאַטער, איר זאָלט אונדז אונטערהאַלטן און פאַר אונדזער פראַנק ווילן מיר איר זאָלט אונדז פריילעך מאַכן און מיר זאָלן זיך גוט אָנלאַכן!"

מיר האָבן דאָ, ביי גאָלדפאַדענען, אַ מוסטער נישט בלויז פון ראָמאַנ־סירטער אויטאָביאָגראַפיע, נאָר אויך פון סובלימירטער טעאַטראַליזאַציע.

גאָלדפאַדן האָט — אפשר טאַקע בלויז פּרובירט — אָבער קיינמאָל ניט אָנגעשריבן קיין „צוויי נאַטור־טרייע לעבנסדראַמען". און ער האָט במילא ניט געקאָנט אויפפירן — און האָט טאַקע קיינמאָל ניט אויפ־געפירט — „זיין ערשטע לעבנסדראַמע ריין, אָן קאָמיקער און אָן געזעענגע". דעריבער טאַקע האָבן „מאַנכע פון פּובליקום" נישט געקאָנט אים „אָפּאָ־סטראָפּירן" פאַרן „אָנווייגען אַ קאָפּ".

ביז גאָר „צוגעשמינקט" איז אויך דער ענין פון „עבדים היינו" אין... רומעניע. די אחריות פאַר זיין אָנהייב־רעפּערטואַר (אין דעם רעכנט ער וואַרשיינלעך אַריין נישט בלויז „שמענדריק", נאָר אויך „די כשופמאַכע־רין", „בי בע ני מע" און „דיביידע קוני לעמלס") לייגט גאָלדפאַדן אַרויף אויף „דאָס יידישע פעבל אין דער מאָלדוי", אויפן גערדיכטן רומעניש־יידישן עולם, וועמענס „גייסטיקע נאַרונג איז באַשטאַנען אין אַ גוט גלעזל דראָגבעטשער ווייַן און אין יידישע „לידלעך".

דער היסטאָרישער אמת זעט אויס, אויך אין דעם פאַל, צו זיין אַן אַנדערער. דאָס גוטע גלעזל ווייַן און די יידישע לידלעך זיינען געווען כאַ־ראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַרן יידישן „פעבל" אין רומעניע (מעגלעך, אַז דאָרט, אינעם לאַנד פון זאַטקייט, אפשר מער ווי ערגעץ־אַנדערש), נאָר — ווי מיר האָבן עס פריער געזען — פאַר אַ געוויסער פאָרם פון יידישן טעאַטער־לעבן בכלל, הן אין רומעניע, הן אין רוסלאַנד, הן וואַרשיינלעך אומעטום. דאָס איז געווען דער בראָדער־זינגערישער, דער פאָלקישער טעאַטער־שטראָם מיט וועלכן גאָלדפאַדן איז געווען פאַרבונדן נאָך אַלס פאָלקס־דיכטער, דורך זיינע לידער, וועמענס פאָרזעצער ער איז געוואָרן שפּעטער אַלס דראַמאַטורג, און אויף וועמענס מאַסן־באַזע ער האָט זיך געשטיצט, אַלס טעאַטער־דירעקטאָר.

דער דאָזיקער רעפּערטואַר האָט געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג ביים „פעבל" אין רומעניע, ווי אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, ענגלאַנד און אַמעריקע. ס'איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז פּונקט דעם זעלבן רעפּערטואַר וואָלט גאָלדפאַדן געשאַפן זייענדיק נישט בלויז אין בוקאַרעשט, נאָר אין אָדעס, צי אין בראָד, וואו עס זיינען שוין יאָ געווען „מבינים אויף וואַרע דראַמען", פּשוט דערפאַר ווייל פאַר די דאָזיקע מבינים האָט ער אויך פריער קיינמאָל נישט געפּרוווט צו פאַרפאַסן „וואַרע" ד"ה ליטעראַרישע, „נאַטור־טרייע" פּיעסן.

מער נאָך. גאָלדפאַדן ווי אַ דראַמאַטורג איז אַמווערטפולסטן גראָד דאַן, ווען ער בלייבט אין דער טראַדיציע פון אָט דעם דאָזיקן טעאַטער־

שטראָם — אין דער טראַדיציע פון עכטער פּאָלקישקייט, פון פּאָלקס־טימלעכן קאָמיזם, פון פּאָלקס־גראָטעסק, פון סאַציאַל־שטיגערישער סאַטירע. דאָ געהערן די געלונגענסטע געשטאַלטן זיינע אַזעלכע ווי האָצמאַך למשל, דאָ איז אַגב אויך דער קוואַל פון אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו ביי גאָלדפאַדענען, אויך פון זיין רוף: „שטיי אויף מיין פאָלק, וואַך אויף פון דיין דרימל״. דאַרט דאַקעגן וואו, אַנשטאָט אָט דעם פּאָלקישן טעאַטער־שטראָם צו פאַרטיפן און לויטערער מאַכן, לאָזט זיך גאָלדפאַדן אַוועק צו דער נאַציאָנאַל־באַמבאַסטישער הויך־פילאָזאָפיע פון „ד״ר אַלמאַסאַדאַ״ אָדער „רב יאָזעלמאַן״, ווערט ער תּיכּף פלאַך און אומאינטערעסאַנט.

עפּעס ענלעכעס איז אויך מיט גאָלדפאַדנס ביבלישע פּיעסן. אַ ממשות, ביי זייער גאַנצער פּרימיטיוויקייט, פאַרמאָגן בלויז די, וואָס האָבן, מיט זייער ערלעכער נאַאיוויטעט און פשטות, אויסגעדריקט די תּמימותדיקע פּאָלקס־פאַנטאַזיע. אַלע אַנדערע (און דאָס איז די מערהייט) האָבן אַדאַנק זייער צעכראַסטעטער באַדינגלעכקייט און ביליקער עפעקטן־זוכעריי געעפנט ברייט דעם וועג פאַר כּל המינים שונד־מייסטער.

דאָס גאָלדפאַדן־טעאַטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין היסטאָרישן וועג ווי דער פאַרזעצער פון אַ געזונטער פאָלקישער טעאַטער־טראַדיציע האָט, אַנשטאָט צו דערנענטערן זיך צו דער שכנותדיקער, „ליטעראַרישער״ טעאַטער־טראַדיציע, אַלץ מער פון איר זיך דערווייטערט. באַלד איז עס אַריין אינגאַנצן אין אַ טעמפּן ווינקל און גאָלדפאַדן אַליין איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין אייגענעם טעאַטער, דורך זיינע אייגענע שוישפּילער.

אינעם דורכפאַל פון גאָלדפאַדן דעם טעאַטער־קינסטלער האָט אפשר נישט קיין קליינעם חלק גאָלדפאַדן דער טעאַטער־דירעקטאָר. פון גאָלדפאַדנס לייכטער און געשיקטער האַנט איז אַרויס אַ נוסח — אַ נוסח פון פּאַראַנדקעס, פון אַפּישן, פון אַנאָנסן, פון פעסטער היעראַרכיע. אויף אַן אַפּיש פון יענער צייט שטייט גאָלדפאַדן פאָטאָגראַפירט מיט אַ ברייטן באַנד איבער ברוסט־און־אַקסל און אויפן באַנד זיינען אָנגעהאַנגען פּולימעדאַלן און שטערנס פון פאַרשיידענע גרויס און פאָרם. דאָס האָט זיכער געדאַרפט דערוועקן גרויס דרך־ארץ. ס׳פעלט חלילה קיינמאָל נישט „אונטער דער דירעקציאָן דעס פּילבערימטען״, עס שיטן זיך בענעפיסן און פייערלעכע ווענדונגען צום „זעהער געערטען פּובליקום״. בעת די געשעפטן גייען גוט, איז דאָס קערבל אַ ממזר, אָבער פונדעסטוועגן טרעפט, אַז מען פאַרגעסט אויסצאָלן גאַזשע די אַקטיאָרן. גאָלדפאַדנס שילער און קאָנקורענטן האָבן דעם נוסח נאָך פאַרפולקומט און אַרויסגעקומען איז דער באַקאַנטער פיף־פאַף־דירעקטאָר־טיפּ פון ידישן טריאַטער, וועמענס איינציקער קוקווינקל — צו דער בינע איז — דאָס קאַסע־פענצטערל.

און דווקא האָט גאָלדפאַדן געוואָלט זיין דירעקטאָר, נישט אַנדערש ווי דירעקטאָר. בעת ער איז געקומען צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק,

אין 1887, האָט ער געמאָלדן בקול רם, אַז ער וועט אין קיין פרעמדן טעאַ־טער נישט גיין, ער מוז האָבן זיין אייגן טעאַטער. האָבן די אַקטיאָרן זיך דערשראָקן און פאַרשטרייקט, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, ביז גאָלד־פאַדן איז איינגאַנצן פון טעאַטער געוואָרן באַזייטיקט. און כאַראַקטעריס־טיש: פונקט ווי אין 1876 האָט דער פריש־„ערווייטער" טעאַטער־די־רעקטאָר גאָלדפאַדן גורם געווען דעם פונאַנדערבלי פון דראַמאַטורג גאָלד־פאַדן, פונקט אַזוי איז דער סוף פון גאָלדפאַדנס קאַריערע אַלס טעאַטער־אונטערנעמער צונויפגעפאַלן מיט דער פאַרוועלקונג און ביסלעכווייזן אָפּשטאַרבן פון זיין דראַמאַטורגישן שאַפן.

נאָך אַ יאָרצענדליק פון רוישיקן, בלענדיק־פילפאַרביקן און רייכן טעאַטער־לעבן קומען אָן פאַר גאָלדפאַדענען טראַגישע יאָרן פון עלנט, איינזאַמקייט און נויט. ער איז אַט־אויפסניי ציישונג־רעדאַקטאָר, אַט — ווידער טעאַטער־ אונטערנעמער, אַט אין אייראָפּע (פּוילן, רוסלאַנד, גאַ־ליציע, רומעניע, פראַנקרייך), אַט אין אַמעריקע. ער פירט אַרום איבער דער וועלט זיינע וויזיט־קאַרטן און ווערט אַליין באַלד אַ מין וויזיט־קאַרטע.

„גרינדער דעס איזראַעליטישן טהעאַטער", „פאָטער פון דער יידישער בינע". איז ער עס באמת? אי יאָ, אי ניין.

ניין — ווייל נישט בלויז דער פונדאַמענט, נאָר אויך די גרונט־זיילן פון יידישן טעאַטער־בנין זיינען שוין געווען אויפגעבויט נאָך איידער גאָלדפאַדן האָט געשאַפן זיין טרופּע. ס'איז שוין געווען טעאַטער, אמת און פראָפעסיאָנעל יידיש טעאַטער, מיט שוישפּילער, מיט אַ צושויער־עולם, מיט בינע און רעפּערטואַר.

אָבער דאָך — יאָ, ווייל אַט דעם פרימיטיוון, אומזיכערן און פּראָווי־זאָרישן טעאַטער־געצעלט, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אויפן ראַנד פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און איז אויסגעשטעלט געווען אויף אַלע ווינטן און שטורעמס, האָט גאָלדפאַדן באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסער אינסטיטוציע, וואָס האָט באַלד פאַרנומען אַן אָרט אויבן אָן ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט פון יידישן לעבן.

ס'איז ווייניקער וויכטיק, צי גאָלדפאַדן האָט זיין טעאַטער געבויט מיטן געדאַנק — ווי ער האָט שפּעטער הייליק געשוואוירן — צו שאַפן פאַרן פאָלק אַ שול און אַ היכל פון קונסט, אָדער גאָר צי איז די דאָזיקע מליצה נישט מער, ווי אויסדרוק פון ג בוכוואַלד, ווי „פּאָזע און אָנ־שטעל". אפילו אויב סוביעקטיוו איז גאָלדפאַדן בעיקר טעאַטער־אונטער־נעמער און דירעקטאָר, איז ער אָביעקטיוו פּיאָנער און קולטור־בויער, טע־אַטראַל אין פולן זין פון וואָרט.

די אייגנטלעכע גאָלדפאַדן־געביידע האָט קיין קיום נישט געהאַט. זי האָט שנעל אָנגעהויבן צעפרעסן ווערן פונעם שונד און איז באַלד איב־גאַנצן איינגעפאַלן, אַזוי, אַז מען האָט געמוזט אָנהויבן אַלץ פון אָנהייב — אַ נייער מין שוישפּילער, אַ נייער מין רעפּערטואַר, אַ נייער מין טעאַטער־אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס נייע איז מעגלעך געווען דווקא דערפאַר, ווייל די

טעאַטער־אינסטיטוציע, אַלס אַזעלכע, איז שוין געהאַט געוואָרן אַן אומ־אָפּרעגבאַרער יש.

„באַשאַפער פון דער יידישער אָפּערע", „גרונטלייגער פון יידישער נאַציאָנאַלער מוזיק". איז ער עס באמת? מען קאָן נישט ענטפערן אָן שמייכל אויף די ליפּן. אָבער דאָך, ווידער אַ מאָל — אי יאָ, אי ניין.

ניין, געוויס — ווייל אָט דער אויטאָדידאַקט, וואָס האָט אַפילו קיין נאָטן נישט געקאָנט און געשפּילט פּיאַנע בלויז לויטן געהער, האָט קליפּ און־קלאָר געוואוסט, אַז „בינען־מוזיק, וואָס באַשטייט פון מערשע, טענצע, כאָרן, דועטן אז״וו" געפינט מען „נאָר ביי די אומות העולם". האָט ער טאַקע ביי די אומות־העולם געשעפּט מיט פולע הויפנס, רומענישע דאָינאַס און וואַלאַכלעך, אוקראַאינישע פאָלקס־ניגונים, איטאַליענישע אַריעס, דייטשע און רוסישע מאַרשן, אַלץ באַווירצט, און באַפּעפּערט מיט יידישער, סינאַ־גאָגאַלער מוזיק און חזנישע „שטיקלעך". דער גאַנצער אַסאָרטימענט סחורות פון האַצמאַכס קעסטל־צעלניק.

און דאָך, אין אַ געוויסער מאָס — פאָרט יאָ! ער האָט דעם פאַרשיידנ־אַרטיקן געמיש באַוויזן אַזוי קונציק צונויפצושמעלצן און פאַריידישן, מיט אַזאַ טיפן חוש פאַר די „שיינע יידישע געשמאַקע ניגונימלעך", ווי ער זאָגט, אַז די גאָלדפאַדן־מוזיק איז אַריין אין יידישן פאָלקס־לעבן און שיר אַליין נישט געוואָרן — יידישער פאָלקלאָר.

נאָכדעם ווי גאָלדפאַדן איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון טעאַטער, האָט ער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע פאַרשיידענע פּיעסן, זיין כמעט גאַנצן דראַמאַטורגישן פאַרמעגן. האָט דער דאָזיקער פאַרמעגן עפּעס אַ ווערט? נאָך אַ מאָל — אי יאָ, אי ניין.

ניין — ווייל פון ריין ליטעראַריש־דראַמאַטורגישן שטאַנדפּונקט איז גאָלדפאַדן זייער ניט ווייט געהאַט פאַרפאָרן און — לויטן אויסדרוק פון ש. ניגער — „לייענען די פּראָזע פון גאָלדפאַדנס קאָמעדיעס, מעלאָדראַ־מעס אָדער אָפּערעס איז כמעט אוממעגלעך". ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען דער ווייטערדיקער גורל פון יידישן טעאַטער, ווען גאָלדפאַדן, ביי זיין גאַנצן קינסטלערישן ברען, ביי זיין ענערגיע און אונטערנעמערישקייט, וואָלט געווען גלייכצייטיק אַ דויערנדיקער טעאַטער־שריפטשטעלער, וואָס וואָלט במילא געפונען דעם וועג צום „ליטעראַרישן" טעאַטער־שטראָם.

נישט בלויז האַלטן גאָלדפאַדנס פּיעסן ניט אויס דעם פּרוּוו פון אַ ליטעראַרישער מאָס, שטעלט פעסט אויך ב. בוכוואַלד אין זיין „טעאַטער", נאָר עס איז אָגב אין זיי „פאַראַן ווייניק פאָלקס־אינהאַלט, אין דעם זין פון ליטעראַרישן אויסדרוק. ביי אים איז נישטאָ קיין עכט־יידישער שטייגער און קיין עכטע יידישע טיפּן, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט אויסער־לעכקייטן, מיט בינע־פיגורן און בינע־סביבה, גיכער ווי מיט דער שיל־דערונג פון מענטשן און זייער רעאַלער סביבה. אין עצם זיינען ביי גאָלד־פאַדענען אויך נישטאָ קיין עכט־יידישע סיטואַציעס. אַפילו די פּערזאָנען פון גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר, וואָס זיינען שוין געוואָרן אַ שם־דבר צווישן די

יידישע מאַסן״ — (האַצמאַך, די קוני־לעמלס, די באָבע יאַכנע, שמענדריק, פּאַפּוס) „זיינען נישט אַרויסגעוואַקסן פון יידישן לעבן, נאָר זיינען גענומען געוואָרן פון אַנדערע ליטעראַטורן און דורך אים געאידישט״.

אָבער דאָך, ווידער אַ מאָל — יאָ! צווישן בערג פאַרגעלבטן פּאַפּיר, אין הויפנס שטויב און זאַמד געפינען מיר אויך שפּרענקעלעך גאָלד. דאָס זאַמד און גאָלד צוזאַמען איז אונדזער טעאַטער־פּרימיטיוו. אמת, פּרימיטיוו שבפּרימיטיוו — מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די אַלע פּאַפּירענע העלדן, מיט זייער לעכערלעכער פּאָעזיע, מיט זייער אויפגעבלאָזענער פּראָזע, מיטן גאַנצן לשון זייערן, וואָס איז אַזוי ווילד־פאַרלאָזן און אומציכטיק, פלעגן, אונטער גאָלדפאַדנס בינע־ליכט, אונטער זיינע „בענגאַלישע פייערן״ פלוצלונג אויפלעבן און אויפשימערן מיט כלערליי קאָלירן.

אין די סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווען די פּראָבלעמען פון פאָרם און פאָרמאַליסטיק, פון סטיל און סטיליזאַציע זיינען דערגאַנגען צום יידישן טעאַטער, האָט מען גע־פּרוּווט זיך אומקערן צו גאָלדפאַדענען. מען האָט אָבער גאָלדפאַדענען נישט געשפּילט, נאָר געשפּילט זיך מיט אים. אין די סאַמע געלונגענסטע גאָלד־פאַדן־סטיליזאַציעס, איז דער „פאָטער פון יידישן טעאַטער״ נישט מער ווי פּרעטעקסט, ווי אַ קאַנווע אויף וועלכער עס האָבן אויסגעהעפט זייער איי־גענעם מוסטער מאָדערנע דראַמאַטורגן, דיכטער און רעזשיסאָרן. צו גאָלד־פאַדענען גופא האָט עס בלויז אַן אומדירעקטן און אָפט אַפילו אַ ווייטן שייכות. ער איז און בלייבט נישט עפּעס אַנדערש ווי אונדזער טעאַטער־פּרימיטיוו.

געדענקען אָבער דאַרף מען, אַז אָט דער טעאַטער־פּרימיטיוו — ס׳זעט אונדז אויס כמעט אומגלויבלעך, אָבער ס׳איז אַ פאַקט — האָט געטראָגן תמימותדיקע פרייד און יום־טובדיקייט און גייסטיקע דערהויבונג צו הונדערטער און הונדערטער טויזנטער יידן אין גאָר דער וועלט. נישט יעדן איז באַשערט אַזאַ מדרגה!

אויף אַלע געביטן — טעאַטער־דירעקטאָר, מוזיקער, דראַמאַטורג — איז גאָלדפאַדנס ראָל אַ קאָמפּליצירטע, פול מיט אינערלעכע סתירות. ס׳איז יאָ און ניין, קאָנטראַסטן־שפּיל, ליכט־און־שאָטן, און אַלץ שאַרף, עפּעקטפול־שרייענדיק, מעלאָדראַמאַטיש, ווי גאָלדפאַדן האָט עס ליב געהאַט.

די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון זיין לעבן זיינען איין גרויסע מע־לאָדראַמע: פון שמוציקן שענקל אין רומעניע, ביז פּראַכטפולע פּעטער־בורגער פּאַלאַצן; פון אַ נעבעכדיקן שטעלכל בשכנות מיט גענדז און ציגן ביז די בינעס פון די גרעסטע אָפּערע־זאַלן אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק; פונעם אויסבאַהאַלטן זיך און אַנטלויפן פאַר בעלי־חובות, ביז פאַרשווענ־דערישן לוקסוס, מיט קאַרעטן און אַ שווייצער ביי דער טיר; געוואַלטיקע התפּעלות פון ברייטן עולם, לויב־געזאַנגען, פאַרערונג, באַרימטקייט, טרי־אומף און באַלד איינזאַמקייט און עלנט; עלנט אין פּאַריז (אין פּאַסי און אַטעי), עלנט אין ניו־יאָרק.

אָט ווי עס שילדערט גאָלדפאַדענען, שוין פון די לעצטע יאָרן, דער דראַמאַטורג לעאָן קאָברין: „אַ הויכע, אימפּאָזאַנטע געשטאַלט, אַ שניי־ווייסער קאָפּ, אַ פּנים ווי פון פאַרשטויבטן מאַרמאָר. און אַ שוואַרצע פּע־לערינע טראָגט ער, וואָס איז צוגעשפּילעט און ווייזט אַרויס אַ ניי, ווייס געפּרעסט העמד, מיט אַ ווייסן קראַוואַט און אויף אַ שטול, לעבן אים, ליגט אַ גלאַנציקער צילינדער־הוט און אַ שטאָק מיט אַ באַגילדעטן קאָפּ".

דאָס איז שוין אָבער געווען בלויז דעקאָראַציע, טעאַטער־אַקסעסואַר, דאָס באַרימטע „בענגאַלישע פייער". גאָלדפאַדן, אויף דער לעצטער בינע, וואָס אים איז פאַרבליבן, אויף דער לעבנס־בינע, האָט געשפּילט — זיך אַליין, דעם ווירדיק־שטאָלצן פאָטער, וואָס איז פאַרשטויסן געוואָרן דורך זיין באַליבט אומדאַנקבאַר קינד — דאָס יידישע טעאַטער. הינטער די קוליסן האָט געהערשט טראַגישע נויט, פאַרלוירנקייט, פאַרצווייפלונג, יאוש. ביז איבער אָט דעם אומגעווינלעכן מענטש און מערקווירדיקן קינסט־לער, איבער דעם ערשטן מאָדערנעם יידישן טעאַטראַל, האָט זיך, דעם 9טן יאַנואַר 1908, צום לעצטן מאָל אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג — דער שוואַרצער פאָרהאַנג פון טויט.

1957

די טראַגישע סתירה

פון אַברהם גאָלדפאַדנס באַרימטן אויפטריט אין גערטל „לא פאָמול ווערדע", אין יאָס,ביים וויינקעלער פון שמעון מאַרק, אין סעפּ־טעמבער 1876, ביזן דעביוט אין יידישן טעאַטער פון יעקב גאָרדין, זיינען פאַרלאָפן בסך־הכל פופצן יאָר.

אין אָט דעם אָנדערטהאַלבן יאָרצענדליק איז אָבער פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געבליבן איין־און־איינציק אין אונדזער קולטור־געשיכטע: דער פלוצלינגדיקער, ממש פאַנטאַסטישער פונאַנדערבלי פון יידישן טעאַטער.

דער באַרג־אַרויף איז געווען אַן אומגעוועגלעכער און אומגעוויינלעך־ראַשיקער. פון היינט אויף מאָרגן, איבערנאַכט כמעט, איז מען פון שטאַלן און נעבעכדיקע שענקלעך אַריבער אין גרויסאַרטיקע זאַלן. יידיש טעאַטער האָט מען געשפילט שוין נישט בלויז אין רומעניע, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד — אַפילו אין פעטערבורג —אין גאַנץ רוסיש־פוילן און גאַליציע. טרופּעס האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט, געשפּאָלטן זיך און פאַראייניקט. די אַקטיאָרן־משפחה, מענער און פרויען, איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. ס'זיינען אויך אויסגעוואָקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, פּיעסן־שרייבער, וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו גאָלדפאַדנס גילדערנע גליקן און געפּלייסט זיך אַראָפּצו־כאַפּן פון אים זיין שניט. מען איז געגאַנגען פון טריאומף צו טריאומף. דער וועג פון יידישן טעאַטער האָט זיך געשפּרייט צווישן סאַמע רויזן.

פלוצלינג אָבער האָבן די רויזן זיך פאַרוואַנדלט אין דערנער. דעם 4־טן פעברואַר 1883 איז אויסגעבראָכן די קאַטאַסטראָפע: יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען זיינען געוואָרן פאַרבאָטן אין גאַנץ צאַרישן רוסלאַנד. אין דער רוסלענדישער אימפּעריע האָבן דאַן געוואוינט העכער פינף מיליאָן יידן — קרוב צוויי דריטל פונעם גאַנצן דעמאָלט יידישן פאָלק און העכער דריי פערטל פונעם יידיש־רײדנדיקן יידנטום. די צאַרישע גזרה, וואָס איז געקומען נאָך אַ רייע מסירות, האָט דעם יונגן יידישן טעאַטער געדאַרפט געבן אַ טויט־קלאַפּ.

יידישע אַקטיאָרן האָבן געפּרואווט זיך ראַטעווען מיט אַ המצאה: אַנ־שטאָט יידיש טעאַטער, שפּילן כלומרשטן „דייטש־יידיש־טעאַטער". מ'האָט געדאַרפט בלויז ברעכן אַ ביסל מער דעם שוין אַזוי אויך געבראָכענעם יידיש, באַווירצן אים מיט פיל פּתחן, כדי ס'זאָל זיך באַקומען אַ וויסטער טריאַטער־דאַטש, אַ מין הפקר־פּעטרושקע־לשון פון אַרבל־פּראָזע. די סגולה האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. די צאַרישע באַאַמטע, צו וועמען מען האָט כסדר אַרויפגעוואונקען פון וואַנען מען דאַרף, האָבן געהאַלטן אַן אויג אויך אויפן

„דײַטש־ייִדישן־טעאַטער". פּונקט אַזוי שטורעמדיק, ווי ס'איז פֿריער געווען דער באַרג־אַרויף, אַזוי איז איצט קאַפּ־שווינדלענדיק געווען דער באַרג־אַראָפּ. דאָס בלענדנדיקע ראַמפּן־ליכט פֿון ייִדישן טעאַטער האָט באַלד איבערגאַנצן זיך אויסגעלאָשן אין דער צאַרישער אימפּעריע, אויף העכער צוויי צענדליק יאָר, ביז דער רעוואָלוציע פֿון 1905.

מען קאָן מאַכן כלערליי סברות וועגן דעם, מיט וועלכע וועגן עס וואָלט אַוועק דער ייִדישער טעאַטער, ווי עס וואָלט אויסגעזען זײַן פּנים און כאַראַקטער, ווען דאָס יונגע טעאַטער־ביימל וואָלט נישט אַזוי פּלוצלינג געוואָרן אַרויסגעריסן פֿון זײַן נאַטירלעכן, פּרוכפּערדיקן באָדן. אַלע סברות וועלן, נאַטירלעך, בלײַבן ניט מער ווי סברות. אַ פֿאַקט איז, אַז דער בוים איז יאָ אַרויסגעריסן געוואָרן און אַ פֿאַקט — פֿון אפֿשר אַ גרעסערן נאָך קולטור־היסטאָרישן באַטײַט — אַז ער איז, ווידער איבער נאַכט כמעט, איבערגעפֿלאַנצט געוואָרן אויף אַ לחלוטין נײַעם באָדן.

די גזרה אויף ייִדיש טעאַטער אין רוסלאַנד איז מער־ווייניק צונויפֿגעפֿאַלן מיטן אָנהייב פֿון אומגעזוזעענעם עמיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿון דער צאַרישער אימפּעריע מעבר־לים, גלײַך נאָך דער ערשטער גרויסער פּאָגראָם־כוואַליע פֿון די אַכציקער יאָרן. דער דאָזיקער שטראָם האָט, ווי באַקאַנט, געבראַכט קיין אַמעריקע, אין קאַרגע פֿינף און צוואַנציק יאָר, אַנדערטהאַלבן מיליאָן מזרח־איראָפּעאישע, ייִדיש־רײדנדיקע ייִדן.

דער ייִדישער טעאַטער האָט זיך געלאָזט מעבר־לים, בײַנאַנד מיט זײַנע צושויער. די באַקאַנטסטע ייִדישע שוישפּילער, די וויכטיקסטע טרופּעס האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין אַמעריקע, ווער פֿריער, ווער שפּעטער, צוזאַמען מיט די פֿײַסן־צושטעלער זייערע. דאָס ראַמפּן־ליכט, וואָס איז בגוואַלד אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער צאַרישער אימפּעריע, האָט זיך גלײַך ווידער אָנגעצונדן אין קאָלומבוסעס מדינה. קוים עטלעכע יאָר נאָך דער טעאַטער־גזרה אין רוסלאַנד, שפּילן אין ניו־יאָרק — וואָס האָט נאָך דאַן ניט פֿאַרמאָגט קיין צאָלרײַכע ייִדישע באַפֿעלקערונג — אַזש פֿינף ייִדישע טעאַטערן, אין זאַלן פֿון איבער טויזנט פּלעצער, שטענדיק איבערפֿולטע. אויך די גרעסערע אַמעריקאַנער פּראָווינץ־שטעט האָבן געהאַט, יעדע, איר אײגענעם טעאַטער.

וועגן די קעגנזײַטיקע באַציאונגען צווישן די פֿאַרשיידענע טרופּעס, צווישן די טעאַטער־דירעקטאָרן און „סטאַרס" און בכלל וועגן ניוואָ פֿון טעאַטער, זאָגט אַמבעסטן עדות אַ קלײנער אָנאָנס, וואָס איז דערשינען אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג דעם 21טן יולי 1886. דער אָנאָנס זאָגט אָן בזה הלשון די גוטע בשורה, אַז קיין אַמעריקע קומט יעקב אַדלער, וואָס איז קורץ דערנאָך געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „דער נשר הגדול", „דער קעניג פֿון דער ייִדישער בינע":

„אַדלער קאָמט מיט דער ריכטיקער אידישער טרופּע, די אין ניו־יאָרק נאָך ניט געשפּילט האָט, מיט איבער הונדערט נײַע שטיק, די מאָן אין

ניו־יאָרק נאָך ניט געזען האָט. ווייר זינד איבערצייגט, דאָס דאָס היגע פּובליקום ערוואַרטע מיט אומגעדולד אויף דעם באַרימטן שוישפּילער אַדלער, דער דעם גרעסטן סוקסעס געמאַכט האָט אין די גרעסטע שטעט אין יוראָפּ. יעצט קאָמט ער אַהער מיט זיין וועלט־באַרימטן טרופּע פון יוראָפּ און צו צייגן דען ניו־יאָרקער יידישן פּובליקום, דאָס עס ווירקלעך עקסעסטירט איינע ריכטיקע יידישע טרופּע".

מ׳האָט באמת ניט געדאַרפט זיין צו פיל איבערגעשפּיצט, כדי אויפצו־כאַפּן די קאַפּולער אַנצוהערעניש, אַז בלויז די אַדלער־טרופּע איז „איינע ריכטיקע יידישע טרופּע", בעת אַלע אַנדערע זיינען, נאַטירלעך, ניט מער ווי שוסטערס.

דער קולטור־היסטאָרישער אינטערעס פון דעם אַנאָנס באַשטייט אָבער אין עפּעס אַנדערש: קודם, אין זיין „שפּראַכע" און אויך, אינעם באַרירן דעם ענין רעפּערטואַר.

דער קול־קורא פון „נשר הגדול" איז געמאַכט אין באַרימטן קוידער־װעלש פונעם „דייטש־יידישן־טעאַטער", מיט וועלכן יידישע אַקטיאָרן אין רוסלאַנד האָבן געפּראַוועט אַפּנאַרן פּאָניען און שפּילן די זעלבע יידישע טעאַטער־יענטע, אָבער כלומרשט אין דאַאַטש געשלייערט. די דאָזיקע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע „שפּראַכע" איז אויף יאָרן און יאָרצענ־דליקער געוואָרן די שפּראַך פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע.

און נאָך עפּעס: מיר דערוויסן זיך, אַז שוין דאַן איז געשטאַנען שאַרף די פראַגע פון רעפּערטואַר. אַדלער לאָזט וויסן, אַז ער ברענגט „איבער הונדערט נייע שטיק, די מאַן אין ניו־יאָרק נאָך ניט געזען האָט". דאָס האָט וואַרשיינלעך געדאַרפט זיין אַ וויכטיקע נייס פאַרן „געערטן פּובליקום".

ווייל וואָס אַזוינס האָט מען געשפּילט אויף די יידישע בינעס אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ?

אַנגעהויבן האָט מען, נאַטירלעך — מיטן אַנהייב, ס׳הייסט מיטן גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר. טאַקע די זעלבע אַקטיאָרן, וואָס האָבן די ערשטע געשפּילט גאָלדפאַדנס פּיעסן אין איירָאָפּע, האָבן מיט זיי, נאָך אַ מאָל און טאַקע שוין אין פולן זין פון וואָרט, געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

דער גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר אָבער, ביי זיין גאַנצער באַליבטקייט, איז שנעל געוואָרן אויסגעשפּילט. קינד־און־קייט האָט געקענט „שולמית", „די קאָלדוניע", „שמענדריק", „בר־כוכבא" אָדער „די צוויי קוני־לעמל". גאָלדפאַדן גופא, אַ דערשיטערטער פון פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, אַ כמעט אַרויסגעשטויסענער פון דער טעאַטער־פּראָפעסיע, האָט זייער ווייניק שוין געשאַפן נייס.

דער נאָכפרעג איז אָבער געווען אַ גרויסער און האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. בלויז די פינף טעאַטערן פון ניו־יאָרק האָבן געקאָנט פאַרצערן אַ שלל מיט פּיעסן. זייענען שנעל צוגעקומען נייע ליפעראַנטן, נייע טעאַטער־

צושטעלער און, אין דער ערשטער רייע, יאָזעף לאַטיינער, שייקעוויטש־שמר און „פּראָפעסאָר" שמואל הורוויץ.

אַברהם גאָלדפאַדן, ביי זיין גאַנצן קינסטלערישן פּרימיטיוויזם, איז געווען געבענטשט מיט עכטן טאַלאַנט. זיין קאָמערציעלער חוש פון טעאַטער־אונטערנעמער, זיין לעבנסלאַנגער טרוים — אַ שפּאַר ביסל אַ מנחם־מענדלשער — צו „שאַרן נאַפּאַלעאָנס מיט לאָפּעטעס" האָבן אין אים ניט פאַרווישט דעם פאָלקס־דיכטער, דעם זון פון דער „הימלישער טאָכטער", דער השכלה. ער האָט אויפריכטיק געשטרעבט צו טראָגן ליכט און דערהויבונג צווישן דער אונטערדריקטער און פאַרפינצטערטער יידישער פאָלקס־מאַסע.

אַ גאַנץ אַנדער פּנים האָבן געהאַט גאָלדפאַדנס קאָנקורענטן־נאָכפאָלגער. טאַלאַנטלאָזע פאַרשוינען, אָבער פּיפּיקע בינע־טעכניקער, איז זייער איינציקער באַגער, זייער איינציקע אַמביציע געווען — ביזנעס. פון גאָלדפאַדענען האָבן זיי געגאַשט נישט דאָס פאָלקסטימלעכע — אויף דעם וואָלט מען געדאַרפט זיין קינסטלער — נאָר דאָס אויסערלעך־עפעקט־פולע, דאָס מעלאָדראַמאַטישע און נאַציאָנאַל־באָמבאַסטישע. באַלד האָבן זיי אַריבערגעשטיגן זייער רבין אין אַ משונהדיקן געיעג אויף כלומרשט היסטאָרישע טעמעס, וואָס האָבן צו געשיכטע געהאַט אַן אומענדלעך וויטע שייכות. עס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף דער יידישער בינע אַ מבול פון „שונד־און־שאַנד פּיעסן", אָפּערעס, אָפּערעטעס, געזאַנג־מעלאָדראַמעס, פלאַכע, צונויפגעשטוקעוועטע מאַכערייקעס, אין וועלכע ס'האָט בפירוש ניט געקלעפּט זיך אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

יאָזעף לאַטיינער האָט אַזוי אַרום מוכה געווען די יידישע בינע מיט אַזעלכע אומשטערבלעכע ווערק, ווי „קנאַפּל און פאַנטאַפּל, אָדער די צוויי שמואל־שמעלקעס", „יוסף און זיינע ברידער", „יהודית און אליפערנוס". אַ באַזונדער שטורעמדיקן דערפאָלג האָט געהאַט זיין פּיעסע „די גרינע האָרנס, אָדער מישקע און מאַשקע".

פון לאַטיינערן איז ניט אָפּגעשטאַנען זיין קאָנקורענט, „פּראָפעסאָר" הורוויץ, וואָס האָט מחבר געווען אַזעלכע מייסטערשטיק, ווי, למשל, „נבוכדנצר מלך בבל, אָדער דניאל אין לייבנגרוב" און „אַלעקסאַנדער, אָדער דער פּרינץ פון ירושלים".

אין זעלבן טאָן האָט אַריינגעשלאָגן שייקעוויטש־שמר מיט זיין „דער יידישער פּרינץ, אָדער דער טריפּניאַק".

די טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן זיך באַמיט איבערצושטייגן איינע די צווייטע מיט די סאַמע אויסטערלישע און האַרצרייסנדיקע טעמעס, מיט די סאַמע משונהדיקסטע איינפאַלן, מיט די סאַמע ווילדעסטע עפעקטן, מיט דעקאָראַציעס וועמענס גראַנדיעזקייט עס האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם אָטעם. גאָלדפאַדנס נאַאיווע „בענגאַלישע פייערן" האָבן אויסגעזען, ווי אומשולדיקע קינדער־שפּילן פון פאַרמבולדיקע צייטן. די סצענישע באַ־

דינגלעכקייט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין ווילדע סצענישע הפקרות, אין ציניש־אומפֿאַרשעמטן, קולטורלאָזן טעאַטער־ביזנעס.

אָט אין אַזאַ מאָמענט פֿון שונד־און־שאַנד פֿאַרפֿלייצונג איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, זומער־צייט 1891, יעקב גאָרדין.

**
*

די יידישע טעאַטער־געשיכטע איז פֿול מיט נסים.

צוערשט איז געווען דער נס־גאָלדפֿאַדן: דער „שוואַרצער סוף" פֿון דעקלאַמאַטאָר „אין־פּראַק־און־האַנטשו", וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיטן „ליכטיקן אָנפֿאַנג" פֿון אונדזער טעאַטער־פּאָעטער. אַברהם גאָלדפֿאַדן, ווי ניט ווי האָט נאָך אָבער אין זיינע שילער־יאָרן אַרויסגעוויזן אַ לעבעדיקן אינ־טערעס פֿאַר טעאַטער און איז שפּעטער, שוין ווי אַ באַקאַנטער פֿאָלקס־דיכטער, געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט פֿיל „בראָדער־זינגער".

פֿיל נסימדיקער איז געווען דער נס־גאָרדין.

בעת יעקב גאָרדין האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער אַמעריקאַנער ערד — און ער איז דאַן אַלט געווען אַכט און דרייסיק יאָר — איז ער נישט בלויז ניט געווען קיין דראַמאַטורג, נאָר האָט דעם מינדסטן שייכות ניט געהאַט צום יידישן טעאַטער. אַ סברה, אַז ער האָט וועגן יידישן טעאַטער בכלל קיינמאָל ניט געהאַט געהערט אַפֿילו.

פּונקט ווי אַברהם גאָלדפֿאַדענען, מיט פּופֿצן יאָר פֿריער, האָט אויך יעקב גאָרדינען געבראַכט צום יידישן טעאַטער — די דאגת פּרנסה. ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרדינען אויפֿן שטיקל ברויט פֿאַר זיך און פֿאַר זיין צאָל־רייכן הויזגעזינט. גאָרדין האָט אָבער מיטגעבראַכט אין טעאַטער עפּעס אַזוינס, וואָס גאָלדפֿאַדן, הגם אַ משכיל זיינע גאַנצע יאָרן, האָט קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגט: אַ ברויזנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט און די דערפֿאַרונג פֿון פּיליאַריקן, אומדערשראָקענעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף.

יעקב גאָרדין איז בכלל געווען איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פֿון זיין צייט און בלי ספק די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער. געוויס, מער פּערזענלעכקייט, ווי קינסטלער, אָבער אין דעם זין, נישט קיין יחיד במינו אין אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור. גאָר שנעל האָט ער פֿאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן דער איינגעוואַנדערטער יידישער אינטעליגענץ אין ניו־יאָרק. „ער איז געקומען קיין אַמעריקע — דערציילט גאָרדינס ביאָ־גראַף, קלמן מרמר — שוין ווי אַן אָנערקענטע פֿיגור — דער אידעאָלאָג און פֿירער פֿון אַ באַוועגונג, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ טיפֿן איינדרוק אין צאַרישן רוסלאַנד. ער איז שוין געווען אַ מאַן פֿון קנאַפּע פֿערציק, מיט אַ באַשטימט־אויסגעקריסטאַליזירטער פֿיזיאָנאָמיע. זיין פּערפֿעקטע רוסישע שפּראַך, זיין שיינער אויסזען מיט דער שוואַרצער אַסירישער באָרד, זיין שטאָלצע באַנעמונג און דזשענטלמענישע מאַנירן איז געווען די רעאַליזירונג פֿון דעם אידעאַל פֿון אַ פּראָגרעסיוון רוסישן אינטעליגענט, ווי די יונגע פּיאָנערן פֿון די אַכציקער יאָרן האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט".

אַט דער „פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענט" — טאַקע רוסישער, פיל מער ווי רוסיש־יידישער — וואָס האָט אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט דער יוגנט מיט זיין אויסערלעכקייט און זיינע מאַנירן, האָט פאַרמאָגט אַ ניט דורכשניטלעכע פאַרגאַנגענהייט.

געבוירן אין אַ יידיש־משכּילישער משפּחה אין אוקראַינע, דערצויגן בעיקר אויף דער רוסישער ליטעראַטור, האָט יעקב גאָרדין, נאָך אין די פריע יוגנט־יאָרן, זיך אַנגעשלאָסן אין אַ געהיימען אוקראַינישן קרייזל, וועמענס ציל איז געווען צו באַפרייען דאָס אוקראַינישע פאָלק פון צאַ־רישן יאָך. פאַר די אומלעגאַלע אויסגאַבן פונעם קרייזל איבערזעצט ער, פון דייטש, דעם ערשטן קאַפּיטל פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל".

צו זיבעצן יאָר האָט גאָרדין אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער רוסישער פּרעסע, צוערשט אין דרום־רוסלאַנד און דערנאָך אויך אין פּעטערבורג. גאָר שנעל איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ טאַלאַנטפולער נאָוועליסט און שאַרפזיניקער פעליעטאָניסט. ליטעראַרישער פּסעוודאָנים: „יאַקאָוו מי־כאַילאָוויטש" און „איוואַן קאַליוטשי" (דער שטעכעדיקער).

איוואַן־דער־שטעכעדיקער, וואָס האָט חתונה געהאַט צו ניינצן יאָר און איינס־צוויי געפּטרט דעם נדן, האָט געטאָן זייער אַ סך מלאָכות און אַלע, נאַטירלעך, מיט זייער ווייניק ברכות. פון זשורנאַליזם איז קיין חיונה נישט געווען, ווערט ער אַט אַ לערער, אַט אַ וואַנדערנדיקער רוסישער אַקטיאָר, אַט אַן ערד־אַרבעטער און אַט לאָדט ער אויס שיפן אין פּאָרט. ביסלעכווייז און אַלץ מער איז דער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער געוואָרן גלייכ־ציטיק געזעלשאַפטלעכער טוער, אָרגאַניזאַטאָר, פלאַמיקער רעדנער און פּראָפּאַגאַנדיסט.

אין 1880 האָט גאָרדין געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט שנעל באַקומען אַ שם אין גאַנץ דרום־רוסלאַנד. די געזעלשאַפט האָט געטראָגן דעם רוסישן נאָמען „דוכאָוונאָיע ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ" (גייסטיקע ביבלישע ברודערשאַפט) און איז געווען אַ מין יידישע אויפלאַגע פון אַ רוסיש־פּויערישער סעקטאַנטן־באַוועגונג, די „שטונדיסטן". אַט די באַ־וועגונג, אַ שטאַרק גערודפטע דורך דער צאַרישער מאַכט, איז געווען אַ קעגנער פון דער אָפיציעלער רוסישער קירכע, האָט געפּרידיקט אַן ערלעך לעבן פון פיזישער אַרבעט און איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּריוואַט־אייגנטום, קעגן מלחמה און בלוט־פאַרגיסונג. דאָס הייליקע בוך אירס איז געווען — די ביבל און איר דעוויז: „אַלע מענטשן זיינען ברידער, אַלע גלויבן אין דעם זעלבן גאָט, הגם זיי רופן אים אָן מיט פאַרשיידענע נעמען".

יעקב גאָרדין האָט זיך גענומען מיט התמדה צו פאַריידישן (אויף רוסיש, נאַטירלעך) די יסודות פון „שטונדיזם". די „גייסטיקע ביבלישע ברודערשאַפט" גיט זיך אָפּ בעיקר מיט סאָציאַל־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. גאָרדין איז געוואָרן אַ פּריידיקער, ער טרעט אַרויס מיט פייערדיקע דרשות קעגן אַלטן יידישן רעליגיעזן שטייגער, ער רופט „אומצוקערן זיך צו דער

ביבל״ איבערבויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן פיזיש און גייסטיק, פאַרוואַנד־לען די יידישע לופטמענטשן אין געזונטע האַרעפּאַשניקעס און פּויערים.

גאָרדינס אַרויסטריטן, אין וואָרט און שריפט, האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער יידישער געזעלשאַפט. דאָס שרעקט אָבער נישט אָפּ דעם יונגן און אייפעריקן רעפאָרמאַטאָר. זיין נאָמען איז געוואָרן אַלץ מער און מער באַקאַנט. יעדן שבת נאָכמיטאָק האָט די יוגנט געשטראָמט מאַסנווייז אין געבעט־הויז פון דער „גייסטיקער ביבלישער ברודערשאַפט״, וואו דער „רבי״ יעקב גאָרדין (אַנדערע האָבן אים גערופן: דער נביא) פלעגט קומען האַלטן אַ דרשה — אויף רוסיש. צווישן די צוהערער, וואָס פלעגן שלינגען דעם נביאס פלאַמענדיקע רייד, זיינען געווען אויך פיל ניט־יידן. סוף כל סוף האָט זיך אַריינגעמישט די פּאָליציי און גאָרדין האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפן. ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין יולי 1891.

יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש איז דאַן אַ טיפּישער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענט. ער האָט גערעדט און געשריבן אויסשליסלעך רוסיש. די יידישע שפּראַך איז אים געווען פרעמד, פונקט ווי די געדיכטע יידישע עדה, פונקט ווי די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור. דער פייערדיקער בעל־דרשן, וואָס האָט געפּריידיקט אוניווערסאַליזם און געצויגן זיין יחוס פון דער ביבל און די נביאים, האָט אויף די היסטאָרישע פּראָצעסן פון יידישן לעבן געקוקט דורך די ברילן פון דער רוסישער אויפקלערער־ליטעראַטור און בעיקר, פון לעוו טאָלסטאָי.

אין אַמעריקע האָט דער נביא פון דער „גייסטיקער ביבלישער ברו־דערשאַפט״ געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין ניט זייער ווייט פון דעם געגאַרטן באַחרית־הימים. אַלע מענטשן זיינען געוואָרן ברידער און אַלע יידן האָבן אויסגעגלייכט דעם רוקן. די געוועזענע לופט־מענטשן האָבן זיך פאַרוואַנדלט, אויב ניט אין פּויערים, איז אין אַרבעטער, אין באַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער, אָרגאַניזירטע אין יוניאָנס און פּאָ־ליטישע פּאַרטייען. צום עכטן, ברייטסטן און טיפסטן אוניווערסאַליזם איז געווען ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

גאָרדין, נאַטירלעך, האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין סאַמע ברען פון דעם נייעם פאַר אים אַמעריקאַנער יידישן לעבן. און דאָס נייעס איז באַ־שטאַנען אויך אין דעם, וואָס ער האָט געמוזט איבערגיין, גערן צי אומגערן, אין וואָרט און שריפט, — אויף יידיש. פיליפּ קראַנץ, רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג״, אין וועלכער גאָרדין איז געוואָרן אַ מיטאַר־בעטער, באַקענט גאָרדינען מיט יעקב אַדלערן. דער „גשר הגדול״ האָט געזוכט פאַר זיין טעאַטער אַ מענטשן מיט אַ פען אין דער האַנט. גאָרדין ווידער האָט געזוכט — חיונה פאַר זיין צאָלרייכער משפּחה. באַשטעלט ביים אים האָט מען אַן איבערזעצונג פון אַ דייטשער דראַמע, אָבער פאַר־געלייגט האָט ער — בעסער אָנשרייבן אַן אָריגינעלע יידישע פּיעסע, אַן אייגענע. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן „סיביריאַ״, אַ מעשה נורא וועגן

אַ יידן, וואָס איז געהאַט געוועז פאַרשיקט קיין סיביר, איז אַנטלאָפן פון וועג, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַ פרעמדן נאָמען, אָפּגעלעבט אַזוי יאָרנלאַנג אין עושר און אין כבוד, ביז אין איינעם אַ פינצטערן טאָג, האָט אַ געוויסער פינצטערער פאַרשוין אים געמסרט און ער איז אַוועק אויף קאַטאָרגע.

אין זיינע „זכרונות פון אַ יידישן דראַמאַטורג", דערציילט לעאָן קאָברין, לויט די ווערטער פון אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אַליין געשפּילט אין גאָרדינס ערשטלינג (לעאָן בלאַנק), דעם פאַרלויף פון דער פּרעמיערע פון „סיביריאַ":

„כמעט אַלע אַקטיאָרן, אויסער אַדלערן, האָבן צוערשט חוזק געמאַכט פון דער פּיעסע און מאָגולעסקאָ האָט גאָר דערקלערט: „אָט דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד איז אַן אַנטיסעמיט", מחמת אין דער פּיעסע איז דער מסור אַ פרומער ייד און קאַפּויער, דער גוי, דער אויספאָרשונג-ריכ־טער, איז דווקא אַן אָרענטלעכער מאַן. אָגב האָט מאָגולעסקאָ געפּרואווט אַריינשטעלן אין זיין ראָל אַ טענצל מיט אַ קופּלעט פון זיין אייגענער מלאָכה, פאַר וואָס גאָרדין האָט אים שטאַרק אויסגעזידלט און מאָגולעסקאָ האָט אים צוריקגעזידלט און געשריגן: אַנטיסעמיט".

נאָך ערגער איז געווען דאָס פאַרהאַלטן זיך פון חשובן פּובליקום.

„די באַזוכער — דערציילט קאָברין — האָבן געהוקעט און געבוקעט און געלאַכט פון דער פּיעסע און פון די אַקטיאָרן. ערשט נאָכדעם ווי יעקב אַדלער האָט, אַ וויינענדיקער, אויסגעדריקט זיין בושה, וואָס זיי קענען ניט פאַרשטיין אַזאַ מייסטערווערק פון באַרימטן רוסישן פּיסאַטעל יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש גאָרדין, איז דער עולם געוואָרן ערנסטער. אין דער סצענע ווען דער הויפּט-העלד קומט זיך בעטן צום שוואַרצן כאַראַקטער, דעם מסור, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אים און אים נישט מסרן, איז אויס־געבראָכן אַ געוויין אין טעאַטער. און ביים שלוס, ווען מען פאַרשיקט דעם העלד אויף קאַטאָרגע און זיין משרת, וועלכן ס'האָט געשפּילט מאָ־גולעסקאָ, זעגנט זיך מיט אים און זאָגט: „כאַזיאַין, מיר צעשיידן זיך", האָט זיך מאָגולעסקאָ אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט ווייטער ניט געקאָנט ריידן און אין טעאַטער האָט זיך דערהערט אַ יאָמערן אויפן קול. באַלד האָבן גאָרדינען געמאַכט אַן אָוואַציע אי דאָס פּובליקום, אי די אַקטיאָרן".

אַזוי האָט, פּופּצן יאָר נאָכן „נס-גאָלדפאַדן" אין יאָסער גערטל „פּאַ־מול ווערדע", זיך אָנגעהויבן, אויף אַ שטאַרק ענלעכן אופן, אָבער אין קאָלומבוסעס מדינה, דער „נס-גאָרדין".

***

במשך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, איז גאָרדין געוואָרן דער באַרימטסטער יידישער דראַמאַטורג, דער הערשער איבער דער יידישער בינע, דער אָפּגאָט פון יידישן אַקטיאָר און פון בעסערן יידישן טעאַטער־באַזוכער. פון זיין פעדער זיינען אַרויס ביי אַ זיבעציק פּיעסן, דערפון

קרוב צוואַנציק אָריגינעלע און אַ פופציק באַארבעטונגען פון פאַרשיידענע שפּראַכן.

נאָך דער באַדינגלעך־צעשפּילטער טעאַטראַלישקייט פון גאָלדפאַדן, נאָך דער וויסטער הפקרות און אומזיניקסטן תוהו־ובוהו פון די שונד־מייסטערס, האָט גאָרדין געבראַכט אויף דער יידישער בינע קודם כל — דעם רעאַליזם. שוין דאָס גופא איז געווען אַן אמתע איבערקערעניש. אַפילו „סיביריאַ", גאָרדינס ערשטער פּרוּוו, האָט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע מעלאָדראַמעס פון דעם מין, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מוסטער פון איינפאַכקייט, פון לאָגישקייט און שפּראַכלעכער ציכטיקייט. מען האָט דאָרט גערעדט פּראָסט יידיש און ניט קוידערוועלש־דאַאַטש, עפּעס וואָס האָט טאַקע אויסגעזען דעם הויכגעשעצטן פּובליקום משונה־ווילד און לע־כערלעך.

אונטער דער השפּעה פון איירָאָפּעאישן טעאַטער און גאָר באַזונדערס פון דער רוסישער רעאַליסטישער דראַמע, האָט גאָרדין געפּרוּווט געבן דעם יידישן טעאַטער־עולם אַן אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער ווירקלעכקייט פון זיין צייט. אַנטקעגן די פּאַפּירענע קאַסקן, די הילצערנע שווערדן און טאָוולנע קרוינען, אַנטקעגן אַלע פּרינצן און פּרינצעסנס, קעמלען און העלפאַנטן, זיינען מיט אַמאָל דערשינען רעאַלע מענטשלעכע געשטאַלטן, אין באַדינגונגען פון רעאַלער סיטואַציע, יידן מיט באָרד־און־פּאות, אין געווענלעכע שוואַרצע קאַפּאָטעס, יידענעס אין פּאַטשיילעס און שטערנ־טיכלעך, בחורים און מיידלעך, שוין איירָאָפּעאיש אָדער אַמעריקאַניש גע־קליידט. אַן אָטעם פון עכטקייט האָט פלוצלינג אַראָפּגעהויכט פון דער יידישער בינע.

אַוודאי זיינען גאָרדינס העלדן גיכער סילועטן, ווי פולבלוטיקע גע־שטאַלטן, גיכער אויבערפלאַכיקע שקיצן, ווי פאַרטיפטע קינסטלעריש־אינדיווידואַליזירטע פּערזענלעכקייטן. אין אָט די שוואַרץ־וויס־צייכענונגען האָט אָבער גאָרדינס צושויער, דער פּרימיטיוועך, נאַאיווער טעאַטער־באַ־זוכער, דערקענט זיך אַליין, מיט זיינע ליידן־און־פרײדן, מיט זיינע האָ־פענונגען, אַנטוישונגען און טרוימען. דער טעאַטער־באַזוכער האָט געקאָנט זיך אידענטיפיצירן מיט גאָרדינס העלדן, אַפילו ווען זיי זיינען געווען בלויז פּאַפּירענע העלדן, מחמת ער, דער צושויער, האָט אין זיי אַריינגע־גאָסן זיין אייגן בלוט און אַריינגעזעצט זיין אייגן האַרץ.

דאָ אייגנטלעך געפינט זיך דער שליסל צום גאַנצן גאָרדין־טעאַטער. זיין סוד ליגט ווייט־ניט אין קינסטלערישער שלימות פון דראַמאַטישן ווערק, נאָר אין מערקווירדיקן צוזאַמענקלאַנג, אין צוזאַמען־אָטעם, אין צוזאַמענ־שפּיל צווישן בינע און צושויער־זאַל. במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר, איז יידיש טעאַטער — אַדאַנק גאָרדינען — געוואָרן פאַר גרויסע, גרויסע עדות יידן אַ שפּיגל פון לעבן. אמת, אַ שפּיגל נישט זייער קיין געשליפע־נער, אָבער די, וואָס האָבן אין אים אַריינגעקוקט, זיינען געווען גאַנץ

ווייט פון ראַפינירטקייט. פאַר זיי איז די גאָרדין־בינע געוואָרן אַן אַנט־פּלעקונג פון אייגענעם איך און במילא, אַ וועגווייזער און אַ לעבנס־שול.

ווייל דער נעכטיקער רוסישער פּיסאַטעל יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש, דער אַמאָליקער איוואַן־דער־שטעכיקער, וואָס האָט אַזוי פּלוצלינג זיך פאַרוואַנדלט אין קיניג־און־הערשער פון דער יידישער בינע, איז אין תוך פאַרבליבן דער זעלבער „רבי", דער זעלבער „נביא", ווי אין די צייטן פון דער „גייסטיקער ביבלישער ברודערשאַפט". דער ליידנשאַפטלעכער בעל־דרשן, דער פּריידיקער, דער מאָראַליסט האָט זיך אויף אַ האָר נישט אָפּגעטאָן פון דראַמאַטיקער.

גאָרדינס כמעט אַלע פּיעסן זיינען פאַמיליען־דראַמעס, מאָראַליסטישע שטייגער־בילדער. אויף יעדן טריט פּילט זיך דער טייטל פון מחבר, וועלכער קנעלט מיטן צושויער און לערנט אים מידות־טובות. אָפט זיינען עס בפירוש „לערן־פּיעסן", אין נוסח שיר־ניט פון בערטאָלד ברעכט. ס׳זעט אויס, ווי אין זכרון פון דראַמאַטורג וואָלטן אויפגעטויכט אַלע מגידישע שטיקלעך, וואָס ער האָט אַמאָל נאָר געהערט אין זיינע קינדער־יאָרן, אַלע ווערטלעך, משלים און זאָגעכצן, וועלכע ער טראָגט צו דעם יידישן טעאַטער־עולם מיט אַ וואונדערלעכן סצענישן חוש.

די טעמאַטיק פון גאָרדין־טעאַטער באַוועגט זיך אינגאַנצן אַרום עטלעכע גרונט־פּראָבלעמען: באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער („דער יידישער קעניג־ליר", „מירעלע אפרת" א. אַנד.), צווישן אָרעם און רייך (כאַסיע די יתומה", „די אמתע קראַפט" א. אַנד.), צווישן מענטשלעכקייט און אוממענטשלעכקייט אין משפחה־לעבן און אין דער געזעלשאַפט („גאָט, מענטש און טייוול", „דער אומבאַקאַנטער", „קרייצער סאָנאַטע" א. אַנד.) גאָרדינס טיפּאַזש איז געמאָלט אין שוואַרץ־ווייס, אַן ניואַנסן שאַרף קאָנטראַסטירט צווישן גוטס־און־שלעכטס. דער מחבר, נאַטירלעך, פּריידיקט דאָס גוטס. דאָס שלעכטס ווערט פאַרמשפּט מיט פאַראַכטונג און דערטרונקען אין אַ ים טרערן. אָט די טרערן, וואָס רופן היינט אַרויס ביי אונדז בלויז שמייכל, זיינען פאַר גאָרדינס טעאַטער־עולם געווען ווי אַ באַלזאַם צו אייגענע וואונדן. און די וואונדן זיינען געווען אומצאָליקע און ברענענדיקע.

הונדערטער טויזנטער מענער און פרויען זיינען פּלוצלינג געהאַט אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי דורך אַ שטורעם־ווינט, פון זייערע איינגעזעסענע היימען, פון זייער דורותדיקן שטאַם און שטייגער. די נייעווירקלעכקייט איז געווען אַן אומברחמנותדיק־האַרטע און אומפאַרשטענדלעכע. אַלע אַלטע לעבנס־פאָרמען האָבן, מיט איין מאָל, זיך איינגעבראָכן, אַלץ האָט זיך צעריסן ווי שפּינוועבס. נישט די הויז, נישט די גאַס, נישט די אַרבעט, נישט דער יאָנטעוו און נישט דער אינדערוואָכן זיינען מער ניט געווען צו דערקענען. און איבער אַלעם האָט געשוועבט אַ בענקשאַפט, אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער ווייטער היים, נאָכן אַמאָליקן לעבן, וואָס איז פאַרשוואונדן אויף אייביק.

יעקב גאָרדין האָט, לויט דער זייער טרעפֿלעכער באַצייכענונג פֿון ב. בוכוואַלד, „געפֿונען די געהעריקע דראַמאַטישע סימבאָלן און מאָראַלישע שפּרוכן אויף אויסצודריקן אָט־די אינערלעכע צערודערונג און אויסגע־וואָרצלטקייט פֿון זיין אימיגראַנטישער אוידיטאָריע אין אַמעריקע. ער האָט באַוויזן אַריבערצופֿירן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָנפֿליקטן און ווידער־שפּרוכן אין יידישן לעבן — אין דער איבערגאַנג־עפּאָכע פֿון קליין־האַנדל און האַנטווערקעריי צו גרויס־פּראָדוקציע — אויף די רעלסן פֿון ריין־מאָ־ראַלישע קאָנפֿליקטן. זיינע פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן אַנטשפּראָכן די אָנשויאונגען פֿון די עקספּלואַטירטע און אָנגעגריפֿענע שיכטן, זיינען זיי די־ריבער געוואָרן די טרעגער פֿון „פֿאָלקס־מאָראַל". פֿאַרקערט, די נע־גאַטיווע געשטאַלטן — סימבאָלן אָדער פּראָדוקטן פֿון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אַריינדרינגונג אין יידישן לעבן — זיינען געוואָרן די טרעגער פֿון אַלדאָס־בייז, פֿון אַלץ וואָס איז אין ווידערשפּרוך צו דער פֿאָלקס־מאָראַל, צו מענטשלעכקייט, צו יושר".

דער פֿריידיקער האָט געפֿונען אַ טריבונע, וועגן וועלכער ער האָט קוים געקאָנט טרוימען אויף דער בימה פֿון אַמאָליקן קליינעם געבעט־הויז פֿון דער „גייסטיקער ביבלישער ברודערשאַפֿט". פֿון די בינע־ברעטער האָט זיין וואָרט, אָנגעקליידט אין סצענישע סימבאָלן, זיך געטראָגן, מיט אומ־פֿאַרגלייכלעך גרעסערער קראַפֿט און איבערצייגונג צו הונדערטער און הונדערטער טויזנטער יידן. דער פֿאַרנעם, די פֿאָרמען, די מיטלען האָבן זיך געענדערט, דער תוך אָבער איז וועזנטלעך געבליבן דער זעלבער: לערנען, דערציען דאָס פֿאָלק; באַווירקן, איבערבויען דאָס יידישע לעבן — נישט בלויז דורך געזעלשאַפֿט־קריטיק, נאָר אויך דורך געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף.

די שייד־ליניע צווישן געזעלשאַפֿט־קריטיק און געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף, אין טעאַטער פּונקט ווי אין ליטעראַטור, איז ווייט ניט קיין אויסגעשפּראָ־כענע. קריטיק איז פֿאַרן שריפֿטשטעלער אָפֿט דער בעסטער און אָפֿט דער איינציקער אינסטרומענט פֿון קאַמף. מאָליערס זיטן־קאָמעדיעס זיינען קרי־טיק און קאַמף גלייכצייטיק. „פֿיגאַראָ" פֿון באָמאַרשע ווערט מיט רעכט פֿאַררעכנט צו די ווערק, וואָס האָבן באַלויכטן דעם וועג צו דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין מענדעלעס „טאַקסע" איז קריטיק און קאַמף פֿאַרבונדן אַזוי ענג, אַז דער זיידע — וואָס איז נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגערמאַן — האָט צוליב דער פּיעסע געמוזט עוקר זיין פֿון זשיטאָמיר. אויך גאָלדפֿאַדן, ווי די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור, איז שאַרף געזעל־שאַפֿט־קריטיש, אויסשטעלנדיק אויף חוזק דעם אַלטן יידישן שטייגער.

ס'איז אין תוך אַ פֿראַגע פֿון פּראָפּאָרץ, פֿון מדרגה און נאָך מער, פֿון צילבאַוואוסטקייט און צילגעווענדקייט. באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָ־מעדיע" איז, ווי באַקאַנט, די שאַרפֿסטע קריטיק — אָביעקטיוו גענומען — פֿון דער פֿראַנצויזישער געזעלשאַפֿט פֿון זיין צייט, הגם דער מחבר גופֿא איז דווקא געווען פֿול מיט התפּעלות פֿאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט.

דער אַזוי גערופענער בולוואַר־טעאַטער איז נישט זעלטן געזעלשאַפט־אָפּשפּעטעריש און אויך אונדזער שונד־טעאַטער האָט, פון צייט צו צייט, דערלויבט זיך אָפּצוחוזקן פון געוויסע פאַרמען און פּראַטאַטיפּן פון דער אַלטער, פאַרגליווערטער יידישקייט. דאָס איז פאַר קיינעם ניט געווען גע־פערלעך, ס׳האָט דערצו זיך ניט געפאָדערט נישט צו פיל מוט און נישט צו פיל וויטזעוודיקייט, מחמת אָט די פאָרמען זיינען במילא שוין גע־ווען אָפּגעלעבטע און אַנאַכראָניש.

דער גאָרדין־טעאַטער איז נישט בלויז אַ געזעלשאַפט־קריטישער, ער איז אויך אַ צילבאַוואוסט געזעלשאַפט־קעמפערישער. יעקב גאָרדין איז אַ טיפּישער „אַנגאַזשירטער" שרייבער — אינעם זין, ווי מיר באַצייכענען עס היינט. זיין קריטיק האָט ניט געקאָנט זיך באַגרענעצן צום נעכטן, מחמת זיין קאַמף איז געפירט געוואָרן אין נאָמען פון מאָרגן. צווישן זיי איז געלעגן דער היינט, מיט די כלערליי נייע פאַרמען פון בייז און אומרעכט, וועלכע מ׳האָט געמוזט דעמאַסקירן און באַקעמפן. גאָרדין איז אַרויס קעגן זיי אין מלחמה — מיט אויסערגעוויינלעכער וויטזעוודיקייט און מיט אויסערגעוועגלעכן מוט.

איינער פון די עפּיזאָדן פון דער דאָזיקער מלחמה איז געווען די ווילדסטע, ממש בלוטיקע העצע, וואָס עס האָט געפירט קעגן גאָרדינען, העכער צען יאָר לאַנג, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אַב. קאַהאַן. ווי באַקאַנט, האָט די העצע זיך אָנגעהויבן אין שייכות מיט גאָרדינס פּיעסע „אַ רוסישער ייד אין אַמעריקע", אין 1895.

צום ערשטן מאָל אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער, איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער בינע אַ יוניאָן־קאַריערימט, מיטן נאָמען הוזדאַק, אַ טעמפּער, קליינקעפּלדיקער ציניקער, וואָס בעת מען פרעגט אים דעם שכל פון אַזאַ אָדער אַנדער באַשלוס, ענטפערט ער בזה הלשון: „שכל?! וואָס דאַרף איך שכל? אַז איך האָב אַ „קאָנסטיטושאָן" מיט אַ באַשלוס פון דער „מאַדזשאָריטי"!" דער זעלבער מיסטער הוזדאַק, דער הייסער יוניאָן־טוער, איז אין לעצטן אַקט שוין אַליין אַ פאַבריקאַנט און קלאָגט זיך ביטער, אַז די ביזנעס וואָלטן „געגאַנגען אָלרייט, ווען ניט די פאַרשאָלטענע יוניאָן".

אַב. קאַהאַן האָט, אויף דער פּרעמיערע פון דער פּיעסע, דעמאָנסטראַ־טיוו אויסגעשריגן (אויף רוסיש) „דאָס איז אַ ליגן!" אָבער אַז עס איז גראָד קיין ליגן נישט געווען און אַז גאָרדין האָט דווקא ריכטיק אויפ־געכאַפּט די אַנטוויקלונג־טענדענץ פון דעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי איינער פון די הויפּט־פּלאָגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל — וועגן דעם האָט שוין אַרויסגעגעבן איר אורטייל די געשיכטע.

די רשעותדיקע מחלוקה, ממש אויף להשמיד ולהרג, וואָס אַב. קאַהאַן האָט אָנגעהויבן קעגן גאָרדינען, איז, אָפּגעזען פון ריין־פּערזענלעכע מאָ־מענטן, געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישן צוויי קאָנצעפּציעס וועגן דער ראָל

פון שרייבער און פון דער ליטעראַטור אין לעבן, צווישן צוויי געזעלשאַפט־לעכע און מאָראַלישע סטילן.

„ער איז מיין פּרינציפּיעלער קעגנער — האָט גאָרדין געשריבן, אין סעפּטעמבער 1904, וועגן אַב. קאַהאַנען — ער איז מיין פּרינציפּיעלער קעגנער, ווייל וואָס איך בוי, צעשטערט ער, דאָס וואָס איך טו מיין גאַנץ לעבן, פאַרניכטעט ער. מיר אַרבעטן פאַר איינעם און דעם זעלבן קאָנ־טינגענט מענטשן. איך וויל זיי פירן פאָרווערטס. ער שלעפּט זיי, דורכן „פאָרווערטס", צוריק... איך זאָג זיי: אַ מענטש דאַרף זיין אויפריכטיק און דאַרף אָפן פאַרטיידיקן זיינע פּרינציפּן. ער לערנט זיי צו זיין פּאָליטי־קאַנער... איך זאָג, מען דאַרף די מאַסן הייבן צו זיך, ער זאָגט, מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו די מאַסן, חנפענען זיך צו זיי און האַרמאָנירן מיט זייערע נידעריקסטע אינסטינקטן. איך זאָג, מען דאַרף שרייבן נאָר גוטס, ערנסטעס, באַלערנדעס. ער צווינגט זיי צו לעזן וועגן שידוכים, שדכנים, אַלטע מוידן"...

פאַר זיין ציווילן מוט האָט גאָרדין טייער באַצאָלט. דער „פאָרווערטס", וואָס איז במשך פון יאָרצענדליקער געווען די איינציקע יידישע אַר־בעטער־צייטונג אין אַמעריקע, האָט אים אומאויפהערלעך אַראָפּגעריסן, גע־מאַכט פון זיינע פּיעסן אַש־און־בלאָטע. דאָס האָט נאַטירלעך צוגעגעבן נאָך מער קוראַזש דער גאַנצער בירגערלעכער פּרעסע, פאַר וועלכער גאָר־דין איז פון תמיד אָן געווען קודם דער רעוואָלוציאָנער, דער קעמפער, דער געפערלעכער אַנאַרכיסט, וואָס האָט אין רוסלאַנד נאָך זיך פאַר־מאָסטן „צו באַקערן יידן צום קריסטנטום".

די כסדרדיקע גיפטיקע אָנפאַלן פון דער פּרעסע האָבן שווער גע־ווירקט אויף גאָרדינס געזונט. זיי האָבן אָבער נישט איינגעבראָכן זיין גייסט. שוין אַ שטאַרק קראַנקער, האָט ער אָנגעשריבן זיין „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" — „דאָס אַמעריקאַנער משוגעת". די פּיעסע, וואָס דעקט אויף דער טראַגיש־אומזיניקן געיעג נאָך געלט פון דער אויפגעקומענער אַמעריקאַנער יידישער בורזשואַזיע, איז אויפגעפירט געוואָרן סוף 1908, מיט אַ גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג. זי האָט אָבער געמוזט אַראָפּגע־נומען ווערן פון רעפּערטואַר בסך־הכל נאָך צוויי וואָכן שפּילן. די הויז־באַלעבאַטים און באַדן־שפּעקולאַנטן, אָנגעגריפענע אויף דער בינע, האָבן געדראָט נקמה צו נעמען אין טעאַטער־דירעקטאָר.

„דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ", אָט די שאַרף־סאַציאַלע דראַמע אויף אַק־טועלער טעמאַטיק — אַקטועלע אַגב נישט בלויז פאַר יענער צייט — איז געווען יעקב גאָרדינס שוואַנען־ליד. ער איז געשטאָרבן קוים עטלעכע חדשים נאָך דער אויפפירונג, דעם 10 יוני 1909.

⁂

ס'איז אָנגענומען צו באַצייכענען די גאָרדין־תקופה ווי „די גאָלדענע תקופה פון יידישן טעאַטער" און יעקב גאָרדינען ווי דעם „רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע". וואָס מיינט אייגנטלעך די דאָזיקע קרוין? וויפל

זיינען אין איר פֿאַראַן עכטע אידלשטיינער און וויפֿל — טעאַטער־בוטאַפֿאָריע?

גאָרדין האָט, קודם כּל, אויפֿגעעפֿנט די יידישע בינע פֿאַר די השפּעות פֿון אייראָפּעאישן טעאַטער. דאָס איז בלי שום ספֿק אַ גרויסער קולטור־היסטאָרישער פֿאַרדינסט.

גאָלדפֿאַדן, ביי זיין גאַנצער עכטקייט און פֿאָלקסטימלעכקייט, איז נים אַוועק ווייטער ווי אונדזער אַלטע שפּילמאַן־טראַדיציע. ס'איז אַ גרויסער ספֿק, צי ער האָט באמת געקענט די אייראָפּעאישע דראַמאַטורגיע פֿון זיין צייט. גאָרדינען האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען און — ווי עס טרעפֿט אָפֿט ביי קנאת סופֿרים — לחלוטין פֿאַרלייקנט. אין זיין התנגדות איז ער אָגב נישט צו פֿיל איבערקלייבעריש, וואָס שייך אַרגומענטן. אָט איז למשל אַ שטיקל גאָלדפֿאַדענישע, מעלאָדראַמאַטישע פֿאָזע־פּראָזע: „וואָס האָט ער, גאָרדין, געטאָן מיט מיין קינד?! גענומען מיין געליבט קינד, מיין בנימין, און אים אָפּגעשמדט. מיין קדשי קדשים האָט ער מטמא געמאַכט. ער איז דאָך גאָר אַ מיסיאָנער, ווי קומט ער צום יידישן טעאַטער?!"

גאָרדינס „מיסיאָנערישקייט" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפּרוּווט צוּאייגענען דעם יידישן טעאַטער די פּראָבלעמאַטיק און די טעכניק פֿון דער פֿאַרגעשריטנסטער רוסישער, דייטשער און בעיקר סקאַנדינאַווישער דראַמאַטורגיע. גאָרדינס „אָפּשמדן" דאָס יידישע טעאַטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפּרוּווט פֿאַרוואַרפֿן אַ בריק צווישן יידישן רעפּערטואַר און דער וועלט־קלאַסיק. אַז דאָס איז פֿאַרן יידישן טעאַטער געווען דער איינציקער־ריכטיקער, היסטאָריש־נויטווענדיקער וועג — קאָן, דוכט זיך, היינט קיין ספֿק ניט זיין.

די גאָרדין־תּקופֿה האָט נישט בלויז אויפֿגעעפֿנט די יידישע בינע פֿאַרן אייראָפּעאישן־טעאַטער. זי האָט גלייכצייטיק געעפֿנט די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער בינע פֿאַרן יידישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל איז אַ יידישער דראַמאַטורג געוואָרן אַזוי פֿיל איבערזעצט און געשפּילט צווישן ניט־יידן, אויף רוסיש, פּויליש, ענגליש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן. יידיש טעאַטער איז געוואָרן די גרויסע אַנטפּלעקונג פֿאַר דער ניט־יידישער טעאַטער־וועלט, באַזונדערס אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. די גאָרדין־איבערזעצונגען האָבן אויסגעטראָטן אַ וועג הן פֿאַר יידישער טעמאַטיק אין דער ניט־יידישער דראַמע (אין רוסלאַנד בעיקר), הן פֿאַר דער יונגער יידישער דראַמאַטורגיע פֿון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט שלום אַש און דוד פּינסקי בראש.

נאָך טיפֿער ווי אויפֿן רעפּערטואַר, האָט די גאָרדין־תּקופֿה געלייגט איר חותם אויפֿן יידישן שוישפּילער און — אויפֿן טעאַטער־באַזוכער.

דער יידישער אַקטיאָר איז געווען אַ קינד פֿון גאָלדפֿאַדן־טעאַטער. ער איז געקומען צו דער בינע צופֿעליק, איבער־נאַכט. וואונדערלעכע טאַלאַנטן האָבן אויפֿגעלויכטן אונטער גאָלדפֿאַדנס „בענגאַלישע פֿייערן", אָבער דאָס זיינען געווען טאַלאַנטן רויע, אור־כּוחות פֿון דער נאַטור. אויך

דער אַקטיאָר, פונקט ווי דער דראַמאַטורג, און נאָך מערער ווי ער, האָט געשפּילט מיט „בענגאַלישע פייערן”, ס'הייסט מיט מיטלען אויסערלעכע, מיט אַ טעאַטראַלישקייט אַ פּרימיטיוו־באַדינגלעכער, וואָס איז שנעל געוואָרן רוטינירט. דער שונד־מבול פון די אַכציקער יאָרן האָט דעם שוישפּילער צעקאַליעטשעט און נאָך מער פאַרפלאַכט. ציניזם, ווילדע הפקרות — בנוגע שפּראַך, בנוגע טעקסט, בנוגע צושויער — איז געוואָרן דער אמתער יידישער בינע־סטיל.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גאָרדין, ביי זיינע ערשטע שריט אין טעאַטער, האָט זיך אָנגעשטויסן דווקא מצד די אַקטיאָרן אויף אומצוטרוי, חוזק, ווידערווילן און אַפילו אָפענער שנאה. גאָרדינס רעאַליזם, די פּשטות פון זיינע סצענישע סיטואַציעס און פּערסאָנאַזשן, די ציכטיקייט פון זיין שפּראַך האָבן זיי אויסגעקוקט משונה־ווילד און אומאָננעמבאַר.

געהערן אָבער אַקטיאָרן, ביי אַלע אומות העולם, צו די סאַמע פּילבאַרסטע און באַווירקבאַרסטע קינסטלער. אַזוי שנעל, ווי זיי האָבן דערשפּירט, אַז גאָרדינס סצענישע פּשטות דערגייט צום עולם, האָט זי אָנגעהויבן דערגיין אויך צו זיי גופא. באַלד האָבן זיי געקאָנט זיך איבערצייגן, אַז גאָרדינס „פּראָזע”, אַזאַ אינטענסיווע און סצעניש־געשפּאַנטע אין איר כלומרשטער איינפאַכקייט, אַז גאָרדינס העלדן, אַזעלכע שאַרף און קאָנטראַסטפול־געצייכנטע, גיבן זיי אַן אויסערגעוויינלעך פעלד פאַר סצענישער קרעאַציע. אַזאַ דאַנקבאַר פעלד, מיט אַזעלכע ראָלן האָבן יידישע שוישפּילער פריער קיינמאָל ניט פאַרמאָגט.

אויף די „גאָלדענע ראָלן” פון גאָרדין־רעפּערטואַר האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער דור יידישע שוישפּילער. פיל זיינען פון שונד־אַקטיאָרן געוואָרן גרויסע בינע־מייסטער, באַרימטע ווייט אויסער די גרענעצן פון דער יידישער טעאַטער־וועלט. טייל זיינען אַפילו „אויסגעקאָנקורירט” געוואָרן דורך דער ניט־יידישער בינע.

פאַר אָט די ראָלן, פאַר דער מעגלעכקייט פון סצענישן אויסלעבן זיך, פול און אַלזייטיק, האָט דער שוישפּילער אָפּגעצאָלט דעם מחבר מיט אַן אַ שיער ליבשאַפט און פאַרערונג. קיין שום אַנדער יידישער דראַמאַטורג איז קיינמאָל, ביים יידישן אַקטיאָר, ניט געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ בפירוש קולט, ווי גאָרדין.

דאָס הייסט חלילה ניט, אַז דער יידישער שוישפּילער האָט זיך ענדגילטיק אָפּגעקערט פון שונד. ווי נאָר דער ווינט האָט זיך געביטן און די מאָדע זיך געענדערט, נאָך ביים לעבן פון פאַרגעטערטן דראַמאַטורג, האָבן די זעלבע אַקטיאָרן, וואָס זיינען דורך די גאָרדין־פּיעסן געגרויסט געוואָרן, זיך געלאָזט ווידער שווימען מיט די שונד־וואַסערן פון די אַלטע גוטע צייטן. די גאָרדין־שולע איז דאָך אָבער ניט געגאַנגען פאַר זיי לאיבוד. די באַציאונג צו שפּראַך, צו ראָל, צו סצענישער עבודה בכלל איז מער ניט געווען די זעלבע. מען האָט זיך אויסגעלערנט דעם המבדיל בין קודש לחול.

אומגעהויער טיף איז אויך געווען די אויסווירקונג פון דער גאָרדין־תקופה אויפן יידישן טעאַטער־צושויער. ס׳איז, דוכט זיך, נישטאָ קיין ווינקעלע אויף גאָר דער יידישער וועלט, וואו גאָרדינס פּיעסן זאָלן ניט האָבן געשפּילט געוואָרן, מיט זייער גרויס דערפאָלג. אויפן גאָרדין־רעפּערטואַר האָט זיך דערצויגן, נישט בלויז אַ דור שוישפּילער, נאָר אַ דור טעאַטער־באַזוכער, אַן עולם פאַר אַן ערנסטן יידישן טעאַטער. ס׳האָט זיך וועזנטלעך געענדערט די באַציאונג גופא צו טעאַטער מצד דעם יידישן פאָלקס־מענטש. „דאָס טעאַטער איז מער ניט קיין טינגל־טאַנגל־באַלאַגאַן — האָט גאָרדין געשריבן — ניט קיין פּלאַץ צו אַמוזירן אויף אַ נאַרישן אופן אַ נאַריש פּובליקום, נאָר אַ שול, וואו דאָס אָנגענעמע און נוצלעכע זיינען די לערער און די דערציער. אַזוי ווייניקסטנס איז דאָס טעאַטער וואו מיינע פּיעסן ווערן געשפּילט״.

אַפילו ווען גאָרדינס טעאַטער־עולם — פּונקט ווי זיינע אַקטיאָרן — האָט זיך שפּעטער געלאָזט פאַרשווענקען דורך דער צוריק־אויפקומענדיקער שונד־כוואַליע פון „פּינטעלע ייד״ און „כינקע פּינקע״, איז ער אָבער אין דער כוואַליע נישט דערטרונקען געוואָרן. דער גאָרדין־צושויער — ס׳רוב אַ פאָלקס־מענטש, אָבער אויך די פאָלקס־אינטעליגענץ — איז געוואָרן די באַזע, דער אָנשפּאַר פאַר דער מאָדערנער יידישער בינע.

רעפּערטואַר, אַקטיאָר, צושויער — די גאָרדין־תקופה, בלי שום ספק, קאָן באַטראַכט ווערן, אויב נישט ווי „די גאָלדענע תקופה״, איז לכל הדעות ווי „אַ גאָלדענע תקופה״ פון יידישן טעאַטער.

איז אָבער גאָרדין אויך „דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע״? דאָס שוין איז אַן ערך ווייניקער זיכער.

קיין איינעם פון די צוויי קוואַלן, פון וועלכע עס האָט געשעפּט יניקה דער יונגער יידישער טעאַטער — גאָלדפאַדען און, להבדיל, דער טינגל־טאַנגל־באַלאַגאַן פון די שונד־מייסטערס — האָט דער „רעפאָרמאַטאָר״ נישט „רעפאָרמירט״. די גאָלדפאַדען־טראַדיציע לעבט ביזן היינטיקן טאָג, מער אויטענטיש און פרוכטבאַר צוליב איר דורותדיקער פאָלקסטימלעכקייט, ווי די גאָרדין־טראַדיציע גופא. וואָס שייך דעם „טינגל־טאַנגל״־שטראָם, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מוראדיק האַרטן נוס. נישט בלויז האָט גאָרדין ניט באַוויזן אַרויסצורוימען דעם שונד פון יידישן טעאַטער, נאָר גראַד קאַפּויער: דער שונד האָט, אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַזוי זיך צעבליט, אַז ער האָט לסוף כמעט פאַרטריבן גאָרדינען פון דער אַמעריקאַנער יידישער בינע.

די פריערדיקע קוואַלן האָט גאָרדין נישט „רעפאָרמירט״ און — וואָס איז סוף כל סוף דער עיקר — קיין אייגענעם קוואַל האָט ער נישט אויסגעגראָבן און, דוכט זיך, אַפילו נישט באמת זיך, אַפילו נישט געזוכט אויסצוגראָבן. ס׳איז אויסטערליש: גאָרדין האָט פאַקטיש נישט געבויט מיט קיין בליק אויף דער צוקונפט.

ס׳איז פאַראַן אַ טיפע סתירה צווישן גאָרדינס פאַרמעסט — זיין טאַ־

לאַנט, זיין קולטור, זיין שפּרודלענדיקע שעפּערישקייט, זיין ברוייזנדיקער טעמפּעראַמענט — און אַט דעם באַשיידענעם סך־הכּל פון לעבעדיקע ווערק, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה. די סתּירה איז אין תּוך אַ טראַגישע.

עפּעס־וואָס דערפון איז געקומען צום אויסדרוק אין דער באַציאונג צו גאָרדינען מצד י. ל. פּרצן.

אין זיין בוך „יצחק־לייבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער" דערציילט ד"ר מוקדוני: „פּרץ האָט ממש פיזיש ניט געקאָנט אַריבערטראָגן גאָר־דינען און האָט אָפּגעלייקנט אין גאַנצן זיינע פאַרדינסטן פאַרן טעאַטער. ער האָט געטהנהט, אַז פריער איז דער יידישער טעאַטער געווען פּשוט פאָלקסטימלעך, אמת — פּרימיטיוו־פאָלקסטימלעך, אָבער פון הארצן; גאָרדין האָט געבראַכט דעם רוסישן אָסטראָווסקי אין דעם יידישן טעאַטער, מיט די רוסישע לעבנס־קאָנפליקטן, מיטן רוסישן דראַמאַטיזם אין יידישע קאַפּאָטעס".

עפּעס מער־וויניק ענלעכס דערציילט אויך בועז יאַנג אין זיינע זכ־רונות „מיין לעבן אין טעאַטער". יאַנג גיט איבער פאָלגנדיקן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט פּרצן, בעת אַ באַזוך אין וואַרשע:

— „וואָס דענקט איר, הער פּרץ, וועגן אונדזער יעקב גאָרדין?

— פרעג איך ביי אים מיט שטאָלץ.

— „ער איז נישט אָריגינעל.

„דאָ האָט זיך דינענזאָן אַריינגעמישט און געפרעגט: אָבער וואָס זאָגסטו, פּרץ, צו „מירעלע אפרת"?

— „מירעלע אפרת", גיט צו פּרץ, איז באמת אַ גוטע יידישע פּיעסע".

אויך פּרצעס גאָרדין־פאַרלייקענונג, פּונקט ווי גאָלדפאַדנס, איז וואַר־שיינלעך נישט פריי געווען פון אַ געוויסער קנאת סופרים. גאָרדין איז אַ דראַמאַטורג פון פלייש און בלוט — און פּרץ האָט עס זיכער געפילט — בעת ער אַליין, פּרץ, ניט געקוקט אויף אַלע פּרוואון און פיינפולע זו־כעענישן, האָט קיינמאָל צום סוד פון דער בינע זיך נישט דערשלאָגן. אַגב, די טענות וועגן אויסלענדישע איינפלוסן און אומאָריגינעלקייט קלינגען שיר־ניט פּאַראַדאָקסאַל דווקא אין מויל פון פּרצן, וועלכער האָט ברייט צעעפנט טיר־און־טויער פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר אַלע דרויסנ־דיקע השפּעות און איז אַליין געשטאַנען אונטער די כּסדרדיקע, אָפט קעגנזעצלעכע, איינפלוסן פון דער פּוילישער, רוסישער, דייטשישער און פראַנצויזישער ליטעראַטורן.

און דאָך איז פּרץ נישט געווען איינגאַנצן אומגערעכט. אין זיין סתּירות־דיקער באַציאונג צו גאָרדינען — אַט אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג און אַט אויפריכטיקע אָנערקענונג פאַר דער „באמת גוטער יידישער פּיעסע" — איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון דער גרויסער אינערלעכער גאָרדין־סתּירה.

נישט וועגן אָריגינעלקייט פון סיוזשעט, פון פּראָבלעמאַטיק, פון קאָנ־פליקטן, פון סיטואַציעס גייט עס. דאָ קאָן מען פאָרוואַרפן אומאָריגי־

נעלקייט די גרעסטע וועלט־מייסטער. אומאָריגינעל איז שעקספּיר און מאָליער און ראַסין און קאַלדעראָן און געטע. די איינציקע אָריגינעלקייט, די אמתע גרויסקייט פון שרייבער באַשטייט אין דעם אופן, ווי ער באַווייזט איבערצושמעלצן אין זיין אייגענעם שאַפערישן געמיט דווקא דאָס דרויסנ־דיק־פרעמדע, אין דעם אופן, ווי דאָס אַלמענטשלעכע ווערט דורך אים, דעם יחיד, צוגעאייגנט און באַרייכערט און דערהויבן, אין אַ נייעם שאַ־פערישן סינטעז, און אַריינגעוועבט אין געוועב פון אַ דורותדיקער נאַציאָ־נאַלער קולטור־טראַדיציע, פון וועלכער עס פירט אויפסניי דער וועג צו אַלמענטשלעכקייט.

פרץ האָט אַלדאָס דרויסנדיקע באַוויזן איינצוגלידערן אין דער יידישער גייסטיקייט. גאָרדינען איז עס געלונגען זעלטן. און ניט געלונגען איז עס אים נישט מחמת דעם, ווייל אים האָט געפעלט טאַלאַנט, קינסטלערישער אָטעם אָדער אינטעליגענץ, נאָר מחמת אים האָט געפעלט די וויזיע פון יידישן קולטור־המשך און פון נאַציאָנאַלער קולטור בכלל.

אין דעם טאַקע ליגט די טראַגישע סתירה פון גאָרדינס שאַפן: דער באַגייסטערטער, עקשנותדיקער בויער פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער, ס׳הייסט, פון אָט דער אַממערסטן אויסדריקלעכער און פאָלקישער פאָרם פון מאָדערנער יידישער קולטור, האָט בעצם פאַרלייקנט די מאָדערנע יידישע קולטור, פאַר וועלכער ער האָט געבויט, און אויך די שפּראַך אין וועלכער ער האָט געשאַפן. און אפשר דערפאַר טאַקע האָט פרץ, לויט ד״ר מוקדוני, „ממש פיזיש ניט געקאָנט אַריבערטראָגן גאָרדינען״.

דער אַסימילירטער יידיש־רוסישער אינטעליגענט, דער געוועזענער רוסישער שרייבער יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש גאָרדין, אַפילו דאַן שוין ווען ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט אין אַמעריקע און איז געוואָרן דער אָפּגאָט פון דער יידישער בינע, האָט געלייקנט, אַז אין יידיש קאָנען געשאַפן ווערן „ספּעציעל יידישע פאָרמען פון ליטעראַטור״ און פון נאַציאָנאַלער קולטור. אַזעלכע ספּעצי־פיש־יידישע פאָרמען האָט ער געזען בלויז אין דעם תנ״ך (אַן אָפּקלאַנג אַוודאי פון דער „גייסטיקער ביבלישער ברודערשאַפט״) און אין תלמוד. די גאַנצע ווייטערדיקע געשיכטע פון יידישער גייסטיקייט שטעלט פאַר מיט זיך איין וויסטן מדבר, איין גרויסן ליידיקן חלל. פאַרפילן אָט דעם חלל איז מסוגל בלויז די אַלוועלטלעכע קולטור, „די ליטעראַטור פון די אומות העולם״. יידיש איז פאַר גאָרדינען געווען ניט מער ווי אַ מיטל בכדי „אַריינצופירן די יידישע מאַסע אין דעם גרויסן, אינטערנאַציאָנאַלן שאַצ־קאַמער פון דער וועלט־קולטור״.

גאָרדינס וויזיע איז געווען: „איין נאַציאָן, איין פאָלק, איין קעניגרייך, איין קולטור, איין ציוויליזאַציאָן, איין גרויסע פאַראייניקונג, וועלכע וועט זיך רופן מיטן גרויסן, הייליקן נאָמען: מענטשהייט״.

אָט דער נאַאיווער, אינטעליגענטישער אוניווערסאַליזם האָט פאַרזען דעם פשוטן, עלעמענטאַרן היסטאָרישן אמת, אַז קולטור איז אַ פלאַנץ,

וואָס וואָרצלט אין אַ נאַציאָנאַלן באָדן און שפּייזט זיך מיט דורותדיקע זאַפטן פון אַ פאָלק. אוודאי האָט זיך גאָרדינען ניט געחלומט אַפילו, אַז אין די נייע געזעלשאַפט־באַדינגונגען פון אונדזער צייט, וועט דווקא דאָס נאַציאָנאַלע זיין איינער פון די גרונט־אַטריבוטן פון דער סאָציאַ־ליסטישער קולטור.

אין דעם אינערלעכן קאָנפליקט, ביי גאָרדינען, צווישן פריידיקער און קינסטלער, האָט געזיגט דער פריידיקער. די באַזיגטע קונסט אָבער האָט זיך נוקם געווען אין קינסטלער און אים פאַרפלאָכטן און אויסגעטריקנט זיין לעבנס־חיות.

גאָרדין האָט פאַרמאָגט אַלץ בכדי צו ווערן, נישט בלויז „דער רע־פאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע" — וועלכע איז סוף כל סוף ניט געשטאַנען מי יודע ווי הויך, אין זיין צייט — נאָר דער גרויסער, מאָ־דערנער יידישער דראַמאַטורג, דער זיילן־דראַמאַטורג פון אונדזער מאָ־דערנעם טעאַטער. ער איז עס אָבער נישט געוואָרן. ער איז געבליבן — פאַרגייער.

בלויז ווען דער ליידנשאַפטלעכער בעל־חקרן האָט אויף אַ ווילע פאַר־געסן זיין תורה, אַז קונסט איז נאָר אַ מיטל און נישט קיין ציל פאַר זיך, בלויז ווען דער „רבי" פון מוחדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם האָט אויף אַ ווילע, דורך קינסטלערישער אינטואיציע, געפונען דעם וועג צום האַרצן פון אויטענטישער, פאָלקישער קולטור־טראַדיציע, בלויז דאַן זיינען געבוירן געוואָרן ווערק פולבלוטיקע, וואָס וועלן דויערן.

און דווקא בלויז אַזוי אַרום — גאָרדין וואָלט קוים געקאָנט זיך עס פאָרשטעלן! — בלויז דורך און אַדאַנק די „ספּעציעל יידישע פאַרמען" פון אונדזער מאָדערנער קולטור — וועלכע גאָרדין האָט פאַרלייקנט! — וועט דאָס באמת דויערנדיקע פון זיין שאַפן דערגיין צו דעם, וועגן וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט צו טרוימען אַ לעבן־לאַנג: צום „גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן שאַצקאַמער פון דער וועלט־קולטור".

1968

דער אויסטערלישער גורל פון יידישן טעאַטער

ס'איז אוממעגלעך צו באַנעמען דעם וועג פון יידישן טעאַטער, אויב מען וויל אים מעסטן מיט מאָסן אַלגעמיינע, ווי ביי די אומות העולם. אויפן געביט פון טעאַטער זיינען מיר יחידי סגולה, ממש אויסדערוויילטע. אונדזער טעאַטער איז נישט בלויז אַ היסטאָריש־פאַרשפּעטיקטער. ער איז אויפגעקומען צווישן אַ פאָלק, וואָס איז דורות און דורות־לאַנג געווען אַ טעאַטראַל־קשה־עורף׳דיקער.

יצחק לייבוש פּרץ האָט זיך געקלאָגט, אַז אונדזער יידישער ליטעראַטור פעלט „צום אַלעם ערשטן — טראַדיציע". דעם יידישן טעאַטער — ריכטיקער, דעם טעאַטער ביי יידן — פעלט ניט קיין טראַדיציע. די טראַדיציע איז אָבער אַ נעגאַטיווע, אַ פאַרלייקנדיקע, אַ צד־שכנגדדיקע. ניט פאַראַן קיין סך פעלקער, וואָס זאָלן, ווי מיר, האָבן געלעבט במשך פון יאָרהונדערטער, שיר־ניט פון יאָרטויזנטער, אין אַזאַ אָפּיציעל טעאַטער־פיינטלעכער אַטמאָספערע. די קולטור־היסטאָרישע לופט, מיט וועלכער דורות יידן האָבן געאָטעמט זייער לעבן־לאַנג, איז געווען אַ שאַרף אַנטי־טעאַטראַלע.

ס'קאָנען זיין פאַרשיידענע מיינונגען וועגן די סיבות, וואָס האָבן אין אַלטערטום, אין דער תקופה פון תלמוד, אַרויסגערופן דעם איסור אויף טעאַטער. די ריין־רעליגיעזע טעמים זיינען דאָ, העכסט וואַרשיינלעך, ניט געווען פון די וויכטיקסטע. גיכער האָבן די גורמים געטראָגן אַ כאַראַקטער אַ מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכן, אַ נאַציאָנאַלן און אַפילו אַ פּאָליטישן.

די „טיאטראות וקרקסאות", טעאַטערן און צירקען, אויף וועלכע די בעלי־התלמוד האָבן אַרויפגעלייגט זייער איסור, זיינען געווען די באַליבטע פאַרוויילונג־פאָרמען פון גריכנלאַנד און רוים. אַט די צוויי וועלט־מאַכטן פון אַלטערטום האָבן זיך געהאַט פאַרמאָסטן, פריער גריכנלאַנד און דערנאָך רוים, איינצוברעכן און אָפּצואווישן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט פונעם קליינעם יהודה־פאָלק. טעאַטער־פאָרשטעלונגען און צירק־ספּעקטאַקלען זיינען געווען אַ מין מלוכה־אינסטיטוציע, לכל הדעות אַ קען־צייכן פון גריכישער אָדער רוימישער מלוכהשקייט. „טיאטראות וקרקסאות" זיינען דערשינען ווי דער אויסדרוק פון אַ געוויסן טיפּ ציוויליזאַציע, פון אַ באַשטימטן לעבנס־נוסח, וועלכן דאָס פאָלק פון יהודה האָט אָפּגעוואָרפן.

אָפּוואָרפן הייסט ניט דווקא מבטל מאַכן. אין דעם זין איז כאַראַקטעריסטיש אַ שטעל פון מדרש־רבה, וואָס ש. ערנסט ברענגט אין זיינע „טעקסטן און קוועלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרוויילונגען און

מאַסקאַראַדן ביי יידן": „רב הונא און רב פּנחס זאָגן: אַפילו מיט די זאַכן, וואָס די רעגירונג זוכט מיט זיי אונדז צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, ווי למשל מיט טעאַטערס און צירקן, שאַדט זי אויך".

רב הונא און רב פּנחס אָנערקענען, אַז טעאַטער און צירק זיינען טאַקע מסוגל צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, אָבער אַט דעם פאַרגעניגן ווילן זיי ניט, מחמת ער קומט פון שונא. מ'איז מוחל דעם האָניק און מוחל דעם ביס. דער לעבנס־סטיל פון באַצווינגער ווערט אָפּגעוואָרפן אַן־בלאָק.

דאָס אויסדרייען זיך מיט רוקן צו דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַ־ציע האָט געדויערט אַן אַן ערך לענגער, ווי די גריכישע און רוימישע אימפּעריעס גופא, וועמענס ירושה איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער קריסטלעכער קירך. דער גריכיש־רוימישער טעאַטער איז שוין לאַנג געהאַט פאַרשוואונדן, דאָס אַרט פון טעאַטער בכלל האָט זיך וועזנטלעך געענדערט אין דער געזעלשאַפט, אָבער דער אַלטער תלמודישער איסור איז פאַרבליבן אין קראַפט. אין נייע געשיכטלעכע באַדינגונגען — צע־שפּרייטונג, רדיפות, מיטלאַלטערלעכער געטאָ — איז דער איסור אַרומ־געוואַקסן מיט נייע מאָטיווירונגען, מיט קונציקע פּשטלעך און שאַרפע חקירות, אַלץ ווייטערע און ווייטערע פון לעבעדיקער קולטור־רעאַליטעט. דער כח פון היסטאָרישער אינערץ האָט ביסלעכוויז לגמרי אַרויסגע־שטויסן דעם טעאַטער פונעם קרייז פון אָפיציעלער יידישער גייסטקייט.

דער געשיכטלעכער פּראָצעס פון סימביאָז צווישן יידישער און גרי־כישער קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צייטן פון פילון פון אַלעקסאַנדריע און האָט דערגרייכט איינעם פון זיינע הויכפּונקטן מיט דער אַז. גער. שפּאַנישער גאָלדענער תקופה, האָט דעם טעאַטער געלאָזט לחלוטין אויסערן חשבון. חכמת־יון האָט באַדייט בלויז חכמה, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, עווענטועל ליטעראַטור, אָבער באַין אופן נישט קונסט און אַוודאי נישט טעאַטער. די גולי־ספרד און גאָר באַזונדערס, שפּעטער, די געוועזענע מאַראַנען האָבן, אונטערן איינפלוס פון שפּאַנישן רענעסאַנס, געפּרוּווט איינפלאַנצן אַ געוויסע טעאַטער־טראַדיציע אין דער יידישער אַמסטער־דאַמער קהילה. אַן ענלעכער פּרווו, אונטערן איינפלוס פון איטאַליענישן רענעסאַנס, איז געמאַכט געוואָרן אויך אין געטאָ פון ווענעדיג. די פלאַנצן האָבן זיך אָבער ניט אָנגענומען. יידישקייט האָט מיט טעאַטער זיך נישט געפּאָרט.

דאָס הייסט נאַטירלעך ניט, אַז טעאַטער־איבערלעבונג און טעאַטער־שפּיל זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון יידישן לעבן. זיי האָבן אָבער געמוזט פליסן מיט אַן אונטערערדישן שטראָם, איינגעצוימט, במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, אין אַן איין־טאָגיקער פאַרגענגלעכקייט. „היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס". טעאַטער איז געוואָרן סינאָנים פון פּורים־שפּיל. טעאַטער־עמאָציע — אַן איין־מאָל־אין־יאָריקער אויסברוך, פּורים אָדער חנוכה, פון פאַרשייטקייט, פון טראָציקער לצנות.

דער פּורים־טעאַטער איז געווען טאָלערירט, אָבער אַרומגערינגלט מיט

ביטול. און אפשר טאַקע שטאַמט די טאָלעראַנץ גופא דערפון, וואָס מ׳האָט געקאָנט אַזוי לייכט מבטל מאַכן אָט דעם גאַנצן מין פאַרשטעלעניש. אַן אייגנאַרטיקער יידישער טעאַטער־נוסח האָט, במשך פון יאָרהונדערטער, זיך אויסגעשטאַלטיקט, אַ נוסח, וואָס האָט געוואַנדערט פון די מיטלאַלטערלעכע געטאָס פון איטאַליע און דייטשלאַנד קיין מערן און פוילן. אויף זיין פיל־דורותדיקן וועג האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך אַן אַ שיר יידישע פאָלקס־טימלעכקייט, אַן אַ שיר פאָלקס־חן פון וואָרט און תנועה. די יעניקע אָבער, וואָס האָבן דעם טעאַטער־נוסח געשאַפן, זיינען קיין שום טעאַטער נישט אויסן געווען. פונקט ווי מאָליערס מאָסיע זשורדען, האָבן זיי גערעדט פּראָזע, נישט ווויסנדיק, אַז די פּראָזע, וואָס זיי ריידן, הייסט פּראָזע. להיפך אָבער צו מאָסיע זשורדען, האָבן זיי פון זייער אייגענער פּראָזע נישט בלויז וויניק געהאַלטן, נאָר זי בפירוש גרינג און נידעריק געשעצט.

פון די פּורים־שפּילן, אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונגען, האָט זיך געטראָגן אַ מעכטיקע, הפקרדיקע פריילעכקייט און אויך, זייער אָפט, אַ רויע המוניש־קייט און וואולגאַריטעט. מ׳האָט זיי אָבער געדולדעט, מיט זייער גאַנצן נבול־פּה, אַפילו מיטן איבערטאָן זיך פון מענער אין פרויען־קליידער. אויף אָט דעם מושב לצים אין פולן זין פון וואָרט איז דער אַלט־תלמו־דישער איסור מושב לצים נישט געווען חל.

פּראָוואַנצויזישע אַקטיאָרן, נאָך אין זיבעצענטן יאָרהונדערט, אויב זיי האָבן געוואָלט מען זאָל זיי ברענגען צו קבורה ווי אָרנטלעכע קריסטן, האָבן געמוזט, פאַרן טויט, מאַכן פאָלגנדיקן נדר: „איך זאָג צו דעם וואָס אין הימל, מיטן פולן האַרץ און ביי קלאָרן געדאַנק, מער ניט צו שפּילן קיין טעאַטער אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל לעבן, אַפילו אויב גאָט וועט זיך אויף מיר מרחם זיין און מיך שטעלן אויף די פיס״. מאָליערן, וואָס האָט אַזאַ נדר נישט געמאַכט, האָט מען געמוזט מקבר זיין בגנבה, ביינאַכט און דאָס אויך בלויז אַדאַנק דער פּראָטעקציע פונעם מלך לודוויג דעם פערצנטן.

אויך אין פראַנקרייך, הייסט עס, און אין אַנדערע אייראָפּעאישע מדינות האָט מען אַ לאַנגע צייט דעם טעאַטער גערודפט. די רדיפות זיינען אָבער געקומען בלויז מצד דער קירך, אָדער, מחמת פּאָליטישע טעמים, מצד דעם אַדל. דאָס האָט ניט געשטערט, אַז דווקא די טעאַטער־קולטור זאָל פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן אין דער גייסטיקער שעפערישקייט פון לאַנד.

די יידישע פּורים־שפּילער האָט מען נישט גערודפט. זייער אָפט זיינען עס געווען ישיבה־בחורים. אין כמעט פּראָפעסיאָנעלע וואַנדער־טרופּעס פלעגן זיי, מיטן הסכם פון ראש־ישיבה, משמח זיין יידישע קהילות, אַ גאַנצן חודש אָדר. ס׳איז געבליבן באַרימט די פּורים־אויפפירונג פון דער פּראָגער ישיבה פון רבי דוד אָפּענהיים, אַרום 1720, אַן אמתע טעאַטער־פאָרשטעלונג פון גרויס פאַרנעם, אויף דער בינע פון אַן עפנטלעכן טע־אַטער־זאַל, מיט אַן אָרקעסטער, מיט דעקאָראַציעס און כלערליי עפעקטן

„ווי פייער, הימל, דונער" און אַנדערע „וואונדערלעכע זאַכן". אַגב, פּראָ־פעסיאָנעלע לצים און שפּאַסמאַכער זיינען געווען אַפילו צווישן כלי־קודש. מען האָט עס טאָלערירט. מען האָט דעם פאָלקישן טעאַטער־נוסח ניט גערודפט, מחמת ער איז געווען אַ ראַנד־דערשיינונג. קיינער האָט אים ניט גענומען ערנסט, קיינער האָט אים ניט צוגעגעבן דעם מינדסטן געזעלשאַפטלעכן אָדער קולטור־באַטייט.

אויפן שוועל פון דער נייער צייט, איז טעאַטער געווען אַ לחלוטין פרעמדער, אַ ווילד־פרעמדער אבער פאַר דער אָפיציעלער יידישער קולטור. ניט בלויז די פאַראומערטע רבנים, וועלכע פלעגן טאָג־ווי־נאַכט טרויערן אויפן חורבן בית־המקדש און קלאָגן אויפן גלות, נאָר אַפילו דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געלעכצט נאָך אַ טראָפן טעאַטער־פרייד, אַפילו די שפּילער גופא, וואָס האָבן אָט די פרייד געטראָגן איבער אָרעמע יידישע הייזער — אַלע האָבן קליפּ־און־קלאָר געוואוסט, אַז טעאַטער הייסט: לצנות און דברים בטלים, טעאַטער הייסט: זיך נאַריש מאַכן.

***

און אָט פּלוצלינג, ממש ווי איבערנאַכט, האָט זיך אַלץ געענדערט. דער טעאַטער־־פענאָמען האָט זיך אַריינגעריסן אין יידישן לעבן מיט דער קראַפט פון אַ שטורעם־ווינט און מיט דער אומגעריכטקייט פון אַ פרילינג־געוויטער.

ס'איז טאַקע געווען ערב־פרילינג אויף דער יידישער גאַס. די שטילע יוירונג, וואָס איז געהאַט אַנגעגאַנגען דורות־לאַנג אין די טיפענישן פון פאָלק, האָט מיט איין מאָל זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפלאַך, מיט אומגעדאַכטן אימפּעט. די צוימען פון מיטלאַלטערלעכער יידישקייט זיינען געוואָרן אומגעוואָרפן, די געטאָ־ווענט אויפגעבראָכן. די פאַרגליווערטע עדה האָט בליץ־שנעל גענומען זיך סאָציאַל דיפערענצירן. דער דער־שלאָגענער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט פון לאַנג שוין, אין דער שטיל, רע־וואָלטירט קעגן גביר און שיינעם ייד, קעגן די אייזערנע צוואַנגען פון די תרי"ג מצוות, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט אַלע כוחות, מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן האָט ער גענומען זיך רייסן צו נייע, וועלטלעכע פאָרמען אויף אויסלעבן זיין ברוזנדיקן פּראָטעסט, זיינע האָפענונגען און טרוימען, זיין אומקלאָרע בענקשאַפט נאָך באַנייאונג, נאָך שענקייט און דערהויבנקייט.

און אויסטערליש: דווקא טעאַטער, וואָס האָט במשך פון יאָרהונ־דערטער זיך געפונען אויפן ווייטסטן און ראַנדיקסטן ראַנד פון דער יידישער עפנטלעכקייט, דווקא טעאַטער איז איצט דערשינען אין סאַמע צענטער, אין סאַמע פאָדערגרונט. דאָס איז געווען ווי אַ מין היסטאָרישער רעוואַנש. גאָלדפאַדנס נאַאיווע בלעך־בוטאַפאָריע, זיינע נעבעכדיקע „בענ־גאַלישע פייערן" האָבן אין דער פאָלקישער געדיכטעניש אָפּגעהילכט און אויפגעלויכטן ווי דונערן־און־בליצן פון דער נייער צייט.

אויף אָרעמע בינע־ברעטער האָט מען אומבאַהאָלפן געשפּילט נאַאיוו־אומבאַהאָלפענע היסטאָרישע אָפּערעטעס. אַרום די בינע־ברעטער אָבער

האָט, מיט רעוואָלוציאָנערן ברויז, זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען די גרויסע היסטאָרישע שפּיל פון דערוואַכונג, סעקולאַריזירונג און באַנייאונג פון אַן אַלט פאָלק.

די דורותדיקע ביטול־באַציאונג איז, פון היינט אויף מאָרגן, פאַרשוואונדן. דער טעאַטער, מחמת זיין מאַסן־כאַראַקטער, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ מין קאַטאַליזאַטאָר פון געזעלשאַפטלעכע ליידנשאַפטן. פון איין זייט, ביי עמך, ביים פּראָסטן־פאָלק, ביים „פּעבל" — אומגעזעענער ענטוזיאַזם. פון דער צווייטער זייט, ביי די וואָס האָבן געוואַכט איבער די מויערן פון אַלטער יידישקייט — ברענענדיקע שנאה. אַלע מיטלען זיינען געווען כשר: רדיפות, חרם, מסירה. אַ פאַרביסענע קעגנערשאַפט איז געקומען אויך מצד דעם אויפגעקלערטן בירגערטום און דעם רוב משכילים.

אין אָט דער אָנגעגליטער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע, אין דעם אויפרייסנדיקן צוזאַמענשטויס צווישן די כוחות פון יונג און אַלט, פון אַלט און ניי, האָט דער טעאַטער, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע, באַקומען זיין פּלאַץ און זיין תיקון. אין גאָלדפאַדנס „שטיי אויף מיין פאָלק, דערוואַך פון דיין דרימל" האָט אָפּגעקלונגען דער היסטאָרישער שאַנס פון יידישן טעאַטער: ווערן — דירעקט און ממשותדיק — די אָרענע, דער באַגייסטערער און פאָנען־טרעגער פון פאָלקס־דערוואַכונג.

ווער איז געווען דער צושויער פון גאָלדפאַדן־טעאַטער? דער יידישער פאָלקס־מענטש, דער בעל־מלאכה, דער משרת, די דינסט — אַ געדיכטער המון, אַ פּרימיטיווער, אָבער אַ געזונטער, וואָס האָט געקאָנט לאַכן מיט אַ מעכטיק געלעכטער און וויינען מיט ביטערע טרערן. אַ המון אַ טאָפּלט יונגער, הן סאָציאַל, הן אין יאָרן, און וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט ברייט־אויפגעריסענע, תמימותדיקע אויגן פון אַ קינד.

דער דאָזיקער צושויער איז אין טעאַטער ניט געגאַנגען ווי אין אַ טעמפּל פון קונסט. דער טעמפּל אַגב איז אָפטער ענלעך געווען צו אַ שטאַל, ווי צו אַ פּאַלאַץ. אויך קיין גרויס יראת הכבוד האָט זיך ניט געפילט אין דער באַנעמונג פון געערטן פּובליקום. אָבער פאַרוואָס ווידער האָט דאָ דער יראת הכבוד געדאַרפט זיין גרעסער, ווי ערגעץ אַנדערש, אָט, למשל, ווי אין אַ געוויסן לאָנדאָנער טעאַטער — אמת, מיט אַ צייט צוריק — ווען מען דירעקטאָר, אַ געוויסער שעקספּיר, האָט געשפּילט פּיעסן וועלכע ער האָט אַליין מחבר געווען (פּונקט ווי דער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר) און וואו דער עולם פלעגט זיך לאָזן וואוילגיין מיט פרעסן און זויפן און גאַסן־פרויען פלעגן ענערגיש זוכן בעלנים פאַר זייער באַרוף?! קיין צירלעך־מאַנירלעכקייט איז אויך אין שעקספּיר־טעאַטער ניט געווען.

הינטערן רויטן פאָרהאַנג, פון דער צווייטער זייט חלבנע ראַמפּן־ליכטלעך, האָט, פאַרן באַצויבערטן בליק פון יידישן פאָלקס־מענטש, געדאַרפט זיך אַנטפּלעקן — די וועלט. הן די ווייטע, גרויסע, אומבאַקאַנטע וועלט, מיט אירע כלערליי וואונדער, וועגן וועלכע מען האָט בלויז געקאָנט

טרוימען, הן די וועלט די באַנטע, די אַרומיקע, וואָס איז אָבער געווען אַזאַ סתירותדיקע און אין תוך אַן אומפאַרשטענדלעכע. ערגעץ־וואו הינטער די חלבנע ראַמפּן־ליכטלעך איז געלעגן דער זינען און באַשייד פון דער וועלט און דאָס הייסט, במילא, פון אים, דעם צושויער, גופא. דער רויטער פאָרהאַנג האָט געדאַרפט אים אַנטפּלעקן זיין אייגענעם סוד, דעם סוד פון פּשוטן יידישן פאָלקס־מענטש, פון זיין קומען און לעבן אויף גאָטס ערד. אינעם אויסטערלישן צויבער־שפּיגל פון טעאַטער האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש אומקלאָר געהאָפט צו דערקענען — זיך אַליין.

דערקענען זיך אַליין אויף דער בינע, הייסט נישט דווקא זיך דערזען אין אייגענעם טאָג־טעגלעכן לבוש. דער טעאַטער־גייער פון אַלטן גריכנ־לאַנד האָט זיך דערקענט נישט בלויז אין די אַקטועלע פאָלקס־קאָמעדיעס און סאַטירעס פון אַריסטאָפאַנעס, נאָר אויך אין די טראַגעדיעס פון עיס־כילאָס, סאָפאָקלעס און עוריפּידעס, הגם די העלדן זייערע זיינען געווען רק מלכים, בני־מלכים און האַלב־געטער. פּונקט אַזוי האָבן די הויפליים פון פראַנצויזישן מלך לודוויג דעם פערצענטן זיך דערקענט אין די גריכן און רוימער פון טעאַטער פון קאָרנעיל און ראַסין. נישט אַקסעסואַרן־שפּיל איז וועזנטלעך אויף דער בינע, נאָר גורל־שפּיל.

דער יידישער פאָלקס־מענטש איז געקומען אין טעאַטער בכדי צו דערקענען זיין אייגענעם גורל — דעם מענטשלעכן גורל, דעם פאָלקישן גורל, דעם יידישן גורל.

***

אונדזער טעאַטער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט כמעט אין דער זעלבער צייט, ווי אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור. גאָלדפאַדנס „ליכטיקער אָנפאַנג", אין יאַסער גערטל, איז אויסגעפאַלן אין 1876. „דאָס קליין מענטשעלע" פון מענדעלע מוכר ספרים איז בסך הכל מיט צוועלף יאָר עלטער. פרץ איז נתגלה געוואָרן מיט צוועלף יאָר שפּעטער, אין 1888. שלום־עליכם, אין 1876, האָט אָקערשט פאַרענדיקט די פערעיאַסלעווער „אויעזדנאַיע אוטשילישטשע" און אָנגעהויבן ערשט טראַכטן וועגן תכלית. הן דער טעאַטער, הן די ליטעראַטור, האָבן געהאַלטן נאָך גאָר פון פאַרנט.

זייער אָפּנעמער איז וועזנטלעך געווען איינער און דער זעלבער: דער יידישער פאָלקס־מענטש, די יידישע פּרוי. אמת, די ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט שוין אַ מאַסן־באַזע, וועלכע דער טעאַטער האָט ערשט געדאַרפט נאָך שאַפן. די מעשה־ביכלעך פון אייזיק־מאיר דיק למשל פלעגן, לאַנג פאַר מענדעלען, זיך פונאַנדערגיין אין טויזנטער און טויזנטער עקזעמפּ־לאַרן איבער גאַנץ ליטע און וואָלין. די יידישע פּרוי, וואָס איז דורות־לאַנג געווען דער אָנשפּאַר פאַר דער עלטערער יידישער ליטעראַטור — נישט אומזיסט און בלויז לשם גראַם האָט שלום־עליכם פאַרזאָגט אויס־צוקריצן אויף זיין מצבה: „געשריבן יידיש־טייטש פאַר וויבער" — די יידישע פּרוי איז אין טעאַטער, לכל הדעות די ערשטע צייט, וויניקער געגאַנגען. בדרך כלל איז דער טעאַטער־עולם געווען אַ מער מאַנסביל־

שער און מער המונישער. סאַציאַל גענומען אָבער, און ביי זייער גאַנצער פאַרשידנקייט, האָט דער לייענער פון יידישן בוך און דער באַזוכער פון יידישן טעאַטער געהערט צו דעם זעלבן געזעלשאַפטלעכן שיכט: צו דער פאָלקס־מאַסע.

ס'האָט געקאָנט זיך אויסוויזן, אַז די וועגן פון דער ליטעראַטור און די וועגן פון טעאַטער וועלן זיך פונאַנדערוויקלען מער־וויניק פאַראַלעל, ווי ביי די אומות העולם. ביידע האָבן פּראָקלאַמירט צוגלייך אי דעם עיקר פון פאָלקישער גורלדיקייט, אי דעם עיקר פון שליח־צבורדיקייט. מענדעלעס שאלה: „וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט ניט קיין נוצן זיין פאָלק?" אָט די שאלה האָט, אין פיל וואַריאַנטן, איבערגעחזרט אויך גאָלדפאַדן, הגם מיט אַן אויפּריכטיקייט, וואָס איז אָפט געווען בלויז אַ באַדינגלעך־טעאַטראַלע.

דער לעבעדיקער בינד־שטריך צווישן ליטעראַטור און טעאַטער האָט געדאַרפט זיין די דראַמאַטורגיע. אין אונדזער ליטעראַטור פונעם פאַר־קלאַסיקער־פעריאָד, ס'הייסט פון סוף אַכצנטן ביזן מיטן ניינצנטן יאָר־הונדערט, איז דער דראַמאַטורגישער זשאַנער געווען דער דאָמינירנדיקער. די וויכטיקסטע און דויערנדיקסטע ווערק פון יענער תקופה באַשטייען פון דראַמעס און, מער נאָך, פון קאָמעדיעס. איציק אייכל, אהרן האַללע־וואָלפזאָן, אַברהם־בער גאָטלאָבער און בעיקר שלמה עטינגער און ישראל אַקסענפעלד האָבן איבערגעלאָזט לעבעדיקע, אויטענטישע טעאַטער־שטיק. נישט קיין דיאַלאָגירטע פּראָזע, נאָר ווערק מיט עכטן טעאַטער־בלוט, בפירוש גערעכנטע שפּיל־טעקסטן. די גלענצנדיקע אויפפירונגען, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון עטינגערס „סערקעלע" און פון אַקסענפעלדס „רעקרוטן" האָבן באַוויזן, אַז דער יידישער טעאַטער האָט דעם רעזערוו פון דער עלטערער יידישער דראַמאַטורגיע לאַנג ניט דערשאַצט און ווייט ניט אויסגענוצט.

אָט די דראַמאַטורגיע האָט אין זיך געטראָגן אַ ברייזנדיקע געזעלשאַפט־לעכע אָנלאָדונג. דורך איר זיינען געשאַסן געוואָרן די שאַרפסטע פיילן אין אַלטן, אָפּגעלעבטן שטייגער. געשאָסן אויף אַ טעאַטראַלן אופן, מיט דער טראַציקייט און שפּרודלדיקער פאָלקישקייט, אין וועלכע ס'האָט אָפּגעהילכט די דורותדיקע פּורים־שפּיל־טראַדיציע.

דער זיווג צווישן דער עלטערער יידישער דראַמאַטורגיע, וועלכע האָט בדרך כלל קיינמאָל פריער קיין סצענישן תיקון ניט געהאַט באַקומען, און דעם ניי־געבוירענעם יידישן טעאַטער, איז געווען מסוגל אויסצושמידן, גלייך פון אָנהייב, אָט די עיקרדיקע גורל־געמיינשאַפט צווישן ליטעראַ־טור און בינע, וועלכע איז דער פאַרבאַדינג, אין גאָר דער וועלט, פאַרן נאָרמאַלן און געזונטן וואוקס פון יעדן טעאַטער.

איז אָבער דער זיווג נישט געשלאָסן געוואָרן.

אַברהם גאָלדפאַדן, וואָס האָט די פריערדיקע יידישע דראַמאַטורגיע

זיכער גוט געקענט, האָט פאַר איר אויף זיין בינע קיין פּלאַץ נישט גע־פונען. ווי פיל אַנדערע דראַמאַטורגן־טעאַטער־דירעקטאָרן, איז ער געוואָרן דער איינציקער מחבר, דער איינציקער פּיעסן־צושטעלער פאַר זיין טע־אַטער־אונטערנעמונג. אויב די ערשטע, וויכטיקערע גאָלדפאַדן־פּיעסן זיינען נאָך, הן דראַמאַטורגיש, הן אידעאיש, אַ המשך פון דער עלטערער משכילישער סאַטירישער קאָמעדיע, גייט זיין שאַפן באַלד איבער אין אַ גאַנץ נייע ריכטונג. ער טוט זיך אַ וואָרף, ווי ער זאָגט, אויף „מוזיקאַלישע דראַמען און אָפּערעטן".

זינג־שפּילן זיינען אין תוך גאָלדפאַדנס סטיכיע. זיין טעאַטראַלער בראשית איז געווען נישט דאָס וואָרט, נאָר דאָס ליד. און דווקא דאָס געזונגענע ליד. ווערטער און מעלאָדיעס — „די שיינע יידישע געשמאַקע ניגונימלעך" — זיינען פאַרפאַסט געוואָרן גלייכצייטיק דורכן פאָלקס־דיכטער. מיר האָבן דאָ די אַלטע יידישע שפּילמאַן־טראַדיציע, די טראַדיציע פון פאָלקישן פאַרוויילער, פון בדחן, פון אַ וועלוול זבאַרזשער און אַן אליקום צונזער, וועלכע ווערן אַגב דערמאָנט דורך גאָלדפאַדענען מיט גרויס לויב.

פון זיין נייעם זשאַנער האָלט גאָלדפאַדען עולם ומלואו. ער זעט אין אים שיר־ניט דעם סאַמע העכסטן באַרג־שפּיץ פון דראַמאַטורגיע בכלל. אָט ווי ער פאַרלויבט די סחורה ביז אין הימל אַריין, אין זיינע אויטאָביאָ־גראַפישע נאָטיצן „פון שמענדריק" ביז „בן־עמי":

„איר מוזט וויסן, מיינע ליבע לעזער, אַז אַ דראַמע איז פיל לייכטער אָנצושרייבן, ווי אַ קאָמישע אָפּערעטע. יעדן מענטשן, וועמען איר וועט באַ־געגענען, האָט ער אייך צו דערציילן זיינע אייגענע פּאַסירונגען און אינטע־רעסאַנטע אייגענע לעבנס־דראַמע... און ווי שווער איז מיר די ערשטע צייט אָנגעקומען צו שאַפן אין יעדער מעלאָדראַמע און אָפּערעטע אַ נייעם קאָמיזם מיט אַ נייעם שלאַגוואָרט מיט נייע וויצן (און וויצן שיטן זיך ניט פון אַרבל) — און דאָס שווערסטע פון אַלעמען צו קאָמפּאָזירן און קאָמ־פּאָלירן מוזיק פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט קיין נאָטן ניט געלערנט".

גאָלדפאַדנס מעלאָדראַמעס און היסטאָרישע אָפּערעטעס האָבן באַצויבערט דעם תמימותדיקן צושויער מיט זייער פאָלקישן חן, זייער צעשפּילטער פאַנטאַזיע, מיט זייערע אויסטערלישע עפעקטן און די כלערליי „בענגאַלישע פייערן". אין זיי איז אָבער שוין געלעגן די פּאָטענציעלע געפאַר פון ווידער־אַנאַנד צווישן טעאַטער און ליטעראַטור, טעאַטער און קולטור, טעאַטער און לעבן.

דער יונגער יידישער טעאַטער האָט טאַקע זיך אַריינגעריסן אין אונ־דזער מאָדערנער קולטור־געשיכטע ווי אַ שטורעם־ווינט. אָבער אַריינגע־שפּרייזט האָט ער — נישט מיטן רעכטן, נאָר בפירוש מיטן לינקן פוס.

אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט די פּאָטענציעלע געפאַר געבליבן, העכסט וואָרשיינלעך, בלויז אַ פּאָטענציעלע. נאַטירלעכער באַדן, זון פון סביבה און היים וואָלטן מסתמא דעם טראָט אויסגעגלייכט. האָט אָבער דער גורל

געוואָלט, אַז די באַדינגונגען זאָלן זיין אומגעווענלעכע, אומגעזעענע און אומגעדאַכטע.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער יידישער טעאַטער זאָל אויפקומען, פאַקטיש, נישט אין די דורותדיקע, איינגעזעסענע ישובים פון אייראָפּע, נאָר אין דעם זודיקן שמעלצטאָפּ פון אַמעריקע.

***

קיין שום טעאַטער אין דער וועלט האָט, דוכט זיך, קיינמאָל ניט פאַר־מאָגט אַזאַ אומגעווענלעכן עולם, ווי דער יידישער טעאַטער אין אַמעריקע: אַזאַ ברייטן, אַזאַ שפּרודלדיקן, אַזאַ דורשטיקן, אַזאַ דאַנקבאַר־אויפנעמיקן און גלייכצייטיק — אַזאַ רויען און אַזאַ אויסגעוואָרצלטן פון יעטוועדער קולטור־טראַדיציע און בכלל פון יעטוועדן לעבנס־סטיל.

די צענדליקער טויזנטער און באַלד הונדערטער — און באַלד פיל־הונדערט־טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן פון אַלע ווינקעלעך פון דער אַלטער אייראָפּע זיינען געלאָפן קיין אַמעריקע ווי פון אַן ערד־ציטערניש. אין דעם היסטאָרישן קאַטאַקליזם איז אַלץ אומגעקומען: נישט בלויז די אַלטע איינגעזעסענע היים, נאָר אַ גאַנצער פילדורותדיקער לעבנס־נוסח, אַ גאַנצע וועלט מיט גייסטיק לייב־און־לעבן.

אין דער בהלה און צעטומלטקייט, אין דער טראַגיש־יחידישער צע־שטויבטקייט און צעשפּליטערטקייט, איז טעאַטער געוואָרן אַ מין מקום־מקלט פאַר דער עלנטער עמיגראַנטן־מאַסע. באָרד־און־פּאות האָט מען גע־מוזט אָפּהאַקן, דער בית־מדרש און די קלויז האָבן פאַרלוירן זייער באַטייט. פּאַראַדאָקסאַל איז טעאַטער פּלוצלינג דערשינען שיר־ניט ווי דאָס איינציקע אָרט פון קאָלעקטיוון, געמיינשאַפטלעכן אויסלעבן זיך.

ווער האָט עס געטראַכט וועגן אַלטן איסור? אויף וויכטיקערע געבאָטן האָט מען פאַרקוקט. די איינציקע קעגנערשאַפט איז געקומען מצד — די אַלט־איינגעזעסענע יאַהודים. די ערשטע יידישע אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק, אין 1882, האָבן באַקומען אַן אָנבאָט פון לאַ־יחרץ־געלט, בכדי עס זאָל פון דער בינע ניט אָפּקלינגען „דער אַבשוילּיכער זשאַרגאָן". די יאַהודים גופא זיינען אָבער באַלד בטל בשישים געוואָרן אין דער אַלץ וואַקסנדיקער עמיגראַנטן־מחנה.

קורץ נאָכן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, איז ניו־יאָרק געוואָרן די גרויסע יידישע טעאַטער־מעטראָפּאָליע. יונג און אַלט, קינד־און־קייט איז געלאָפן אין טעאַטער. די עלטסטע רעצענזיע וועגן אַ יידישער טעאַטער־אויפפירונג אין ניו־יאָרק, אין 1885, דערשינען אין אַן ענגלישער צייטונג, האָט אָפּגעמערקט צווישן עולם „אַ מאַן מיט אַן אויסזען פון אַ תלמיד חכם". אויך טייל עלטערער דור איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם.

די צעפלאַקערטע טעאַטער־ליידנשאַפט האָט געבוירן אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג: דעם „פּאַטריאָט". יעדער באַדייטנדיקער שוישפּילער און ווער רעדט נאָך, יעדער „סטאַר", האָט געהאַט זיינע „פּאַטריאָטן", פייערדיקע

חסידים וואָס האָבן געפּראַוועט אַ התלהבותדיקן פּערזאָנען־קולט. בכדי זוכה צו זיין אויפן ערן־טיטל „פּאַטריאָט", האָט מען געמוזט קומען אין טעאַטער מינימום צוויי־דריי מאָל אַ וואָך, זיצן אויף דער גאַליאַרקע צוזאַמען מיט אַנדערע „פּאַטריאָטן" און יעדע נאַכט, נאָך דער אַרבעט אָדער נאָך אַ פֿאָרשטעלונג, זיך פֿאַרטיפֿן ביי אַ גלעזל ביר אין הלכות־טעאַטער. די הייסע וויכוחים צווישן „פּאַטריאָטן" — וואו יעדער פֿלעגט דערציילן די נסים פֿון „זיין" אַקטיאָר און מאַכן אַש־און־בלאָטע פֿון אַלע אַנדערע „סטאַרן" — פֿלעגן זיך געוויינלעך פֿאַרענדיקן מיט פֿייערדיקע פּעטש. ניט זעלטן פֿלעגן „פּאַטריאָטן" פֿון איין „סטאַר" קומען אַרונטעררייסן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ קאָנקורירנדיקן „סטאַר". דאַן זיינען שוין פּעטש אַליין געווען וויניק. פֿאַרן טעאַטער פֿלעגן פֿאָרקומען אמתע שלאַכטן צווישן די פּאַטריאָטן־מחנות פֿוןביידע לאַגערן. בלוט פֿלעגט זיך גיסן פֿאַרן כבוד פֿון יידישן טעאַטער און דאָס לעצטע וואָרט פֿלעגט געוויינלעך האָבן — די ניו־יאָרקער פּאָליציי.

דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער טעאַטער־עולם, בראש מיט אַלע זיינע מחנות „פּאַטריאָטן", איז צוגעפּאַלן צו דער יידישער בינע, ווי אַ דורשטיקער צו אַ לויטערן קוואַל. דער קוואַל איז אָבער שנעל געוואָרן אומ־ריין און האָט אָנגעהויבן פֿאַרסמען אַלע די, וואָס האָבן אין אים געוואָלט שטילן זייער דורשט.

ס'איז ניט געגונג צו ציען מיט די אַקסלען און קרימען מיט דער נאָז אויף אָט דעם מבול פֿון „שונד־און־שאַנד", וואָס האָט פֿלוצלונג פֿאַרפֿלייצט די יידישע בינע אין אַמעריקע. דאָס איז ניט בלויז אַן ענין פֿון קונסט און אַפֿילו ניט בלויז אַן ענין פֿון טעאַטער. איבער אָט דער אויסטערלישער קולטור - געזעלשאַפֿטלעכער (ריכטיקער: אַנטי - קולטור - געזעלשאַפֿטלעכער) דערשיינונג וואָלט געלוינט זיך ערנסט צו פֿאַרטראַכטן. האָפֿנטלעך וועט נאָך געפֿינען זיך אַמאָל אַ יידיש־אַמעריקאַנער פֿאָרשער, וואָס וועט איר ווידמען אַן אויספֿירלעכע אַרבעט.

קיין שום קונסט שאַפֿט ניט אין ליידיקן חלל און גאָר באַזונדער איז עס חל אויף טעאַטער. געוויס איז די טעאַטראַלע אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון דער יידישער עמיגראַנטן־מאַסע ווייט ניט געווען קיין געהויבענע. פֿונדעסטוועגן, ביי זיין גאַנצער פּרימיטיווקייט, איז אָבער דער דורכשניטלעכער צושויער — און ער האָט זיך דאָך דערצויגן אויף גאָלדפֿאַדענען — לכתחילה גע־שטאַנען הימל־העכער פֿון די אַלע פּיעסן, וואָס די שונד־פֿאַבריקאַנטן האָבן אָנגעהויבן אים אונטערצוטראָגן. די פֿראַגע איז: ווי אַזוי האָט ער צו אָט דעם מין געקעכץ זיך צוגעוואוינט און צוגעוואוינט אַזוי, אַז ער האָט באַלד קיין בעסערס און קיין שענערס זיך ניט געוואונטשן און אויך ניט מער פֿאַרדייט? דער פּראָבלעם פֿון שונד איז בעיקר נישט קיין פּראָבלעם פֿון פּיעסן־צושטעלער — אויף זיי וואָלט בכלל ניט געלוינט קיין צוויי ווערטער צו פֿאַרלירן — נאָר אַ פּראָבלעם פֿון פּובליקום.

פֿאַרוואָס איז דער עלנטער יידישער עמיגראַנט געלאָפֿן אויף „פּראָפּע־

קאָר" משה הורוויץ'עס „נבוכדנצר מלך בבל, אָדער דניאל אין לייבנגרוב", „די בני ישראל", אָדער די ווייסע און שוואַרצע יידן", „נחס תיבה, אָדער דער זינדיקער דור המבול" וכדומה נאָך אַזעלכע — קרוב הונדערט! — „היסטאָרישע אָפּערעס" און „צייטבילדער"?

און פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון יאָזעף לאַטיינערס „יוסף און זיינע ברידער", „אשת חיל, אָדער די פּרינצעסין פון יהודה", „עזרא אָדער דער עוויגער יודע" און פון אַלע אַנדערע מייסטערווערק פון מייסטער — איבער אַכציק שטיק?

און פאַרוואָס האָבן געהאַט אַזאַ שטורמישן דערפאָלג שייקעוויטש־שמר'ס עטלעכע און דרייסיק „ווערקע", למשל „דער יידישער פּריץ, אָדער דער טריפּניאַק", „רבי יהודה הלוי", „המן דער צווייטער, אָדער דער קאָמישער הערשער" און אַנדערע זייערס גלייכן?

טעאַטער האָט באַטייט — אי אַנטלויפן פון זיך אַליין, אי אַליין זיך געפינען.

אַנטלויפן — ראַטעווען זיך, כאָטש אויף עטלעכע שעה, פון דער אַרומיקער בהלה, פון ביטערן יאָך, פון דער נאָגנדיקער בענקשאַפט, פון דער פרעמדער, פיינטלעכער וועלט.

אָבער אויך — אַליין זיך געפינען, און טרייסטן זיך און גיסן באַלזאַם אויף די וואונדן און עפּעס — ווי דערקענען זיך אין לויכטנדיקע געשטאַלטן פון עבר, וואָס הגם זיי זיינען אַזוי וויט, קערן זיי פאָרט זיך אָן אַזוי נאָענט און בלוט־אייגן.

מער נאָך ווי אין דער אַלטער היים, האָט פון הינטערן רויטן פורהאַנג געדאַרפט אויפלויכטן דער גרויסער סוד פון דער וועלט, דער גרויסער באַשייד פאַר אַלץ, וואָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך און אומבאַקאַנט. און אומפאַרשטענדלעך איז אַלץ געווען און אומבאַקאַנט איז אויך אַלץ געווען.

דער דורשט נאָך וויסן איז געשטילט געוואָרן אויף אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אופן. פון וואַנען האָט דעם תמימותדיקן צושויער געקאָנט איינפאַלן, אַז פונעם ניי־באַקומענעם וויסן ווערט ער נאָך מער אומוויסנדיק? זיין רבי איז דאָך געווען ניט אַבי־ווער! פון דער בינע האָט מיט אים געלערנט „פּראָפעסאָר" משה הורוויץ אַליין!

אין דער אַלטער היים וואָלטן אפשר — זיכער איז עס אויך ניט — די ווילדע בינע־גוזמאות, די משונהדיקייט פון די וויסטע סצענישע פאַרזעענישן זיך געוואָרפן שנעלער אין די אויגן. דער דורותדיקער נוסח איז טאַקע געווען היפּש פאַרשימלט, אָבער געשטיצט האָט ער זיך אויף אַן אינערלעכער לאָגיק. אַ וואָרט, לכל הדעות, האָט געדאַפט זיך קלעפּן צו אַ וואָרט. אין דער נייער היים איז אַלץ געווען משונהדיק און קיין זאַך האָט זיך ניט געקלעפּט צו קיין זאַך. די אויסטערלישסטע פאַנטאַסטיק איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. גיגאַנטיזם, סטיל־לאָזיקייט איז געווען דער געוועינלעכער לעבנס־סטיל.

און ועל כולם, איז מען דאָך געגאַנגען — אין טעאַטער! טאַקע שיר־

ניט אַ מקום קדוש להבדיל, אָבער פאַרט — נישט מער ווי טעאַטער! פון אַלטן איסור האָט מען זיך אויסגעלאַכט, פונקט ווי פונעם רוב מצוות און עבירות, אָבער דער „מושב לצים" האָט פאַרט געאַנקערט טיף אין אונטער־באַוואוסטזיין. אַפילו דער פייערדיקסטער „פּאַטריאָט" איז ניט פריי געווען פון אַ מין „דיסטאַנסירונג"־געפיל, אין זין ווי עס באַנוצט דעם באַגריף בערטאָלד ברעכט. ביי דער גאַנצער פאַרגעטערונג צום „סטאַר", האָט דער „פּאַטריאָט" קיין רגע ניט פאַרגעסן, אַז זיין הייס־געליבטער העלד שפּילט טעאַטער און בלויז טעאַטער. און טעאַטער שפּילן הייסט, אין תוך, פאַרשטעלן זיך, זיך נאַריש מאַכן.

דאָס נאַריש מאַכן זיך אויף דער בינע האָט קיינעם ניט שאָקירט. אַדרבה, מען האָט דערפון אַנגעקוואָלן. וואָס מער נאַריש, אַלץ מער געקוואָלן. דאָס האָט אויסגעזען צו זיין די קווינטעסענץ, דער סאַמע תמצית פון טעאַטער, זיך נאַריש מאַכן — אָבער קונציק, אַמוזירנדיק, טאַלאַנטפול, פריילעך צי דערשיטערנדיק. די טענצע־און־געזאַנגען האָבן ניט געמוזט דווקא זיך אַריינפּאַסטן ערגעץ־וואו, שטימען מיט עפּעס־וואָס. ס'איז געווען גענוג, אַז מען האָט פון זיי הנאה געהאַט. דאָס נעמלעכע וואָס שייך די כלערליי טראַגישע עפעקטן, די גוזמאדיקע זשעסטיקולאַציע, די הימל־שפּאַלטנדיקע קולות. דאָס אַלץ האָט געהערט צום אַרסענאַל פון דער „קונסט", ריכטיקער — פון דער „קונץ". איינער פון קערנדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע שוי־שפּילער פון יענער תקופה, דוד קעסלער, פלעגט שילטן מיט טויטע קללות דאָס געערטע פּובליקום — צומאָל אַפילו פון דער בינע — הלמאַי עס יאָגט זיך רק נאָך „דאָס קונצעניו". די שונד־מגפה איז געווען דאָס טעאַטער פון „קונצעניו".

מיטן „אויסגרינען זיך" פון דער ערשטער עמיגראַנטן־כוואַליע, האָבן זיך מער געעפנט די אויגן אויף דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. די „היסטאָרישע אָפּערעס" זיינען געוואָרן זעלטענער. ס'איז אויפגעקומען אַ נייער טעאַטער־שניט: „די גרינהאָרנס אָדער מישקע און מאַשקע", „חינקע און פינקע", „כאַנטשע אין אַמעריקע" וכדומה.

די פלינקע און פּיפּיקע טעאַטער־טעכניקער, אויפכאַפּנדיק דעם גע־שמאַק פון זייער עולם, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מעלאָדראַמע און אָפּערעטע. אַלץ האָט געזונגען, אַלץ האָט געטאַנצט, טרערן האָבן זיך גע־גאָסן טייכנוויַיז. די וויצן זיינען געוואָרן אַלץ פעטער און וואולגאַרער, די פראַזע — פול מיט נבול־פה. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו קוועלן. אויב שוין יאָ זיך נאַריש מאַכן — טאָ זאָל ריינען פון מויל!

פון דרויסן איז קיין ישועה ניט געקומען און האָט ניט געקאָנט קומען. ניט געווען אַפילו פון וועמען זיך אָראָפּצונעמען אַ מוסטער. דער אַמע־ריקאַנער ענגלישער טעאַטער איז נאָך ניט געהאַט געבוירן געוואָרן. די כלערליי וואָדעווילס, מעלאָדראַמעס און „מינסטרעל־שאָוס" פון בראָדוויי זיינען ניט ווערט געווען מער — און אָפּט נאָך ווייניקער — ווי די יידישע „פּראָדאָקשנס". דער יידישער טעאַטער־גייער, אַ רויער, אויסגעוואָרצלטער,

סטיללאָזער יחיד, איז געשטאַנען, צווישן אַ רויער, סטיללאָזער עדה, אין אַ רויען, סטיללאָזן לאַנד.

אַוודאי געפינט מען ביי אַלע אומות העולם טעאַטער ביליקן, שלעכטן, געשמאַקלאָזן, קולטורלאָזן, אָבער אויף שונד האָבן מיר אַליין דעם מאָנאָפּאָל. דאָס איז אומזיניקער טעאַטער, לעבערלעך־פּאַרקריפּלטער, אָן קאָפּ־און־פיס, אָן לייב־און־לעבן. אַזאַ מין טעאַטער האָט געקאָנט געבוירן ווערן, אין גע־וויסע היסטאָרישע באַדינגונגען, בלויז ביי אַ פאָלק אָן קיין שום טעאַטער־קולטור, מער נאָך — בלויז ביי אַ פאָלק פון טויזנטיאָריקער אַנטי־טעאַטער־קולטור.

*****

קעגן מבול פון שונד האָט זיך פאַרמאָסטן יעקב גאָרדין, פאַרמאָסטן מיט טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט, מיט אַ געפיל פון געזעלשאַפטלעכער אחריות.

אין 1904 האָט באַזוכט אַמעריקע דער דייטשער היסטאָריקער קאַרל לאַמפּערט. אין זיינע רייזע־איינדרוקן, דערמאָנט ער אַ פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער, וואו מ'האָט געשפּילט גאָרדינס „די אמתע קראַפט".

„מיט וואָס פאַר אַ הייליקן יאָנטעוודיקן אויסזען שיינט דאָס יידישע פובליקום! — מערקט אָפּ לאַמפּערט — דאָ ווייעט אַ לופט, וואָס דאָס מאָדערנע טעאַטער ווייסט ניט דערפון. די לופט פון אָנטשלאָסנקייט, פון זיטלעכע פאָרשטעלונגען, ביים פובליקום, שוישפּילער און דיכטער... דאָ איז טעאַטער נאָך עבודה צו גאָט. אין דעם אויסערלעך וויניק צוציענדיקן בנין... איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס דאָס העלענישע טעאַטער איז אַמאָל געוועזן, ווען ס'איז געווען עבודה".

דער דייטשער היסטאָריקער האָט, פון ערשטן אויגנבליק — אפשר לויט אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע טעאַטערן — אויפגעכאַפּט דאָס, וואָס איז איגנטלעך געווען דער תמצית פון דער גאָרדין־תקופה: דאָס צוזאַמענשפּילן, דאָס צוזאַמענשאַפן פון די דריי גרונט־עלעמענטן פון טעאַטער — דראַ־מאַטורג, שוישפּילער און צושויער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, האָט בינע באַטייט — נישט דברים בטלים, נישט נאַריש זיך מאַכן, נאָר קאַפּויער, עבודה, עבודת קודש. שוין אין די גאָלד־פאַדן־צייטן האָט דער צושויער אָפּט „מיטגעשפּילט" מיטן מחבר, אָבער אויף אַן אופן אַ נאַאיוון און פרימיטיוון. אין גאָרדין־טעאַטער איז דער סינטעז צווישןביידע זייטן פאַרהאַנג געוואָרן אָן אָן ערך מער פאַרטיפט, מער אָרגאַניש און שאַפעריש־באַוואוסטזיניק. דער צושויער איז געוואָרן אַ מיט־שותף צום דראַמאַטורג.

אָט דער מיט־שותף, וואָס גאָרדין האָט פאַרמאָגט — ריכטיקער, וואָס ער האָט דערצויגן — איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטפולער, אַן אמתע מזל־ברכה פאַר יעדן דראַמאַטורג. מען דאַרף אָבער קיין טעות נים מאַכן. אויף די גאָרדין־פּיעסן איז געגאַנגען נישט דער אַמעריקאַנער יידישער טעאַטער־עולם בכלל, נאָר בלויז דער גאָרדין־עולם, וואָס האָט

געשטאַמט כמעט אויסשליסלעך פון דער אָרגאַניזירטער, קלאַסן־באַוואוסט־זיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ.

אין סאַמע גלאַנץ פון דער „גאָלדענער תקופה", ווען שוישפּילער האָבן, צוליב די וואונדערלעכע ראָלן, זיך געבענטשט מיט גאָרדינס פּיעסן און די־רעקטאָרן, מחמת פּרעסטיזש, האָבן זיך נאָך זיי געיאָגט פאַר יעדן פּריז — אַפילו דאַן איז „דאָס פּענצטערל", די קאַסע, נישט נאָכגעקומען. די גאָרדיך־אויפפירונגען זיינען זייער זעלטן געווען אַ מאַטעריעלער דערפאָלג. דאָס רוב האָבן זיי זיך פאַרענדיקט מיט דעפיציטן. דער „גרויסער" עולם איז געלאָפן אויף די „ווייסע שקלאַפין", „דאָס יידישע האַרץ" און „די יידישע בשמה".

אויך אין אונדזער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט די דערשיינונג פון שונד. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער זעלבער שייקעוויטש־שמר, וואָס האָט מחבר געווען העכער דרייסיק פּיעסן אינעם זשאַנער „דער יידישער פּריץ, אָדער דער טריפּניאַק", און „די גרינע, אָדער דער פעטער אין אַמעריקע", איז געווען אַ צייט לאַנג דער באַרימטסטער, דער אַממערסטן געלייענטער יידישער שרייבער. מיט זיינע איבער הונדערט פּופּציק ראָמאַנען האָבן זיך מחיה געווען צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן — ס'רוב פרויען — צווישן די סאַמע אָרעמסטע און פאַרוואָרלאָזסטע פון פאָלק. אונדזער ליטעראַטור האָט אָבער געפונען אין זיך גענוג לעבעדיקע כחות אָט דעם אָנוואוקס פון שונד צוערשט איזאָלירן און דערנאָך צו באַ־זייטיקן. זי האָט זיך געשטיצט אויף די געזונטע, דורותדיקע טראַדיציעס פון יידישער גייסטיקייט.

אונדזער טעאַטער האָט קיין שום טראַדיציעס נישט פאַרמאָגט און גאָרדין האָט אַפילו ניט באַנומען די נויטיקייט, די עיקרדיקייט אָנצובינדן אין אַ געוויסער קולטור־טראַדיציע, וואָס זאָל פאַרוואַרפן אַ בריק, דורך אַלע איבערברוכן און פאַרענדערונגען, צווישן נעכטן און מאָרגן. זיין מלחמה קעגן שונד, וואָס ער האָט געפירט מיט אַזוי פיל מוט און אויסדויער, איז געווען פון פאַראויס אַ פאַרשפּילטע.

אין 1906, ניט געקוקט אויפן גאַנצן בלענדנדיקן ליכט פונעם צענדליק גרויסע און קלענערע ניו־יאָרקער יידישע טעאַטאָרן, איז גאָרדין אַרויס מיט זיין באַרימטן ווײ־געשריי: „די צוקונפט פון יידישן טעאַטער איז אין רוסלאַנד! אין אַמעריקע האָט דאָס יידישע טעאַטער קיין צוקונפט ניט!"

אָבער אויך אין רוסלאַנד איז די יידישע בינע געווען שוין דורך און דורך אַמעריקאַניזירט, ס'הייסט זי האָט געלעבט פון די שיריים, אָפט נאָך פאַרקריפּלטע, פון אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער.

אין אַ בריוו פון 25סטן יוני 1912, צום ניו־יאָרקער פּיעסן־צושטעלער גרשון זייקין, שרייבט אסתר־רחל קאַמינסקי: „עס איז נעמלעך יעצט אַ שרעקלעכע קרענק... ס'הייסט, אַן עפּידעמיע אויפן יידישן טעאַטער... איבערהויפּט אין וואַרשע איז איין איינרייסעניש אויף אָפּערעטן... איך קען אייך זאָגן, אַז איך שפּיל שוין ניט אַ שיינע פּאָר וואָכן: אין דער אָפּערעטע שפּיל איך ניט און קיין דראַמען וויל מען ניט". און דער בריוו

ענדיקט זיך מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פּאָסט־סקריפּטום: „העד זייקן, פּיליכט האָט איר עפּעס גוטע אָפּערעטן? שרייבט מיר".

אין זעלבן יאָר ווען גאָרדין, אַ פּאַריאָושטער און פאַרביטערטער, איז אַוועק פון דער וועלט, איז אויפגעגאַנגען, מיט אומגעזעענעם טריאומף, דער שטערן פון „דאָס פּינטעלע ייד".

אין דער יידישער ליטעראַטור, אין איראָפּע, האָט שלום־עליכם, מיט זיין „שמרס משפּט", באַזיגט שמרן. דער אויסטערלישער גורל פון יידישן טעאַטער האָט געוואָלט, אַז אין אַמעריקע און ווייט אויסער אַמעריקע, זאָל שמר און זיינס גלייכן באַזיגן נישט בלויז גאָרדינען, נאָר אַפילו, אויף אַ לאַנגע צייט — אויך שלום־עליכמען.

**
*

און דאָך זיינען גאָרדינס נבואות אין אַ גרויסער מאָס מקוים געוואָרן. די מאָדערנע יידישע דראַמע און דער נייער יידישער טעאַטער זיינען אויפגעקומען טאַקע אין רוסלאַנד.

אין 1908 איז אין אָדעס געגרינדעט געוואָרן די „דראַמאַטישע טרופּע אונטער דער לייטונג פון פּרץ הירשביין". די הירשביין־טרופּע, וואָס האָט במשך פון צוויי יאָר געשפּילט אין דרום־רוסלאַנד, ווייס־רוסלאַנד, ליטע און פּוילן (קיין וואַרשע האָט זי אַראָפּגעבראַכט פּרץ), איז געווען דער פאָרגייער פון אַלע שפּעטערדיקע קינסטלערישע יידישע טעאַטערס, הן אין איראָפּע, הן אין אַמעריקע.

אין 1916 איז געבוירן געוואָרן די „ווילנער טרופּע", אין 1918 — דער „יידישער קונסט־טעאַטער" אין ניו־יאָרק, אין 1923 — דער „וויקט" אין וואַרשע, אין 1926 — דער ניו־יאָרקער „אַרטעף", אין 1930 — די „בוקאַרעשטער יידישע טעאַטער־סטודיע", וואָס פאַרוואַנדלט זיך שפּעטער אינעם „שטערנבערג־טעאַטער". דעם 1טן יאַנואַר 1921 איז אָפיציעל דער־עפנט געוואָרן דער מאָסקווער יידישער קאַמער־טעאַטער, דער ערשטער פון אַ גאַנצער רייע יידישע מלוכה־טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער באַרג־אַרויף. אַ נייער טעאַטער־דור איז אויפגעוואַקסן — אַ נייער דור צושויער, אַ נייער דור שוישפּילער, אַ נייער דור דראַמאַטורגן.

די ערשטע וועלט־מלחמה און באַלד די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן ביזן גרונט צעטרייסלט די אַלטע לעבנס־פאָרמען פון איראָפּעאישן יידנ־טום. איבערהאַלב פון די ניי־אויפגעקומענע מלוכות, אין אַלע יידישע ישו־בים, איז אָנגעגאַנגען אַ האַסטיקער ראַדיקאַליזירונג־פּראָצעס. דער אַר־בעטער־קלאַס האָט אַלץ מער און מער זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט באַקומען אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעענעם פאַרנעם. ס'האָט זיך צעבליט אַ יידיש־וועלטלעכע קולטור, ס'איז אויפגעקומען אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, אָפּט שוין אַ דערצויגענע אין דער יידיש־וועלטלעכער שול.

פאַרן יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון אומגעהויערער

שאַפערישקייט, פון גרויסע סצענישע דערגרייכונגען. דער נייער, יונגער צושויער האָט געאָטעמט מיט געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין און קאַמף־לוסטיקייט. ער האָט געהאַט אַן אָפן אויג־און־אויער פאַר אַלץ, וואָס איז געווען ניי, דרייסט און מאָדערן. די יידישע בינע האָט זיך באַמיט אים אַנט־קעגנצוקומען מיט געוואַגטע קינסטלערישע פאַרמעסטן, וואָס האָבן געוואונען אָנערקענונג אויך אין דער ניט־יידישער טעאַטער־וועלט, סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע.

דער אַלטער טעאַטער איז ניט פאַרשוואונדן איבער נאַכט. די מעלאָ־דראַמע און אָפּערעטע האָבן נאָך אַלץ געקיניגט אין אַמעריקע און פון דאָרט, זייער גערן און זייער אָפט, געלאָזט זיך אויף גאַסטשפּילן קיין אייראָפּע. דער שונד אָבער, מיט געמאַכטער באַשיידנקייט, האָט זיך ווי אָפּגערוקט אין אַ זייט. דעם מזרח האָט פאַרנומען דער בעסערער, דער ערנסטער טעאַטער.

ס'האָט אויסגעזען, אַז די שאַפערישע האַרמאָניע פון דער גאָרדיך־תקופה, דער סינטעז צווישן דראַמאַטורג, שוישפּילער און צושויער, וועט אין די נייע באַדינגונגען זיך מער נאָך פאַרטיפן און אויסברייטערן. ס'האָט אויסגעזען, אַז פאַר אונדזער טעאַטער איז געקומען די צייט נישט בלויז פון אויפסנייאיקן פונאַנדערבלי, אויף אַ פּרוכטיקן באָדן, נאָר פון פולער און דויערנדיקער קינסטלערישער רייפקייט.

באַלד אָבער האָט אָנגעהויבן זיך אַנטפּלעקן אַ נייער ווידעראַנאַנד: דאָס מאָל נישט צווישן טעאַטער און ליטעראַטור, טעאַטער און קולטור, נאָר צווישן טעאַטער און צושויער, צווישן טעאַטער און לעבן. די וועלט פון אונדזער מאָדערנעם טעאַטער האָט אָנגעהויבן אַזוי ווי אָפּצושטייך פון דער וועלט פון אונדזער מאָדערנעם צושויער, אַזוי ווי בלייבן אַלץ מער און מער הינטערשטעליק לגבי איר.

די ערשטע סימנים פון אָט דעם ווידעראַנאַנד זיינען דערשינען גלייך מיט די גרונט־לייגער פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע: פּרץ הירשביין, שלום אַש, דוד פּינסקי און לעאָן קאָברין.

הירשביין האָט באַשאַפן אַ וואונדערלעכע גאַלעריע פון יידישע גע־שטאַלטן, יונג און אַלט, מענער און פרויען, ערדישע ישובניקעס און פאַר־מוחטע וואוילערנער, אַלע געמאָלט מיט לופטיקע, צאַרטע פאַרבן, אַלע באַהאַרצט, חנוודיק און ווי באַשטראַלט מיט זילבער־שיין. די הירשביין־העלדן לעבן אָבער אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט און פון יעדער יידישער עדה, ערגעץ־וויט, צווישן גרינע פעלדער, אין האַלב־רעאַלע, האַלב־אויסגע־טרוימטע ישובים, פלעכטן זיך נאַאיווע דאָרפס־אידיליעס און ס'שפּילן זיך אָפּ סימבאָלישע מיסטעריעס צווישן נאַטור און מענטש.

דער ניו־יאָרקער „יידישער קונסט־טעאַטער" האָט זיך דערעפנט, אין 1918, מיט הירשביינס „פאַרוואָרפן ווינקל". אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון זיינע קינדער־יאָרן איז הירשביין דער דראַמאַטורג געבליבן איינגעשלאָסן זיין לעבן־לאַנג.

מערקווירדיק איז און אויסטערליש, וואָס הירשביין דער דערציילער,

דער רײַנדער, דער ראָמאַנען־שרײַבער איז דווקא אײנער פֿון די אָממערסטן גרויסוועלטישע פֿאָרשטײער פֿון אונדזער ליטעראַטור. זײַן מאָנומענטאַלע טרילאָגיע „בבל" האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ קווערשניט פֿון גאַנצע פֿופֿציק יאָר גרויסשטעטישן ייִדיש־אַמעריקאַנער לעבן. בלויז אויף דער בינע איז ער געבליבן געפֿאַנגען דורכן סודותפֿולן כּשוף פֿון אַלטע ווינטמילן און פֿוסטע קרעטשמעס.

אויב פּרץ הירשבײַן האָט דעם טעאַטער־צושויער געבראַכט די נאַטור־אידיליע, האָט שלום אַש, נאָך עטלעכע האַלב־סימבאָליסטישע פּרוּוון, זיך אײַנגעבירגערט אויף דער ייִדישער בינע מיט דער קערנדיקער געשטאַלט פֿון יאַנקל שאַבשאָוויטש אין „גאָט פֿון נקמה". פּאַראַדאָקסאַל, איז דאָס „הייזל", מיט זײַנע קאָנפֿליקטן צווישן טומאה און קדושה, מיט אַ מאָל גע־וואָרן אַ וויכטיקער ייִדישער טעאַטער־פּראָבלעם. שפּעטער איז געקומען אַן אַפּאָלאָגיע פֿון דער אונטערוועלט, אין „מאָטקע גנב".

אויף „גאָט פֿון נקמה" האָט אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי דערצויגן, אין זײַן פּעטערבורגער סטודיע, די צוקונפֿטיקע אַקטיאָרן פֿון מאָסקווער ייִדישן קאַמער־טעאַטער. מיט „גאָט פֿון נקמה" איז אַרויסגעפֿאָרן אויף אירע טור־נייען די הירשבײַן־טרופּע. די פּיעסע האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפֿאָלג אויף דער ייִדישער און נישט־ייִדישער בינע. אַ נאָך גרעסערן דערפֿאָלג האָט געהאַט „מאָטקע גנב". דאָס זײַנען געווען שלום אַש׳ס צוויי וויכטיקסטע דראַמאַטורגישע דערגרייכונגען.

ס׳איז מערקווירדיק און אויסטערליש, וואָס אַט דער ריז פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט דורכגעאַקערט אין דער ברייט און אין דער טיף דאָס ייִדישע לעבן פֿון זײַן צײַט און גאַנצע דורות ייִדישע גע־שיכטע, האָט בּיסלעכווײַז אײַנגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער בינע־פֿאָרם. דער גלענצדיקער און דערפֿאָלגרײַכער דראַמאַטיקער האָט געלאָזט פֿאַר פֿאַרשײ־דענע טעאַטער־באַלמעלאָכעס די עובֿדה צו אײַנסצענירן זײַנע ראָמאַנען.

דוד פּינסקי געהערט צו די אָנגעזעענסטע ייִדישע טעאַטער־שרײַפֿט־שטעלער. מיט זײַן „אײביקן ייִד" האָט אָנגעהויבן איר לעבנס־וועג די „הבימה." פּינסקי האָט זיך פֿאַרמאָסטן צוגלײַך אויפֿן צײַטלעכן און איבערצײַט־לעכן, אַקטועלן און אײביקן, נאַציאָנאַלן און אַלמענטשלעכן. פֿון זײַנע איבער זעכציק סצענישע ווערק זײַנען אָבער פֿאַרבליבן אין רעפּערטואַר פֿון ייִדישן טעאַטער בלויז „דער אוצר" און „יענקל דער שמיד", פּיעסן פֿון עכטער בינע־מײַסטערשאַפֿט, וואָס שפּילן זיך אָפּ — דווקא אינעם אַלטן ייִדישן שטעטל.

עפּעס ענלעכס קאָן געזאָגט ווערן וועגן לעאָן קאָברין. אַט דער פֿאָרדינסט־פֿולער דראַמאַטורג, מיט אַ שאַרפֿן חוש פֿאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט געפּרוּווט נאָכפֿאָלגן אין אַ רײַע קרעפֿטיקע פּיעסן די אויסגעשטאַלטיקונג פֿון דער נײַער ייִדיש־אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, אין אירע פֿאַרשיידנסטע אַספּעקטן. ס׳איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז זײַן קרוין־ווערק, וואָס איז פֿאַרבליבן אין רעפּערטואַר און אויף וועלכן עס האָבן זיך דערצויגן דורות

שווישפּילער, איז — „יאַנקל בוילע״ („דער דאָרפס־יונג״), אַ דראַמע — ווידער אַ מאָל — וועגן יידישע דאָרפס־לייט, פישער, אין אַ פּאַרוואָרפענעם ווינקל.

הירשביין, אַש, פּינסקי, קאָברין האָבן אַרויפגעבראַכט אויף דער יידישער בינע דאָס ריינע, געלייטערטע יידישע וואָרט. מיט זיי האָט זיך צעקלונגען אַ טאָן פון אויטענטישקייט, פון ערדישקייט, פון קרעפּטיקן יידישן פאָלקס־טיפּאַזש. זיי האָבן אָבער געזאָגט בלויז דעם אַלף. דער צו־שויער האָט געוואַרט, עס זאָל קומען דער בית און דער גימל, ביזן סאַמע תיו. האָט ער זיך אָבער נישט דערוואַרט.

דער ווידעראַנאַנד צווישן בינע און צושויער איז געוואָרן אַמבולטסטן גראַד אין פּעריאָד פון די גרעסטע יידישע טעאַטער־דערגרייכונגען, צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. ס׳איז געווען אומגעזעענער גלאַנץ, אָבער בלויז — אויסערלעכער גלאַנץ.

די יידישע מלוכה־טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען געשטאַנען אין פולן בלי. דער באַזוך אין בערלין און אין פּאַריז פון מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער האָט אַנטפּלעקט פאַר גאַר דער טעאַטער־וועלט אַ יידישע בינע־קונסט פון העכסטער מדרגה, וואָס האָט איבערגעלאָזט ממש אַן אומ־פאַרגעסלעכן רושם. ווייניק־ווער האָט אָבער בעת מעשה זיך געכאַפּט, אַז דער סאָוועטישער יידישער טעאַטער איז געבליבן מוראדיק הינטערשטע־ליק לגבי דעם סאָוועטישן יידן און לגבי דער גאַנצער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, אַז ער האָט, אין צווייטן יאָרצענדליק פון ראַטנמאַכט, נים פאַרמאָגט נאָך קיין איין פולווערטיקע אָריגינעלע סאָוועטיש־יידישע פּיעסע.

דער יידישער קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק איז בלי ספק געווען, לכל הדעות די ערשטע יאָרן, אַן אמתע היים פאַר דער מאָדערנער יידישער דראַמע. ער האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן דעם קינסטלערישן וואוקס פון עלטערן דור טעאַטער־שריפטשטעלער און אַרויסגעפירט צום ערשטן מאָל אַ פּלעיאַדע ערשטראַנגיקע יונגע יידישע דראַמאַטורגן, מיט לייוויקן בראש. אָבער אויך אין קונסט־טעאַטער איז אַלץ זעלטענער און זעלטענער געוואָרן דער האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל צווישן בינע און עולם. די פּיעסע אויף אַמעריקאַנער טעמאַטיק האָט אַנגעהויבן פאַרשווינדן. און דאָס דווקא אין אַ צייט ווען די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור איז געשטאַנען אין פולער בליאונג און ווען די שפּיגל־ווערק פון דער יידישער פּראָזע און דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע האָבן אַלץ מער און מער גענומען וואָרצלען אין אַמעריקאַנער באָדן פון שטאָט און דאָרף.

נאָך מער אויפפאַלנדיק, אין דעם זין, איז געווען דאָס יידישע טעאַטער־לעבן אין פוילן, וואו בלויז אין וואַרשע האָבן געשפּילט זעקס יידישע טעַ־אַטערס. פאַר יאָרן און יאָרן, האָבן דעם טיפּסטן געזעלשאַפטלעכן אויס־קלאַנג געהאַט אויפפירונגען דווקא פון ניט־יידישן רעפּערטואַר „די וועלף״ פון ראָמען ראָלאַן אין „וויקט״, „דאָס שוואַרצע געטאָ״ פון אָנעיל און „שריי

בינע״ פון טרעטיאַקאָוו ביי דער „ווילנער טרופּע״ און „באָסטאָן״ (סאַקאַ־וואַנצעטי) אין „יונג־טעאַטער״.

דער פאַרפּרעמדונג־פּראָצעס צווישן בינע און צושויער, צווישן טעאַטער און לעבן, האָט זיך געלאָזט נאָכפאָלגן מיט אַ באַזונדער בולטקייט ביים ניו־יאָרקער „אַרטעף״, וועמענס עיקר־ציל און ממש עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז דווקא געווען אַריינצוברענגען אין טעאַטער דעם הייסן אָטעם פון אַמעריקאַנער היינטצייטיקייט.

נ. בוכוואַלד, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געהערט צו דער קינסטלערישער לייטונג פון „אַרטעף״, דערציילט: „פון סאַמע אָנהייב האָט דער „אַרטעף״ זיך פאַרפליכטעט צו געבן אויף זיין בינע אַ דראַמאַטיזירונג פון דעם לעבן און די קאַמפן פון די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. דאָס האָט געזאָלט זיין די הויפּט־אויפגאַבע זיינע. ערשט נאָכדעם ווי די דאָזיקע אויפגאַבע וועט דורכגעפירט ווערן אין אַ געהעריקער מאָס, האָט דער טעאַטער געזאָלט שפּילן אויך אַנדערע פּיעסן — פון דעם ניט־יידישן לעבן אין אַמעריקע, פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון דער גאַרער וועלט. די היינטצייטיקע סאָציאַלע דראַמע פון די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם אַרטעף־רעפּערטואַר. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך מיטן רעפּערטואַר אויסגעלאָזט גאָר אַנדערש: די אַמעריקאַנער יידישע דראַמע האָט פאַרנומען דעם קלענסטן אָרט, סיי אין פּרט פון קוואַנטיטעט, סיי אין פּרט פון קוואַליטעט. צווישן די אַכצן פּיעסן, וואָס דער „אַרטעף״ האָט אויפגעפירט ביז 1937 (חוץ דער היבשער צאָל איינאַקטערס און איינמאַליקע געלעגנהייט־ספּעקטאַקלען), געפינען מיר בלויז צוויי, וואָס האָבן צו טאָן מיטן לעבן פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע״.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אָט די צוויי פּיעסן, פון וועלכע בלויז איינע אַגב איז געווען אַן אָריגינעל־יידישע, האָבן געליטן אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. זיינע גרויסע קינסטלערישע דערפאָלגן, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ שם אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט, האָט דער „אַרטעף״ געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ לחלוטין אַנדער רעפּערטואַר: די אויפפירונגען פון אונדזער קלאַסיק.

אין יידישן טעאַטער צווישן ביידע וועלט־מלחמות, שוין אין ערנסטן, אין קינסטלערישן, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע אַן אויסטערלישע: וואָס מער מען איז געגאַנגען פאָראויס, אין כסדרדיקע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען, אַלץ מער — פונקט ווי יענע אָפּערע־כאָריסטן, וואָס דונערן „מיר לויפן, מיר פליען...״ — אַלץ מער איז מען געשטאַנען אויף אַן אָרט.

און ערגער נאָך און אויסטערלישער: וואָס מער מען איז געגאַנגען פאָראויס, אַלץ מער איז מען — געגאַנגען צוריק.

באַהאַנדלענדיק, אין „יידיש טעאַטער אין פּוילן״, די אויפפירונג פון „דבוק״ ביי „די ווילנער״, שטעלט פעסט יצחק טורקאָוו־גרודבערג: „דאָס איז געווען זייער גרעסטער נצחון, אָבער אין אַ גרויסער מאָס אויך זייער

מפלה און גלייכצייטיק אויך — די מפלה פון יידישן טעאַטער אין פּוילן אויף לאַנגע יאָרן... דאָס איז געווען אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס: דאָס יידישע טעאַטער, וואָס האָט צום שטאַרקסטן געליטן פון שטריימל, פון יידישן קלער, האָט פאַרהערלעכט דאָס דאָזיקע שטריימל, האָט געוועקט סענטימענט צו זיין ערגסטן שונא, דעם יידישן קלער."

עפּעס ענלעכס איז געשען מיט דער אויפפירונג פון שלום אַש'ס „מאָטקע גנב", וואָס איז, ווי עס דערציילט טורקאָוו־גרודבערג, „אומדערוואַרט געוואָרן פּאָפּולער ווי דער „דבוק" אין זיין צייט. זי איז געוואָרן די טעמע פון טאָג צווישן די וואַרשעווער יידן, די צוממיינסטן געשפּילטע פּיעסע אויף דער פּראָווינץ און אין אַלע יידישע טעאַטערס אין אויסלאַנד און — צוליב איר אידעאַליזירן די אונטערוועלט — זיך פאַרוואַנדלט אין פלאַג פון יידישן טעאַטער".

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַן ענלעכן גורל האָט געהאַט נאָך אַ גרויסע אויפפירונג, דאָס מאָל אין אַמעריקע: י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב" אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער. „יענע פּיעסע, פאַרצייכנט נ. בוכוואַלד, איז אויף אַ מאָל געוואָרן דער הויך־פּונקט פון שוואַרצעס מאַטעריעלן דערפאָלג און דער אָנהייב פון דער ירידה פון יידישן קונסט־טעאַטער".

די עיקרדיקע גלייכגעוויכט צווישן די דריי גרונט־עלעמענטן פון טעאַטער, דער שאַפערישער סינטעז שרייבער־שוישפּילער־צושויער איז גרינטלעך צעשטערט געוואָרן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון בהדרגהדיקן פאַרשווינדן — ריכטיקער, פון בהדרגהדיקן עלימינירן — פון דראַמאַטורג.

אויב אַמעריקע האָט נאָך געהאַט צו פאַרצייכענען עטלעכע וויכטיקע דראַמאַטורגישע פּאָזיציעס, הגם וויית ניט קיין געגוג צאָלרייכע, האָט דאָס יידישע פּוילן ניט אַרויסגעגעבן קיין איין פירנדיקן דראַמאַטיקער. און דווקא האָבן קיין טאַלאַנטן ניט געפעלט. יעקב פּרעגער איז געווען אַ פּול־בלוטיקער טעאַטער־שרייבער, מיט פאַנטאַזיע און פאָלקסטימלעכן חן. מער ווי אַ דריי־פיר פּיעסן האָט ער אָבער ניט געשאַפן. אַלטער קאַציזנע, ביי זיין גאַנצער שפּרודלדיקער, אַלזייטיקער שאַפערישקייט, האָט אין טעאַטער ניט באַוויזן זיך אויסצולעבן.

און געדענקען דאַרף מען, אַז דאָס העכער דריי מיליאָניקע פּוילישע יידנטום, ניט געקוקט אויף אַלע רדיפות און נגישות, האָט דאַן געלעבט מיט אַ ברויזנדיקן קולטור־לעבן. ביי אַ צוויי צענדליק יידישע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס האָבן געשפּילט איבערן גאַנצן לאַנד. הונדערטער דראַמאַטישע קרייזן, אַ סך פון הויכן קינסטלערישן ניוואָ, זיינען געווען טעטיק אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. זיי אַלע האָבן זיך גענויטיקט אין לעבעדיקן רעפּערטואַר — וואָס איז אָבער נישט געקומען.

נאָך מערקווירדיקער, נאָך אויסטערלישער בפירוש איז געווען די לאַגע אין סאָוועטיש־יידישן טעאַטער.

די קרוב פופצן פּערמאַנענטע יידישע טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד

זיינען אַלע געווען מלוכהשע. נישט בלויז איז פון זיי געהאַט אַראָפּגענומען געוואָרן יעטוועדע מאַטעריעלע זאָרג, נאָר ס׳זיינען זיי געגעבן געוואָרן אַלע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג און קינסטלערישן וואוקס. נאָך קיינמאָל האָט יידיש טעאַטער ניט געהאַט אַזעלכע שיר־ניט אידעאַלע אַרבעט־באַדינגונגען. נאָך קיינמאָל איז ניט געווען אַזאַ רייכער און גינסטיקער באָדן פאַרן אויפקומען פון אַ גרויסער, מאָדערנער יידישער דראַמאַטורגיע. אָבער אָט די דראַמאַטורגיע איז נישט אויפגעקומען.

כמעט אַלע אַנגעזעענע סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער — בערגעלסאָן, מאַרקיש, האַלקין, קושניראָוו, דאַניעל, קולבאַק, פעפער און אַנדערע— — האָבן געשריבן פאַרן טעאַטער. זיי האָבן אָבער פאַרן טעאַטער בלויז אויך געשריבן, ריכטיקער, זיי האָבן אינסצענירט מער אָדער וויניקער געלונגען (ס׳רוב, וויניקער ווי מער) זייערע דערציילונגען, ראָמאַנען אָדער פּאָעמען. קיין דראַמאַטורגן אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, ס׳הייסט אויסשליסלעך אָדער הויפּטזעכלעך בינע־שרייבער, זיינען זיי קיינער ניט געווען. דאָס האָט זיך געמוזט אָפּרופן — און האָט זיך אָפּגערופן — אויפן כאַראַקטער און ווערט פון זייערע סצענישע שאַפונגען.

די געציילטע דראַמאַטיקער ווידער, וואָס די סאָוועטיש־יידישע בינע האָט יאָ פאַרמאָגט — אַברהם וועוויאָרקע, אָדער ליפע רעזניק למשל — האָבן אויף אָט דער בינע נישט פאַרנומען דעם פּלאַץ, וואָס דערלויבט אויסצוטראָגן אַ רעפּערטואַר מיט אַן אייגענעם כאַראַקטעריסטישן חותם.

האָט זיך באַקומען, אַז די סאָוועטיש־יידישע דראַמאַטורגיע, ניט געקוקט אויף אירע אויסערגעוועגלעכע מעגלעכקייטן, איז געבליבן טאָפּלט הינטערשטעליק: מוראַדיק הינטערשטעליק לגבי דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצער, וועלכע האָט, אין די זעלבע באַדינגונגען, געהאַט צו פאַרצייכענען אַ וואונדערלעכן ממש וואוקס, און הינטערשטעליק אויך לגבי דער דראַמאַטורגיע פון פיל אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, לגבי דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע בכלל.

ס׳איז קלאָר, אַז סיי אין אַמעריקע, סיי אין אייראָפּע, סיי אויפן מערב און סיי אויפן מזרח, האָט אין אונדזער אויסטערלישן טעאַטער־באַלאַנס עפּעס זייער וועזנטלעכס און עיקרדיקס אַלץ ווייניקער און וויניקער געשטימט.

**
*

פון אַלע ווידעראַנאַנדן און סתירות האָט אונדזער טעאַטער געפּרואווט זיך ראַטעווען — דורך דער קלאַסיק. און ס׳איז געוואָרן ביי אונדז אַן אומגעוויינלעכע קלאַסיק־גערעטעניש. שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ — בעיקר שלום־עליכם — האָבן פאַרנומען דעם ווייט־ברייטסטן אויבנאָן אויף דער יידישער בינע.

אין פלוג געגומען, האָט געקאָנט זיך אויסווייזן, אַז די סגולה איז אַ גלענצנדיקע. אויך שעקספּיר, אויך מאָליער דאָמינירן אין וועלט־רעפּערטואַר. פאַרוואָס זאָלן אונדזערע דריי גרויס־מייסטער, וואָס האָבן, יעדער

אויף זיין אופן, באַנייט די יידישע ליטעראַטור, זי אַנגעזעטיקט קינסטלע־ריש און אידעאיש, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קאָנען באַנייען און אָנזעטיקן אויך אונדזער טעאַטער?

באַקומען האָט זיך אָבער איינגאַנצן עפּעס אַנדערש. די אָבות פון אונ־דזער מאָדערנער ליטעראַטור זיינען אויף דער בינע געוואָרן אויס ליטע־ראַטור־קלאַסיקער, ניט ווערנדיק דערביי קיין טעאַטער־קלאַסיקער. זיי זיינען אויסגעהוילט געוואָרן פון זייער אייגנטלעכער סובסטאַנץ.

מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ האָבן אונדז איבערגעלאָזט וואונדערלעכע מאָנומענטן פון יידישן לעבן פון זייער צייט. די גרויסקייט פון די דאָזיקע מאָנומענטן און זייער באַטייט פאַר אונדז, הייַנט צו טאָג, מעסט זיך נישט מיט דער מאָס פון צייטיקייט, נאָר דווקא פון איבערצייטיקייט. די העויה, די תנועה, דאָס אויסערלעך־פּיטאָרעסקע איז דאָ ניט מער ווי דער קרוג, אין וועלכן עס צייטיקט דאָס ווייַן, ניט מער ווי די שאָל, וועלכע באַשיצט דעם קערן. דאָס ווייַן דער קערן, דאָס איז דער גייסט, וואָס באַלעבט און באַשטראַלט אָט די וואונדערלעכע דענקמעלער און שטראַלט פון זיי אַרויס.

איז אָבער געשען אָט וואָס: בעת מען האָט די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער אַרויפגעבראַכט אויף די בינע־ברעטער, אין דער ספּעציפיש־באַדינגלעכער בינע־פּערספּעקטיוו, האָט, אינעם ליכט פון די טעאַטער־רעפלעקטאָרן, זיך אויסגעטיילט בעיקר (אויב ניט אויסשליסלעך) דווקא דאָס ריין־אויסערלעכע, דווקא דער קרוג, דווקא די שאָל. דאָ איז ניט קיין פראַגע פון בעסערער אָדער ערגערער אויפפירונג. די סיבה ליגט טיפער. זי ליגט אין דעם עצם־חילוק צווישן ריין־ליטעראַרישער און טע־אַטראַלער שאַפונג.

קיין איינער פון אונדזערע דריי ליטעראַטור־אָבות איז ניט געווען קיין שעקספּיר, קיין מאָליער און בכלל ניט קיין דראַמאַטורג. קיין איינער האָט ניט באַשאַפן קיין פולבלוטיקע סצענישע געשטאַלטן, אין דראַמאַטישן קאָנפליקט דאָס טיפע, דאָס גייסטיקע ביי אונדזערע קלאַסיקער, דאָס ווערטפולסטע ביי זיי, ווערט דאָס רוב פאַרלוירן אויף דער בינע, מחמת עס קומט ניט ווי אַן אויסדרוק פון טראַגעדישן אָדער קאָמעדישן צוזאַמענשטויס. ס׳בלייבט בלויז ווי „זאַגעכץ”, ווי אַ ליטעראַטור־שטיקל, וואָס שפּרינגט זעלטן אַריבער די ראַמפּע און דערגייט זעלטן צום צושויער.

אַמבעסטן זעט מען עס גראָד אויפןביישפּיל פון שלום־עליכמען. וואָס אייגנטלעך האָט עס אַזוי ברייט צעעפנט פאַר אָט דעם געניאַלן שריפט־שטעלער די טירן פון יידישן טעאַטער? זיין שפּילעוודיקייט. שלום־עליכם איז שפּילעוודיק אין אַלע זיינע תנועות, אין אַלע זיינע קנייטשן, יעדעס וואָרט און יעדעס ווערטל פון שלום־עליכמען שפּילן מיט אַלע קאָלירן פון יידישן חן. אָבער שפּילעוודיקייט אַליין — פון שפּראַך, פון זשעסט, אַפילו צונויפגעפלאָכטן מיט וואונדערלעכסטן הומאָר — איז נישט דווקא קאָמעדיש. ס׳קאָן זיין בלויז — שפּילעוודיקער שטייגער.

ווערט טאַקע זייער אָפט שלום־עליכם פאַרפלאַכט אויף דער בינע,

דערפירט צו הוילן שטייגער. טאָקע פּריילעך, טאָקע פּאַרביק, טאָקע עמך־שער־און־אייזנדיק, אָבער ניט מער ווי שטייגער. אַפילו טביה, דער אור־אַלטער דעמב, וואָס וואָרצלט אין דורותדיקער חכמה און מאָראַל, אַפילו ער ווערט קינסטלעריש איינגעשרומפּן. טביה דער מילכיקער אויף דער בינע איז אָן אָן ערך מער מילכיקער און אָן אָן ערך ווייניקער טביה.

קאָן מען זיכער זאָגן: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ זיינען געגנוג גרויס און אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס. אַפילו ווען אויף דער בינע ווערן זיי פאַראָרעמט, בלייבן נאָך אַלץ פאַרן צושויער פיל פּערל און איידלשטיינער.

וואָלט עס געווען ריכטיק, ווען ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זעט אויס משונהדיק־פּאַראַדאָקסאַל: נישט בלויז האָט די קלאַסיק ניט געקרעפטיקט, ווי ביי די אומות העולם, און באַרייכערט אונדזער טעאַטער, נאָר גראָד קאַפּויער, זי האָט אים אָפּגעשוואַכט, פאַראָרעמט און סטעריליזירט.

קלאַסיק, אויף יעדער בינע, באַטייט: אייביקייט, אָדער בלויז אַ בליק אויפן נעכטן. ביי אונדז איז עס: אַנטלויפן צום נעכטן, פאַרשליסן זיך אין נעכטן, ראַטעווען זיך אין נעכטיקע טעג. קלאַסיק, אויף יעדער בינע, באַטייט: גרייכן צום איבערצייטלעכן, צום היינט ווי צום מאָרגן. ביי אונדז איז עס: אויסדרייען זיך מיטן רוקן צום היינט און צום מאָרגן, פאַרוואַנדלען דעם טעאַטער אין אַ מין בינע־קאַסערון פון פאַרגאַנגנהייט.

אַזאַ משונהדיקער פּאַראַדאָקס איז מעגלעך געווען בלויז ביי אונדז, ביים אַלטן עם־הספר, ביים פאָלק פון טויזנט־יאָריקער אַנטי־טעאַטער־קולטור. דער ספר האָט זיך נוקם געווען אין „מושב לצים”, אָפּגעטויט זיין אינערלעכע דינאַמיק, צוגעשמידט אים צום „אַלטיטשקן ביכעלע” און פאַרוואַנדלט אין אַ ספרים־אילוסטראַציע.

די קלאַסיק־תקופה אין אונדזער טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, בעת דאָס גאַנצע לאַנד האָט געברויזט מיט אומגעזעענע קינסטלערישע פאַרמעסטן. אויך דאָס יידישע טעאַטער איז אַרויס אין פאַרמעסט. דער מאָסקווער קאַמער־טעאַטער, נאָך דער אָפיציעלער התחלה מיט שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן און איינאַקטערס, האָט געגעבן במשך פון זיבן יאָר פיר מאָנומענטאַלע קלאַסיקער־ספּעקטאַקלען: „די כשוף־מאַכערין”, „דאָס גרויסע געווינס”, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” און „מסעות בנימין השלישי”. דאָס זיינען געווען גלענצנדיקע, פאַרבלענדנדיקע אויפפירונגען, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון דער בינע־קונסט פון זייער צייט. אָבער — ווי עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער — דווקא אָט דער נשתוממדיקער באַרג־אַרויף האָט מיט זיך געבראַכט — קאַטאַסטראָפע.

„די כשוף־מאַכערין” איז געוואָרן אויפגעפירט לויט גאָלדפאַדענען, „דאָס גרויסע געווינס” לויט שלום־עליכמען, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” לויט פּרצן און „מסעות בנימין השלישי” לויט מענדעלען. ביי יעדן פון די שרייבער האָט אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, דער רעזשיסאָר און פאַקטישער מחבר

פון דער פאַרשטעלונג, גענומען בלויז דאָס, אין וואָס ער האָט זיך גענויטיקט פאַר זיין קאַנווע, פאַר זיין אייגענעם סצענאַר. אויב מעגלעך, האָט ער גע־שעפּט בלויז פון איין ווערק, אויב נויטיק — פון עטלעכע ווערק. דער אָריגינעלער טעקסט איז געוואָרן צוגעשמאָלצן מיט פרעמדן טעקסט, פּראָזע און לידער. באַקומען האָט זיך אַ מין סינטעטישער פּראָדוקט, נישט קיין גאָלדפאַדן־פּיעסע, נאָר אַ גאָלדפאַדעניאַדע, נישט מענדעלעס „מסעות בנימין״, נאָר אַ מענדעליאַדע.

ס׳האָט געהייסן: דער טעאַטער דאַרף, אויף זיין אופן, אויספירן דעם אורטייל, וואָס די רעוואָלוציע האָט ענדגילטיק אַרויסגעטראָגן איבערן פאַר־שאָלטענעם עבר, צו וועלכן עס האָט געהערט די גאַנצע קלאַסיק. אויספירן דעם אורטייל אייגנאַרטיק־טעאַטראַל: אויסלאַכן דעם עבר אין פריידיקן גראָטעסק, פאַרלאַכן ביז אין טויט אַריין און גלייך אויפן אָרט טאַקע, אויף דער בינע, פירן צו קבורה, אין אַ קאַרנאַוואַל־לוויה מיט טאַנץ און געזאַנג.

האָט דער טעאַטער אָנגעהויבן גיין אויף דער באַרוישנדיקער שמחה — פון לוויות. אָוונט נאָך אָוונט, יעדן טאָג אין דער וואָך, יעדע וואָך אינעם יאָר, אַזוי איין יאָר און צוויי און פינף און זעקס און זיבן, גאַנצע זיבן יאָר. אינעם לאַנד האָט דורכגעשטורעמט די רעוואָלוציע, ס׳איז געווען בירגער־קריג און פּאָגראָמען און פּראָדוקטיוויזאַציע און קאָלאָניזאַציע, אַ ניי יידיש לעבן איז אויפגעקומען אין בלוט און פּיין, אַלץ האָט זיך געריסן צום מאָרגן — אָבער דער טעאַטער האָט אַלץ ניט אויפגעהערט מקבר צו זיין דעם נעכטן. ביז דער פריידיקער קברן, וואָס האָט אַזוי לאַנג און מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן זיך מתעסק געווען מיט זיין מת, האָט מער מיט אים ניט געקאָנט זיך צעשיידן. ער איז מער ניט ביכולת געווען זיך אָפּצו־רייסן פון בית־הקברות.

די קלאַסיק־אויפפירונגען פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי האָבן אַריינגע־פירט דעם מאָסקווער קאַמער־טעאַטער אין אַ טעמפּן ווינקל. ביי זייער גאַנצן אומצווייפלהאַפטן קינסטלערישן ווערט, (אַגב, דער בעסטער סימן, אַז נישט דאָס איז דער איינציקער קריטעריום), האָבן זיי געבראַכט דעם סאָוועטיש־יידישן טעאַטער און דעם יידישן טעאַטער בכלל אַן אומגע־הויער גרויסן שאָדן.

גראַנאָווסקי, דער ערשטער, האָט פאַרשלאָסן די טירן פון יידישן טעאַטער, דווקא אין די יאָרן פון בליאונג און וואוקס, פאַר דער שאַפערישער דראַמאַטורגיע. ער האָט אונטערגעזעגן איינעם פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך געהאַלטן דער גאַנצער טעאַטער־בנין.

גראַנאָווסקי, דער ערשטער, האָט גענומען באַגיין זיך מיט די ווערק פון אונדזער קלאַסיק ווי מיט בלויזן רוי־מאַטעריאַל פאַר זיינע סצענאַרן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייעם מין בינע־ווילקיר — פון דער דראַמאַטיזאַציע־הפקרות, וואָס איז געוואָרן די פּלאָג פון אונדזער טעאַטער אין גאָר דער וועלט.

ביי די אומות העולם איז עס געווען בלויז אַ מאָדע, אַ צייטווייליקע

חולאת, וואָס איז שנעל פאַרביי. ביי אונדז אָבער, מיט אונדזער דורותדיקער אַנטי־טעאַטער־טראַדיציע, אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון אונדזער יידיש־וועלטלעכן קולטור־לעבן פון די לעצטע יאָרצענדליקער, איז עס גע־וואָרן אַן עפּידעמיע, ממש אַ מגפה.

בהדרגהדיק האָט אונדזער בינע געגומען זיך שטיצן, אַלץ מער און מער, אויף — „אינסצעניזאַציעס״. צוערשט האָט מען „אינסצענירט״ די אָבות, מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און אויך דעם טעאַטער־פאָטער אַברהם גאָלדפאַדן. דערנאָך איז געקומען די רייע אויף שלום אַש און אַפּאַטאָשו, אויף י. י. זינגער, אויף זלמן שניאור און נאָך און נאָך. דאָס אָרט פון דראַמאַטורג האָט פאַרנומען דער „דראַמאַטיזירער״, וואָס איז ס׳רוב געווען גלייכצייטיק דער רעזשיסאָר. ס׳האָט זיך באַשאַפן אַ פאַרכשופטער קרייז: וואָס מער דער „דראַמאַטיזירטער״ האָט „דראַמאַטיזירט״, אַלץ ווייניקער האָט דער דראַמאַטורג געהאַט פאַר וועמען צו שאַפן; און וואָס ווייניקער דער דראַמאַטורג האָט געשאַפן, אַלץ מער האָט דער „דראַמאַטיזירטער״ גע־מוזט „דראַמאַטיזירן״.

געענדיקט האָט זיך עס מיט דעם, אַז דער „דראַמאַטיזירער״ האָט גענו־מען „דראַמאַטיזירן״ ציימונג־ראָמאַנען און דער „אינסצעניזאַטאָר״ — אינסצע־נירן שלום־עליכמען אין „מיוזיקלס״ און אַנדערע „שאָוס״, מיט זייער־פילע־טענצע און זייער־פילע־געזענגע.

פריער איז פון טעאַטער געוואָרן פאַרשטויסן דער דראַמאַטורג. דערנאָך האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן, וואָס ווייטער אַלץ מער — אויך דער צושויער.

***

איז דער קרייז שוין אָפּגעשלאָסן? איז די מעשהלע שוין אויס?

ס׳וואָלט געווען אומזיניק צו לייקענען: בלי ספק איז אַ תקופה פון יידישן טעאַטער פאַרענדיקט. מען טאָר אָבער ניט פאַרזען דאָס עיקרדיקע — אַט די תקופה איז, אין דער געשיכטע פון אונדזער מאָדערנער יידישער גייסטיקייט, ערשט אַן אַריינפיר־קאַפּיטל.

צוערשט איז געווען דאָס וואָרט. מיר האָבן ניט געבויט קיין אָפּגעטער פון שטיין, אָבער מיר האָבן געמאַכט אַן אָפּגאָט פון וואָרט, צום וואָרט, צום ספר האָבן מיר געדינט און דינען נאָך אַלץ. דאָס איז געווען און איז ווייטער — קודש, שבת־יאָנטעוו. די פּלאַסטיק פונעם אַרום און אַוודאי די פּלאַסטיק פון אייגענעם גוף, די באַרוישנדיקע פרייד פון צונויפגיסן דאָס וואָרט מיט זשעסט, מיט פאַרב, מיט שפּיל, דאָס האָט באַטייט, במשך פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער — אויב ניט עבודה־זרה, איז פאַרענגלעכע מינדערווער־טיקייט.

איז געקומען דער יידישער טעאַטער און געבראַכט מיט זיך דעם אָפּ־

קלאַנג פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס האָבן, אין איין־איינציקן יאָרהונדערט, גרינטלעך באַנייט אונדזער פאָלק און אונדזער קולטור. דער טעאַטער איז געקומען ווי אַ העראָלד פון נייע צייטן און זיין בשורה האָט זיך געטראָגן ווייט און ברייט, פיל ווייטער און ברייטער ווי דאָס וואָרט פון אונדזער ליטעראַטור. בעת די ליטעראַטור האָט געשפּילט פידל־און־פליית, האָט די בינע, מחמת איר ספּעציפישער אַקוסטיק, אָפּגעקלונגען מיט טראָמ־פּייט און קעסל־פּויק. ס׳איז געווען בשורה פון קולטור־רענעסאַנס, פון נאַ־ציאָנאַלער רענעסאַנס, אָבער דער טעאַטער, אין קעגנזאַץ צו דער ליטעראַ־טור, איז קיין פּאַנען־טרעגער פון דעם רענעסאַנס נישט געוואָרן.

אייגנטלעך האָט ער עס ניט געקאָנט ווערן. צו טיף איינגעקריצט איז געווען אונדזער דורותדיקע אַנטי־טעאַטער־טראַדיציע. צו שטורעמדיק, צו וואולקאַן־אַרטיק איז פאַרלאָפן דער לעצטער יאָרהונדערט יידיש לעבן. ס׳איז אוממעגלעך געווען פאַר אַ נייעם, יונגן קולטור־פלאַנץ צו שלאָגן פעסטע וואָרצלען. זיכער איז אָבער: טעאַטער איז געוואָרן אויס ראַנד־דערשיינונג אין אונדזער קולטור. ס׳האַלט ביים אויסלעבן זיך די אויסטערלישקייט גופא פון אונדזער טעאַטער־גורל. אין נייע היסטאָרישע באַדינגונגען וועט זיך אַנהויבן אַ ניי קאַפּיטל, אַ נייער, אַ דויערנדיקער באַרג־אַרויף.

נישט דער קרייז איז אָפּגעשלאָסן, נישט די מעשהלע איז אויס. אַדרבה, מען קאָן אפשר זאָגן: מיר האַלטן ערשט ביים סאַמע אָנהייב.

1968

דערשיטערונג

אַ בליק אויף אונדז גופא...

די וואונדן זיינען נאָך אָפן און טריפן מיט בלוט. די דערשיטערונג איז — און עס וועט לאַנג נאָך — נישט פאַריבער. מיר האַלטן כסדר אין איין פרעגן זיך: ווי אַזוי איז מעגלעך געווען דאָס שרעקלעך פאַרברעכן ?! און ווען און וואו און פאַרוואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן די גרעסטע גייסטער פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד ?!

עס איז אָבער צייט, און העכסטע צייט, צו ווענדן אונדזער בליק אויף אויף אונדז גופא, צו פאַרטראַכטן זיך — רואיק, אַזוי רואיק ווי נאָר מעגלעך — וועגן אונדזער באַנעמונג אין די גאַנצע יאָרן פון דער טראַגעדיע. מען דאַרף פרואוון זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם,וואָס מיר האָבן געטאָן אָדער נישט געטאָן, וועגן אונדזער ריידן, אָדער גאָר וועגן שווייגן און פאַרשווייגן. ס'איז נישט קיין לייכטער חשבון, אָבער ער מוז געמאַכט ווערן — און אָפן, דרייסט, אומדערשראָקן. זיכער וועט ער נאָך נישט קאָנען דערפירט ווערן ביזן סוף, ס'איז אָבער נויטיק אים אָנצוהויבן תיכף. טראַגישע פרעג־צייכנס לויערן אין אונדז און אַרום אונדז. מוזן מיר זיי פאַרענטפערן.

מיר זיינען שולדיק אַ תשובה. קודם — זיך אַליין, ווייל ס'איז נישט מעגלעך מער אָנצוגיין מיט דער געוויינלעכער ביז־איצטיקער טאָג־טעגלעכקייט, צו שטאַרק איז די אויפטרייסלונג, ס'מוז קומען חשבון־הנפש. דערנאָך — אונדזערע לייענער, די אַלע ערלעכע יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס שענקען אונדז זייער צוטרוי, וואָס הערן זיך צו צו אונדזער וואָרט און וואַרטן אויף אונדזער וואָרט. מיר זיינען אויך שולדיק אַ תשובה דער גאַנצער ערלעכער יידישער שרייבער־משפחה, וואָס איז דערשיטערט און צעוויטאָקט — אפשר נישט אַזוי טיף ווי מיר — אָבער זיכער נישט ווייניקער אויפריכטיק. און ס'איז גאָר קיין חילוק נישט, צי אונדזער תשובה וועט יאָ אָדער נישט געפעלן די כלערליי פּאָליטיקאַנער און היסטערישע רויטפרעסער, אָדער די אַלע מינים פרומע קעץ, וואָס גלאָצן גאָטספאָרכטיק מיט די אויגן און האָבן אין זינען בלויז איינס: שפרייטן שנאה און גיפט, וואָס מער שנאה און וואָס מער גיפט. נישט זיי זיינען מיר אויסן.

וואָס איז געווען דער הויפּט־גורם און דער יסוד פון אונדזער גאַנצן באַנעמען זיך, במשך פון די אַלע יאָרן פונעם אומגליק? דאָס איז געווען אונדזער גרענעצלאָזער צוטרוי, אונדזער גרענעצלאָזער גלויבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער ווייט־גרעסטער טייל פון די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, קול־

טור־טוער און געזעלשאַפטלעכע טוער אין אייראָפּע געהערט צום דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אונטערן דעציזירנדיקן איינפלוס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פיל פּראָגרעסיווע שרייבער זיינען געווען — און זיינען פאַרבליבן — דירעקט פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, פון וואַנען זיי שטאַמען, אין אַמאָליקן פּריצישן פּוילן, אין דער ליטע, אין באַיאַרישן רו־מעניע, זיינען זיי אויסגעשטאַנען כלערליי רדיפות, אָפּגעוואָלגערט זיך יאָרן אין תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דאָס האָט אָבער קיינעם פון זיי נישט אָפּגעשראָקן און נישט איינגעבראָכן. אין זייערע הימלענדער, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן, אָדער אין מערב־אייראָפּע, וואו אַ טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט, האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם קאַמף, אומאָפּטיילבאַר פון זייער שרייבערישן באַרוף, און וואָס איז געוואָרן, פון זייערע יוגנט־יאָרן ביז היינט צו טאָג, דער אינהאַלט פון זייער לעבן. אַפילו אין די בלוטיקע היטלער־צייטן, אין סאַמע ברען פון מלחמה, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף יעדן טריט, האָבן זיי דעם שלאַכט נישט אויפגעגעבן, נאָר געשלאָגן זיך ווייטער, ווער מיט אַ ביקס און קוילנוואַרפער, ווער מיט דער פעדער אין האַנט, ווער — מיט ביידע צוזאַמען. פיל זיינען אין שלאַכט געפאַלן.

די פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט פאַר זייערע אויגן, דער וועגווייזער, וואָס האָט פאַר זיי אַלעמען געלויכטן, אין טעג פון פרייד און האָפענונג, פונקט ווי אין טעג פון טרויער און מוטלאָזיקייט, פונקט ווי אין די לעצטע רגעס, איידער ס'איז געפאַלן דער טויט־שאָס פון שונאס עקזעקו־ציע־אָפּטייל — אָט די פאָן, אָט דער וועגווייזער, אונדזער פאָן און וועג־ווייזער, איז געווען — ראַטנפאַרבאַנד.

אין דעם איז נישט פאַראַן קיין שום מיסטישעס. ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס לאַנד פון אָקטאָבער, דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם. צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכע באַזע פאַר דער עקספּלואַטירונג פון מענטש דורך מענטש, צום ערשטן מאָל איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים וועגן אמתער פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט צווישן פעלקער. צום ערשטן מאָל זיינען יידן געוואָרן פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט נישט בלויז ווי יחידים־בירגער נאָר גלייכצייטיק ווי אַ פאָלק, ביז צום פּרינציפּ פון באַזונדער יידישער מלוכהשקייט אין ביראָבידזשאַן. צום ערשטן מאָל זיינען יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־הצטרכותן אריינגענומען געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם ביודזשעט פון מלוכה און ס'איז אויפגעקומען אַ ברייטע נעץ פון מלוכהשע יידישע פאַרלאַגן און טעאַטערס און שולן און טעכניקומס און אוניווערסיטעט־קאַ־טעדרעס, אַלץ אַזוינס, וואָס איז נאָך קיינמאָל ביז דאַן נישט געהאַט געזען געוואָרן.

די ראָל פון ראַטנפאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַדאַנק דעם העלדנטום און די קרבנות פון סאָוועטישן פאָלק איז אָפּגע־

ראַטעוועט געוואָרן פון פולשטענדיקער אויסראָטונג די שארית הפליטה פון איראָפּעאישן יידנטום; די טיף־מענטשלעכע גאַסטפריינטלעכקייט מיט וועלכער עס זיינען אויפגענומען געוואָרן, אין די גרויליקע מלחמה־יאָרן, עטלעכע הונדערט טויזנט פוילישע יידן־פּליטים, וואָס זיינען אַזוי אַרום נצול געוואָרן פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס; און לסוף, די ראָל פון דער סאָוועטישער רעגירונג ערב און בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין ארץ־ישראל און ביי דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל — דאָס אַלץ האָט דעם גלויבן אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך מער באַקרעפטיקט, פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט.

אַט דער גלויבן, אַ טעאָרעטיש־ און היסטאָריש־באַרעכטיקטער, האָט זיך ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט אין אַן אַקסיאָמע און באַלד — אין אַ דאָגמע, וואָס האָט אַלץ מער און מער באַווירקט אונדזער גאַנצן געדאַנקען־גאַנג. מיר האָבן אָנגעהויבן דענקען נישט אויפן סמך פון רעאַליטעט, נאָר אויפן אַ פּריאָרי־סמך פון דאָגמע. און אויב ס'איז אַמאָל, הגם זייער זעלטן, דערגאַנגען צו אַ קאָנפליקט צווישן רעאַליטעט און דאָגמע (זעלטן דערפאַר, מחמת די רעאַליטעט איז, אין דער אונטערשטער שורה, געווען אַ פּאָזי־טיווע), האָט, אין אונדזערע אויגן, שטענדיק געזיגט — די דאָגמע.

ביישפּיל: דער ראַטנפאַרבאַנד איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון מענטשנפריינטלעכקייט און פעלקער־גלייכהייט, סטאַלין האָט דעפינירט דעם אַנטיסעמיטיזם „מאָדערנע מענטשנפרעסעריי"; אויספיר — סאָוועטישע פּאָליטיק און יידן־דיסקרימינאַציע שטייען אין אַן אַבסאָלוטער סתירה; קאָנסעקווענץ — אַלע קלאַנגען וועגן אַנטיסעמיטיזם, נישט ביי געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע איבער־בלייבעניש פון די פאַרשאָלטענע אַלטע צייטן, נאָר ביי אָפיציעלע סאָוועטישע מלוכה־אָרגאַנען אָדער מלוכה־אינסטאַנצן, זיינען שקר וכזב, בייז־וויליקע בלבולים, אויסגעטראַכטע פון אָנהייב ביזן סוף.

צווייטער ביישפּיל: דער ראַטנפאַרבאַנד איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון גערעכטיקייט, אמת פון רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט, אָבער וואָס איז טיף־הומאַניסטיש אין איר יסוד, ווייל איר מקור שטעקט אין פאָלק גופא; אויספיר — ראַטנמאַכט און באַוואוסטזיניק־אָרגאַניזירטע יוסטיץ־פאַרברעכנס שטייען אין אַן אַבסאָלוטער סתירה און סאָוועטישער משפּט קאָן זיין בלויז אַ משפּט צדק; קאָנסעקווענץ — אַלע השערות וועגן אינסצעניזירטע פּראָ־צעסן, וועגן אויפגעצוואונגענע פאַלשע ווידויס פון די אָנגעקלאָגטע, זיינען שקר וכזב, בייזוויליקע בלבולים אויסגעטראַכטע פון אָנהייב ביזן סוף.

אין די זעלטענע פאַלן ווען צווישן דאָגמע און רעאַליטעט איז דער־גאַנגען צו אַזאַ מין אָפּענעם ווידעראַנאַנד, אויף וועלכן ס'איז באין אופן נישט מעגלעך געווען צו פאַרמאַכן די אויגן, האָבן מיר, נישט ווענלנדיק און נישט קאָנענדיק זיך אָפּזאָגן פון דאָגמע, געשיצט זיך מיט — צוטרוי. ביי שווערע פּראָבלעמען, אין קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, בעת דער קאַמ־פּאַס האָט געהאַלטן ביים אַרויספאַלן פון אונדזערע הענט, האָבן מיר כסדר

זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע: האָבן מיר צוטרוי צום ראַטנפאַרבאַנד? האָט זיך אונדזער צוטרוי, במשך פון יאָרן און יאָרצענדליקער, באַרעכטיקט? אויב יאָ — דאַרפן מיר אָפּוואַרטן, אויסוואַרטן מיט געדולד, הגם דאָס וואַרטן איז אָפט געווען אומדערטרעגלעך שווער, ביז די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען וועלן אויפגעקלערט ווערן און אַלע פאַרוויקלטע סיטואַציעס וועלן ווערן פונאַנדערגעוויקלט קלאָר און פּשוט.

ווי ווייט איז געגאַנגען, איז מסוגל געווען צו גיין אונדזער גלויבן און אונדזער צוטרוי? ביז אין־סוף, ביז זעלבסטפאַרלייקענונג, ביז קרבן פון זיך אַליין.

אַז פון דער סאָוועטישער פּרעסע זיינע פלוצלונג פאַרשוואונדן די נעמען פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, פעפער א״אַנד, וואָס זיינען אונדז געווען אַזוי ליב און אייגן, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן אַזוי טייער און אויף וועלכע קיין שום פלעק איז אָפיציעל נישט געהאַט געפאַלן, קיין שום חשד אָפיציעל נישט געווען געוואָרפן — זיינען די דאָזיקע נעמען פאַרשוואונדן אויך פון אונדזערע צייטונגען, זיי און זייערע ווערק.

אין אָנהייב פופציקער יאָרן, ווען די אומגעדולדיק־אָפּגעוואַרטע בשורות טובות וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען אַלץ נישט געקומען און די טויטע שטילקייט האָט גענומען דריקן ביז משוגעת, האָבן געוויסע צווישן אונדז זיך גענומען אויסאַרבעטן טעאָריעס, וועמענס ציל איז געווען אויסצוטייטשן און צו באַגרינדן דאָס שווייגן, מחמת נישט בלויז יעדעס אַרויסגעזאָגט וואָרט, נאָר אַפילו יעדעס פאַרשוויגן וואָרט האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש ווי באַרעכטיקט.

אַזוי איז אַנטשטאַנען די טעאָריע וועגן „קולטור־אויסלעשונג״. די יידישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אויסגעלאָשן, איז געשטאָרבן דורך אַ מיתה בנשיקה. נישטאָ מער קיין לייענער פאַר אַ יידיש בוך, פאַר אַ יידישער צייטונג, קיין צושויער פאַר אַ יידיש טעאַטער, קיין צוהערער פאַר יידישער מוזיק, אָפּגערעדט שוין וועגן קינדער פאַר יידישע שולן און סטודענטן פאַר יידישע טעכניקומס אָדער אוניווערסיטעט־קאַטעדרעס. די יוגנט און די מיטליאָריקע האָבן נישט מער קיין אינטערעס פאַר יידיש, דער עלטערער דור איז אָדער אויסגעשאָכטן געוואָרן בעת דער מלחמה, אָדער ביסלעכוויז אויסגעשטאָרבן. מה דאָך, אַז אין די פּאַראיייניקטע שטאַטן, מיטן קרוב דריי־מיליאָניקן יידישן ישוב בלויז אין ניו־יאָרק, האַלט עס אַזוי שמאָל מיט יידישער קולטור, טאָ וואָס איז דער וואונדער אויב דער באַדייטנדיק קלענערער און שיטערער יידישער ישוב פון ראַטנפאַרבאַנד האָט, אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און פון אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג, שפּראַכלעך און קולטורעל זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ארומיקער באַפעלקערונג? וואו איז דאָס בייז, וואו איז דער חטא?! אויב די יידישע שרייבער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט מער פאַר וועמען צו ריידן. די יעניקע צווישן זיי, וואָס ווילן זיך

נישט אָפּזאָגן פון דער פּען, דאַרפן טאָן ווי דער ביראָבידזשאַנער דיכטער עמנואל קאַזאַקעוויטש — פון יידישע שרייבער פאַרוואַנדלען זיך אין רוסישע שרייבער.

אַזוי איז אויך אַנטשטאַנען די טעאָריע וועגן „אָביעקטיווער שטערונג". ראַטנפאַרבאַנד איז אַ ברידערלעכע משפּחה פון פרייע פעלקער, וואו יעדעס פאָלק, אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דער משפּחה, לעבט זיך אויס מיט זיין פול נאַציאָנאַל און מלוכהש לעבן. די טענדענץ פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז טאַקע צו אַנטוויקלען די אָריגינעלקייט פון יעדער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, אָבער — אין די ענגערע ראַמען פון דער געגעבענער געמיינשאַפט — צו פאַראיינהייטלעכן שפּראַכלעך און קולטורעל אַלע אירע מיטגלידער, אַלע איינוואוינער פון דער געגעבענער טעריטאָריע. די יידישע קולטור, אויסער אין ביראָבידזשאַן, ווערט, אָביעקטיוו גענומען, אַ שטע־רונג אין דער דאָזיקער פאַראיינהייטלעכונג, זי האַמעוועט דעם נאַטירלעכן, געזונטן און היסטאָרישן פּראָצעס פון אינערלעכער קאָנסאָלידירונג פון די סאָציאַליסטישע מלוכהשקייטן.

אַזוי זיינען אַנטשטאַנען נאָך אַ רייע אַנדערע טעאָריעס, איינע טיפ־זיניקער פאַר דער אַנדערער. אַלע — כדי צו באַגרינדן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מאַנסטערהאַפט אומבאַגרינדבאַר און וואָס קיי־נער האָט אָגב בכלל נישט געבעטן צו באַגרינדן. מיר האָבן, אַזוי אַרום, זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַלטער יידישער טראַדיציע פון באַרג סיני: „נעשה ונשמע", מיטן חילוק בלויז, וואָס אונדזער אויסגעשריי „מירן טאָן און געהאָרכן" איז געקומען נאָך פריער אַפילו איידער מיר האָבן דערהערט, דורך דונערן און בליצן, דאָס קול פון איבער די וואָלקנס.

ווייל וואָס האָבן מיר דען געהערט די גאַנצע יאָרן, אויסער דאָס טויטע שטיל־שווייגן? וואָס האָבן מיר דען געוואוסט וועגן דער בלוטיקער טראַ־געדיע? גאָרנישט, כמעט ווי גאָרנישט. אַלע אונדזערע פראַגן און אָנפראַגן זיינען געבליבן אָן אַ תשובה. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ טרינקענדיקער אין אַ שטרוי, אין אַלע סברות און השערות. מיר האָבן אָנגענומען פאַר גוט־געלט יעדן קלאַנג, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען.

ס'האָט געזאָלט הייסן: דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָסקווע איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן אין עפּעס אַ שייכות מיט די אידע־אָלאָגישע קאַמפּן, וואָס עס האָבן זיך דאַן געפירט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם; באַלד וועט דאָס יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד רעאָרגאַ־ניזירט ווערן אויף נייע יסודות, אונטער דער אָנפירונג פון נייע טוער...

ס'האָט געהייסן: די יידישע שרייבער לעבן און זיינען געזונט, בער־געלסאָן איז אין יעווּפּאַטאָריע און אַרבעט אַלס קולטור־לייטער פון אַן אָפּרו־הויז. פּרץ מאַרקיש איז ערגעץ אין אוקראַינע. אַלע וועלן בקרוב זיך אומקערן אין זייערע היימען...

און שפּעטער: דער ענין יידישע קולטור איז שוין לסוף דערגאַנגען

צום סדר היום פון די העכסטע אינסטאַנצן. די מיספאַרשטייענישן ווערן אויפגעקלערט. מען קאָן זיך ריכטן אַט־אַט אויף גוטע נייס...

און באַלד: ס׳גרייט זיך אַ יידישע צייטונג. ס׳עפנט זיך אַ יידישער פאַרלאַג. ס׳איז פאַראַן אַ פּראָיעקט צו באַנייען דאָס יידישע טעאַטער...

נאָך דער באַפרייאונג פון די דאָקטוירים און דער רעהאַביליטאַציע פון שלמה מיכאָעלס, זיינען מיר געווען איבערצייגט, אַז די רעהאַביליטאַציע פון דער יידישער קולטור, אַלס גאַנצע, איז אַ פראַגע נישט מער ווי פון טעג. בעת עס האָט זיך דערנענטערט דער צווייטער קאָנגרעס פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, סוף 1954, איז פאַר אונדז געווען זיכער, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט אויף אים זיין פאַרטראָטן, ווי אַ גלייכבארעכטיקטער אָנטיילנעמער. און ווען דאָס איז נישט געשען, האָבן מיר אונדזער אַנטוישונג און אונדזער אומרו אויסגעדריקט אין אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אָנהייב 1955.

„אויפן צווייטן קאָנגרעס פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער, וואָס איז ערשט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע — זאָגט זיך אין מעמאָראַנדום — האָבן 720 דעלעגאַטן פאַרטראָטן די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור, ד״ה 45 שוועסטער־ליטעראַטורן פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד. 71 פון די דאָזיקע דעלעגאַטן האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען פון יידישער נאַציאָנאַליטעט. קיין איינער פון זיי אָבער האָט נישט פאַרטראָטן די יידישע ליטעראַטור. קיין איינער האָט אויך נישט פאַרטראָטן בירָאָבידזשאַן, וואָס ווערט נאָך אַלץ אָנגערופן יידישע אויטאָנאָמע געגנט און וואו יידיש איז, צוגלייך מיט רוסיש, די מלוכה־שפּראַך״.

אונטערשטרייכנדיק, אַז די יידישע שרייבער און די יידישע פאָלקסמאַסן „קאָנען זיך נישט באַפרייען פון אַ געפיל פון אומרו, וואָס ווערט כסדר אַלץ גרעסער און באַהערשט זיי אַלץ מערער און מערער״, האָט דער מעמאָראַנדום געבעטן, דרינגענדיק, אויפקלערונג. אָבער קיין אויפקלערונגען זיינען נישט געקומען. קורץ דערנאָך האָבן אָנגעהויבן דערגיין די ערשטע איוב־בשורות — צוערשט די קאָמוניקאַטן וועגן די „ליטעראַרישע ירושות״ און לסוף דער דאָקומענט פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״.

פאַרוואָס האָבן מיר זיך באַגרענעצט בלויז צו מאָנונגען, דערמאָנונגען און מעמאָראַנדומס? נישט בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהאַט אומבאַגרענעצטן צוטרוי, נישט בלויז דערפאַר ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז אַלץ וועט אַט־אַט אויפגעקלערט ווערן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די טראַגעדיע איז אויסגעפאַלן אין די יאָרן פון אויסערגעוויינלעכער אינטערנאַציאָנאַלער שפּאַנונג. און דאָ קומען מיר צום צווייטן הויפּט־גורם, וואָס האָט צוגלייך מיט אונדזער צוטרוי און גלויבן, באַשטימט די גאַנצע האַלטונג אונדזערע במשך פון די לעצטע יאָרן — דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען פון א״ג „קאַלטן קריג״.

צו אונדזער אַלעמענס אומגליק, איז דער ענין יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, פונקט ווי דער ענין פּראָצעסן, געוואָרן אַ סעקטאָר — און

אַ וויכטיקער סעקטאָר — פון דער קאַלטער מלחמה, וואָס די מערב־גרויס־מאַכטן מיט אַמעריקע בראָש האָבן געפירט קעגן סאָוועט־פאַרבאַנד. יעדער עפנטלעכער שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָדער האָט געזאָלט גע־מאַכט ווערן, אומאָפּהענגיק צי מיט ריינער אָדער אומריינער כוונה, אומ־אָפּהענגיק אַפילו פון אינדיווידועלן גוטן אָדער שלעכטן ווילן, איז אַבסאָ־לוט־אומפאַרמיידלעך און אַבסאָלוט־אומווידעררופלעך געוואָרן, אויף אַ די־רעקטן אָדער אומדירעקטן אופן, אַן אַקט אין דער קאַלטער מלחמה. און גראָד זיינען עס דאַך געווען די יאָרן פון גרעסטער געפאַר, ווען דער קאַלטער קריג איז געשטאַנען אויף זיין הויך־פונקט, ווען דער גורל פון דער וועלט איז אָפט געהאַנגען אויף אַ האָר און די מענטשהייט האָט זיך געפונען אויפן סאַמע ראַנד פון אַטאָמישן קאַטאַקליזם. האָט מען געקאָנט, האָט מען געהאַט דאָס רעכט — נישט בלויז פּאָליטיש, נאָר דווקא אויך מאָראַליש — אַריינ־צושפּילן אין קאָרט די צווילדעוועטע, אויף אַלץ־גרייטע אַנטיסאָוועטישע קרייץ־צוגלער?

בעת די ערשטע סעריעס פּראָצעסן, האָבן מיר אַלע געגלויבט באמונה שלמה, אַז די באַשולדיקונגען זיינען כולו־אמת. זיכער, דאָס ספּאָנטאַנע מודה זיין זיך איז געווען אומגעוויינלעך, אָבער פאַרוואָס האָט זיך קיינער פון אונדז קיינמאָל נישט מודה געווען, בעת די אַרעסטן און פּייניקונגען אין די לענדער פון דער פאַרמלחמהדיקער אייראָפּע? און פאַרוואָס האָבן אונדזערע חברים, בעת דער מלחמה, גיכער געלאָזט זיך פאַרפּייניקן דורך די געשטאַפּאָ־תליינים, איידער אַרויסצוברענגען פון מויל עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט געווען צו זייער כבוד אָדער צום כבוד פון דער פרייהייט־באַ־וועגונג?

די טשעכישע פּראָצעסן, נישט אַזוי מיט זייער אינהאַלט, ווי מיט אַ געוויסן אונטער־טאָן, האָבן דערוועקט די ערשטע ספקות. עפּעס האָט די גאַנצע זאַך אַנגעהויבן אויסצוזען מאָדנע קשהדיק, קאָמפּליצירט, אומפאַר־שטענדלעך. געוויסע צווישן אונדז האָבן געזאָגט צו זיך אַליין: „ס'איז שוין באַלד אוממעגלעך צו וויסן, ווער ס'איז שולדיק און ווער נישט; אין איין פאַל בלויז וועט דער ספק פאַרשווינדן — אויב איך אַליין זאָל געשטעלט ווערן צו אַ משפּט, וועל איך זיין זיכער, אַז איך בין אומשולדיק, אָבער... צי וועל איך דאַן זיין באַגלויבט אויך ביי אַנדערע?"

די אַרעסטן פון די דאָקטוירים און, גאָר באַזונדערס, די באַשולדיקונ־גען קעגן שלמה מיכאָעלסן, האָבן די ספקות פאַרשטאַרקט און זיי אָנגעגעבן אַ באַזונדערס פּיינלעכן כאַראַקטער. די צווישן אונדז, וואָס האָבן ווייטער געגלויבט באמונה שלמה, האָבן געהאַט, ווי פריער, זייער רואיק געוויסן. פאַר די אָבער, וואָס האָבן געספקט, האָט זיך געשטעלט אַ טראַגישע דילעמע, וואָס האָט בפירוש אָוועקגערויבט ביי יעדן די רו און דעם שלאָף.

ס'איז געווען אַן אויסוואַל צווישן צוויי וועגן — און בלויז און אויסשליסלעך צווישן אָט די צוויי. אָדער אויסדריקן עפנטלעך די ספקות און דאַן, אויטאָמאַטיש, צי מען וויל עס יאָ אָדער נישט, געפינען זיך אין

אין לאַגער מיט די, וואָס „הוילן ווי די וועלף", אין לאַגער פון די צע־יושעטע מלחמה־העצער און אויף־אַלץ־גרייטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד; אָדער — פאַרבייסן די ליפן, פאַרדריקן די ציין, דערשטיקן אין זיך יעדע ספקות און שטעלן זיך פאַרטיידיקן, מיט אַלע כחות, אַט די געזעלשאַפט־לעכע און גייסטיקע ווערטן, צו וועמען עס געהערט די צוקונפט. אין באַ־דינגונגען פון מלחמה — און ס'איז געווען מלחמה, הגם די האַרמאַטן האָבן געשוויגן — קאָנען באַגאַנגען ווערן פאַרשיידענע עוולות און פעלערן, אָבער זיי דרינגען נישט אַרויס פון אייגנטימלעכן כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, נאָר קאָפּויער, זיי שטייען אין אַבסאָלוטער סתירה צום דאָזיקן כאַראַקטער. דעריבער קאָנען זיי נישט און וועלן נישט לאַנג אָנהאַלטן. זיי מוזן און וועלן ווערן אויפגעקלערט און פאַרריכט.

די רעהאַביליטאַציע פון די דאָקטוירים און פון מיכאָעלסן האָט די דאָ־זיקע שטעלונג באַרעכטיקט. ס'איז גלייכצייטיק דערמיט באַרעכטיקט גע־וואָרן אויך די שטעלונג צום ענין יידישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. זיכער, האָבן מיר זיך געזאָגט, איז לגבי די יידישע שרייבער — וועגן וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום גענויע ידיעות — און לגבי דער גאַנצער יידישער קולטור באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע עוולה. אָבער דאָס איז אַן עוולה, אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס וועט און מוז שנעל אויפגעקלערט ווערן און וועגן וועלכער עס איז, אין די באַדינגונגען פון דער קאַלטער מלחמה, נישט מעגלעך צו ריידן עפנטלעך. דאָס איז געווען די שווערע, די טראַגישע מצווה פון עפנטלעכן שווייגן, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען.

שווייגן, נישט געקוקט אויפן טיפן ווייטאָק, נישט געקוקט אויף אַלע ספקות, וואָס האָבן סוף כל סוף זיך אויפגעלייזט אין עפּעס אַן ערגעס העכערס — אין אונדזער גלויבן. דאָגמאַטישער גלויבן, אָבער דאָך גלויבן, קראַפט, וואָס איז מסוגל אויסצוואָרצלען בערג, הייליק פייער, וואָס צינדט אָן דאָס האַרץ פון מענטש פאַר אַלץ, וואָס איז גוט, גערעכטיק און שיין. אין אַט דעם פייער האָבן זיך אויסגעשמידט הויכע מאָראַלישע ווערטן: ערלעכקייט, מוט, טרייקייט, אומבויגזאַמקייט, גרענעצלאָזער מסירת־נפש, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ — נישט פאַר אָרימקייט און נויט, נישט פאַר שווערער מי און פּראַצע, נישט, ווען ס'איז נויטיק, פאַרן געבן אייגן בלוט און אַפילו דאָס אייגן לעבן.

אין נאָמען פון אַט דעם גלויבן, האָבן מיר געשוויגן און אָפּגעלייקנט און געשטעמפּלט אַלס בלבולים אַלע גרויל־ידיעות וועגן די יידישע שרייבער. איז פאַראַן אין דעם אַ שולד? קאָן מען דאָ בכלל ריידן וועגן סוביעקטי־ווער שולד? די שולד איז אַן אָביעקטיווע — מיר זיינען אַליין געווען קרבנות.

ס'איז די טראַגעדיע נישט בלויז פון דער יידישער קולטור אין ראַטנ־פאַרבאַנד, נאָר פון דער גאַנצער יידישער קולטור, ס'איז באַזונדערס די טראַגעדיע פון אַלע פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, פון אַ גאַנצן דור פּראָ־גרעסיווע יידן, וואָס האָבן בלב ונפש, מיט אַלע זייערע חושים, געגלויבט,

אַז אַזוינס איז אוממעגלעך. זיי פילן זיך פאַרשעמט. זיי זיינען דערשיטערט.

די דאָגמע איז צעבראָכן. און פונקט ווי ביי מענטשן, וואָס זיינען צענדליקער יאָרן געווען בלינד און האָבן פּלוצלונג צוריקבאַקומען די ראיה, אַזוי האָט זיך ביי אונדז אַ וואַקל געטאָן דער טראָט און ס׳האָט אונדז פאַרשווינדלט פאַר די אויגן. מיר מוזן מאַכן אַן אָנשטרענגונג, כדי איינצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

די דאָגמע ליגט אין שטויב — און גוט, וואָס ס׳איז אַזוי. דער עיקר איז אונדז פאַרבליבן — אונדזער גלויבן איז גאַנץ און אומבאַרירט. אַדרבה, ער דאַרף איצט זיין נאָך טיפער, ווייל באַגלייט דורך אַן אָפענעם און קלאָרן בליק. דער טעאָרעטישער יסוד איז גאַנץ, דער אידעאַל איז אומבאַפלעקט. היסטאָרישע צופאַלן קאָנען זיין טראַגישע און בלוטיקע, באַזונדערס טראַגישע און בלוטיקע פאַר די קרבנות און צייט־עדות, אָבער געשיכטע קאָן מען נישט מעסטן אַנדערש, ווי מיט געשיכטלעכער מאָס און היסטאָרישער צופאַל בלייבט, סוף כל סוף, בלויז צופאַל.

נישט געקוקט אויף בירגער־קריג און אויסלענדישער אינטערווענץ, אויף הונגער, מלחמות און פיינטלעכער אַרומרינגלונג, נישט געקוקט אויך אויף אַלע איגערלעכע פאַרקריפּלונגען און פאַרברעכנס, האָט דאָס לאַנד פון די סאָוועטן באַוויזן צו דערהייבן זיך אויף אָט דער הויך, וואו עס געפינט זיך היינט. ווי מעכטיק וועט זיין דער וויטערדיקער אויפשטייג זיינער, ווען עס וועלן אויסגעפּליקט ווערן אַלע ווילד־גראָזן פון וועג, ווען ס׳וועט אויסגעשניטן ווערן מיטן וואָרצל אַלדאָס ווילד־פלייש, וואָס האָט, אין אַ געוויסן פּעריאָד, געקאָנט פאַרדעקן און פאַרשטעלן די גרונט־ווערטן פון פרייהייט, מענטשלעכקייט און פאָלקס־הערשאַפט. ס׳איז נישטאָ קיין שום אַנדער געזעלשאַפט־אידעאַל, קיין שום אַנדערע געשיכטלעכע דערפאַרונג, וואָס זאָל קאָנען קעגנשטעלן ווערן דעם אידעאַל און דער דערפאַרונג פון אָקטאָבער. ווען אונדזער ליכט זאָל חלילה ווערן פאַרטונקלט, וואָלט געוואָרן פינצטער אויף גאָר דער ערד.

מיר זיינען אַלע געווען אַ קרבן פונעם בלינדן צוטרוי־קולט, וואָס האָט אַזוי פיל שאָדן געבראַכט און וואָס איז אומווידעררופלעך פאַרמשפּט. מיר זיינען אָפּגענאַרט געוואָרן און האָבן זיך אַליין גענאַרט: נישט דער סאָציאַליזם, נישט ראַטנפאַרבאַנד בויטיקן זיך אין מעכאַנישן יאָ־זאָגן און אין קאָזיאָנעם הלל־זינגען. טריישאַפט און סאָלידאַריטעט פאָדערן אויך און דווקא געזונטע, ברידערלעכע קריטיק.

און דעריבער דאַרפן מיר זאָגן הויך און קלאָר — און ס׳איז אונדזער חוב עס צו זאָגן — אַז נישט מיטן אַרויסגעבן די ליטעראַרישע ירושה פון אומגעבראַכטע שרייבער, נישט מיט אַ יידיש ליד אין קאָנצערט־זאַל אָדער ראַדיאָ, נישט מיט יובל־פייערונגען פון אַ יידישן קלאַסיקער (הגם דאָס זיינען אַלץ דערשיינונגען פּאָזיטיווע און דערפרייענדיקע) איז דער בלוטיקער און נאָך כסדר בלוטיקנדיקער ענין פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד דערליידיקט. דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט וועט נישט

אַנטשוויגן ווערן און דאָס געוויסן פון דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט וועט זיך נישט באַרואיקן אַזוי לאַנג ווי עס וועלן נישט אָפיציעל רעהאַבי־ליטירט ווערן די נעמען פון אַלע קדושים און ס'וועלן נישט צוריק איינגע־שטעלט ווערן באַדינגונגען פאַר אַ מעגלעכסט ברייטסטן און אַלזייטיקסטן יידישן קולטור־לעבן.

מיר מוזן זיך אָפּגעוואוינען פון דאָגמאַטישן דענקען און אויסלערנען זיך ווידער צו דענקען אויפן סמך און ווי אַ פונקציע פון דער רעאַליטעט. מיר מוזן האָבן פאַרן אויג די גאַנצע יידישע פאָלקס־רעאַליטעט אונדזערע, אין אירע פאַרשיידנסטע אַספּעקטן, אין איר ברייטסטן נאַציאָנאַלן אויס־קלאַנג, אויך אונדזער יידישע קולטור מיט איר טויזנט־יאָריקער ירושה, מיט אירע טראַדיציעס און ספּעציפישער פּראָבלעמאַטיק. וואָס מער מיר וועלן זיך באַהעפטן מיט אָט דער רעאַליטעט, אין איר גאַנצער קאָמפּלי־צירטקייט, אַלץ שנעלער וועלן מיר זיך באַפרייען פון דער געוואוינהייט צו אורטיילן אין קאַטעגאָריעס פון בלויז־שוואַרץ־ווייס, הן אין געזעלשאַפט־לעכע ענינים, הן אין ליטעראַטור. דאָס וועט אפשר אויך לייכטער מאַכן צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער גרויסער מערהייט יידישע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס זוכן, פונקט ווי מיר, נאָך אַזוי פיל אומ־שולדיק פאַרגאָסן בלוט, אַ סוף צו מאַכן צו דער אומזיניקער ברודער־מלחמה, וואָס עס הערשט היינט אין אונדזער ליטעראַטור.

און דאָס וואָלט געדאַרפט זיין די מצבה, וואָס די יידישע שרייבער פון גאָר דער וועלט זאָלן שטעלן אויפן קבר פון די קדושים — אַ ווידער־געאייניקטע יידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל, מיט געמיינזאַם־געשטאַרקטן ווילן און גלויבן, ממשיך זיין דאָס ווערק פון די, וואָס זיינען שוין נישטאָ.

1956

וועגן דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד

אינעם זעלבן זאַל, אין פייערלעכן זיצונג־זאַל פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע, בין איך געהאַט געוועזן מיט עטלעכע טעג פריער. אַרום גרויסן, לאַנג־רונדיקן טיש זיינען דאַן געזעסן פירנדיקע רו־סישע שרייבער, דיכטער און פּראָזאַיקער, וועמענס נעמען זיינען ווייט און ברייט באַקאַנט נישט בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין דער גאַרער ליטעראַרישער וועלט. העכער פיר נאָכמיטאָג־שעה איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח, אַ הייסער און ליידנשאַפטלעכער, וועגן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אינעם זעלבן זאַל איז, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, פאָרגעקומען אַ צונויפטרעף, אַ שאַפערישער אָוונט, פון יידישע שרייבער אין מאָסקווע. אָנטיילנעמער אין דעם אָוונט־צונויפטרעף זיינען געווען פיל מערער, ווי אין דער נאָכמיטאָגדיקער זיצונג. בלויז סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען געקומען העכער צוויי צענדליק, אויסער מערערע געסט. פונדעסטוועגן — נייַן, כ׳בין זיך נישט טועה — דער זאַל האָט אויסגעזען ווייניקער פול. אַ גאַנצער עק פון לאַנגן טיש, דער מזרח־עק, איז געבליבן אומבאַזעצט.

אויפן פאָרזיץ־שטול איז געזעסן שמואל האַלקין. די אָנוועזנדיקע האָבן דווקא אים געוואָלט פאַר אַ פאָרזיצער. אַ דיכטערין האָט זיך אָנגערופן: „האַלקין, איר זייט דאָך איצט אונדזער טאַטע, זעצט זיך אויבנאָן!״ ש. האַלקין, אַ לויכטנדיקער, אָבער פול טרויער אין די אויגן, האָט זיך געזעצט אויבנאָן. פון ביידע זייטן האָבן זיך אויסגעזעצט די שרייבער, נאָענט, צונויפגערוקט. אַנטקעגן פאָרזיצער, נעבן צווייטן עק טיש, זיינען געשטאַנען ליידיקע שטולן, פיל ליידיקע שטולן.

ש. האַלקין האָט זיך אָנגערופן, קוים־דערהערבאַר: „חברים...״ און, ווי פאַרזונקען אין מחשבות, איז ער שטיל געבליבן. אַלע האָבן, אין טיפן שווייגן, געוואַרט ביז, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע, ווי פאַרענדיקנדיק אַן אַרייַנ־פיר־וואָרט, וואָס ער האָט געהאַלטן בלויז אין געדאַנק, האָט ש. האַלקין שטיל צוגעגעבן: „נו, מיר וועלן אָנהייבן״.

דאָס איז נישט געווען קיין געדענק־אָוונט, קיין אָוונט לזכרון די אומגעקומענע, וועמענס שטולן זיינען דאָ געשטאַנען ליידיק און וועמענס אָנוועזנקייט ס׳האָט זיך געפילט אין יעדן בליק, אין יעדער באַוועגונג פון די פאַרזאַמלטע. דער צונויפטרעף איז געווען געווידמעט די לעבן־גע־בליבענע שרייבער, דער לעבעדיקער און שאַפערישער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

און כמעט ווי אומבאַמערקט האָט דער טיפער מינאָר־טאָן, וואָס האָט געהערשט פון אָנהייב, אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פאַרשווינדן. דער וואונדער פון שאַפערישקייט, פון לעבן, האָט אַזוי ווי פאַרשאָטנט און באַזיגט די געדעכעניש פון גרויזאַמען טויט.

ס׳איז אויפגעקומען מיט אַ באַשיינפּערלעכקייט ניט אָפּצופרעגן, מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַ פאַקט, וואָס איז פאַר דער יידיש־סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט געוויס נישט קיין נייס, אָבער וועלכער איז אין דער יידישער עפנטלעכקייט אין אויסלאַנד ווייט ניט גענוג באַקאַנט: ס׳איז פאַראַן היינט־צו־טאָג אַ גרויסע, אַ וויכטיקע יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אמת, דאָס איז דערווייַלע נאָך אַלץ אַ ליטעראַטור אַ טראַגישע, וואָס דערגייט נישט צו דער ליכטיקער שיין, אַ שופלאַד־ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון בלויזע כתב־ידן, אָבער זי לעבט, אינטענסיוו און עקשנותדיק.

מיט בערך צוויי יאָר צוריק, אויפן ערשטן — זינט 1948 — צוזאַמענטרעף פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער מיט יידישע זשורנאַליסטן פון פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט שמואל האַלקין, רעדנדיק וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זיך אויסגעדריקט: „פון אויס ליטעראַטור קאָן ווערן גרויס ליטעראַטור״.

איז עס געווען בלויז טראַגיקער וואָרט־רעוואַנש קעגן גורל, פרומער וואונטש, אָדער גוזמאדיקע איינגעגלויבטקייט? ניין, ש. האַלקינס ווערטער שטימען באמת מיט דער ווירקלעכקייט. די לעבן־געבליבענע יידישע שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרמאָגן אַלע נויטיקע פּאָטענצן צו זיין די טרעגער פון אַ „גרויס־ליטעראַטור״. ס׳וועט לחלוטין נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, נישט געקוקט אויף דעם גרויזאַמען שניט, וואָס איז צווישן זיי געמאַכט געוואָרן, זיינען ביזן היינטיקן טאָג — און היינט מעגלעך מער, ווי פריער — סיי אין איכות, סיי אין כמות, צווישן די וויכטיקסטע צווייגן, און אפשר טאַקע דער וויכטיקסטער, פון דער יידישער שרייבער־משפחה אין גאַר דער וועלט.

ס׳איז נויטיק אויפצוקלערן אַ געוויסע מיספאַרשטייעניש. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז געווען און איז פאַרבליבן נישט גענוג באַקענט אויסער די גרענעצן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. הן עקסטאַטישע באַוויגער, הן פאַרביסענע פאַרלוימדער האָבן אין איר געזוכט גיכער געזעלשאַפטלעכע סימבאָלן, ווי לעבעדיקע שרייבערישע פערזענלעכקייטן, גיכער דעם פאָנען־טרעגער, ווי דעם קינסטלער מיט זיין אייגענעם פנים, מיט זיין אינדיווידועלער שאַפערישער געשטאַלט. צוליבן געדיכטן, פילפאַרביקן וואַלד, האָט מען נישט דערזען — די בוימער. לכל־הדעות האָבן פון ווייטן זיך אָנגעזען בלויז איינצלנע, צומאָל טאַקע די שענסטע און גרעסטע, אָבער אַמאָל אויך בלויז די צום מערסטן כאַראַקטעריסטישע פאַר דער געגעבענער צייט. אין די אויגן פון דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט — און אַפילו פאַר די ענגערע קרייזן, וואָס האָבן צו ליטעראַטור אַ נאָענטערע

שייכות — האָט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור זיך אידענטיפיצירט מיט עטלעכע קרוין־נעמען, מיט די נעמען פון עטלעכע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען גלייכצייטיק אי גרויסע קינסטלער און אי פאָנען־טרעגער.

ווען אַט־די גרויסע קינסטלער זיינען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן, האָט זיך אַ ווײַלע געשאַפן דער איינדרוק, אַז די גאַנצע סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז אומגעקומען. פריינט האָבן זי באַוויינט מיט טיפן צער און ווייטאָק, שונאים האָבן פאַרגאָסן קראָקאָדיל־טרערן און געמאַכט פייערלעכע הספדים און וואָס גיפטיקער זייער שנאה איז געהאַט געווען, וואָס שוימיקער זייער האַס, אַלץ העכער האָט געקלונגען זייער קלאָג־ליד.

.2

פריינט און פיינט האָבן זיך אָבער טועה געווען. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז נישט אומגעקומען. אונטער דער האַק פון אַכזר זיינען טאָקע געפאַלן וואונדער־דעמבעס, אָבער דער וואַלד איז געבליבן און לעבט און וואַקסט ווייטער.

די יאָרן פון אומגליק און פּיין זיינען פאַר אַלע לעבן־געבליבענע סאָוועטיש־יידישע שרייבער געווען גלייכצייטיק יאָרן פון גרויסן קינסטלערישן וואוקס, פון אידייאישער פאַרטיפונג, פון מאָראַלישער דערהויבונג. די עלטערע שרייבער האָבן דערגרייכט צו שלימות פון פאָרם און אינהאַלט, די ייִנגערע זיינען אויסגעוואַקסן נישט צו דערקענען. די וואָס, ערב און בעת דער מלחמה, האָבן געבראַכט בלויז צוזאָגן, זיינען געוואָרן רייפע קינסטלער פון הויכער קוואַליטעט.

און נאָך עפּעס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, וואָס איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט: נישט געקוקט אויף דער גאַנצער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נישט געקוקט אויפן פאַרגאָסן בלוט, אויף אַזוי פיל ליידן און דערנידערונג, האָט זיך דער נאַטירלעכער צוואוקס פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט. עס קלינגט ממש ווי אַ וואונדער, אָבער דאָס איז אַ פאַקט.

ביים היינטיקן טאָג געהערן צום אַלגעמיינעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, ווי פול־בארעכטיקטע מיטגלידער, ווי שריפטשטעלער אַנערקענטע, וואָס שאַפן אין דער יידישער שפּראַך, בערך אַכציק סאָוועטיש־יידישע שרייבער. אָבער, לויט אָפיציעלע ידיעות, זיינען פאַראַן נאָך אַ צוואַנציק יונגע יידישע שרייבער, שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס געהערן נאָך נישט צום פאַרבאַנד און וועלכע האָבן אַלע נויטיקע שריפטשטעלערישע קוואַליפיקאַציעס כדי דאָרט צו ווערן אָנגענומען.

בלויז לויט די אָנטיילנעמער אין מאָסקווער שאַפערישן אָוונט, איז, אגב, מעגלעך געווען זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן אַלגעמיינעם באַשטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור־משפּחה אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זייט ביי זייט מיטן לעצטן פאַרטרעטער פון דער פאַר־אָקטאָבער יידישער ליטעראַטור, ז. ווענ־

דראַף, זײַט ביי זײַט מיטן פאַרשטייער פון דער רומפולער פּלעיאַדע בולטע פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, ש. האַלקין, זײַנען געזעסן שרײַבער, וואָס זײַנען אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אויף דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, שרײַבער, וואָס זײַנען ניט לאַנג אַלט געוואָרן פערציק יאָר, אָדער אַפילו וואָס האָבן נאָך אָט־דעם עלטער נישט דערגרייכט. אויב מען נעמט אַריין אין חשבון די נאָך ייִנגערע שרײַבער־אָנפאַנגער, מוז מען קומען צום אויספיר — הערמאָנענדיק זיך, אַשטייגער, ווי עס האַלט אויף דעם געביט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אַז די סאָוועטיש־יידישע שרײַבער געהערן הײַנט צו טאָג, לויט זייער דורכשניטלעכן עלטער, צו די ייִנגסטע און במילא — פּאָטענציעל — שאַפערישסטע פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

ס׳רוב סאָוועטיש־יידישע שרײַבער, ספּעציעל פון ייִנגערן דור, באַהערשן גלענצנדיק די לאַנד־שפּראַך, סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט. פיל פון זיי זײַנען ביכולת אין דער דאָזיקער שפּראַך זיך אויסצולעבן קינסטלעריש (ווי באַקאַנט, האָט אויך פּרץ מאַרקיש געשריבן געוויסע ווערק זײַנע אויף רוסיש). מיט איין־און־איינציקן אויסנאַם — וואָס באַשטעטיקט טאַקע דעם כלל — האָט אָבער קיין שום יידישער שרײַבער נישט פאַרלאָזן די יידישע ליטעראַטור, נישט אויסגעדרייט זיך צו איר מיטן רוקן, נישט אָפּגעקערט זיך פון איר. קיינער האָט זיך ניט מייאש געווען אין דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

צי הייסט עס, אַז, אין דער שרײַבער־סביבה, זעט מען אָט די צוקונפט אין שטאַרק ראָזיקן ליכט? מיט אַ צייט צוריק — אומבאַדינגט יאָ; לעצטנס אָבער — אַלץ ווייניקער און ווייניקער. אויב מען הערט וואָר־ניט־וואו אַ האָפערדיק וואָרט, איז עס אָדער קאָזיאָנער אָפּטימיזם, אָדער כדי צו פאַרהוילן — פאַר אַ זייטיקן אויג און אפשר אויך פאַר זיך גופא — דעם נאָגנדיקן צווייפל, דעם ווייטאָק, די פאַרלוירנקייט, דעם אומענדלעכן שטומען צער.

און דער צער איז שטום נישט ווייל מ׳האָט מורא, אָדער ס׳איז נישטאָ קיין געלעגנהייט אים אויסצושרייען, נאָר ווייל ער איז אַזוי טיף, אַזוי שניידנדיק און אַזוי אינטים, אַז עס פעלן ממש ווערטער אים אויסצודריקן און אַמשטאַרקסטן קלינגט ער גראָד אין שטילשווייגן. סאיז פונקט ווי אַ בלוטיקע עוולה וואָלט אָפּגעטאָן געוואָרן דורך אייגענע טאַטע־מאַמע, אָדער דורך אַן אייגן קינד. ס׳טוט גרויזאַם וויי און ס׳איז אַ בזיון גלייכצייטיק.

ס׳וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז דער ווייטאָק פון סאָוועטיש־יידישן שרײַבער דריקט זיך אויס בלויז אין שטומען פּראָטעסט.

פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט די יידישע פּרעסע אין מערב־איראָפּע און אַמעריקע דערקלערונגען, ווירקלעכע צי אויסגעטראַכטע, לויט וועלכע די מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט הײַנט געווען שוין אַ באַדייטנדיק בעסערע, ווען די סאָוועטיש־יידישע שרײַבער

גופא וואָלטן זיך מער אָפּגעגעבן, ענערגישער און אַקטיווער, מיט איר אויפֿריכטונג. דאָס איז ליגן!

די סאָוועטיש־יידישע שרייבער־משפחה האָט דעם ענין יידישע ליטעראַטור נישט אויפגעהערט צו שטעלן פאַרן אַלגעמיינעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, די איינציקע פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַרופן די פראַגע אויפצונעמען. ביים פאַרבאַנד איז, אַגב, געשאַפן געוואָרן, נאָך מיט אַ צייט צוריק, אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט דעם ענין דורכשטודירן און אָנצייכענען אַלע געהעריקע מאָסמיטלען כדי אים פּראַקטיש און שנעל צו לייזן. ס׳איז נישט די שולד פון די יידישע שרייבער, וואָס די ספּעציעלע קאָמיסיע האָט במשך פון צוויי יאָר גאָרנישט באַוויזן אויפצוטאָן.

מען וואָלט געקאָנט באַהויפּטן, אַז נישט בלויז איז עס ניט די שולד פון די יידישע שרייבער, נאָר אויך ניט פון די רוסישע שרייבער, וואָס דער טראַגישער מצב פון דער יידישער ליטעראַטור האַלט נאָך כסדר אָן. די ווייט־גרעסטע מערהייט רוסישע שריפטשטעלער, די אַממערסטן באַרימטע און וואַגיקע, זיינען פאַר אַ באַלדיקער צוריקאויפשטעלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

.3

אין די געגעבענע באַדינגונגען, איז די וויכטיקסטע אפשר עובדה פון יידישן שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד — צו בלייבן אַ יידישער שרייבער, צו שטיין אויף זיין פּאָסטן, נישט אונטערגעבן זיך די שווערע שטימונגען, וואָס פאַרפלייצן פון אַלע זייטן, צו זיין שאַפעריש, וואָס מער שאַפעריש.

און די סאָוועטיש־יידישע שרייבער־משפחה איז שאַפעריש, ווי נאָך קיינמאָל אפשר. „ס׳פאַרגייט נישט קיין טאָג, איך זאָל ניט שרייבן״, — זאָגט אייך יעדער. און יעדער פאַרמאָגט זיין אייגנס, גרייטע צום דרוק, בענדער לידער, ראָמאַנען, דערציילונגען, אָדער דראַמען. ס׳איז נישט בלויז שרייבערישער אימפּעט, נאַטירלעכע פּרוכפּערדיקייט, ס׳איז גלייכצייטיק — עבודת קודש אין דערהויבנסטן זין פון וואָרט, טיפע אחריות פאַרן גורל פון פאָלק, שפּראַך און קולטור, אחריות אויך פאַר די ריכטיק־פאַרשטאַנענע אינטערעסן פון היימלאַנד, פאַר זיין וואויל און גוטן נאָמען אויף דער וועלט.

עס האָט געזאָגט, אויפן שאַפערישן אָוונט אין מאָסקווע, אַ באַקאַנטער יידישער פּראָזאַאיקער: „דער חידוש פון שרייבן איצט, ס׳הייסט, פון שרייבן אויף יידיש, איז נישט קיין צופעליקייט. אַ בוים וואַקסט נישט סתם אַזוי. ס׳מוז עפּעס זיין אין באָדן, אין דער לופט, וואָס ברענגט, אַז דער בוים זאָל בליען און זיך באַדעקן מיט בלעטער. זאַכן, וואָס זיינען קעגן דער נאַטור, קאָנען נישט האָבן קיין קיום. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור האָט און וועט האָבן קיום. פריער צי שפּעטער וועט פאַררעכט ווערן די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן״.

און ס׳האָט דערציילט אַ צווייטער שריפטשטעלער:

„כ'האָב ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון אַ רייזע און כ'קאָן רעדן נישט בלויז וועגן יידישן שרייבער, נאָר אויך וועגן יידישן לייענער.

„כ'האָב באַזוכט געגנטן, וואו ס'זיינען אַמאָל געווען צאָלרייכע יידישע קאָלווירטן. היינט האָב איך דאָרט געטראָפן איין ריין־יידישן קאָלווירט. די פיל הונדערטער יידישע פויערן־משפחות געפינען זיך אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָלווירטן, וואו די מערהייט איז גאַנץ אָפט אַ יידישע.

„די יידישע קאָלווירטניקעס קענען און האָבן ליב די יידישע ליטע־ראַטור, זיי דערמאָנען זי און בענקען נאָך איר. יידישע ביכער ווערן נישט בלויז געלייענט, מען פאַרלייענט זיך מיט זיי. בפירוש און אָן גוזמא — מען לעכצט נאָך יידישער ליטעראַטור.

„ביי יידישע פויערן, בינען־ציכטלער, האָב איך געזען אַ בינשטאָק אויפן נאָמען פון שלום־עליכם. אַז דער בינשטאָק איז מצליח, זאָגן די פויערן: שלום־עליכם, קיין עין־הרע, אַרבעט זייער גוט.

„איך האָב זיך געטראָפן מיט יידישע אַרבעטער, שלאָסער, מעכאַניקער, אינזשעניערן, באַאַמטע. אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג בענקען נאָך די שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער. אויף די יידישע ביכער, וואָס דערשיינען אין רוסיש, איז דער נאָכפרעג אָן אויסערגעוויינלע־כער, מען שטייט נאָך זיי אין דער ריי, פאַר אַ בוך פון דריי רובל צאָלט מען ביז הונדערט רובל.

„מען קאָן זאָגן מיט זיכערקייט: דער מקור פאַרן יידישן שרייבן, די שווארץ־ערד, — דאָס פאָלק — איז פאַראַנען".

זיבעצן מאָסקווער יידישע שרייבער־בעלעטריסטן האָבן, אויפן צוזאַ־מענטרעף, פאָרגעלייענט זייערע ווערק, (די עסייאיסטן און קריטיקער האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן הערן). ווי געוויינלעך, זיינען די דיכטער געווען די פריווילעגירטע, זיי האָבן געקאָנט לייענען גאַנצע, פאַרענדיקטע זאַכן, בעת די פּראָזאאיקער האָבן, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, זיך באַגרע־נעצט צו פראַגמענטן.

די טעמאַטיק פון די פאָרגעלייענטע ווערק איז געווען אַ שטאַרק־פאַרשיידנאַרטיקע, אָפהענגיק פון קינסטלערישן טעמפעראַמענט פון די מחברים. איין טעמע אָבער איז געווען כמעט אָן אַלגעמיינע, באַזונדערס ביי די דיכטער: באַגריסונג־לידער צום 60־יאָריקן יובל פון שמואל האַלקין.

אומגעריכט האָט, אַזוי אַרום, אָט דער שאַפערישער אָוונט, וואָס איז אין תוך געווען אַ צופעליק־אָרגאַניזירטער, איין שייכות מיט אַ באַזוך פון אויסלענדישע געסט, פאַרביטן אין אַ געוויסער מאָס אַ האַלקין־אָוונט.

ווי באַקאַנט, איז מיט עטלעכע חדשים פריער איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד אַ גרויסע צענטראַלע פייערונג לכבוד שמואל האַלקין, מיטן אָנטייל פון אַ ריי וואַגיקע און באַרימטע רוסישע שריפטשטעלער. קיין איין יידישער שרייבער האָט אָבער דאָס וואָרט נישט באַקומען.

אויסער אָט־דער צענטראַלער פייערונג, וואָס איז דורכגעפירט גע־

וואָרן אויסשליסלעך אויף רוסיש, איז פאַרן אַנגעזעענסטן סאָוועטיש־יידישן דיכטער, וועמען די סאָוועטישע רעגירונג האָט באַלוינט מיטן אָרדן פון „אַרבעטס־פאָן״, נישט אָרגאַניזירט געוואָרן קיין שום אַנדער אָוונט אויף יידיש.

אויפן צופעליקן צוזאַמענטרעף מיט אויסלענדישע געסט האָבן דערי־בער די מאָסקווער יידישע שרייבער געבראַכט צום אויסדרוק זייער ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר איינעם פון די גרונט־לייגער פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, — דאָס וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט צו טאָן אויף אַ מער צוגעפּאַסטן און פייערלעכן אופן.

מ׳האָט געלייענט וועגן מלחמה, וועגן ליבע, וועגן געטאָ און פּאַר־טיזאַנערטום, וועגן פאַרשיידענע מינים שרעק און וועגן ערגסטן פון אַלע מינים: דער פּחד פאַר אַ גיפטיקן ביס פון אייגענעם ברודער, וועגן חורבן־ווילנע און וועגן אַ חתונה אין ווילנע, וועגן ערשטן שניי און וועגן האַרבסט און רעגנדיקע טעג, וועגן דער ביטערקייט פון ציבעלעס מיט כריין, אַ משל, וואָס ענדיקט זיך אַזוי:

> נאָר אָט־די ביטערקייט, ווען איך וועל נישט פאַרוואָס
> מען האַלט אין איין שפּייען מיר אין פּנים,
> חינטש איך אַלע מיינע שונאים.

מ׳האָט געלייענט וועגן „דריטן גראַמאַטישן מין״, וואָס אַ ליטוואַק קאָן באַין אופן אים נישט תופס זיין, וועגן לעבינעו, וועגן דער שיינקייט פון יידישן אות און דער הייליקייט פון וואָרט, וועגן דעם אַז „אַזוי זיינען מיר״, וועגן דער וואונדערלעכער גרויסקייט פון ש. מיכאָעלסעס טביה־געשטאַלט, וועגן זעקסטן געפיל, וועגן י. דאָברושינס שטעקן, וועגן לעבן, וועגן טויט.

הויך קלינגעוודיקע פערזן האָבן שטאָלץ גערופן:

> און װער קען שענדן אונדזער װאָרט,
> װאָס גייט פון דור צו דור?!

אַ צווייטער דיכטער האָט געוועקט:

> מען דאַרף נאָר, אַז כוח זאָל סטאַיענען
> ביי אונדז, ביי די לעבן־געבליבענע.

און נאָך אַ דיכטער, ווי אַרויסברענגענדיק אַ פאַרהוילטן טאָן, וואָס האָט אומאויפהערלעך געהילכט אין הינטער־גרונט, האָט, נאָך יעדער סטראָפע פון אַ גלענצנדיקער פּאָעמע, געחזרט אין אַ ריטם פון תפילה און געבעט:

> און אַסיען־בלעטער רוישן,
> נאָר זיך ניט אַנטוישן, נאָר זיך ניט אַנטוישן.

4.

די מוראדיקע טראַגעדיע פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, דער מאַרטירער־טויט פון אַזוי פיל יידישע שרייבער און קינסטלער, ווערט

אין סאָוועטנפאַרבאַנד באַטראַכט, פונקט אַזוי דורך ניט־יידן ווי דורך יידן, ווי אַ גרויס אומגליק. אַן אומגליק נישט בלויז פאַר דער יידישער קולטור און פאַר די סאָוועטיש־יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר פאַר דער סאָוועטישער קולטור אין גאַנצן גענומען, פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד בכלל. פיל מאָל האָב איך געהערט רוסישע שרייבער, מלוכה־מענער און פאַרטיי־פירער — ניט־יידן — איבערחזרן די זעלבע פראַזע: „ווען דאָס אומגליק איז געשען". דער באַדויער איז אַן אַלגעמיינער, אַ טיפער און בלי שום ספק אַן אויפריכטיקער.

רוסישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער גיבן אָבער גלייך צו: באַטראַכט נישט דעם אומגליק ווי אַ ספּעציפיש־און אויסשליסלעך־יידישן. שווער געליטן האָבן אויך די קולטורן פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע סאָ־וועטישע פעלקער.

דאָס איז ריכטיק! אין די גרויליקע יאָרן 1948—1953 זיינען אכזריות־דיק אומגעבראַכט געוואָרן נישט בלויז יידישע שרייבער און קינסטלער, נאָר אויך פיל שרייבער און קינסטלער רוסישע, אוקראַאינישע, גרוזינישע, אַרמענישע א. אַנד.

מען וואָלט געקאָנט ענטפערן: וואָס קאָן אונדז שוין, מ'שטיינס געזאָגט, וואַרעמען יענעמס אומגליק און טרייסטן יענעמס אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט? איז אָבער, ערשטנס, דאָך וויכטיק, למען האמת, צו זען זאַכן אין זייער ריכטיקן היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג און צווייטנס, איז דאָך פאָרט גילטיק דער אַלטער יידישער כלל: „צרת רבים חצי נחמה".

אָבער אַפילו אויב מיר וועלן די גרויליקע געשעענישן מיט די יידישע שרייבער באַטראַכטן ווי אַ טייל פון נאָך ברייטערע און במילא נאָך גרויליקערע געשעענישן, וועט פאָרט די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור זיך אויסטיילן מיט איר באַזונדערקייט און אומבאַגרייפלעכער אויסטערלישקייט.

ס'איז אמת, אַז ביי פיל סאָוועטישע פעלקער זיינען אַוועקגעריסן גע־וואָרן שרייבער און קינסטלער, אָפט צווישן די באַדייטנדיקסטע. אָבער ווי גרויס די אַבידה זאָל נישט האָבן געווען, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן בלויז יחידים. די נאַציאָנאַלע קולטור, ווי אַ גאַנצע, די שפּראַך, די ליי־טעראַטור, די קונסט, די וויסנשאַפט — איז געבליבן אומבאַרירט.

די אַנדערשקייט פון דער יידישער טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס נישט נאָר זיינען אומגעבראַכט געוואָרן שרייבער און קינסטלער, נאָר וואָס די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַ קולטור אַלס קולטור, אויף אַ שפּראַך אַלס שפּראַך, אויף אותיות, אויף אַן אַלף־בית. ווען אַפּלייקענען אָט־די אַנדערשקייט, פאַרשטעלן זיך די אויגן אויף דער מאָנסטרואָזיטעט ממש פון אַזאַ מין אויסטערלישקייט, דווקא אין די באַ־דינגונגען פון אַ סאָציאַליסטישער מלוכה — הייסט אומדרייען זיך מיטן רוקן צום עלעמענטאַרסטן אמת.

וואָלט געווען מער ווי לאָגיש, ווען די אַלע וואָס באַדויערן די פאַר־

גאַנגענע גרוילטאַטן, די אַלע וואָס זאָגן „ווען דאָס אומגליק איז געשען", ס'וואָלט געווען לאַגיש, ווען זיי באַמיען זיך איצט, ווען די צייטן פון גרויל זיינען פאַרביי, צו פאַרריכטן ווי אַמשנעלסטן דאָס געשעענע ביז, אין דער קליינער, אומבאַדייטנדיקער מאָס כאָטש, וואָס דאָס ביז איז פאַרריכטבאַר.

אַוודאי — צו אונדזער גרויסן ווײ — וועט מען שוין די טויטע נישט לעבעדיק מאַכן. געוויס וועלן די נישט־פאַרעפנטלעכטע ווערק פון די קדושים, די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פאַרפאַסער, קיינמאָל שוין נישט דערזען די ליכטיקע שיין, און ווער ווייסט, וויפל מייסטערווערק עס זיינען אַזוי אַרום זינלאָז פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, ווי אויך פאַר דער וועלט־ליטעראַטור.

אָבער, צום גליק, האָבן איבערגעלעבט די גרויליקע צייט פיל שרייבער און קינסטלער. זיי זיינען רעהאַביליטירט געוואָרן. זיי האָבן צוריקגעפונען, צוזאַמען מיט דער פרייהייט, זייערע היימען, זייערע וואוינונגען. דאָס איז גוט, אָבער נאָך נישט אַלץ. ס'קומט זיי נאָך עפּעס, וואָס איז געהאַט ביי זיי צוגערויבט געוואָרן, דער עיקר אפשר — זייער באַרוף, זייער תיקון, דער אייגנטלעכער זין פון זייער לעבן. ס'קומט זיי דאָס יידיש בוך, דאָס יידיש טעאַטער, די צייטונג, די שול, דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, קאַטעדרעס. עס קומט די יידישע פאָלקסמאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — די יידישע קולטור, אין אַלע פאַרשיידענע געביטן אירע, אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם, אַ סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט, אַן ענלעכע ווי עס פאַרמאָגן אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער.

גלייך נאָכן 20סטן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט די פראַגע וועגן צוריקאויפשטעלן די יידישע קולטור אויסגעזען אין פּרינציפּ ווי אַ געלייזטע. לויטן אויפטראָג פון פאַרשיידענע אָפיציעלע אינסטאַנצן, זיינען דורך יידישע שרייבער און טוער אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ריי דעטאַליזירטע פּלענער פאַר די געביטן פון בוך, טעאַטער, צייטונג א. אַנד. מ'האָט שוין אַפילו אָנגעצייכנט דאַטעס — פאַרן דערשיינען פון ערשטן יידישן בוך, פון ערשטן ליטעראַרישן זשורנאַל, פאַר דער ערשטער טעאַטער־פּרעמיערע. די שטימונג, ביי יידישע שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן אָט־אָט זיך געהאַט צוריקגעקערט אין זייערע היימען, איז געווען אַ הייטערע, אַ מונטערע.

און מיטאַמאָל האָט די הייטערקייט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, אַלע פּראָיעקטן זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן, דער גאַנצער ענין איז, צום באַדויערן, אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל, פון וואַנען ער איז נאָך ביז היינט נישט אַרויס.

5.

מיט וואָס ווערט אָפיציעל דערקלערט אָט־די לאַגע? מיט וואָס ווערט דערקלערט, וואָס אויפן אָרט פון דער אַמאָל בליענדיקער סאָוועטיש־

יידישער קולטור איז היינט פאַראַן בלויז מדבר, און דאָס איינציקע בוך, וואָס איז דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד מיט יידישע אותיות, איז — אַ סידור? אויף אַלע פראַגן קומט איינע און די זעלבע אָפיציעלע תשובה: די סאָוועטיש־יידישע באַפעלקערונג נויטיקט זיך נישט מער אין יידישער קולטור. די יידישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געשטאָרבן מיט איר נאַטירלעכן טויט, זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה און איז פאַקטיש שוין געווען אַ בר־מינן נאָך איידער ס'זיינען אומגעבראַכט געוואָרן די יידישע שרייבער און קינסטלער.

איך וויל פעסטשטעלן, למען האמת, אַז די דאָזיקע תשובה האָב איך געהערט נישט בלויז פון ניט־יידן, נאָר אויך פון יידן, אין פאַרשיידענע קרייזן.

אויף וואָס אָבער איז זיך סומך אָט־די תשובה? אויף וואָס פאַר אַ הנחות, טעאָרעטישע און פּאַקטישע, שטיצט זי זיך?

ניט וועלנדיק איבערטרעטן די ראַמען פון איצטיקן אַרטיקל, וועל איך זיך באַגרענעצן צום אייגנטלעכן קולטור־אַספּעקט פון פּראָבלעם, אָבער נישט פאַרגעסנדיק בעת־מעשה, אַז דאָס איז בלויז איין אַספּעקט זיינער, און אַז דער ענין יידישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז נישט בלויז אַ קולטור־ענין, נאָר אויך אַן ענין אַ פּאָליטישער.

וועלכע־זשע זיינען די אָפיציעלע הנחות פון דער אָפיציעלער לייזונג — ס'הייסט, פון דער פּאַקטישער נישט־לייזונג — פון דער פראַגע פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור?

איך וועל זיך באַמיען זיי צו רעזומירן אַזוי גאַנץ און אָביעקטיוו ווי נאָר מעגלעך.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָגן די אָפיציעלע קרייזן, לאָזט זיך פעסט־שטעלן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג פון פעלקער־מישונג, וואָס נעמט אַן אַלץ מער גיגאַנטישע פאַרמען און וואָס איז חל וויט נישט בלויז אויף יידן. אַ סך אַנדערע פעלקער און פעלקערשאַפטן ווייזן אַלץ מער און מער אַרויס אַ טענדענץ צונויפצוגיסן זיך מיט די אַרומיקע נאַציעס. ס'איז אַן אָנהייב פון אויספאָרמירונג פון איין און איינציקער סאָוועטישער נאַציע, פון אַן איינהייטלעכער, האָמאָגענער נאַציע פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטן־רעפּובליקן.

דער אינטעגראַציע־פּראָצעס קומט פאָר מיט אַ באַזונדערס ראַשיקן — מיט אַ ברוויזנדיקן ממש — טעמפּאָ ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס איז בלי ספק אַ געזונטער פּראָצעס, אַ נאַטירלעכער און פּראָגרעסיווער. אַן ענלעכע דערשיינונג לאָזט זיך, אַגב, מערקן אין אַלע יידישע ישובים פון דער וועלט און ספּעציעל אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אָבער אין דער צייט, ווען די אַסימילאַציע פון די יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער עפּנט פּאַקטיש נישט אויף פאַר זיי קיין פּערספּעקטיוו פון אמתן איינגלידערן זיך אין די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, מחמת אָט די פעלקער גופא זיינען צעטיילט אויף קלאַסן

און שיכטן, גיט דער אינטעגראַציע־פראָצעס פון די סאָוועטישע יידן זיי די ברייטסטע מעגלעכקייט פולשטענדיק און אויף אַלע געביטן אויסצולעבן זיך ווי גלייכע צווישן גלייכע מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע בירגער. ס׳וואָלט געווען פאַלש און זינלאָז צו וועלן קינסטלעך פאַרהאַלטן, אָדער האַמעווען דעם נאַטירלעכן און געזונטן אינטעגראַציע־פראָצעס. אַדרבא, ער פאַרדינט צו ווערן אונטערשטיצט, מחמת ער באַטייט פאָרשריט, פראָגרעס. אַוודאי דאַרף מען אים נישט אונטעריאָגן מיט אַדמיניסטראַטיווע מיטלען און פאַרלויפן דעם וועג פון פאָראויס, אָבער נישט ווייניקער פאַלש וואָלט געווען נאָכצושלעפן זיך נאָך אים פון הינטן...

אָט־דער נאַטירלעכער היסטאָרישער פראָצעס, זאָגט מען, געפינט זיך איצט אין אַזאַ ווייט־גייענדיקער סטאַדיע, אַז ס׳איז מער נישט פאַראַן, היינט צו טאָג, אין סאָוועטנפאַרבאַנד קיין באַזע, קיין באַדערפעניש פאַר קולטור אויף יידיש.

שוין פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע קולטור געהאַלטן אין צאַנקען. די יידישע שרייבער און די יידישע פרעסע האָבן כסדר פאַרלוירן לייענער, די באַזוכערשאַפט אין די יידישע טעאַטערס איז געפאַלן, יידישע עלטערן האָבן אויפגעהערט צו שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן, און די דאָזיקע שולן האָבן זיך סוף כל סוף געמוזט שליסן (אַגב, אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע שול־נעצן ווערן כסדר איינגעשרומפן). יידיש האָט אַלץ מער אויפגעהערט צו זיין די אומגאַנג־שפּראַך און ספּעציעל די לעבעדיקע קולטור־שפּראַך פון דער סאָוועטיש־יידישער באַפעלקערונג.

די באַרג־אַראָפּ־טענדענץ האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט בעת און נאָך דער מלחמה, אין רעזולטאַט הן פון אומקום פון פיל קאָמפּאַקטע סאָוועטיש־יידישע מאַסן־ישובים, הן פון דער נייער טעריטאָריעלער פאַרטיילונג פון די לעבן־געבליבענע סאָוועטישע יידן. פאַקטיש זיינען די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס נאָך דער מלחמה — פאַרלאַגן, טעאַטערס, צייטונג, ביבליאָטעקן א. אַז. וו. — געווען שוין נישט מער ווי קינסטלעכע, פאַרוויאַנעטע פלאַנצן, אָן קיין שום וואָרצלען, זייער לעבנס־חיות איז אויסגעגאַנגען פון זיך אַליין, איידער נאָך ס׳איז אָנגעקומען די כוואַליע פון רעפּרעסיעס...

און ווייטער זאָגט מען:

אין דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט איז ניט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר וואָרט־אָדער שפּראַך־פעטישיזם. אויב עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר אַ ריי סאָוועטישע פעלקערשאַפטן נאַציאָנאַלע קולטורן כמעט פון בראשית און ס׳איז אָפט אויסגעקומען צוזאַמענשטעלן אַפילו אַן אַלף־בית פאַר זיי, איז עס געווען דערפאַר, ווייל בלויז אויף אַזאַ אופן האָבן די געגעבענע פעלקערשאַפטן געקאָנט אַנטוויקלען זייערע שאַפערישע כוחות, אויסלעבן זיך גייסטיק און דערגרייכן צו די העכסטע שטאַפלען פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור. די סאָוועטישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט — און זיי זיינען איינע פון די אַממערסטן קולטורעלע פעלקער פון סאָוועטנ־

פאַרבאַנד — נויטיקן זיך מער נישט אין יידיש כדי צו געבן אַ תיקון זייערע שאַפערישע פּאָטענצן אויף אַלע געביטן פון קולטור, ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט. זיי באַנוצן זיך, אויף אַ נאַטירלעכן און געזונטן אופן, דירעקט מיט דער לאַנד־שפּראַך.

אַוודאי איז אַט־די לאַגע אַ פּיינלעכע פאַר די יידישע קולטור־שאַפער, וואָס זיינען געוווינט טעטיק אויף יידיש. מען קאָן אָבער נישט און מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז, אין דעם הינזיכט, אַוועק אַ סך ווייטער ווי די יידישע שרייבער.

וואָס קאָן געטאָן ווערן פאַר די דאָזיקע שרייבער? מען דאַרף איבער־זעצן און אַרויסגעבן זייערע ווערק אויף רוסיש. בלויז אַזוי אַרום וועלן זיי באַקומען זייער אמתן תיקון אַלס שרייבער, מיט לייענער נישט קיין הייפל, נאָר מיט מיליאָנען לייענער פון אַלע סאָוועטישע פעלקער.

6.

דאָס זיינען, אין קורצן, די אַרגומענטן, וואָס איך האָב געהערט אין די העכסטע סאָוועטישע מלוכהשע און פּאַרטייאישע אינסטאַנצן.

ריין־אַבסטראַקט גענומען, זיינען זיי נישט אָן אַ געוויסער אינערלעכער לאָגיק.

באמת, אויב עס איז מעגלעך, אַז אינעם גרעסטן יידישן צענטער פון דער וועלט, אין דעם דריי מיליאָניקן יידישן ניו־יאָרק, זאָל פון צען יידישע טעאַטערס ניט בלייבן קיין איינער, טאָ פאַרוואָס זאָל נישט מעגלעך זיין, עס זאָל אונטערגיין, צוליב די זעלבע טעמים, דער איינציקער יידישער טעאַטער אין מאָסקווע, אַ שטאָט, וואָס ציילט בלויז עטלעכע הונדערט טויזנט יידן?

אויב עס איז מעגלעך, אַז אַ פופצנדיקער יידישער דיכטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל רופן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער צו צע־ברעכן זייער פעדער און מאַכן אַ לוויה נאָך זייער אייגן ליד, מחמת אין דעם פינף־מיליאָניקן אַמעריקאַנער יידישן ישוב ליגן זייערע ביכער אין די קעלערן, טאָ פאַרוואָס זאָל נישט מעגלעך זיין, אַז די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, ביי אַ פיל קלענערן יידישן ישוב, זאָלן אויך האָבן, און ווידער צוליב די זעלבע טעמים, אינגאַנצן פאַרלוירן זייערע לייענער?

און פאַרוואָס זאָל עס זיין נאַטירלעך, ווען אין לאָנדאָן, מיט אירע הונדערטער טויזנטער יידן, זאָל האָבן, שוין מיט יאָרן צוריק, זיך פאַר־מאַכט די לעצטע יידישע צייטונג און אומנאַטירלעך, ווען די לעצטע יידישע צייטונג פאַרמאַכט זיך, צוליב די זעלבע טעמים, אין מאָסקווע?

אַזעלכע און אַנדערע באַווייזן באַקרעפטיקן די לאָגיק פון דער אינ־טעגראַציע־טעאָריע. די מעשה איז אָבער, וואָס די ריכטיקייט פון אַ טעאָריע ווערט געמאָסטן נישט לויט איר אינערלעכער לאָגיק, נאָר לויט דער מאָס, אויף וויפל זי אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט. די לאָגישסטע און האַרמאָ־

נישטע טעאָרעטישע קאָנסטרוקציע ווערט אויסגעפּרוווט בלויז און איינ־ציק — דורך די פֿאַקטן.

דער חסרון פֿון דער אָפֿיציעלער סאָוועטישער איינגלידערונג־טעאָריע איז, וואָס זי שטימט ניט, אָבער לחלוטין ניט, מיט די פֿאַקטן, און דאָס — הן וואָס שייך דער פֿאַרגאַנגענהייט, הן וואָס שייך דער קעגנוואַרט.

קודם די פֿאַרגאַנגענהייט. ס׳וואָלט געווען אַן אומזין צו פֿאַרמאַכן די אויגן אויפֿן ברייטן און טיפֿן אַסימילאַציע־שטראָם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די סאָוועטיש־יידישע געזעלשאַפֿט אין די צוואַנציקער און באַזונדערס די דרייסיקער יאָרן, ביז ערב דער מלחמה. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויפֿגעריסן די געטאָ־ווענט פֿון תחום־המושב און געעפֿנט פֿאַר דער יידי־שער באַפֿעלקערונג אַלע טירן פֿון אומענדלעכן רוסלאַנד, וואָס איז, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, געוואָרן פֿאַר די רוסישע יידן אַן אמת היימלאַנד, אַ באַליבט פֿאָטערלאַנד. די היסטאָרישע טענדענץ פֿון די יידישע ישובים אַריינצוגלידערן זיך אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פֿון וואוין־לאַנד — אַ טענדענץ, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי די געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק אַלס וועלט־פֿאָלק — האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן פֿאַרשטאַרקט אין באַדינגונגען פֿון סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וואו אַלע קינסטלעכע מחיצות צווישן פֿעלקער, ראַסן און רעליגיעס זיינען אָפּגעשאַפֿט. די דאָזיקע טענדענץ איז ביי אַ באַדייטנדיקער צאָל סאָוועטישע יידן באַגלייט געווען דורך אַן אָפּפֿרעמדונג צו דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

גלייכצייטיק אָבער, אין פּאַראַלעל צו אָט דעם אינטעגראַציע־פּראָצעס, איז אויפֿגעקומען און האָט זיך אַנטוויקלט אַ צווייטער פּראָצעס — אויך נישט קיין געשיכטלעך־נייער, אָבער געבויט אויף נייע יסודות — אַ פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידירונג.

אין קעגנזאַץ צו דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און צו די בורזשואַזע רעוואָלוציעס פֿון 19טן י״ה, וואָס האָבן געעפֿנט פֿאַר די יידן פֿון מערב־און־צענטראַל־אייראָפּע די תקופה פֿון בירגערלעכער עמאַנציפּאַ־ציע, האָט די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע געבראַכט פֿאַר די יידישע מאַסן באַפֿרייאונג נישט בלויז בירגערלעך־יחידישע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע. אין דער ברידערלעכער פֿעלקער־משפּחה, וואָס האָט פֿאַרגע־שטעלט מיט זיך די ניי־געבוירענע סאָוועטן־רעפּובליק, האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן באַקומען, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער, אַ נאַציאָנאַלן סטאַטוס פֿון יידישער נאַציאָנאַליטעט און במילא אַלע נאַציאָ־נאַלע רעכט, אויף אַלע געביטן פֿון פּריוואַטן און עפֿנטלעכן לעבן — שפּראַך, קולטור און בילדונג, געריכטס־וועזן, מלוכהשע אַדמיניסטראַציע א. אַז. וו.

דער וואונדערלעכער ממש פּאַנאַדערבלי פֿון סאָוועטיש־יידישן געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן און פֿון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור — אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פֿאָרם, אַ סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט — זעט אונדז אויס היינט, אין אָנבליק פֿון טראַגישן חורבן, שיער נישט ווי אַ מעשהלע פֿון

טויזנט־און־איין־נאַכט. אָבער דאָס זיינען פאַקטן, וואָס טאָרן ניט אין קיין פאַל פאַרגעסן ווערן.

סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאַרמאָגט די גרעסטע אין דער וועלט יידישע שול־נעץ, די גרעסטע צאָל יידישע לערער־סעמינאַרן, פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, די איינציקע אין דער וועלט יידישע הויך־שולן (אויף יידיש), וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, אוניווערסיטעט־קאַטעדרעס און יידישע אָפּטיילונגען ביי אַלגעמיינע אוניווערסיטעטן.

בלויז אין דער סאָוועטישער אוקראַינישער רעפּובליק האָט, אין 1932, די נעץ פון יידישע שולן און קולטור־אינסטיטוציעס באַטראָפן: 765 שולן (יידיש אַלס למוד־שפּראַך) מיט העכער ניינציק טויזנט שילער, דריי לערער־סעמינאַרן, 16 טעכניקומס, 5 לאַנד־ווירטשאַפט־שולן, 50 דאָרפישע קולטור־צענטערן, 116 ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן, 47 לייען־קלובן, 3 מלוכה־טעאַטערס, 1 קינדער־טעאַטער, 10 צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבן און לסוף אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. צו דעם דאַרף נאָך צוגערעכנט ווערן אַ גרויסע צאָל דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן, אָרקעסטערס, מוזייען, א. אז. וו. אין זעלבן יאָר זיינען טעטיק געווען, אין גאַנץ סאָוועטנפאַרבאַנד, פיר יידישע מלוכה־פאַרלאַגן, פערצן מלוכה־טעאַטערן, ס'זיינען דערשינען 35 צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבן (פיר טעגלעכע), עס האָבן פונקציאָנירט יידישע געריכטן און אַ מלוכה־אַדמיניסטראַציע אויף יידיש אין געוויסע ראַיאָנען פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. די צאָל סטודענטן פון יידישע פּעדאַגאָגישע טעכניקומס און די יידישע סעקציעס ביי פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן איז געווען 3,360.

אין די יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן און קולטור־אינסטיטוציעס זיינען אַזוי אַרום דערצויגן געוואָרן הונדערטער און הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער, וואָס זיינען היינט אַלט פון דרייסיק ביז פערציק יאָר. אין די יידישע הויכשולן האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט געציילט צענדליקער טויזנטער אינטעלעקטועלע, וויסנשאַפטלער, לערער, שריפטשטעלער, קינסטלער, פאַרשטייער פון פרייע פּראָפעסיעס און זייער דורכשניטלעכער עלטער דאַרף היינט זיין אַרום פופציק יאָר.

די קרוינונג פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג האָט געדאַרפט זיין די שאַפונג פון אַ יידישער מלוכה־שאַפט. דעם 7טן מאַי, 1934, איז ביראָבידזשאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס יידישע אויטאָנאָמע געגנט, מיט דער פּערספּעקטיוו צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָוועטיש־יידישער רעפּובליק.

ווי אַזוי האָבן די צווײ גלייכצייטיק־ווירקנדיקע קעגנזעצלעכע היסטאָרישע פּראָצעסן — אַסימילאַציע פון איין זייט און פאַרטיפונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון דער יידישער קולטור, פון דער צווייטער זייט — געדאַרפט אויספורעמען און געשטאַלטיקן דאָס פּנים פון סאָוועטישן יידנטום? האָט אומבאַדינגט געמוזט באַזיגן די אינטעגראַציע־טענדענץ, וואָס עס מיינט דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַלע ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע פאָרמען פון שפּראַך

און קולטור, אַזוי ווי דאָס איז געווען בעת דער בירגערלעכער יידישער עמאַנציפּאַציע אין מערב־און צענטראַל־איראָפּע? איז, קאַפּויער, מעגלעך געווען פאָראויסצוזען אַ נייעם, אָריגינעלן גלייכגעוויכט, אַ העכערע, סאָ־ציאַליסטישע פאָרם פון נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך און במילא דאָס איינהייטן פון עיקרדיקן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער?

7.

אויף די דאָזיקע פראַגן קאָנען געגעבן ווערן בלויז תשובות־השערות, אָבער היסטאָריש גענומען וועלן זיי אויף אייביק שוין בלייבן אומפאַר־ענטפערט. זיי וועלן בלייבן אומפאַרענטפערט צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס די אַנטוויקלונג און אויסווירקונג פון גרונטיקע היסטאָרישע פּראָצעסן איז געפעלשט געוואָרן דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער.

ס׳איז היינט שוין באַוואוסט, אַז נאָך אַ צייט פאַר דער מלחמה און ספּעציעל זינט די בלוטיקע יעזשאָוו־יאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַדמיניס־טראַטיווער דרוק, וואָס האָט זיך אַלץ ווייטער פאַרשטאַרקט, קעגן דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַ ריי ערשטראַנגיקע יידישע שריפט־שטעלער און וויסנשאַפטלער, צווישן זיי משה קולבאַק, איזי כאַריק, מאַקס עריק א. אַנד., זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די תפיסות, וואו זיי זיינען שפּעטער אומגעקומען. די יידישע אָפּטיילונגען ביי די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן. וואָס נאָך ערגסטער, אין 1938 זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע יידישע שולן און אַלע אַנדערע בילדונג־אַנשטאַלטן, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, אָפט כלומרשט לויטן פאַרלאַנג און איינשטימיקן באַשלוס פון די יידישע עלטערן, אָבער פאַקטיש לויט דער פאַראָרדענונג פון דער אַדמיניסטראַ־טיווער מאַכט. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־שווערער קלאַפּ פאַר דער יידישער קולטור, אַ פּרואוו אונטערצושניידן אירע וואָרצלען און זי פאַרמשפּטן צו בלייבן אָן המשך.

עס שטימט דעריבער נישט מיט דער היסטאָרישערווירקלעכקייט, ווען מען זאָגט, אַז די יידישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך געפונען אין אַ פּעריאָד פון נאַטירלעכן צאַנקען שוין ערב דער מלחמה.

ריכטיקער וואָלט געווען צו אָנערקענען, אַז אין די יאָרן 1936־1938 איז פאָרגעקומען קעגן איר, צום ערשטן מאָל, אַ פאַרשווערונג, וואָס האָט איר געבראַכט אַן אומגעהויערן און אפשר אומפאַרריכטבאַרן שאָדן.

פּונקט אַזוי שטימט נישט מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, ווען מען פּרואווט באַהויפּטן, אַז די סאָוועטיש־יידישע קולטור איז שוין פאַקטיש געהאַט אויסגעגאַנגען נאָך פאַר 1948, דאָס הייסט, נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן פון די שרייבער.

ווי אַ באַשיינפּערלעכער באַווייז פון אָט דעם נאַטירלעכן טויט איז

מיר פיל מאָל אָנגעדײַזן געוואָרן אויפֿן גורל הן פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, הן פֿון דער צײַטונג „איינקייט״.

דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע („גאָסעט״) האָט, ווײַזט אויס, איבערגעלעבט די לעצטע יאָרן פֿון זײַן עקסיסטענץ אַ קריזיס.

קודם, אַ פֿינאַנציעלן קריזיס. אַלע מאָסקווער טעאַטערס האָבן זייערע ביודזשעטן אויסגעהאַלטן זיך אויס, בדרך כלל, פֿון אייגענע הכנסות. די אײַנקופֿטן פֿון „גאָסעט״ זײַנען אָבער געפֿאַלן. מ׳האָט געמוזט אָנקומען צו סובסידיעס, נישט בלויז מלוכהשע, נאָר אויך געזעלשאַפֿטלעכע און, ווי מען זאָגט, אַפֿילו אינדיווידועלע. (אַזעלכע מינים „געלט־אַקציעס״, וואָס זײַנען אַ געוויינלעכע דערשײַנונג אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון מערבֿ־אייראָפּע און אַמעריקע, זײַנען אומבאַקאַנט אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד; ביז הײַנט־צו־טאָג זעט דאָרט אויס אומפֿאַרשטענדלעך דער פֿאַקט, וואָס מיכאָעלס איז אַרומגעגאַנגען „אײַנמאָנען אַ טעאַטער־שטײַער״ פֿאַרן „גאָ־סעט״).

דער פֿינאַנציעלער קריזיס איז אָבער אַליין געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַ קריזיס פֿון באַזוכערשאַפֿט. די פֿאָרשטעלונגען פֿון טעאַטער זײַנען לעצטנס ווייניקער באַזוכט געוואָרן. די דירעקציע האָט געפּרוּווט צוריק געווינען דעם פּובליקום דורך אינדיווידועלער פּראָפּאַגאַנדע, דורך אָרגאַניזירטן פֿאַר־פֿאַרקויף פֿון בילעטן און אויך דורך אַבאָנענטן־סיסטעם. ווידער אַמאָל, זײַנען עס מעטאָדן אומפֿאַרשטענדלעכע פֿאַר דער סאָוועטישער טעאַטער־וועלט, ספּעציעל אין מאָסקווע, וואו די מערהייט טעאַטערס שפּילן אָן אויפֿהער ביי אויספֿאַרקויפֿטע זאַלן.

נישט קיין סובסידיעס, נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע האָבן אָבער ניט גע־האָלפֿן. די פֿרעקווענץ איז געפֿאַלן, ספּעציעל נאָכן אומקום פֿון מיכאָעלסן.

איז עס נישט דער בעסטער, דער אומאָפּפֿרעגבאַרסטער סימן — מאַכן געוויסע אַן אויספֿיר — אַז דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער האָט פֿאַר־לוירן יעטוועדע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, איז געוואָרן אַבסאָלוט אומנוציק און האָט פּאַקטיש אויסגעהויכט זײַן נשמה?

ענטפֿערן אָבער מאָסקווער ייִדישע טעאַטער־טוער און שרײַבער: ניין, דער סימן איז כלל קיין סימן ניט. די הויפּט־סיבה פֿון קריטישן מצב פֿון „גאָסעט״ איז געווען נישט קיין קריזיס פֿון צושויער, נאָר אַ טיפֿער קינסטלערישער און רעפּערטואַר־קריזיס.

די העראָאישע תקופֿה פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, אַז די וואָס האָט אָנגעצייכנט זײַן וועג און באַשטימט זײַן פּלאַץ אין דער גע־שיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער, איז די תקופֿה פֿון קינסטלערישער סטיליזאַציע. די דאָזיקע שיטה, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט די נעמען פֿון א. גראַנאָווסקי און ש. מיכאָעלס, האָט באַשאַפֿן אַ באַשטימטן טעאַטער־נוסח פֿון זשעסט און קלאַנג, פֿון שוישפּיל און סצענישער קאָנצעפּציע. דער נוסח האָט באַוויזן וואונדער אין דער סצענישער געשטאַלטיקונג פֿון ייִדישן עבֿר. די שלום־עליכם אויפֿפֿירונגען פֿון „גאָסעט״, די מענדעלע־פּרץ און גאָלד־

פאַדן־אויפפירונגען זיינען געווען אומפאַרגלייכלעכע שעדעווערן, אָבער דער „גאָסעט"־נוסח, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ זעלטענער שלמות אין דער קלאַסיק, איז דורך דער קלאַסיק געפּאַנגען געוואָרן און איז שוין ביי איר געבליבן געפאַנגען. ער האָט נישט געפונען קיין סטיל פאַר דער היינט־ציַיטיקייט און קיין וועג צו דער סאָוועטיש־יידישער ווירקלעכקייט. אין דער גרויסער יוירונג פון טעאַטראַלער שאַפערישקייט איז ער געבליבן פאַרשטיינערט, ווי אַ מאָנומענט פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה. נישט זייענדיק ביכולת צו באַהערשן דעם מאָדערנעם סאָוועטיש־יידישן רעפּערטואַר, האָט ער זיך געוואָרפן, פון דער יידישער קלאַסיק, צו דער אַלוועלטלעכער קלאַסיק. דאָ האָט ער, צום לעצטן מאָל, אויפגעלויכטן, ווידער אומפאַרגלייכלעך, אין שעקספּירס „קעניג ליר". אָבער אויך דאָס איז נישט געווען מסוגל צו באַהעפטן אים אָרגאַניש מיטן יידישן צושויער.

פונדעסטוועגן, ווי טיף עס זאָל נישט האָבן געווען דער קינסטלערישער ווידעראַנאַנד צווישן טעאַטער און באַזוכער, איז דער „גאָסעט" געווען און געבליבן אויסערגעוויינלעך באַליבט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. און אויב די לעצטע פאַרשטעלונגען פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער זיינען פאַרגעקומען פאַר אַ קלענערער צאָל צושויער, איז עס געווען נישט דערפאַר, ווייל דאָס פּובליקום האָט זיך פון אים אָפּגעקערט, נאָר צוליב סיבות וואָס שטעקן אויסשליסלעך אין די באַדינגונגען פון די פינצטערע בעריאַ־יאָרן.

8.

וואָס פאַר אַ מסקנות קאָן מען אַרויסציען פון אָט־די צוויי קעגנזעצלעכע ווערסיעס?

געוויס איז שווער פעסטצושטעלן איצט, אין וואָס פאַר אַ מאָס דער אינערלעכער קריזיס פון „גאָסעט" האָט מיטגעהאָלפן צו דער ליקווידאַציע פון טעאַטער. פולשטענדיק זיכער איז אָבער עפּעס אַנדערש: אין דער זעלבער מער־וויניקער צייט, ווי דער מאָסקווער יידישער טעאַטער, זיינען געשלאָסן געוואָרן אַ ריי אַנדערע יידישע מלוכה־טעאַטערס אין פאַרשיידענע סאָוועטישע רעפּובליקן. אָט־די דאָזיקע טעאַטערס האָבן נישט געליטן פון קיין שום קריזיסן, זייערע זאַלן זיינען געווען איבערפולטע און זייערע ביור־דזשעטן געדעקטע. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז זיי זאָלן, פּונקט ווי דער מאָסקווער יידישער טעאַטער, אָפּגעווישט ווערן מיט איין פעדער־שטריך.

אַן ענלעכע קעגנזעצלעכקייט פון אינפאָרמאַציעס וואָס שייך דער צייטונג „אייניקייט". אָפיציעלע ווערסיע: „אייניקייט" האָט פאַרלוירן אירע לייענער פון טאָג צו טאָג; דער ווייט־גרעסטער טייל עקזעמפּליאַרן איז אַוועק אויף מאַקולאַטור. ווערסיע פון די יידישע שרייבער: דער נאָכפרעג אויף „אייניקייט" איז כסדר געוואָקסן; קורץ איידער די צייטונג איז ליק־ווידירט געוואָרן, האָט די רעדאַקציע געמאַכט אַן אָפיציעלע ווענדונג וועגן אַ באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג פון טיראַזש.

ביידע באַוויזן, סיי וועגן מאָסקווער יידישן טעאַטער, סיי וועגן דער „איינזיקייט", זיינען אַזוי־אַרום קיין באַווייזן נישט. עס קאָנען זיכער זיין באַרעכטיקטע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן וועגן אינערלעכן מצב, וועגן פאַרנעם און אויסווירקונג־קרייז פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, אָבער זיכער איז, אַז אַט די קולטור איז, אין 1948, אומבאַדינגט געווען אַ לעבעדיקער, שאַפערישער און ווירקנדיקער יש.

עס שטימט דעריבער ווידעראַמאָל ניט מיט דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט, ווען מען זאָגט, אַז די טראַר־כוואַליע פון 1948 האָט אומגעבראַכט בלויז יידישע שרייבער און נישט די יידישע קולטור, וועלכע איז שוין במילא געווען טויט. ריכטיקער וואָלט געווען צו אָנערקענען, אַז די בלוטיקע בעריאַ־יאָרן האָבן געבראַכט אַ ווייטערדיקע פאַרשווערונג קעגן דער יידישער קולטור אַלס גאַנצע, מיט אירע שרייבער און קינסטלער, מיט אירע טעאַטערס, פאַרלאַגן, צייטונג, מיט די זאַצן יידישע אותיות, וואָס זיינען צעבראָכן און צעשאָטן געוואָרן.

וואָלט עס אָבער געגאַנגען בלויז אין אַ וויכוח וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אין אַ מיינונג־פאַרשיידנקייט צי אַזאַ אָדער אַנדער אָפּשאַצונג איז היסטאָריש ריכטיק, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָן אָן ערך ערנסטער איז, וואָס די אָפיציעלע איינגלידערונג־טעאָריע שטימט אויך נישט — און לחלוטין נישט — מיט דער היינט־צייטיקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

אויף וועמען אייגנטלעך און אויף וואָס — אויסער אויף לאָגישע סברות — שטיצט זיך אַט די טעאָריע?

בעת מיין באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין אויף צוויי צוזאַמענטרעפן מיט יידישע אַרבעטער און איזשעניערן פון גיגאַנטישע מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען אין מאָסקווע און לענינגראַד. און אָט זיינען זייערע אַרויסזאָגונגען — אַזוי ווי איך האָב באַוויזן אויף שנעל זיי צו פאַרצייכענען — וועגן ענין יידישע קולטור און סאָוועטנפאַרבאַנד: —

— יידיש איז אַ שפּראַך אָן אָפּגעשטאַרבענע, אָדער וואָס שטאַרבט אָפּ. קיינמאָל וואָלט איך מיינע קינדער ניט געלערנט קיין יידיש!

— די יידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז צעזייט איבערן גאַנצן לאַנד און אַסימילירט. פאַרהאַלטן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס וואָלט געווען רעאַקציאָנער!

— די וואָס ווילן אויפלעבן דעם יידישן טעאַטער, זיינען פּשוטע קליינבירגער, זיי קלאַמערן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט!

— איך אינטערעסיר זיך מיט שלום־עליכמען נישט מער ווי מיט מאַרק טווענען אָדער מיט פויכטוואַנגערן!

— אין אַ יידישער צייטונג, צי אַפילו אין אַ יידיש טעאַטער נויטיקן זיך בלויז די, וואָס האָבן נאַציאָנאַליסטישע און ציוניסטישע אָנשויאונגען.

— מיר זיינען יידן און שטאָלצירן מיט אַלע גרויסע יידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך באַרימט געמאַכט אין דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט.

— מיכאָעלס האָט זיך געפירט לויט אַן ענג־נאַציאָנאַליסטישער ליניע; ער האָט ניט אויסגענוצט זיין גרויסן טאַלאַנט פאַר ברייטערע מעגלעכקייטן, ווי ער וואָלט עס געקאָנט טאָן אין רוסיש.

— אין פאַל פון אַ רעפערענדום, וואָלטן קוים צען פראָצענט יידן גע־שטימט פאַר אַ יידישער צייטונג.

— דער אמתער סאָוועטישער מענטש גייט מיט מיט זיין צייט, כסדר פאָראויס. אויב עס זיינען ערגעץ־וואו פאַראַן אין לאַנד אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, וואָס ווילן אַ יידיש בוך, וואָלט מען געדאַרפט זיי צופרידנ־שטעלן. אָבער איך גלויב קוים, אַז אַזעלכע זאָלן זיך נאָך ביי אונדז גע־פינען.

צווישן די יידישע אַרבעטער פון דער מאָסקווער פאַבריק איז געווען אַ יונגער אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער מעטאַל־טאָקער, וואָס איז גלייכצייר־טיק אַ סטודענט פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט. דאָס אויסטערלישע פאַר מיר אין דעם בחור איז געווען נישט בלויז דאָס צונויפּפאָרן מעטאַלורגיע מיט פילאָזאָפיע, נאָר אויך דאָס, וואָס ער האָט גערעדט אַ קערנדיקן יידיש. אויפן אָפיציעלן צוזאַמענטרעף איז ער נישט גע־ווען און זיין מיינונג וועגן יידישער קולטור איז מיר נישט באַקאַנט. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַז אַפילו ער, דער יידיש־ריידנדיקער, וואָלט געווען פון דער זעלבער מיינונג, ווי די אָנטיילנעמער פון צונויפטרעף. ס׳איז, אַגב, אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען אָט־די אָנטיילנעמער גופא וואָלטן זיך באַגנוגנט בלויז מיט אינפאָרמירן און נישט געוואָלט דוקא איבערצייגן, וואָלטן זייערע אַרויסזאָגונגען געווען ווייניקער שאַרף און קאַטעגאָריש און אפשר מער ניואַנסירט. אָבער דער חילוק וואָלט וואַרשיינלעך געווען בלויז אין ניואַנסן. וואָס שייך דעם תוך, איז זייער שטעלונג אַ קלאָרע און אויס־געשפּראָכענע: דאָס זיינען הייסע און איבערצייגטע אָנהענגער פון ווייט־גייענדיקסטער אינטעגראַציע.

איז אָט די שטעלונג אַ פאַראיינצלטע, אַ צופעליקע אָן אויסנאַמוויזיג? ניין, זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַדייטנדיקע שיכטן פון דער סאָוועטיש־יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז נאַטירלעך אוממעגלעך פעסטצושטעלן די פּראָצענטועלע גרויס פון די דאָזיקע שיכטן, אָבער זיכער איז, אַז דער „אינטעגראַציאָניזם" איז איינער פון די גרונט־אַספּעקטן פון דער סאָוועטיש־יידישערווירקלעכקייט. אויף דעם דאָזיקן רעאַלן גרונט־אַספּעקט שטיצט זיך טאַקע די איינגלידערונג־טעאָריע.

9.

טאָ פאַרוואָס־זשע איז פאָרט מעגלעך צו באַהויפּטן, אַז אָט די טעאָריע שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט? זי שטימט ניט און לחלוטין ניט — מיט איר, ווייל זי שטיצט זיך בלויז אויף איין אַספּעקט אירן, איגנאָרירנדיק עקשנותדיק אַלע אַנדערע אַספּעקטן, פונקט אַזעלכע גרונטיקע און עיקרדיקע. איינזייטיקע הנחות האָבן געשאַפן אַ קרום־שפּיגלדיקן אָפּבילד, וואָס שטייט

אין אַבסאָלוטער סתירה צו דער קאָנקרעטער, לעבעדיקער און במילא קאָנטראַסטפולער רעאַליטעט.

קיינער אין סאָוועטנפאַרבאַנד נויטיקט זיך נישט מער אין יידיש טעאַטער? נו, און די דריי מיליאָן באַזוכער — בלויז אין 1957 — פון די העכער דריי טויזנט יידישע קליינקונסט־אָוונטן — וואָס באַטייטן זיי?

כ׳בין זיך מודה, איך בין נשתומם געוואָרן דערהערנדיק דעם ציפער. ווען ער וואָלט נישט אָנגעגעבן געוואָרן דורכן וויצע־מיניסטער פאַר קולטור־ענינים פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָלט איך געווען זיכער, אַז דאָס איז אָדער אַ טעות, אָדער אַ גוזמא. מיט דריי מיליאָן יערלעכע באַזוכער פון יידישע קונסט־אונטערנעמונגען קאָן, דאַכט זיך, נישט באַרימען זיך קיין שום אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. און קיין טעות איז דאָ אויך נישט געמאַכט געוואָרן. די צאָלן שטאַמען פון די טעגלעכע קאַסע־באַריכטן פון פאַרקויפטע בילעטן.

אויף איינעם פון די יידישע קליינקונסט־אָוונטן בין איך געווען אין מאָסקווע. דער ספּעקטאַקל האָט געהייסן „לאַכן איז געזונט", מיטן אונטערקעפּל „עסטראַדיש־טעאַטראַליזירטע פאָרשטעלונג". דער זאַל איז געווען איבערפולט, הגם די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען אין מאָסקווע שוין באַלד אַ חודש. ס׳האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן די אָנוועזנהייט פון זייער אַ גרויסער צאָל יוגנט, אַ זאַך, צו וועלכער מיר זיינען ניט געוואוינט נישט אין מערב־איראָפּע, נישט אין אַמעריקע. ס׳זיינען אויך געווען אַ סך מיליטער־לייט, אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגען.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון דריי שוישפּילער און אַ פּיאַניסטין. די פּראָגראַם — לידלעך, מאָנאָלאָגן, סקעטשן, טענץ — איז, פון אָנהייב ביזן סוף געווען צוגעשניטן פאַרן „סטאַר", אַ דערפאַרענע און טאַלענטירטע שוישפּילערין, אָבער פונעם זשאַנער לייכטן יידישן טעאַטער, און וועלכע קאָן גלענצנדיק די מלאכה פון „נעמען" אַן עולם.

מען דאַרף אָבער פעסטשטעלן, אַז דעם עולם איז בכלל נישט געווען שווער צו „נעמען". זייער, זייער לאַנג שוין האָב איך נישט געהאַט געזען אַזאַ לייכטן, גיריקן און דאַנקבאַרן פּובליקום. די בערך טויזנט צושויער, יונג און אַלט, וואָס האָבן, פאַר דער פאָרשטעלונג און בעתן אַנטראַקט, גערעדט כמעט אַלע צווישן זיך רוסיש, זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און האָבן ממש געשלונגען יעדעס יידיש וואָרט, וואָס איז געקומען פון דער בינע. זיי האָבן רעאַגירט אויף יעדן וואונק, אויף יעדן קנייטש, אויפן מינדעסטן אָנדייט. אַ הילכיקער געלעכטער האָט אָנגעהאַלטן פון אָנהייב ביזן סוף. מען האָט נישט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן, אַפילו נומערן ניט זייער געשמאַקפולע, מ׳האָט געקאָנט אָנטאָפּן מיט דער האַנט דעם נחת־רוח, די משונהדיקע הנאה, וואָס טויזנט מאָסקוועער יידן, אינעם לפי־ערכדיקן עלטער פון זעכצן ביז זעכציק יאָר, האָבן געשעפּט פון דער יידישער קליינקונסט־פאָרשטעלונג „לאַכן איז געזונט".

מיט דעם זעלבן דערפאָלג, דערציילט מען, גייען דורך אַלע אַנדערע יידישע קליינקונסט־אָוונטן (קאָנצערטן, ווי זיי הייסן) סיי אין מאָסקווע, סיי

אין גאַנץ סאָוועטנפאַרבאַנד. דער חילוק איז נאָר, וואָס בעת אין די גרויסע צענטערן ווערן די פּראָגראַמען געהאַלטן אויף אַ מער־ווייניק אָנשטענדיקן ניווא — וואָס עס שליסט וויט נישט אויס קיין ביליקייט און געשמאַק־לאָזיקייט — טראָגט מען ס׳רוב אונטער אין די וויטע פּראָווינץ־שטעט אומגעצוימטן שונד, מיט „טענצע און געזענגע" פון אַלטע, לאַנג־פאַרגעסענע אָפּערעטן. און דאָס, אינעם לאַנד, וואו ס׳איז נאָך אַזוי פריש אין זכרון די פּרעכטיקע טראַדיציע פון סאָוועטיש־יידישן טעאַטער, וועמענס קינסט־לערישער ניווא איז אָפט געהאַט אָנגעגעבן געוואָרן אַלס ביישפּיל פאַרן גאַנצן סאָוועטישן טעאַטער.

דריי מיליאָן באַזוכער אויף אָוונטן פון יידישן ליד, פון יידישן וואָרט, פון יידישן שוישפּיל! פאַקטן, — האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען לענין — זיינען גרויסע עקשנים. און די דריי מיליאָן זיינען אַ פאַקט, אַן אָפיציעלער, אומאָפּפרעגבאַרער און עקשנותדיקער פאַקט, וואָס קיין שום טעאָרעטישע חקירה וועט נישט באַווייזן אים אָפּצואווישן.

מ׳האָט זיך געדונגען: נישט אַלע צושויער זיינען יידן — דאָס איז מעגלעך; אַ טייל צושויער, הגם יידן, זיינען געקומען סתם פון נייגעַיר וועגן — דאָס איז אויך מעגלעך; אַנדערע צושויער, יידן, זיינען געקומען עטלעכע מאָל — דאָס איז וואַרשיינלעך! אָבער אַפילו אויב מען וועט פון די דריי מיליאָן אַראָפּנעמען אַ האַלבן מיליאָן, צי אַ גאַנצן מיליאָן, צי אַפילו נאָך מערער, וועלן נאָך אַלץ בלייבן הונדערטער און הונדערטער טויזנטער — און אפשר מיליאָנען — סאָוועטישע בירגער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער צוגעבונדנקייט צו דער יידישער שפּראַך און צו די יידישע טעאַטער־טראַדיציעס. זיי האָבן בפירוש געשטימט, קלאָר און דייטלעך, מיט זייערע בילעטן ביים קאַסע־פענצטערל, פאַר דער נויטווענדיקייט צוריק אויפצולעבן דאָס יידיש טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד.

נו, און דאָס יידישע בוך? אויף קיין ציפערן איז דאָ, נאַטירלעך, נישט מעגלעך אָנצואווייזן, דאַרפן באַווייזן געזוכט ווערן אויף אַן אַנדער אופן.

אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק, וואָס באַדינט, אויסער פינף־זעקס טויזנט לייענער טעגלעך, אויך אַלע ביבליאָטעקן פון לאַנד, האָט מען אינפאָרמירט, אַז אַהין קומען אָן כסדר נאָכפראַגן אויף יידישע ביכער פון צענדליקער און צענדליקער שטעט פון גאַנץ סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס הייסט, אַז אין צענדליקער און צענדליקער סאָ־וועטישע שטעט וואוינען יידן, וואָס נישט בלויז וואָלטן זיי גערן געלייענט אַ יידיש בוך, ווען אַזאַ בוך פאַלט זיי אַריין אין האַנט, נאָר וואָס גיבן זיך די מי אויסצושרייבן דאָס בוך, דורך זייער לאָקאַלער ביבליאָטעק, אַזש פון מאָסקווע.

איינער פון די פאָרוואורפן, וואָס ווערן געמאַכט דעם געוועזענעם יידישן פאַרלאַגס־וועזן איז, אַז דאָס יידיש בוך איז געבליבן ליגן אויף די פּאָליצעס. איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז יידישע אַרבעטער פון אַ ריי ווייס־רוסישע און אוקראַינישע שטעט האָבן זיך פרייוויליק און פייערלעך מתחייב

געווען אויסצוקויפן און פאַרשפּרייטן די גאַנצע אויפלאַגע פון יידישע ביכער, אויב אַזעלכע וועלן דערשיינען.

די סאָוועטיש־יידישע שרייבער דערקלערן קאַטעגאָריש, אַז היינט־צו־טאָג קאָן אַ יידיש בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיך פאַרשפּרייטן אָן שוועריקייטן אין אַ טיראַזש, וואָס וועט זיכער נישט זיין קלענער פונעם טיראַזש פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַליטעטן־ליטעראַטור (נישט אַריינגערעכנט, נאַטירלעך, די רוסישע ליטעראַטור).

איך אַליין האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, דורך שמועסן מיט פיל מאָסקווער יידן, אַז דער אינטערעס צום יידישן בוך איז אַ גרויסער, אַ סך אַ גרעסערער, זאָגט מען, ווי פאַר די מוראַדיקע געשעענישן פון 1948. בלי ספק וועט דאָס יידיש בוך, אויב עס וועט דערזען די ליכטיקע שיין, האָבן, פאַר די לעצטע צען יאָר, געוואונען אַ באַדייטנדיקע צאָל לייענער.

.10

די אַלק־וואָקסנדיקע נאָכפראַגע אויף יידישער ליטעראַטור פּרוּווט מען לייזן דורכן אַרויסגעבן דאָס יידישע בוך — אויף רוסיש. איז דאָס אָבער אַ לייזונג פון דעם מין, וואָס לייזט אין תוך גאָרנישט.

ס׳וואָלט געווען אָן אומזין צו אונטערשאַצן דעם באַדייט פון דער גרויסער איבערזעצונג־אַרבעט פון יידיש, וואָס ווערט לעצטנס דורכגעפירט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. יעדער, וואָס קאָן דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטור היינט־צו־טאָג, ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ שאַרפקייט עס שטייט פאַר איר די פראַגע פון איבערזעצונגען. יעדער, וואָס איז באַקענט מיט דער יידישער שרייבער־וועלט, ווייסט אויך, מיט וויפל שוועריקייטן, יסורים און בזיונות די דאָזיקע פראַגע איז פאַרבונדן, און ווי אָפט עס קומט אויס, אין אַמעריקע און מערב־אייראָפּע, ערשטראַנגיקע יידישע שרייבער זיך נאָכצויאָגן, אין אַ דריקנדיקן שפלות־קאָמפּלעקס און אָפט אָן אַ רעזולטאַט, נאָך צענטראַנגיקע איבערזעצער.

די דאָזיקע שאַרפע און ווייטאָקדיקע פראַגע איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד געלייזט אינגאַנצן צופרידנשטעלנדיק. אויפן צונויפטרעף, וואָס די פאַרוואַלטונג פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט צווישן אַ ריי אָנגעזעענע רוסישע שריפטשטעלער און די יידישע געסט פון פּאַריז, האָט דער באַקאַנטער סאָוועטישער דיכטער קירסאַנאָוו (אַגב, פון יידישער אָפּשטאַמונג!) דערקלערט: „יעדער פון אונדז, רוסישע שרייבער, האַלט פאַר זיין ברידערלעכן חוב איבערצוזעצן אויף רוסיש אַ שרייבער פון אַן אַנדערן סאָוועטישן פאָלק. מיר זיינען אַזוי דערצויגן, אינעם גייסט פון צווישן־פעלקערלעכער קעגנזייטיקער הילף. צווישן דער גרויסער, פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער שרייבער־משפחה, הערשן באמת ברידערלעכע באַציאונגען. די בעסטע רוסישע דיכטער און פּראָזאַאיקער האָבן איבערזעצט די ווערק פון די יידישע שרייבער".

דאָס דאַרף מען אָנערקענען — און מיט לויב! ס׳איז זיכער פון

גרויס ווichtיקייט, נישט בלויז פאַר יעדן שרייבער באַזונדער, נאָר אויך

עס שטיצט זיך די גאַנצע אינטעגראַציע־טעאָריע און אָן וועלכן זי פאַלט זיך פאַנאַנדער.

דער ווייט־גרעסטער טייל פון די אפילו, וואָס אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון אַ יידישן טעאַטער און אַ יידישן בוך, זאָגן זיך אָרויס קאַטעגאָריש קעגן אַ יידישער צייטונג.

צוליב וואָס אַ באַזונדערע יידישע צייטונג? — פרעגן זיי. וואָס פאַר אַ אייגנאַרטיקייט איז זי דען באַרופן אויסצודריקן? ס'איז נישט פאַראַן אין סאָוועטנפאַרבאַנד קיין שום יידישע ספּעציפיק, ס'איז נישטאָ דער מינדסטער חילוק צווישן ייד און ניט־ייד. זייער אינטערעס־קרייז איז גענוי איינער און דער זעלבער. יידישער פאָלקלאָר, דאָס יאָ; יידישע טעאַטער־טראַדיציע, עווענטועל יידישע קינסטלערישע ליטעראַטור, דאָס איז נאָך פאַרשטענדלעך; ס'האַנדלט זיך פאַקטיש וועגן רעשטן פון עבר. אָבער וואו איז די באַזונדערע יידישע קעגנוואָרט?

אַ צייטונג קאָן נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי דער אויסדרוק פון אַ לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכקייט. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אָבער נישט פאַראַן — און קאָן נישט זיין — קיין יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, קיין באַזונדער יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן. אַ ריין־יידישע אָרגאַניזאַציע איז ממש אומדענקבאַר. דער איינציקער יידישער אייגנאַרט, וואָס עקזיסטירט און איז אָנערקענט דורך דער סאָוועטן־מאַכט, דאָס איז — די סינאַגאָגע. נויטיקט זי זיך דען אין אַ צייטונג? אַ יידישע צייטונג וואָלט פשוט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, זי וואָלט געווען לחלוטין אומניצלעך. מער נאָך, זי וואָלט בפירוש געבראַכט שאָדן צוליב די פאַלשע אויסטייטשונגען, וואָס זי וואָלט אַרויסגערופן.

ווידעראַמאָל, די דאָזיקע שטעלונג איז ווייט נישט קיין אומלאָגישע. אויב די איינגלידערונג־טעאָריע באַטייט דאָס פאַרשווינדן פון יעדער ספּעציפיש־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט — און זי באַטייט עס אומבאַדינגט — אויב דאָס איינציקע אָרט פון יידישן אייגנאַרט געפינט זיך אין דער סינאַגאָגע, דאַן איז באמת אַ יידישע צייטונג אומנויטיק. העכסטנס וואָלט געקאָנט דערשיינען אַ סינאַגאָגע־ביולעטין.

.11

דעם איינציקן ריין־פאָרמעלן פאָרוואורף, וואָס אַט די שטעלונג פאַרדינט, איז דאָס, וואָס זי פאַרזעט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ספּעציעל אין די ראַנד־געביטן, צוגעקומענע נאָך דער מלחמה, לעבן ביז היינט־צו־טאָג צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידן — זאָל זיין פון עלטערן דור — וועלכע קענען נישט קיין רוסיש און אויך נישט קיין שום אַנדער פרעמדע שפּראַך. פאַר די דאָזיקע סאָוועטישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט איז אַ יידישע צייטונג דער איינציקער וועג — נישט צו יידישער ספּעציפיק, נאָר דווקא צום אַלגעמיין־סאָוועטישן געזעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן.

ס'גייט אָבער נישט וועגן פאָרוואורפן בלויז פאָרמעלע, ווייל אויך אין

דעם פאַל, ווי אין דער פראַגע פון טעאַטער און בוך, האָט די סאָוועטיש־יידישע ווירקלעכקייט גופא אָפּגעלייקנט אָט־די שטעלונג אין איר גאַנצן תוך און עיקר.

אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק, אין דער אָפּטיילונג פון פּעריאָדישע אויסגאַבן, געפינט מען, צוגלייך מיטן „ביראָבידזשאַנער שטערן", עטלעכע יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד (די פּאַריזער „נייע פּרעסע", די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט", די תל־אביבער „פריי־ישראל"). ליגט די קאָלעקציע „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַ שפּאָגל־נייע, ווי פון דער גאָדל אַרויס, בעת די אויסלענדישע יידישע צייטונגען זיינען אַזוי פאַרלייענט, אַזוי אויסגעריבן, פונעם דורכגיין דורך פיל גיריקע הענט, אַז זיי ווערן ממש אומלייענבאַר.

מען זאָגט מיר, אַז אויף אָט־די צייטונגען דאַרף מען זיך פאַרשרייבן מיט וואָכן פריער, מען מוז שטיין אין דער ריי כדי זיי צו באַקומען.

איך פרעג ביי אַ לייענער, שוין נישט קיין יונגנמאַן, וואָס זיצט איבער־געבויגן איבער אַ „נייע פּרעסע" ווי איבער אַ גמרא, צי ער לייענט אויך דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן". ענטפערט דער ייד, אַז ניין, ער לייענט נישט אָט־די צייטונג און באַגנוגנט זיך אָבער ניט סתם מיט דער תשובה, נאָר וויל מיר אויפקלערן, פאַרוואָס ער לייענט זי נישט. ער פירט מיך צו צו דער קאָלעקציע, נעמט אַ נומער, צעעפנט אים ברייט און הייבט אָן מיט מיר איינטענהן, אויף יידיש פאַרשטענדלעך און דווקא אופן קול, פאַרגעסנדיק בעת מעשה, אַז אין זאַל זיצן נאָך אַ הונדערט לייענער. ס׳גערויערט נישט לאַנג און אַרום אונדז ווערט אַ גאַנצער יידישער געזעמל.

„זעט, — זאָגט דער ייד און טייטלט מיטן פינגער אויף דער ערשטער זייט „ביראָבידזשאַנער שטערן", — אָט דעם אַרטיקל האָב איך געלייענט, שוין מיט אַ וואָך צוריק, אין דער „פּראַוודאַ", ווידער אָטאָ דעם אַרטיקל — און דער פינגער טייטלט אויף דער צווייטער זייט — האָב איך געלייענט אין דער „איזוועסטיאַ" מיט אַ צען טעג צוריק. דאָס איבעריקע, זעט אַליין, אַלץ אַרטיקע נייס. וואָס קאָן עס מיך אינטערעסירן? און דאַרף דאָס דען זיין דער אינהאַלט פון אַ יידישער צייטונג?!"

די יידן פון דעם געזעמל שטימען צו, יעדער וואַרפט אַריין אַ וואָרט. מען דערציילט, אַז די אויסלענדישע יידישע צייטונגען, וואָס זיינען אַ געוויסע צייט אָנגעקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד דירעקט צו אַבאָנענטן, פלעגן גיין פון הויז צו הויז און געלייענט ווערן דורך פיל טויזנטער משפחות. ס׳ווערט אַ גאַנצע דיסקוסיע, אַלץ געמיטלעך, יידישלעך און כסדר אויפן קול, ביז עס דערנענטערט זיך אַ ביבליאָטעקערין און בעט מיט אַ תחנונימדיקן קול, מען זאָל ריידן שטילער.

אין דער פּעריאָדיקאַ־אָפּטיילונג פון דער לענין־ביבליאָטעק האָב איך זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר מיר געווען אַן אומגעהויער־רע איבערראַשונג און גלייכצייטיק אַ דערשיטערנדיקע ממש איבערלעבונג. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער ביבליאָטעק קומען לייענען יידישע צייט־

טונגען נישט בלויז מענטשן עלטערע, אָדער מיטליאָריקע, נאָר אויך יוגנטלעכע און דווקא אַ סך יוגנטלעכע. אויף מיין אַ ביסל שטויגענדיקער פראַגע, צי די דאָזיקע מאָסקווער יוגנטלעכע יידישע לייענער קענען יידיש, איז געקומען פאָלגנדיקע תשובה: „אַנדערע קענען און די וואָס קענען נישט, קומען אויף די צייטונגען זיך לערנען".

אין אָט־דער קורצער פראַזע שפּיגלט זיך אָפּ, ווי די זון אין אַ טראָפּן רעגן, די גאַנצע אויסטערלישקייט, די גאַנצע טראַגישקייט פון דער לאַגע. אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ סינאַגאָגע מיט אַ ישיבה, סינאַגאָגעס זיינען דאָ אויך אין פיל אַנדערע סאָוועטישע שטעט, אָבער אין גאַנץ סאָוועטנ־פאַרבאַנד (אויסער ביראָבידזשאַן אפשר, דאָס ווייס איך ניט) — וואו ס'זיינען מיט קאַרגע צוואַנציק יאָר צוריק טעטיק געווען טויזנטער יידישע לערן־אַנשטאַלטן פון אַלע מינים — איז נישט פאַראַן היינט קיין איין שול, קיין איין אָוונט־קורס, קיין איין קלוב אָדער אַנדער אינסטיטוציע, וואו ס'זאָל מעגלעך זיין, פאַר די וואָס ווילן עס, צו לערנען יידיש. און דווקא שטעלט זיך אַרויס, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן עס און דווקא זיינען עס יוגנטלעכע, יונגע סאָוועטישע יידן, פאַר וועמען אַ צייטונג מוז פאַרבייטן דאָס שול־בוך און דעם אלף־בית.

אויף קיין שום אַנדער ביישפּיל ווייזט זיך נישט אַרויס אַזוי בולט, אַזוי באַשיינפּערלעך דער דורכפאַל פון דער איינגלידערונג־טעאָריע, ווי אויפן ביישפּיל פון דער יוגנט.

אויפן יידישן קאָנצערט אין מאָסקווע האָט איבערראַשט די גרויסע צאָל יוגנטלעכע, בחורים און מיידלעך. נישט אין פאַריז, נישט אין בריסל צי אַמסטערדאַם, נישט אין לאָנדאָן און אַוודאי נישט אין ניו־יאָרק וואָלט אַזוינס געווען מעגלעך. איך האָב געפּרואווט אָנבינדן אַ שמועס מיט דריי יונגע בחורים, פון אַ יאָר אַכצן־צוואַנציק. איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען גוט יידיש; דער צווייטער, אַז ער פאַרשטייט בלויז די שפּראַך; דער דריטער, אַז ער פאַרשטייט זייער ווייניק, כמעט ווי גאָרנישט. „טאָ פאַרוואָס־זשע איז ער געקומען אויף אַ יידישן קאָנצערט?" „מיך אינ־טערעסירט עס זייער!" — האָט ער געענטפערט.

פיל מאָסקווער יידן, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן, האָבן באַשטעטיקט, משפּטנדיק סיי לויט זייערע אייגענע קינדער, סיי לויט די קינדער פון זייערע פריינט און באַקאַנטע, אַז ביי גרויסע טיילן פון דער סאָוועטישער יידישער יוגנט איז, במשך פון די לעצטע יאָרן, פאָרגעקומען אַ טיפע גייסטיקע איבערקערעניש. די זעלבע, ביי וועמען דאָס יידישקייט־געפיל האָט געהאַט אָנגעהויבן צו ווערן כמעט אַטראָפירט, האָבן זיך פּלוצלינג ווי אויפגעכאַפּט, ס'האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט ביי זיי אַן אויסערגעוויינלעכער אינטערעס צו די פאַרשיידנסטע פּראָבלעמען און אַס־פּעקטן פון אַלגעמיין־יידישן לעבן. יידישע יוגנטלעכע אינטערעסירן זיך מיט יידישער געשיכטע, מיט יידישער ליטעראַטור, קונסט א. אַז. וו. אַ נייע וועלט האָט זיך פּלוצלינג פאַר זיי ווי אַנטפּלעקט, אַ וועלט וואָס איז זיי

פריער געוועז לחלוטין אומבאַקאַנט, האָט נישט עקזיסטירט פאַר זיי און וועלכע זיי באַמיען זיך איצט, מיט יוגנטלעכער לײדנשאַפט און ברען, וואָס נעענטער צו דערקענען און אויספאָרשן, כדי זיך מיט איר צו באַהעפטן.

עס ווערט אַזוי אַרום קלאָר, אַז נישט בלויז געפינט זיך די אָפיציעלע אײנגלידערונג־טעאָריע אין קאַטעגאָרישער און אַבסאָלוטער סתירה צו די פאַקטן פון דער סאָוועטיש־ייִדישערווירקלעכקייט, נאָר אויך אַז אַט־די טעאָריע, פונקט ווי די פּאָליטיק, וואָס האָט זיך אויף איר געשטיצט, האָבן דערפירט צו רעזולטאַטן בפירוש דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע ווי די, וואָס זיי זיינען אויסן געווען צו דערגרייכן.

12.

די טראַגעדיע פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט טיף געטראָפן די ייִדישע קולטור־וועלט. די באַציאונג אָבער צו דער טראַגעדיע איז געווען, און איז געבליבן, אַ וועזנטלעך־פאַרשיידענע ביי די צוויי גרויסע סעקטאָרן־אַנטאַגאָניסטן פון ייִדישן קולטור־לעבן — לינקס און רעכטס.

דער אומקום פון די פאָן־טרעגער פון דער סאָוועטיש־ייִדישער דיכטונג און פּראָזע האָט איינגעהילט אין טרויער די ייִדישע ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצע. געוויס איז ערגעץ־וואו געווען פאַרבאַהאַלטענע, און באַלד אפילו אָפענע, שאָדן־פרייד, געוויס האָבן פיל אויגן געטרערט מיט עכטע קראָקאָ־דיל־טרערן, אָבער די אַבידה — פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור — איז געווען צו שרעקלעך, צו קאַטאַסטראָפאַל, כדי וועלכער ניט איז ייִדישער קולטור־שאַפער, וועלכער ניט איז אויפריכטיקער פריינט פון דער ייִדישער קולטור, זאָל קאָנען בלייבן גלייכגילטיק.

דאָס וואָס איז חל אויפן שרייבער און קינסטלער, ווי אויך אויפן פּשוטן און ערלעכן ייִדישן פאָלקס־מענטש, איז אָבער ווייניקער חל אויף דעם, וועלכן מען וואָלט געקאָנט אָנרופן ייִדישער קולטור־פּאָליטיקער און ייִדישער פּאָליטיקער בכלל. דאָ איז דערשיינען מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט דער חילוק צווישן רעכטס און לינקס.

אויף רעכטס איז דער וויטאָק (אויב אַזאַ איז צוערשט געווען) שנעל געלינדערט געוואָרן. ס׳האָט אים, פון טאָג צו טאָג, אַלץ מער פאַרטעמפּט און ווי פאַרשלונגען די שנאה — די אַלטע, ברענענדיקע שנאה צום סאָ־וועטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט באַקומען אַ נייעם, פון הימל־צוגעשיקטן ברען־שטאָף און האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַן אומגעזעענעם, העלישן פייער. באַלד זיינען די קדושים־געשטאַלטן גופא, די נעמען פון די אומגעבראַכטע שריי־בער — וואָס אַ לעבן־לאַנג האָט מען ניט אויפגעהערט זיי צו באַשמוצן — געוואָרן ניט מער ווי פּרעטעקסט, ווי פּאָליטישער מאַנעוור, ווי אַ גיפטיקע פייל, נישט בלויז אין אינערלעך־ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און פּאַרטיי־קאַמף, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער, אַלוועלטלעכער סטראַטעגיע פון קאַלטן קריג.

אויף לינקס, דאַגעגן, איז די אויפטרייסלונג, וואָס איז געקומען פון

דרויסן, באַגליים געוואָרן דורך אַ פילפאַכער טראַגעדיע, אַן אויפגעקומענער אין די טיפסטע טיפעניש פון דער אייגענער נשמה. ס׳האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ אויפן טראַגישן אומקום פון די, וואָס זיינען פאַר יעדן פּראָגרעסיוו־געשטימטן ייד געווען ווי די צירונג, ווי די קרוין פון דער יידישער קולטור. ס׳האָט אויפגעשווידערט דער געדאַנק, אַז אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכן האָט געקאָנט באַגאַנגען ווערן אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם. ס׳האָבן לסוף, נישט געלאָזט רוען די אומשטאַנדן, אין וועלכע דאָס פאַרברעכן איז אויפגעדעקט געוואָרן. זיכער האָט נישט איינער, במשך פון לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, זיך געפּייניקט מיט דער פראַגע, צי, אויב מען וואָלט נישט געווען אַזוי אומזיניק־בלינד פאַרגלויבט און אָפּגעגאַרט, אויב מען וואָלט נישט געהאַט אָפּגעוואָרפן מיט אַזאַ זיכערקייט די ידיעות וועגן אומגליק, בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען געקומען פון צד שכנגד, — צי וואָלט אפשר נישט מעגלעך געווען דאַן אַרויסצורייסן די קדושים פון די הענט פונעם תליון.

דער עיקרדיק־פאַרשיידענער צוגאַנג, פון רעכטס און לינקס, צו דער יידישער קולטור־טראַגעדיע אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געוואָרן אַן אַבסאָלוט קעגנזעצלעכער ביים איצטיקן, צווייטן קאַפּיטל פון דער טראַגעדיע, וואָס דויערט נאָך ביז היינט־צו־טאָג. ס׳וועט ניט זיין קיין גוזמא און געוויס ניט קיין בילבול צו זאָגן, אַז פיל רעאַקציאָנערע יידישע פּאָליטיקער, ניט נאָר וואָס זיי האָבן ניט דעם מינדעסטן עגמת־נפש צוליבן איצטיקן טרויעריקן מצב פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, נאָר אדרבא, זיי זיינען גריילעך צופרידן, וואָס אָט־דער מצב האַלט אַן כסדר. מער נאָך, זיי זיינען בפירוש פאַראינטערעסירט, ער זאָל אַנהאַלטן וואָס לענגער. פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור האָבן זיי במילא קיינמאָל נישט געהאַלטן און שטענדיק זי באַקעמפט. און איצט איז זיי נאָך צוגעשיקט געוואָרן אַן ערשטראַנגיק־געווער, וואָס זיי ווילן באַטירלעך ניט אַרויסלאָזן פון האַנט, אַ געווער וועלכע איז געצילט גלייכצייטיק סיי קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און סיי קעגן דער יידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין גאַר דער וועלט.

דער ענין פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד שטייט אויף אַן אמת, ד. ה. נישט ווי אַ קאַרט אין פּאָליטישן שפּיל, נאָר ווענטלעך און אויפריכטיק, בלויז פאַרן לינקן סעקטאָר פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דערפאַר אָבער שטייט ער פאַרן דאָזיקן סעקטאָר אין דער גאַנצער ברייט און טיף, מיט אַ ממש אומדערטרעגלעכער שאַרפקייט.

דער צוגאַנג איז דאָ אַן אַנדערער צום ערשטן און צום צווייטן קאַפּיטל פון דער טראַגעדיע.

אין ערשטן פאַל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מאָרד, וואָס איז דורך אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אַלס מאָרד, וועגן אַן אומגליק, וואָס רופט אַרויס אַלגעמיינעם באַדויער און ווערט באַטראַכט ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. די שולדיקע זיינען באַשטראָפט, די קרבנות רעהאַביליטירט, דער

נאַטירלעכער גאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט — אַז אַך און ווײ — איז אַזוי־אַרום פּאַרמעל צוריקגעשטעלט.

זיכער קאָן מען פיל אויסזעצן קעגן אופן פון דער רעהאַביליטאַציע. פּאַרוואָס זאָל נישט אַרויס קיין אָפיציעלע, עפנטלעכע דערקלערונג, מיט פּרטים און דאַטעס, וועגן מאַרטירערטום און אומקום פון אַזוי פיל יידישע שרייבער און קינסטלער? פּאַרוואָס זאָל מען ביז היינט ניט וויסן, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען? און פּאַרוואָס זיך באַגנוגענען מיט אַ רע־האַביליטאַציע אָן אומדירעקטע — אַ פּאָר דערמאָנונג־ווערטער אין אַ צייטונג, אַ ביאָגראַפישע נאָטיץ אין אַן ענציקלאָפּעדיע, אַן אויסגאַבע פונעם אומגעקומענעמס ווערק — אַנשטאָט אַזאַ, וואָס זאָל געמאַכט ווערן מיטן פולן מויל?

אַזעלכע און נאָך אַנדערע טענות קאָנען זיין — און מיט רעכט! זיי וועלן אָבער נישט ענדערן דעם כלל, וואָס איז אַלט, ווי די וועלט, אַז יעדעס לאַנד האָט זיך זיינע מנהגים און פירעכצן, וועלכע קאָנען טאָקע געפעלן אָדער נישט געפעלן, אָבער וואָס זיינען אַזעלכע, ווי זיי זיינען. פונקט אַזוי אומדירעקט און האַלב־אָפיציעל, ווי עס זיינען רעהאַביליטירט די יידישע קרבנות, זיינען רעהאַביליטירט געוואָרן טויזנטער אומגעבראַכטע ניט־יידן, שרייבער, געלערנטע, פּאַרטיי־פירער, מלוכה־מענער, מיליטער־לייט, א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אָפּגעזען פון די פאָרמען פון רעהאַביליטאַציע, איז, אין ערשטן פאַל, דער געשעעניש־קרייז שוין אַן אָפּגעשלאָסענער און געהערט צו דער גע־שיכטע. אַלע קאָנפליקטן האָבן זיך אויפגעלייזט אין אַ געשיכטלעכן ווערט־אורטייל, וואָס איז אַן איינשטימיקער, מחמת ער שפיגלט אָפּ מער־וויניקער ריכטיק דעם דאָזיקן טראַגישן צייט־אָפּשניט.

.13

אַנדערש אָבער איז עס אין צווייטן פאַל. די געשעענישן געשטאַלטיקן זיך דאָ אונטער אונדזערע אויגן. די קאָנפליקטן זיינען קעגנוואַרטיקע, אומ־געלייזטע. צווישן דערווירקלעכקייט און דעם שפּיגל־בילד, וואָס ווערט פון איר געגעבן, איז פאַראַן אַ פיינלעכער ווידעראַנאַנד, צו וועלכן מען מוז נעמען שטעלונג, צי מען וויל יאָ אָדער נישט.

מען מוז עס, נישט בלויז דערפאַר, וואָס די סאָוועטיש־יידישע קולטור איז אונדזער קולטור, אַן אייגענע און בלוטיק־נאָענטע, וועלכע איז, במשך פון פערציק יאָר זינט אָקטאָבער, געווען דער וויכטיקסטער מקור פון גייסטיקער שפּייז פאַרן גאַנצן לינקן פליגל פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, מען מוז אויך דערפאַר — און אפשר בעיקר דערפאַר — וואָס די אָפיציעלע טעאָרעטישע הנחות, וועלכע באַגרינדן און באַרעכטיקן דעם היינ־טיקן טרויעריקן מצב פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, שטייען אין אַבסאָלוטער סתירה צו די עיקרים, אויף וועלכע עס האָט זיך תמיד געשטיצט, און שטיצט זיך איצט ווייטער, די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור, די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־באַוועגונג אין גאָר דער וועלט.

דער ענין ייִדישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַזוי־אַרום פאַרן לינקן ייִדישן לאַגער, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן געוועגדט זיין בליק, מיט ליבע און פאַרערונג, צום לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווי אַ פּערמאַנענטער אינערלעכער אויפרייס־שטאָף, וואָס שטעלט אומאויפהער־לעך אין געפאַר אַ לעבעדיקן און געזונטן אָרגאַניזם.

ס'קאָן אין פלוג, זיך אויסדוכטן, אַז אַזאַ באַצייכענונג איז אַ גוזמאַ־דיקע און שטאַמט פון אַ געוויסער דעפאָרמירונג פון דער ווירקלעכקייט, אַ געזעענע דורך אַ צו שטאַרק פילבאַר אויג פון אַ ייִדישן שרייבער און קולטור־טוער. אַזוי איז עס אָבער בשום אופן נישט.

אמת, עס שטייען פאַר דער לינקער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אַ ריי ערשטראַנגיקע, עיקרדיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן מיטן ענין סאָוועטיש־ייִדישע קולטור אַ ווייטע שייכות, אָדער, אויבנאויפיק גענומען, גאָר קיין שייכות נישט. דער קאַמף פאַר די דעמאָקראַטישע פרייהייטן אין יעדן לאַנד באַזונדער — געפירט האַנט ביי האַנט מיט אַלע דעמאָקראַטישע כוחות פון לאַנד, — דער קאַמף פאַר שלום און קעגן יעדער מלחמה־געפאַר, דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר די פולסטע רעכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אַלע לענדער, וואו עס וואוינען ייִדן, דער קאַמף פאַר דער פרידלעכער לייזונג פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס ישׂראל־פּראָגן — דאָס זיינען אַלץ פּראָבלעמען דרינגענדיקע, ברענענדיקע, וואָס פאָדערן אַ באַל־דיקע תשובה, אַ באַלדיקע כוחות־מאָביליזאַציע, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק, צי עס דערשיינט יאָ אָדער נישט אַ ייִדיש בוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד און צי עס שפּילט דאָרט יאָ אָדער נישט אַ ייִדיש טעאַטער. בלי שום ספק, אויפן געביט פון אָט־דער וויכטיקער און דרינגענדיקער פּאָליטישער אַקטיוויטעט לאָזט זיך די מערכה פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור נישט פילן אויף אַ דירעקטן אופן.

איז אָבער די מעשה, וואָס דער לינקער ייִדישער לאַגער האָט קיינ־מאָל נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך, און שטעלט אויך ווייטער נישט פאָר קיין ריין־פּאָליטישע באַוועגונג. ער איז שטענדיק געווען — און איז איצטער אויך — אַ באַוועגונג אַ פּאָליטיש־קולטורעלע, מיט צוויי פּאַלוסן פּאַראַלעלע, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק געשטיצט און דערגענצט: פּאָליטישע אַק־טיוויטעט און קולטור־טעטיקייט. דאָס איז אַ קאָנסעקווענץ פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר ספּעציפישער פּראָבלעמאַטיק, מיט איר כאַראַקטעריסטישן קולטור־קאַמף אין רעזולטאַט פון דער מאָדערניזירונג און פאַרוועלטלעכונג פון ייִדישן לעבן במשך פון לעצטן יאָרהונדערט. און וואָס מער, מחמת דער סאָציאַלער איבערשיכ־טונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מערב־איראָפּע און אַמעריקע, עס איז פאַרשמעלערט געוואָרן די עקאָנאָמישע באַזע פון פּאָליטישער אַק־טיוויטעט, אַלץ־מער זיינען אַרויסגעטראָטן אין פאָדערגרונט, ביים לינקן לאַגער, דווקא די קולטור־טראַדיציעס פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַ־וועגונג.

ס'איז טאַקע אמת, אַז דער, אַזוי צו זאָגן, פּאָליטישער פּאַלוס קאָן זיך באַוועגן פאָראויס, פּונקט ווי ס'וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען, אָבער ס'איז גלייכצייטיק אמת, אַז דער קולטור־פּאַלוס, אַן אינערלעך דערשי־טערטער, ווערט אַלץ מער און מער ווי פּאַראַליזירט און אַט דער לעבנס־געפערלעכער פּראָצעס דראָט זיך אויסצושפּרייטן — און מוז זיך אויס־שפּרייטן — אויפן גאַנצן אָרגאַניזם.

דער אַחריות־געפיל פאַרן גורל פון דער באַוועגונג, פאַר איר גאַנצקייט, איר אידייען־באַזע, איר צוקונפט, אירע אינסטיטוציעס, האָט אין פאַרשיי־דענע ישובים אַרויסגערופן אַ פאַרשיידנאַרטיקע רעאַקציע קעגן דער דראָ־ענדיקער געפאַר.

מען האָט ערטערווייז געפּרואווט באַקעמפן די סכנה דורך — פאַר־לייקענען זי. ס'איז נאַטירלעך אומזיניק צו זוכן אַ רפואה קעגן אַ מכה, וואָס איז גאָר קיין מכה ניט, קעגן אַ קראַנקהייט אַ נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע, וואָס בלויז שונאים האָבן זי אויסגעטראַכט. דער חסרון פון אַט־דער המצאה איז נישט בלויז איר צו־שטאַרקע און נאַאיווע איינגע־גלויבטקייט אין דער ווירקונג פונעם באַרימטן איינרעדונג־מעטאָד פון פּראָפעסאָר קוע (דער קראַנקער דאַרף האַלטן אין איין חזרן: „כ'בין גע־זונט, כ'בין געזונט!"...) פיל ערנסטער איז, וואָס, אומדרייענדיק זיך מיטן רוקן צו דער ווירקלעכקייט און צום פשוטן אמת, מוז מען פאַרטיידיקן — אַפילו אויב מען איז עס נישט אויסן — פּאָזיציעס פאַלשע, שעדלעכע, און אָנשטאָט צו העלפן אויסוואָרצלען דעם שורש פון בייז, פאַרפעסטיקט מען אים גאָר און מען ווערט במילא צו אים אַ שותף.

ווי פיינלעך עס זאָל ניט זיין צו קוקן דער ווירקלעכקייט גלייך אין פּנים אַריין, ווי אומזיכער עס זאָל נישט אויסזען אַזאַ אָדער אַנדער הייל־מיטל, מוז אָבער זיין קלאָר, אַז דאָס ערגסטע, דאָס געפערלעכסטע וואָלט געווען צו פאַרמאַכן די אויגן און בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ס'איז נויטיק אַן אָנשטרענגונג, אַן איבערמענטשלעכע ממש אָנשטרענגונג כדי צו אי־בערוועלטיקן דעם קריזיס, וואָס באַדראָט.

איבערוועלטיקן — ווי אַזוי?

.14

דער קירצסטער און זיכערסטער וועג וואָלט נאַטירלעך געווען צו באַזייטיקן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, די סיבה פונעם שלעכטס און דאָס הייסט — דערשלאָגן זיך צו אַ שנעלער און יושרדיקער לייזונג פונעם פּראָב־לעם פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס טאַקע דאַרף זיין די דרינגנדיקסטע אויפגאַבע, די ערן־אויפגאַבע פון אַלע פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון גאָר דער וועלט, ביי דער ווייט־גייענדיקסטער אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער ניט־יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט פון יעדן לאַנד באַזונדער.

איך שטרייך אונטער: ס'האַנדלט זיך דווקא וועגן דער פּראָגרעסיווער גע־זעלשאַפטלעכקייט. דער יידישער רעאַקציע איז געלונגען אויפצורו־

דערן געוויסע נישט־יידישע קרייזן, באַוואוסטע דורך זייער גיפטיקן אַנטי־סאָוועטיזם, וואָס האָבן פלוצלינג זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער סאָ־וועטיש־יידישער קולטור. דאָס דאָזיקע אָננעמען זיך ווערט אין סאָוועטנפאַר־באַנד באַטראַכט אויסשליסלעך ווי אַ פּאָליטישער מאַנעוור, ווי אַן עפּיזאָד אין דער אַלגעמיינער קאַלטער־קריג־סטראַטעגיע, וואָס איז פון פאַראויס פאַר־משפּט אויף דורכפאַל. בלויז צום וואָרט פון דער פּראָגרעסיווער געזעל־שאַפטלעכקייט פון אויסלאַנד הערט מען זיך אויפמערקזאַם צו.

דער ענין יידישע קולטור דאַרף דעריבער געשטעלט ווערן פאַר די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע אינסטאַנצן — און מען טאָר ניט מיד ווערן אים צו שטעלן — דווקא דורכן פּראָגרעסיוון לאַגער, דורך די פּראָגרעסיווע יידישע און ניט־יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון גאַר דער וועלט.

פון מיין באַזוך אין מאָסקווע האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק — וואָס איז נאַטירלעך ניט מער ווי אַן איינדרוק — אַז דער איצטיקער מצב איז נישט קיין דעפיניטיווער. צו גרויס איז דער ווידעראַנאַנד צווישן טע־אָריע און רעאַליטעט, צווישן געשטעלטע אויפגאַבן און דערגרייכטע רע־זולטאַטן, צווישן אורשפּרינגלעכן באַטייט פון פּראָבלעם און דעם אַל־וועלטלעך־פּאָליטישן אויסקלאַנג, וואָס ער האָט אומגעריכט באַקומען — אַז די קאָמפּעטענטע סאָוועטישע קרייזן זאָלן זיך דערפון נישט אָפּגעבן קיין חשבון.

כ'האָב זיך גלייכצייטיק איבערצייגט, אַז אין די העכסטע געזעלשאַפט־לעכע און מלוכהשע אינסטאַנצן פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז מעגלעך צו דיס־קוטירן — אָפן, אויפריכטיק און אַפילו שאַרף. מיט איין תנאי אָבער: פון ביידע זייטן גרינעם טיש זאָלן זיך געפינען פריינט און נישט קיין שונאים. איך בין זיך מודה: כ'ווייס לחלוטין ניט, צי עס וועט געלינגען און ווען עס וועט געלינגען איבערצייגן די דעצידירנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין דער פאַלשקייט פון זייער שטעלונג צום ענין יידישע קולטור. איינס ווייס איך אָבער אויף זיכער, מיט אַ זיכערקייט אַן אַבסאָלוטער: געלינגען קאָן עס נאָר אַ פריינט, בלויז און איינציק אַ פריינט.

אין די לעצטע יאָרן האָבן פיל יידישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים פאַרעפנטלעכט רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס וועגן טראַגישן מצב פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור. ביי דער געלעגנהייט האָבן פיפיקע פּאָליטיקאַ־נער אויסגעשפּילט זייער שפּיל, די טרויעריקע און געפערלעכע שפּיל פון דער קאַלטער מלחמה. אַ גרויסע היסטאָרישע טראַגעדיע איז אויסגענוצט גע־וואָרן ווי העץ־מאַטעריאַל קעגן לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און קעגן דער אידייע פון סאָציאַליזם. די פּאָליטיקאַנער האָבן פלינק און גע־שיקט געמאַכט זייער „דזשאָב" — אויף דעם זיינען זיי דאָס, וואָס זיי זיינען.

צוגלייך מיט זיי אָבער האָבן אויסגעשריגן זייער ווייטיק צער־און־צאָרן מענטשן אויפריכטיקע און טיף־דערשיטערטע, וואָס האָבן אפשר גאָר־

נישט באַמערקט, אַז דער צומיש פון אַנטי־סאָוועטישן סם האָט זייער גע־שריי געמאַכט סטעריל, פּרוכטלאָז. צי קאָן דען עמעץ, וואָס האָט די מינ־דעסטע אחריות פאַרן גורל פון דער יידישער קולטור און פון יידישן פאָלק, ערנסט טראַכטן, אַז ס'איז מעגלעך היינט, אין דער ספּוטניק־תקופה אַרויפ־צווינגען אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד די מינדעסטע ענדערונג אין זיין פּאָ־ליטיק — דורך זלזולים, דראָאונגען און זידלערייען? ס'איז געווען אַ פעלער, און אַן אומפאַרגעבלעכער פעלער, מצד דעם לינקן יידישן לאַגער אין אַ ריי לענדער, וואָס ער האָט דורך זיין שוויגן — בעת פון רעכטס זיינען אָנגעגאַנגען אומאויפהערלעכע, וויסטע אַטאַקעס — געשאַפן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט דעם פאַלשן און שעדלעכן איינדרוק, אַז די היסטאָריקער פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור זיינען... די רויט־פרעסערישע, פאַרביסן־אַנטי־סאָוועטישע יידישע רעאַקציע און די אַלוועלטלעכע ניט־יידישע רעאַקציע, וועלכע שטייט הינטער איר. וואָס־שנע־לער דער דאָזיקער טעות וועט פאַרריכט ווערן, אַלץ־שנעלער וועט מען קאָנען דערוואַרטן אַ פּאָזיטיווע לייזונג פונעם פּראָבלעם.

וואָלט געווען זיכער, אַז אַזאַ פּאָזיטיווע לייזונג וועט קומען און גאָר שנעל, וואָלט מען אפשר געקאָנט זיך באַגנוגענען מיט אָט־דעם איינציקן הייל־מיטל. מער נאָך, מען וואָלט געקאָנט — און געדאַרפט — אים אָנ־ווענדן אויף אַ דיסקרעטן, שיער־ניט געהיימען אופן. ערשטנס, כדי נישט אַריינצושפּילן אין קאָרט פון שונא, וואָס וואַכט; צווייטנס, כדי אויסצו־מיידן אַ מעדיציִן בפני כל עם ועדה, וואָס אין געוויסע פאַלן, ווי די פּראַקטיק האָט עס באַוויזן, צעטרייסלט זי אַזוי שטאַרק דעם אָרגאַניזם פון חולה, אַז ס'בלייבט שוין באַלד נישט וועמען צו היילן.

איז אָבער — און מען דאַרף עס זאָגן ערלעך — קיין זיכערקייט אין אַ געהעריקער לייזונג פון פּראָבלעם נישט פאַראַן. ס'איז קיינעם ניט גע־געבן געוואָרן קיין קאָנקרעטער צוזאָג, די מינדעסטע הבטחה בנוגע אַ באַשטימטן געביט (אויסער, ערטערווייז, די העפלעכע תשובה: „יאָ, דער ענין פאַרדינט, מען זאָל זיך איבער אים נאָך פאַרטראַכטן", אָדער „מיר וועלן דעם ענין נאָך דורכשטודירן"). און דערווייל זיינען אָפּגעלאָפן אַך ס'לויפן ווייטער חדשים און יאָרן. קאָן אַמאָל, בנוגע דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור־באַוועגונג אין גאָר דער וועלט מקוים ווערן דאָס אַלטע ווערטל: „ביז וואַנען ס'וועט קומען די נחמה, קאָן נאָך אַרויס די נשמה".

צי מען וויל יאָ אָדער נישט, צי עס איז ניחא אָדער נישט, מוז מען דעריבער — און גלייכצייטיק — אָנקומען צו אַ צווייטן הייל־מיטל: נישט זייענדיק זיכער צו קאָנען באַווירקן די אָביעקטיווע סיבה, מוז מען זיך ווערן קעגן דער סוביעקטיווער אויסווירקונג אירער.

ווערן זיך — ווי אַזוי?

דורך פאַרמשפּטן, קאַטעגאָריש און עפנטלעך, נישט בלויז דעם מאָרד פון די יידישע שרייבער און קינסטלער (דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן) נישט בלויז די איצטיקע בלוטלאָזע טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור

אין סאָוועטנפאַרבאַנד (דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן, הגם ווייניקער קאַ־טעגאָריש), נאָר אויך די פאַלשע טעאָרעטישע הנחות, וועלכע דינען אָט־די טראַגעדיע צו באַגרינדן און באַרעכטיקן. דאָס וועט, אַגב, זיין אַ געלעגנהייט פון פרעציזירן די גרונט־עיקרים פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור־באַוועגונג, וואָס זיינען במשך פון די לעצטע יאָרן געוואָרן היפּש פאַרנעפּלט.

ס'איז נישט מעגלעך צו שאַפן און פאַרשפרייטן קולטור שטיצנדיק זיך אויף סתירות, נישט־דערזאָגטקייטן, צוויי־דייטיקייטן אָדער האַלב־אמתן. אַזאַ קולטור וועט נישט זיין קיין עכטע, קיין אמתע, ס'וועט נישט זיין אין איר קיין מזל־ברכה, זי וועט נישט געדייען.

עס קאָן נישט געדייען אַ פּראָגרעסיווע יידישע קולטור, אויב מען דערלאָזט די הנחה, אַז יידישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, אין טאַט און וואָרט און שריפט, איז אַן אבן־נגף, אַ שטערונג אויפן וועג צום סאָציאַליזם און אַז בלויז ווייט־גייענדיקע אינטעגראַציע באַטייט פּראָגרעס.

עס איז נישט מעגלעך, אַז פּראָגרעסיווע יידן זאָלן פירן אויפריכטיק און ערלעך אַ קאַמף פאַרן כבוד און פאַר די רעכט פון דער יידישער קולטור און דער יידישער שפּראַך, אויב מען האַלט, אַז יידיש איז די שפּראַך פון געטאָ, וואָס דאַרף און מוז פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן געטאָ.

עס קאָן נישט עקזיסטירן קיין פּראָגרעסיווע יידישע קולטור, אויב מען דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אָט־די קולטור איז אינגאַנצן געווענדעט צום נעכטן און נישט צום מאָרגן, אַז זי איז אין תוך רעגרעסיוו און נישט פּראָ־גרעסיוו.

עס קאָן נישט אָנהאַלטן קיין פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־באַוועגונג, אויב מען פּראָקלאַמירט נישט דאָס אַבסאָלוטע, דאָס אומאָפּפרעגבאַרע רעכט:

פון יעדן יידישן ישוב — אויף דער יידישער שפּראַך און אויף אַלע מינים קולטור־שאַפונג אין יידיש;

פון יעדן יידישן פאָלקס־מענטש — אויף צו באַהעפטן זיך, לויט זיין איינזען און פאַרלאַנג, מיט די דורותדיקע קולטור־טראַדיציעס פון יידישן פאָלק;

און לסוף, פון יידישן פּראָגרעסיוון לאַגער, אַלס אַזעלכן — נישט בלויז דאָס אַבסאָלוטע רעכט, נאָר אויך די אומבאַדינגטע פליכט — צו טראָגן די אחריות פאַרן המשך פון די דאָזיקע קולטור־טראַדיציעס, פאַר אָט־דער גאָלדענער קייט, וואָס ציט זיך פון די נביאים ביז די גרויסע יידישע וואָרט־מייסטער פון אונדזערע טעג.

.15

די אַלע, ווי אויך פיל אַנדערע, אמתן דאַרפן פּראָקלאַמירט ווערן הויך און עפנטלעך. ס'איז נישט גענוג, ווי ביז איצט, צו דערמאָנען זיי אין ענגע, געשלאָסענע קרייזן, אָדער צו פאַרצייכענען אין דאָקומענטן פון פאַר־טרויליכן כאַראַקטער. מען טאָר זיך מער נישט באַגרענעצן צו יחידי־סגו־לה. יעדער יידישער פאָלקס־מענטש, יעדער פריינט פון דער פּראָגרעסיווער

יידישער קולטור דאַרף זיך דערקענען, דאַרף זיך ווידער־געפינען אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע.

מען מוז אַ סוף מאַכן צום גאַנצן ביז־איצטיקן פּראַקטיציזם, צו אַלע צוועקמעסיקייט־אַרגומענטן, צום וועגן־און־מעסטן די צאָל קולטור־אָפּ־נעמער, צו די כלערליי צוקונפט־פּראָוויסזאָגונגען, ווי אינטערעסאַנט זיי זאָלן נישט זיין. מען מוז זיך צוריקקערן צו די גרונט־פּרינציפּן, קלאָר און אומצווייַדייטיק פאָרמולירטע, פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור־באַ־וועגונג. בלויז אַזוי אַרום וועט מעגלעך זיין צו באַקעמפן דעם יאוש, די אַפּהענטיקייט, די אָפּטויטנדיקע גלייכגילטיקייט, וואָס האָט זיך צו אונדז אַריינגעריסן.

ס׳וואָלט געווען אַ פאַרברעכן זיך צוקוקן פּאַסיוו, ווי עס ווערן אָפּגע־שוואַכט פון טאָג־צו־טאָג און זיינען באַדראָט אין זייער עצם־עקזיסטענץ וויכטיקע יידישע קולטור־פּאָזיציעס, אויפגעבויטע מיט אַזוי פיל מי און פּראָצע, מיט בלוט און שוויס ממש פון יידישן פאָלקס־מענטש. דער ליי־דיקער פּלאַץ וועט מער דורך קיינעם נישט פאַרבויט ווערן. דער רעכטער לאַגער האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, בכלל פאַרלוירן דעם אינטערעס צו יידישער קולטור. דער קולטור־מדבר, וואָס שפּרייט זיך פאַר אונדזערע אויגן, איז אָבער אַ סכנה נישט בלויז פאַר אונדז, פאַר אונדזערע ישובים, נאָר גלייכצייטיק אויך פאַרן סאָוועטיש־יידישן קולטור־לעבן.

מיר שטייען פאַר אַ פאַרכישופטן קרייז: די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אַרויסגערופן אַ טיפן קריזיס אין דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור־באַוועגונג אין גאַר דער וועלט; אָט־דער קריזיס אָבער, וואָס מער ער פאַרטיפט זיך, מאַכט אַלץ טיפער און אויסזיכטלאָזער די סאָוועטיש־יידישע קולטור־טראַגעדיע. ס׳איז בלי שום ספק, אַז וואָס שוואַכער עס קלאַפּט ביי אונדז דער דופק פון יידישן קולטור־לעבן, אַלץ־שטאַרקער ווערן די פּאָזיציעס פון די, וואָס האַלטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז די יידישע קולטור האָט ענדגילטיק שוין אָפּגעלעבט אירע יאָרן, און אַלץ שוואַכער ווערן די אויסזיכטן, אַז זי זאָל ווערן דאָרט צוריק אויפגעלעבט.

דעם דאָזיקן פאַרכישופטן קרייז מוז מען איינברעכן, מען מוז זיך פון אים אַרויסרייסן, דער פאַטאַלער קעגנזייטיקער באַרג־אַראָפּ מוז אָפּגע־שטעלט ווערן. דערצו אָבער איז נויטיק, אַז די לינקע יידישע קולטור־באַוועגונג זאָל אַרויס פון הינערפלעט, זאָל זיך קלאָר מאַכן איר מהות און צוריק באַקומען איר פאַרלוירענע גלייכגעוויכט.

דאָס פּראָקלאַמירן פון גרונט־הנחות, וואָס שטייען, אויפן געגעבענעם געביט, אין אָפּענער סתירה צו דער איצטיקער פּראַקטיק פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד, דראָט ניט אַמאָל דעם לינקן יידישן לאַגער זיך אַראָפּצוקייקלען אויף דער ליניע פון אַנטי־סאָוועטיזם? אַזאַ געפאַר איז נישט פאַראַן.

געוויס וועט די יידישע און ניט־יידישע רעאַקציע פּרוּוון אויסנוצן יעדן שפּאַלט און שפּעלטעלע צווישן די פּראָגרעסיווע כּוחות, כּדי צו שלאָגן דערפון פּאָליטישן קאַפּיטאַל, כּדי אַריינצוברענגען וואָס מער צע־מישונג און צעטומלעניש אין מוח פון יידישן פּאָלקס־מענטש. אָבער דער וויכטיקסטער וואָפן, די וויכטיקסטע דאַמבע קעגן אַלע וויסטע רויט־העצער, קעגן אַלע היסטערישע אַנטי־סאָוועטלער איז — אַ געזונטע פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. אַלץ, וואָס שטאַרקט, וואָס קרעפטיקט די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכקייט, שטאַרקט אויך און קרעפ־טיקט במילא די פריינטשאַפט־געפילן צום לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועמען מיליאָנען יידן פונעם ערד־קיילעך — און נישט געקוקט אויף אַלע טראַגישע געשעענישן פון די לעצטע יאָרן — האָבן צו פאַרדאַנקען זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער, ווי אויך דעם שלום אויף דער וועלט.

***

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט די מאָסקווער יידישע שרייבער איז געווען שוין שפּעטער אָוונט. דאָס פאַרלייענען האָט, צוליב דער צאָל לייענער, אַ היפּש ביסל זיך פאַרצויגן. ס׳זיינען אויך, ווי־ניט־ווי, געווען עטלעכע אָפּיציעלע רעדעס. איז שוין נישט געווען קיין סך צייט אויף שמועסן ביחידות.

צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך געדאַרפט פאַרלאָזן מאָסקווע. דאָס געזעגענען זיך איז דעריבער צוגעגאַנגען בחפזונדיק. איבעריקנס, אַלץ איז שוין געווען געזאָגט און דאָס נישט דערזאָגטע איז געווען קלאָר אויך אָן ווערטער.

אַ פעסטער האַנט־דרוק, אַ הייסער בליק, אויג אין אויג. און מיט נאָענטערע פריינט — אַרומגענומען זיך האַרציק און לאַנג, נישט אָפּצו־רייסן.

זאָל זיין גוט! וועט זיין גוט? ס׳מוז זיין גוט! ס׳קאָן נישט זיין אַנ־דערש!...

אָט די שרייבער, די יידישע שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, די לעבן־געבליבענע נאָכן גרויסן חורבן, פאַרקערפּערן מיט זיך דעם גורל נישט בלויז פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, נאָר פון דער גאַנצער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור אין גאָר דער וועלט.

מיר דאַרפן עס וויסן, מיר דאַרפן עס געדענקען. קיינער פון אונדז טאָר נישט פאַרגעסן, אַז זייער גורל איז אונדזער גורל, דער גורל פון יעדערן פון אונדז — אַלס פּראָגרעסיווער יידישער שרייבער, אַלס פּראָג־רעסיווער יידישער קולטור־טוער, אַלס פּראָגרעסיווער ייד.

זיי טראָגן ווירדיק דעם עול פון יידישער ליטעראַטור, פון יידישער

קולטור, — און מיר דאַרפֿן זיך פֿון זיי לערנען. זיי לאָזן זיך נישט באַוועלטיקן פֿון יאוש, זיי גיבן זיך נישט אונטער דעם ווייטאָק און צער, זיי זיינען אומדערמידלעך אין זייער שאַפֿערישקייט, — און מיר דאַרפֿן זיך פֿון זיי לערנען. זיי געפֿינען אין זיך כוחות, נאָך אַלדעם גרויליקן, וואָס איז געשען, צו זינגען, מיטן דיכטער: „נאָר זיך ניט אַנטוישן, נאָר זיך ניט אַנטוישן!" — און מיר דאַרפֿן זיך פֿון זיי לערנען!

ווייל — און אויך דאָס טאָרן מיר נישט פֿאַרגעסן — אויב ס'איז אמת, אַז אונדזער גורל איז אָפּהענגיק פֿון זייערן, איז אָבער אויך אמת, אַז זייער גורל איז אָפּהענגיק פֿון אונדז. איך ווייס נישט, אויף וויפֿל ער איז עס און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס. אָבער אַפֿילו אויב אונדזער ווילן און אונדזער טאָט זאָל נישט וועגן מער ווי אַ זעמדעלע, קאָן עס זיין אַמאָל אַט דאָס זעמדעלע, וואָס איז מסוגל אַריבערציען די שאָלן פֿון דער וואָג. דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז אַן אחריות, וואָס איז אומגעהויער.

אָט די אחריות דאַרפֿן מיר נעמען אויף זיך באהבה און טראָגן זי ווירדיק און זיין ראוי צו טראָגן, ווייל חשבון וועט פֿאָדערן פֿון אונדז די געשיכטע.

1959

אויסדרוק־צייכנס, פרעג־צייכנס און קלאַמערן
(פינף יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד״)

דעם ליכטיקן אָנדענק פון נחמן מײזיל

מיט פינף יאָר צוריק, אין אויגוסט 1961, איז אין מאָסקווע דער־שינען דער ערשטער נומער פונעם יידישן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, אָרגאַן פון אַלגעמיינעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, אַרויסגעגעבן דורכן אַלפאַרבאַנדישן פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״.

דער זשורנאַל, צוערשט אַ צוויי־חדשימדיקער, האָט שנעל פאַרגרע־סערט די צאָל זייטן זיינע, פון 128 אויף 160, און איז, פון יאַנואַר 1965, געוואָרן אַ חודשלעכער.

אין די פערציק נומערן, דערשינענע במשך פון די פינף יאָר, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַרויסגעבראַכט אַ שלל ליטעראַרישן מאַטעריאַל — פּראָזע, פּאָעזיע, עסייאיסטיק און קריטיק. אַזוי ווי אַלע אַנדערע צענ־טראַלע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרעפנטלעכט אויך „סאָוועטיש היימלאַנד״ גאַנצע ווערק, אַפילו גרויס־פאָרנעמיקע, ווי ראָ־מאַנען, דראַמעס וכדומה. דורך דעם זשורנאַל טאַקע האָבן מיר זיך באַ־קענט מיט עליע שעכטמאַנס „ערב״ און נאָטע לוריעס „הימל און ערד״, וואָס זיינע שפּעטער דערשינען אין בוך־פאָרם.

„סאָוועטיש היימלאַנד״ ווערט רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיע פון עלף שרייבער: ה. אָשעראָוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, א. גאָנטאַר, מ. טייף, נאָ־טע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פריי, י. ראַבין און ד. רובין. הויפּט־רעדאַקטאָר איז דער דיכטער אהרן ווערגעליס.

אין גאָר דער יידישער וועלט, ביי פריינט ווי ביי אומפריינט, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד״ זיך דערוואָרבן גרויס חשיבות און אָנזען. דער זשורנאַל אימפּאָנירט מיט זיין הויכן ניוואָ, מיט זיין ברייטער קולטור, מיט דער ציכטיקייט פון זיין שפּראַך. מיט זיין ערנסטן, פאַרטיפטן צו־גאַנג צו פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ דרוקן זיך, אָן קיין שום אויסנאַם, אַלע יידישע שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון עלטערן און יינגערן דור, ביז די סאַמע יינגסטע. אויפן סמך פון די פינף יאָרגענג פון זשורנאַל איז אַזוי אַרום מעגלעך צו שאַפן זיך אַ געוויסן אַלגעמיינעם איינדרוק, אָפּ־

צוגעבן זיך אַן אַלגעמיינעם חשבון וועגן היינטצייטיקן סאָוועטיש־יידישן ליטעראַרישן שאַפן.

אַזאַ חשבון, געוויס, קאָן זיין בלויז אַ לפי־ערכדיקער. אַ ליטעראַרישער זשורנאַל איז אַוודאי אַ היים פאַרן שרייבער, אָבער אַ היים וואָס ווי ברייטהאַרציק זי זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט זי איר אייגענעם פּנים און איר אייגענעם כאַראַקטער. נישט בלויז אין פּאַריז איז דער נוסח למשל פון „נואוועל רעווי פראַנסעז" הימל־ווייט פונעם נוסח „מערקיר דע פראַנס", שוין נישט רייידנדיק וועגן „נואוועל קריטיק". אויך אין מאָסקווע איז דער נוסח „נאָווי מיר" אַ וועזנטלעך אַנדערער ווי פון „אָקטיאַבר".

„סאָוועטיש היימלאַנד", דער איינציקער דערווייל יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין ראַטנפאַרבאַנד, נעמט אַרונטער אונטער זיינע פליגל אַ ל ע סאָוועטיש־יידישע שרייבער און דאָס איז זיכער צו באַגריסן. אָבער מחמת אָט דער איינציקייט קאָנען אַמאָל בלייבן אויסער די ראַמען פון דער אַלגעמיינער היים גיוואַנסן יחידישע, דווקא עיקרדיקע.

ווי אַ געוויסע דערגענצונג צו די פינף יאָרגענג „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָנען באַטראַכט ווערן די צוויי זאַמלביכער, וואָס זיינען דערשינען אין מאָסקווע: אין 1964, „אַזוי לעבן מיר", דאָקומענטאַלע נאָוועלן, פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן און, אין 1965, „האָריזאָנטן", אַ מין אַנטאָלאָגיע פון דער היינטצייטיקער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע, אין וועלכער ס'זיינען פאַרטראָטן פופציק דיכטער, צווישן זיי זעקס דיכטער־אָנפאַנגער.

אויפן סמך פונעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, במשך פון די פינף יאָר, אין „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי אויך אין די צוויי זאַמלביכער, איז מעגלעך צו פּרואוון אַרויסברענגען עטלעכע אַלגעמיינע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די היינטצייטיקע סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור.

***

אַ פּאָר ווערטער קודם כל וועגן דער פּלעיאַדע סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

אין די פינף יאָרגענג „סאָוועטיש היימלאַנד" זיינען פאַרטראָטן, מיט גרעסערע און קלענערע שאַפונגען פון פאַרשיידענע זשאַנערן, קרוב הונדערט צוואָנציק יידישע מחברים פון ראַטנפאַרבאַנד.

די קורצע ביאָגראַפישע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעגעבן הן אין זשורנאַל, הן אין די פריער־דערמאָנטע זאַמלביכער, דערלויבן איינצוטיילן זיי, לויטן עלטער, אויף פאָלגנדיקן אופן:

בערך צען פּראָצענט פון אַלע סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען געבוירן נאָך אין פריערדיקן יאָרהונדערט; פינף און פערציק פּראָצענט זיינען געבוירן אין ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט און זיינען אַלט צווישן 56 און 66 יאָר; פינף און דרייסיק פּראָצענט זיינען געבוירן נאָך 1920, ס'הייסט זיינען יינגער פון 46 יאָר.

כדי אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון וועגן באַטייט פון אָט די ציפערן, איז

נויטיק צו פֿאַרגלײַכן זײַ מיטן עלטער־מצב פֿון די אַמעריקאַנער־ייִדישע שרײַבער. לויט די ביאָגראַפֿישע ידיעות, וואָס געפֿינען זיך אין דער אַנ־טאָלאָגיע „אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט״, צונויפֿגעשטעלט דורך נחמן מײַזיל, זײַנען בערך אַכציק פּראָצענט פֿון אַלע אַמעריקאַנער־ייִדישע שרײַבער גע־בוירן נאָך אין 19־טן יאָרהונדערט און בלויז צוואַנציק פּראָצענט אין די ערשטע צוויי יאָרצענדליקער פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

דער סאָוועטיש־ייִדישער שרײַבער איז אַזוי אַרום באַדײַטנדיק ייִנגער פֿון אַמעריקאַנער־ייִדישן שרײַבער. ער איז אויך, אין דורכשניט גענומען, ייִנגער פֿונעם ייִדישן שרײַבער אין די לענדער פֿון מערבֿ־אייראָפּע און וואַרשײַנלעך אויך פֿון ישׂראל. ער איז בכן דער ייִנגסטער און דאָס הייסט, דער פּאָטענציעל שאַפֿערישסטער אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

נאָך עפּעס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, פֿון גאָר באַזונדערן באַ־טײַט: די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט אַ נאָכוואוקס, אמת, נישט קיין גרויסן, אָבער דאָך אַ נאָכוואוקס. אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ הערן זיך אָפּט „נײַע שטימען״ — אַזוי טאַקע ווערן זײ באַצייכנט דורכן זשורנאַל. ס׳קומען צו נײַע דיכטער און דערציילער.

אָט דער נאָכוואוקס, ווי באַשיידן ער זאָל ניט זײַן אין פֿאַרנעם, שטעלט פֿאַר מיט זיך אַ דערשײַנונג אַ וויכטיקע, איבערהויפּט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז שוין העכער פֿינף און צוואַנציק יאָר ווי ס׳איז ניט פֿאַראַן מער אין ראַטנפֿאַרבאַנד קיין אײן ייִדישע שול און אַז אין במשך פֿון קאַרגע אַנדערטהאַלבן יאָרצענדליק איז דער ייִדישער אַלף־בית גופֿא פּאַק־טיש, אויב נישט פֿאָרמעל, געוועזן אויסערן געזעץ.

ס׳דערמאָנען זיך די ווערטער, וואָס איך האָב געהערט אין מאָסקווע, אין מערץ 1958, פֿון אײנעם פֿון די אָנגעזעענסטע סאָוועטיש־ייִדישע פּראָ־זאַאיקער, נח לוריע, אויף אַ שאַפֿערישן שרײַבער־אָוונט: „דער חידוש פֿון שרײַבן איצט, ס׳הייסט פֿון שרײַבן אויף ייִדיש — האָט ער געזאָגט — איז נישט קיין צופֿעליקייט. אַ בוים וואַקסט נישט סתּם אַזוי. ס׳מוז עפּעס זײַן אין באָדן, אין דער לופֿט, וואָס ברענגט, אַז אַ בוים זאָל בליִען און זיך באַדעקן מיט בלעטער. זאַכן וואָס זײַנען קעגן דער נאַטור, קאָנען נישט האָבן קיין קיום. די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור האָט און וועט האָבן קיום״.

אָט דער „עפּעס״, אין באָדן און אין דער לופֿטן, אויף וואָס עס שטיצט זיך דער קיום פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, דאָס איז קודם דער וואונדערלעכער פּאַרזיי פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, אין איר גלאַנץ־פּעריאָד פֿון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, און וועמענס עשירות איז נאָך עד היום ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן. דער דאָזיקער פּאַרזיי — אײנע פֿון די שענסטע דערגרייכונגען פֿון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — האָט אָבער געקאָנט אויפֿגיין און געדײַען אין אַזאַ פֿאַרנעם בלויז אויפֿן פּרוכטבאַרן באָדן פֿון רוסישן ייִדנטום, וועמענס קולטור־טראַדיציעס זײַנען אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן במשך פֿון דורות, אין

שאַרפע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן, אין יאָרהונדערטער גייסטיקער שאַפעריש־קייט, הן אויף יידיש, הן אויף העבראיש, הן אויף רוסיש.

נישט די פיל־דורותדיקע טראַדיציעס פון רוסישן יידנטום, נישט די טיפע וואָרצלען, וואָס עס האָט געשלאָגן די סאָוועטיש־יידישע קולטור, האָבן נישט געקאָנט אויסגעריסן ווערן און זיינען נישט אויסגעריסן געוואָרן אין די טראַגישע סוף־פערציקער און פופציקער יאָרן.

קרוב הונדערט און צוואַנציק יידישע שרייבער — פּראָזאַיקער, דיכ־טער, דראַמאַטורגן, עסייאיסטן און קריטיקער — דאָס איז, קיין עין־הרע, אַ משפחה אַ גרויסע, די צאָלרייכסטע אפשר יידישע ליטעראַרישע משפחה היינט צו טאָג. זי איז גרויס אָבער נישט בלויז אין כמות, נאָך אויך אין איכות, אין טאַלאַנט.

מען דאַרף זיך מודה זיין: אויף די שאַפונגען פון דער נייער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור האָט מען אַרויסגעקוקט טאַקע מיט בענק־שאַפט און אומגעדולד, אָבער גלייכצייטיק אויך מיט עפּעס אַ געפיל פון אומרו. ס׳איז געווען אַזוי ווי אַ מורא פאַר אַנטוישונג. שווער געווען צו באַפרייען זיך פון אַ נאַגנדיקן געפיל: צי זיינען נאָך פאַרבליבן אין ראַטנ־פאַרבאַנד יידישע שרייבער, וואָס זאָלן זיין בכוח איבערצוגעמען אין זייערע הענט די פאַן פון דער יידישער ליטעראַטור? וועט זיין ווירדיקער המשך און באַרג־אַרויף, אָדער בלאָסער עפּיגאָניזם, שאַפונגען צווייט־ראַנגיקע, וואָס וועלן לעבן בעיקר אין זכות פון די פאַרשניטענע אָבות?

אַרויסגעוויזן האָט זיך: דער אומרו איז געווען אַן אומבאַרעכטיקטער. די מזרח־וואַנט פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אַזאַ טראַגיש הויל־געוואָרענע, האָט זיך ווידער באַצירט מיט נעמען, וואָס האָבן דאָרט זייער באַרעכטיקטן, כשר פאַרדינטן פּלאַץ. די סאָוועטיש־יידישע שרייבער־משפחה פאַרמאָגט אַ רייע ערשטראַנגיקע קינסטלער, דיכטער און פּראָזאַ־איקער, קינסטלער פון הויכער מדרגה, פון ברייטן דיאַפּאַזאָן פון גרויסער שאַפערישער פּאָטענץ און פון טיפער, אַלזייטיקער ליטעראַרישער קולטור.

***

אַ וועזנטלעכער שטריך, וואָס זעט אויס צו זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע שרייבער, פאַר דער גאַנצער נייער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, איז — די שטרעבונג צו היינטצייטיקייט. דאָס איז שייך נישט בלויז דער פאַרצייכענונג, דעם רעפּאָרטאַזש, אָדער דאָקומענטאַלער נאָוועלע — זשאַ־נערן פון אַקטועלקייט פאַר־עקסעלאַנס, וואָס באַמיען זיך אויפצוכאַפּן די אַרומיקע ווירקלעכקייט ממש פון טאָג־צו־טאָג און פון שעה־צו־שעה — נאָר אויך דער דערציילונג, דעם ראָמאַן און אַפילו בדרך כלל דער פּאָעמע.

דער יידישער שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד האָט בעיקר פאַרן אויג דעם היינטצייטיקן סאָוועטישן ייד, אין זיינע ליידן און פריידן, אין זיינע ימים־טובים און אינדערוואָכנס. ער מאָלט זיין העלד פון דער נאַטור, ער גייט אים נאָך פוס־טריט, אָדער פאָרט אים נאָך, אָדער פליט מיט אים צוזאַמען איבער אַלע רחבותן פון לאַנד. ער באַמיט זיך, דער שרייבער

— כ׳וואָלט געזאָגט, ער באַמיט זיך באַזונדערס שטאַרק — צו מאָלן דעם סאָוועטישן ייד אין זיינע צווישן־באַציאונגען מיט דער נישט־יידישער סביבה, מיט זיינע נישט־יידישע שכנים, די סאָוועטישע מענטשן פון כלערליי פעל־קערשאַפטן. דער רוי־שטאָף פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, דאָס איז די גאַנצע היינטצייטיקע, פילפאַרביקע און פילגעשטאַלטיקע סאָוועטישעווירקלעכקייט, אין וועלכער דער העלד, דער סאָוועטישער ייד, איז איינגע־גלידערט אָרגאַניש, מיט וועלכער ער לעבט־מיט און פיבערט־מיט.

אָט דער כאַראַקטער־שטריך פון דורכאויסיקער היינטצייטיקייט טיילט תיכף אויס די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור פון אַלע אַנדערע לאַנד־צווייגן פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט זייער קליינע, הגם וואָגיקע, אויסנאַמען, איז אונדזער ליטעראַטור אין מערב־אייראָפּע, אין אַמעריקע און ישראל געווענדעט קודם כל — צום נעכטן. חורבן און אומקום, גבורה און קדושה, מלחמה, געטאָ־אויפ־שטאַנד, נאָענטער נעכטן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווייטערער נעכטן פון אַמאָל און גאָר־אַמאָל — אַלץ איז אין עבר. אַפילו אין ישראל, וואו עס שוימט און ברויזט מיט נייע לעבנס־פאָרמען, וועלכע זוכן נאָך זייער תיקון סיי אין דער רעאַליטעט, סיי אין דער ליטעראַטור, אַפילו דאָרט איז דער בליק פון יידיש־שרייבנדיקן שרייבער, ווידער מיט קליינע אויסנאַמען, צוגעשמידט כסדר צום נעכטן. במשך פון די לעצטע יאָרצענדליקער זיינען אויפגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון אייראָפּע, אַמעריקע און ישראל וויכטיקע ווערק, אָנגעשריבענע מיט טאַלאַנט און מייסטערשאַפט, ווערק וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער קינסטלערישער שלימות, אָבער באַוואוסט־זיניק צי אונטערבאַוואוסטזיניק זיינען זיי געשאַפן געוואָרן ווי ווערק מוזיי־שטיקער, ווערק־מצבות. דאָס זיינען, אין בעסטן פאַל, קינסטלערישע דענק־מעלער פאַרן פאַרשניטענעם עבר.

אויפן פאָן פון אָט דער „נעכטנדיקייט" פון דעם ווייט־איבערוועגנדיקן טייל פון אונדזער ליטעראַטור, איז די „היינטיקייט", די הייס־פּולסירנ־דיקע היינטצייטיקייט פונעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער באַזונדערס באַ־מערקבאַר.

און נאָך עפּעס כאַראַקטעריסטישעס. די סאָוועטיש־יידישע ליטע־ראַטור איז, היינט צו טאָג, די איינציקע ביי אונדז, וואָס קעמפט פאַר גע־וויסע פאָרמען און פּרינציפּן פון ליטעראַרישן שאַפן, די איינציקע וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסע ליטעראַרישע שיטות, וואָס פילט זיך איינ־געגלידערט אין ליטעראַרישן לעבן פון איר לאַנד.

אין פלוג גענומען, קאָן עס אויסזען נאַטירלעך און ס׳איז טאַקע נאַ־טירלעך, אָבער פאַרט, און צום באַדויערן, איינציק.

אונדזער ליטעראַטור איז קיינמאָל, פון די עלטסטע צייטן אָן, נישט געווען קיין אָפּגעשלאָסענע וועלט, אָן אָרומגעצוימטע מיט געטאָ־מויערן און דאָס אַפילו דאַן, ווען אירע באַשאַפער און לייענער האָבן געוואוינט צווישן געטאָ־ווענט בפועל ממש. די ערשטע לייענער פון אליהו בחור

זיינען טאַקע געווען די גאָטספּאָרכטיקע יידישע פּרויען־פּאַטראָנעסעס פון אַלטן ווענעציאַנער געטאָ, אָבער דער רוישטאָף און די טעכניק פון מחבר זיינען גענומען געוואָרן פון די קריסטלעכע ריטער־ראָמאַנען, מיט וועל־כע ס׳האָט זיך דאַן געקוויקט גאַנץ אייראָפּע. דער געשמאַק פון די געטאָ־לייענערינס איז זיך ווענזנטלעך צונויפגעפאַלן מיטן אַלגעמיינעם ליטע־ראַטור־געשמאַק פון יענער צייט.

די אָבות פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, די קלאַסיקער אונ־דזערע, זיינען געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון די ליטע־ראַרישע אידייען און שיטות פון זייער תקופה און האָבן די דאָזיקע אי־דייען און שיטות — מיט דער זעלבער, אַלגעמיינער טעכניק אַפילו — באַמיט זיך צו פאַרקערפּערן אין זייערע ווערק.

אין דעם נאָך־קלאַסיקער־פּעריאָד און בעתן וואונדערלעכן באַרג־אַרויף פון די ערשטע דריי־פיר יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט, איז די יידישע ליטעראַטור אין אייראָפּע און אַמעריקע געוואָרן אַלץ מער און מער גרויסוועלטיק. זי האָט זיך איינגעשלאָסן אינעם אינטערעסן־און ווירקונגס־קרייז פון די לאַנד־ליטעראַטורן און פון דער וועלט־ליטע־ראַטור. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַלע געוואַגטע קינסטלערישע פאַר־מעסטן, האָט אויפגענומען אַלע ליטעראַרישע נייסן, דורכגעפיבערט און פאַריידישט כלערליי „איזמען״, אַזעלכע צאַלרייכע און אָפט קעגנ־זעצלעכע.

צו דעם אַלעם האָט אַ סוף געמאַכט דער חורבן. די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור האָבן טאַקע זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו דער וועלט־קולטור, אַ צאָל יידישע שרייבער האָבן טאַקע זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען, אָבער אין מערב־אייראָפּע, אַמעריקע און ישראל איז אונ־דזער ליטעראַטור בדרך כלל שוין לאַנג נישט געווען אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך, אַזוי אָפּגעריסן פון די גרויסע שטרעמונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי זי איז איצט. אַ דערשיטערטע און צעבראָכענע פון דער חורבן־טראַגיק, האָט זי זיך איינגעצוימט אין די אייגענע געצעלטן און זעט נישט מער — און צומאָל וויל אַפילו נישט זען — קיין וועלט פאַר זיך. זי אָטעמט נישט מער מיט דער לופט פון די לאַנד־ליטעראַטורן און פון דער וועלט־ליטעראַטור און האָט נישט מער קיין אינטערעס פאַר קיין שום נייע שאַפערישע פאַרמעסטן, פאַר קיין שום נייעם „איזם״. זי האָט זיך אויסגעטאָן פון גרויסוועלטיקייט און וואַנדלט אַרום, אַ פאַר־אַבלטע, ווי אויפן עולם התוהו.

דער איינציקער, אין דער יידישער שרייבער־משפּחה, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין דער היינטצייטיקער קינסטלערישער ווירקלעכקייט מיט איר גאַנצער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק, מיט אַלע הייסע וויכו־חים וועגן אַלט און ניי, מיט אַלע ווידעראַנאַנדן און זוכונגען — איז דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער.

דאָס דאַרף אָפּגעמערקט ווערן, און אָפּגעמערקט ווערן מיט לויב,

אומאָפּהענגיק דערפון, צי מען איז אַן אָנהענגער אָדער קעגנער פון יענע ליטעראַרישע שיטות — סאָציאַליסטישער רעאַליזם, אָן אָדער מיט גרע־נעצן — אַרום וועלכע עס באַוועגט זיך דאָס גאַנצע ליטעראַטור־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

מען מוז אָנערקענען, אַז דאָס איינשליסן זיך אין דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער אַטמאָספערע פון לאַנד איז אַן ערשטראַנגיקער שאַפערי־שער אימפּולס פאַר יעדן שרייבער באַזונדער און פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע. דורך גערעגל, דורך פאַרמעסט, דורך שטרויכלונגען, דורך קנאת סופרים, פירט אַ וועג צו וואוקס און באַניי־אונג.

נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך פונעם היינטצייטיקן סאָוועטיש־יידישן ליטע־ראַרישן שאַפן איז — באַציאונג צו שפּראַך. אויך אויפן געביט פון שפּראַך האָבן מיר געהאַט אַ פריידיקע אַנטפּלעקונג.

אין דער פיל־נאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך אויפ־סניי צעקלונגען אונדזער יידיש־לשון און צעקלונגען מיט אַ קראַפט־און־זאַפט, וואָס האָבן בפירוש איבערראַשט. מ׳האָט קוים געקאָנט זיך ריכטן, נאָך אַזוי פיל יאָר, וואָס דער קוואַל איז געווען פאַרשטאָפּט און פאַר־שאָטן, אַז מיט איין מאָל זאָל אַ שפּרודל טאָן מיט אַזאַ שפּראַך־עשירות, מיט אַזוי פיל מחיהדיקער פרישקייט, מיט אַזעלכע עכטע, שפּילנדיקע רעגנבויגן־קאָלירן. דורכן לשון האָט אויפגעבליצט אַ שלל פאָלקסטימ־לעכקייט מיט כלערליי פאָלקישע תנועות, מיט אַלע חנען, מיט ווערטלעך און אידיאָמען, וואָס מיר האָבן זיי כמעט שוין געהאַט פאַרגעסן.

אָבער נישט בלויז די רייכקייט פון שפּראַך־אוצר איז כאַראַקטעריס־טיש פאַרן סאָוועטיש־יידישן שרייבער. מיר פאַרמאָגן פיל גרויסע שפּראַך־מייסטער אויך אין אַנדערע צענטערן פון דער יידישער ליטעראַטור. עס אימפּאָנירט גאָר באַזונדערס די שפּראַך־קולטור, די באַציאונג צום וואָרט, דער דרך־ארץ פאַרן וואָרט, די אחריות פאַר מאַמע לשון. ס׳וועט דוכט זיך קוים זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז אין קיין שום אַנדער לאַנד שרייבט מען נישט היינט אויף אַזאַ לויטערן, אָפּגעהיטן יידיש, ווי אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

לסוף נאָך אַ שטריך: דער באַוואוסטזיין, אַז מען איז נישט בלויז שריי־בער יחידים, נאָר — אַ ליטעראַטור. דאָס דריקט זיך אויס אָמבולטסטן אין די באַציאונגען צווישן שרייבער און קריטיקער.

איינער פון די סימנים פונעם קריזיס, וואָס עס לעבט איצט דורך דאָס יידישע ליטעראַרישע שאַפן, איז דער מצב פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק אין מערב־איראָפּע, אַמעריקע און ישראל. דער ליטעראַטור־קריטיקער אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, ס׳הייסט דער שרייבער וועמענס באַרוף איז בלויז און אויסשליסלעך קריטיק און ליטעראַטור־פאָר־שונג — אָט דער ליטעראַטור־קריטיקער האַלט ביי אונדז אין פאַרשווינדן.

ס׳גייט חלילה נישט אין אונטערשאַצן דעם ווערט פון דעם אָדער

יענעם יידישן שריפטשטעלער, וואָס שרייבט אויך קריטיק און געוויס נישט דעם ווערט פון דער דאָזיקער קריטיק. מיר פאַרמאָגן אַ צאָל דיכטער און עסייאיסטן, וואָס ווייזן אַרויס אויפן געביט פון קריטיק אַן ערשטראַנגיקן אַנאַליטישן חוש, ווי אויך פיל געשמאַק און בקיאות. זייער פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור איז אָבער קודם כל אַ פּלאַץ פון דיכטער, פּראָזאַאיקער אָדער עסייאיסטן. ווי אַזעלכע באַטראַכטן זיי זיך בעיקר. קריטיק ביי זיי קומט אויך און דערנאָך און שיר־נישט אַגב־אורחאדיק. פאַרמאָגן מיר פיל אויסטייטשער, טאַקע טאַלאַנטפולע, גייסטרייכע אויסטייטשער, אָבער זייער ווייניק וועג־ווייזער. ליטעראַטור ווערט פאַרוואַנדלט אין ביכער־אַרויסגעבן און קריטיק — אין מבינות־זאָגעריי. ס'פאַרשווינדט דער סינטעטיקער, דער בעל־האחריות פאַרן גאַנצן ליטעראַרישן שאַפן, דער מדריך, וועמענס אַמביציע — און קאָמפּעטענץ — איז צו לערנען און דערציען הן דעם שרייבער, הן דעם לייענער.

די סאָוועטישע־יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַזאַ מין קריטיקער. ס'איז פאַראַן אין ראַטנפאַרבאַנד אַ צאָל שרייבער, מיט גרויסער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַרישער קולטור, וואָס גיבן זיך אָפּ איינגאַנצן און אויסשליסלעך מיט קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג. אין אָט דער פּלעיאַדע קריטיקער פאַרמאָגט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור דעם נויטיקן אינסטרומענט אויף צו פאַרבינדן דאָס יחידיש־שאַפערישע מיטן כלל־שאַפערישן, אויף צו מאַכן פון בוימער אַ וואַלד.

אמת, אויף קריטיק איז גאָר באַזונדערס חל עזאָפּס משל וועגן דער מענטשלעכער צונג, וואָס איז פּעאיק אויפן בעסטן און גלייכצייטיק אויך אויפן ערגסטן. קריטיק איז באַרופן צו זיין דער זאָרגפולער, אַחריותדיקער גערטנער פון דער ליטעראַטור, פול מיט ליבע און חסד פאַר יעדן גרעזל. זי קאָן אָבער אויך, אין אייפעריקן געיעג נאָך כלערליי ווילדגראָזן, אויסרייסן מיטן וואָרצל די צאַרטסטע, די זאַפטיקסטע שפּראָצן און מאַכן אַ תל פונעם גאַנצן פעלד פון קינסטלערישן שאַפן.

דער סאָוועטיש־יידישער קריטיק, ווי דער סאָוועטישער קריטיק בכלל, זיינען געמאַכט געוואָרן, באַזונדערס וואָס שייך דער פאַרגאַנגענהייט פיל ערנסטע פאַרוואורפן. קיינער אָבער האָט נאָך פון עזאָפּס משל נישט געדרונגען, אַז בכדי די צונג זאָל אויפהערן פאַרקערפערן דאָס בעסטע מיטן ערגסטן צוזאַמען, וואָלט אַמגלייכסטן געווען — זי אויסצושניידן.

דורך די פערציק נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" דערשיינט דער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער גלייכצייטיק ווי אַ זאַכקענער, ווי אַ מאָנער און דערמאָנער. דער שרייבער אָבער — און דאָס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן — בלייבט נישט קיין פּאַסיווער צוהערער. ער איז, לגבי דער קריטיק, אויך מאָנער און דערמאָנער. אין אָפטע, אינטערעסאַנטע וויכוחים, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל ביידע צדדים, ווערן באַהאַנדלט, שאַרף און טעמפּעראַמענטפול, הן די פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן פון אונדזער צייט, הן די פּראָבלעמען פון דער קריטיק. מען מוז נישט דווקא

מסכים זײַן מיט אַלע אויספֿירן, וואָס ווערן אין די וויכוחים געמאַכט, כּדי אײַנצוזען די אומגעהויערע וויכטיקייט און וועזנטלעכקייט, פֿאַר דער גאַנצער ליטעראַטור, פֿון אָט דעם כּסדרדיקן קעגנזײַטיקן איבעררופֿן זיך, פֿון אָט דעם שאַפֿערישן מאָנען־און־דערמאָנען צווישן קריטיקער און שרײַבער.

אָט די אַלע באַמערקונגען וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער שרײַבער־משפּחה און וועגן עטלעכע גרונט־שטריכן פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור וואָלט געגלוסט זיך באַגלייטן — אויב נישט אויפֿן פּאַפּיר בפּועל ממש, איז אין געדאַנק — מיט אויסרוף־צייכנס. פֿיל אויסרוף־צייכנס, גאַנצע שורות, לויטן מוסטער פֿון פּרצעס פֿינטעלעך און פּאַסיק־לעך.

אויסרוף־צייכנס, ווי אַן אויסדרוק פֿון טיפֿער אָנערקענונג, פֿון אויפֿ־ריכטיקער באַוואונדערונג פֿאַר גרויסע און עכטע טאַלאַנטן, פֿאַר געבענטש־טער שאַפֿערישקייט, פֿאַר אויסדויער, פֿאַר מוט, פֿאַר גלויבן, פֿאַר נישט אונטערגעבן זיך און נישט אײַנברעכן זיך, פֿאַר האַלטן הויך און שטאָלץ, אַפֿילו אין צײַטן, וואָס זײַנען געווען אומגעהויער טראַגיש, די פֿאָן פֿון ייִדישער ליטעראַטור און דעם נאָמען פֿון ייִדישן שרײַבער.

***

נאָך די אויסרוף־צייכנס קומען אָבער — פֿרעג־צייכנס.

דווקא ווײַל די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור דערשײַנט פֿאַר אונדז אין פֿולער רײַפֿקייט, אַ טיף־אידעאישע און צילבאַוואוסטזיניקע, קאָנען מיר און דאַרפֿן זיך שטעלן אַ רייע פֿראַגן, וואָס זײַנען נוגע סײַ איר, סײַ — און במילא — אונדז גופֿא.

די פֿרעג־צייכנס, פּילצאַליקע, באַוועגן זיך אײַגנטלעך אַרום איין עיקר־שאלה. „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאָרמולירט זי: נאַציאָנאַלע ספּעציפֿיק, נאַ־ציאָנאַלער קאָלאָריט. ריכטיקער, דאַכט זיך, וואָלט געווען צו זאָגן: נאַ־ציאָנאַלע אָנלאָדונג. דער באַגריף פֿון קאָלאָריט און ספּעציפֿיק באַציט זיך ס'רוב צו אויסערלעכקייט, ווי אַשטייגער אין פֿאָלקלאָרישער אָרנאַמענטיק. אין אונדזער פֿאַל גייט עס ווײַט־נישט וועגן אויסערלעכן בגד, נאָר וועגן אינערלעכער גײַסטיקייט, נישט אַזוי וועגן קרוג, ווי וועגן ווײַן, וואָס איז אין קרוג פֿאַראַנען.

ובכן, פֿרעגט זיך: ווי האַלט עס, אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, מיט נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג? ווי האַלט עס, באַנוצנדיק די אָנגענומענע סאָוועטישע טערמינאָלאָגיע, מיט ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, מיט ייִדישער נאַציאָנאַלער ספּעציפֿיק?

במשך פֿון יאָרן און יאָרן, איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור, אַפֿילו בעת איר בלי־תּקופֿה און אין די צײַטן פֿון אירע רײַפֿסטע פּרוכטן, פֿאַרשריגן געוואָרן, בעיקר דורך געוויסע קרײַזן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן, ווי אַ ליטעראַטור אָן אַ־נאַציאָנאַלע, שיר נישט אַן אַנטי־נאַציאָ־נאַלע, לכל הדעות, אָן קיין שום נאַציאָנאַלן ווערט און באַטײַט.

דאָס איז נאַטירלעך אַן אומזין.

פון אַלע דריי הויפּט־צווייגן פון אונדזער ליטעראַטור אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות, דער סאָוועטישער, דער פּויליש־און־מערב־אייראָפּעאישער און דער אַמעריקאַנער, איז דער אַממערסטן נאַציאָנאַלער אפשר געווען דווקא — דער סאָוועטישער. דאָס קאָן אויסזען ווי אַ פּאַ־ראַדאָקס, אָבער אַזאַ ווייזט מיר אויס צו זיין דער היסטאָרישער אמת.

נאַציאָנאַל — מיט וואָס? מיט דער גרויסער וויזיע פון אַ באַפרייט און באַנייט יידיש פאָלק, אין אַ באַנייטן סאָציאַליסטישן לאַנד, אין פריינט־שאַפט און ברידערלעכקייט מיט אַלע פעלקער פון דעם לאַנד.

יעדער איינער פון די גרונט־מאָטיוון פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור פון יענער תקופה — בירגער־קריג און פּאָגראָמען, פּראָ־דוקטיוויזאַציע, יידישער פּויערטום, ביראָבידזשאַן — איז געווען אַ הימן ממש פאַר אָט דער וויזיע. נישט אין פּוילן און אין מערב־אייראָפּע, נישט אין אַמעריקע, נישט ערגעץ־וואו אַנדערש (אויסער אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אָבער דאָן פּאַקטיש ניט געשפּילט קיין שום ראָלע אין יידישן לי־טעראַרישן לעבן) אין די יידישע ליטעראַטור ניט געווען דורכגענומען מיט אַזאַ גליענדיקער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַטור, מיט אַזאַ פּאַטאָס, מיט אַזאַ שוואונג־און־אימפּעט, ווי אין ראַטנפאַרבאַנד.

געוויס, דאָס נאַציאָנאַלע איז דאָ געווען ענג און אָרגאַניש באַהאָפטן מיטן סאָציאַלן. ביידע זיינען צוגלייך געפלאָסן פון די קוואַלן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָט דער רעוואָלוציאָנערער סינטעז צווישן סאָ־ציאַלן און נאַציאָנאַלן, וואו דער וועג צום מאָרגן האָט געפירט צוערשט דורך אַן אומבאַדינגטן און שאַרפן ריס מיטן נעכטן, איז אפשר געווען אומפאַרשטענדלעך, אָדער פּאָליטיש נישט אָננעמבאַר פאַר אַ געוויסער קרי־טיק, אָבער ער איז אַ פּאַקט, אַן אומאָפּפרעגבאַרער קולטור־היסטאָרישער פּאַקט.

נישט בלויז די מלחמה־יאָרן האָבן אַרויסגעבראַכט אין ראַטנפאַרבאַנד ווערק, איינציקע ממש אין אונדזער ליטעראַטור לויט דער טיפקייט און מעכטיקייט פון זייער נאַציאָנאַלן אָטעם. די גאַנצע סאָוועטיש־יידישע ליטע־ראַטור, פון אירע ערשטע טריט אָן, גרייכנדיק טיף און ווייט צו די וואָרצלען פון פיל־דורותדיקער טראַדיציע, האָט אויסגעטראָגן אין זיך, אויף איר אייגענעם און אייגנאַרטיקן אופן, די אַלטע און גרויסע וויזיע פון פאָל־קישער און צוגלייך אַלמענטשלעכער באַפרייאונג.

ווי קומט אָט די נאַציאָנאַלע אַנלאַדונג צום אויסדרוק אין דער היינט־צייטיקער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור? ווי ווערט אין איר אַרויסגע־בראַכט דער יידישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט?

דער ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן קאָן זיין בלויז אַ לפי־ערך׳דיקער. יעדער שרייבער איז אַ וועלט פאַר זיך און ס׳איז ווייט נישט פשוט צו רעדוצירן אָריגינעלע שאַפערישע פּערזענלעכקייטן — צו אַ סטאַטיסטישן

דורכשניט. פונדעסטוועגן פֿאַרמאָגט אָבער אַזאַ דורכשניט, ביי אַלע באַ־וואָרענישן, אַן אומבאַדינגטן דערקענטעניש־ווערט.

ווען מען וואָלט דערפֿונדן אַ מין מעסט־אַפּאַראַט פֿון נאַציאָנאַלער אַנ־לאָדונג אין ליטעראַטור — פּונקט ווי ס׳זיינען פֿאַראַן, להבדיל, מעסט־אַפּאַראַטן פֿון עלעקטרישער שפּאַנונג, אָדער פֿון מענטשלעכן בלוט־דרוק — און מען וואָלט מיט אַזאַ אַפּאַראַט אונטערזוכט, אַפֿילו גאַנץ אויבנאויפֿיק, די היינטצייטיקע סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, וואָלטן די רעזולטאַטן פֿון דער אונטערזוכונג געקאָנט פֿאַרצייכנט ווערן אויף פֿאָלגנדיקער, ביז גאָר אויסדריקלעכער גראַפֿיק:

טעמאַטיק פֿון ערב־רעוואָלוציע און נאָך־רעוואָלוציע, ביז דער פֿאָ־טערלענדישער מלחמה — די אָנלאָדונג איז אַ נאָרמאַלע, אַ פֿולבלוטיקע, אַ ברייט־שטראָמיקע, ווי אַ טייך אין וועסנע־צייט;

טעמאַטיק פֿון מלחמה, חורבן און געטאָ — די אָנלאָדונג ווערט אַ מאַקסימאַלע, דערגרייכט ביז פּאַראָקסיזם;

טעמאַטיק פֿון אונדזערע טעג — די אָנלאָדונג פֿאַלט ראַשיק, די וויי־זערס דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער צום נול. אָפּט, ביים לייענען אַ ראָמאַן, אַ נאָוועלע, אַ פֿאַרצייכענונג, איז שווער זיך צו כאַפּן: דער העלד איז אַ ייד, אָדער נישט? ס׳העלפֿט אַרויס בלויז דער נאָמען, ריכ־טיקער, דעם טאַטנס נאָמען. דער העלד הייסט פּיאָטר מאָיסעיעוויטש, למשל, אָדער אַנדרעי איסאַקאָוויטש. דאָס איז אַלץ.

אינטערעסאַנט איז, אַז אַן ענלעכע גראַפֿיק וואָלט זיך באַקומען, ווען אונדזער מעסט־אַפּאַראַט וואָלט אונטערזוכט — די שפּראַך, ס׳הייסט, דעם יידיש גופֿא.

טעמאַטיק פֿון ערב־רעוואָלוציע און נאָך־רעוואָלוציע, ביז סוף־פֿער־ציקער יאָרן — די שפּראַך פֿלייצט, ווי פֿון אַ שפּרודלדיקן קוואַל, מיט אַן אימפּעט און ספּאָנטאַנישקייט, וואָס באַצויבערן. ווען יידישע פֿאָלקס־מענטשן, יונג און אַלט, זאָגן למשל, „סאָוועטסקע וולאַסט" און נישט „ראַטן־מאַכט", איז עס נאָך איין ראָזשינקעלע, נאָך אַ חן־פֿינטל, וואָס מאַכט זייער יידיש, אַ פֿאַרבראָקטן מיט כלערליי לאָקאַליזמען און אידיאָמען, מער קערנ־דיק, מער מחיהדיק און פֿאָלקס־זאַפּטיק.

טעמאַטיק פֿון אונדזערע טעג — די אָנלאָדונג, אַפֿילו פֿון דער שפּראַך, ווי אויסטערליש עס זאָל נישט אויסזען, פֿאַלט קאַטאַסטראָפֿאַל.

ווי אַזוי דערקלערט זיך עס? די היינטיקע שפּראַך־קולטור פֿון שרייבער, זיין זאָרגפֿולע באַציאונג צום וואָרט איז חלילה נישט פֿאַרשוואונדן, זיין שפּראַך־מייסטערשאַפֿט איז נישט קלענער געוואָרן. אַדרבה, מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אָט די מייסטערשאַפֿט, אין ריין טעכניש־שריפֿטשטעלערישן זין, אין זין פֿון דערפֿינדערישקייט, איז אפֿשר נאָך אַ גרעסערע. וואָס זשע דען? די כלה איז צו שיין.

ס׳איז אָדער — פֿייערווערק. די שפּראַך בליצט און שימערירט מיט כלערליי־פֿאַרבן און פֿליטערלעך, ממש פּלאַ־פּלאַים, איז עס אָבער קאַלטער

פייער, וועקסלען אָן דעקונג. אונטער דער שפּראַך־שיכט איז הויל. נישט די העלדן, נישט די סביבה זיינען יידישע און שפּראַך־ווירטואָזיטעט אַליין קאָן דאָ ווייניק העלפן.

אָדער גאָר — אַ פאַרקערטע דערשיינונג. די העלדן זיינען דווקא יידן און זיי זאָגן שוין נישט „סאָוועטסקע וולאַסט״, נאָר סאָוועטן־מאַכט. זיי באַנוצן נישט קיין שום רוסיציזמען, קיין שום לאָקאַליזמען, קיין שום אידיאָמען. זייער יידיש איז לויטער־קלאָר, כעמיש־ריין, בלאַנקענדיק, אָבער אָן לעבנס־חיות, אַזוי ווי סטעריליזירט. באַלד כאַפּט מען זיך: דער שפּראַך־בגד איז אָן אויסגעבאָרגטער, ס'איז איבערזעצונג. די העלדן ריידן אין דער אמתן נישט יידיש, נאָר רוסיש.

איז עס דען די שולד פון די שרייבער, וואָס דער ווייט־גרעסטער טייל פון סאָוועטישן יידנטום האָט אויפגעהערט צו רעדן מאַמע־לשון? דאַרפן צוליב דעם קרוב אַכציק פּראָצענט — לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1959 — פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ראַטנפאַרבאַנד געשטעלט ווערן אויסער די ראַמען, אויסער דעם אינטערעסן־קרייז פון דער יידישער ליטעראַטור? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, אין לאַנגיאָריקן קאַמף קעגן יעדער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, האָט ברייט צעעפנט אירע טירן אויך פאַרן נישט־יידישן העלד. רוסן, אוקראַינער, ווייס־רוסן און פאַרשטייער פון פיל אַנדערע סאָוועטישע פעלקער זיינען צאָלרייך פאַרטראָטן אין די ווערק פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער. און אוודאי האָט דאַרט זיין פּלאַץ דער סאָוועטישער ייד, וועמענס מוטערשפּראַך איז שוין נישט מער מאַמע־לשון.

פון וואַנען זשע נעמט זיך, וואָס די ווייזערס פון אונדזער מעסט־אַפּאַראַט זיינען געוואָרן אַזוי שלאַבערדיק און באַוועגן זיך קוים־קוים, ווי פאַרחלשטע, אַרום פּונקט נול?

דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אין דער טעמאַטיק פון אונדזערע טעג — און איך שטרייך אונטער: פון אונדזערע טעג — האָט זיך באַוויזן אַ נייער יידישער העלד, אַ ייד פון אַ באַזונדערן מין, וועלכן דער פראַנצויזישער פילאָזאָף און שריפטשטעלער זשאַן־פּאָל סאַרטר באַצייכנט מיטן טערמין „אומאויטענטישער ייד״.

אין זיין באַרימטן עסיי „באַטראַכטונגען וועגן דער יידן־פראַגע״, גיט זשאַן־פּאָל סאַרטר פאָלגנדיקע דעפיניציע: „אַ ייד איז דער, וועמען אַלע אַנדערע האַלטן פאַר אַ יידן״. דער מהות פון אָט־דעם מין יידישקייט איז אַ ריין דרויסנדיקער. די יניקה ווערט געשעפּט אויסשליסלעך פון די „אַנדערע״. אייגנטלעך איז בכלל שווער צו ריידן וועגן מהות פון אַ דערשיינונג, וואָס איז אַזאַ אויבנאויפיקע און אויבנהויטיקע. אויב „אַלע אַנדערע״, ס'הייסט די דרויסנדיקע סביבה, פּסקנט וועגן עמעצן: „אַ ייד״ און טוט אים אָן דעם בגד „ייד״, איז אָט דער עמעץ אַ ייד און באַטראַכט זיך, ווי אַ ייד. אלא ווען נישט, איז טאַקע דער עמעץ נישט קיין ייד און פילט זיך ניט ווי

קיין ייד. אונטערן בגד איז במילא גאַרנישט פאַראַן, ס'איז וואַקואום, ליידיקער חלל. קאָן גאָר טרעפן, אַז מען זאָל פסקנען „ייד" אויף איינעם, וואָס איז אין דער אמתן גאָר נישט קיין ייד און דער דאָזיקער נישט־ייד וועט זיך דערפילן ווי אַ ייד מיט אַלע פּיטשעווקעס, ממש ווי איינער, וואָס האָט אַליין מקבל תורה געווען ביים באַרג סיני.

אויף אָט אַזאַ מין טעאָרעטישער הנחה — וואָס האָט אַ גאָר־גאָר קנאַפּן שייכות מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט — האָט דער שווייצאַריש־דייטשער שריפטשטעלער מאַקס פריש אויפגעבויט זיין באַקאַנטע דראַמע „אַנדאָראַ". אַ כשרער אַריער, וואָס וויל אויסבאַהאַלטן פאַר זיין ווייב און זיינע שכנים, אַז ער האָט אַן אומגעזעצלעך קינד, אויך אַ ריינעם אַריער, פאַלט אויף אַ המצאה: ער דערציילט, אַז ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון נאַצי־דייטשלאַנד אַ יידיש קינד און הערציט עס ביי זיך. ביסלעכווייז ווערט דאָס ייִנגל פאַר דער גאַנצער אַרומיקער סביבה און אויך פאַר זיך גופא, דער פּראָטאָטיפּ ממש פון יידישקייט, די פאַרקערפּערונג פון אַלע יידישע מעלות און אַלע יידישע חסרונות. אַפילו די באַרימטע כלומרשט פיזיאָלאָגישע יידישקייט־סימנים ווערן ביי אים אויסגעפונען. סוף כל סוף פאַלט ער אַ קרבן פון אויפקומענדיקן פאַשיזם און ווערט אומגעבראַכט.

זשאַן־פּאָל סאַרטרס דעפיניציע וועגן יידן און אויך די סצענישע אי־לוסטראַציע פון מאַקס פריש ברענגען טאַקע אַרויס, מיט אַ באַשיינפּער־לעכקייט נישט אָפּצופרעגן, דעם גאַנצן טראַגישן אומזין פון די כלערליי ראַסן־טעאָריעס, וואָס האָבן געקאָסט דער וועלט — און קודם כל אונדזער פאָלק — אַזוי פיל ימען בלוט. זיכער איז אָבער, אַז אָט די „דרויסנדיקע", אומאויטענטישע יידישקייט קערט זיך זייער ווינציק אָן מיט אונדזער מאָ־דערנעם יידישן לעבן און מיט אַלע גייסטיקע ווערטן, וואָס שטייען אין צענטער פון אונדזער פאָלקישקייט. סאַרטר האָט בכלל, אין זיין עסיי, לחלוטין פאַרזען דעם היסטאָרישן אויסמעסט פון יידן־פּראָבלעם און דווקא אָט דער אויסמעסט איז געווען און איז פאַרבליבן דער סאַמע עיקרדיקסטער.

פון וואַנען שטאַמט דער פאַרזען? אין זיין פענאָמענאָלאָגישן אַנאַליז, האָט דער פראַנצויזישער פילאָזאָף — און דאָס אָנערקענט ער אויך — געהאַט פאַרן אויג בעיקר דעם פראַנצויזישן יידן, ריכטיקער, אַ געוויסן שיכט פראַנצויזישע יאַהודים, אויפן סאַמע ראַנד פון דענאַציאָנאַליזירונג.

צווישן אָט די יאַהודים האָט עס סאַרטר געפונען דעם מאָדעל פון „אומאויטענטישן ייד", וועמענס אינערלעכער יידישקייט־באַגאַזש איז לייכט ווי אַ פעדערל, אַזוי לייכט, אַז ער האָט פאַרלוירן יעטוועדע וואָג און ס'איז געוואָרן בכלל אויס־באַגאַזש. דער דאָזיקער ייד איז, אין זין פון נאַציאָנאַלער ממשות, „אַ רייזנדער־אָן־באַגאַזש".

איז אָט האָבן, אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אין ווערק אויף היינטצייטיקער טעמאַטיק, זיך באַוויזן פיל, זייער פיל אַזעלכע מי־נים „רייזנדע־אָן־באַגאַזש". זיי זיינען טאַקע יידן, והראיה דער טאַטע האָט געהייסן משה־מאַיסעי אָדער יצחק־איסאַק. זיי ווייסן טאַקע, אַז זיי זיינען

יידן, והראיה: אויף זייערע פּאַספּאָרטן איז אָנגעשריבן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיי זיינען פון יידישער נאַציאָנאַליטעט. אין תוך אָבער, איז דער גאַנצער ענין פאַר זיי נישט קיין ענין, נאָר בלויז פאָרמאַליטעט. נישט נאָר זיינען זיי אָפּגעפרעמדט צו דער יידישער שפּראַך, נאָר אויך צו יידישער פאָלקיש־קייט. זיי זיינען לחלוטין נאַציאָנאַל־אינדיפערענט.

צי האַנדלט זיך אפשר וועגן פּערסאָנאַזשן אויסגעטראַכטע? חלילה! ס'איז מער ווי זיכער, אַז זיי זיינען געמאָלט פון דער נאַטור. אין ראַטנ־פאַרבאַנד, פונקט ווי אין מערב־איראָפּע, פונקט ווי אין ביידע אַמעריקעס, זיינען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פאַראַן אַן אַ שיר „רייזנ־דע אַן באַגאַזש". און געוויס דאַרף אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אַן אויג און אויער פאַר היינצייטיקייט, זיי אַריינברענגען אין דער ליטעראַטור. זיי דאַרפן אָבער אַריינגעבראַכט ווערן אַזעלכע ווי זיי זיינען, אין דער געהע־ריקער באַלויכטונג און פּערספּעקטיוו.

אין קעגנפאַל, אויב אַזאַ העלד, וואָס האָט פאַרלוירן יעדן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, דאַרף עס זיין דער וואָרט־זאָגער פון אַ גאַנצן ציבור און דער אויסדרוק פון יידישן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, דאַן פאַרוואַנדלט זיך דער שרייבער גופא — ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק — אין אַ מין „רייזנדן אָן באַגאַזש". זיין אינדיפערענץ צו דער נאַציאָנאַלער אינדיפערענץ פונעם העלד, זיין ניהיליזם לגבי יענעמס נאַציאָנאַלן ניהיליזם שאַפן דעם איינדרוק, אַז אויך פאַר אים, פאַרן שרייבער, פונקט ווי פאַר זיין העלד, איז דער גאַנצער יידישקייט־ענין בכלל קיין ענין נישט. יאָ צי ניין — ס'איז אָדער אינגאַנצן קיין חילוק נישט, אָדער אויב שוין יאָ עפּעס אַ חילוק, איז דער שרייבער נישט מחויב צו נעמען אַ שטעלונג. ער שטייט אין אַ זייט. ער פאַרצייכנט בלויז. ער משפּט נישט. ער מישט זיך נישט אַריין. ער איז בלויז צוקוקער, בלויז שרייבער, בלויז צייכענער־פאַרצייכענער.

אָט דאָס צונויפטרעפן זיך, דאָס צונויפפאַלן פון נאַציאָנאַלער אויסגעהוילטקייט ביים העלד מיט נאַציאָנאַלער גלייכגילטיקייט — ווירקלעכער אָדער בלויז שיינבאַרער — ביים שרייבער איז עס די סיבה פונעם ראַשיקן פאַלן פון נאַציאָנאַלער אָנאַלדונג ביי אַ טייל פון דער היינטצייטיקער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור.

אַוודאי ווייסן מיר, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד — ווידער פונקט ווי אין מערב־איראָפּע און פונקט ווי אין אַמעריקע — איז די פראַגע וועגן יידיש־קייט, אין אירע פאַרשיידענע אַספּעקטן און אין שייכות מיט די פאַרשיידנסטע מינים יידישקייטן, ווייט־ווייט נישט קיין לעבנס־פראַגע פאַר פיל טויזנטער, פאַר פיל הונדערטער און הונדערטער טויזנטער יידן.

דער פראַג־צייכן איז אָבער: צי איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע פראַגע זאָל נ י ש ט זיין קיין לעבנס־פראַגע אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור?

אַ קונסט־ווערק איז תמיד דער רעזולטאַט פון אַ געוויסן אָפּקלויב, פון לכתחילהדיקן אויסוואַל און דאָזירונג. די פראַגע פון פאַרבן־גאַמע ביי אַ מאָלער איז נישט בלויז אַן ענין פון טעכניק. זי באַאיינפלוסט אויף אַ

וועזנטלעכן אופן דעם גאַנצן מהות פון ווערק. נישט אומזיסט ווערט דאָס שאַפן פון גרויסע מייסטערס איינגעטיילט לויט דעם דאָמינירנדיקן קאָלירן־שפּיל, אין אַזאַ אָדער אַנדער צייט, פון זייער פּאַליטרע. אַזוי למשל, איז ביי פּיקאַסאָ באַקאַנט זיין בלויע תקופה, די ראָזע תקופה אאַוו.

עפּעס ענלעכס האָבן מיר אין דער מוזיק, מיטן באַשטימען פונעם גרונטיקן טאָן־שליסל, שוין אָפּגערעדט וועגן דער אַטאָנאַלער אָדער סעריעלער מוזיק.

דאָס וואָס פאַרב איז אין מאָלעריי און טאָן אין דער מוזיק, איז אין ליטעראַטור בעיקר דער אויסוואַל פון העלד. דאָס איז חל אפשר גאָר באַזונדערס אויף דער סאָוועטישער ליטעראַטור און נאַטירלעך אויך אויף דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

די סאָוועטישע קריטיק און ליטעראַטור־וויסנשאַפט באַטראַכט דעם פּראָבלעם פון העלד, פון פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון העלד, ווי איינעם פון די עיקרדיקסטע, און אפשר טאַקע ווי דעם עיקרדיקסטן, וואָס עס שטעלן זיך פאַרן שריפטשטעלער. וועגן די גרונט־שטריכן פון פּאָזיטיוון העלד, וועגן זיינע מעלות־און־חסרונות — ריכטיקער, וועגן זיינע גרעסערע אָדער קלענערע מעלות — ווערן געפירט אומענדלעכע וויכוחים. דער שליסל צום פּאָזיטיוון העלד ברענגט דעם שליסל, אויב נישט צו דער קינסטלערישער קוואַליטעט פון ווערק, איז לכל הדעות צו זיין אידעאישער אָנלאָדונג, ווי אויך צו דער אידייען־וועלט פון מחבר בכלל.

אויך די סאָוועטיש־יידישע שרייבער גיבן אָפּ דעם ענין זייער פיל אויפמערקזאַמקייט. אויף דער באַראַטונג וועגן מצב פון דער סאָוועטיש־יידישער פּראָזע, וואָס איז פאַרגעקומען זומער 1965 אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען די אָנגעזעענסטע יידישע פּראָזע־מייסטער און קריטיקער פון גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד, איז די פראַגע וועגן פּאָזיטיוון העלד באַרירט געוואָרן דורך ס'רוב אָנטיילנעמער. זייער פיל איז גערעדט געוואָרן און זייער אַ סך אינטערעסאַנטעס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אָט דעם יידישן „העלד פון אונדזער צייט", וועגן „בייעם טיפּ סאָוועטישן יידן".

אַנטפּלעקן זיך אַזוי אַרום פאַר אונדזערע אויגן די עיקר־פּראָצעסן פון דער ליטעראַרישער שאַפערישער לאַבאָראַטאָריע. און במילא קומען אויף... די עיקר־פרעג־צייכנס.

ווי אַזוי דאַרף דער שרייבער באַנעמען דעם דאָזיקן יידישן „העלד פון אונדזער צייט", מיט וואָס פאַר אַ לעבעדיקן תוכן אים אָנפילן? וועלכע דאַרפן זיין די שייכותן צווישן „בייעם טיפּ סאָוועטישן יידן" מיט אָט דער וויזיע, וואָס האָט באַהויכט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור במשך פון יאָרצענדליקער, די וויזיע פון אַ באַנייט יידיש פאָלק אין אַ באַנייטן סאָציאַליסטישן לאַנד? וואָס פאַר אַ מינים איידל־מעטאַלן דאַרפן געוואָרפן ווערן אין קינסטלערישן שמעלץ־טיגל פון שרייבער, בכדי עס זאָל אויס־

געפֿורעמט ווערן דער לאַנג־געוואָרטער און לאַנג־געגאַרטער סאָוועטיש־ייִדישער פּאָזיטיווער העלד פֿון אונדזערע טעג?

און קודם, דער ערשטער און וויכטיקסטער אײדל־מעטאַל פֿאַר יעדער ליטעראַטור: שפּראַך — וואָס איז פֿאַר זיך גופֿא אַן אומגעהויערער קאָנצענטראַט פֿון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט.

פֿרעגט זיך: אין וועלכער שפּראַך־ספֿערע דאַרף דער שרייבער זוכן דעם סאָוועטיש־ייִדישן העלד פֿון אונדזער צייט, אין דער ייִדישער, אָדער אין דער נישט־ייִדישער? מוז דווקא די לעבעדיקע אומגאַנג־שפּראַך פֿונעם העלד זיין ייִדיש, אָדער קאָן דער העלד זיין, לאָמיר זאָגן, אַ רוסיש־ריידנדיקער?

בעת דער לעצטער אַלפֿאַרבאַנדישער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1959, האָט אַ קאַרגער האַלבער מיליאָן סאָוועטישע ייִדן אָנגעגעבן ייִדיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן אַנדערע סאָוועטישע ייִדן האָבן דערקלערט, אַז זייער מוטער־שפּראַך איז רוסיש, אוקראַיניש א. אַנד. וואו זשע געפֿינט זיך דער פּאָטענציעלער פּאָזיטיווער העלד, וואָס דאַרף באַקומען זיין קינסטלערישן תּיקון ביים שרייבער — צווישן דעם קאַרגן האַלבן מיליאָן, אָדער צווישן די אַנדערטהאַלבן מיליאָן?

מען קאָן נאַטירלעך זיך פֿאָרשטעלן ערשטראַנגיק־קינסטלערישע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור, וועלכע זאָלן נישט פֿאַרמאָגן קיין איין ייִדיש־רעדנדיקן העלד און אַפֿילו — הגם דאָס איז שוין ווייניקער וואַרשיינלעך — קיין איין ייִדישן העלד בכלל. דער פֿרעג־צייכן וועגן דער שפּראַך־ספֿערע, וועגן דער לעבעדיקער שפּראַך אין לעבעדיקן מויל פֿון העלד, שטעלט זיך אָבער מיט אַ באַזונדער שאַרפֿקייט און באַזונדער וואָגיקייט גראָד דאַן ווען, ביי אונדזער פֿיל־שפּראַכיקייט און דער פֿאַרשמעלערונג פֿונעם ייִדיש־סעקטאָר, פֿאַרמעסט זיך דער שרייבער צו מאָלן דווקא דעם „נייעם טיפּ סאָוועטישן ייִדן", ס'הייסט, די געשטאַלט, וואָס דאַרף געבן די קינסטלערישע פּאַראַלגעמיינערונג, די קווינטעסענץ פֿון סאָוועטישן ייִדן פֿון אונדזערע טעג.

און אַ ווייטערדיקער פֿרעג־צייכן: ווי דאַרף זיין די באַציאונג פֿון ייִדישן „העלד פֿון אונדזער צייט" צו זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, ס'הייסט, צו זיין ייִדישקייט?

אַ גאַנצע רייע אַטריבוטן פֿון ייִדישן אייגנאַרט, וואָס במשך פֿון יאָר־הונדערטער זיינען זיי באַטראַכט געוואָרן שיר־נישט ווי דער ווינקל־שטיין פֿון קיום־האומה, האָבן פֿאַר אונדז, מאָדערנע ייִדן, זיך אויסגעליידיקט פֿון יעדן לעבעדיקן אינהאַלט און פֿאַרוואַנדלט זיך אין היסטאָרישע קוריאָזן. באָרד־און־פּאות, קאַפּאָטעס, שטריימלעך — מיר קוקן אויף זיי ווי אויף אַ מין בייז־וואונדער, זיי האָבן אין אונדזערע אויגן אַ פּנים פֿון טעאַטער־אַקסעסואַרן. מער נאָך: פֿון דער קולינאַרער ייִדישקייט — טשאָלנט און געפֿילטע פֿיש — איז בלויז איין שפּאַן צום סטיל „בייגל־מיט־לאַקס", וואָס איז, אין אַמעריקע, געוואָרן דער סינאָנים פֿון שונד־און־שפּאָט־ייִדישקייט.

ווען דאָס ריין־אויסערלעכע פון נאַציאָנאַלער ספּעציפיק טרעט אָפּ אין הינטערגרונט, ווערט אויסגעוועפּט און ביסלעכווייז פאַרווישט — ווי אין מערב־אייראָפּע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מסתמא אויך אין ראַטנ־פאַרבאַנד — הן אין אויסזען, הן אין די מנהגים און פירעכצן, הן אין פּראָפעסיאָנעלן און געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, וואַקסט אַלץ מער און מער דער באַטייט פון דעם פאַקטאָר דעם אינערלעכן: די אינערלעכע טאָנאַליטעט, די אינדיווידועלע באַציאונג צום כלל, דער געפיל פון נאַציאָנאַלער שייכות. דאָס אַלץ גייט אַריין אין באַגריף — נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין.

דער דיאַפּאַזאָן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין קאָן זיין אַ פאַרשיידנאַר־טיקער. ער קאָן — אין דער ברייט — אַרומכאַפּן דעם גאַנצן ערד־קיילעך, דאָס יידישע פאָלק אין גאָר דער וועלט. זיין האָריזאָנט קאָן אויך זיין שמעלער און צונויפפאַלן מיט די גרענעצן פון איין לאַנד, פון איין מלוכה. די נאַציאָנאַלע שייכותן באַציען זיך דאַן בלויז, אָדער בעיקר צו דער ציבור, למשל, וואָס פיל סאָוועטיש־יידישע שרייבער רופן אָן „אונדזער סאָוועטיש יידיש פאָלק".

עפּעס ענלעכס איז אויך מיט דער היסטאָרישער טיף פון אָט דעם באַוואוסטזיין. ער קאָן גרייכן וויט אין יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער, טאָקע אַזש ביז אברהם אָבינו. ער קאָן זיך באַגנוגענען מיט אַ תקופה אָדער מיט תקופות פון אונדזער געשיכטע, אייראָפּעאישער אָדער אויסער־אייראָ־פּעאישער. ער קאָן אַפילו פּרוּוון פאַרוואַרפן אַ בריק צווישן אוראַלטן נעכטן און פריש־געבוירענעם היינט, אַריבערשפּריגענדיק איבער אַלץ, וואָס ליגט אין דער מיט, אַ מין הענג־בריק איבער אַ געשיכטלעכן חלל פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, ווי אין נוסח „שלילת הגלות".

דורך פאַרשיידנאַרטיקע נוסחאות, אין פאַרשיידענע פאָרמען און שפּראַכן, קומט אָבער צום אויסדרוק עפּעס וועזנטלעך־באַשטענדיקס: אַ באַיאָענדיקע גורל־געמיינשאַפט, אַן עמאָציאָנעלע שפּאַנונג, אַ געפיל פון היסטאָרישן המשך, וואָס באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיטן נעכטן, נאָר זוכט דעם וועג אויך צום מאָרגן.

פרעגט זיך: דער היינטצייטיקער פּאָזיטיווער העלד פון דער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף זיין, נאַטירלעך, אַ סאָוועטישער מענטש, אין שענסטן זין פון וואָרט, און באַשאָנקען מיט אַלע מעלות, וואָס אַ העלד דאַרף פאַרמאָגן — צי דאַרף ער, יאָ אָדער ניין, צי מוז ער, יאָ אָדער ניין, זיין באַשאָנקען אויך מיטן פלאַטער פון יידישער גורלדיקייט?

און לסוף נאָך איין פרעג־צייכן, דער לעצטער שוין: ווי דאַרף זיין די באַציאונג פון שרייבער צום נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, צו דער יידישקייט פון זיין „העלד פון אונדזער צייט"?

דער הויפּט־פאַרשטייער פון דער שיטה פון פראַנצויזישן אַז. גער. „נייעם ראָמאַן", ראָב־גריע, האָט אויף פאָלגנדיקן אופן דעפינירט זיין לי־טעראַריש־מעטאָדאָלאָגישן אני־מאמין: „איך שרייב — בכדי צו וויסן פאַרוואָס איך שרייב".

וועגן דער דאַזיקער דעפיניציע, אַ בכיוונדיק פּראָוואָצירנדיקער, לאָזט זיך פיל ריידן. זיכער איז, אַז זי געפינט זיך אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צום אַני־מאַמין פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אַ סאָוועטישער שרייבער שרייבט נישט בכדי צו וויסן פאַר־וואָס ער שרייבט. ער שרייבט ווייל ער ווייסט פאַרוואָס און צו וואָס ער שרייבט. ער ווייסט, נאָך איידער ער נעמט די פען אין האַנט. אוודאי איז אויך דער סאָוועטישער שרייבער, ווי יעדער שרייבער אויף גאָר דער וועלט, ניט שטענדיק דער באַלעבאָס איבערן גורל פון זיין העלד. וועל־כער קאָן אַמאָל זיך אַוועקלאָזן אין אייגענע דרכים, אַפּט אומדערוואַרטע און אומגעריכטע. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז צילבאַוואוסט־קייט און צילגעווענדקייט זיינען תמיד ביים סאָוועטישן שרייבער, אויב נישט דער אויסגאַנג־פּונקט פון ווערק, איז לכל הדעות צווישן די הויפּט־עלעמענטן פון שאַפערישן פּראָצעס.

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז טיף דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון געזעלשאַפטלעכער מיסיע און געזעלשאַפטלעכער אחריות. זי איז מיט אַלע חושים געוואָנדן צום מענטש, וועלכן זי וויל דערציען, דערהויבן, באַגייסטיקן און באַגייסטערן. דער שרייבער האָט דאָ זיין וואָרט צו זאָגן, זיין גרויס וואָרט. ער זאָגט עס דורך זיין ווערק, דורך זיין העלד, וואָס איז הן שפּיגלבילד, הן אידעאַליזירטער ביישפּיל אויף נאָכצופאָלגן.

אויך דער יידישער פּאָזיטיווער העלד איז, נאַטירלעך, שפּיגלבילד און ביישפּיל נאָכצופאָלגן. אויך דורך אים זאָגט דער יידישער שרייבער זיין גרויס וואָרט.

פרעגט זיך: מאַי קאָ משמע לן דער שרייבער? וואָס וויל ער אונדז, ס'הייסט דעם לייענער, לאָזן הערן? ווי דאַרף דער ביישפּיל פון נאַציאָ־נאַלן אייגנאַרט פון העלד אויסגעטייטשט און נאָכגעפאָלגט ווערן: אין זין פון מער אייגנאַרט, אָדער פון ווייניקער? פון מער יידישקייט אָדער פון ווייניקער? אַ יידישקייט, זיכער, נישט קיין שמן־זיתדיקע, נישט קיין אתה בחרתנודיקע, אַ פּשוטע, אַ ברויטענע, פּונקט אַזאַ ווי ס'איז די שכנותדיקע רוסישקייט, צי אוקראַינישקייט, צי אוזבעקישקייט, אַ יידיש־קייט אַ באַנייטע, אַ וועלטלעך־פּראָגרעסיווע, אַ סאָציאַליסטישע, אָבער פאַרט — מערער צי ווייניקער?

פרעג־צייכנס, פרעג־צייכנס און פרעג־צייכנס.

נישט מיר, אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, זיינען בכח זיי צו פאַרענטפערן, נישט מיר זיינען באַרופן זיי צו פאַרענטפערן.

איך גלויב אָבער, אַז מיר זיינען יאָ באַרופן זיי צו שטעלן.

**
*

אויף דער פריער דערמאָנטער באַראַטונג וועגן מצב פון דער סאָ־וועטיש־יידישער פּראָזע, וואָס איז פאָרגעקומען אין רעדאַקציע פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד", האָט דער פאַרוואַלטער פונעם פּראָזע־אָפּטייל פון זשורנאַל אונטערגעשטראָכן אין זיין אַריינפיר־וואָרט:

„ווען מיר באַטראַכטן אונדזער היינטצייטיקע פּראָזע ווי איין קאָמ־פּלעקס, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אין דער קייט פון די פּראָב־לעמען, וואָס די פּראָזע האָט געשילדערט, פעלט די רינג, וועלכע מיר קאָנען באַדינגלעך אָנרופן „די לעצטע צוויי צענדליק יאָר".

וועלכע זיינען זיי עס, אָט די באַדינגלעך אָנגערופענע „לעצטע צוויי צענדליק יאָר"? דאָס זיינען די שוואַרצע, די פינצטערע יאָרן פאַרן יידי־שן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, די יאָרן אויף וועלכע עס ליגט דער טראַ־גישער חותם פון אַזוי־גערופענעם „פערזאָנען־קולט". אויף אָט די יאָרן האָט עס די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור — נישט בלויז די פּראָזע, נאָר אויך די עסייאיסטיק און, מיט קליינע אויסנאַמען, די פּאָעזיע — אַרויפגעוואָרפן אַ מין שוואַרצן שלייער. אָט די דאָזיקע יאָרן זיינען עס די פעלנדיקע רינג, ריכטיקער: די רינג, וואָס איז אַריינגענומען און איינ־געשלאָסן געוואָרן — אין קלאַמערן.

למען האמת דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די ערשטע, וואָס האָט די קלאַמערן באַנוצט, איז געווען דווקא — „סאָוועטיש היימלאַנד".

דער נומער איינס פון זשורנאַל, דאַטירט יולי־אויגוסט 1961, הייבט זיך אָן מיט אַ טראַדיציאָנעלער ווענדונג צו קורא־נכבד, צום טייערן ליי־ענער, און די דאָזיקע ווענדונג קלינגט פונקט אַזוי ווי אַ פריערדיקער נו־מער פון אַ פריערדיקן זשורנאַל וואָלט דערשינען אָט־אָקאָרשט, מיט אַ חודש־צוויי פריער. וועגן דעם, אַז צווישן ביי־דערשינענעם „סאָוועטיש היימלאַנד" און דעם לעצטן נומער פונעם לעצטן יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען פאַרלאָפן גאַנצע דרייצן יאָר און אַז דאָס זיינען געוואָרן יאָרן פון גרויל און בלוט און טרערן — וועגן דעם ווערט נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט. דאָס אַלץ איז אַריינגענומען געוואָרן — אין קלאַמערן.

האָט מסתמא די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געהאַט גענוג וואָגיקע סיבות צו טאָן ווי זי האָט געטאָן און אַוודאי איז אומזיניק צו טראַכטן, אַז עמעץ־ווער און עמעץ־וואו האָט איבערגעלעבט און לעבט איבער שטאַרקער און טיפער די טראַגיק פון יענע גרויזאַמע יאָרן, ווי די גרינדער און מיטאַרבעטער פון זשורנאַל, ס׳הייסט די גאַנצע סאָוועטיש־יידישע שרייבער־משפחה.

אַ פאַקט איז אָבער: עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן קלאַמערן און זיי שטייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג. און נאָך אַ פאַקט: די קלאַמערן זיי־נען געוואָרן אַ שטרויכלשטיין פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אַ שטערונג פאַר איר וואוקס, אַ שאָטן וואָס פאַרטונקלט איר די ליכטיקע שיין. נישט בלויז ליגט צווישן די קלאַמערן דער שליסל צו אַלע פּרעג־צייכנס, וואָס זיינען פריער אָנגעצייכנט געוואָרן, דאָ ליגט אויך דער שליסל צו דער גורל־פראַגע בפועל ממש פון אָט דער ליטעראַטור, צו דער פראַ־גע פון איר זיין אָדער נישט־זיין.

ס׳איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז דער סטאַטוס פון דער יידי־

שער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי פון דער יידישער קולטור בכלל, איז, נאָכן בלוטיקן שניט פון די „קלאָמער"־יאָרן, נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אויף אַן אומצווייַדייטיקן און ענדגילטיקן אופן, ביז אויף היינ־טיקן טאָג. געוויס, די פאַרברעכנס זיינען אָנערקענט געוואָרן אַלס פאַר־ברעכנס, די קדושים אָנערקענט אַלס קדושים און די ביים־לעבן־געבלי־בענע יידישע שרייבער האָבן ווידער באַקומען זייער תיקון, ווי יידישע שרייבער.

מען טאָר אָבער אַליין זיך נישט נאַרן. איין און איינציקער ליטעראַ־רישער זשורנאַל און בסך־הכל פינף פאַרעפנטלעכטע ביכער פון לעבעדי־קע שרייבער, במשך פון גאַנצע פינף יאָר — דערפון צוויי זאַמלביכער און בלויז דריי אינדיווידועלע ווערק — דאָס איז נאָך פאָרט ניט קיין ליטע־ראַריש לעבן. פונקט ווי ס'איז נאָך פאָרט נישט קיין טעאַטער־לעבן די כך וכך עסטראַדע־גרופּן, וואָס פאָרן אַרום איבערן גאַנצן לאַנד און די עטלעכע דראַמאַטישע קרייזן, וואָס זיינען טעטיק דאָ און דאָרטן. און דער מינדסטער סימן מערקט זיך נישט פון וועלכער נישט איז טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער וויסנשאַפט און דערציאונג.

ס'ווייזט אויס, אַז דער פּרינציפּעלער וויכוח איז נאָך אַלץ נישט פאַר־ענדיקט און ס'איז נישט פאַרענטפערט ענדגילטיק די פראַגע, צי די יידישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד און די יידישע ליטעראַטור בתוכם איז נאָך בכלל נויטווענדיק, אָדער נישט, צי זי אַנטשפּרעכט היינט צו טאָג אַ קאָנ־קרעטער היסטאָרישער באַדערפעניש, אָדער איז נישט מער ווי אַן איבער־בלייבעניש פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, אַ רעשט פון נעכטן, וואָס דאַרף, אין בעסטן פאַל, בלויז ווערן טאָלערירט.

פונעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז אָפּהענגיק דער ווייַ־טערדיקער גורל פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אָבער פון אָט דער ליטעראַטור, פון איר קינסטלערישער רייפקייט, פון איר נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג און אידעאישער צילבאַוואוסטקייט, פון איר אויסמעסט און אויס־קלאַנג איז אָפּהענגיק, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, דער ענטפער גופא.

ס'איז נישט גענוג אַריינצוזעצן אין קלאָמערן דעם טראַגישן אור־טייל, וואָס האָט געהאַט פאַרמשפּט אָפּצוווישן פון דער אויבערפלאַך אַ גאַנצע ליטעראַטור, ווי די העכסטע פאָרם פון נאַציאָנאַלער קולטור. קלאָ־מערן זיינען נישט קיין שוץ און נישט קיין מקום־מקלט. זיי מוזן אויפגע־עפנט ווערן און פאַרשווינדן, כדי עס זאָלן קאָנען פאַרשווינדן די לעצטע שפּורן פון אַ תקופה, וואָס איז צום גליק, אַליין שוין אַ פאַרשוואונדענע.

עפענען די קלאָמערן הייסט — פאַרמעסטן זיך אויף אַ גרויסן, אַלזייַ־טיקן חשבון הנפש פון סאָוועטישן יידנטום פון אונדזערע טעג, אַ חשבון פון אָט דעם אַלעם גורלדיקן, וואָס איז פאַרלאָפן אין לעבן פון כלל, אין לעבן פון שרייבער און אין לעבן פון לייענער.

נאַציאָנאַלער חשבון הנפש איז איינער פון די עיקר־שטריכן פון אונ־דזער ליטעראַטור, במשך פון דורות און דורות. אין דער מאָדערנער לי־

טעראַטור האָט דער זיידע רב מענדעלע דער ערשטער זיך פֿאַרנומען אויף אַ גרויסן קינסטלערישן סך־הכל פֿון פֿאָלקס־גורל אין זיין אויסטערליי־שער „קליאַטשע", וואָס אָט איז זי אומגליקלעכער פּרינץ און אָט באַלד — וויסטע, בידנע שקאַפּע, נעבעך. יצחק־לייבוש פּרץ האָט אַ לעבן־לאַנג, און אויף אַלע אופנים, געזוכט אויפֿצוכאַפּן דורך צייטן און דורות דעם באַזונדערן יידישן ניגון, דעם ספּעציפֿישן טאָן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַריינגעטראָגן אין דער וועלט־סימפאָניע און וואָס וועט מער נישט זיין, אויב מיר וועלן נישט זיין.

אָט דער מין חשבון־הנפש איז, אין אַזאַ אָדער אַנדער פֿאָרם, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער גאַנ־צער מאָדערנער ליטעראַטור וואָס איז נישט בלויז יידישע ליטעראַטור, נאָר גלייכצייטיק אויך און בפירוש — יידישקייט־ליטעראַטור.

איז דען נויטיק צו דערמאָנען די היסטאָרישע סיבות פֿון דער דאָ־זיקער דערשיינונג? אויב די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור למשל זוכט אַ תשובה בעיקר אויף פּראָבלעמען פֿון מענטשן בכלל און אָן ערך ווייניקער פֿון פֿראַנצויז און פֿראַנצויזישקייט, איז עס נישט דערפֿאַר, וואָס דער פֿראַנצויזישער שרייבער און זיין לייענער דענקען און פֿילן בטבע אין קאַטעגאָריעס אַלעמענטשלעך־אוניווערסאַלע, וועלכע שליסן אויס אַלדאָס פּאַרטיקולאַרע און יחידיש־פֿאָלקישע, נאָר בלויז און אויסשליסלעך מחמת דעם, וואָס אָט דאָס יחידיש־פֿאָלקישע זייערס איז נישט אָפּגעפֿרעגט דורך קיינעם און במילא איז פֿראַנצויזישקייט־פֿראַגע בדרך כלל קיין פֿראַגע נישט. בעת אָבער די דאָזיקע פֿראַגע ווערט, אין געוויסע תקופֿות, דווקא יאָ אַ פֿראַגע — ווי אַ שטייגער נאָך דער אַנעקסיע פֿון עלזאַס־לאָטאַרינגען אין 1871 און גאָר באַזונדערס בעת דערווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן נאַצי־אָקופּאַנט אין דער לעצטער מלחמה — דאַן שלאָגט זיך אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור אַ שטראָם, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מעכטיקער פֿראַנצויזישקייט־שטראָם און וואָס אין נאָרמאַלע צייטן פֿליסט ער אַזוי ווי אונטערערדיש.

עפּעס ענלעכס איז חל אויף אַלע ליטעראַטורן פֿון אַלע פֿעלקער אין עת־צרה פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אָדער נאַציאָנאַלן אויפֿברויז און אַוודאי איז עס חל אויף ליטעראַטורן פֿון פֿעלקער, וואָס האָבן גע־שמאַכט אונטער אַ פֿרעמדן יאָך. אַזוי איז למשל אויך די פּוילישע ליטע־ראַטור, במשך פֿון דורות, געווען בעיקר אַ פּוילישקייט־ליטעראַטור. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער טשעכישער אָדער בולגאַרישער לי־טעראַטור, דאָס זעלביקע אָגב זעען מיר היינט אין די ליטעראַטורן פֿון די יונגע אַפֿריקאַנער פֿעלקער, ערשט אויפֿגעקומענע אין בלוטיקן געראַנגל פֿאַר באַפֿרייאונג, ליטעראַטורן באַהערשט, כמעט אויסשליסלעך דורך פּראָבלעמען פֿון אייגענער אידענטיטעט.

אונדזער ליטעראַטור איז די ליטעראַטור פֿון אַ פֿאָלק, וועמענס אי־דענטיטעט — זיין יידישקייט — איז אָן אויפֿהער אָפּגעפֿרעגט געוואָרן,

במשך פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער, פיזיש און גייסטיק, אויפן גרויזאַמסטן און בלוטיקסטן אופן. וואָס מער דראַענדיק, וואָס מער סכּנה־דיק דאָס אָפּפרעגן איז געווען, אַלץ מער פאַרפּאַנצערנדיק און אין־זיך־איינשליסנדיק האָט געמוזט זיין די תּשובֿה, וואָס די ליטעראַטור האָט געגעבן. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט די גרויסע היסטאָרישע פונק־ציע פון דער ליטעראַטור: באַגייסטערן דעם געראַנגל, וואָס אַ געפּייניקט פאָלק האָט געפירט פאַר זיין לעבן.

דאָס דורות־לאַנגע אָפּפרעגן־און־פאַרענטפערן פון פאָלקישער אידענ־טיטעט — פאַרענטפערן פאַרן פיינטלעכן אַרום און גלייכצייטיק פאַר זיך גופא — האָט ביי אונדז באַשאַפן אַ מין באַדינגלעכן רעפלעקס, אַן אמתע צוויטע נאַטור, וואָס נעמט אַן צומאָל פאַרמען איבערגעטריבענע, שיר־נישט קאַריקאַטור־מעסיקע. אָבער אַפילו די גוזמאדיקע צוגעשפּיצטקייט פון פאָלקישער פילבאַרקייט, וועלכע קומט געוויס צום אויסדרוק אויך אין חשבון הנפש פון אונדזער ליטעראַטור, איז, ווידער אַ מאָל, אַ רעזולטאַט פון פאַקטאָרן געשיכטלעכע. אַזאַ מצבֿ וועט אָנהאַלטן ביז, נישט בלויז ס'וועט מער קיין זכר נישט בלייבן פונעם אַלטן „שווער צו זיין אַ ייד", נאָר ס'וועט ענדגילטיק פאַרשווינדן אויך דאָס מער מאָדערנע „לייכטער צו זיין אַ נישט־ייד".

די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, פון אירע ערשטע טריט און ביז צו די מלחמה־יאָרן, האָט נית געהאַט נישט קיין באַדערפעניש און נישט קיין צייט אָט דעם חשבון אויסצוחשבונען.

נישט קיין באַדערפעניש — צום ערשטן מאָל אין דער מאָדערנער געשיכטע, איז אונדזער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט נישט אָפּגעפרעגט גע־וואָרן. אדרבה, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זי באַשטעטיקט אויף אַן אומגעזעענעם אופן, אַלע שאלות זיינען מיט איין מאָל אָפּגעפאַלן, קיין שום תּשובֿות האָט מען מער נישט באַדאַרפט.

אויך נישט קיין צייט. גרויסע אָטעם־פאַרכאַפּענדיקע אויפגאַבן האָבן זיך אַ ווייז געגעבן אויפן האָריזאָנט. אַלץ איז געווען כּולו בראשית, אַב־סאָלוטע באַנייאונג, אַן אמתער הימן פון אור־באַשאַף האָט אויפגעקלונגען אין דער גאַנצער ליטעראַטור, אין דער דיכטונג פונקט ווי אין דער פּראָ־זע: אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבן, אַ באַנייט סאָוועטיש־יידיש פאָלק. ווער האָט עס געהאַט צייט, ווען מען האָט עס געקאָנט ליגן אין זינען צו גריב־לען זיך אין אַלטע, פאַרשטויבטע, עבֿר־זמניקע חשבונות, וואָס די גע־שיכטע אַליין האָט שוין אָפּגעווישט פון אירע קרייד־טאָוולען?!

דערנאָך איז געקומען די פאַטערלענדישע מלחמה און דער גרויזאַמער נאַצי־חורבן און קוים עטלעכע יאָר שפּעטער, אומגעריכט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, דער חורבן פון די „קלאַמער"־יאָרן.

איצט דאַרף דער חשבון געמאַכט ווערן. נישט בלויז פון אָנגעהויבטע יאָרן, נאָר אויך פון נייער קוואַליטעט, פון געענדערטן איכות. אַ חשבון, נישט אין ציפערן, נאָר אין קינסטלערישע ווערק, פון די אַלע ווייט־ און

טיף־גרייכנדיקע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט, במשך פון די לעצטע יאָרצענדליקער, דאָס סאָוועטישע יידנטום, פון די אַלע באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ גענג, וואָס האָבן אויסגעפורעמט זיין געשטאַלט און אויסגעהאַמערט זיין געמיט. אין סך־הכל וועט אַוודאי אויפקומען די אַלט־נייע פראַגע וועגן דער גאָלדענער קייט, וועגן דעם, וואוהין און ווי זי קייטלט זיך ווייטער און צי זי קייטלט זיך בכלל ווייטער.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד” איז שוין עטלעכע מאָל באַרירט געוואָרן דער ענין גאָלדענע קייט און דאָס דאַרף באַגריסט ווערן. אָבער נאָבלעס אָבליזש. ס'זיינען פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס ס'איז נישט גענוג און נישט מעגלעך זיי צו באַרירן בלויז אויבנאויפיק. מען מוז זיי פאַרטיפן. גאָלדענע קייט הייסט אויך היסטאָרישע אחריות פון דער ליטעראַטור פאַר דעם, אַז די קייט זאָל נישט איבערגעריסן ווערן און אַז די רינג פון אונדזער דור זאָל ווערן איבערגעגעבן צו די ווייטערדיקע דורות.

אַזאַ חשבון איז נישט קיין לייכטער און איינפאַכער. פיל פּשוטער איז זיך צו לאָזן שווימען מיטן אַלגעמיינעם טעמאַטישן שטראָם. יעדע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ רייע סיוזשעטישע מאָטיוון, וואָס דאָמינירן אין אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט. צו אַזעלכע הויפּט־מאָטיוון געהערן היינט למשל אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — אונטערבאַוואוסטזיין, סעקס, פּסיכאָאַנאַליז און אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — אַליענאַציע, אַבסורדאַלקייט, איינזאַמקייט. אויך די סאָוועטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אירע דאָמינירנדיקע טעמאַטישע ליניעס, פון אַ גאַנץ אַנדער מין, פאַרשטייט זיך: סאָציאַליסטישער בוי, קאָנפליקט פון דורות, יוגנט אאַ״וו. אויף אַן אַלגעמיינער טעמאַטישער קאַנווע, מיט אַ געוויסער נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג, קאָנען בלי ספק אויפגעבויט ווערן, אין יידיש, ווערק פון אומצווייפלהאַפטן ליטעראַרישן ווערט, וואָס וועלן שפּעטער, אין אַן איבערזעצונג אויף דער לאַנד־שפּראַך, קאָנען דערגיין — און וואָס אַלגעמיינער די טעמאַטיק וועט זיין, אַלץ לייכטער וועלן זיי דערגיין — אויך צום נישט־יידישן לייענער.

אויסוויילן דעם דאָזיקן וועג איז געוויס לייכטער, אָבער דווקא די לייכטקייט גייט אויף דער האַנט פון די אַלע, וואָס האַלטן, אַז יידישע קולטור און יידישע ליטעראַטור זיינען אין ראַטנפאַרבאַנד מער נישט נויטיק.

אָנשטאָט דעם, אַז דער שרייבער זאָל צוערשט איבערזעצן פון רוסיש, די שפּראַך פון זיינע העלדן, אויף יידיש, די שפּראַך פון זיין שאַפן, מיט דער כוונה, אַז זיין ווערק זאָל שפּעטער איבערזעצט ווערן פון יידיש צוריק אויף רוסיש — איז שוין זשע דען באמת נישט איינפאַכער צו שרייבן גלייך אויף רוסיש?! דער זכות פון אַ שפּראַך איז טאַקע אַ גרויסער, אָבער בלויז אָט דער זכות איז נישט גענוג אויף בייצושטיין אַ ליטעראַטור. אויב שפּראַך, וואָס איז פליישׂ־און־בלוט פון פאָלק און דער אינטימסטער פירזאָגער פון פאָלקישע חלומות, געלעכטער און טרערן,

ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פשוטן לינגוויסטישן בגד, דאַן קאָן מען זי לייכט טוישן. פונקט ווי מען טוישט אַ בגד, פונקט ווי מען טוישט אַ העמד.

דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור איז קיינמאָל, אויסער אין די נאָך־אָקטאָבער־יאָרן, נישט געווען קיין לייכטער. איצט, אין פעריאָד פון טיפער אומוואַנדלונג הן פון פאָלק הן פון וועלט, איז ער באַזונדערס שווער.

אויסחשבונען דעם גרויסן יידישקייט־חשבון מוז מען נישט דווקא אין יידיש. מען קאָן עס אויך אַשטייגער אין רוסיש. דאָס פאַר־רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט אַ רייכע טראַדיציע פון יידיש־רוסישער ליטעראַטור. אַפילו נאָך דער רעוואָלוציע איז אַזאַ שרייבער ווי איזאַק באַבעל געווען בלי ספק אויך אַ גרויסער יידישער שרייבער, הגם ער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אָנגעשריבן קיין אײן יידישן אות. מען קאָן דעם חשבון פרוּוון אויסחשבונען אין ענגליש און דאָס ווערט אַגב געטאָן אין דער פאַרצווייגטער יידיש־ענגלישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. מען קאָן עס אין פראַנצויזיש, אין פויליש, אין טשעכיש און אין כלערליי לשונות.

אין די אַלע שפּראַכן קאָן מען עס, אָבער אין יידיש, אין דער יידישער ליטעראַטור מוז מען עס. מען מוז, ווייל אַזאַ איז דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער ליטעראַטור, ווייל אין דעם באַשטייט איר גרויסקייט, די עכטקייט פון אירע לעבנס־פונקציעס, די אָרגאַנישקייט און אויטענטישקייט פון איר מיסיע.

דער היסטאָרישער מוז פון דער ליטעראַטור צווינגט זיך אַרויף אויך אויפן שרייבער. פון תמיד אָן איז דער יידישער שרייבער נישט בלויז שריפטשטעלער, נאָר גלייכצייטיק שליח־ציבור, וואָס טראָגט הויך דעם באַוואוסטזיין פון זיין שליחות. פּרצעס „לאָמיר נביאים, פירער ווערן!" האָט געקלאַנגט אויסזען ווי סתם אַ שיינער ראָמאַנטישער זאָג, אָבער דער זאָג דרינגט אַרויס פון אַ דורותדיקער טראַדיציע. אין אַ צייט ווען דער מאָדערנער יידישער ציבור האָט ערשט אָנגעהויבן זיך אויסגעשטאַלטיקן, אָדער ווען קיין אַנדער וואָרט־זאָגער האָט זיך נישט דערשלאָגן צו דער געזעלשאַפטלעכער אויבערפלאַך, איז דער שרייבער געווען שיר־נישט דער איינציקער שליח־ציבור. טראָגן דעם עול פון יידישער ליטעראַטור האָט תמיד געהייסן — און הייסט ביז אויפן היינטיקן טאָג — טראָגן די אחריות פאַר יידישער פאָלקישקייט.

נישט צופעליק האָט, אין גאַר דער יידישער וועלט, דווקא דער לינקער געזעלשאַפטלעכער סעקטאָר גענומען אויף זיך מיט באַזונדערער ליבשאַפט און באַזונדערן אייפער אָט דעם מאָדערנעם „עול התורה", דעם עול פון יידישער קולטור בכלל און יידישער ליטעראַטור בפרט. דער אומדערמידלעכער, עקשנותדיקער און קרבנות־פולער קולטור־קאַמף, וואָס ווערט געפירט דורך די יידיש פאָלקסטימלעכע געזעלשאַפטלעכע קרייזן

אין אַלע לענדער, וואו ס׳זיינען פאַראַן יידישע ישובים, איז נאָך אַ באַוויז פון די טיף־פאָלקישע, פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אונדזער קולטור.

דאָס איז אויך איינער פון די עלעמענטן פון חשבון, איינער פון די אַספּעקטן פון אַ גרויסן און קאָמפּליצירטן פּראָבלעם, וועלכן קיין שום קלאָמערן האָבן זיכער קיינמאָל נישט באַוויזן צו לייזן. דאָ איז קודם כל נויטיק — דער אמת. דער היסטאָרישער אמת, דער קינסטלערישער אמת. דער פּשוטער מענטשלעכער אמת.

אַן אַלטער פראַנצויזישער שפּריכוואָרט וואָרנט אַפילו: „נישט יעדן אמת איז גוט צו זאָגן". אַן אַלטער רוסישער שפּריכוואָרט איז נאָך מער פּעסימיסטיש: „פאַרן אמת קריגט מען קלעפּ". אָבער אָט האָט אַ סאָוועטיש־יידישער דיכטער, טאָקע דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אַרן ווערגעליס, געזונגען ערשט־נישט־לאַנג הויך און שטאַרק: „די שענסטע פון אַלע פּאָעמעס — דער אמת, דער אמת, דער אמת".

און געווענט איז פּאַרט דער דיכטער.

*****

צום פינף־יאָריקן יובל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווילט זיך שיקן דער רעדאַקציע פון זשורנאַל און אַלע אירע מיטאַרבעטער, ס׳הייסט דער גאַנצער סאָוועטיש־יידישער שרייבער־משפּחה, די האַרציקסטע וואונטשן און ברכות; האַרציקסטע גרוסן אויך פאַר די טויזנטער און טויזנטער לייענער פון זשורנאַל, יונג און אַלט, און ס׳איז טאָקע אַ פרייד צו וויסן אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן הן יונג און הן אַלט.

ס׳קאָן אפשר אויסזען מערקווירדיק, אָבער ס׳איז אַ פאַקט — און יעדער, וואָס לייענט דעם זשורנאַל האָט עס געקאָנט פעסטשטעלן: דווקא אינעם לאַנד, וואו די יידישע ליטעראַטור איז, בסך הכל מיט פינף יאָר צוריק, געווען נאָך אויסשליסלעך אַ שופלאָד־ליטעראַטור, דווקא דאָרט ווערט היינט וועגן איר גערעדט אַן דעם קרעכץ, אָן די כלעריי קאָמפּלעקסן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אַנדערע ליטעראַרישע צענטערן אונדזערע. דווקא דאָרט ווערן פאַר איר געשטעלט פאָדערונגען, גאָרנישט ווי פאַר אַ חולה־מסוכן און ס׳ווערן אָנגעצייכנט אויפגאַבן שווערע, אחריות־פולע, וועלכע עס קאָן דערפילן בלויז אַ ליטעראַטור אַ געזונטע, אַ פולבלוטיקע, וואָס סיי דער שרייבער, סיי דער קריטיקער, סיי דער לייענער נעמען זי ערנסט, זייער ערנסט, ביז גאָר ערנסט.

אויך מיר, אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, נעמען די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור ביז גאָר ערנסט און דעריבער טאָקע די אַלע אויסרוף־צייכנס, אַלע פראַג־צייכנס און די רעיונות וועגן אַלע קלאָמערן.

די פינף יאָרגענג „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן באַוויזן, אַז גערעכט איז געווען שמואל האַלקין: ס׳זיינען באמת פאַראַן אַלע געגעבענע, אַז די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָל פון אויס־ליטעראַטור, ווערן גרויס־ליטעראַטור, דער גרעסטער און וויכטיקסטער אָפּצווייג פון דער יידישער ליטעראַטור אין גאָר דער וועלט.

1966

פּראָבלעמען

כאַראַקטער־שטריכן פון אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור

שוין צען יאָר, ווי עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן איינער פון די גורלדיקסטע קאַפּיטלען פון דער מאָדערנער וועלט־געשיכטע און גלייכצייטיק — איינער פון די טראַגישסטע, איינער פון די בלוטיקסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע פון אַלע צייטן.

עס קלינגט נאָך, אין אונדזער זכרון, דער גלאָקן־געקלאַנג פונעם טאָג פון נצחון. אַ צעשמעטערטע, אַ צוזאַמענגעפאַלענע אין שמוץ־און־שטויב, איז געלעגן די רוצחישע מאַכט פון נאַציזם. די זיגרייכע סאָוועטישע פאָן האָט שטאָלץ אויפגעפלאַטערט איבער די חורבות פון בערלין און באַלד זיינען אַרום איר אויפגעהויבן געוואָרן פענער פון אַלע אַליאירטע מלוכות.

דער פרייז פונעם זיג איבערן פאַשיזם איז געווען אַ מוראדיקער. די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן באַצאָלט מיט פופצן מיליאָן טויטע און פאַרוואונדעטע און מיט צענדליקער טויזנטער חרובע שטעט און דערפער. אַלע אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע — און גאָר באַזונדערס, די פּאָליאַקן, גריכן, פראַנצויזן און יוגאָסלאַוון — האָבן באַווײנט אומצאָליקע קרבנות, אין די מיליאָנען, אָדער אין הונדערטער טויזנטער. אַמגרויזאַמסטן אָבער איז געווען דאָס אַנטפּלעקטע בילד פון יידישן אומגליק: אויף אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן די תוכחה אין איר אַממערסטן רשעותדיקער, אוממענטשלעכער פאָרם, מיט אַ מאָנסטרועז־ראַפינירטער מאָרד־לוסט, מיט אַ וויסנשאַפטלעך־קאַלטער אומברחמנותדיקייט — עס איז אומגעבראַכט געוואָרן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

אויף דעם פאַנטאַסטיש־גרויליקן הינטערגרונט פון אומקום, האָט אויפגעלויכטן, מיט אַ באַזונדערס בלענדנדיקן ליכט, די עפּאָפּייע פון יידישן ווידערשטאַנד און באַוואָפנטן קאַמף. הײנטצייטיקע יידישע גבורה האָט זיך איבערגערופן מיט אוראַלטע תקופות פון יידישן פרייהייט־קאַמף. שלאַכט־לייט, פּאַרטיזאַנער און געטאָ־אויפשטענדלער האָבן מיט זייער בלוט געשריבן דעם טראַגישן יחוס־בריוו פון אונדזער דור און באַלד איז אָט דער יחוס־בריוו געוואָרן דער קנין פון איבערוויגנדיקן טייל פונעם פאָלק.

אַרום דער יידישער ווידערשטאַנד־ און קאַמף־עפּאָפּייע איז אויפגעקומען אַ גרויסע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן הן אויף דער הייסער מינוט, אין די געטאָס, אויף די פראָנטן, אין אונטערערד, הן שפּעטער שוין, מיט אַ געוויסער צייט־דיסטאַנץ. אין איר זיינען פאַרטראָטן אַלע אָנגעזעענע,

ביים־לעבן־געבליבענע שרייבער פון איירָאפּע און אַ רייע שרייבער אויך מעבר לים. ס׳איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס ווערק, וואָס איז געוואָרן כמעט ווי אַ סימבאָל פון דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, געהערט גראָד צו אַן אַנפּאַנגער, וועלכער האָט געשטעלט קוים די ערשטע שריט זיינע אין דער יידישער דיכטונג. אפשר איז ער גראָד געשטאַנען אַמנאָענטסטן צו דער אוממיטלבאַרקייט פון דער פאָלקס־סטיכיע, אפשר איז גראָד אים געווען אַמלייכטסטן צו געפינען דאָס זייער פּשוטע — נאָך אומגעשיקטע און נישט באַפליגלטע — אָבער ריכטיקע וואָרט, וואָס זאָל אַמבעסטן טרעפן צום האַרצן פון פאָלק. פּונקט אַזוי האָט, מיט העכער אַנדערטהאַלבן יאָרהונ־דערט פריער, אַן אַנדער אַנפּאַנגער, דער פראַנצויז רוזשע־דע־ליל, זיך דערוואָרבן אומשטערבלעכקייט מיט זיין איין־און־איינציק ליד, די „מאַר־סעליעזע״.

אין די יאָרן פון פיין און פון גרויל, ווען אויף דער ערד האָט אַ פליייץ געטאָן אַ מבול פון יידיש בלוט, האָט געדאַרפט קומען אַ ליד, וואָס „געשריבן איז מיט בלוט״. אין די יאָרן פון שרעקלעכסטן יידישן חורבן, אָבער אויך פון העכסטער גבורה, ווען די יוגנט, און נישט בלויז די יוגנט, האָט זיך געריסן צום שווידערלעך־אומגלייכן קאַמף, זאָל זיין כאָטש מיט צינדפלאַש אַ באַוואָפנטע, מיט איינצלנע ביקסן און נאַגאַנען — האָט געדאַרפט קומען אַ ליד, וואָס דאָס פאָלק זאָל קאָנען זינגען „מיט נאַגאַנען אין די הענט״. און אין די יאָרן פון מאָוימדיקסטן אומקום, ווען יעדער ייד אין איירָאפּע איז געווען אַ פאַרמשפּטער צום טויט, ווען אויף די וועגן קיין טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אוישוויץ און פאָנאַר האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע אויסראָ־טונג־קאַראַוואַנען, אָבער ווען ס׳איז נויטיק געווען, דאָן מער נאָך ווי תמיד, נישט צו פאַרלירן דעם מוט, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש, האָפן און קעמפן ביז דער לעצטער רגע, כדי אַזוי אַרום צו באַזיגן דעם גורל — אין אָט די יאָרן האָט געדאַרפט קומען אַ ליד, וואָס זאָל לערנען דאָס פאָלק, אַז אַפילו אויפן וועג צו טויט טאָר מען זיך נישט איינברעכן, נישט אונטערגעבן זיך, נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין מאָרגן, אַז אַפילו דאַן טאָר מען נישט זאָגן, אַז מען גייט דעם לעצטן וועג.

און דערפאַר טאַקע, וואָס דער יונגער, נישט געניטער דיכטער הירש גליק האָט דאָס דאָזיקע ליד אויסגעזונגען, דערפאַר וואָס ער האָט געפונען אָט די איינפאַכע ווערטער, וואָס האָבן, בעת דער בלוטיקסטער יידישער טראַגעדיע, געהאָלפן דעם פאָלק לעבן, האָפן, קעמפן און אַפילו אויך — ווירדיק צו שטאַרבן, דערפאַר וועט דעם דיכטערס נאָמען בלייבן אייביק אין זכרון פון פאָלק. דערפאַר איז זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל״ געוואָרן אַ פאָלקס־הימן, אַ פאָלקס־תּפילה, אין וועלכער יעדער פון אונדז דערקענט זיך גופא און אַלע צוזאַמען אַנערקענען מיר זיך צו די, וואָס זיינען געוואָרן אַכזריותדיק פאַרשניטן.

אונדזער גאַנצע ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, אַלע ווערק געשאַפענע אויף מאָטיוון פון ווידערשטאַנד און קאַמף — אין ליד, דערציילונג, ראָמאַן און

דראַמע — באַוועגן זיך אין דעם גרויזאַמען ראַם פון בלוט און פייער, אין אַט דעם גורלדיקן קרייז פון לעבן, קאַמף, האָפענונג און טויט, אין וועמענס צענטער עס איז שטענדיק געווען — קאַמף. אַלץ איז געבונדן מיט קאַמף. אויב לעבן — איז דורך קאַמף, אויב האָפענונג — איז אַ דאַנק קאַמף און אויב טויט אַפילו, אָבער טויט מיט מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד — איז אויך און בלויז אין קאַמף.

עפּעס וועזנטלעך־נייעס איז אויפגעקומען אין אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ס'איז אויפגעקומען אַ שלאַכט־ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור אַ קעמפערישע, אַ קריגערישע, מיט באַטאַליסטישע שילדערונגען, מיט העלדן־גבורים, וואָס זייען טויט און פאַרניכטונג אין די רייען פון פאַרהאַסטן שונא.

די לעצטע יידישע שלאַכט־לידער (נישט אַזוינע, וואָס באַקלאָגן די מלחמה־יסורים, נאָר די, וועלכע באַזינגען דעם אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן פיינט) האָבן אָפּגעקלונגען מיט העכער ניין הונדערט יאָר צוריק. פאַרפאַסט האָט זיי דער פאָטער פון דער מאָדערנער העברעאישער דיכטונג, דער באַרימטער רב און ראש־ישיבה, מלוכה־מאַן און קריגספירער, שמואל אבן נגדילה (שמואל הנגיד).

אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז, אָנהייבנדיק פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" און ל. שאַפּיראָס „שפוך חמתך", דורכגעוויקט מיט בלוט. אָבער דאָס איז יידיש בלוט, אומשולדיק און שוצלאָז פאַרגאָסן דורך מערדערישע הענט. ס'איז דאָ אין אונדזער ליטעראַטור דערשיטערנדיקער אויסברוך פון צער־און־צאַרן, ברויזנדיקער פּראָטעסט, קללה אויפן רוצח, אָבער נאָך נישט — ווידערשטאַנד, נישט קאַמף. אַפילו די העלדישע געשטאַלטן פון דער יידישער זעלבשוץ באַקומען כמעט נישט קיין קינסטלערישן תיקון.

דעם קאַמף־מאָטיוו ברענגט אַריין אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור דער ערשטער יידישער דיכטער־רויטאַרמייער, אשר שוואַרצמאַן, וואָס איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין 1919. און שוואַרצמאַנס מעכטיקער אַלאַרם־רוף, „דער שונא ביי די טויערן", הילכט אָפּ, אין יוני 1941, מיט נישט ווייניקער אַקטועלקייט, ווי בעתן בירגער־קריג:

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן!

פון סוף פון האָרץ
זיך רייסט אַ ווילד־געשריי:
— דער שונא ביי די טויערן —

אויפגעך צום פערד
די האַנט שטאָל אָן
ס'איז איצט דער שווערד
די שפּיז — אַ פאָן!
— דער שונא ביי די טויערן —

די יידישע פֿאָלקס־מאַסן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, צוגלייך מיט אַלע סאָ־וועטישע פֿעלקער, וואַרפֿן זיך אין שלאַכט קעגן שונא, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין די טויערן פֿון היימלאַנד. פֿאָטערלאַנד־ליבע ווערט גע־כּופֿלט דורך נקמה־דורשט פֿאַר די מאַסן־שחיטות פֿון פֿרויען און קינדער. די סאָוועטיש־יידישע דיכטונג רופֿט זיך איבער מיט אשר שוואַרצמאַן. עס שיקט פּרץ מאַרקיש זיין פֿלאַמיק וואָרט „צום יידישן שלאַכטמאַן״:

אַצינדערט איז קיין צאָל אויף ציילן נישט פֿאַראַן
קיין וואָרט אַצינד אויף וויינען איז נישטאָ מער
זאָל ווי אַ באַרג זיך איצט אַראָפּלאָזן דיין האַנט
זאָל דריי מאָל, ווי דער אומגליק גרויס זיין דיין נקמה!

איבער געשאָכטענע קהילות איבער אָרימקייט צעפּליקסס
יאַרהונדערטער זיך קייקלען פּונקט ווי רייפֿן
וועסט יידישער סאָלדאַט זיך ניט צעשיידן מיט דער ביקס
ווי ס׳האָבן דיינע זיידעס ניט צעשיידט זיך מיטן ספֿר.

די גאַנצע סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור — פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמע — שפּאַנט אָן אַלע אירע שאַפֿונג־כּוחות אין איין ריכטונג: אַלץ פֿאַרן קריג, אַלץ פֿאַרן זיג! זי פֿאַרנעמט, נאַטירלעך, דאָס ערשטע אָרט אין אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, נישט בלויז לויט דער צאָל, נאָר אויך לויט דער קינסטלערישער קוואַליטעט פֿון אירע ווערק. צו די סאָוועטיש־יידישע שריפֿטשטעלער פֿאַראייניקן זייער קול אויך די יידישע שריפֿטשטעלער פֿון פּוילן, וואָס האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אַ יידישע ווידערשטאַנד־ליטעראַטור קומט אויף גלייכצייטיק פֿון צווייטן זייט פֿראָנט, אין בלוטיקן הינטערלאַנד, אין די געטאָס, אין די וועלדער, אין אונטערערד. עס זיינען דערגאַנגען צו אונדז שאַפֿונגען פֿון אַ רייע אומ־געקומענע שרייבער, ווי יצחק קאַצענעלסאָן, י. פֿעלד, י. פּערלע, ז. סקאָ־לאָוו א״א פֿון געטאָ־וואַרשע און פֿון הירש גליק, פֿון געטאָ־ווילנע. עס האָבן אָפּגעראַטעוועט זייערע געטאָ־שאַפֿונגען אַבֿרהם סוצקעווער (ווילנע) און ישעיהו שפּיגעל (לאָדזש). אויך די יידישע שרייבער אין פֿראַנקרייך האָבן פֿאַרגעזעצט זייער ליטעראַרישע עבֿודה, וועלכע איז, פֿאַר ס׳רוב פֿון זיי געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן רוצחישן אָקופּאַנט.

דער סוף פֿון דער מלחמה האָט נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אַדרבה, פֿאַר־שטאַרקט דעם וואוקס פֿון דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור. דער שרייבער־קעמפֿער האָט געקאָנט שוין זיך שיידן מיט דער ביקס און ווידמען זיך איינ־גאַנצן דער פּעדער. די גרויזאַמע ווירקלעכקייט איז דערשינען אין איר גאַנצער מאוימדיקער ברייט־און־טיף און נישט, ווי פֿריער, פֿונעם באַגרע־נעצטן קוק־ווינקל פֿון אַן ענגן פֿראָנט־אָפּשניט. ס׳איז מעגלעך געוואָרן צו סינטעטיזירן און באַזיניקן דאָס געשעענע.

די געטאָ־אויפֿשטאַנד־העראָאיק ווערט איינע פֿון די גרויסע טעמעס פֿון אונדזער דיכטונג און דראַמע, עס גיבן איר אַ קינסטלערישן תּיקון פּרץ

מאַרקיש, ש. האַלקין, נח לוריע, איציק פעפער, משה שולשטיין, בינעם העלער און פיל אַנדערע. דער יידישער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־קאַמף אין פראַנקרייך ווערט געשילדערט ביי בנימין שלעווין און י. פינער. די עפּאָפּייע פון פּאַרטיזאַנערטום הערט נישט אויף צו לאָקן ס׳רוב שריפט־שטעלער און לעצטנס האָט איר געווידמעט אַ גרעסערע דערציילונג אפרים קאַגאַנאָווסקי. אַ גאַנץ באַזונדער פּלאַץ אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־ליטע־ראַטור פאַרנעמט דאָס מערקווירדיק בוך סקיצן „יידן אָן געלע לאַטעס״ פון הערשט סמאָליאַר.

די אַלע דערמאָנטע — און פיל מער נאָך נישט דערמאָנטע — ווערק, פאַרשיידענע לויט זייערע ליטעראַרישע זשאַנערן און קינסטלערישן גע־וויכט, פאַרמאָגן אָבער אַ רייע געמיינזאַמע עיקר־שטריכן, וואָס קאָנען כאַ־ראַקטעריזירן אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצע.

***

דעם ערשטן כאַראַקטער־שטריך וואָלט מען געקאָנט באַצייכענען מיטן אַלגעמיינעם נאָמען — גייסט פון פעלקער־פריינטשאַפט. און דאָס איז, ווידער אַ מאָל, עפּעס אַ זייער וועזנטלעך נייעס אין אונדזער ליטעראַטור. נישט חלילה ווייל די יידישע ליטעראַטור איז געווען אַ פעלקער־פיינט־לעכע! זי האָט אָבער, ביז גאָר נישט לאַנג, חוץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, געלעבט איינגעשלאָסן אין זיך, שאַרף אָפּגעגרענעצט פון דער אַרומיקער וועלט, וועלכע איז פאַר איר געבליבן פרעמד און אָפט, אין תוך, אומ־פאַרשטענדלעך. דער נישט־יידישער העלד איז ס׳רוב ביי אונדז געווען אַ פאַרטרעטער פון אַ פרעמדן אַרום, וואָס אַפילו אויב, אין געגעבענעם מאָמענט, איז ער נישט פיינטלעך, טראָגט ער אָבער אין פּאָטענץ פול צוזאַמענשטויסן.

דאָס וועזנטלעך־נייע, וואָס די ווידערשטאַנד־טעמאַטיק האָט אַריינ־געבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור איז — אַנשטאָט דער אַמאָליקער פיינטלעכקייט, אַנשטאָט דער פרעמדקייט — אַ געפיל פון פריינטשאַפט, מער נאָך, פון גורל־געמיינשאַפט מיט אַלע אונטערדריקטע, מיט אַלע קעמפנדיקע פעלקער, מיט גאָר דער וועלט, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט.

אין די „יידן אָן געלע לאַטעס״ פירט דער מחבר אַרויס אַ רייע יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן, ווי דער געוועזענער ישיבה־בחור טעוויל שימאַנאָוויטש, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, באַגעגנט מענטשן נישט פון זייער פאָלק, צו וועלכע זיי זאָלן „אַזוי, אָן שום באַוואָרעניש זיך צובינדן״ און פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז עפּעס־וואָס אונטערשיידט זיי איינע פון די צווייטע. פון דער אַנדער זייט, האָבן די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער, רוסן, ווייסרוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, זיך צוגעבונדן ווי ברידער, אין געמיינזאַמען קאַמף אויף לעבן און טויט, צו זייערע יידישע קאַמף־חברים.

דאָס געפיל פון פעלקער־פריינטשאַפט באַזעלט אַלע ווערק, וועמענס טעמע איז — ווידערשטאַנד און קאַמף. אַנדערש האָט עס אויך נישט גע־קאָנט זיין. קיינמאָל איז נאָך אַזוי באַשיינפּערלעך נישט געווען, אַזוי

בולט־קלאָר, ווי בעת די בלוטיקע מלחמה־יאָרן, אַז דער גורל פון יעדן יידן באַזונדער און פון יידישן פאָלק אַלס גאַנצן איז אָפּהענגיק פונעם סיטאַנישן געראַנגל, וואָס די וועלט פון פרייהייט האָט געפירט קעגן אַלוועלטלעכן פאַשיזם.

די דאָזיקע גורל־געמיינשאַפט צווישן ייד און נישט־ייד האָט געפונען אַ באַזונדערס פולן אויסדרוק אין משה שולשטיינס „צוויי חברים", וואָס

...האָבן זיך איינמאָל באַקענט
ווען מ׳האָט זיי פאַרלייגט און פאַרשלאָסן
אַ שותּפותּע קייט אויף די הענט
ס׳איז איינער געווען פון נאָרמאַנדיע
דער צווייטער פון שטעטל בזשעזין

ביידע פאַרטיזאַנער, דער פראַנצויז און דער ייד, צוזאַמען פאַרמשפּטע צום טויט, פאַרברענגען צוזאַמען, אין דער זעלבער תּפיסה־קאַמער, זייערע לעצטע טעג און שעהען. ס׳קומט אויף צווישן זיי אַ וואונדערלעכע חבר־שאַפט, וואָס נישט בלויז ווערט זי ניט איבערגעריסן דורך דעם תּליונס קויל, נאָר אַדרבא, זי דערהויבט זיך צום סימבאָל פון אייביקייט גראָד ביים עקזעקוציע־סלופּ פון באַרג־וואַלעריאַן.

מיט פּורפּור פון זון־אויפגאַנג נייעם
האָט אויסגעמישט רויט דער באַגין
דאָס בלוט פונעם דאָרף אין נאָרמאַנדיע
און ס׳בלוט פונעם שטעטל בזשעזין.

געמיינזאַם פאַרגאָסן בלוט פאַר פרייהייט איז ווי דער צעמענט, וואָס באַהעפט אומצוררייסבאַר דעם גורל פון פעלקער. אויף ליידן און אַנגסט און בלוט פון געמיינזאַמען קאַמף קומט אויף אַן אומפאַרגייענדיקע פריינט־שאַפט צווישן מענטשן.

***

אַ וויטערדיקער כאַראַקטער־שטריך פון דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור איז — איר טיפער גלויבן. זי איז אַ ליטעראַטור אַ גלויביקע, אַ פאַר־גלויבטע אין מאָרגן, אין צוקונפט. זי ווייסט נישט פון קיין יאוש.

דאָס קאָן, אין פלוג, אויסזען אומפאַרשטענדלעך. ווי איז עס מעגלעך, וואָס אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל דערנידערונגען און איבער אַלץ — דער אום־אויפהערלעך שוועבנדיקער שאָטן פון אומקום, זאָלן נישט האָבן אויסגע־לאָשן דעם פונק פון גלויבן?!

אָבער דאָך, ס׳איז אַ פאַקט, דער הייליקער פונק איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. און אויפגעהאַלטן האָבן אים, בלויז און איינציק, דער געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד, דער באַוואוסטזיין פון קאַמף. דער בלויזער רוף צו געווער, אַפילו צו פּרימיטיווסטן געווער פון גראַנאַט און צינדפלאַש, האָט געראַטעוועט פון צוזאַמענברוך.

יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז נישט געווען קיין ווידערשטענדלער, נישט קיין אַקטיווער קעמפער און וואָס האָט נישט באַוויזן גובר זיין און באַזיגיקן דעם אומגליק, קאַצענעלסאָן וואָס איז בלויז דער שליח־צבור פונעם גרויסן, איבערמענטשלעכן, הימל־שפּאַלטנדיקן וויי־געשריי פון די מיליאָנען אומשולדיק פאַרפּייניקטע און געקוילעטע, אַפילו ער האָט, אין זיין אומקום־פּאָעמע „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", צווישן אַפּאָקאַליפּטישן שוידער און תוכחה, באַמערקט:

און פרייד איז אויך פאַראַן: געווער! מען קויפט געווער! מען רייסט אַרויס זיך אין די וועלדער אויך!

דאָס איז די איינציקע שורה וועגן פרייד אין דער בלוטיקער מגילה פון אומגעקומענעם דיכטער.

דער רוף צו געווער האָט באַזיגט דעם פּחד פאַרן טויט. דאָס געווער האָט פונעם קרבן געמאַכט אַ קעמפער. און אויב קעמפער — איז פאַר־שוואונדן דער קאָשמאַר פון געטאָ־איינזאַמקייט, די טראַגישע פאַראורטיילט־קייט, דער מיסטיש־גורלדיקער ריס צווישן ייד און גוי. מען האָט זיך דערפילט ווי אַ שלאַכטמאַן אויף אַ קאַמף־פּאָזיציע, ווי אַ חבר און גליד פון דער גרויסער אַרמיי פון יידן און נישט־יידן, וועלכע וועט, פריער צי שפּעטער, אָבער זיכער באַזיגן די מחנות פון פאַשיסטישער רציחה.

אונטערן מבול פון פייער, צווישן פאַלנדיקע ווענט, האָט דאָס פאָלק, צוזאַמען מיטן דיכטער, געחזרט, אַז נאָך קומען וועט די אויסגעבענקטע שעה.

און די לערערין מירע, אין ווילנער געטאָ, האָט מיט אירע שילער געזונגען „נישט ווייט איז שוין דער פרילינג" אַזוי לאַנג, ביז פון הונ־דערט דרייסיק קינדער זיינען געבליבן בלויז זיבן, בלויז — מירע און זיבן

אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען
איז מירע אַ בלום — און די קינדערלעך — בינען
שוין גרוי איז די בלום — און פאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן, איז טוי, וועט זי אויפבליען ווידער.

די דאָזיקע שורות האָט אַברהם סוצקעווער געשריבן אין ווילנער געטאָ, אין מאַי, 1943, ווען ס'איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער גורל פון די לעצטע ווילנער יידן איז געחתמעט.

די זיכערקייט, אַז ס'וועט נאָך קומען די אויסגעבענקטע שעה, אַז ס'וועט זיין נאָך פרימאָרגנדיקער טוי, וואָרצלט טיף אין אַלע שאַפונגען פון אונ־דזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור.

אַז „דאָס יינגל מישקאַ" פון אפרים קאַגאַנאָווסקי קומט אָן אין פאַר־טיזאַנער־לאַגער, וואו אַלץ איז שוואַרץ — די ערד, די ביימער, די מענטשן — און עס באַגעגנט אים דער לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנען־העלד סטאָלאַ־רעווסקי, אויך שוואַרץ, ווי אַלץ און ווי אַלע, איז אָט דער מענטש „צו־

געגאַנגען צום ייִנגל, אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן, ער האָט אים אַרומ־גענומען און שטיל געזאָגט: דו קענסט מיך נישט... לאָמיר זיך באַקענען... לאָמיר זיין גוטע פריינט... עס וועט זיך ענדיקן... און מיר וועלן טאַנצן... מיר וועלן גיין איבער די גאַסן אין מ...״

און אין הערש סמאָליאַרס דערציילונג „איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע״, זאָגט צו זיך אַליין דער קאָמאַנדיר פונעם פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל „בקמה״: „ס׳וועלן נאָך קינדער זיך האָדעווען ביי די מאַמעס... ס׳וועלן ווידער זיין מענטשן... ס׳וועלן זיין ייִדן״...

און עס זינגט, אינמיטן גרעסטן בראַך, אין 1943, בעת די שרעקלעכסטע שחיטות, שמואל האַלקין:

קומען וועלן גוטע צייטן —
וועט דאָס מזל אויך זיך בייטן
וועלן חייען ווערן לינדער
וועלן ווידער האָקסן קינדער
וועלן קינדער שפּילן, רוישן
ביי די קברים פון די קדושים
ביי די טיפע, פולע גריבער —
אַז דער ווייַ זאָל נישט אַריבער

***

מיט דער גלויביקייט פון דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור איז פאַר־בונדן נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך אירער — איר מענטשלעכקייט. און דער־מיט אונטערשיידט זי זיך אָגב וועזנטלעך פון דער אַזוי גערופענער חורבן־ליטעראַטור, וואָס איז זיך ביי אונדז צעוואַקסן נאָך דער מלחמה.

מען קאָן פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ לעבעדיקער עדות פון חורבן, אַזאַ וואָס איז בלויז אַ פּאַסיווער אָביעקט פון די געשעענישן און וואָס ווערט אומבארחמנותדיק געשליידערט דורך דער מאוימדיקער האַנט פון רשעות, מען קאָן פאַרשטיין ווי אַזאַ עדות, אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין פעסטן אידעאישן אָנשפּאַר, ווערט ווי דערטרונקען אין מבול פון בלוט. ער זעט אַרום זיך בלויז טויט, בלויז שגעון און פאַנטאַסטישע אוממענטשלעכקייט. ער זעט, אַז דער באַגריף מענטש גופא איז געשענדעט. און דאָס באַציט זיך נישט דווקא בלויז אויפן תליון, נאָר אויך אויף די קרבנות, וואָס זיינען אָפּט גרייט, צוליב אַ קרישל ברויט, אַ שלוק וואַסער אָדער אַ רגע לעבן, זיך קעגנזייטיק אויסצושעכטן. ער זעט עס אַלץ — אַלץ, וואָס איז אויפן אויבערפלאַך, אָבער ער איז שוין נישט בכח אַריינצוקוקן אין דער טיף. ס׳בלייבט פאַר אים פאַרשטעלט די אמתע סיבה, דער אמתער שולדיקער פון אַלדאָס בייז. די אוממענטשלעכקייט פונעם אוממענטש פאַרשפּרייט ער אויפן מענטש בכלל, די חיהשקייט פון דער וועלט פון פאַשיזם — אויף דער וועלט בכלל.

און דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען אויסן דער שונא: פאַרמאוסן דעם מענטש, דאָס לעבן, די וועלט, כדי אָפּצוטעמפּן דעם לעבנס־ווילן ביים קרבן און לייכטער אים קאָנען אומברענגען.

אזא בלוטיקער נעפל פאַר די אויגן איז, ווי געזאָגט, נאָך פאַרשטענד־לעך ביי דערשיטערטע שריפטשטעלער־עדות, אַזעלכע ווי יצחק קאַצע־נעלסאָן, אָדער ווי לייב ראָכמאַן, דער מחבר פון „און דיין בלוט זאָלסטו לעבן". ער איז אָבער ווייניקער פאַרשטענדלעך — אָדער, ריכטיקער גע־זאָגט, ער דערקלערט זיך מיט גאַנץ אַנדערע טעמים — אין געוויסע אומקום־מיסטעריעס, וועמענס מחברים זיינען גראָד אין טרעבלינקע נישט געווען.

אין ביידע פאַלן איז עס — דעפאָרמירונג פון דערווירקלעכקייט. עס פאַרקריפּלט די ווירקלעכקייט, אומבאַוואוסטזיניק אפשר און אָן שלעכטער כוונה, די רוי־נאַטוראַליסטישע שילדערונג. און שוין איינגאַנצן באַוואוסט־זיניק פאַרוואַנדלט זיך אומקום־מיסטיק אין פשוטע מיסטיפיקאַציע.

פונקט ווי דער ווידערשטאַנד־קאַמף האָט נישט געלאָזט זיך אויסלעשן דעם פונק פון גלויבן, אַזוי האָט ער אויך, אין באַדינגונגען פון שווידער־לעכער אוממענטשלעכקייט, צוריק געבראַכט די מאָס און די בחינה פון מענטש. דער קעמפער האָט רעהאַביליטירט דעם דערנידעריקטן קרבן. במילא האָט ער אויך געעפנט צוריק די אויגן אויפן מענטש. זיין געפילן־וועלט קריגט ווידער מענטשלעכע דימענסיעס: ברענענדיקע שנאה צום שונא, צום רוצח, אָבער רירנדיקע ליבע צום פריינט און צום קרבן, צום מענטש, וואָס איז גוט, ווייל ער איז מענטש.

דאָס האָט באַזונגען אַברהם סוצקעווער, אין זיין ליד לכבוד דער קריסטלעכער רעטערין זיינער:

> ווער ביסטו מיר ליכטיקע באַבע, דערצייל
> צו האַלטן באַהאַלטן אַ פרעמדן אין הייל
> און ברענגען מיר מילך אַזוי היימיש און זיס,
> אַ שעפּסענעם פעלץ אויף צעפרוירענע פיס,
> און מענטשלעכן חלום און וואַרעמען ברויט,
> און שמייכל — געזאַנג פון דיין קנייטשיקער הויט?

אַט די „ליכטיקע באַבע" האָט נישט בלויז אויסבאַהאַלטן אַן אַנטלאָפע־נעם געטאָ־ייד, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, זי האָט שפּעטער גע־טראָגן אין געטאָ ברויט און — מער נאָך:

> דאָס הייליקע ברויט וואָס היילט אויס און מאַכט זאַט:
> איינמיטן דעם לאַבן עס ליגט אַ גראַנאַט!

***

פעלקער־פריינטשאַפט, גלויבן, מענטשלעכקייט, פירן צו אַ ווייטער־דיקן שטריך פון דער ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אַרום די ווידער־שטאַנד־באַוועגונגען — זי איז אַ ליטעראַטור פון לעבן. מער נאָך — זי איז איינגאַנצן אַ הימן צום לעבן. דער קאַמף האָט נישט בלויז באַזיגט דעם פחד פאַרן טויט, ער האָט אויך באַזיגט דעם טויט גופא.

אין אַ דערציילונג פונעם באַנד „דער ברענענדיקער דאָרן", שילדערט

שלום אַש צוויי יידישע קינדער פון שטעטל גאָמבין, איטעלע און שלמהלע, וואָס האַלטן זיך אויף ביי די פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין די „טשאַרנע ליאַסעס”. ווען די רויטע אַרמיי באַפרייט גאָמבין, גיט זי איבער די פּאַר־טיזאַנער דעם כבוד אַריינצומאַרשירן די ערשטע אין שטעטל; זעט מען, שפּרייזנדיק אין דער פאָדערשטער רייע, אַ פּערצניאַריק מיידל מיט אַ מאַשין־ביקס פאַרוואָרפן איבערן אָרעם און נעבן איר — אַ קליין ייִנגל. דאָס איז איטעלע און איר ברודערל שלמהלע. באַלד לויפן ביידע קינדער צום שטעטלשן מאַרק, צום הויז ביים עק גאַס, וואו זיי האָבן אַמאָל גע־וואוינט. דאָס הויז איז חרוב. אָבער איטעלע שרייט אַריין אין די פאַר־האַקטע פענצטער, גלייך ווי ס'וואָלט הינטער זיי עמיץ זיך געפונען: „מאַ־מעשי, מיר לעבן! זעסט?!”

אַט די דערציילונג הייסט „די מצווה צו לעבן” און מיטן געזאַנג פאַר דער מצווה צו לעבן איז אייגנטלעך פול אונדזער גאַנצע ליטעראַטור, וואָס ציט איר יחוס פון ווידערשטאַנד און קאַמף. און דאָ, ווידער אַ מאָל, שטויסט מען זיך אָן אויף דער שיידליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם דאָזיקן ליטעראַטור־שטראָם פון אַלע אַנדערע.

ס'וואָלט נאַטירלעך געווען אָן אומזין פאַרצוואַרפן דער חורבן־ליטע־ראַטור, וואָס זי איז אַ ליטעראַטור פון אומקום און טויט. אַ ים יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. מיליאָנען יידישע לעבנס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין די שוידערלעכסטע מיתות־משונות, האָט עס געמוזט פאַרצייכנט און פאַרשריבן ווערן. ס'האָט געמוזט קומען דאָס וואָרט, וואָס זאָל זיין לדורות אַ דערמאָנונג און אַ מאָנונג, אַ וואָרענונג און אַ מוסר־השכל. אויב מען קאָן עפּעס פאַרוואַרפן אונדזער חורבן־ליטעראַטור, איז גראָד דאָס, וואָס זי איז אָפט בלויז קלאָג־ליד און נישט באַזיניקונג פון חורבן, נישט מאָנונג און וואָרענונג.

דאָס אָבער, וואָס איז נאַטירלעך פאַר דער חורבן־ליטעראַטור אין ענ־געערן זין פון וואָרט, נעמט אָן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליטעראַטור בכלל.

אַוודאי שטייט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פון די לעצטע אַנדערט־האַלבן צענדליק יאָרן אונטערן צייכן פון אונדזער גרויסן פאָלקס־אומגליק. ווי האָט עס דען געקאָנט אַנדערש זיין?! איז דאָך, אַגב, דער אומגליק אָמשטאַרקסטן, אַמבולטסטן און אַממערסטן קינסטלעריש געקומען צום אויס־דרוק גראָד אין די ווערק פון אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, ווייל געשילדערט נישט דורך פאַרנעפּלטער סימבאָליק און מעטאַפיזישער מליצה, נאָר מיט עכטע פאַרבן פון גרויליקער רעאַליטעט און אין ריכטיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. אין דער צייט אָבער, ווען די ווידערשטאַנד־ליטעראַטור האָט גלייך, ווי ס'האָט אָפּגעהילכט דער לעצטער שאָס קעגן שונא, דערפילט אין זיך דעם הייליקן ציטער פון לעבן, זיינען די בלויז־באַקלאָגערס געבליבן איינגעצוימט אין גדר פון טויט; זיי זיינען געבליבן באַהעפט מיט טויט און בלוט, אויף נישט אָפּצורייסן זיך.

עס שרייבט ה. לייוויק:

מיינע אויגן קאָנען מער נישט דערזאָכן
ווען די זון־האַק לאָזט זיך אַראָפּ
אין זומפּ פון בלוטיקע זאַכן
אַ פאַרמשפּטער ליגט מיין קאָפּ.

נישט בלויז איז עס אַ דיכטונג, וואָס פילט זיך פאַרמשפּט צו ליגן „אין זומפּ פון בלוטיקע זאַכן", נאָר ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט מיט אָט דעם משפט מסכים געווען, ווי זי וואָלט אים אויפגענומען שיר נישט ווי אַ בויטוועגדיקייט, ווי עפּעס גורלדיק־אומפאַרמיידלעכס. און וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין אָט דער דיכטונג, וואָס איז כאַראַקטעריס־טיש אויסער פאַר לייוויקן, אויך פאַר אַ רייע אַנדערע שריפטשטעלער, וועמענס פאָן־טרעגער ער איז, אַלץ מער נעמט אַרום אַ פיינלעך געפיל, אַז דער דיכטער איז ממש פאַרהיפּנאָטיזירט דורך די „בלוטיקע זאַכן", אַז זיי פאַסצינירן אים און — וואָס איז נאָך פיינלעכער — אַז ער האָט עפּעס אַ מין טראַגיש־קרענקלעכע הנאה צו טובלען זיך, ווידער און ווידער, אין אָט דעם גרויליק־בלוטיקן זומפּ.

דאָס איז שוין אַפילו נישט אומקום־ליטעראַטור, נישט טיף־ און מעכטיק־ברויזנדיקער אַקאָרד וועגן טויט, נאָר — בלוטיקע זעלבסט־פּייניקונג, וואָס איז אָרגאַניש דערווידער יעדן בעל־חי און אין שאַרפן קעגנזאַץ צו די טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן.

איז דעריבער נאָך מער רירנדיק מיט זיין מענטשלעכקייט, נאָך מער דערשיטערנדיק מיט זיין עכטקייט, דאָס געזאַנג וועגן אויפקומענדיקן לעבן, וואָס עס טראָגט זיך פון דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור.

אַ הימן צום באַנייטן לעבן איז פעפערס „אויפסניי" און שולשטיינס „אַ בוים צווישן חורבות" און בינעם העלערס „פאַר דעם, וואָס וועט נישט קומען". אַ הימן צום לעבן איז בערגעלסאָנס „סקולפּטאָר" און שלעווינס נאָך־מלחמהדיקער יידישער בעלוויל און בער מאַרקס היסטאָרישע דענק־מעלער פון יידישער גבורה.

***

דאָס געזאַנג וועגן הייליקייט פון לעבן, וועגן זיג פון לעבן איבער טויט, באַשטימט נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך פון דער ווידערשטאַנד־ליטע־ראַטור — איר אָנבונד אין דער דורותדיקער יידישער טראַדיציע פון גבורה און קדוש־השם.

לויט דער עכטער יידישער טראַדיציע, באַטייט קידוש־השם: הייליקן דאָס לעבן דורכן טויט, הייליקן גאָטס נאָמען, וואָס דאָס מיינט, ווידער אַ מאָל — דאָס לעבן, געבויט אויף די געטלעכע געזעצן פון יושר און גע־רעכטיקייט. נישט דער טויט איז, אין דער יידישער קידוש־השם־טראַדיציע, הייליק, נאָר דאָס לעבן. דאָס מקבל באהבה זיין יסורים און טויט הייליקט גאָרנישט, אויב עס איז געקומען אויף זיך נישט צוליב דער מצוה פון גע־

רעכטן לעבן. די ידישע טראַדיציע ווייסט נישט פון קיין פאַרהייליקונג פון יסורים. ס'איז פיל מאָל אויפגעוויזן געוואָרן, אַז דער קולט פאַר יסורים, וואָס מ'האָט געפּרואווט איינפלאַנצן אין אונדזער ליטעראַטור, איז נישט קיין יידישער קולט, ער שטאַמט פון נישט יידישע קוואַלן און קומט צו אונדז אונטערן איינפלוס בעיקר פון דאָסטאָיעווסקי.

די יידישע טראַדיציע ווייסט אויך נישט פון קיין אינערלעכן קעגנזאַץ צווישן גבורה — קאַמף און טויט מיט געווער אין דער האַנט — און קדוש השם, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי גייסטיקע גבורה. אַ גבור, אַ געפאַ־לענער אינעם קאַמף פאַר אַ גערעכטער זאַך, פאַר אַ גערעכטן לעבן, איז הייליק פונקט ווי אַ קדוש, וואָס איז אַ גבור פון גייסט. אין פאַרשיידענע תקופות און לענדער, אונטער פאַרשיידענע היסטאָרישע באַדינגונגען, האָבן ביי אונדז איבערגעוואויגן אַמאָל דער באַוואָפנטער קאַמף, אַמאָל דער אומ־באַוואָפנטער קידוש־השם. קיין וועזנטלעכער חילוק איז צווישן זיי קיינמאָל נישט געווען. אין אונדזער געשיכטע — הן אין די עלטערע תקופות, הן אין די מאָדערנע צייטן — זיינען זיי אָפט פאַראייניקט אין איין און דעם זעלבן העלד. דער תנא רב עקיבא איז נישט בלויז דער גייסטיקער פירער פון דעם בר־כוכבאַ־אויפשטאַנד, ער איז אויך בר־כוכבאַס „נושא־כלים", ער נעמט דירעקט אַנטייל אין דער קאַמף־ און גבורה־עפּאָפּייע; די נשמה הויכט ער אָבער אויס אַ פאַרפייניקטער, ווי אַ קדוש. אין אונדזערע צייטן זיינען הירש לעקערט און נפתלי באָטווין אַרויסגעטראָטן קעגן שונא מיט געווער, ווי גבורים; פאַרענדיקט דאָס לעבן האָבן זיי אויף די תליות, ווי קדושים. פיל געטאָ־קעמפער, מאָדערנע יידישע גבורים, זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן און אומגעקומען מיט אַ קדושים־טויט אין די גאַז־קאַמערן. און איז דען ניט דער פרייוויליקער טויט פון איציק וויטענבערג, קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ־ווילנע, דער סימבאָל גופא פון גבורה און קדושה אינאיינעם?

אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, טאָקע דערפאַר וויל זי האָט פאַר־הערלעכט דעם קאַמף פאַר לעבן, האָט אַרומגענומען מיט דער זעלבער ליבע און אָנערקענונג אַלע פאָרמען פונעם האָזיקן קאַמף. משה שולשטיין באַזינגט דעם קידוש־השם־טויט פון ר' מענדל, רב פון פאַביאַניץ, מיט נישט ווייניקער פאַרכטיקן ציטער, ווי דעם אומקום, מיט געווער אין האַנט, פון די יידישע קעמפער און פאַרטיזאַנער איז פראַנקרייך.

אַנדערש אָבער איז עס ביי אַ געוויסער קינות־ליטעראַטור און גאָר באַזונדערס — אין דעם ספּעציעל־מאָקאָבערישן נוסח אירן. קידוש השם איז דאָ נישט הייליקונג פון דער מצוה צו לעבן, נאָר אַפּאָטעאָז פון עפּעס אַ מצוה פון טויט. במילא איז אָט דער ליטעראַטור אָרגאַניש־פרעמד דער גבור, דער קעמפער פאַר לעבן, און אַפילו דער קדוש ווערט איר אייגן בלויז דאַן, ווען זי קאָן אין אים אַנטפּלעקן נישט דעם ווידערשטענדלער, נאָר דעם קרבן, דעם פּאַסיוון אָביעקט פון אוניווערסאַלער טויט־מיסטעריע.

דאָס איז נישט בלויז פּולשטענדיקער היפּך, נאָר אָפּט בפירושע פאַרשווע־כונג פון דער געשיכטלעכער יידישער קידוש־השם־טראַדיציע.

אַמשאַרפסטן און אַמבולטסטן קומט די דאָזיקע טענדענץ צום אויס־דרוק ביי לייוויקן.

אין די גרויזאַמע יאָרן פון בלוטיקן נסיון, ווען מיליאָניקע עדה׳ס יידן, האָבן געפּיבערט מיט איין איינציקן טרוים, מיט איין איינציקער פרייד, וועלכע איז, ווי עס פאַרצייכנט יצחק קאַצענעלסאָן, געווען: „געוועו! מען קויפט געווער! מען רייסט אַרויס זיך אין די וועלדער אויך!״ אין אָט די יאָרן, האָט לייוויק „אָפּן איינגאַנצן״ זיך מודה געווען:

וויי שטאַרק איך האָב ליב די חשמונאים
האָב איך די עשרה הרוגי מלכות נאָך ליבער
פאַרגיט מיר אַלע, ווען אין גורל־שעהען
בין איך מקנא דעם קדוש מער ווי דעם גבור.

אָפּגעזען פון דער גאַנצער פאַלשקייט פון דעם עצם־קעגנשטעלן גבור און קדוש, האָט אַזאַ היעראַרכיע פון ליב־און־ליבער, גראָד אין די אויסגע־שלאָגענע גורל־שעהען, געקאָנט האָבן בלויז איין זין: דער דיכטער האָט גע־שיקט זיין ברכה נישט דעם קעמפער, וועלכן ער האָט כלומרשט ליב, נאָר דעם קדוש, ריכטיקער — דעם קרבן, וועלכן ער האָט ליבער. לייוויק האָט געבענטשט נישט די גבורה, נאָר דעם שטילן, הכנעהדיקן גאַנג צום טויט.

אַז אַזאַ און נישט קיין אַנדערער איז דער זין פון אָט די שורות, באַווייזט אַ צווייט ליד פון לייוויקן, געשריבן אין דער זעלבער צייט, און וואו עס ווערט פאַרזיכערט:

טאַנקען קומען, עראָפּלאַנען קומען — נאָר משיח אויף זיי קומט ניט
משיח קומט ניט, און ער וועט ניט קומען, אויף אַן עראָפּלאַן
משיח קומט ניט, און ער וועט ניט קומען, אויף אַ טאַנק.

דער דיכטער איז אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג זיינער, אַז ער הייסט אַרויסזאָגן אָט די ווערטער מיט אַ פרייד:

און אויך מיט אַ כוונה צו באַהעפטן זיך מיט די פון אונדזער פאָלק
מיט די פון אונדז — די שוואַכע, די פאַרוואָרלאָזטע, די אָפּגענאַרטע
וואָס האָבן אין דער סאַמע־סאַמע לעצטער עלנטקייט
ניט אויפגעהערט צו טרייסטן זיך אַליין און זאָגן
אַפילו אַז ער זאַמט זיך — הערן מיר ניט אויף אויף אים צו וואַרטן.

און מאָדנע — לייוויק באַמערקט גאָרניט, אַז אָט די ווערטער, וואָס מען דאַרף אַרויסזאָגן נישט אַנדערש ווי מיט פרייד, שטייען אין בלוטיקער סתירה צו די טרוימען און באַגערן פון די מיליאָנען שוואַכע און פאַרוואָרלאָזטע, וועל־כע זיינען אומגעקומען מיט אַ קדושים־טויט. אין סתירה דערפאַר, ווייל יעדער איינער פון די אומגעקומענע האָט, ביזן לעצטן אָטעם, געוואָרט אויפן גרויסן, אויפן איינציקן נס: אַז משיח זאָל זיך פאַר אים באַווייזן — דווקא אויף

אַ טאַנק, דווקא אויף אַן עראָפּלאַן. נישט אויף „אַ קליין־קליין־קליין איי־זעלע" האָט משיח געדאַרפט קומען צו די פאַרפייניקטע יידן אין די טויט־לאַגערן, אין די געטאָס, אין די וועלדער און אין דער גאַנצער פאַר־בלוטיקטער אייראָפּע, נאָר בפירוש אויף אַ טאַנק — אויף אַ טאַנק מיט אַ רויטן שטערן און מיט אַ סערפּ־און־האַמער, אָדער אויף אַ טאַנק פון די מערב־אַליאירטע. אויב עפּעס האָט וועןִ־עס־איז, פאַר די אַלע צום טויט פאַרמשפּטע יידן, אָפּגעהילכט ווי דער שופר של משיח, זיינען עס גע־ווען די אויפרייסן פון די באָמבעס, וואָס זיינען געפאַלן פון די אַליאירטע־עראָפּלאַנען, אויף די קעפּ פון די נאַצישע תלינים.

און אויב אַזוי פיל מיליאָנען יידן האָבן נישט דערלעבט דעם טאָג פון דערלייזונג, איז עס געווען, נישט ווי לייוויק וויל, מחמת „טאַנקען קומען, עראָפּלאַנען קומען — נאָר משיח אויף זיי קומט ניט", נאָר בלויז און אויסשליסלעך דערפאַר, וואָס קיין טאַנקען זיינען נישט געקומען, קיין עראָפּלאַנען זיינען נישט געקומען. וואָלטן די מערב־מלוכות נישט געוואַרט, אַז די זיגער פון סטאַלינגראַד זאָלן אָפּגיין מיט בלוט, וואָלטן די מערב־אַרמייען זיך אַרויסגעזעצט אויף די ברעגן פון פראַנקרייך מיט אַ יאָר צי מיט צוויי פריער — וואָלטן פיל הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען יידן נצול געוואָרן פון די הענט פון רוצח.

אין דער טראַגישער שעה פון חשבון־הנפש, פון חשבון פון יידישן גורל און יידישן כבוד, זיינען אמת געווען אין די געטאָס אויך מענטשן, וואָס האָבן געוואָרנט קעגן קאַמף, וואָס האָבן גערודפט ביז בלוט, ביז אַרויס־געבן דער געשטאַפּאָ, די מיטגלידער פון די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, און וואָס האָבן געפּריידיקט געדולד און הכנעה — הכנעה אויף אַזוי וויט, ביז צו ווערן אַליין אַ געציייג און מיטהעלפער פונעם שונא. דאָס זיינען געווען די יודנראַטלער. מעגלעך, אַז איניקע צווישן זיי האָבן זיך אַליין אפשר דערטראַכט צו לייוויקס טראַכטונג וועגן שוואַכסטן גרעזל־שפּראָץ, וואָס וואַרט אין גרויס געדולד באַרירט צו ווערן פון משיחס פוס.

דאָס וואָס איז צוערשט געווען ביי לייוויקן בלויז רמז און פּאָעטישע מעטאַפאָרע האָט שפּעטער, בעתן וויכוח אַרום כתב־יד „חורבן וואַרשע", זיך פאַרוואַנדלט טאַקע אין אָפענער אַפּאָלאָגיע פון יודנראַטלעריי. ווי באַקאַנט איז אין 1951 געפונען געוואָרן אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, אינעם אָפּגעגראַבענעם צווייטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו, אַ כראָניקע „חורבן־וואַרשע" וואָס ס'האָט איבערגעלאָזט דער אומ־געקומענער שריפטשטעלער יהושע פּערלע און אין וועלכער דער מחבר דעמאַסקירט דעם יודנראַט, די יידישע פּאָליציי און זייערע כל המינים יידישע אַרויסהעלפער. איז לייוויק אַרויס אין אַ הייליקער מלחמה קעגן „חורבן־וואַרשע" און האָט אַנטקעגן געשטעלט אָט דער כראָניקע דעם „טאָג־בוך אין ווילנער געטאָ" פון אומגעקומענעם ייוואָ־טוער זעליק קאַל־מאַנאָוויטש.

אין קאַלמאַנאָוויטשן זעט לייוויק שיר נישט די קרוין פון קדושה. זאָל

עס זיין דערפֿאַר, וואָס קאַלמאַנאָוויטש האָט געוואָרט מיט אומענדלעכן געדולד אויף אַ נס, איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פֿון באַוואָפֿנטן קאַמף און אַ הייסער חסיד פֿונעם בלוטיקן קאָמענדאַנט פֿון געטאָ־ווילנע, יעקב גענס? דער סימבאָל פֿון קדוש איז פֿאַר לייוויקן — די עשׂרה הרוגי מלכות. געפֿינט ער טאָקע אַן אָפּגלאַנץ פֿון דעם וואונדערלעכן העראָאיזם פֿון אָט די אידעלע יידישע ווידערשטענדלער אין דער קאַלמאַנאָוויטש־געשטאַלט?

ווען רבי יהודה בן בבא, איינער פֿון די עשׂרה הרוגי מלכות, האָט באַמערקט, אַז דער שונא קומט אָן, האָט ער געזאָגט צו זיינע תּלמידים: קינדער, לויפֿט! זאָגן זיי צו אים: רבי און מיט דיר וואָס וועט זיין? האָט רבי יהודה געענטפֿערט: איך בלייב ליגן פֿאַר זיי ווי אַ שטיין, וואָס ס'איז שווער אים צו רירן פֿון אָרט. און אויפֿן אָרט אַזוי איז ער דערהרגעט געוואָרן. אָבער ווען די יוגנט פֿון ווילנער געטאָ האָט זיך געריסן אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער און, אין געטאָ גופֿא — צום קאַמף, צו געווער, האָט קאַלמאַנאָוויטש, אין זיין פֿאַרבלענדקייט, אין זיין שׂנאה צו אַלץ, וואָס איז באַוואָפֿנטער ווידערשטאַנד, געשריבן: „בלויז פּחדנים און צעטומלטע מענטשן קאָנען טראַכטן וועגן אַריינבררענגען וואָפֿן אַהער" און די וואָס גייען קעמפֿן אין וואַלד, טוען עס „ווייל זיי קאָנען זיך נישט איינהאַלטן גובר זיין זייער פּחד".

ווען רבי ישובב הסופֿר, אַ צווייטער פֿון די עשׂרה הרוגי מלכות, איז געגאַנגען צום טויט, האָט ער געזאָגט צו זיינע תּלמידים: „קינדער מיינע, די מערדערישע אומה האָט מיט גרויס חוצפּה זיך פֿירגענומען נישט אַנדערש ווי פֿאַרניכטן דאָס גאַנצע צירונג אונדזערס, די בעסטע און שענסטע פֿון אונדז. הלואי וואָלט מיין טויט שוין געווען אַן אָפּקומעניש פֿאַרן גאַנצן דור". קאַלמאַנאָוויטש אָבער האָט געהאָפֿט, ביז דער לעצטער רגע, אַז דער טויט פֿון אַ גאַנצן דור וועט זיין אַן אָפּקומעניש פֿאַר אים גופֿא, פֿאַר אַ הייפֿל אויסדערוויילטע. אין זיין אילוזיע צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, האָט ער נישט בלויז באַרעכטיקט דאָס שיקן צום טויט צענדליקער טויזנטערטער אומשולדיקע מענער, פֿרויען, קינדער און אַלטע לייט, נאָר איז געוואָרן אַ „גייסטיקער שותּף" צום רוצחישן אומברענגען יידן דורך יידן, צו די שוידערלעכע הריגות אויסגעפֿירטע אין דער ווילנער פּראָווינץ דורך דער געטאָ־פּאָליציי. מער נאָך. „מיר האָבן געקויפֿט אונדזער לעבן און אונדזער צוקונפֿט — שרייבט קאַלמאַנאָוויטש אין טאָגבוך — מיט דעם אומקום פֿון צענדליקער טויזנטער. אויב מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר מוזן ממשיך זיין נישט געקוקט אויף אַלץ און אויף אַלעמען, יעמאָלט מוזן מיר גיין ביזן סוף. און דער גאָט וואָס איז מוחל, וועט מוחל זיין".

אָט דאָס „גיין ביזן סוף" האָט געדאַרפֿט באַשטיין אין אויפֿהערן זיין בלויז „גייסטיקע שותּפֿים" צו די בלוטיקע מעשׂים פֿון דער געטאָ־פּאָליציי, און אין ווערן טאַקע „ממשותּדיק שותּפֿים". די דאָזיקע דערשיטערנדיקע מאָראַלישע געפֿאַלנקייט וויל נאָך קאַלמאַנאָוויטש איינהילן אין אַ מאַנטל פֿון

הייליקייט. „אַלע זיינען שולדיק — שרייבט ער — אָדער אפשר ריכטיקער — אַלע זיינען ריין און הייליק, און נאָך מער פון אַלע — די וואָס פירן עס דורך בפועל ממש” דאָס הייסט, די, וואָס מאָרדן מיט אייגענע הענט זייערע אייגענע ברידער. און וואָס שייך דעם הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון די ברידער־שחיטות, דעם רוצחישן געטאָ־קאָמענדאַנט יעקב גענס, שרייבט וועגן אים קאַלמאַנאָוויטש: „געלויבט איז דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט אונדז צוגעשיקט דעם דאָזיקן מענטש”.

דוכט זיך, ס׳קאָן נישט זיין קיין גרעסערער חלול־הקדושים, ווי דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ קדוש — אַט דעם אידעאָלאָג פון דער שוידער־לעכסטער, בלוטיקסטער יודנראַטלעריי.

דער קרייז איז אַזוי אַרום געשלאָסן. דער דיכטונג פון טויט איז דער־ווידער נישט בלויז דער הויך פון גבורה, איר איז אויך פרעמד דער ציטער פון עכטער, רעאַלער, נישט־מיסטישער, נאָר ערדישער, היסטאָרישער קדושה.

*
**

ליטעראַטור איז קריסטאַליזירטער זכרון פון פאָלק, ס׳איז דער לאָגל, אין וועלכן דאָס פאָלק זאַמלט צונויף זיין חכמה און לעבנס־דערפאַרונג, זיינעליידן און פריידן, זיין געלעכטער און זיינע טרערן. במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן אין אונדזער לאָגל ס׳רוב געטריפט בלויז בלוטיקע יידישע טרערן. די ווידערשטאַנד־ליטעראַטור האָט אַריינגעבראַכט אַהין אויך דעם אָטעם פון יידישער גבורה, פון יידישן באַוואָפנטן קאַמף.

די געטאָ־אויפשטענדלער, פאַרטיזאַנער און אונטערערד־קעמפער זיי־נען געוועזן זיכער אין מאָרגן. זיי זיינען אָבער ווייט נישט זיכער געווען, צי זיי גופא וועלן דעם מאָרגן דערלעבן. דעריבער האָבן זיי געזונגען:

> און אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
> ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז דער יורש און המשך פון אונדזער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, האָט אַ מיסיע, אַ שליחות צו דער־פילן: היטן, אַז דער פּאַראָל זאָל באמת גיין פון דור צו דור — דער פּאַ־ראָל פון האָפענונג און פעלקער־פריינטשאַפט, דער פּאַראָל פון קאַמף, דער פּאַראָל פון לעבן.

אין פּנים פון טויט, האָט דער טשעכישער פרייהייט־קעמפער און נאַ־ציאָנאַלער העלד, יוליוס פוטשיק, געשריבן, אין זיין „אונטערן שאָטן פון תליה”: „מענטשן, איך האָב אייך ליב, זייט וואַכזאַם!”.

דאָס איז דער רוף אויך פון אונדזערע העלדן. זייט וואַכזאַם — זאָגן צו אונדז אַלע די, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן — פּאַר דער מצווה צו לעבן. זייט וואַכזאַם צענפאַך, ווייל אָט, ס׳ווערט קוים צען יאָר, ווי

ס׳איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער בלוטיקער מבול, און שוין באַוואָפנט מען ווידער די האַנט פונעם תליון, וואָס האָט אונדזערע ברידער געקוילעט און דערשטיקט און פאַרברענט.

זיי זיינען מיט אונדז, זיי זיינען אַרום אונדז — די הירש גליקס און די איציק וויטענבערגס, די יוסף לעוואַרטאָווסקיס און די אַניעלעוויטשעס און אונדזערע נאָענטע מוניע נאַדלערס און מאַרסעל לאַנגערס! דורך דער ווידערשטאַנד־ליטעראַטור רופן זיי צו אונדז: ברידער, זייט מקיים די מצווה צו לעבן, זייט אייניק, ווי מיר זיינען אייניק געווען, קעמפט מיט אַלע כוחות, עס זאָלן מער נישט זיין קיין הימלען בלייערנע פון מלחמה, קיין פאַלנדיקע ווענט פון געטאָס! קעמפט, כדי מענטשלעכע גבורה זאָל זיך אויסלייזן נישט אין טויט, נאָר אין לעבן, כדי מענטשלעכער טראָט זאָל פירן נישט צו אויסראָטונג און אומקום, נאָר צו באַגילדעטע פרימאָרגנס, צו שלווהדיקע, בלויע טעג פון שלום און גליק.

1955

דער פראַנצויזיש־יידישער ישוב אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור

דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער ישוב אין פראַנקרייך איז נאָך אַ פאַרהעלטענישמעסיק יונגער — ער ווערט איצט אַלט קוים דריי פערטל יאָרהונדערט. דער אומגעזעען־גרויסער עמיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָרצענדליקער אַרויסגעריסן פון זייערע היימען קרוב פיר מיליאָן יידן און זיי געוואָרפן מעבר לים, אָט דער שטראָם, וואָס איז געקומען פון צאַרישן רוסלאַנד, פון רומעניע און עסטרייך־אונגאַרן, האָט, אָנהויבנדיק פון די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, אָפּגע־זעצט דינע שיכטן פון איינוואַנדערער אויך אין פראַנקרייך.

די איינוואַנדערער, ס׳רוב פון קליינע יידישע שטעטלעך, האָבן זיך באַזעצט כמעט אויסשליסלעך אין דער גרויסער וועלט־שטאָט פאַריז. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין די אַלטע, ענגע געסלעך בשכנות פון דער סען, לענגאויס די טויזנטיאָריקע האַנדלס־אַרטעריעס, וואָס פאַראייניקן דעם רעכטן און לינקן ברעג פון דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. זיכער איז זייער ווייניק פון זיי געקומען אויפן רעיון, אַז אין די זעלבע געסלעך האָט, מיט יאָרהונדערטער פריער, שוין געבליט אַ יידיש לעבן, אַז פונקט אויפן זעלבן שטח האָבן, אין פאַרשיידענע צייטן, זיך געפונען די „יידן־גאַסן״ און אַז אַפילו שוין נאָכן לעצטן, ענדגילטיקן יידן־גירוש פון פאַריז, האָבן דאָ נאָך אַלץ לאַנג געוואוינט פאַרבאַהאַלטענע יידן־מאַראַנען און — אין ספּעציעל־באַשטימטע „יידן־הייזער״ — האַלב־טאָלערירטע, צוגעקומענע יידן פון די פּראָווינץ־שטעט.

במשך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט די פראַנצויזישע ליטע־ראַטור דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידישן ישוב נישט באַמערקט. די גע־דיכטע יידישע אויסלענדער־באַפעלקערונג, וואָס האָט געגעסטיקט אין סאַמע האַרץ פון אַלטן פאַריז, די באַפעלקערונג מיט איר אייגענער, אומפאַר־שטענדלעכער שפּראַך, מיט אירע אייגענע, אומפאַרשטענדלעכע מנהגים און פירעכצן, האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט דער בונטער, פילפאַרביקער און פילשפּראַכיקער אויסלענדער־מאַסע, וואָס איז פון לאַנג שוין געוואָרן אַ באַשטענדיקער טייל פון פראַנקרייך, אָבער וועלכע איז פאַר דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור, מחמת דער אינערציע פון אירע דורותדיקע טראַ־דיציעס, געבליבן ס׳רוב אַ „טעראַ אינקאָגניטאַ״.

דאָס הייסט נישט, אַז די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט די יידן אין

פראַנקרייך אינגאַנצן נישט דערזען. זי האָט נישט באַמערקט בלויז דעם ניי־איינגעוואַנדערטן יידישן ישוב. די אַלטגעזעסענע פראַנצויזישע יידן, הן די אַפּשטאַמיקע פון די פּראָוואַנס־געביטן, הן די, וואָס ציען זייער יחוס פון די גירושי־ספרד און פון די שפּעטער אַנטרונענע מאַראַנען, וועלכע האָבן געפונען אַן עיר־מקלט אין די פראַנצויזישע פּאָרט־שטעט פון אַט־לאַנטיק, הן די אשכנזים, וואָס שטאַמען פון די ריין־פּראָווינצן און בעיקר פון די אַלטע יידישע קהלות פון עלזאַס און לאָטרינגען — זיי אַלע האָבן זייער אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור יאָ באַקומען.

איינער פון די הויפּט־העלדן פון באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָמעדיע" איז דער יידישער באַנקיר, באַראָן דע נוסינגען, וועמען דער מחבר שיל־דערט נישט מיט צו פיל לייטזעליקייט. נוסינגען געהערט צו די רייכסטע מענטשן אין פראַנקרייך. ער שפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע אין לאַנד, אָבער בעיקר דערפאַר, וואָס ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַרן קויפן מענטש־לעכע געוויסנס. גלייכצייטיק רייסט ער זיך דווקא צו די קרייזן פון דער העכסטער פּאַריזער אַריסטאָקראַטיע. ביי באַלזאַקן הייסט דע נוסינגען „דער דיקער עלזאַסער, גראָב ווי אַ פּאָס" און דער מחבר חוזקט מיט גרויס הנאה פון נוסינגענס שווידערלעכן עלזאַסישן אַקצענט, וואָס מאַכט אָפּט אומ־פאַרשטענדלעך זיין פראַנצויזישן לשון. ביי דעם גאַנצן אומצווייפלהאַפטן פּאַרלאַנג צו מאַכן פון דע נוסינגען אַן אַנטיפּאַטישע געשטאַלט (סיי ווייל ער איז אַ ייד, סיי ווייל ער איז אַ פאָרשטייער פון דעם קלאַס, וואָס איז ביי באַלזאַקן פאַרהאַסט, הגם ער באַזינגט אים אַן אויפהער) קאָן אָבער באַלזאַק, דער גרויסער קינסטלער־רעאַליסט, נישט פאַרבייגיין נוסינגענס מעלות — זיין אינטעליגענץ, זיין ענערגיע, זיין מעכטיקן לעבנס־אָטעם, זיין אייגנאַרטיקע מענטשלעכקייט.

די ליטעראַטור־פאָרשער מיינען, אַז דע נוסינגען, ווי ס׳רוב באַלזאַקס העלדן, איז געמאָלט לויט דער נאַטור און אַז באַלזאַקס מאָדעל איז, אין דעם פאַל, געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער באַראָן דזשעמס דע ראָטשילד. באַלזאַק האָט ראָטשילדן גוט געקענט און האָט פון אים געהאַט זייער פיל טובות. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז ווידערווילן צו יידן איז אַ פראַגע פון באָן־טאָן און וואָס מער ער האָט זיך געפוצט אין אַריסטאָקראַטישע פעדערן, אַלץ שאַרפער האָט ער אויסגעדריקט זיינע אַנטי־יידישע פאָראורטיילן.

אויסער דעם באַראָן דע נוסינגען, באַגעגענען מיר אין באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָמעדיע" נאָך אַ רייע יידישע געשטאַלטן. אָט איז למשל גאָבסעק, דער קלאַסישער יידישער פּראָצענטניק, געשילדערט אויפן קלאַ־סישן ווילד־צוגעשפּיצטן אופן פון די מיטלאַלטערלעכע אַנטי־יידישע ראָמאַנען. אָט איז עלי מאַגנוס, דער אַלטוואַרג־הענדלער, אַליין אַלט און שמוציק, פּונקט ווי זיין סחורה. דאָס זיינען יידן פון טראַדיציאָנעלן שניט. אָבער אויך די מאָדערנע יידן, די עמאַנציפּירטע (אָפילו געשמדטע) גע־פינען נישט קיין איבעריקן חן אין באַלזאַקס אויגן. דער זשורנאַליסט און

שריפטשטעלער ראול נאַטאַן, פון ספּרדישער אָפּשטאַמונג, איז צעפּרעסן פון גאווה און אַמביציע; ער דערגייט טאַקע צו אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור־וועלט, אָבער אין תוך איז ער אַ טאַלאַנטלאָזיקייט. דער יידישער דאָקטער האַלפּערסאָן ווידער, וואָס שטאַמט אַליין פון פּוילן איז אַ געלט־רייסער, אַן האַרץ, אָן מיטלייד צו די קראַנקע, זיין גאַנצע מעדיצין איז אַ שטיק שאַרלאַטאַניזם. טאָמער איז עס נאָך אַלץ ווייניק, איז נאָך האַלפּערסאָן, צו די צרות — אַ קאָמוניסט אויך!... די גאַנצע טיפּקייט פון אָט דער לעצטער פּלאָג ווערט נאָך קלאָרער, ווען מען דער־מאָנט זיך, אַז באַלזאַק האָט זיין גאַנץ לעבן געקרענקט אויף סנאָבישן אַריסטאָקראַטיזם, אַז ער האָט געטרוימט צו זיין דער טרובאַדור פון לע־גיטימיזם און איז פּאַקטיש געווען דער מאָלער פון דער אויפגייענדיקער פראַנצויזישער בורזשואַזיע.

פונעם אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָן, באַווייזן זיך אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אַלץ אָפטער יידישע העלדן, געשילדערטע אויף אַ פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון אופן, אָבער שוין ס'רוב אָביעקטיוו, אָן ווי־דערווילן און אָן כאַראַקטעריסטישן אונטער־טאָן. אַזוי איז עס, למשל, ביי ראָמען ראָלאַן (ספּעציעל אינעם טייל „אויפן יריד" פון „זשאַן־קריסטאָף"), ביי באַרעס, ביי פּרוסט, ביי שאַרל פּעגי א"אַנד. די דאָזיקע יידישע העלדן זיינען אָבער אַלע יידן־יחידים, אינדיווידועל אַריינגעגלידערטע אין פראַנ־צויזישן אַרום און וועמענס יידישקייט איז אָפּט פּאַר זיך אַליין אַ פּראָ־בלעם. דער יידישער ראָמאַן, דער ראָמאַן וועגן יידישן ישוב, איז אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור געקומען אין אַנדערטהאַלבן יאָרצענדליק שפּעטער, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט זשאַן־רישאַר בלאָקס מייסטערווערק „עט קאָמפּאַני".

זשאַן־רישאַר בלאָק, איינער פון די באַדייטנדיקסטע און טיפּזיניקסטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון אונדזער צייט, דער פּאָן־טרעגער — צוזאַמען מיט אַנרי באַרביס און לואי אַראַגאָן — פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער פראַנצויזישער ליטעראַטור, האָט אָנגעשריבן זיין „עט קאָמ־פּאַני" אין די יאָרן 1911—1914. דערשינען אָבער איז דאָס בוך אין 1918. „עט קאָמפּאַני" איז די געשיכטע פון אַן עלזאַסישער יידישער משפּחה, וואָס זאָגט זיך אָפּ, נאָך דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה פון 1871, אָנצונעמען דייטשישע בירגערשאַפט, אָפּטירט פּאַר פראַנצויזישער מלוכה־אָנגעהעריקייט, מוז פּאַרלאָזן מיט ווייב־און־קינד די דורותדיקע היים, וועלכע איז אָנעקסירט געוואָרן דורך ביסמאַרק־דייטשלאַנד, און קלייבט זיך אַריבער קיין מזרח־פראַנקרייך. דער ראָמאַן שילדערט באריכות די ליידן פון די אַריבערוואַנדערער, זייערע שוועריקייטן איינצופלאַנצן זיך אין נייעם באָדן, זייערע צוזאַמענשטויסן מיט דער פרעמדער, צוערשט פיינטלעכער סביבה און דעם פּאַמעלעכן, ווייטאָקדיקן פּראָצעס פון אַקלימאַטיזירונג אין די נייע באַדינגונגען.

נישט געקוקט דערויף, וואָס „עט קאָמפּאַני" שפּילט זיך אָפּ בסך־הכל

אין משך פון צוויי יאָר, פון 1871 ביז 1873, איז דאָס בוך אַ ראָמאַן פון יידישע דורות, אַ מין קאָנצענטרירטע משפחה־כראָניק, די כראָניק פון דער משפחה זימלער. דריי דורות זימלער גייען פאַרביי פאַר אונדזערע אויגן און וועגן פערטן דור — ריכטיקער, וועגן ערשטן — ווערט אַ סך דערציילט.

דער ערשטער דור, דער פּאַטריאַרך און אבֿ־המשפּחה — איז משה־הערש זימלער. דאָס איז אַן עלזאַסער ייד, וועמען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געגעבן בירגער־רעכט און וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ זעלנער אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי (אַ הויפּט־באַראַבאַנשטשיק!), האָט געשלאָגן זיך אויף די אומענדלעכע שטחים פון רוסלאַנד און אויף די שלאַכטפעלדער פון וואַטערלאָ. נאָך דער נאַפּאָלעאָן־עפּאָפּייע און דער רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען, עפנט משה־הערש אין זיין עלזאַסישן שטעטעלע בושענדאָרף אַ קליינע פאַבריק פון טוך, וואָס גייט שפּעטער איבער בירושה צו זיינע צוויי זין, היפּאָליט און מירטיל. די פאַבריק צעוואַקסט זיך, די יונגע זימלערס ווערן אָנגעזעענע טוך־פאַבריקאַנטן און אויך זייערע זין, שוין דער דריטער דור, זיינען אַריינגעצויגן אין געשעפט און אויך די אייניקלעך, דער פערטער דור, וועלן זיכער אָנגעהערן צו דער פירמע „זימלער עט קאָמפּאַניע". די פאַבריקאַציע ווערט דער באַרוף פון דער משפּחה, איר לעבנס־אינהאַלט.

אין 1871 פאַרקויפן די זימלערס בחצי־חנם זייער פאַבריק אין עלזאַס און פאָרן לעצטן געלט, בלייבנדיק נאָך פאַרטונקט אין חובֿות, קויפן זיי איין אין אַ שטעטל פון מזרח־פראַנקרייך אַן אַלטע חרובֿע פאַבריק־געביידע, וועלכע דאַרף עס ווערן דער נייער זיץ־אָרט פון דער פירמע און דער מקום־מקלט פאַר דער גאַנצער משפּחה. די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען אויפצושטעלן אין די האַלב־חרובֿע ווענט אַ מאָדערנע אינדוסטריע, דער עקשנותדיקער קאַמף הן קעגן פינאַנציעלע און מאַטעריעלע שוועריקייטן, הן און גלייכצייטיק קעגן דער באַגרענעצטקייט, דער רוטין און די כלערליי פאַראורטיילן פון דער נייער סבֿיבֿה — דאָס איז דער אינהאַלט פון ראָמאַן.

„עט קאָמפּאַני" ברענגט אונדז אָגב אַן אינטערעסאַנטע קולטור־היסטאָרישע פעסטשטעלונג: אויב אין דער משפּחה זימלער ריידן אַלע פראַנצויזיש, מיטן ספּעציפישן עלזאַסישן אַקצענט, פאַרשטייט זיך, ריידן אָבער אויך אַלע עלטערע זימלערס — יידיש. און די ייִנגערע, לכל הדעות, פאַרשטייען יידיש. אַ סבֿרה, אַז משה־הערש זימלער, דער זעלנער פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, האָט גערעדט, אויב ניט בלויז, איז בעיקר — יידיש. זיינע קינדער און אייניקלעך ניט בלויז ריידן, נאָר שרייבן זיך אויך דורך אויף יידיש.

ס'איז, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל ווי אין אַ ווערק פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ווערט אַזוי פיל גערעדט וועגן יידיש. אַפילו זייער פראַנצויזיש באַפּעפערן אָפט די זימלערס מיט אַ יידיש וואָרט און גלייכ־

ווערטל. די אַנטיסעמיטישע אינדוסטריעלער, טעמפּע, אויפגעבלאָזענע, הייסן בײַ זײַ — „די געטשעס". בײַ יעדער געלעגנהייט ווערט דערציילט „אַ משל'שע". ווען משה־הערשס זון היפּאָליט ליגט אויפן טויטן־בעט, איז ווי ער וואָלט איינגאַנצן פאַרגעסן פראַנצויזיש און רעדט בלויז יידיש.

זשאַן־רישאַר בלאָק שרייבט דאָס וואָרט יידיש אין דער פראַנצויזי־שער טראַנסקריפּציע (וואָס האָט, ווי מיר וועלן באַלד זען, זיך נישט אויפגעהאַלטן) — yidiche. דאָס וואָרט ייד לייגט ער אויס ריין־פאָנע־טיש און פּראָווינציעל־עלזאַסיש — yit.

„עס קאָמפּאַני" איז דער ראָמאַן פון עלזאַסישן יידנטום. דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד און דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער ישוב הויבן אָן זיך צו באַווייזן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ערשט אין די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער ערשטער רייע דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס ווערק פון זשאַק דע לאַקרעטעל „סילווערמאַן", וואָס איז די געשיכטע פונעם צווייטן דור יידישע אימיגראַנטן.

סילווערמאַנס פאָטער איז אַ קליין־הענדלער, וואָס שטאַמט פון פּוילן. דער העלד גופא פון בוך איז געבוירן שוין אין פּאַריז. פראַנקרייך איז זיין פאָטערלאַנד, ער וויל זיך צונויפגיסן מיט דער פראַנצויזישער סביבה, ווערן אַ פראַנצויז ווי אַלע זיינע חברים. אָבער שוין פון דער שול־באַנק אָן דערפילט ער זיין אַנדערשקייט, ריכטיקער — מען גיט עס אים צו פילן. דאָס גייסטרייכע קינד הויבט אָן זוכן אַ וועג ווי אַזוי הארמאָניש צו באַ־העפטן זיין יידישקייט מיט זיין פראַנצויזישקייט, ווי אַזוי „צו פורעמען — ווי ער דריקט זיך שפּעטער אויס — די אייגנשאַפטן פון מיין ראַסע לויט דעם כאַראַקטער פון מיין לאַנד". דאָס בוך „סילווערמאַן", וואָס ענדיקט זיך אָבער מיט אַ טראַגישן סוף, איז איינגאַנצן געווידמעט דעם פּיינפולן זוכן פון אָט דעם סינטעז.

צוליב אַנדערע טעמים ווי זשאַק דע לאַקרעטעל און זיין „סילווער־מאַן", דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער גרויסער מייסטער פון דער מאָדער־נער פראַנצויזישער ליטעראַטור — זשאַן זשיראָדו. דער וואָס איז באַ־צייכנט געוואָרן אַלס „צוויבערער פונעם פראַנצויזישן קינסטלערישן וואָרט", האָט אויסגעצויבערט עטלעכע, אָבער זייער ווייניק באַקאַנטע, זייטלעך וועגן — יידיש.

ווי באַוואוסט, האָט זשיראָדו, לויטן נוסח פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור פון זיבעצעגטן יאָרהונדערט, אָפט געשריבן צוגאָב־ווערק צו און וועגן זיינע ווערק. אַזוי למשל, האָט ער צו זיין באַרימטער פּיעסע „זיג־פריד", וואָס האָט אין דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות אָנגע־הויבן די עפּאָכע פונעם פּאָעטישן און פילאָזאָפישן טעאַטער, צוגעשריבן צוויי קורצע אַקטן, וועלכע ער האָט אַנגערופן „פוגעס וועגן זיגפרידן". אונטער־שטרייכנדיק די ענלעכקייט, לויט אים, צווישן דראַמאַטישער און מוזי־קאַלישער קאָנסטרוקציע, האָט ער אייגעם פון אָט די אַקטן אַ נאָמען געגעבן „דיווערטיסמענט וועגן זיגפרידן" און דעם צווייטן — „לאַמענטאָ" (קלאָג־

ליד). געפינט זיך אין „דיוועריטיסמענט וועגן זיגפרידן" אַ בילד (דער פינפטער) וועגן יידיש, וואָס ווערט אַרייגגעפּלאַכטן אויפן כאַראַקטעריס־טישן פאַר זשיראַדוען, אומדערוואַרטן, שפּילעוודיקן און אומרעעלן אופן.

די העלדן פון בילד זיינען דער דייטשישער אָפיצער, דער יונקער אַטטאָ־ווילהעלמוס פאָן צעלטען־בוכענבאַך און זיין אַמאָליקער פּאַריזער פריינט, דער פראַנצויזישער פילאָלאָג ראַבינאַ. די אַקציע קומט פאָר בעתן בירגער־קריג אין דייטשלאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַן אַל־טער גאַליציאַנער ייד ווערט באַשולדיקט אין דערמאָרדן אַ דייטשישן מיליּ־טער־מאַן. ראַבינאַ פּרוּווט אים ראַטעווען צוליבן זכות, וואָס דער ייד שטאַמט — פונעם שטעטל סלאָפּ! דער יונקער פאַרשטייט נאַטירלעך נישט, וואָס דאָ איז פאַר אַזאַ יחוס מיט אָט דעם שטעטל און ראַבינאַ, פאַרכלינענ־דיק זיך ממש פון ענטוזיאַזם, דערקלערט אים:

„אום גאָטעס ווילן, צעלטען, סלאָפּ איז דאָס שטעטל, וואָס אַלע אוני־ווערסיטעטן פון דער וועלט האַלטן פאַר פאַרשוואונדן — ס׳איז דאָס גע־בוירן־לאַנד פונעם פּאָעטישן יידיש. בלויז דאָרט איז יידיש געווען לויטער, חנוודיק, פול גלוסטונג. ס׳איז די פּאַרזונקענע צויבערשטאָט פון יידיש. אַלע יידישע ליבע־לידער שטאַמען פון סלאָפּ. שוין צען יאָר, ווי איך זוך אומזיסט אין ביכער און אין מינדלעכע טראַדיציעס דאָס, וואָס איך געפין איצט אינעם דאַזיקן מענטשן. אין זיינע הענט ליגן די שליסלען צו מיין קאַריערע".

צעלטען איז גרויסמוטיק מסכים צו לאָזן לעבן דעם יידן נאָך אַיין שעה, כדי ער זאָל קאָנען זיך מודה זיין אין אַלע זיינע פאַרברעכנס — אויף אַלט־יידיש. דער ייד הייבט אָן ריידן און ראַבינאַ, אַן אַנטציקטער, בעט זיך

„ראַבינאַ: לאָז ווייך מאַכן דיין האַרץ, צעלטען!... וואָס פאַר אַ מו־זיק!... דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויפל אומשולד און פרישּ־קייט עס איז פאַראַן אין דער דאַזיקער שפּראַך.

צעלטען: וואָס זאָגט ער?

ראַבינאַ: ער זאָגט, אַז ער וועט אין אַלץ זיך מודה זיין. ער איז אָבער אַ באַרימטער פאַרברעכער און אויף זיין ווידוי דאַרף ער האָבן פיל טעג.

גאַליציאַנער: (זאָגט אַ פּראַזע אין יידיש. אַסאַנאַסן אין אַ. קינסט־לעכע נאַז־קלאַנגען).

ראַבינאַ: (זעצט איבער) ער זאָגט, אַז ער וועט אונדז דערציילן דעם אמת וועגן ראַטשילדן... וועגן ווערטהיימען... וועגן יעזוסן"...

אָבער די נייגעריקייט פונעם יונקער גרייכט נישט אַזוי ווייט און מען פירט דעם יידן אַוועק שיסן.

אינטערעסאַנט, אַז זשאַן זשיראַדו שרייבט דאָס וואָרט יידיש שוין אַנדערש ווי זשאַן־רישאַר בלאָק און נישט אין דער פראַנצויזישער טראַנ־סקריפּציע. ער שרייבט yiddish. דאָס איז דער אַמעריקאַנער אויסלייג

פון הארט, וואס איז אריבערגעקומען קיין איירָאפּע און האָט ענדגילטיק זיך אָנגענומען, פון די דרייסיקער יאָרן אָן, אויך אויף פראַנצויזיש.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה באַווייזט זיך דער מזרח־איירָאָ־פּעאישער ייִד אַלץ מער אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אַ באַזונ־דערס וויכטיק אָרט פאַרנעמט ער אינעם זיבן־באַנדיקן ראָמאַן פון אַנדריי וואָרמסער, „אַ מענטש קומט אויף דער וועלט". פיל העלדן פון ראָמאַן דינען ייִדן, הן אַלטגעזעסענע הן אימיגראַנטן אָדער קינדער פון אימי־גראַנטן. די אַקציע פון געוויסע טיילן („די צוריקגעפונענע דעניז" למשל) פאַרלויפט זיך טיילווייז אין אַ ייִדישער סביבה, נישט ווייט פון „פּלעצל" און פּלאַס־דע־וואָזש, צווישן אָרעמע ייִדישע שניידער און בייטל־מאַכער, היטלאָרבעטער און קליינהענדלער, וועלכע דער מחבר שילדערט מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און וואַרעמקייט.

דער ראָמאַן וועגן אונדזער ישוב אַלס אַזעלכן, אין דעם זין ווי עס איז זשאָן־רישאַר בלאָקס „עט קאָמפּאַני" פאַרן עלזאַסיש־ייִדישן ישוב, אַזאַ ראָמאַן האָט נאָך אָבער געפעלט. און אָט איז דער בלויז פאַרפילט געוואָרן מיטן דערשיינען פון „אַוראָמס זין" פון ראָזשע איקאָר, וואָס האָט אין דעצעמבער פון פאַריקן יאָר באַקומען דעם גאָנקור־פּריז פאַר 1955. דער פאַקט, וואָס אַ בוך וועגן איינגעוואַנדערטע האָט באַקומען די העכסטע ליטעראַטור־אויסצייכענונג איז דער בעסטער באַווייז, אויף וויפל אונדזער מזרח־איירָאפּעאישער ישוב, מיט זיין שפּראַך, זיינע מנהגים און זיין גאַנצער פּראָבלעמאַטיק, האָט זיך ענדגילטיק איינגעבירגערט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

***

ראָזשע איקאָר, אַליין אַ קינד פון ייִדישע איינגעוואַנדערטע, איז גע־בוירן געוואָרן אין פּאַריז, אין 1912. זיינע עלטערן שטאַמען פונעם ליט־ווישן שטעטל ווילקאָמיר, וועלכן ער האָט אין זיין ראָמאַן פאַראייביקט אונטערן נאָמען ראַקוואָמיר. איקאָר האָט פאַרענדיקט די אָנגעזעענסטע פראַנצויזישע פּעדאַגאָגישע הויכשול (עקאָל נאָרמאַל סופּעריער) און איז באַשעפטיקט אַלס פראַנצויזיש־לערער אין אַ פּאַריזער ליצעי. אין דער ליטעראַטור איז ער כמעט אַ פּנים חדשות. אויסער זיין איצט־פּרעמירטן ראָמאַן, האָט ער פאַרעפנטלעכט בלויז צוויי ביכער, וואָס האָבן קיין באַ־זונדערן אינטערעס נישט אַרויסגערופן.

„אַוראָמס זין" איז אַ ראָמאַן אין צוויי טיילן, דער ערשטער הייסט „פרילינג־אַריבערפלאַנצונג", דער צווייטער — „געמישטע וואַסערן". ווי עס ווייזט גלייך אָן דער אַלגעמיינער טיטל, האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ משפּחה־כראַניק, וועגן דער געשיכטע פון די בני־אַוראָם (נישט אַבֿרהם, וואָס וואָלט אין פראַנצויזיש געווען אַבראַהאַם, נאָר טאַקע ייִדישלעך און דווקא ליטוויש־ייִדישלעך — אַוראָם). אין קעגנזאַץ צו „עט קאָמפּאַני", וואָס איז אויך אַ משפּחה־כראָניק, אָבער אַ קאָנצענטרירטע, אַ דראַמאַטיש־צוגעשפּיצטע צו אַ געוויסן קריזיס־פּונקט, איז דער ראָמאַן פון איקאָר

אַ ברייט־פּאַרמאָסטענער, עפּישער לייוונט, אַ ווערק וואָס נעמט אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון קנאַפּע זעכציק יאָר.

„אַווראַמס זין״ איז מער ווי אַווראַמס זין. ס׳איז דער אַלטער אַווראַם גופא, זיינע זין, זיינע אייניקלעך און אַפילו אוראייניקלעך. דער ראָמאַן איז אַ קייט פון יידישע דורות, לכתחילה איז זייער יוגנטלעכער „פרילינג־אַריבערפלאַנצונג״ אויף דער פראַנצויזישער ערד און דערנאָך אינעם פּראָצעס פון זייער אַריינוואוקס אין פראַנצויזישן באָדן, פון זייער אַריינפליסן אינעם גרויסן טייך פון פראַנצויזישן לעבן, אַזוי אַז עס באַקומט זיך לסוף בלויז „געמישטע וואַסערן״.

דער ערשטער פון די בני־אַווראַם, וואָס האָט זיך פרילינגדיק אַריבער־געפלאַנצט קיין פראַנקרייך, איז דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן — יאַנקל מיכאַנאָוויצקי. ער קומט קיין פּאַריז סוף פאַריקן יאָרהונדערט, אַלט זייענ־דיק צוויי און צוואַנציק יאָר און נעמט זיך גלייך צו היטלמאַכעריי. אין דער ליטע האָט ער איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט אַ קליין טעכטערל, וועלכע ער פאַרגעסט שנעל, מחמת מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן וויל ער ווערן — אַן אמתער פראַנצויז, דאָס הייסט, אויס ייד. קומט אָבער, נאָך יאָרן וואַרטן, דאָס ווייב אַליין אַראָפּ קיין פּאַריז, מיטן קינד, אומגעריכט און אומגעבעטן, און יאַנקל, ווילנדיק נישט ווילנדיק, מוז זיך אַריינציען אין יידישן געגנט און ווערן צוריק — אַ ייד.

די יאָרן לויפן. יאַנקל אַרבעט פאַר זיך, אין אַן אייגענעם היטלמאַכער־וואַרשטאַט. ער איז אַ טאַטע פון פיר קינדער, די דריי ייִנגערע געבוירענע שוין אין פּאַריז. ביסלעכווייז קומען אַראָפּ פון דער ליטע די איבעריקע משפחה־מיטגלידער. צוערשט דער ברודער משה, דערנאָך אַ צווייטער ברודער מיט אַ שוועסטער, וואָס פאָרן אָבער ביידע אַוועק קיין אַמעריקע און לסוף דער פּאַטריאַרך גופא, דער אַלטער אַווראַם, מיט זיין ברייגען און דעם מוזינעקל איטשע. משה האָט חתונה מיט אַ רייך יידיש־פראַנ־צויזיש מיידל און עפנט אַ יואוועליר־געשעפט אין סאַמע צענטער פון פּאַריז. אַווראַם ווידער ווערט אַ בשמים־קרעמער אויפן פּלעצל. יאַנקל, ביי זיינע היטלען, האַלט אין איין באַטראַכטן וועגן יידישקייט און פראַנצויזישקייט.

ס׳קומט אונטער די ערשטע וועלט־מלחמה. משה און איטשע גייען פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט, פון וואַנען איטשע קומט מער נישט צוריק. די קינדער וואַקסן אויס, די עלטערע טאָכטער רבקה האָט חתונה מיט אַ יידישן בחור פון פּוילן. דער עלטערער זון סימאָן פאַרליבט זיך אין אַ פראַנצויזיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ פּויער פון פּאַריזער אומגעגענט, און האָט מיט איר חתונה. די יינגערע טאָכטער קלאַראַ נעמט פאַר אַ מאַן אַן איטאַליענער. דער מוזינעק פערנאַן, אפשר דערפאַר ווייל ער איז דער סאַמע באַגרענעצטער און אָפּגעשטאַנענער פון די אין פּאַריז געבוירענע קינדער, וויל דווקא אַ יידיש ווייב און לאָזט זיך אַפילו ריידן אַ שידוך. די משפחה ברייטערט זיך אויס, סיי אין כמות, סיי אין איכות. איינער פון משהס זין ווערט אַפילו אַ פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר. דער אַלטער

אוראַם מיטן וויב פאַרן שטאַרבן קיין ארץ־ישראל. די אין פראַנקרייך געבליבענע בני־אוראַם שלאָגן אַלץ טיפערע וואָרצלען אין דער פראַנ־צויזישער ערד. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט יאַנקלס עלטסטע טאָכטער דעפּאָרטירט צוזאַמען מיטן מאַן. יאַנקלס אייניקל, סימאָנס זעכצן־יאָריקער זון, ווערט דערשאָסן דורך די דייטשן. צוויי דורות בני־אוראַם האָבן, איןביידע וועלט־מלחמות, פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר פראַנקרייך. די וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָבן, בעיקר דורך געמישטע חתונות, זיך איינגעגלידערט אין גרויסן פראַנצויזישן פאָלקס־אָרגאַניזם און צוגע־טראָגן זייער חלק צו די „געמישטע וואַסערן״.

„אוראַמס זין״ איז אַ רעאַליסטישער ראָמאַן, געשריבן געשיקט און מיט טאַלאַנט. דער מחבר האָט אַ וואָך אויג פאַר דער אַרומיקער ווירק־לעכקייט און אַ ניינונג, אָפט אַ צו שטאַרקע, צום נאַטוראַליסטישן דעטאַל, וועלכן ער כאַפּט אויף פלינק און הייבט אַרויס מיט הנאה. ווי יעדער עכטער ראָמאַנען־שרייבער, באַהערשט איקאָר גרינטלעך זיין ליטעראַרישן רוי־שטאָף און אָרגאַניזירט אים — כחומר ביד היוצר, כדי די דערציילערישע ליניע זאָל זיין אַ קלאָרע, די אינטריגע פאַרקניפּט אויף אַן אינטערעסאַנטן און אָפט פאַרכאַפּנדיקן אופן און כדי די סטרוקטור פון ווערק זאָל זיין אַ פעסטע און סאָלידע. דערביי איז איקאָר אַן אויסגעצייכנטער פּאָרטרע־טיסט, וואָס געפינט תמיד די נויטיקע קאָלירן, די נויטיקע תנועות און קנייטשן, דעם געהעריקן ליכט־און־שאָטן, וועלכע מאַכן פון יעדן העלד זייַנעם אַ בולטע, ביז גאָר אינדיווידואַליזירטע געשטאַלט.

איקאָר באַנוצט זיך זייער אָפט מיטן קאָנטראַסטן־מעטאָד, צו וועלכן ער האָט אַ בפירושע שוואַכקייט: קאָנטראַסט־שפּיל צווישן יאַנקלען און זיין פראַנצויזישן מחותן, דעם פויער פון פּאַריזער אומגעגנט, קאָנטראַסט־שפּיל צווישן ביידע ברידער, יאַנקל דעם אידעאַליסט און משה דעם ציני־קער, צווישן דעם אַלטן אוראַמען און זיינע היינטוועלטישע קינדער, קאָנ־טראַסט־שפּיל צווישן סימאָנען, יאַנקלס זון, וואָס זיין אויסלענדישע אָפּ־שטאַמונג איז אים ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס און זשאַקלין סאָלניע, זיין פראַנצויזישע כלה פאַר וועלכער אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אויס־לאַנד, האָט גראָד אַ באַזונדערן רייץ.

די קאָנטראַסטן ווערן נישט קיין קאָנפליקטן. זיי לייזן זיך אויף אויף אַ פרידלעכן אופן, אין אַ קוועטש מיטן אַקסל, אין אַ שמייכל. איקאָר האָט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר הומאָר. דאָס איז אָבער אַ הומאָר פון אַ ספּעציעלן מין, אַן זון, אַן פרייד, אַ קאַלט־גלייכגילטיקער. ווען דער מחבר הערט אויף צו זיין גלייכגילטיק, ווען עפּעס רירט טיף זיין האַרץ — ווערט ער ערנסט. אַזוי איז עס למשל בעת ער מאָלט די פראַנצויזישע ערד, דעם פראַנצויזישן פּייזאַזש, די ליבע אויפן פּאַן פון אַ פראַנצויזישער לאַנדשאַפט, דאָס אַלטע שטעטל ביי דער סען, הינטער די פּאָרשטעט פון פּאַריז. אין זיינע נאַטור־שילדערונגען ווערט איקאָרס סטיל, וואָס איז אָפט פון האַנט־צו־מויל־אַרטיק, באַהערשט פון אויפריכטיקן פּאָעטישן שוואונג. ער הייבט

זיך אויף איבער דער קלײנער טאָג־טעגלעכקייט, איבערן אויבנאויפיקן דעטאַל און ווערט פּייערלעך־עפּיש.

די צווייאיקייט פון מחברס סטיל, די גרונט־פאַרשיידנקייט פון זיין טאָ־נאַליטעט ביים מאַלן, פון איין זייט, די פראַנצויזישע ערד און דעם פראַנ־צויזישן מענטש אויף איר און, פון דער צווייטער זייט, די פאַרשיידענע בני־אוראַם, אַנטפּלעקט אונדז אַגב דעם אינערלעכן מהות פון איקאַרס הומאָר — דאָס איז אַ הומאָר אַ קאַריקאַטוראַלער.

אַ קאַריקאַטור־בילד מוז נישט דווקא זיין אומענלעך צום אָריגינאַל. קאַפּויער, אַ געלונגענע קינסטלערישע קאַריקאַטור איז אָפּטמאָל, אויבנ־אויפיק גענומען, ענלעכער צום מאָדעל, ווי אַ רעאַליסטיש בילד, זי איז יעדנפאַלס מער שרייענדיק־ענלעך, מער צוגעשפּיצט־ענלעך, זי וואַרפט זיך מער אין די אויגן מיט איר ענלעכקייט אין אַ געוויסן כאַראַקטעריס־טישן דעטאַל, וואָס ווערט אַרויסגעהויבן אויפן חשבון פון אַנדערע נישט ווייניקער וועזנטלעכע שטריכן.

איקאַרס בני־אוראַם זיינען ענלעך צו טויזנטער פּאַריזער יידן פון אַ גאַנץ יאָר, זיי זיינען אָפּט ממש אויפפאַלנדיק ענלעך — אָבער בלויז אין אַ דעטאַל, אין עפּעס אַ מאַניע, אין אַן אונטערבאַוואוסטזיניקער תנועה: אין אופן פון ריידן, פון שטופּן זיך, פון אַרומהאַוועז, אינעם חושד זיין אומעטום אַנטיסעמיטיזם, אינעם נאָכפרעגן זיך „צי איז עס גוט פאַר יידן", אינעם נאָכזוכן יידישע נעמען צווישן באַרימטע מענטשן פון גאָר דער וועלט אא"וו, א"וו. די ענלעכקייט איז אַ ריין־אויסערלעכע און מ'ניר כאַפּן זיך באַלד, אַז אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין, מחמת איקאַרס יידישע העלדן זיינען געמאָלט אויבנאויפיק, זיי באַוועגן זיך בלויז אין צוויי די־מענסיעס. די בולטקייט פון איקאַרס פּאָרטרעטן, וואָס געפעלט אַזוי שטאַרק אין ערשטן אויגנבליק, דערקלערט זיך נישט מיט אינערלעכער פאַרטיפט־קייט, נאָר מיט אויסערלעכער צוגעשפּיצטקייט, מיט קאַריקאַטור.

שוין די שפּראַך פון די בני־אוראַם איז אָפּט אַ קאַריקאַטור־מעסיקע. איקאַרס יידישע העלדן ריידן, פאַרשטייט זיך, יידיש (און דאָס וואָרט ווערט געשריבן אין דער שוין איינגעבירגערטער אַמעריקאַנער טראַנסקריפּציע: yiddish) זיי ריידן אויך פיל — וועגן יידיש. דער פראַנצויזישער לייענער ווערט אַזוי אַרום אַריינגעפירט אין די אינערלעכע פּראָבלעמען פון אונדזער שפּראַך, ער באַקענט זיך למשל מיטן ענין דיאַלעקטן. דער ליטווישער ייד יאַנקל האָט פיינט די פּוילישע יידן און זייער לשון. „אָט די דאָזיקע נידע־ריקע פאַרשוינען — דערציילט דער מחבר — האָט יאַנקל פאַרגעוואָרפן באַ־זונדערס זייער מאַניר פון ריידן יידיש — אַ קוואַטשעדיקע, אַ גליטשיקע, אַ קלעפּיקע; מ'וואָלט געשוואוירן, אַז זייער צונג איז תמיד באַדעקט מיט שפּיי־עכץ, אַז ס'ווילט זיך זיי רק שפּייען אָדער ברעכן. צום ביישפּיל, כדי צו פרעגן: "qu'est-ce que c'est que cela?" פּלעגט יאַנקל און זיינע לאַנדסלייט זאָגן „וואָס איז דאָס?" — נאַטירלעך, אַנשטענדיק, מענטשלעך מיט איין וואָרט! און ווייסט איר, וואָס דערפון ווערט אין מויל פון אַ פּוי־

לישן ייד: „וואוּעס איז דוּעס?״, אַט ווי איר הערט, מיט אַראָפּגעהאָנגענע ליפּן, עקלהאַפטו!״

די דאָזיקע שורות אילוסטרירן אַגב איקאָרס מעטאָד פון גוזמא און קאַריקאַטור. אַז די רוסישע און פוילישע יידן חוזקן קעגנזייטיק פון זייער אויסשפּראַך, איז אַ פאַקט, פונקט ווי דאָס געשעט איבעריקנס ביי די פראַנצויזן פון צפון־ און דרום־פראַנקרייך. אָבער פונעם גוטמוטיקן אָפּשפּאָטן ביז צו אַן אויסברוך פון עקל — איז פאַלג־מיך־אַ־גאַנג.

פאַר זיינע יידישע העלדן פּרואווט איקאָר שאַפן אין פראַנצויזיש דעם שפּראַכלעכן עקוויוואַלענט פון יידיש. ער פּרואווט איבערגעבן דעם ספּעציפישן ריטם פון דער יידישער פּראָזע, דאָס כאַראַקטעריסטישע פונעם יידישן ריידנס־אַרט. טוט ער עס אָבער ווידער אויף אַ ריין־אויסערלעכן און קאַריקאַטוראַלן אופן. ער באַווירצט ברייטהאַרציק די שפּראַך פון די בני־אוראַם מיט כלערליי פאַראַזיט־קלאַנגען, וואָס דאַרפן עס איר צוגעבן דעם אויטענטיש־יידישלעכן חן. עס ווימלט דאָרט מיט אַי־אַי!, אוי־אוי!, אַיי־אַיי! און הו־הו!, מיט טשש! און טשאַ! און טשיפּ־טשיפּ! און טס־טס! און טי־טי־טי!, שוין נישט ריידנדיק וועגן אָבליגאַטאָרישן פּפע! און נאַ־נאַ! און נו־נו! נאַטירלעך, ווערט כסדר געבראַקט מיט „קיין בייז אויג זאָל ניט שאַטן״, מיט „אַן אומגליק איז מיר״ אָדער „אַ גליק אויף אייך״ (אַזוי איבערזעצט דער מחבר דעם אויסדרוק: מזל־טוב). דאָס טראַנספּאָזירן אַ רייד־סטיל פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער איז טאַקע נישט קיין לייכטער ענין, אָבער די זימלערס פון זשאַן־רישאַר בלאָקס „עט קאָמפּאַני״ ריידן אויך אָפּט יידיש, און דווקא אַן שפּראַך־האַוואַיעס און אַן משונהדיקע זאַץ־בויאונגען.

„אַוראָמס זין״ פּרעטענדירט צו זיין נישט בלויז אַ ווערק וועגן יידן, נאָר אויך און בעיקר אפשר אַ ווערק וועגן יידישקייט, ריכטיקער — וועגן אויפלייזונג פון יידישקייט אין הייִנטצייטיקן פראַנקרייך. דער מחבר איז נישט בלויז אויסן צו דערציילן און שילדערן, נאָר אויך און בפירוש — צו דערוויזן, צו איבערצייגן. ס׳איז אַ ראָמאַן מיט אַ מיין, מיט אַ מוסר־השכל.

דריי דורות יידן מאָלט אונדז דער מחבר און דעם פערטן שקיצירט ער, מיט עטלעכע קורצע שטריכן בלויז.

דער ערשטער דור. דאָס איז דער דור פון שטאַם פון פּאַטריאַרך גופא, פון אַוראָמען. ער איז דער פאָרשטייער פון אַלטער יידישקייט און, אויפן פּאַריזער באָדן, פון דער אַזוי גערופענער „פּלעצל״־יידישקייט.

דער צווייטער דור איז דער, וואָס איז געקומען קיין פראַנקרייך אין די יונגע יאָרן, דער פרילינגדיק־אַריבערגעפלאַנצטער. זיינע פאָרשטייער זיינען די צוויי הויפּט־העלדן פון ערשטן באַנד — יאַנקל און משה.

דער דריטער דור, דאָס זיינען די קינדער געבוירענע שוין אין פראַנקרייך. זיין פאָרשטייער איז דער הויפּט־העלד פון צווייטן באַנד — סימאָן.

דער פערטער דור, דאָס זיינען די אייניקלעך פון די איינגעוואַנדערטע, קינדער געבוירענע ס׳רוב פון געמישטע חתונות.

ווי אַזוי שילדערט דער מחבר אָט די פאַרשיידענע יידישקייט־שיכטן?

דער אַלטער אַוראַם איז, לויטן אויסדרוק פון זיין זון יאַנקל, וועלכער דריקט זיכער אויס די מיינונג פון מחבר, איינער פון „אָט די אַלטע יידן, וואָס זיינען נישט מסוגל זיך צוצופּאַסן, נישט צו ענדערן זיך — יידן נאַציאָנאַליסטן. יאָ, נאַציאָנאַליסטן! ווייל דער געטאָ איז זייער נאַציע, זייער פאָטערלאַנד, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען, אין וואַרשע, צי אין ניו־יאָרק, אין לאָנדאָן צי אין פּאַריז. אַ גערויסן טאָג האָט עפּעס אַ קריסט אָנגערופן דעם אַלטן אַוראַמען: „שמוציקער ייד!". וואָס זשע האָט געענטפערט דער אַלטער? אָט־וואָס, פּראָסט און פשוט: „איך אַ ייד, יאָ!... ס'איז גוט, אַ ייד!..." און בעת מעשה זיך געריבן דעם בויך, צו ווייזן, ווי גוט דאָס איז; און באַלד צוגעגעבן מיט פאַראַכטונג: „דו — נישט קיין ייד!". ווייל אַוראַם איז אַ ייד לויט דער נאַציע, פּונקט ווי אַנדערע זיינען ענגלענדער אָדער פראַנצויזן, אָדער רוסן. ער פילט זיך כלל נישט אַלס אויסלענדער; אַלע אַנדערע זיינען אויסלענדער!"

אידענטיפיצירן אַלטע יידישקייט מיט געטאָ און געטאָ מיט נאַציע און נאַציאָנאַליזם הייסט — נישט ברעכן זיך צו פיל דעם קאָפּ כדי אַריינצודרינגען אינעם מהות פון אַ וועלט, וואָס, ווי מען זאָל זיך צו איר נישט באַציען, האָט זי הינטער זיך אַ יחוס־קייט פון לאַנגע יאָרהונדערטער. אָט דעם ענין פאַסט אויף איקאַר אויף אַ שטוינענדיק־נאַאיוון אופן. דעם אייגערלעכן כאַראַקטער פון אָט דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט גיט ער נישט קיין געלעגנהייט צו זען, דערפאַר אָבער ווייזט ער אונדז מיט פולער האַנט אירע אויסערלעכע, משונהדיקע פאָרמען און קאָלירן, איר באמת אויסטערלישן עקזאָטיזם.

פונעם שטאַנדפּונקט פון ליטעראַטור־יריד, איז עס געווען באמת אַ גלענצנדיק־פּרוכטבאַרע אידייע: אַנטפּלעקן פאַר דעם פראַנצויזישן לייענער, אין סאַמע האַרץ פון פּאַריז, אַ קרקע בתולה פון עקזאָטישקייט, אַ מין דזשונגל, וואָס איז באַוואוינט ביז היינט צו טאָג דורך פאַרהיסטאָרישע, פאַרמבולדיקע באַשעפענישן. אויב אַלט־יידישקייט באַשטייט נישט מער, ווי אין אויסערלעכער עקזאָטיק, איז עס דאָך ממש אַ יצר־הרע צו מאָלן אָט די עקזאָטיק מיט וואָס בונטערע, וואָס מער שרייענדיקע קאָלירן. און דעם יצר־הרע איז איקאַר נישט ביינעשטאַנען.

אָט ווי ער באַשרייבט, למשל, די פייערלעכע דערעפענונג פון אַוראַמס שפּייז־געוועלב, אויפן „פּלעצל", וואָס איז איבערפולט מיט מענטשן.

„קיינער האָט נישט געקויפט: אַלע האָבן זיך אַליין מכבד געווען. מענער און פרויען, לאַכנדיק, די ציגנער אין דער אַרבעט און די קעפּ אין אומאויפהערלעכער באַוועגונג, האָבן געהאַלטן אין איין נעמען, וויפל ס'איז נאָר אַריין, פון די פעטער זויערע אוגערקעס, פון די זעק ניס און ניסלעך, פון די קאַסטנס געטריקנטע פלוימען און ראָזשינקעס. אָ, בלויז איין פּרוכט פאַר אַ מאָל! מען איז דאָך אָנשטענדיקע מענטשן, נישטאָ דאָ קיין גנבים חלילה! אָבער די באַוועגונג קומט ווי פון זיך אַליין: האַפּ! אַ פלוים, האַפּ!

אַ נוס, בלויז כדי דאָס מויל זאָל האָבן אַ שטאָך מלאכה בעת דער שכן רעדט. און איבעריקס, ווער שטערט זיך עס, צווישן גוטע פריינט ?״

און ווייטער: „דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף. דאָס געוועלב האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעליידיקט, אָבער אויפן גאַס איז דער אויפגעלויף געבליבן אַלץ אַזוי געדיכט און טומלדיק. דורך דער וויטרינע האָט יאַנקל געקאָנט זען בלויז דעם אויבערשטן טייל פון המון — קאַפּעלושן און קעפּ און הענט, ווי אַפּגעשניטענע, וואָס זיינען אַרומגעפלויגן נעבן אויערן; דאָס האָט אים אויסגעזען אומבאַשרייבלעך קאָמיש, אַט דער ים פון אויפגעברויזטע קאַפּעלושן, וואו יעדער האָט זיך געוויגט פּאָר זיך און אַלע צוזאַמען האָבן געלאַרעמט איינער העכער פאַרן צווייטן. אויפן אַנדערן ברעג, אַנטקעגן, האָט דאָס פּנים פון פּאָליציאַנט, מיט דיקע וואָנסן, אויסגעדריקט אומרואיקייט און שטוינונג״.

ס׳איז נישט שווער צו טרעפן, וואָס דער שטוינענדיקער פּאָליציאַנט האָט געטראַכט און וואָס עס וועט טראַכטן יעדער פראַנצויזישער לייענער — ווילדע ברואים!

און אָט איז אַ יידישע חתונה, אַפילו ביי יאַנקלס טאָכטער, אָבער אַן אַלטמאָדישע, צוליבן חתן, וואָס איז אַ פּוילישער ייד. „דערנאָך איז אין אַ גרויסן רעסטאָראַן פאָרגעקומען אַ פּאַראַדנער מאָלצייט. פּאָר פופציק פּערזאָן; ס׳זיינען אָבער געקומען טאָפּל געסט, איינגעלאַדענע צופעליק, דורך חתנס צד אָדער כלהס צד, און אַזעלכע, וואָס האָבן סתם זיך אַליין איינגעלאַדן... דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טישן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די וויזיט־קאַרטן; מען האָט זיך געשטויסן, מען האָט געפּאָדערט נאָך שטולן, נאָך טעלער. אַז ס׳איז געוואָרן אַ ביסל מער אָרדענונג, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז נישט חתן־כלה, נישט די מחותנים האָבן ניט קיין פּלעצער, זייערע שטולן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט כח״.

טאָמער איז עס נאָך ווייניק, האָט פּלוצלונג דער כלהס זיידע, דער אַלטער אוראָם, באַמערקט אויף די טיש־געשיר אַן אויסגראַווירטן מאָנאָגראַם „וו. ג.״, איז אים איינגעפאַלן, נישט אַנדערש, אַז דאָס מאַכט „וויקטאָר גיוגאָ״ (דער אַלטער האָט זיכער געלייענט הוגאָען און דווקא אויף רוסיש!), האָט ער אויפגעהויבן אַ סקאַנדאַל, אַז דאָס געשיר איז טריף... איז יאַנקל אַרויס פון די כלים און, אין סאַמע מיטן חתונה, אָנגעהויבן זידלען דעם טאַטן מיט די ערגסטע נעמען... האָבן די ווייבער זיך צעיאָמערט און ס׳האָט זיך געטאָן חושך...

קיין שטוינענדיקער פאַרשטייער פון דער ציוויליזירטער וועלט, אין אַ פּאָליציי־היטל און מיט דיקע וואָנסן, איז אויפן מאָלצייט נישט געווען. אָבער דער יונגער, אין פּאַריז געבוירענער סימאָן, דער כלהס ברודער, האָט אַליין געמאַכט דעם געהעריקן אויספיר: „נו, אַ חתונה, אַ שיינע חתונה!... אָט, ווילדע מענטשן!״

דער פונאַנדערגעשפּילטער עקזאָטיק־יצר־הרע איז אַזוי גרויס, אַז דער מחבר באַנוגנט זיך נישט מיטן אויסערלעכן גראָטעסק אין די באַציאונגען

בין אָדם לחברו, ער שוינט נישט אויך די אַלט־יידישע משפחה־זיטלעכקייט, דעם אינטימען פאַרקער צווישן מאַן און ווייב.

„אין דער אַלטער היים זיינען די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי אַ טייל פון דער רעליגיע. אויב דער הייליקער אַקט קומט פאַר נישט עפנט־לעך, פעלט דערצו נישט קיין סך, מחמת די צוגרייטונגען צו אים האָבן נישט קיין שום פאַרבאָרגנס. ס'איז פרייטיק צו נאַכטס, ס'איז שבת. די קינדער ווייסן, אַז היינט וועלן זייערע עלטערן שלאָפן אין איין בעט. זיי זעען, ווי די עלטערן פוצן זיך ביידע, ווי זיי וואַשן זיך זאָרגפעליק דעם פּנים, די הענט, די פיס; אַמאָל אַפילו טרייבט מען זיי אַרויס פון צימער כדי דער טאַטע, צי די מאַמע זאָל זיך קאָנען אויסבאָדן אין באַליע. ווי נאָר די קינדער לייגן זיך שלאָפן, ווייסן זיי גוט, וואָס עס קומט פאָר אין חדר פון די עלטערן: די מאַמע איז באַהאַלטן הינטער אַ פורהאַנג, דער טאַטע זאָגט תפילות, בעט ביי גאָט, ער זאָל בענטשן דעם זיווג; ווען ער ענדיקט, פאַרציט די מאַמע דעם פורהאַנג און זאָגט: קום, מיין מאַן און האַר, קום דערקענען דיין פרוי, אין אָנגעזיכט פון גאָט".

שווער צו ווייסן, פון וואַנען ראַזשע איקאָר האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דעם דאָזיקן צערעמאָניאַל, צו וועלכן עס פעלט בלויז איינס — אַז די קינדער זאָלן זיך אַרומשטעלן און ענטפערן אָמן. ס'איז יעדנפאַלס דער־לויבט זיך צו פרעגן, צי אַט דער שונד־גענייג נאָך עקזאָטיק וועט ביים פראַנצויזישן לייענער נישט אַרויסרופן אַ געוויסע נאַטירלעכע רעאַקציע, וועלכע דער מחבר האָט זיכער נישט געקאָנט באַשטרעבן.

און דער צווייטער דור? דער דור פון די פרילינגדיק־אַריבערגעפלאַנצ־טע — יאַנקל און משה?

צו צוויי און צוואַנציק יאָר, אין זיין היימישער ליטע, געהערט יאַנקל צום „בונד" (וואָס איז, פאַר איקאָרן, אַן אומלעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין). גנבענענדיק ביינאַכט די רוסיש־דייטשישע גרענעץ, טרוימט יאַנקל וועגן פרייהייט און ציוויליזאַציע, ער זינגט שטיל די מאַרסעליעזע. מיטן רבונו של עולם האָט ער שוין לאַנג אַלע חשבונות פאַרענדיקט, אָנגעלייענט זיך אַ ביסל מיט טאָלסטאָיען און האַלט זיך פאַר שטאַרק עמאַנציפּירט. גלייך ווי ער קומט אין פּאַריז, ווערט פאַר אים קלאָר זיין לעבנסציל: „ווערן אַ פראַנצויז, אַט וואָס! אַ פראַנצויז פון קאָפּ ביז די פיס!"... ער דערווייטערט זיך פון זיינע יידישע גוטע פריינט, פאַרגעסט כמעט אָן ווייב־און־קינד, פאָרט אַוועק אין אַ פּראָווינץ־שטאָט וואו ער לעבט בלויז צווישן פראַנצויזן און וואו מען שדכנט אים אַפילו אַ פראַנצויזיש מיידל. אַז ער קומט צוריק קיין פּאַריז און באַזוכט זיינעם אַ לאַנדסמאַן, ביי וועלכן ער האָט געהאַט געוואוינט אַ לענגערע צייט, גיט ער פלוצלונג אַ טראַכט מיט פאַרדרוס: „צו וואָס בין איך געקומען אַהער?! מיין אָרט איז צווישן די פראַנצויזן, נישט מיט אַט די... ווילדע מענטשן!". ווען ער דערמאָנט זיך אַמאָל וועגן ווייב און שטעלט זיך פאָר, ווי זי וועט עס אַראָפּגיין פון באַן „אין אָנטועכץ פון ראַקוואָמיר, מיט דער פּרימיטיווער מענטאַליטעט פון

ראַקוואַמיר און וועט ריידן יידיש, יידיש, יידיש...״ באַפאַלט אים אַ קאַל־טער שווייס. צוליב אַט דער „פרימיטיווער מענטאַליטעט״ פון ווייב, וואָס קומט אַליין אַראָפּ קיין פּאַריז, מוז יאַנקל ווערן אויס הונדערט־פּראָצענטי־קער פראַנצויז און ער קאָן זיך עס דעם גאַנצן לעבן ניט שענקען. „איך בין שוין נישט אינגאַנצן קיין ייד און נישט אינגאַנצן קיין פראַנצויז. גע־בליבן אויפן העלפט וועג״. ווען דער אַלטער אַווראָם שטעלט אָן אויפן זון אַ דראָענדיקן פינגער און רופט אויס: „דו, דו שעמסט זיך צו זיין אַ ייד!״ פאַרלירט זיך יאַנקל, „ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן און ווערט רויט״.

יאַנקל איז אַן ערלעכער מענטש, אַ האָרעפּאַשניק, וואָס האָט פיינט שאַכער־מאַכער. ער דערשיינט, אין תוך גענומען, אין דורכאויס סימפּאַ־טישן ליכט. ער האַלט זיך אויך, און מען האַלט אים, פאַר אַן אידעאַליסט. אין וואָס זיין אייגנטלעכער אידעאַליזם באַשטייט, ווייזט אונדז נישט דער מחבר. אפשר בלויז אין דעם, וואָס יאַנקל איז ניט קיין שטאַרק איבערגע־שפּיצטער און וואָס ער האָט אַ שוואַכקייט צו חקרנען זיך וועגן הויכע ענינים: וועגן טאָלסטאָי, גאַנדי, וויקטאָר הוגאָ, וועגן דער נאַטור, וועגן גאָט, וועגן דער תורה פונעם יידל יאָשקע, וואָס די גויים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן יעזוס.

גלייך די ערשטע חדשים נאָך זיין קומען קיין פּאַריז, שטויסט זיך יאַנקל אָן אויף דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אין היטלמאַכער־וואַר־שטאַט, וואו ער איז באַשעפטיקט, גיט מען אים אַן אויפרוף, אויף יידיש און פראַנצויזיש, פון יידישן היטלמאַכער־סינדיקאַט. אָבער דער געוועזע־נער מיטגליד פון אומלעגאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין ליטע ווייזט נישט אַרויס קיין שום אינטערעס פאַר אַרבעטער־פּראָבלעמען און בלייבט שטיין אין אַ זייט פון דער גרויסער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז דאָן אויפגעוואַקסן אין פראַנקרייך.

דער געוועזענער ליטווישער בונדיסט ווייסט אויך גאָרנישט וועגן יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויך דאָס אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון לאַנד אינטערעסירט אים ווייניק. אַן אויסלענדער, האַלט ער, דאַרף זיך נישט מישן אין פּאָליטיק. לייענט ער כמעט ווי נישט קיין צייטונגען.

הגם ער שטעלט נישט זייער הויך זיין אייגענע יידישקייט, האַלט זיך אָבער יאַנקל פאַר דאָס אויבערשטע פון שטויסל לגבי יידן פון אַנדערע לענדער. פּוילישע יידן קאָן ער נישט אָנזען, זיי זיינען וואָס אין דער קאָרט — שווינדלער, שכורים, אויסגעלאַסענע, „אונטערלעקער, פּחדנים, ליגנער, היסטעריקער״. נאַטירלעך, אַז רומענישע יידן זיינען נאָך ערגער און אַל־זשירער — מיט נאָך עטלעכע שטאַפּל אַרונטער.

מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט לעבט יאַנקל אין פראַנקרייך און פונ־דעסטוועגן פילט ער זיך אַלץ נישט, ווי ביי זיך. ער איז תמיד ווי אויפן עולם־התהו, הענגט כסדר צווישן צוויי וועלטן — פראַנצויזישקייט און יידיש־קייט. אויף דער עלטער, נאָכן היטלער־חורבן, ווערט ער פון צייט צו צייט אַ בעל־תשובה, ס׳דאַכט זיך אים אויס, אַז „ער איז געווען אַ ייד און געוואָלט

בלייבן אַ ייד״. אַ ווילע פּאַלט אים איין: אפשר גאָר פאָרן קיין ישראל? איז, ערשטנס, קען ער נישט קיין העברעאיש און, צווייטנס, איז ישראל אַ קלעריקאַלע מדינה, בעת ער איז כידוע אַ פרײדענקער. אויסערדעם, ווי פאַרלאָזט מען עס די משפחה? גראָד האָט ער גרויס נחת פון אַן אייניקל, שוין אַ קאַטוילישע אַפילו, אָבער וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון, צי מיט עפּעס גאָר אַ נאָענטן קרוב פון אַ פראַנצויזישן גענעראַל. יאַנקל איז דערפון זייער גערירט. ער פאַרגעסט זיינע יידישקייט־חקירות און חזרט מיט שטאָלץ דאָס וואָרט: גענעראַל...

ס׳איז זייער מעגלעך, אַז ראָזשע איקאָר האָט זיין יאַנקלען געמאָלט לויט דער נאַטור, אַז ער האָט אַזאַ מין יאַנקל געקענט פּערזענלעך. דאָס שליסט אָבער נישט אויס, אַז אַט דער העלד איז אַבסאָלוט נישט כאַראַקטעריסטיש, איז בשום אופן נישט טיפּיש פאַר יאַנקלס דור איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן מיט זייער ענערגיע, מיט זייער שוואונג און אימפּעט געלייגט דעם גרונט־שטיין פון אונדזער ישוב. די צענדליקער טויזנטער יאַנקלס, וואָס זיינען געקומען קיין פאַריז סוף פאַריקן יאָרהונדערט, ד״ה אין בליציט פון פראַנצויזישן בורזשואַזן ליבעראַליזם, אין דער תקופה פון „דוסער דע וויוור״ (לעבנס־תענוג), אַט די יאַנקלס האָט זיך געלעבט באמת — ווי גאָט אין פראַנקרייך. זיי האָבן קיינמאָל נישט געליטן פון קיין שום טראַגישער צעריסנקייט צווישן אמתער יידישקייט און אמתער פראַנצויזישקייט, פון קיין שום שולד־קאָמפּלעקס, פאַרוואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין אויסלאַנד און נישט אין פאַריז. דער גאַנצער אינערלעכער קאָנפליקט יאַנקלס איז נישט קיין טיפּישער, ער איז אַן אויסגעטראַכטער פון אָנהויב ביזן סוף.

אַגב, אויך דער נאָמען פון איקאָרס העלד איז אַן אויסגעטראַכטער. אין דער ווירקלעכקייט האָבן אַלע יאַנקלס זיך משנה־שם געווען, איינס־צוויי, אויף „זשאַק״ און דאָס האָט זיי לחלוטין נישט געשטערט צו זיין יידן און ווערן גוטע פראַנצויזישע בירגער און גיין פרייוויליק אויף די פראָנטן און פילן זיך אין פראַנקרייך זיכער און איינגעפונדעוועט און שאַפן זיך סאָלידע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס און אויסגעבן קינדער און ווערן פרעזידענטן פון כלערליי חברות, פאַראיינען און לאַנדסמאַנשאַפטן.

נאָך ווייניקער טיפּיש פאַר יאַנקלען און נאָך מער אויסגעטראַכט, איז זיין ברודער משה. אין דער ליטע האָט משה כלומרשט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ער איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, כדי נישט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. נעמט דער מחבר אַט דעם געוועזענעם רוסישן רעוואָלוציאָנער און מאַכט פון אים, אין פאַריז — אַ פרויען־הענדלער! נישט מער און נישט ווייניקער!

דער הויפּט־העלד פון דריטן דור איז יאַנקלס זון סימאָן. איקאָר האָט סימאָנען באַשאָנקען מיט אַ סך צווייטראַנגיקע מעלות און מיט איין ערשטראַנגיקן טאַלאַנט — צו מסחר. סימאָן איז אַ געבוירענער סוחר. דאָס לערנען אין שול קריכט אים נישט אין קאָפּ. צו פערצן יאָר איז ער שוין אַ

פאַרקויפער אין אַ הוט־געשעפט און פאַרדינט געלט. ער איז אַן אויסטויגער אין פולן זין פון וואָרט.

אויפן טאַטן קוקט סימאָן פון אויבן־אַראָפּ, שיר נישט מיט מיטלייד. דעם טאַטנס לאַנדסלייט זיינען אַלע „אידעאַליסטן, מוסר־זאָגער און שוטים". דערציילונגען וועגן יידן־פאַרפאָלגונגען זיינען פאַר אים, דעם פראַנצויז, „באָבע־מעשיות פון עפּעס אַן אַנדער וועלט".

צו צוואַנציק יאָר פאַרמאָגט שוין סימאָן זיין אייגנס אַ האַלבן געשעפט. ער איז אַ שיינער יונג, ווייט נישט קיין נאַר, אַ פריילעכער, מיט אַ גע־שליפן צינגל, אַ „וואוילער יאַט, נישט קאָמפּליצירט אויף אַ האָר".

סימאָן איז באמת דער היפּוך פון קאָמפּליצירטקייט. אין מיליטער־דינסט, כדי צו געווינען חן אין די אויגן פון זיינע עלטסטע, גייט ער פליי־סיק אַלע זונטיק אין דער קאַטוילישער קירכע. ער גיט אויך דיסקרעט אַנצוהערן, אַז ער, מיכאַנאָוויצקי, שטאַמט אַרויס פון אַ גאָר יחוסדיק־אַריס־טאָקראַטישער, פוילישער משפחה. אויף אַזאַ אופן קריגט דער פרומער קאַ־טאָליק און אַריסטאָקראַט זיך אַריין אין דער מוזיק־קאָמאַנדע און האָט אַ לייכטן דינען...

נאָכן באַפרייען פון מיליטער, עפנט סימאָן אַן אייגן געשעפט, פאַר־ליבט זיך אין אַ פראַנצויזיש מיידל און האָט מיט איר חתונה. כדי צו גע־פעלן ווערן דער שוויגער, קומט פאַר די חתונה אין דער קאַטוילישער קירכע. סימאָנס קינדער וועלן דערצויגן ווערן שוין ווי קאַטאָליקן. (דער ראָמאַן צווישן סימאָן און זשאַקלין און דער שידוך צווישןביידע משפחות געהערן אַגב צו די געלונגענסטע טיילן פון בוך).

ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּעאיקן יידישן סוחר, קלויבט זיך סימאָן, גלייך נאָך דער חתונה — אַנצוזען. דער געדאַנק וועגן עפּעס „אַ רעכטן אַנזעצל" ווערט ביי אים ממש אַן אידייע־פיקס. אַ נס, וואָס זיין פראַנצויזישע פרוי, וואָס שטאַמט פון אָרנטלעכע פּויערים, לאָזט אים נישט באַפלעקן זיין נאָמען. בלייבט טאַקע, אַדאַנק איר, סימאָן אַן ערלעכער סוחר און בויט זיך אויס הינטער פּאַריז אַן אייגן הויז, ווי אַלע אַנגעזעענע סוחרים און גייט אַפילו אויף יאַגד און שיסט פויגלען, ווי אַלע פראַנצויזן, ווייל סימאָן איז שוין אַן אמתער פראַנצויז, אַן איינגעוואָרצלטער הויז־אייגנטימער, אָן קיין שום אינערלעכע קאָמפּליקאַציעס. זיין לאַנד איז פראַנקרייך און וועגן געבוירן־לאַנד פון זיין פאָטער, ווייסט ער פעסט, אַז די אַלע רוסן דאָרט, די ליטווינער, די פּאָלאַקן, די עסטאָנער און אַלע איבעריקע — דאָס זיינען „משוגעים", זאָג איך דיר, ווילדע מענטשן, באַרבאַרן!".

ס'איז באמת נישט לייכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ראַזשע איקאָר האָט דעם הי־געבוירענעם יידישן דור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל אַנגע־זעענע פאָרשטייער אויף אַלע געביטן פון אינטעלעקטועלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, סיי אַלגעמיין־פראַנצויזישן און סיי יידישן, און פון וועלכע ער גופא איז דאָך אַ ביישפּיל — פאַרוואָס ער האָט דעם דור פאַרקערפּערט אין אַ פּיפּיקן, פאַרפלאַכטן סוחר, וואָס איז גייסטיק אויסגעהוילט, ווי אַ

הוילער נוס און וואָס ווייסט אַפילו נישט דעם באַדייט פונעם באַגריף מענטשלעכע ווירדע, ווער רעדט שוין וועגן יידישער נאַציאָנאַלער ווירדע.

אמת, איקאַר דערמאָנט אַ צווייטן פאַרשטייער פונעם זעלבן דור — סימאָנס שוועסטער, קלאַראַ, וואָס ווערט אַ קאָמוניסטקע. אויף די איבער זעקס הונדערט זייטן פון בוך ווידמעט אָבער קלאַרען דער מחבר קוים עטלעכע צענדליק שורות.

⁂

ס׳איז פאַראַן אַ פּראָבלעם, אַ גרויסער פּראָבלעם, פון צעשטויבונג און אומוואַנדלונג פון יידישער נאַציאָנאַלער סובסטאַנץ — אָבער פאַרמעסטן זיך אויף אים איז מחייב צו גרויס ערנסט און גרויסער פּאַרטיפּטקייט. דאָס איז אַגב נישט קיין מעכאַנישער פּראָבלעם, נישט קיין פיזישער און פיזיאָלאָגישער, פּראָבלעם פון צונויפגעמישטע וואַסערן. ווייל אויב עס איז אמת, אַז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין מער ענלעכע זאַך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, איז נישטאָ קיין מער פאַרשיידענע זאַך, ווי צוויי מענטשן און אַ פּשיטה שוין — ווי צוויי פעלקער.

איקאַר גלויבט, אַז דער ענין יידישקייט-פראַנצויזישקייט לאָזט זיך לייזן דורך אַ מין מאַטעמאַטישע פאָרמול: ערשטער דור = גאַנצער ייד; צווייטע דור = האַלבער ייד און האַלבער פראַנצויז; דריטער דור = זעראָ ייד און גאַנצער פראַנצויז. דער חשבון שטימט אָבער נית — נישט מיט דער טאָג-טעגלעכערווירקלעכקייט, נישט מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

דער בירגערלעכער פראַנצויזישער שרייבער דע לאַקרעטעל האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון זיין „סילווערמאַן״ פאָלגנדיקע ווערטער: „איך וויל נישט פאַרלייקענען מיין שטאַם; זיין אַ ייד און אַ פראַנצויז — ס׳קאָן גאָר נישט געבן קיין מער גינסטיקע באַדינגונגען אויף אויפצוטאָן עפּעס גרויסעס אין לעבן״.

און ביים פּראָגרעסיוון יידיש-פראַנצויזישן שרייבער אַנדריי וואורמסער, זאָגט ראַזשע מייערגוט, איינער פון די הויפּט-העלדן פון „אַ מענטש קומט אויף דער וועלט״ און וואָס איז אַגב אַ קאָמוניסט: „ווען איך וואָלט געהאַט אויסצואוויילן וואו און וואָס צו געבוירן ווערן, וואָלט איך אויסגעוויילט צו זיין — אַ פראַנצויזישער ייד״.

פאַר לאַקרעטעלן, פאַר וואורמסערן, ווי אויך פאַר זשאַן-רישאַר בלאָקן, באַטייט דער באַגריף „פראַנצויזישער ייד״ אַ סינטעז פון הויכע מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע ווערטן, וואָס אין זייער צונויפשמעלצונג פאַר־ סיפן זיי זיך און באַרייכערן זיך קעגנזייטיק. ביי איקאַרן איז קיין שום סינטעז נישט פאַראַן, ווייל יידישקייט איז ביי אים בלויז אויסערלעכע אַקצעסאָריע, ס׳איז דער אַלטפּרענקישער בגד, וועלכן מען דאַרף וואָס שנעלער פאַרוואַרפן, די גראָטעסקע האַוואַיע פון וועלכער מען דאַרף פּטור ווערן, דער פלעק אויפן שטערן, וואָס מען דאַרף אים וואַשן אַ צוויי-דריי דורות, ביז ער וועט סוף כל סוף פאַרשווינדן.

איקאַר קען נישט דאָס יידישע לעבן. ער האָט עס נישט ליב. ער איז נישט אַריינגעדרונגען און האָט אויך נישט געקענט אַריינדרינגען אין דער אינערלעכער וועלט פון די בני־אוראָם, וויל ער האָט קיין איינעם פון זיי נישט געבוירן אין ליבע, נישט באַהויכט מיט ליבע. די איין־קאַלטקייט פון מחבר איז זיך נוקם קודם אין אים אַליין, אין דער אויסווירקונג פון זיין פעלקער־מישונג־פּראַזעליטיזם.

די זימלערס פון זשאַן־רישאַר בלאָקס „עט קאָמפּאַני" זיינען שאָפער, בויער, באַנייער, צוימען־ברעכער, זיי באַוועגן זיך מיט אַ מעכטיקן לעבנס־כח, די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער, צווישן מאַן און פרוי זיינען איינגעהילט אין ליבע און צניעות. די זימלערס מוזן דערוועקן דרך־ארץ אַפילו ביי שונאים. ווען דער אַלטער היפּאָליט שרייט אויס, מיט זיין שאַרפן עלזאַסישן אַקצענט: „פּיף לאַ פראַנס", אַנשטאָט „וויוו לאַ פראַנס", איז עס נישט לעכערלעך, נאָך רירנדיק, אַלע פילן בחוש, אַז די דאָזיקע שטאָלצע עלזאַסישע יידן זיינען באמת אַ טייל פון פראַנקרייך, וועלכן מען דאַרף אָרגאַניש איינגלידערן.

אָבער וואָס פאַר אַ דרך־ארץ קאָנען אַרויסרופן די בני־אוראָם, אַז די ווילדע ברואים און בטלנים, וואָס קאָנען שטאָלצירן מיט פּרויען־הענדלער און פּאָטענציעלע אַנזעצער?! דורך עפּעס אַ מין טראַגישן פּאַראַדאָקס פון זעלבסט־פאַרלייקענונג, באַשטעטיקט איקאַר די מיינונג פון באַלזאַקן: „אַלץ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן ייד איז פאַרשוואונדן, אויסער זיין קאָמערציעלע געשיקטקייט און זיין גייציקייט; אָבער די גייציקייט האָט אַנגעטאָן העלע הענטשקעס און די געשיקטקייט האָט זיך פאַרדעקט מיט אַ פראַצויזישן לבוש".

איקאַר ענדיקט זיין ראָמאַן מיט אַ פּאַטעטישער וויזיע וועגן פּאַריז, וואָס מישט צונויף און שמעלצט צוזאַמען „מענטשן, מענטשן געקומענע פון אומעטום" און שאַפט מיט זיי „נאָך ברייטערע גלייכגעוויכטן" און באַנייט די אַלטע פראַנצויזישע נאַציע.

אָבער די קריטיק, וואָס האָט רעאַגירט בעיקר אויפן עקזאָטיזם פון „אוראַמס זין", איז געבליבן קאַלט צו אָט דעם פּאַטאָס. אַנדערע האָבן געענטפערט דייטלעך: די „עטנישע פראַגע" איז בכלל נישט געלייזט. אַנדערע ווידער האָבן אַנגעדייט: צי לוינט זיך גאָר אַזאַ מין געמיש?!

די מיטגלידער פון דער גאָנקור־אַקאַדעמיע, וואָס האָבן צוגעטיילט איקאַרן דעם הויכן ליטעראַרישן פּרייז, האָבן אויף דער דאָזיקער פראַגע געענטפערט פּאָזיטיוו; זיי האָבן געענטפערט — אין נאָמען פונעם גרויסן פראַנצויזישן הומאַניזם, פון דער גרויסער פראַנצויזישער מענטשן־פריינט־לעכקייט.

מען פאַרמאַכט אָבער „אוראַמס זין" מיט אַ שווער און ווייטאָקדיק געפיל. דאָס אמתע ווערק וועגן פראַנצויזיש־יידישן ישוב דאַרף נאָך קומען.

1955

היסטאָרישע ייִדישקייט ביי י. אָפּאַטאָשו

אין זיין עסיי צום 30סטן יאָרצייט פון י.־ל. פּרץ זאָגט אָפּאַטאָשו: אָן פּרצן, וואָלט די יידישע ליטעראַטור געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי זי איז.

שרייבנדיק אַזוי האָט וואַרשיינלעך אָפּאַטאָשו געטראַכט אויך וועגן זיך גופא: אָן פּרצן וואָלט געווען גאָר אַן אַנדער אָפּאַטאָשו, און אפשר וואָלט בכלל קיין אָפּאַטאָשו נישט געווען.

אָפּאַטאָשו איז דורך און דורך פּרציאַנער. זיין געדאַנקען־גאַנג און איי־דייען־וועלט, זיין קוק אויף יידיש לעבן, זיין צוגאַנג צו יידישער ליטעראַ־טור — דאָס אַלץ טראָגט אויף זיך דעם טיפן און שאַרפן חותם פון יצחק־לייבוש פּרץ.

במשך פון זיין גאַנצן שאַפונג־וועג פּרואווט אָפּאַטאָשו צו פאַרענטפערן די פּאָדערונגען, וואָס פּרץ האָט געשטעלט דער יידישער ליטעראַטור. דער ענטפער איז נישט אַלע מאָל אַ דירעקטער, נישט אַלע מאָל אַ גראַדליניקער, אָבער שטענדיק איז עס ענטפער. אָפּאַטאָשו באַמיט זיך צו צאָלן די וועקס־לען, וואָס פּרץ האָט אויף דער יידישער ליטעראַטור אויסגעשטעלט.

לאָמיר זיך דערמאָנען פּרצס ווערטער: „די יידישע ליטעראַטור איז נאָר איין רינג אין דער קייט און דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר אַלס מאָ־מענט פון דער אייביק־יידישער קולטור. יידיש גענומען, האָט דאָס וואָרט „ליטעראַטור" אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג. דאָס איז שוין נישט דער ראָ־מאַן — די נאָוועלע, די סקיצע — דער סוראָגאַט פון לעבן, דאָס פעפער פון לעבן — די פאַרוויילונג. פאַר אונדז איז קונסט נישט שפּיל, קיין מיטל אָפּצוטויטן די צייט, אָדער די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן (מערסטנטייל: זיך אויסצוזינדיקן) אויסער די גרענעצן פון לעבן, אָדער אין דער זייט פון לעבן. אויף יידיש איז קונסט, ליטעראַטור אַזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך, וואָס שאַצט דאָס לעבן פון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט און לויבט עס און שטראָפט עס".

דאָס איז אַ צוגאַנג, וואָס געפינט זיך אויפן אַנטיפּאָד פון „קונסט לשם קונסט", אַ צוגאַנג נישט פון א"ג „פרייען קינסטלער", אָדער פון „קודם־כל קינסטלער", אָדער פון „בעיקר־קינסטלער", נאָר פון מאָראַליסט, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע, צוגלייך מיטן שילדערן, באַשטייט אין אָפּשאַצן דאָס לעבן, אינעם וועגן און מעסטן דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, אין לויבן און אין שטראָפן.

אָפּאַטאָשו געהערט אין תוך צו אָט דעם מין קינסטלער־מאָראַליסטן. ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן די ווערטער פון יהודה הלוי, וועלכע ער האָט

באַצייכנט ווי „דאָס גרויסע יידישע וואָרט, וואָס ס׳לעבט נאָך היינט אין אונדז״. און אָט דאָס וואָרט איז: „לאָז דיך נישט פאַרפירן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט בלויז בלומען, אָבער נישט קיין פרוכטן״. אויב פאַר יהודה הלוי, אינעם קאַמף, וואָס ער האָט בשעתו געפירט קעגן אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם, איז עס געגאַנגען וועגן דער גריכישער פילאָזאָפיע בפועל ממש, האַנדלט זיך אָבער ביי אַפּאַטאָשון וועגן עפּעס ברייטערס. ס׳האַנדלט זיך וועגן דער גריכישער קולטור אַלס גאַנצע, וועגן זייער גריכישן וועלטבאַנעם, וועמענס העכסטע בחינה איז — שיינקייט. אָט דעם וועלט־באַנעם פון „בלויז בלומען״, פון כולו עסטעטיק שטעלט אַפּאַטאָשו אַנטקעגן די דורותדיקע יידישע טראַדיציע פון עטיק, פון מאַראַל, פון יושר און צדק.

אַפּאַטאָשו דער קינסטלער איז ווייניקער פאַר אַלץ — אַן עסטעט. ס׳איז פאַראַן תמיד אין אים עפּעס אַ באַזאַכטקייט, אַ פאַרטראַכטקייט, עפּעס ווי אַן אינסטינקטיווער אומצוטרוי צו אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו ריינער פאָרם. אַפּאַטאָשו גיט זיך קיינמאָל נישט איבער דער קונסט ביז זעלבסט־פאַרגעסן, דאָס וואָלט ביי אים געהייסן דינען דער עבודה זרה. אפילו דאַן ווען זיינע העלדן צאַפּלען אין אַלץ־פאַרניכטנדיקן אויפברויז פון געפילן, שפּירט מען, אַז זייער מחבר האַלט קאָפּ, אַז ער וועגט און מעסט דאָס גוטס און שלעכטס.

***

אַפּאַטאָשו, וואָס איז אַזאַ מייסטער אויף פונאַנדערפלאַקערן ביי די העלדן זיינע די סאַמע פרימיטיווע און מעכטיקסטע אינסטינקטן, איז אָבער אַליין אין זיין שאַפונג־פּראָצעס גיכער אַ בעל־שכל, ער איז מוחדיק, ער איז בדרך־כלל: אַ קינסטלער־דענקער. ער שעפּט פון זיין אינטעלעקטועלן באַגאַזש און דער דאָזיקער באַגאַזש איז אומגעווינלעך רייך. אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז אַפּאַטאָשו זיכער דער גרעסטער ערודיט, דער אַלזייטיקסט־געבילדעטער שריפטשטעלער, דער פולקומסטער תלמיד־חכם. ס׳איז נישטאָ, דוכט זיך, קיין איין געביט פון יידישן וויסן — געשיכטע, קולטור־געשיכטע, פילאָזאָפיע און ליטעראַטור — וואָס זאָל פאַר אַפּאַטאָשון זיין פאַרבאָרגן. ער איז בקי אין תלמוד, אין דער רבנישער ליטעראַטור, אין דער קבלה, אין דער מוסר־ליטעראַטור און חסידות, ער איז אַ גלענצנדער קענער פון דער העברעאישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן און וואָס שייך אונדזער יידישע ליטעראַטור, איז אוודאי, קיינער אין איר נישט אַזוי אויסגעבונדן ווי אַפּאַטאָשו, פון אירע ערשטע טריט אָן, ווען זי האָט גערעדט נאָך אַ שפּראַך, וואָס איז היינט שוין פאַר אונדז האַלב אומפאַרשטענדלעך. אָבער אַפּאַטאָשו פאַרמאָגט נישט בלויז יידישע קולטור, נאָר אויך אַלגעמיינע, אַלוועלטלעכע קולטור. זיין לעבן לאַנג און קיין איין טאָג פון זיין לעבן האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען. אין דער ליטעראַטור פון עם־הספר איז אַפּאַטאָשו זיכער דער אייפעריקסטער מתמיד פון בוך.

ביים קינסטלער־מאַראַליסט דאָמינירט דאָס געפיל פון אַחריות. אָפּאַ־טאָשו מאָנט ביים שריפטשטעלער דאָס שליח־ציבורדיקע. זיין אחריות־געפיל גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון זיין יחידיש ווערק. במשך פון יאָר־צענדליקער האָט אָפּאַטאָשו געזוכט וועגן נישט בלויז פאַר זיין אייגן שאַפן, נאָר פאַר דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע. ווייט נישט תמיד האָט ער די דאָזיקע וועגן געפונען, אָבער מען דאַרף באַוואונדערן דעם טיפן ערנסט און די ליידנשאַפטלעכע מי, מיט וועלכע ער האָט דער ליטעראַטור געדינט.

זיין ליבע, זיין יראת הכבוד צו יידישער ליטעראַטור האָט ער אַרי־בערגעטראָגן אויך אויפן שפּעריפן אינסטרומענט אירן — אויפן יידישן וואָרט, אויף דער יידישער שפּראַך. קיין שום אַנדער יידישער שרייבער האָט נישט אויסגעצירט אַזאַ יחוס־בריוו פאַר יידיש, האָט נישט געמיט זיך אויפצושטעלן אַזאַ בכבודיקן גענעאַלאָגישן בוים פאַר אונדזער שפּראַך, ווי דאָס האָט געטאָן אָפּאַטאָשו. פּרץ, אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ, איז נאָך נישט אין גאַנצן זיכער, צי „זשאַרגאָן" — ווי ער דריקט זיך אויס — איז אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, צי בלויז אַ פאָלקס־שפּראַך. פאַר אים הייבט זיך אָן יידיש, ריכטיקער געזאָגט, יידישע ליטעראַטור, מיט אייזיק־מאיר דיקן, ד. ה. מיט קנאַפּע 150 יאָר צוריק (פון היינט גערעכנט). דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז פאַר פּרצן ר' נחמן בראַצלאַווער. אָפּאַטאָשו, וואָס איז באַהאַוונט אין דער מאָדערנער יידישער פילאָלאָגיע, גרייכט ווייטער און טיפער. מיט וואָס פאַר אַ דערהויבנקייט, מיט וואָס פאַר אַ פּאַטאָס האָט ער, פון דער טריבונע פון פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס אין 1937 — ווי אַ רעפליק פּרצן און ווי אַ המשך צו פּרצן — געלייענט זיין עסיי „יידיש", נישט דערציילט, נאָך אויסגעזונגען ממש דעם בראשית פון יידיש־לשון מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, אונדזער העלדן־עפּאָס, דאָס „שמואל־בוך" פון 14טן יאָרהונדערט, די „צאינה וראינה" און דעם „טייטש־זוהר", ביז די קלאַסיקער. מיט אויסערגעוויינלעכער בקיאות און אַחריות, וואָס רופן אַרויס טיפן דרך ארץ, האָט אָפּאַטאָשו אַריינגעשטעלט אונדזער יידיש אין אַ היסטאָרישער ראַם, געהויבן די חשיבות פון דער שפּראַך, געפאַרשט זי אויף אַ געשיכטלעכן פּאַן, זייט ביי זייט מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אין וועלכע אונדזער פאָלק האָט געשאַפן קולטור.

***

די אַחריות פאַר ליטעראַטור, פאַר שפּראַך און קולטור האָבן אָפּאַטאָשן געפירט צום פּראָבלעם פון געשיכטלעכן פאָלקס־גורל, צו דער פראַגע וועגן וועזן פון יידישקייט. אויך דאָ פּרוּווט אָפּאַטאָשו גיין אין די טריט פון יצחק־לייבוש פּרץ.

אין זיין באַרימטן אַרטיקל „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור", שרייבט י. ל. פּרץ: „יידישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ. „מים חיים" רופט מען זי, די תורה... יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, קיין אייבציקן עכט־יידישן

מאָמענט נישט אויסגעמעקט״. ביי אונדזער יידישער ליטעראַטור האָט פּרץ געמאָנט די ספּרדישע יידן, די אַמסטערדאַמער ברילי‍אַנטן־שלייפער, די אַר־געטינער און פּאַלעסטינער קאָלאָניסטן, ראָטשילד פון פּאַריז און לוצאַטאָ פון רוים.

אַפּאַטאָשו פאַרמעסט זיך, מיט זיין כאַראַקטעריסטישער התמדה, צו צאָלן אָט דעם חוב. דאָס דינאַמישע, דאָס געשיכטלעכע אין יידישן לעבן ווערט שנעל זיין גרויסע ליידנשאַפט. די טיפע ערודיציע זיינע ווייזט אים באַלד, אַז די ביזאַיצטיקע יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָט, ווי ער זאָגט מיט רעכט, „אונדז געגעבן בלויז דעם „שבת״ און דעם „קדוש השם״ און דורכגעלאָזט דעם „אינדערוואָכנס״, די זעקס וואָכעדיקע טעג״. און גראָד דער „אינדערוואָכנס״ שאַפט די אמתע היסטאָרישע לופט פון יעדער עפּאָכע. און אַפּאַטאָשו מאַכט אַ ריכטיקן אויספיר: „איך האַלט, זאָגט ער, אַז יעדער דור שאַפט זיין יידישקייט, אַנדערש וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין היסטאָריש יידישקייט. און דאָס יידישקייט פון איין דור אונטערשיידט זיך פון יעדן אַנדער דור״.

נעמט אַפּאַטאָשו קודם כל מאָלן, ווי אַ רעאַליסט, די יידן פון זיין דור, כדי דערנאָך צו באַזיניקן, ווי אַ מאָראַליסט, דעם מהות פון זייער יידישקייט.

ער הייבט גראָד אָן מיט יוגנטלעכן פּראָטעסט קעגן סקאַרבאָוון נוסח פון די ליטעראַטור־העלדן פון די עלטערע יידישע שרייבער. אַפּאַטאָשו, דער שפּעטערדיקער ספר־מענטש פאַר עקסעלאַנס, ווייזט אַרויס, אין זיינע ערשטע שאַפונגען, אַ כאַראַקטעריסטישן ווידערווילן קעגן ספר־ייד, קעגן באַנק־קוועטשער און וואויל־לערנער. אַפּאַטאָשוס דעמאָלטדיקע העלדן זיינען פערד־גנבים, וואַלד־יונגען, קאָנטראַבאַנדיסטן, קונצנמאַכער, מענטשן פרי־מיטיווע, מיט צעברויזטע אינסטינקטן און הפקרדיקע ליידנשאַפטן. צאָלנדיק צינז דעם נאַטוראַליזם, פּונקט ווי דער רעאַליסטישער ראָמאַנטיק, רייסט אַפּאַטאָשו אויף די טירן פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר יידן, אמת נישט קיין נייע, אָבער אַנדערע, פאַר די האַלב־אונטערוועלט־יידן מיט זייער אייגנ־אַרטיקן שטייגער.

אָט די העלדן טראָגט ער אַריבער קיין אַמעריקע און גייט זיי נאָך פוסטריט אין אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ, ער פאָלגט נאָך אַלע זייערע פאַר־ענדערונגען און איבערגעשטאַלטונגען, זייערע צוזאַמענשטויסן און זייער צוזאַמענלעבן מיט די פאַרשיידענע שכנישע פעלקערשאַפטן.

אין „ניו־יאָרקער געטאָ״ און אין „היברו״ מאַכט אַפּאַטאָשו די ערשטע פּרואוון צו באַזיניקן דאָס נייע יידישע לעבן. דער ריס צווישן היינט און נעכטן איז אָבער צו גרויס אין דער יידישער אימיגראַנטן־מאַסע, די אַלטע קולטור־טראַדיציעס האָבן זיך צו ראַש אַ בראָך געגעבן, כדי עס זאָל מעגלעך זיין צו געפינען אינערלעכע גאַנצקייט. און אַפּאַטאָשוס געשיכט־לעכער חוש זאָגט אים אונטער, אַז דעם תמצית פון היסטאָרישער יידיש־קייט, געשאַפענער דורך אונדזער דור, קאָן ער זוכן בלויז דאָרט, וואו ס׳איז

פאַראַן דורותדיקער המשך, דורותדיקע פלאַסטן־אַנלייגונג פון יידישער קולטור. אַפּאַטאָשו שאַפט דאַן זיין גרויסע היסטאָרישע פרעסקע „אין די פּוילישע וועלדער", זיין מייסטער־ווערק, וואָס, ביי אַלע קריטישע אויס־זעצונגען, געקרעכטע און אומגערעכטע, פאַרבלייבט עס אָבער ווי איינע פון די וויכטיקסטע און דויערנדיקסטע שאַפונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז, בעת די גייסטיקע וועלט פון עלטערן דור, פון מרדכיס טאַטן ר׳ אַברהם, פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, פון ר׳ ישראל דעם באַרוועסן, פון ר׳ איטשען, איז אַזוי פול און עכט און קינסט־לעריש געראָטן, איז זי גראָד ביים הויפּט־העלד מרדכי נעפּלדיק און אומ־קלאָר. און דעריבער איז די גאַנצע מרדכי־געשטאַלט אַזוי קינסטלעריש צעשוואומען. מרדכי האָט געזאָלט זיין דער מאָדערנער ייד, דער יורש פון חסידות, השכלה און פּוילישער קולטור. איז אָבער די קולטור־ירושה אין אים נישט אָרגאַנישער צוזאַמענפלעכט, נאָר גיכער מעכאַנישער צונויפלייג.

מען פילט באַשיינפּערלעך, אַז אַפּאַטאָשו איז נאָך דעם ענין פון מאָדערנער יידישקייט נישט אין גאַנצן בייגעקומען.

***

דער ענין מאַטערט אים אָבער אומאויפהערלעך. ער קערט זיך צו אים ווידער און ווידער, אין נאָוועלע און ראָמאַן. ער זוכט אַן אַנשפּאַר, ווי אין דער „טענצערין" למשל, וואו זיך צו פאַראַנקערן אידייאיש, גייסטיק, אָבער ער זעט אַליין, אַז דער אַנשפּאַר איז אַ שוואַכער. שפּרייזט ער דורך לענדער און דורות, כאַפּט זיך אַראָפּ אויף אַ טאָג אין רעגנסבורג, לאָזט זיך מיט אַ באַזוך צו אליהו בחור, אָט איז ער אין אַלכסנדריה של מצרים און אָט אין ארץ־ישראל — אַ לאַנגע קייט פון דורות און תקופות. וועלכער איז אָבער, אין דער גאָלדענער קייט, אָט דער רינג, וואָס ווערט געשמידט דורך אים, אַפּאַטאָשו, גופא? ער שטעלט זיך די פראַגע, אָבער די תשובה זעט ער נישט אין גאַנצן קלאָר.

דאָס איז די עפּאָכע ווען אַפּאַטאָשו שטייט נאָענט צו די יידישע פאָלקס־מאַסן און ווערט באַווירקט פון דעם הייסן אָטעם פון זייער גלויבן און זייער קאַמף. אַ וויילע קאָן זיך דוכטן, ער האָט געפונען דאָס, וואָס ער זוכט אַזוי לאַנג — די נייע יידישקייט פון אונדזער דור. אין 1937, אויפן פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס, פּראָקלאַמירט ער: „נבואה, תלמוד, קבלה, חסידות, השכלה, יידישיזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם — דאָס זיינען פּועל־יוצאס פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן. מיר אָטעמען די לופט, וואָס די היסטאָרישע אַרבעטן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. די היסטאָ־רישע לופט — איז די נשמה פון יעדער עפּאָכע, דאָס איז איר סטיל".

אַ יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1938, פאַרעפנטלעכט אַפּאַטאָשו, אין נומער צוויי פון איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור", זיין באַקאַנטן עסיי „וואָס איז יידישקייט", וועלכער איז לכתחילה געלייענט געוואָרן דורכן מחבר אויף דער יובל־פייערונג לכבוד דעם ערשטן יאָרטאָג פון „איקוף"

אין ניו־יאָרק. ס'איז נאָך דער מינכען־קאַפּיטולאַציע. אין דער לופט פּילט זיך די אָנקומענדיקע קאַטאַסטראָפע. אַפּאַטאָשו, וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, זעט עס, פּונקט ווי אַלע, וואָס ווילן נישט פאַרשטעלן זיך די אויגן. ער רעדט מיט אַ שפּראַך, וואָס איז קלאָר און דייטלעך:

„דער פאַשיזם וויל אונדז אויסראָטן. ס'איז אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבן. אונדזער צייט קען מען בלויז פאַרגלייכן מיט די קרייץ־צוגן, מיטן גירוש־שפּאַניע, מיטן גירוש פּאָרטוגאַל... פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ כח האָבן מיר, היינטיקע יידן, אַנטקעגנצושטעלן דעם רשעות פון דער וועלט?"

און ווייטער: „וועלטן גייען אונטער, וועלטן ווערן געבוירן. איז לעבעדיק און שעדלעך, דוקא היינט, ווען ס'יידישע לעבן איז אויף דער וואָגשאָל, אַלץ איז אויף משקולת, אַלץ הימלס, דווקא היינט צו זען די איינציקע ישועה אונדזערע אין דער געטאָ, צווישן די פיר ווענט פון בית־מדרש. ווייל נישט בלויז מיר, יידן, ווערן געמשפּט. די גאַנצע וועלט ווערט געמשפּט. אַ וועלט האַלט ביים קראַכן. אַ נייע — ביים געבוירן ווערן".

אין וואָס זשע באַשטייט אונדזער יידישקייט, וואָס דאַרף אונדז באַשיצן, פרעגט אַפּאַטאָשו: „וואָס איז יידישקייט? און וועמענס יידישקייט? די נביאימס? דעם רמב"מס, צי משה העס, קאַרל מאַרקס און יצחק לייבוש פּרץ? און איך זאָג — יידישקייט איז דאָס אַלץ און נאָך עפּעס. דאָס „נאָך עפּעס" איז אָבער שווער צו דעפינירן".

אָט דאָס „נאָך עפּעס" איז פאַר אַפּאַטאָשון — „דאָס וואָרט", די „וואָרט־קולטור", אונדזער דורותדיקע קולטור־טראַדיציע: „אין דעם וואָרט ליגט אונדזער כח. און ס'וואָרט, צי ס'איז אַמאָל געווען ס'געטלעכע וואָרט, צי ס'איז היינט ס'מענטשלעכע פּראָדוקטיווע וואָרט, דאָס וואָרט האַלט אונדז אויף, פאַרפאַנצערט אונדז פון אונטערגאַנג".

***

און אָט איז אויסגעבראָכן דער שרעקלעכער שטורעם, ס'איז געקומען דער מבול פון בלוט און פייער, דער חורבן פון גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע. און אַפּאַטאָשו, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אַזוי גלענצנדיק געוואוסט, אַז אויפן בראָך־שטול פון דער געשיכטע זיצן מיר נישט אַליין, אַז מיר זיינען „מיט די טאָמאַס מאַנס, מיט די דעמאָקראַטישע פעלקער, מיטן סאָציאַליזם" און אַז ס'איז לעבערלעך און שעדלעך צו זען דוקא היינט די איינציקע ישועה אין געטאָ און אין בית־מדרש, דער זעלבער אַפּאַטאָשו טוט זיך אַ וואַקל און פאַרלירט גלייך דעם קאָמפּאַס, וואָס ער האָט אַ פּנים געהאַלטן נישט זייער שטייף אין האַנט. ער טוט זיך אַ וואַקל, דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט און דערזעט פּלוצלונג, אַז דער אמתער און איינציקער „ניצוץ פון יידישקייט" געפינט זיך גאָר אין... געוויסע חסידים־שטיבל.

אין זיין באַנד נאָוועלן „ווען פוילן איז געפאַלן" — און אַ טייל פון

זיי זיינען באמת גלענצנדיקע — פראָקלאַמירט אַפּאַטאָשו איין און איינציקן גרונט־געדאַנק: צוריק צו די אור־קוואַלן. צוריק צו יידישער טראַדיציע, צו יידישן שטייגער, צו יידישער חכמה. אין דער שלוס־נאָוועלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען טאָקע „ווען פוילן איז געפאַלן", זאָגט דער העלד, דער שרייבער שטראַל, וועלכער איז אייגנטלעך אַפּאַטאָשו אַליין: „מיר בענקען אַהיים, נאָך אַן אמתן ייד, איך אַליין בענק אויך נאָך אַ ייד, אָבער נאָך אַן אמתן ייד, אַ פאַרפאַנצערטן ייד. נאָכן חורבן פוילן דאַרף איך אַליין אַ פאַדפאַרע... מיין וועלטלעך יידישקייט איז נישט גענוג". און אָט דעם דאָזיקן „אמתן ייד" געפינט שטראַל אין געוויסער חסידים־שטיבל, דאָס איז איטשע דער מקובל.

נאָך חורבן פוילן האָט אַפּאַטאָשו דערפילט, אַז ער דאַרף — לויט זיין אויסדרוק — אַ פאַדפאַרע, אַן אָנשפּאַר, אַן אָנהאַלט. קאָן מען עס אפשר נאָך פאַרשטיין. אָבער טראַגיש איז, ווען דאָס, וואָס מען וויל נעמען פאַר אַן אָנשפּאַר, האָט נישט בלויז ניט די מינדסטע ממשות, נאָר אַפילו די אילוזיע ניט פון ממשותדיקייט. און ווער נאָך האָט עס געקאָנט אַזוי וויסן ווי אַפּאַטאָשו, ער, וואָס האָט אין „די פוילישע וועלדער" אַזוי מייסטערהאַפט אויפגעדעקט די אינערלעכע צעפאַלונג פון חסידיזם, ווער האָט עס געקאָנט נאָך אַזוי וויסן ווי ער, אַז די געוויסע חסידים־שטיבל איז שוין היינט נישט מער ווי געשיכטלעכער אַנאַכראָניזם?

ס'איז אַפּאַטאָשוס טראַגעדיע, וואָס גראָד אין דער עפּאָכע ווען אונדזער מאָדערנע וועלטלעכע יידישקייט האָט אויסגעהאַלטן איר געשיכטלעכן עקזאַמען אין די גורלדיקע שעהן פון די געטאָ־שלאַכטן, גראָד איצט איז פאַר אַפּאַטאָשון „וועלטלעכע יידישקייט" געוואָרן נישט מער ווי אַ „צעשפּאָלטענע מטבע", ווי „אַן אויסגעהוילטער באַגריף איבערגענומען פון דער השכלה" און זיין נאַציאָנאַלן אָנשפּאַר האָט ער געפונען גאָר אינעם געוויסער מקובל ר' איטשע.

און נאָך עפּעס. ס'איז דאָ אַן אַלטער רוסישער שפּריכוואָרט, וואָס זאָגט: דאָס וואָס איז אָנגעשריבן מיט דער פעדער, איז נישט אויסצוהאַקן אַפילו מיט אַ האַק. האָט אָבער אַפּאַטאָשו אויסגעהאַקט עפּעס מיט אַ האַק, עפּעס אַזוינס וואָס וואַרפט אַ בלענדנדיק ליכט אויף די גייסטיקע אומוואַנדלונגען, וועלכע זיינען אין אים פאַרגעקומען די לעצטע יאָרן.

אין 1949 איז אין קאַנאַדע דערשינען אַפּאַטאָשוס אַ באַנד עסייען „יידיש און יידישקייט". אין דעם באַנד איז אויך אַריין דער פריער דערמאָנטער עסיי „וואָס איז יידישקייט". דעם דאָזיקן עסיי קען איך באַזונדערס גוט. אין 1938 בין איך, צוזאַמען מיט אַפּאַטאָשון, געווען, אין שליחות פון אַלוועלטלעכן קולטור־פאַרבאַנד „איקוף", אויף אַ באַזוך אין די באַלטישע לענדער. איך האָב אַנטייל גענומען אין עטלעכע אָוונטן, אויף וועלכע אַפּאַטאָשו איז געווען דער הויפּט־רעדנער און אַזוי ווי ער האָט אומעטום געלייענט זיין „וואָס איז יידישקייט", איז מיר דער עסיי פאַרבליבן אין זכרון. בלעטערנדיק אָבער דעם דאָזיקן עסיי אין זיין לעצטער,

קאַנאַדער אויסגאַבע, איז מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק, אַז עפּעס איז אין אים פאָראַן אַ געוויסע ענדערונג. לכתחילה האָב איך נישט געקאָנט זיך כאַפּן, אין וואָס די ענדערונג באַשטייט. האָב איך פאַרגליכט דעם טעקסט פון 1949 מיטן טעקסט פון 1938 און באַלד פעסטגעשטעלט פאָלגנדיקס: דאָרט ווי אָפּאַטאָשו האָט, אין 1938, אַרומגענומען אין זיין יידישקייט־דעפיניציע די נביאים, דעם רמב״ם, משה העס, קאַרל מאַרקס און יצחק־לייבוש פּרץ, דאָרט וואו ער האָט צוזאַמענגעפּלאָכטן די „פּסוקים פון די נביאים, שפּינאָזאַס עטיק, מיט די אמתן פון משה העס, קאַרל מאַרקס און י. ל. פּרץ", האָט ער אין 1949, אַרויסגעהאַקט מיט אַ האַק, איןביידע אָפּזאַצן, דעם נאָמען פון... קאַרל מאַרקס.

אָפּאַטאָשו איז קיינמאָל נישט געווען קיין מאַרקסיסט. ער איז אָבער אַ שריפטשטעלער פון גרויסן פאַרנעם, מיט אַ שאַרפן חוש פאַר געשיכטע. דאָס האָט ער אַליין, אין 1938, פעסטגעשטעלט און מיט רעכט, אַז „נבואה, תלמוד, קבלה, חסידות, השכלה, יידישיזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם — דאָס זיינען פּועל־יוצאס פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן", וואָס שאַפן די היסטאָרישע לופט פון אונדזער צייט. און אָט האָט אָפּאַטאָשו מיט איין קלאַפּ, אויסשטרייכנדיק דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס, געוואָלט אויסשטרייכן, עלימינירן פון דער היסטאָרישער לופט פון אונדזער צייט און פון אונדזער דור — דעם קאָמוניזם, דעם סאָציאַליזם, ווי אויך דעם יידישיזם, וועלכער איז היסטאָריש פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קלאַס און זיינע אידעאַלן.

דער, וואָס איז געווען דער גרעסטער געשיכטע־קענער אין דער יידישער ליטעראַטור, דער מחבר פון אַזוי פיל וואָגיקע געשיכטלעכע ווערק — דערציילונגען און ראָמאַנען — איז געוואָרן אַממערסטן אומהיסטאָריש, אַנטי־היסטאָריש, בעת ער איז דערגאַנגען צו אונדזערע טעג. דער, וועלכער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך און זיין לעבן־לאַנג געפּרואווט זיך דערגרונטעווען צום תמצית פון דער יידישקייט פון אונדזער דור, האָט, צום סוף פון זיין לעבן, זיך אומגעדרייט מיטן רוקן צו די עיקר־פּראָצעסן פון אונדזער תקופה, וואָס האָבן געמוזט באַשטימען און האָבן באַשטימט אויך די גרונט־שטריכן פון יידישן לעבן פון אונדזער צייט. און ווער ווייסט, צי אָפּאַטאָשו, אויב ער וואָלט געגאַנגען ווייטער אינעם זעלבן וועג, וואָלט נישט, אין אַ נאָך שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון זיין עסיי, אויסגעשטראָכן, נאָך קאַרל מאַרקסן, אויך דעם נאָמען פון שפּינאָזאַ?

דאָס איז די טראַגעדיע פון אָפּאַטאָשון, די טראַגעדיע פון דעם געזעלשאַפטלעכן שיכט, וועמענס וואָרט־טרעגער ער איז געווען און וואָס האָט, אַ דערשיטערטער פון דער טראַגישער גרויסקייט פון אונדזער עפּאָכע און פון טראַגישן גורל פון אונדזער פאָלק, זיך פאַרשטעלט די אויגן פאַרן מאָרגן און גענומען זיך קלאַמערן, מיט אַלע כוחות, אין אַ נעכטן, וואָס איז אויף אייביק שוין אַוועק.

און דאָ איז שוין אָפּאַטאָשו מער נישט קיין פּרציאַנער, ווייל פּרץ האָט געלערנט: „אין ערגעץ־נישט פאַרשטיינערט, אין ערגעץ־נישט פאַרגליווערט, אין ערגעץ־נישט בלייבן שטיין". און ווייל פּרץ האָט געזאָגט: „איך בין געשטאַנען און רעכן ביזן לעצטן אָטעם־צוג צו שטיין אין די רייען פון פאָרשריטלעכן יידישן געדאַנק".

***

די אָפּאַטאָשו־טראַגעדיע פון די לעצטע יאָרן פאַרמינערט אָבער נישט די גרונטיקע ווערטן פון דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט.

אָפּאַטאָשו וועט פאַרבלייבן ווי איינער פון די גרויסע מייסטערס פון דער יידישער פּראָזע, איינער פון די, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור דעם ברייטן אָטעם פון דורות און לענדער, צוזאַמען מיטן אָפּקלאַנג פון טיפער יידישער און אַלמענטשלעכער גייסטיקייט. ער איז איינער פון די, וואָס האָבן מיט זייער שוואונג און אומדערמידלעכער עבודה, מיטגעהאָלפן צו דערהויבן די יידישע ליטעראַטור צו דער מדרגה פון וועלט־ליטעראַטור.

1954

יידישע קולטור־פּראָבלעמען פונעם פערטל־יאָרהונדערט

פינף־און־צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי זינט ס׳איז געשאַפן געוואָרן, אויפן ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אָט־די קול־טור באַוועגונג וועמענס יובל מיר פייערן היינט צוזאַמען — דער איקוף.

אַ פערטל יאָרהונדערט! אַ צייט־אָפּשניט, מיט וועלכן מ׳איז געוואוינט צו ציילן דאָס אויפקומען און פאַרגיין פון דורות. דער איקוף איז אַלט געוואָרן — אַ דור. ער האָט זיך געשטאַלטיקט און איז אויפגעוואַקסן צווישן די ראַנגלעניש, קאַמפן און דערגרייכונגען, צווישן די האָפענונגען און אַנטוישונגען, צווישן די ליידן און פריידן פון אַ גאַנצן פערטל־יאָרהונדערט. און וואָס פאַר אַ פערטל יאָרהונדערט — איינער פון די עפּאָכע־מאַכנדיקע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט!

ניט בלויז איז באַזיגט געוואָרן דאָס אומענדלעך־קליינע, דער אַטאָם, נאָר אויך דאָס אומענדלעך־גרויסע, די אינטערפּלאַנעטאַרע מרחקים. צום ערשטן מאָל זינט מענטש איז מענטש, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער ערד — ניט פון דער ערד־פלאַך בלויז, נאָר פון דער אינערטער ערדישער מאַסע — און איז אַרויף אין די הימלען. מיר זיינען איצט קוים מסוגל אָפּ־צושאַצן דעם פולן באַטייט פון אָט־דעם רעוואָלוציאָנערן איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען, פאַר אונדזערע אויגן, אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט.

דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף רענע דעקאַרט האָט, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, געטרוימט וועגן אַ צייט, ווען דער מענטש וועט ווערן דער האַר און הערשער פון דער נאַטור. אָט־די צייט איז געקומען. דער מענטש איז היינט דער האַר פון דער נאַטור. ער איז ביכולת, אין עטלעכע רגעס, צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע ערד אונדזערע אין איין תוהו ובוהו, אין אַ טויטן פּלאַנעט. עס איז אָבער אויך אין זיין מאַכט זי צו פאַרוואַנדלען, אין יאָרן צי יאָרצענדליקער אַרום, אין אַ גן־עדן, פאַר אַלע מענטשן, וואָס וועלן זי באַוואוינען.

מען האָט געזאָגט, מיט רעכט, אַז ס׳איז שווין היינט נישט מעגלעך צו ריידן וועגן מענטשלעכן מין, אין זין פון נאַטור־קאַטעגאָריע, ווי מען רעדט וועגן דער פלאַנצן־וועלט, צי דער חיות־וועלט. דער מענטש האָט באַזיגט די נאַטור און זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטאַפּל איבער איר. ער באַפעלט איצט און האַלט אָפּ טאָג־טעגלעך נצחונות אפילו איבערן טויט. פון אָט־דעם באַפעל, פון דעם מענטשנס אייגענעם ווילן, פון זיין אייגענעם אויסוואַל, איז איצט אָפּהענגיק — דער זיין אָדער ניט־זיין פון דער וועלט.

דער אַלט־גריכישער גאָט פּראָמעטעוס איז באַשטראָפט געוואָרן דורכן אייפערזיכטיקן הערשער פונעם געטער־אָלימפּ דערפאַר, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט פאַר די מענטשן דעם סוד פון פייער און דערהויבן דעם מענטש איבער חיה. איצט, וואַרשיינלעך, דאַרף אויפסניי זיך בייזערן דער אוראַלטער גורל און ישובן זיך, צי ס'קומט נים קיין שטראָף דעם מענטשלעכן זשעני פאַר דער העזה צו וועלן דערהויבן דעם מענטש — איבער זיך גופא.

די געטער, וואָס האָבן אַמאָל באַוואוינט די הימלען זיינען אָבער געוואָרן שוואַך און אומשעדלעך — אַן אויסשטראַלונג פון מענטשלעכער אָנמאַכט. ערשט דער היינטיקער באַוואוינער פון די הימלען, דער מענטש, האָט דורך דער גרויסקייט פון זיין גייסט דערוואָרבן די באמת געטלעכע אַטריבוטן פון דונער־און־בליץ. קומט־אויף, די גרויסע, די וויטאָקדיקע פראַגע: וואָס אַזוינס וועט דער נייער, דער ווירקלעכער שר־השמים, דער האַר פון די הימלען, דער מענטש, ברענגען צו די שטערנס און פון די שטערנס, צוריק אויף דער ערד: לעבן אָדער טויט, גן־עדן אָדער גיהינום?... סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע איז איצט אין מענטשלעכער פּאָטענץ.

אַ וואונדערלעך גרויסער פּערטל יאָרהונדערט און גלייכצייטיק — אַ טיף־טראַגישער. די מענטשלעכע געשיכטע איז געוואָרן ווי אַ וואולקאַן, וואָס הערט נישט אויף צו שפּייען מיט פייערדיקער לאַווע. פופציק מיליאָן טויטע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און פון סוף מלחמה ביז אויף היינטיקן טאָג כסדר מיליאָנען נייע הרוגים, אין פאַרשיידענע עקן פון דער וועלט — אין מלחמות, וועמענס פייער עס שפּרייט זיך אָן אויפהער, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט.

די מענטשהייט ליגט אויפן בראָכשטול. מעכטיקע אימפּעריעס ווערן אָפּגעווישט פון דער היסטאָרישער פלאַך. גאַנצע קאָנטינענטן, מיט פעלקער־שקלאַפן, טויכן־אויף מעבדות לחירות, צו פרייער, זעלבסטשטענדיקער, נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. נייע לעבנס־פאָרמען, נייע לעבנס־נאָרמען ווערן געבוירן, אין בלוט און פּיין, אין טיטאַנישן געראַנגל צווישן נעכטן און מאָרגן.

אַ סימבאָלישער פאָרהאַנג פון שנאה און פּחד צעטיילט די וועלט אויף צוויי טיילן, וואָס שליסן זיך אויס קעגנזייטיק, און גרייטן זיך אומצוברענגען קעגנזייטיק, אָבער וואָס זיינען פאַרמשפּט דורך דער געשיכטע צו לעבן איינער נעבן צווייטן, אויב זיי ווילן נישט אומקומען אינאיינעם.

פון איין זייט פאָרהאַנג — אין איבערמענטשלעכער שפּאַנונג און ציל־געוועגדקייט, מיט אומענדלעכע קרבנות, אויף אַ שטייניקן וועג, פול מיט שטרויכלונגען, דאָמינירט דער כלל. פון דער צווייטער זייט — אין פאַר־לוירנקייט און נאָגנדיקע ספקות, אין באַוואוסטזיין פון היסטאָרישער פאַר־משפּטקייט, זוכט טראַגיש דעם זין פון זיין גורל — דער יחיד. ער זוכט און קאָן נישט געפינען. ער זוכט זין און געפינט בלויז אומזין. ער זוכט לעבן און געפינט בלויז טויט און איינזאַמקייט. ער זוכט אָנשפּאַר און גע־פינט תהום, אַבסאָלוט־ליידיקן חלל. „עקזיסטירן, דאָס איז דער באַוואוסט־

דיק, אַז מען שטעקט אין אַבסאָלוטן נים־דיק", — אַזוי לערנט דער באַרימטער פראַנצויזישער דענקער און שריפטשטעלער, זשאַן־פּאָל סאַרטר.

אַ גרויסע פילאָסאָפישע שול איז אויפגעקומען, די לעצטע יאָרצענדליקער, אין מערב־אייראָפּע אַרום צענטראַלן פּראָבלעם פון מענטשלעכן, ריכטיקער, יחידיש־מענטשלעכן גורל. דאָס איז די עקזיסטענץ — פילאָזאָפיע, דער א. ג. עקזיסטענציאַליזם, וועמענס איינפלוס ס'האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף ביידע אַמעריקעס. אין די אַלגעמיינע ראַמען פון אָט־דער שול, הויזן אונטער איין דאַך פאַרשיידענע שיטות: טיפע מיסטיק, קעמפערישער איראַציאָנאַליזם, אַלגעמיינע גאָט־זוכעניש און צוגלייך, קריסטלעך־קאַטויִלישע מעטאַפיזיק און אַפילו אַטעאיזם. זייער קוק־ווינקל איז אַ געמיינזאַמער: אומזין־אַבסורדאַלקייט פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און גלייכצייטיק רעוואָלט קעגן אָט־דעם אומזין און ווילן אים גובר צו זיין — דורכן כוח פון מענטש אָדער מיט דער הילף פון גאָט.

הבל הבלים, לעבן הייסט — כסדרדיקער אַבסורדאַלער לויף צום טויט. די באַציאונג פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין צו אָט־דער אַבסורדאַלקייט, אין פּנים פון דער אַבסאָלוטער איינזאַמקייט פון יחיד, קאָן זיין בלויז: אַנגסט, עקל, פּחד און יאוש.

דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער אַלבער־קאַמי, וואָס האָט אין 1957 באַקומען דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור, האָט אין זיין פּראָגראַם־עסיי „דער מיטאָס פון סיזיף" אַזוי אָנגערופן די ראשי־פּרקים פונעם ווערק: אַן אַבסורדאַלער געדאַנקען־גאַנג, דאָס אַבסורדאַלע און דער זעלבסטמאָרד, אַבסורדאַלע מויערן, די אַבסורדאַלע פרייהייט, דער אַבסורדאַלער מענטש, די אַבסורדאַלע שעפערישקייט (אַגב, קורץ נאָכדעם, ווי ער האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּריז, איז אַלבער קאַמי אומגעקומען, יונגערהייט נאָך, אויף אַ טראַגיש־אַבסורדאַלן אופן, אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע).

ס'איז קלאָר, אַז די עקזיסטענץ־פילאָסאָפיע האָט געמוזט טיף באַאייִפלוסן די ליטעראַטור און קונסט. דער לייט־מאָטיוו פון דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צוויי־צענדליק יאָר — און אויך פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט — איז: איינזאַמקייט פון מענטשן, אומזין פון לעבן, יאוש און טויט. און אַזוי ווי אַלע מאָראַלישע קאַטעגאָריעס זיינען דאַך אויך ניט מער, ווי אַבסורד, האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון אוממאָראַלישקייט, ריכטיקער, פון אַמאָראַלישקייט, אַ ליטעראַטור אַ פיזיאָלאָגישע מיט אַ פאַרפלייצונג פון סעקס, גלייכצייטיק — סנאָבישער פאָרמאַליזם, פּאָזע און בגוואַלד־עקסצענטרישקייט.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין פּאַריז דערשינען אַ ראָמאַן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נישט אין פאָרם פון אַ בוך, מיט נומערירטע זייטן, נאָר אין פאָרם פון אַן אַלבאָם מיט ניט־איינגעבונדענע, באַוועגלעכע קאַרטלעך. דער לייענער קאָן די קאַרטלעך אויסשטעלן, ווי זיין האַרץ גלוסט, דער אָנהייב קאָן זיין דער סוף, און דער מיטן — דער אָנהייב, אָט ווי אַ

מין פּאַסיאַנס־שפּיל, מיט אַ טאַש קאָרטן. ס׳דאַרף הייסן, אַז דער שרייבער נעמט דעם לייענער פאַר אַ מיטשאַפער צו זיין ווערק, וואָס ווערט יעדעס מאָל געבוירן פונדאַסניי.

דאָס אַבסורדאַלע ווערט דערפירט ביז צו די וויטסטע גרענעצן פון אַבסורד.

דאָס איז — זייער אַלגעמיין גענומען, נאַטירלעך — די תשובה, וואָס די ליטעראַטור און קונסט פונעם אַזוי־גערופענעם מערב האָבן געגעבן אויף די גרונט־פּראָבלעמען פון אונזער צייט.

און וועלכע תשובה האָט אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען געגעבן אונדזער יידישע קולטור?

וויניק פעלקער האָבן, ווי אונדזער פאָלק, געפילט אויף זיך גופא, אינעם גוף און אין דער נשמה, הן די טראַגיק, הן די גורלדיקע גרויסקייט פון אונדזער תקופה.

אונדזער פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס איז געווען אינגאַנצן דורכגענומען מיטן פּאַרגעפיל פון אַנוואַקסנדיקער קאַטאַסטראָפע. אָבער ווער, וועלכע משוגעדיקסטע פאַנטאַזיע, האָט אין 1937 געקאָנט זיך גאָר פאָרשטעלן, אַז דער בלוטיקער מבול וועט זיין אַזוי גרויליק, אַז אין גורל־פאַרמעסט צווישן צוויי וועלטן וועט אומקומען אַ גאַנץ דריטל פון אונדזער פאָלק?! די אומגעהויערקייט פון חורבן, די גרויזאַמע אוממענטשלעכקייט פון אומקום, האָט דערשיטערט ביז די טיפסטע טיפעניש, און אָט־די דערשיטערונג, וואָס האָט געשריגן ביז צו די הימלען, איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן געוואָרן איינער פון די גרונט־טענער פון אונדזער ליטעראַטור און קונסט אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליק.

חורבן־טראַגיק, אָבער גלייכצייטיק — העראָאיק, העראָאיק פון קאַמף פאַר לעבן און כבוד.

אונדזער חורבן־ליטעראַטור איז אָן ערך ברייטער און רייכער, ווי די העראָאיק־ליטעראַטור. דאָס איז, אין אַ געוויסן זין, פאַרשטענדלעך. דער אויסמעסט פון אומקום איז געווען אַזוי מאָנומענטאַל, אַז ער האָט ווי פאַרשאָטנט דעם קאַמף. די דיספּראָפּאָרץ איז אָבער אַ באַדויערווערטע מחמת די חורבן־ליטעראַטור איז אָן אָפּשלוס פון אַ תקופה, בעת די העראָאיק ליטעראַטור איז דער אָנזאָג פון אַ תקופה, וואָס הייבט זיך ערשט אָן.

מיט די יידישע שלאַכטלייט פון אַלע אַליאירטע אַרמייען, מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער און ווידערשטענדלער, און לסוף, אין אַ באַזונדערס בלענדנדיקן ליכט, מיט די אויפשטענדלער פון די געטאָס, איז אַריינגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור דער נייער ייד, וואָס האָט מיטן אייגן בלוט געגעבן זיין נייעם, מאָדערנעם טייטש אויף אונדזער אַלטן קידוש־השם.

און נאָך אַ גרונט־טאָן האָט אָפּגעקלונגען אין אונדזער ליטעראַטור — דער וואונדער פון ווידערגעבורט. אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד פון אייראָפּע האָבן, מיט אַן אומגלויבלעכן ממש אימפּעט, אויפגעבליט נייע יידישע

ישובים און באַלד איז אויפגעקומען מדינת ישראל, וואָס האָט אַריינגע־שריבן דאָס וויכטיקסטע קאַפּיטל אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע.

מען קאָן, נאַטירלעך, האָבן צו דער ישראל־רעגירונג און צו איר פּאָ־ליטיק אַזאַ אָדער אַנדער באַציאונג. ס'איז דאָך אָבער קוים נויטיק צו דערמאָנען: רעגירונגען פאַרגייען און דאָס פאָלק בלייבט! ס'בלייבט דאָס פאָלק, וואָס אַרבעט, שאַפט, וואָס פאַרוואַנדלט מדבריות אין בליענדיקע גערטנער, וויסטע זאַמדן — אין דערפער און שטעט, דאָס פאָלק, וואָס בויט הייזער און פאַבריקן און שולן פאַר קינדער און אוניווערסיטעטן, דאָס פאָלק און גאָר באַזונדערס דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אויפגעקומען און וואָס איז דער טרעגער פון דער צוקונפט פון לאַנד, פון אַ צוקונפט פון פרייהייט און גליק.

חורבן־אייראָפּע, פון איין זייט, און די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, פון דער צווייטער זייט, האָבן אויסגעשטאַלטיקט דאָס פּנים פון דעם לאַנד, וואָס איז אויף קיין שום געאָגראַפישער קאַרטע ניט פאַרצייכנט, אָבער וועלכע איז אונדז גוט באַקאַנט און אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן אונטערן נאָמען: יידיש־לאַנד. די קאָנטורן פון יידיש־לאַנד האָבן זיך ביז גאָר געענ־דערט, אָבער ניט בלויז די קאָנטורן, אויך די אינערלעכע כוחות־פאַרהעל־טענישן, און דאָס שוין — אונטערן איינפלוס פון צווי אַנדערע געשעעני־שן, פון גאַנץ פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

די ערשטע פון די צווי געשעענישן איז געקומען שטיל, מיטן גע־לאַסענעם טראָט פון די צייטן פון יאָר, אָדער פון אייביקן ריטם פון מענטש־לעכן לעבן.

אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז האָט יוסף אָפּאַטאָשו אויסגערופן: „אין יידיש־לאַנד גייט קיינמאָל די זון נישט אונטער". ס'איז געווען אַ שטאָלצער זאָג און אַ דערהויבנדיקער און אויך — אַן אמת. און דער אמת איז גילטיק ביז אויף היינטיקן טאָג. יידיש איז נאָך אַלץ אַ וועלט־שפּראַך, אין פולן זין פון וואָרט, ס'הייסט, מען קאָן מיט איר אויספאָרן די גאַנצע וועלט. מער נאָך, דער אינטערנאַציאָנאַלער אָנזען און פּרעסטיזש פון יידיש איז, לגבי די פאַר־מלחמה־יאָרן, אַן אַן ערך אויסגעוואַקסן.

דאָס איז זיכער אמת, אָבער אמת איז אויך, אַז די איינפלוס־ספערע פון יידיש האָט זיך שטאַרק פאַרמינערט. מען טאָר אויף דעם נישט פאַר־מאַכן די אויגן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, ס'וואָלט געווען נישט ערנסט צו וועלן פאַרגעסן, אַז בנוגע אונדזער מאַמע־לשון, איז דער נאַטירלעכער לעבנס־ריטם פון „דור הולך ודור בא" געוואָרן, אין לעצטן פערטל יאָר־הונדערט באַזונדערס: דור הולך ודור לא בא.

כמעט אין דער זעלבער צייט, אין 1959 און 1960, זיינען פאָרגעקומען פאָלקס־ציילונגען אין די צווי לענדער, וואָס פאַרמאָגן די גרעסטע יידישע מאַסן־ישובים: פאַראייניקטע שטאַטן און ראַטנפאַרבאַנד. אין ביידע לענ־דער האָבן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך כמעט די זעלבע צאָל יידן — קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן. געוויס, אַ האַלב מיליאָן יידן איז, קיין

עין־הרע, אַ פיינע עדה, אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד מאַכן זיי אויס בלויז 20 פּראָצענט, און אין די פאַראייניקטע שטאַטן — קוים 9 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג. און וויסן דאַרפן מיר, אַז דאָ גייט וועגן אַ דערשיינונג אַן אַלגעמיינער, וואָס איז חל אויך אויף אַנדערע לענדער פון אַמעריקע און אייראָפּע. ס׳איז הייסט עס, אויפגעשטאַנען אַ יידישער דור, וואָס „מאַמע־לשון" איז שוין נישט זיין מאַמע־לשון.

דאָס איז איין געשעעניש, אין אַ געוויסן זין, אַן אָרגאַנישע, הגם פון ספּעציפישן כאַראַקטער. די צווייטע געשעעניש איז אינגאַנצן פון אַן אַנדער מין. זי איז געקומען אומדערוואַרט און אומגעריכט, ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג, ווי אַן ערד־ציטערניש, און האָט אונדז אויפגעטרייסלט ביז די טיפסטע טיפענישן פון אונדזער נשמה און צוגענומען ביי אונדז די רו און געמאַכט אונדז פאַר אבלים ביזן היינטיקן טאָג. די דאָזיקע געשעעניש איז דער חורבן פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד און דער אומקום פון דער גרויסער פּלעיאַדע סאָוועטישע יידישע שרייבער און קינסטלער, אונדזערע פריינט, אונדזערע לערער און אונדזערע באַגייסטערער.

ס׳איז ניט לייכט וועגן אָט־דעם אומגליק צו ריידן. ניט לייכט, ווייל די וואונדן זיינען אַלץ נאָך אָפן און אויך דערפאַר, ווייל אינעם פאַרגאָסענעם בלוט האָבן זיך אָנגעכאַפּט, ווי אין אַן אבן־טוב, כלערליי שונאים און היי־פּאָקריטן, וואָס ביים לעבן פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער, האָבן זיך באַמיט צו דערטרינקען זיי ממש אין אַ ים פון פיינטשאַפט.

געוויס, ניט לייכט איז וועגן דעם אומגליק צו ריידן, אָבער — ס׳איז אויך ניט מעגלעך צו שוויגן. איך האָב פריער באַרירט דעם מאָטיוו פון אומזין אין דער מערב־אייראָפּעאישער עקזיסטענץ־פילאָסאָפיע. איז וואָס קאָן זיין נאָך מער אומזיניק, מער טראַגיש און מער שגעונדיק, ווי דאָס, וואָס איז געשען מיט דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד? ווי איז עס מעגלעך, ווי איז עס מעגלעך? אינעם לאַנד, וואו יידיש האָט גענאָסן פון אַלע רעכט פון אַ מלוכה־שפּראַך, וואו מלוכה־אַדמיניסטראַציעס האָבן אַמאָל אַמטירט אין יידיש, וואו געריכטן האָבן געמשפּט אויף יידיש, אינעם לאַנד, וואו די יידישע קולטור האָט זיך געהאַט צעבליט אין אַ וואונדערלעכן פאַרנעם, מיט אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעענער שפע — אַ יידישע שול־נעץ פון גרונטיקער און מיטעלער בילדונג מיט הונדערטער טויזנטער תלמידים, יידישע הויך־שולן, יידישע סעמינאַרן, יידישע קאַטעדרעס ביי וויסנשאַפט־אַקאַדעמיעס, אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּרעסע און פאַרלאַגס־וועזן, צענדליקער טעאַטערס, הונדערטער דראַמקרייזן, כאָרן און אָרקעסטערס און לסוף, אַ מעכטיקע ליטעראַטור, וואָס איז געווען אונדזער אַלעמענס שטאָלץ — ווי איז עס מעגלעך, אַז אין אָט דעם לאַנד זאָל פּלוצלינג אָפּגעווישט ווערן אַלץ, אַלץ, אַפילו דער יידישער אַלף־בית? און וואָס קאָן נאָך זיין מער טראַגיש און מער שגעונדיק, ווי דער מאָרד פון די אומשולדיק־פאַרמשפּטע יידישע שרייבער און קינסטלער, גרויסע יידן און גלייכצייטיק פלאַמיקע סאָ־וועטישע פּאַטריאָטן?! און צי איז נישט טראַגישער אַבסורד אונדזער

בלינדער גלויבן, במשך פון גאַנצע יאָרן — ווייל מיר האָבן דאָך געגלויבט אין אַלץ, וואָס מען האָט אונדז געזאָגט — און אונדזער ניט־וויסן — ווייל מיר האָבן דאָך גאָרנישט געוואוסט — און אונדזער שוויגן, בעת מ׳האָט געדאַרפט שרייען און אונדזער שרייען, בעת מ׳האָט געדאַרפט שוויגן?!

ס׳איז נייטיק צו אונטערשטרייכן: דאָס פאַרשווינדן, במשך פון כמעט אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, פונעם יידישן קולטור־שאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט שווער געטראָפן נישט בלויז דאָס סאָוועטישע יידנטום, נישט בלויז דעם ליבקן יידישן קולטור־סעקטאָר אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָר די יידישע קולטור אַלס גאַנצע. איר שאַפערישע סובסטאַנץ איז פאַר־מינערט געוואָרן. נאָכדעם ווי ס׳איז טראַגיש אויסגעגאַנגען, אין מזרח, דאָס קול פון די גרויסע יידיש־סאָוועטישע קולטור־שאַפער און ס׳איז אַריינ־געפאַלן אין אַ מין הינערפלעט פון ווייטאָק, אין אַ בפירושן בלבול־המוחות דער לינקער יידישער קולטור־סעקטאָר פון גאָר דער וועלט, איז אונדזער קולטור־פעלד געבליבן אָפן אויפסניי בלויז — פאַרן מערב. און דער גרונט־טאָן איז במילא געוואָרן: באַרג־אַראָפּ, ירידה.

עס וואָלט געווען פאַלש צו מאַכן מעכאַניש פאַרגלייכן, צו שלעפּן אַנאַ־לאָגיעס בגוואַלד פאַר די האָר, אָבער ס׳איז פאַרט אַ פאַקט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן: ס׳איז פאַראַן אַ טיפע ענלעכקייט צווישן דער אַלגעמיינער טאָנאַליטעט פון דער יידישער און ניט־יידישער ליטעראַטור אין דעם אַזוי־גערופענעם מערב. אין ביידע דאָמינירן היינט די זעלבע מאָטיוון: איינזאַמ־קייט, יאוש, אַבסורדאַלקייט, אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט, איראַציאָנאַ־ליזם, מיסטיק און גאָט־זוכעניש. ס׳איז נאַטירלעך ניט סתם קאָפּירונג, נאָר אייגענער, יידישלעכער וואַריאַנט.

איינזאַמקייט — פון אוניווערסאַל־מעטאַפיזישע דימענסיעס, ווערט זי איבערגעטראָגן אויף נאַציאָנאַלע און פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע — אויף יחידיש־שרייבערישע. איינזאַם איז נישט אַזוי דער מענטש בכלל, נאָר דער ייד, אין פּנים פון אַ וועלט, וואָס איז אים לחלוטין פיינטלעך. איינזאַם איז דער יידישער שרייבער, צווישן זיין אייגן פאָלק, וואָס דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן, צו אים און צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער שאַפט.

יאוש — מחמת אָט דער איינזאַמקייט טאַקע, מחמת פּערספּעקטיוו־לאָזיקייט, מחמת דעם אומדערטרעגלעך נאָגנדיקן געפיל פון אומעפעק־טיווקייט און לעצטקייט; יאוש — מחמת אַפילו אין דער יידישער מדינה איז מאַמע־לשון אַ פרעמדע שפּראַך, און דער יידישער שרייבער — אַ פרעמדער און דיסקרימינירטער; און אויך יאוש, לעצטנס, ווייל ס׳האָט פּלוצלינג ביי פיל זיך אַרויסגעגליטשט דער באָדן, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען אַ גאַנץ לעבן און ס׳זיינען איינגעפאַלן די הימלען, צו וועלכע זיי האָבן געהאַלטן זייערע אויגן געווענדט.

אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט — אַנגריף קעגן אַלע מינים „איזמען" — מאַרקסיזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם וכדומה — וואָס האָבן אַלע באַנק־ראָטירט. דער אַלגעמיינער לאָזונג: גענוג פרעמדע תורות! און אַ גלאָבאַלער

פסק־דין איבער דער גאַנצער ניט־יידישער וועלט, וואָס איז כולו חייב. און במילא אַ געוויסער „אַנטי־גויאיזם", וואָס איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער און אין אומזיניקן גראָטעסק, ענלעך צום פיזיאָלאָגישן ממש אַנטיסעמיטיזם.

לסוף, מיסטיק, איראַציאָנאַליזם און גאָט־זוכעניש. די יידישע ליטעראַטור, די יידישע עסייאיסטיק האָבן שוין לאַנג, גאָר לאַנג נישט געהאַט אַזוי פיל בעלי־תשובה, אַזוי פיל קלויז־רופער און שול־קלאַפּער. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פּונקט ווי ביי די אומות־העולם, פּאָרט זיך ביי אונדז אויך מיסטיציזם מיט עראָטיק און די לעכצענישן נאָכן אַלטן יידישן גאָט מיט די מאָדערנסטע מעטאָדן פון דער היפּער־סעקס־ליטעראַטור.

די דאָזיקע אַלע מאָטיוון און אַלע די שטימונגען דאַרפן מיר נעמען ערנסט. אויב מיר ווילן זיי עפּעס־וואָס קעגנשטעלן — און מיר ווילן עס געוויס — איז דער ערשטער באַדינג: באַמיען זיך צו פאַרשטיין דעם צד שכנגד נישט פּרוואוון דווקא רעדוצירן אַלץ, ביי אים, צו קליינלעכקייט און קליינגעלט. דער קעגנער איז טאַקע איצט אַ קעגנער, אָבער ס׳איז אָפּהענגיק טיילווייז אויך פון אונדז גופא, ער זאָל מאָרגן ווערן אַ פריינט.

דאָס איז באַזונדערס ריכטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן נעכטיקע פריינט. בלויז אַ בלינדער זעט נישט די עכטקייט און טיפקייט פון דער גייסטיקער און מאָראַלישער דערשיטערונג, וואָס עס האָט ביי פיל יידישע שרייבער אַרויסגערופן די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. דער גרויסער פראַנצויזישער דיכטער לואי אַראַגאָן האָט געוואָרנט קעגן דעם, וואָס ער רופט אָן אוטאָפּיע־ליטעראַטור און וואָס פאַרוויגט דעם מענטשן אין חלומות. אַז די ווירקלעכקייט וועקט אים פּלוצלינג אויף, איז ער ווי אַ לונאַטיקער אויף אַ ברעג דאַך, אין באַוועגונג — און ער פאַלט אַראָפּ. און וועמענס שולד איז עס, וואָס דער גאַנג פון פיל צווישן אונדז, אין דער ליטעראַטור און אין לעבן, איז געווען אַ גאַנג, טאַקע פון אומענדלעך־גלויביקע, אָבער דאַך — מיט פאַרמאַכטע אויגן?! און ווער קאָן וואַרפן אַ שטיין דעם, וואָס איז, ווי אַ לונאַטיקער, אַראָפּגעפאַלן און זיך צעוואונדיקט דעם גוף און די נשמה?!... זיכער, ניט אַלץ איז דאָ געווען כולו קדושה. אָבער פאַרוואָס זאָל מען פאָדערן כולו קדושה בלויז פון יענעם?!...

דאָס איז דער ערשטער באַדינג. און דער צווייטער איז — מיר זאָלן זיך באַפרייען פון פּרימיטיווער סכעמאַטישקייט, פון דער פלאַכער גאַרניטזאַגנדיקער פראַזע און פון אָט־דער חסידים־שוטים־איינרעדעניש, אַז ביי אונדז אין וועסטל־קעשענע געפינט זיך די פאַרטיקע צוביבער־תשובה אויף אַלע קשיות פון דער וועלט.

אַן געזונטן קערנדל פון ספקות גייט נישט אויף קיין איין לעבעדיקער פלאַנץ פון אמת. אָט וואָס עס זאָגט, למשל, וועגן דעם ענין דער זעלבער לואי אַראַגאָן, וועלכן כ׳האָב פריער דערמאָנט, אין אַ זאַמלונג וועגן קולטור־פּראָבלעמען, וואָס עס האָט די טעג פאַרעפנטלעכט אין פאַריז די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פאַרטיי: „איך בין קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו קיין

שום איבערצייגונג אַנדערש, ווי דורכן וועג פון ספקות, פון אַנגסטפולן, פון קאַלטן שוויס, פון וויטאָקדיקער דערפאַרונג. דעריבער רעספעקטיר איך די, וואָס ווייסן נישט, וואָס זוכן, וואָס טאַפּן אין דער פינצטער און וואָס ווערן געשטרויכלט. איך באַוואונדער, געוויס, די אַלע, וועמען דער אמת קומט אָן לייכט און ספּאָנטאַן, אָבער, כ׳בין זיך מודה — זיי רופן ביי מיר אַרויס זייער ווייניק אינטערעס".

און לסוף, נאָך אַ פּאָר־באַמערקונג, שוין די לעצטע, וואָס האָט אַ שייכות צו טערמינאָלאָגיע. מיר זאָגן: פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער און קינסט־לער, פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־טוער, ס׳הייסט, מיר אַלע, וואָס אָנ־ערקענען זיך צו יידיש־וועלטלעכער, פּראָגרעסיווער קולטור. אָבער וואָס מיינט עס — יידישע פּראָגרעסיווע קולטור?

אויף אונדזער פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס איז די זאַך געווען אַזוי קלאָר, אַז די פראַגע איז אַפילו ניט אויפגעהויבן געוואָרן. אָלגין, אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, קלמן מרמר, בן אדיר, לייוויק, טשערניכאָוו און — זיי צו לענגערע יאָר — נחמן מייזיל אָדער דר. שאַץ־אַגין, האָבן גערעדט וועגן פּראָגרעסיווער יידישער קולטור מער־ווייניקער מיט דער זעלבער שפּראַך. יעדער האָט, נאַטירלעך, צוגעגעבן צום פּסוק זיין אייגענעם פּשט, אָבער דער פּסוק איז וועזנטלעך געווען דער זעלבער.

איצט איז עס אַנדערש. מען האָט דאָס וואָרט פּראָגרעסיוו אַריינגע־נומען — אין געגנזנפּיסלעך. ס׳דאַרף הייסן, די גאַנצע פּראָגרעסיווקייט איז בלויז אַן אָנשטעל, אַ דעק־מאַנטל, כדי צו קאָנען בעסער דינען צו אַ גע־ווּיסער פּאָליטישער ריכטונג. פּראָגרעסיוו איז שיער־ניט אַ סינאָנים פון אַ באַשטימטער פּאַרטייאישקייט. ווייל איך דערקלערן, אַז איך נעם דעם באַגריף פּראָגרעסיווע יידישע קולטור אין זיין גאַנצער ברייט און טיף, אָן די כל המינים לעכערלעכע געגנזנפּיסלעך, און אַזוי ווי ער איז פאַרשטאַנען געוואָרן אויפן קולטור־קאָנגרעס, אין פּאַריז.

ובכן, וואָס־זשע ענטפערן מיר — מיר, פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־שאַפער און קולטור־טוער — אויף די אַלע מאָטיוון, שטרעמונגען און שטימונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס כ׳האָב פריער אויסגערעכנט? און קודם, וואָס וואַרפן מיר זיי פאָר?

מיר וואַרפן זיי קודם כל פאָר זייער אומהיסטאָרישקייט און אַנאַכראָניזם.

אומהיסטאָריש הייסט — ניט זען די טיפע געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אונדז און אַרום אונדז. אומהיסטאָריש — דאָס ניט באַמערקן די געשיכטלעכע גרונט־ליניעס, וואָס האָבן אויסגעשטאַלטיקט אונדזער הייִנטיקע ווירקלעכקייט און וועלכע במילא צייכענען אָן די קאָנטורן פון דער צוקונפט.

וואָס קאָן זיין מער אומהיסטאָריש, למשל, מער אַנאַכראָניש, ווי דאָס רופן די יידישע ליטעראַטור אין שול אַריין? געוויס, יעדער שרייבער, ווי אַ יחיד, קאָן גיין וואו זיין האַרץ גלוסט, ס׳איז אַ פראַגע פון געשמאַק און בעיקר — פון מאָדע. מיר ווייסן אַלע, אַז די שול, ספּעציעל אין אַמעריקע,

איז לעצטנס שטאַרק אין דער מאָדע. אָבער אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור — איך רייד ניט וועגן די מוסר־ביכלעך — איז קיינמאָל אין שול נישט איינגעשטאַנען. איר דרך, אַפילו אין די עלטסטע צייטן, אין דער תקופה פון דעם העלדן־עפּאָס, איז געווען אויסער דער שול; שפּעטער, אַלץ מער, פון דער שול און בפירוש קעגן דער שול.

דאָס קאָן זיכער געפעלן אָדער ניט, אָבער ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט, ניט אָפּצופרעגן און ניט צו ענדערן. אונדזער מאָדערנע יידישע קולטור, מחמת דער ספּעציפישקייט פון איר אויפקום און איר אַנטוויקלונג, איז אַזוי טיף און אַזוי אָרגאַניש דורכגעזאַפּט מיט די קאַמף־טראַדיציעס און מיט די באַפרייאונגס־אידעאַלן פון יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, אַז אָן די דאָזיקע טראַדיציעס און אָן די דאָזיקע אידעאַלן בלייבט זי ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

און וואָס קאָן נאָך זיין מער אומהיסטאָריש, ווי דער לאָזונג: גענוג פרעמדע תורות? ווארום, וועלכע תורות זיינען דען אייגענע און וועלכע — פרעמדע?! אין דעם סימביאָז פון יידישער און גריכישער קולטור, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון אונדזער מערבדיקער ציוויליזאַציע — ווער וועט אָפּוועגן און אָפּמעסטן אונדזער יידישן חלק?! און אין די כלומרשט „פרעמדע תורות״, וואָס פירן היינט אַ דריטל פון דער מענטשהייט אויף נייע וועגן, — וויפל איז אין זיי פאַראַן פון אונדזערע נביאים און וויפל, דורך מאַרקסן, פון דורות און דורות שפּעטערדיקער יידישער גייסטיקייט?!

אומהיסטאָריש אויך — דער פּסק־דין קעגן דער גאַנצער ניט־יידישער וועלט, גענומען אָן־בלאָק. געוויס, אונדזער פאָלק האָט אַ גרויסן און שווערן משפּט צו פירן פאַר די אומגעבראַכטע מיליאָנען און ס׳איז געווען דער חוב פון אונדזער ליטעראַטור אָט־דעם משפּט אָנצוהויבן. אָבער — דאָס דאַרף זיין אַ משפּט־צדק. איז ווי־זשע קאָן זיין אַ רייד וועגן צדק, אויב מען שטעלט אַוועק אויף איין פלאַך — תלינים און קרבנות, רוצחים און רעטער?! ווי קאָן זיין אַ רייד וועגן צדק, אויב מען פאַרגעסט, אַז יעדער לעבן־געבליבענער ייד אין אייראָפּע האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן אַ ניט־ייד, און אַז דער גורל פון אונדזער פאָלק האָט זיך פאַרחתמעט ביי סטאַלינגראַד און על־אַלאַמין, ס׳הייסט, אַדאַנק די קרבנות פון די אַליאירטע מלוכות און אין דער ערשטער ריי, פון ראַטנפאַרבאַנד?!

אָבער נישט בלויז אומהיסטאָרישקייט וואַרפן מיר פאָר, נאָר אויך בפירושע אַנטי־היסטאָרישקייט, אין זין פון פאַרלייקענען די גרונט־טראַדיציעס פון דער יידישער קולטור.

ווארום, וואָס באַטייט עס, אַשטייגער, אָט־דער קאַמף, וואָס איז דערקלערט געוואָרן אַלע „איזמען״? איז עס ניט קיין פּרוּוו אויסצולייקענען די יידישע ליטעראַטור פון יעדן געזעלשאַפטלעכן אָנלאָד און דעם יידישן שרייבער — פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אַחריות? אַזאַ פּרוּוו שטייט אָבער אין בפירושער סתירה צום היסטאָרישן כאַראַקטער פון יידישן גייסטיקן שאַפן. ס׳איז קוים פאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור נאָך אַ צווייט

ווערק, וואָס זאָל זיין אַזוי געזעלשאַפטלעך־אָנגעגליט — ווי דער תנ״ך. פון די עלטסטע תקופות און ביז אונדזערע טעג איז יידישע קולטור געווען און איז געבליבן קודם כל — עבודה, שליחות־ציבור. די ערשטע און פּלאַמיקסטע אויסדריקער פון „איזמען״ אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען געווען — די נביאים. פון זיי, דורך כמעט אַלע גרויסע יידישע גייסט־מענטשן, פון אַלע צייטן, ביז מענדעלען, ביז פּרצן, ביז די ייִנגסטע פון אונדזערע יונגע — ציט זיך איין און דער זעלבער דרך המלך.

און איצט קום איך צום לעצטן פון די מאָטיוון, וואָס כ׳האָב פריער אויסגערעכנט און וואָס איז דער אַממערסטן פאַרשפּרייטער — דער יאוש־מאָטיוו.

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן דעם ענין גענומען זייער לייכט, צו־לייכט. יאוש, אונטערגאַנג?! דאָס גייט אונטער דער סאָציאַלער קלאַס, וועמענס אויסדריקער עס איז דער מחבר, בלויז זיין אייגענע, אָפּשטאַרבנדיקע וועלט גייט אונטער. שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט — ס׳איז ווייט ניט אַזוי פּשוט. דער אויפגאַנג און זיג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס פאַרזיכערט נישט דווקא דעם זיג און דעם דויער פון דער שפּראַך און דער קולטור פון יידישן אַרבעטער.

צו וואָס לייקענען, אָדער זיך קנייפּן די באַקן, כדי די פאַרב זאָל שטיין? דער יידישער שרייבער, אין אונדזערע טעג, קאָן נישט האָבן קיין לייכט געמיט. ווער עס מאַכט אַן אָנשטעל פון האָפערדיקייט, איז אָדער ניט אויפריכטיק, אָדער ניט ערנסט. אונדזערע פאָרגייער, די פריערדיקע דורות יידישע שרייבער, האָבן אין דעם פּרט געהאַט מער מזל פאַר אונדז. ווען זיי זיינען אַליין געווען יונג, האָט אַרום זיי אַרומגעברויזט דער יונגער דור זייערער און ווען זיי זיינען געוואָרן אַלט, האָט אַרויפגעקוקט צו זיי אַ נייער יונגער דור. מיר, היינטצייטיקע יידישע שרייבער — לכל הדעות, אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע — זיינען פאַרמשפּט צו בלייבן אייביק יונג, שטענדיק יונגע שרייבער, ביזן גרויען צאָפּ, ביזן לעצטן אָטעם. דאָס איז, אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס קאָן זיך אויסווייזן, ווייט־ווייט ניט קיין ברכה.

דער יידישער שרייבער שטייט פאַר אַ קנויל טראַגיש־פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען. אָבער יאוש הייסט — אונטערגעבן זיך דער טראַגיק, ווערן דורך איר דערדריקט און ענדגילטיק צעבראָכן. טראַגיק מוז מען גובר זיין — דורך אויפהויבן זיך איבער איר.

גלויב איך, אַז די איינציקע אין דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס איז מסוגל צו זוכן — און צו געפינען — דעם וועג אויף אויפצוהויבן זיך איבער דער טראַגיק פון אונדזערע טעג — איז די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור. און פון דעם, וואָס מיר וואַרפן פאָר, דרינגט נאַטירלעך אַרויס דאָס, וואָס מיר שטעלן אַנטקעגן! דאָס איז קודם כל דער טיפער מהות פון אונדזער היסטאָרישקייט, וואָס זוכט דעם אָרגאַנישן בונד צווישן נעכטן און היינט און דורך אים — די פּערספּעקטיוון צום מאָרגן.

שוין יאָרן און יאָרצענדליקער, ווי מען האָלט אין איין זאָגן „רבנן־קדיש" נאָך יידיש, ווער מיט ווייטאָג, ווער מיט פרייד. דאָס ווייזט און נאָך מער דאָס פרייען זיך, איז נישט בלויז פריצייטיק, נאָר אומזיניק. אונדזער מאַמע־לשון, הגם אַ פאַרמינערטער, האָט נאָך ס'לעצטע וואָרט נישט געזאָגט — ניט אין אייראָפּע, און באַזונדערס אין ראַטנפאַרבאַנד, ניט אין די אַמעריקעס און ווייט־ווייט ניט אין ישראל. אָבער נישט בלויז וועגן געאָגראַפישע ברייטן גייט עס. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער איבערוועטונג־פּראָצעס. דאָס וואָס די שפּראַך האָט פאַרלוירן אין כמות, הייבט זי אָן צו געווינען אין איכות, אין אָנזען, אין פאַרשטענדעניש פאַר איר פלאַץ אין אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור. זיכער זיינען די ווערטן נישט קיין גלייכווערטיקע, אָבער פאַר יעדן, וואָס האָט דעם מינדסטן חוש פאַר היסטאָרישקייט, איז קלאָר, אַז די שיף־יידיש איז בשום אופן ניט קיין אונטערגייענדיקע שיף, מחמת נישט אויף וואַסערן שווימט זי, נאָר אויף בלוט־און־טרערן פון פאָלק. דעריבער איז זי אומשטערבלעך, מיט דער אומשטערבלעכקייט פון פאָלק. אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן פון עכטער יידישער גייסטיקייט אויפן שיף־יידיש, אויב נאָר ס'איז באַהויכט מיטן רוח־החיים און ציט זיך צום מאָרגן, ווי אַ פלאַנץ, וואָס ציט זיך צו דער זון — איז אייביק — מיט דער אייביקייט פון פאָלק.

און דעריבער איז „צעברעכן די פעדער" ניט מער ווי שטימונג, וואָס קאָן זיין בלויז פאַרבייגייענדיק. אַן עכטער שרייבער קאָן בכלל ניט צעברעכן זיין פעדער. סיידן ער פאַרטראָגט ניט מער דאָס לעבן, ווייל ס'ווערט פאַר אים נישט־אָנגעמבאָר סיי דער היינט און מער נאָך, דער מאָרגן. מיר האָבן אמונה אין מאָרגן.

אַוודאי, דאָס געזאַנג פון יידישן שרייבער איז היינט אַ געזאַנג אין דעמערונג, אין בין־השמשות, זיכער זינגט זיך לייכטער ביי בלענדיקער זון. אָבער יעדע צייט און יעדעס ליכט האָט זיין שיינקייט און דאָרט, וואו פאַר אַנדערע איז בלויז שרעק פון נאַכט, זעען מיר שוין דעם שפּראָץ פון באַגינען.

דער טיף־היסטאָרישער מהות פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור ברענגט מיט זיך איר אינערלעכע גאַנצקייט. דער אַזוי־גערופענער שפּראַכן־קאָנפליקט, למשל, איז פאַר אונדז בכלל קיין קאָנפליקט נישט.

פאַר אַ יידישן שרייבער איז יידיש און יידישע ליטעראַטור דער זין פון זיין לעבן. וואָלט אַנדערש געווען — וואָלט ער נישט ווערט געווען דעם נאָמען: יידישער שרייבער. אַ יידישער קולטור־טוער איז אַן אומבויגזאַמער קעמפער פאַרן כבוד און רעכט פון יידיש אין גאָר דער וועלט. דאָס אויך קאָן אַנדערש ניט זיין. אָבער יידישע פּראָגרעסיווע שרייבער און פּראָגרעסיווע קולטור־טוער פאַרגעסן ניט דערביי, אַז במשך פון אונדזער דריי־טויזנט־יאָריקער קולטור זיינען מיר כמעט תמיד געווען — פילשפּראַכיק. איז דעריבער העברעאיש, אונדזער אַלטע היסטאָרישע שפּראַך, די שפּראַך פון דער יונגער מדינת ישראל, אונדז אייגן און טייער. און מיר לאָזן ניט

אַרויס פון זכרון אויך נאָך עפּעס: אַז פילון פון אַלעקסאַנדריע האָט געשריבן אויף גריכיש, און דער רמב"ם, זיין „מורה נבוכים" — אויף אַראַביש, און גרעץ זיין יידישע געשיכטע — אויף דייטש. און מיר געדענקען אויך, אַז די אומגאַנג־שפּראַך פון רש"י איז געווען פראַנצויזיש און די מוטער־שפּראַך פון עמנואל הרומי — איטאַליעניש.

דאָס דערלויבט אונדז, אַגב, אין אונדזער קאַמף קעגן אַסימילאַציע צו זען, אויף אַ מער־ווירקזאַמען אופן, די געפאַרן אין זייער פאַרשיידנקייט; צו אונטערשיידן, למשל, די אַסימילאַטאָרישקייט אַלס אידעאָלאָגיע — אונדזער הויפּט־שונא — פון אַט־דעם סטיכישן און אין תוך איבערפלעכלעכן שפּראַך־אָפּפרעמדונג־פּראָצעס, וואָס איז אָן אַ ערך מער אינטעלעקטועלע פאַרערמונג און מאָראַלישע פאַרפלאַכונג, ווי פאַרלוסט פון נאַציאָנאַלער סובסטאַנץ.

די אינערלעכע גאַנצקייט פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור לייזט אויף נישט בלויז דעם שפּראַכן־קאָנפליקט, נאָר אויך דעם אַזוי־גערופענעם תקופות־קאָנפליקט.

פאַר אַ געוויסן קעמפנדיקן יידישיזם איז די מזרח־אייראָפּעאישע, שטעטלשע תקופה פון אונדזער קולטור שיער־ניט דאָס העכסטע, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן, נאָכן תנ"ך און תלמוד. פאַרן עקסטרעם־קעמפנדיקן העברעאיזם, מיט בן־גוריון בראש, איז נאָך דער תנ"ך־תקופה בכלל נישט פאַראַן מער קיין יידישע קולטור. ביידע פאַרקריפלען, אויף אַ ווילקירלעכן אופן, דעם היסטאָרישן אמת און די דאָזיקע פאַרקריפלונג האָט שוין געבראַכט באַזונדערס טרויעריקע רעזולטאַטן אין מדינת ישראל, וואו די יוגנט איז באַדראָט פון היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן ניהיליזם, פון קולטורלאָזיקייט און סאַמע פלאַכסטן לעוואַנטיניזם.

מיר, פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, נעמען־אויף די יידישע קולטור אין איר פולקייט און היסטאָרישער קאָנטינואיטעט. פון דער אומגעהויער רייכער, פילדורותדיקער ירושה פון אונדזער גייסטיקייט נעמען מיר אָבער בלויז דאָס, וואָס איז, אין יעדער תקופה, געווען געווענדט — צום מאָרגן.

מען רעדט לעצטנס וועגן א. ג. אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס דאַרף אַריינגעמען אין זיך אַלץ, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן במשך פון זיין געשיכטע — רעליגיע און וועלטלעכקייט, אַ קאַפּיטל תהילים און אַ שטיקל שלום־עליכם, קלויז און קאָנצערט־זאַל. אָבער אַזאַ מין אינטעגראַלע יידישקייט איז ניט מער ווי מוזעאַלע־יידישקייט, ווי אויסגעטראַכטע, טויטע יידישקייט, מחמת לעבן הייסט טאָט און טאָט הייסט — אויס־**וואַל**.

אונדזער אויסוואַל איז — דאָס אַלץ, וואָס האָט אונדזער פאָלק גע־פירט אַלץ ווייטער און אַלץ העכער אויף זיין געשיכטלעכן וועג פון מענטשלעכער דערהויבונג, פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערלייזונג.

אַזוי־אַרום דערשיינט דער טיף־נאַציאָנאַלער תוכן, וואָס איז, צוגלייך מיט היסטאָרישקייט און אינערלעכער גאַנצקייט, איינער פון די כאַראַקטער־

שטריכן פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור. נאַציאָנאַל, אין קול־טור — כ'רייד נישט וועגן די אויסערלעכע פּעדערן אין וועלכע מען פּוצט זיך — איז בלויז דאָס, וואָס הייבט דעם גייסטיקן לעבנס־ניוואָ פון פאָלק, וואָס פאַרפאַנצערט אים מיט גאַנצקייט און לויטערן גלויבן, וואָס באַ־לייכט אים זיין היסטאָרישן וועג צו כסדרדיקן אייגענעם באַרג־אַרויף און צו אַ וועלט פון פרייהייט און גליק, פון מענטשן־פריינטשאַפט און פעל־קער־פריינטשאַפט. אַזאַ וועג איז, נאַטירלעך, נישט אויף צוריק — היס־טאָרישער אומזין — נאָר בלויז און איינציק, אויף פאָראויס.

און דעריבער איז עכט נאַציאָנאַל, למשל, נישט דער רוף צוריק אין געטאָ און נישט דער פּרימיטיווער אַנטי־גויאיזם, נאָר דער געזאַנג פון איציק פעפער: „איך בין אַ ייד און דער רוס איז מיין ברודער". און צו דעם וועלן מיר צוגעבן: און דער פראַנצויז איז מיין ברודער און דער אַמע־ריקאַנער איז מיין ברודער, און דער נעגער איז מיין ברודער און דער אַראַבער איז מיין ברודער.

איך לייקן נישט — דאָס פּראָבלעם ייד־און־וועלט איז נאָך ווייט פון זיין געלייזט — אין ערגעץ נישט. אָבער אָט־די לייזונג דאַרפן מיר זוכן מיט היסטאָרישן אָפּטימיזם און מיט גלויבן — סיי אין ייד, ס'הייסט, אין די יידישע פאָלקס־מאַסן פון גאָר דער ערד, סיי — אין וועלט. דאָס טיף־נאַציאָנאַלע געהערט אַזוי־אַרום צום מהות גופא פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, פּונקט ווי דאָס אַלמענטשלעך־פּאַרגעשריטענע. אָן דעם גורלדיקן צוזאַמענבונד מיט פאָלק, אָן אחריות פאַר זיין המשך און מאָרגן, אָן ליבע צום יידישן פאָלק־מענטש פון גאָר דער וועלט — איז פּראָ־גרעסיווע יידישקייט פאַרשטענדלעך אויסגעלידיקט פון יעדן לעבעדיקן אינהאַלט.

איז וואָס־זשע — דער אויספיר?

אונדזער צייט איז אַ גרויסע און טראַגישע. ס'ענדערט זיך שטורעמ־דיק די מענטשלעכע געשיכטע און ס'ענדערט זיך שטורעמדיק אויך די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. מיר זיינען דירעקטע עדות פון די געשע־ענישן, מיר שטייען צו־נאָענט פון זיי, דעריבער זעען מיר מערער דעם פּרט, ווי דעם כלל; מערער דעם פּונקט ווי די אַנטוויקלונג־ליניע. ס'איז אַן איבערגאַנג־תקופה, מיט אַלע אירע ספקות, ליידן און אומזיכערקייטן.

מיר ווייסן נישט — און קאָנען נישט וויסן מיט מאַטעמאַטישער זיכערקייט — ווי אַזוי, גענוי, ס'וועט זיך געשטאַלטיקן דאָס יידישע לעבן אין הונדערט יאָר אַרום, וואו ס'וועלן זיך געפינען די הויפּט־צענטערן פון יידישער גייסטיקייט, אין וועלכע פאָרמען און אין וועלכע שפּראַכן אונדזער קולטור וועט פאָראויסגיין אין איר געשיכטלעכן גאַנג. אָבער מיר ווייסן, מיר זיינען זיכער, אַז די וועלט — אויב ס'וועט נאָר ניט זיין קיין אַטאָמישער זעלבסטמאָרד — גייט, ניט געקוקט אויף אַלע בלוטיקע זיגזאַגן, צו אַ מאָרגן פון שלום, פון מענטשלעכער דערהויבנקייט, פון

יושר און פון צדק און אַז אויך אונדזער פֿאָלק גייט צו אַזאַ ליכטיקן מאָרגן.

סוף כל סוף, אין דער גאָלדענער קייט פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור שמידט יעדער דור אַריין בלויז איין רינגעלע. אַ פראַנצויזישער שפּריכוואָרט זאָגט: „ס'איז אפילו ניט נויטיק קיין האָפענונג, כדי צו האָבן אויסדויער". מיר האָבן ניט בלויז האָפענונג, מיר פֿאַרמאָגן פיל מער — אמונה.

דער שמידער — דאָס איז דער שרייבער, דער קינסטלער, דער דענקער, אָבער די קוואַליטעט פונעם אויסגעשמידטן מעטאַל איז אָפּהענגיק אויך פון דער טעמפּעראַטור פון דער תקופה און אָט־די טעמפּעראַטור שאַפט — דאָס פֿאָלק.

לאָמיר־זשע דעריבער געמיינזאַם — יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער און יידישע פֿאָלקס־מענטשן — מיט געמיינזאַמער אחריות מיט געמיינזאַמען גלויבן און מיט געמיינזאַמער עקשנות — שמידן וואָס־לויטערער, וואָס־ווערטפולער, וואָס־לויכטנדיקער, דאָס רינגעלע פון אונדזער דור אין דער לאַנגער, טויזנט־יאָריקער קייט פון דער יידישער קולטור.

1963

קולטור און היסטאָרישער זכרון

צווישן די גרונט־לייגער פון אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור איז פּרץ געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעצייכנט די וויזיע פון היסטאָרישער דינאַמיק. „יידישקייט", האָט ער געררופן, „טאָר ניט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, אין דער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט: איבעראַל, אויף דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט ניט אויסגעמעקט".

מיט אָט דער וויזיע רופט פּרץ זיך איבער דירעקט מיט אונדזער היינטצייטיקייט, מען וואָלט געקאָנט זאָגן: כמעט מיט אונדזער טאָג־טעג־לעכקייט, סיי אין זין פון פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן, סיי בכלל אין זין פון מאָדערנעם געדאַנק.

אין מערב־אייראָפּע, ווי אויך אין אַמעריקע ווערט איצט אָפּגעפרעגט דער פּרינציפּ גופא פון געשיכטלעכקייט, ס'ווערט אָפּגעלייקנט די מעגלעכ־קייט גופא פון געשיכטלעכן דענקען, פון דעפינירן וועלכע ניט איז כלל־לים פון געשיכטלעכער געזעץ־מעסיקייט. פאַר דעם אַזוי גערופענעם „סטרוקטוראַליזם", אַ פילאָסאָפישע שיטה וואָס איז לעצטנס אויפגעקומען און וואָס געווינט אַלץ מער אין איינפלוס, איז געשיכטע בכלל — בלויז צופאַל.

ס'איז קוים פאַראַן אַ געפאַר, אַז אויך די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער פילאָסאָפישער געדאַנק זאָלן נעמען לייקענען אין געשיכטע. דאָס וואָלט געהייסן לייקענען אין אונדז גופא, מחמת געשיכטע איז דאָס לעבנס־חיות ממש פון אונדזער פאָלק. דערפאַר אָבער לאָזט זיך מערקן ביי אונדז אַ דערשיינונג אַן אַנדערע: פון פאַרגעסן, אָדער פון כלומרשטן פאַרגעסן געשיכטע, פון בכיוונדיקן איגנאָרירן געשיכטע. דאָס איז, דאַכט זיך, אַן איינציקאַרטיקע דערשיינונג פון דעם מין.

פּרץ, ווידער דער ערשטער, האָט אונטערגעשטראָכן די סתירה צווישן „וועלט־פאָלק און אייביק פאָלק און — אַ מאָמענט־אויפנאַם ליטעראַטור", צווישן „אַ וואַנדער־פאָלק און אַ ליטעראַטור ווי אַ שטייענדיק וואַסער". דאָס איז די אויסטערלישע סתירה צווישן אויסמעסט פון אונדזער גע־שיכטע און דעם אויסמעסט פון אונדזער מאָדערנער קולטור. אין דער דאָזיקער סתירה ליגט איינגנטלעך דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון היסטאָרישן זכרון.

ס'איז דאָך אַ פאַקט ניט אָפּצופרעגן: אונדזער מאָדערנע יידישע קולטור איז אויפגעקומען אין קאַמף קעגן היסטאָרישקייט.

דער יידישער אַרבעט־מענטש, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין פֿאָדערגרונט פֿון אונדזער מאָדערנער געשיכטע, האָט, ווי יעדער יונגער געזעלשאַפֿטלעכער קלאַס, געבראַכט מיט זיך די גרויסע און געזונטע היסטאָריש־דיאַלעקטישע נעגאַציע צו אַלע גרונט־ווערטן, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן ביז אים. אין פֿיל הינזיכטן אָבער איז די דאָזיקע נעגאַציע געווען אַ סך אַ טיפֿערע, ווי ביי די אומות העולם.

דווקא ווייל אין אַלטער יידישקייט האָבן די באַגריפֿן פֿון אייביקייט און דויער זיך אידענטיפֿיצירט, אין אַ גרויסער מאָס, מיט אומבאַוועגלעכקייט, דווקא דערפֿאַר האָט דער נייער אויפֿקומענדיקער קלאַס — און אויפֿקומען האָט, נאַטירלעך, באַטייט שטורעם־און דראַנג — פֿאַרלייקנט, צוגלייך מיט דער אומבאַוועגלעכקייט אַליין, אויך אייביקייט און אַפֿילו דויער. דווקא ווייל געשיכטע האָט באַטייט גליוועך, איז צוגלייך מיטן גליוועך, פֿאַרמשפּט געוואָרן — שיר־ניט די געשיכטע גופֿא.

דער ריס צווישן אַלטן און נייעם האָט זיך פֿאַרטיפֿט און אויסגעברייטערט דורך אַ פֿאַקטאָר אַ ספּעציפֿישן, אַ כּמעט אומבאַקאַנטן ביי די אומות העולם — דורך היסטאָרישער נעגאַציע פֿון שפּראַך. די אָפּגייענדיקע און אויפֿקומענדיקע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות האָבן ניט גערעדט, בפֿועל ממש, אויף דער זעלבער שפּראַך, ס׳הייסט — אויף דער זעלבער קולטור־שפּראַך.

יעדן פֿון אונדז איז באַקאַנט דאָס אַנגעווייטיקטע פּראָבלעם פֿון שפּראַך־ריס צווישן דורות. ניט האָבן קיין געמיינזאַמע שפּראַך באַטייט, אין גאָר דער וועלט, די אוממעגלעכקייט צו פֿאַרשטיין זיך, צו דערנענטערן זיך קעגנזייטיק. איינער פֿון די צאָלרייכע פּאַראַדאָקסן פֿון אונדזער געשיכטע האָט געוואָלט, אַז שפּראַך־ריס זאָל זיין ביי אונדז ניט בלויז אַן ענין פֿון דורות־קאָנפֿליקטן, נאָר כּמעט אַ סימן מובהק פֿון קלאַסן־צעטיילונג. אין פּראָצעס פֿון מאָדערניזירונג און פֿאַרוועלטלעכונג פֿון יידישן לעבן, במשך פֿון לעצטן יאָרהונדערט, איז שפּראַכן־קאַמף דערשינען ווי איינער פֿון די אַספּעקטן פֿון קלאַסן־קאַמף.

אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, אין 1908, האָבן די אָנגעזעענסטע פֿאָרשטייער פֿון דער יונגער יידיש־וועלטלעכער קולטור, מיט פּרצן און זשיטלאָווסקין בראש, געפֿירט לאַנגע און הייסע וויכּוחים איבער דער פֿראַגע, צי יידיש קאָן באַטראַכט ווערן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון יידישן פֿאָלק, אָדער בלויז ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, צוגלייך מיט העברעאיש. די רעזאָלוציע פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

פֿאַר די שרייבער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וואָס האָבן אין דער קאָנפֿערענץ אָנטיילגענומען, האָט די פֿראַגע אויסגעזען צו זיין אַ ברענענדיקע און היסטאָריש ערשט־ראַנגיקע. פּרץ, הגם ער האָט געשטימט פֿאַר דער טשערנאָוויץ־רעזאָלוציע, איז פֿון איר געבליבן נישט אינגאַנצן צופֿרידן. לויט אים האָט געדאַרפֿט זיין נישט די און אַפֿילו נישט אַ... יידיש

האָט ער באַטראַכט בלויז ווי אַ פאָלקס־שפּראַך, אין וועלכער עס האָבן נאָך געדאַרפט אַריבערטראָגן ווערן, קודם־כל, די קולטור־אוצרות פון העברע־איש.

די אַלע שטורעמדיקע וויכוחים האָבן דעם יידישן פאָלקס־מענטש געלאָזט קאַלט ווי אייז. פאַר אים איז די פראַגע בכלל קיין פראַגע ניט געווען. זיין שפּראַך איז געווען יידיש און בלויז יידיש. און אַזוי ווי ער, דער יידישער אַרבעט־מענטש, האָט איבערגענומען אין זיינע הענט דעם היסטאָרישן גורל פון פאָלק, איז במילא די לעבעדיקע שפּראַך פון זיין מויל, יידיש, געווען די שפּראַך פון זיין פאָלק, ס'הייסט, זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך.

העברעאיש האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש ניט געקענט, ניט גע־וואָלט קענען און בפירוש נישט אָנערקענט. דאָס איז געווען פאַר אים אַ פרעמדע שפּראַך, מער נאָך, — אַ פיינטלעכע, די שפּראַך פון למדן און כלי־קודש, הינטער וועלכע ס'איז געשטאַנען דער גביר. דאָס איז געווען די שפּראַך פון אַלע צוימען, פון אַלע דאַמבעס, פון אַלע קייטן אין פאַליש, וואָס האָבן אים געהאַלטן געשמידט אין משך פון דורות. פון די העברע־אישע קולטור־אוצרות איז ער ניט געווען שטאַרק נתפעל. זיין השגה וועגן זיי איז אַגב געווען אַ גאַנץ שוואַכע. געוואוסט האָט ער אָבער אויף זיכער, אַז זיי געהערן צום עבר און געוואוסט האָט ער פונקט אַזוי זיכער, אַז ער גופא געהערט צו דער צוקונפט.

די מלחמה יידיש־העברעאיש איז געקומען ניט פון אויבן — אין אונדזער היינטיקן פאָליטישן זשאַרגאָן, וואָלט מען געזאָגט, ניט פון די שפּיצן — נאָר פון אונטן, פון דער באַזע. מענדעלע האָט אויסגעהאַמערט אונדזער מאָדערנעם פּראָזע־נוסח סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש. זיינע לייענער אָבער האָבן אים געלייענט אָדער אין יידיש אָדער אין העברע־איש. זיי זיינען געווען לייענער־אַנטאַגאָניסטן.

דער שפּראַכן־קאַמף יידיש־העברעאיש איז דערשינען ווי אַ היסטאָריש אומפאַרמיידלעכער. דער רעוואָלט פון דער שפחה, וואָס האָט דורות לאַנג געליטן און געשוויגן, קעגן דער מיוחסדיקער אָבער בייזער האַרנטע, איז געווען אַ מין אייגנאַרטיקער בירגער־קריג פון אונדזער קולטור־רענע־סאַנס.

ווי אַלע ברידער־מלחמות איז אויך אונדזער ברידער־מלחמה געווען אַ האַרטנעקיק־פאַרביסענע און בלוטיקע, מיט אַ קעגנזייטיקן ווילן פון להשמיד ולהרוג. פון די שלאַכטן זיינען ביידע צדדים אַרויס צעוואונ־דיקטע. דער העברעאיש־צד האָט זיך אָפּגעשלאָסן פון דעם לעבעדיקן, מעכטיקן אָטעם פון היינטצייטיקייט .דער יידיש־צד האָט זיך אויסגעע־וואָרצלט פון דעם עבר.

דער יחוס־בריוו פון מאָדערנער קולטור־יידישקייט האָט זיך אָנגעע־הויבן לייענען אַזוי : בראשית איז געווען מענדעלע, ערב־בראשית (אָבער להבדיל) — די השכלה־ליטעראַטור און גאָר ווייט, ערב־ערב — אליהו בחור איינער אַליין. און איינער, כידוע, איז קיינער.

***

אויף אָט דעם וועג פון אַנטי־היסטאָרישקייט איז אַוועק, נאָך באַדייטנ־דיק ווייטער, די סאָוועטיש־יידישע קולטור, אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך אָקטאָבער.

פאַרוואָס עפּעס זאָל דער בראשית זיין דווקא מענדעלע? וואו הייבט זיך אָן און וואו ענדיקט זיך די קולטור־ירושה? וועמען און וואָס פון דער יידישער ליטעראַטור דאַרף דאָס סאָוועטישע יידנטום ירשענען און צו־אייגענען?

די מיליאָנען יידן פון דער אַמאָליקער צאַרישער אימפּעריע האָבן, נאָך אַלע גרויזאַמקייטן פון די פּאָגראָמען און דעם בירגער־קריג, דערלעבט אַ וואונדערלעכן זמן־חרותנו. אַלע קייטן זיינען געוואָרן צעבראָכן, אַלע טיר־און־טויער האָבן ברייט זיך צעעפנט, ס׳איז אויפגעקומען אַ יידישער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט, אַ יידיש פּויערטום, אַ יידיש מלוכה־באַ־אַמנטשאַפט.

מיט שטאָלץ האָבן געחזרט די פירער פון סאָוועטישן יידנטום: „דאָס יידישע פאָלק [אין ראַטנפאַרבאַנד] האָט אָנגעהויבן ניט נאָר איבערגעבויט ווערן — ס׳האָט אָנגעהויבן אויפגעבויט ווערן אויפסניי". דער שטאָלץ איז געווען אַ באַרעכטיקטער.

מיט וואָס פאַר אַ גייסטיקע שפּייז האָט אָבער געדאַרפט דערנערט ווערן דאָס ניי־אויפגעבויטע סאָוועטיש־יידיש פאָלק? פון וועלכע קוואַלן האָט עס געדאַרפט שעפּן זיין קולטור־יניקה?

זייער שנעל האָט זיך אַרויסגעוויזן: אין די נייע באַדינגונגען פון ראַטנפאַרבאַנד און פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָט די יונגע סאָ־וועטיש־יידישע ליטעראַטור כמעט גאָרניט געפונען וואָס צו ירשענען ביי אירע פאָרגייער, נישט ביי דער יידישער קלאַסיק און געוויס ניט ביי די נאָך־קלאַסיקער.

אַ טעאָריע איז אויפגעבויט געוואָרן אַזאַ: די גאַנצע יידישע פאַר־אָקטאָבער־ליטעראַטור האָט טאַקע פּאַקטיש געהאַט איין און איינציקן אָפּ־נעמער — דעם אַרבעטער, דעם פאָלקס־מענטש. זי האָט אָבער מיט זיינע ליידן־און־פריידן, מיט זיין קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן כמעט ווי זיך ניט פאַרנומען. געשאַפן געוואָרן איז זי, די ליטעראַטור, דורך דער קליינ־בירגערלעכער יידישער אינטעליגענץ און איז בעצם געבליבן אַ קליינ־בירגערלעכע. איר גייסטיקער האָריזאָנט איז געווען ברייט ווי אַ שפּאַן, און איר אינטערעסן־קרייז האָט זיך באַוועגט בעיקר אַרום דער סימבאָ־לישער דריי־אייניקייט: קיך, קראָם און בית מדרש. אַזוי בפירוש האָט געשריבן משה ליטוואַקאָוו. במילא האָט די יידישע ליטעראַטור אָפּגע־שפּיגלט בלויז די באַוועגונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע: די השכלה — פון די העכערע בורזשואַזע שיכטן און די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען — פונעם קליינבירגערטום.

וואָס־זשע איז ווערט געווען, מ׳שטיינס געזאָגט, אַזאַ מין ירושה, און

וואָס האָט זיך געלוינט פון איר צו ירשנען?! העכסטנס, בלויז פּאַרמעלע מייסטערשאַפט. גיין אויף דער לער צו די קלאַסיקער, פּראַווען יאָרצייטן, יובילייאומס — אַדרבא. אָבער פּונעם תוך — אָפּגרענעצן זיך.

מענדעלעס בראשית־קרוין איז אַזוי אַרום געוואָרן אַראָפּגעריסן, ווי אַלע אַנדערע קרוינען פון אַמאָליקן רוסלאַנד. דער אמתער, דער איינציקער, דער אַבסאָלוטער בראשית איז געוואָרן — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין איר האָט געגעסטיקט דער לעבנס־פּרינציפּ, דער אור־קוואַל פון סאָוועטיש־יידישן פאָלק, פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור, פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. אויף יענער זייט אורקוואַל, אין ערב־אָקטאָבער, האָט זיך געשפּרייט בלויז תוהו ובוהו, אָפּגרונט, פינצטערניש און נאַכט.

געוויס, ס׳וואָלט געווען אומיושרדיק צו פאַרגעסן, אַז ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ דערשיינונג אַן אַלגעמיינער. די לופט פון דער רעוואָלוציע איז געווען אַ גליענדיקע און אַלץ־פאַרצערנדיקע. אויך די רוסישע ליטעראַטור איז נישט פיל בעסער באַהאַנדלט געוואָרן. דאָס מאַכט אָבער לחלוטין ניט קלענער די פאַרקריפּלונג.

זאָגן אַשטייגער, אַז די ביז־אָקטאָבערדיקע יידישע ליטעראַטור איז געווען בעצם אַ קליינבירגערלעכע, אַז זי, וואָס האָט שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט פּרצן און די אַמעריקאַנער פּראָלעטאַרישע דיכטונג און אברהם רייזענען און וויסנבערגן און פיל אַנדערע — זאָגן, אַז זי האָט אָפּגעשפּיגלט די באַוועגונגען בלויז פון דער יידישער בורזשואַזיע און אַז איר גייסטיקער האָריזאָנט איז געווען באַגרענעצט צו דער קיך, דער קראָם און דעם בית מדרש — דאָס איז געווען אַזאַ ווילדער אומזין, אַז ער האָט זיך געקאָנט לייגן אויפן שכל בלויז פון פולשטענדיקע עם־הארצים. און דווקא, וואָס ווי וואָס, אָבער קיין עם־הארצים זיינען די פירנדיקע טוער אין ראַטנפאַרבאַנד ווייט ניט געווען.

סוף־כל־סוף אָבער, אומפאַרגלייכלעך וויכטיקער ווי אַלע ווערטער און ווי אַלע טעאָריעס — מען האָט אַגב שפּעטער „רעהאַביליטירט״ דעם פּראָלעטאַרישן שטראָם אין דער יידישער פאַר־אָקטאָבערישער ליטעראַטור — וויכטיקער ווי די טעאָריעס זיינען געווען די מעשים.

עס וועט האָפנטלעך נאָך קומען די צייט, ווען אַן ערנסטער יידישער היסטאָריקער וועט זיך נעמען אויספאָרשן אָט די אויסערגעוויינלעכע, אין פולן זין פון וואָרט אויסערגעוויינלעכע, תקופה אין דער געשיכטע פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום.

צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע, אַפילו ניט אין די בעסטע צייטן פון די ספרדישע ישובים, אין דער אַזוי גערופענער גאָלדענער שפּאַנישער תקופה, האָבן יידן באַקומען אַבסאָלוט פולע גלייכבאַרעכטיקונג. נישט בלויז ווי בירגער־יחידים זיינען זיי באַפרייט געוואָרן, ווי בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר גלייכצייטיק דווקא ווי יידן, ווי אָנגעהעריקע צו דער פאָלקס־געמיינשאַפט, וואָס הייסט יידיש פאָלק.

צום ערשטן מאָל פאַר קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, האָבן ייִדן באַקומען פולע נאַציאָנאַלע רעכט, איינגעשלאָסן מלוכה־רעכט. צום ערשטן מאָל איז אונדזער ייִדיש, די אַממערסטן געררודפטע און דערנידעריקטע שפּראַך פונעם אַממערסטן געררודפטן און דערנידעריקטן פאָלק, געוואָרן אַ שפּראַך מיט לייטן גלייך און מער נאָך — אַ מלוכה־שפּראַך.

נישט די אַמאָליקע אַזוי־גערופענע „סיימיסטן", נישט די „נאַציאָנאַל־פערסאָנאַל־אויטאָנאָמיסטן" פון פּראָפעסאָר דובנאָווס שניט, נישט די „נאַציאָנאַל־קולטורעל־אויטאָנאָמיסטן" פון „בונד" האָט זיך געקאָנט אַמאָל חלומען אַפילו אַ ייִדיש מלוכה־לעבן פון אַזאַ פאַרנעם, מיט צענדליקער און צענדליקער טויזנטער שילער און סטודענטן אין ייִדישע גרונט־שולן און ייִדישע הויך־שולן, מיט ייִדישע צייטונגען, זשורנאַלן, פאַרלאַגן, וויסנשאַפט־אינסטיטוטן, טעאַטערס, כאָרן, אָרקעסטערס און נאָך און נאָך און נאָך.

דאָס איז כדאי צו דערמאָנען גראָד היינט, ווען די וועלט פייערט דעם 50טן יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דאָס סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־לעבן האָט געשלאָגן מיט אַ שפע, וואָס, לויט איר שוואונג און פאַרנעם, האָט זי בפירוש קיין גלייכן ניט אין אונדזער גאַנצער מאָדערנער געשיכטע. אין אָט־דער אויסערגעוויינ־לעכער שפע איז אָבער געווען אַן אינערלעכע סתירה, אַ טראַגישע סתירה, וואָס האָט אַלץ מער און מער אויסגעטריקנט אירע לעבנס־קוואַלן.

מען האָט געבויט אַ בנין, אַ באמת וואונדערלעכן בנין. די ווענט האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און שענער. קיין פונדאַמענטן אָבער האָט מען נישט געלייגט — קיין פונדאַמענטן פון עבר. אַדרבא, מ׳האָט זיך געפלייסט — און אין דעם גראָד איז באַשטאַנען דאָס נייע — צו בויען דווקא אָן קיין שום פונדאַמענטן. מען האָט געפלאַנצט אַ וואַלד, מיט בוימער איינער פּרעכטיקער פאַרן צווייטן. ווי נאָר אַ בוים אָבער האָט זיך צעבליט, האָט מען תיכף געפלייסט זיך אויסצורייסן זיינע וואָרצלען.

אַ פאָלק, ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם, קאָן זיך אַנטוויקלען און באַנייען. אַ פאָלק אָבער, ווידער ווי יעדער בעל־חי, קאָן נישט פּלוצלונג אַרויסשפּרינגען פון דער אייגענער הויט, טוישן פון היינט אויף מאָרגן זיין גאַנצן אינערלעכן מהות, פאַרווישן אין זיך יעדן שפּור פון אַלע פריער־דיקע דורות. די מאָדערנע גענעטיק־וויסנשאַפט האָט אויפגעדעקט דעם אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון ירושה־פענאָמען. ס׳איז ממש דערשטוינענדיק און וואונדערלעך גלייכצייטיק צו זען, מיט וואָס פאַר אַ שלימות ביאָלאָגישע אייגנשאַפטן ווערן איבערגעגעבן פון דור צו דור. דאָס וואָס איז חל — ביאָלאָגיש — אויפן יחיד, איז חל — היסטאָריש — אויפן פאָלק. מען קאָן פאַרלייקענען דעם אייגענעם שטאַם און פּרוּוון גרעפטן זיך אין אַ פרעמדן שטאַם, מען קאָן זיך אָפּקערן פון אייגענע עלטערן, ווידערשפעניקן אין זיי, אַפילו פאַרשילטן זיי, מען קאָן זיי אָבער ניט אויסמעקן פון זיך.

דאָס איז באַזונדער חל אויף קולטור, וואָס איז דער לאָגל פון טרערן און פרייד פון יעדן דור, דער לעבעדיקער היסטאָרישער זכרון פון יעדן פאָלק.

די סאָוועטיש־יידישע קולטור, ס'הייסט די, וואָס זיינען געשטאַנען ביים רודער פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, האָבן זיך געפּלייסט מיט אַלע כוחות אויסצומעקן דעם היסטאָרישן זכרון פון פאָלק. דאָס איז געווען אַ טראַגישער אומזין, נאָך טראַגישער דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זכרון פון אַזאַ אַלט־היסטאָרישן פאָלק, ווי דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט געשיכטע און וועמענס יעדער אבר ממש בלוטיקט מיט געשיכטע.

קולטור איז אָפּגעריסן געוואָרן פון פאָלק. פאָלק איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון קיום. מען האָט זיך געפּלייסט צו שאַפן אַ נייעם יידישן היסטאָרישן מי־טאָס — אָן אַ נעכטן און אָן אַ מאָרגן — אָנשטאָט דעם אַלטן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרגעסן ווערן. אַ מיטאָס אָבער ווערט געבוירן נישט פון אַ דעקרעט, נאָר פון דורות געשיכטע.

מען דאַרף אונטערשטרייכן: נישט די ליטעראַטור, נישט די קולטור איז דאָ שולדיק געווען, נאָר די ליטעראַטור־פּאָליטיק, די קולטור־פּאָלי־טיק. ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט: אַלדאָס לעבעדיקע, אַלדאָס ווערטפולע און דויערנדיקע, וואָס איז אויפגעקומען אין דער סאָוועטישער יידישער קולטור, איז אויפגעקומען קעגן אָט־דער פּאָליטיק און ווי אַ דורכברוך דורכן אָפיציעל־אַרויפגעצוואונגענעם צוים פון אַנטי־היסטאָרישקייט.

די באַדייטנדיקסטע יידישע שרייבער פון ראַטן־פאַרבאַנד, די אַלע וועלכע האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אין גאָר דער וועלט — בערגעלסאָן, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש, האָפּשטיין, קוויטקאָ, האַלקין און פיל אַנדערע — זיינען במשך פון יאָרן און יאָרצענדליקער אויסגעשטאַנען כלערליי רדיפות צוליב כלערליי מינים „אָפּנויגן". בלויז גרויסע קינסטלערישע פערזענלעכקייטן מיט כאַ־ראַקטער און חוש פאַרן קינסטלערישן אמת, האָבן געקאָנט ביישטיין דעם דרוק. די יעניקע שרייבער, וועלכע זיינען מיט אָט די מעלות נישט געווען באַשאָנקען, אָדער באַשאָנקען אין אַ ניט־גענוגנדיקער מאָס, זיינען צע־ריבן געוואָרן אַלס קינסטלער, ווי גרויס זייער טאַלאַנט איז ניט געווען.

אַנטי־היסטאָרישקייט טראָגט אין זיך די פּלאָג פון פּרוכטלאָזיקייט. קולטור־ניהיליזם — איינער פון די אַספּעקטן פון נאַציאָנאַלן ניהיליזם בכלל — אין זיך נוקם קודם־כל אין די קולטור־שאַפער גופא.

***

דער איינפלוס פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור האָט זיך אויס־געשפּרייט ווייט אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד. דעם דאָזיקן איינפלוס האָט, מיט גאָר באַזונדער ליבשאַפט און פאַרערונג, אויפגענומען דער לינקער יידישער קולטור־סעקטאָר פון גאָר דער וועלט.

לאָמיר זיך מודה זיין: די גרענעצלאָזע פאַרערונג האָט אונדז געמאַכט פּאַסיוו, אומקריטיש, אימיטאַטאָריש.

אויף איין געביט בלויז זיינען מיר געווען אָריגינעל — אויפן געביט פון היסטאָרישקייט. באַדייטנדיק פריער, ווי די סאָוועטיש־יידישע קולטור־וועלט, האָבן מיר צוריקבאַקומען... דעם היסטאָרישן זכרון.

אמת, סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן מערקט זיך, אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד, פריער אין דער רוסישער און באַלד אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ געוויסער אינטערעס צום עבר. דאָס איז אָבער אַ דערשיינונג אַ ספּאָראַדישע, וואָס איז געבליבן אויפן ראַנד פון ליטעראַטור־לעבן. ביי אונדז איז עס געוואָרן אַ צענטראַלע פּראָבלעם וואָס האָט גורם געווען אַ ווייט־גייענדיקע רעוויזיע אין אונדזער צוגאַנג צו געשיכטלעכקייט, און דאָס מיינט, נישט בלויז אין דער אָפּשאַצונג פון נעכטן, נאָר אויך אין דעם אויסבליק אויף מאָרגן.

עס זיינען געקומען די יאָרן פון אויפשטייג פון פאַשיזם. די לופט איז געווען טראַגיש אָנגעלאָדן מיט געשיכטע. אַלץ מער און מער איז קלאָר געוואָרן, אַז מען דערנענטערט זיך צו גרויזאַמע געשעענישן, וואָס אוודאי האָט קיינער ניט געקאָנט פאָראויסזען זייער פאַרנעם, אָבער ווע־מענס זין און אומפאַרמיידלעכקייט איז דערשינען באַשיינפּערלעך. דאָס געפיל פון גורלדיקייט האָט געפירט צו חשבון־הנפש.

דער פּאָרשפּיל פון דער היסטאָרישער טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן אויף די שלאַכט־פעלדער אין שפּאַניע. יידישע בחורים און מיידלעך פון גאָר דער וועלט, און באַזונדערס פיל פון פראַנקרייך, האָבן דורך כלערליי פאַרשפּאַרטע גרענעצן געצויגן אין די רייען פון דער רעפּובליקאַנער אַרמיי.

אין מאַדריד, פון די טראַנשייען ביים אוניווערסיטעט, איז געווען בלויז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צום פּלאַצאַ־מאַיאָר: דאָרט, אַמאָל, האָט מען יידן געבערנט אויף די שייטערן פון אויטאָ־דאַ־פע. אין טאָ־לעדאָ, אַרום באַלאַגערטן אַלקאַזאַר, האָבן זיך געשלענגלט, פּונקט ווי מיט יאָרהונדערטער פריער, די זעלבע שמאָלע, שטיינערנע געסלעך; דאָרט האָבן יידן פּאַרטיידיקט, מיט געווער אין די הענט, זייער לעבן און זייער כבוד. דער היינט האָט, וואָס ווייטער אַלץ מער, זיך באַהעפט מיטן נעכטן.

אויפן פראָנט פון אַראַגאָן איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע קאָמף־איינהייט: די „באָטווין־קאָמפּאַניע". צווישן די שלאַכט־פענער אויף כלערליי לשונות פון די אינטערנאַציאָנאַלע פרייוויליקע־בריגאַדן, האָט זיך באַוויזן אַ פאָן מיטן אַלטן קוואַדראַט־שריפט פון רעכטס אויף לינקס — אויף יידיש. אין פּנים פון טויט, אָפּט אַרומגערינגלטע פון שונא, אויף נאַקעטע שטיינערנע בערג, האָט ביי יידישע שלאַכטלייט אויפגעטויכט דער זכרון פון גרויסע אָבות און פון אומפאַרגלייכלעכן קאַמף־יחוס. אין די אָדערן האָבן זיי דערפילט דאָס בלוט פון די מאַקאַבייער. דאָס האָט אָנגעפילט מיט שטאָלץ און דערהויבן דעם מוט. דאָס האָט געשטאַרקט דעם גייסט

אין שווערע רגעס. דער היסטאָרישער זכרון איז געוואָרן אַ כלי־זיין, פּונקט ווי די ביקס, ווי דער גראַנאַט — אויב ניט נאָך העכער...

אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז האָט געזאָלט קומען אַ דעלעגאַציע פון די יידישע פּרייוויליקע פון שפּאַניע. די מיליטערישע לאַגע איז אָבער געווען שוין אַ שווערע. די פּרייוויליקע האָבן געמוזט זיך באַגנוגענען מיט צושיקן זייער צייטונג, אַ העקטאָגראַפירטע אָרעמע יידישע פראָנט־צייטונג, וואָס האָט געהייסן „דער יידישער פרייהייט־קעמפער". דער גייסט פון יידישן פרייהייט־קעמפער, נישט דווקא פון דער צייטונג, נאָר פון שלאַכט־מאַן, האָט טיף באַאיינפלוסט דעם קאָנגרעס.

ס'איז ניט קיין חידוש און ניט קיין צופאַל, וואָס די שליסל־פראַזע פון פייערלעכן מאַניפעסט, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אָנגענומען איינשטימיק: „דאָס יידישע פאָלק איז ניט אָפּצוטיילן פון דער יידישער קולטור, די יידישע קולטור איז ניט אָפּצוטיילן פון יידישן פאָלק", ס'איז ניט קיין חידוש, וואָס די דאָזיקע פראַזע געהערט צו דער פּען פון משה אָלגין, אָלגין, ווי באַוואוסט, איז געווען דער מחבר פון מאַניפעסט און זיין פּראָיעקט איז באַשטעטיקט געוואָרן, מיט קליינע סטיליסטישע ענדערונגען, דורך די צוויי אַנדערע מיטגלידער פון דער מאַניפעסט־קאָמיסיע: ה. לייוויק און בן־אַדיר.

ס'איז ניט קיין חידוש און ניט קיין צופאַל, וואָס דווקא אָלגין, דער אַרבעטער־פירער, דער פאָלקס־טריבון, דער קעמפענדיקער אַנטי־פאַשיסט, האָט אַזוי ענג, אַזוי אָרגאַניש־אומאָפּטיילבאַר פאַרבונדן די באַגריפן: יידיש פאָלק און יידישע קולטור. און ס'איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד ער, דער קאָמוניסט, דער אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט אין זיין פאָרמולירונג אָנגעבונדן באַוואוסטזיניק אין אונדזער אוראַלטן היסטאָרישן מאָטיוו פון ישראל־ואורייתא. אַזוי האָט געפאָדערט דער גייסט פון דער צייט, אַזוי האָט געהייסן דער היסטאָרישער זכרון פון אַ פאָלק, וואָס האָט, דורך דער מאָביליזאַציע פון גאָר זיינע כוחות, געגרייט זיך צו אַ פאַרמעסט אויף לעבן און טויט קעגן אַן אומברחמנותדיקן שונא.

„ישראל ואורייתא חד הוא" — דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט אויף העברעאיש, נאָר דווקא אויפן דעמאָלטיקן זשאַרגאָן, אויף דער שפחה־שפּראַך, אַראַמייאיש, דעם דעמאָלטיקן יידיש, בכדי דאָס גאַנצע פּראָסטע פאָלק זאָל וויסן און פאַרשטיין, אַז: דאָס יידישע פאָלק און זיין תורה, זיין קולטור, זיינען ניט אָפּצוטיילן איינע פון די צווייטע, זיינען איינס און דאָס זעלבע.

דער היסטאָרישער זכרון האָט אַגב זיך אומגעקערט, אָבער אין וויפל בלוט און פּיין, אויך צום סאָוועטישן יידנטום. דאָס גיהינום־פייער פון מלחמה, דער אומבאַשרייבלעכער גרויל פון אַלע „טיפע גריבער, רויטע ליים" האָבן, מיט איין מאָל, ווי אויפגעבראָכן לאַנג־פאַרשטאָפּטע קוואַלן. אין דער שעה פון טויט־סכנה איז אַלץ מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. אַלץ — אַפילו די געשיכטע. אַלע סאָוועטישע

פעלקער האָבן פּיבערדיק גענומען זוכן אין זייער פאַרגאַנגענהייט העלדן, וואָס זאָלן זיי באַגייסטערן, העלדן־טאַטן, וואָס זאָלן זיי באַפליגלען, וואונדער־מעשים וואָס זאָלן הייבן דעם מוט און לינדערן דעם וויי.

אויך די יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן, נאָך גאַנצע דריי יאָרצענדליקער, זיך אַ קער געטאָן צו זייער צוויי־טויזנט יאָריקן עבר. פּרץ מאַרקיש דערמאָנט זיך „ווי שמעון און ווי לוי האָבן אויסגעקוילעט שכם — פאַר לעסטערן, פאַר שענדן זייער שוועסטער" און ער רופט צום יידישן רויט־אַרמייער: „גיי רויט־אַרמייער יידישער, נקמה נעם — זאָל זיך ניט אויסשעפּן פון הארץ דיינעם דער צאָרן — ביז ס'וועט בערלין ניט זיין צעבראָקט ווי שכם"! איציק פעפער שפּילט אויף אונדזער היסטאָרישן יחוס פון יציאת־מצרים אָן, אין זיין „איך בין אַ ייד". דוד בערגעלסאָן, דער מאָלער פון גרויסע היינטצייטיקייט־לייוונטן, ווענדט זיך צום זעכצנטן יאָרהונדערט, בכדי אין דער אויסטערלישער פּרינץ־ראובני־עפּאָפּייע צו געפינען די באַשעטיקונג פון אַלטן כלל: „דו קעמפסט מיין פאָלק, דאָס הייסט, דו לעבסט מיין פאָלק". דאָס אויפברעכן פון אַנטי־היסטאָרישן צוים האָט געעפנט פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור איינעם פון אירע שאַפערישסטע און פּרוטבאַרסטע פּעריאָדן, וואָס דויערט ביזן היינטיקן טאָג.

דער היסטאָרישער זכרון — אויסבליק אויפן עבר, דויער אין דער פאַרגאַנגענהייט— האָט געמוזט פירן און האָט געפירט צו אויסבליק אויף צוקונפט, צום פּראָבלעם פון המשך און קיום.

אונדזער דור האָט איבערגעלעבט אַ נאַציאָנאַלן חורבן, איינעם פון די שרעקלעכסטע אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. איז געווען נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך, אַז ביי די ניצול־געוואָרענע פון די קרעמאַטאָריעס — און מיר זיינען אַלע ניצול־געוואָרענע! — זאָל אויפקומען, מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט, מיט אַ באַזונדער ברענענדיקייט, די פראַגע פון קיום האומה. נישט בלויז קיום פון יידישן יחיד, נאָר פון יידישן כלל, פון יידישן פאָלק.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט געזאָגט: „דאָס יידישע פאָלק איז באַזעלט מיט אַ ווילן צו לעבן". דאָס איז געווען ערב־חורבן. ווען אָט דעם פאָלק, אַ באַזעלטן מיט ווילן צו לעבן, האָט יצחק קאַצענעלסאָן, קוים מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, שוין אויסגעזונגען זיין „ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק". זעקס מיליאָן לעבנס זיינען געוואָרן פאַרשניטן. אָבער וויפל איז גלייכצייטיק פאַרשניטן געוואָרן ווילן צום לעבן, שוין ביי די לעבנגעבליבענע! קאַמף פאַר קיום, אין קולטור, הייסט — באַזעלן און בענטשן דעם ווילן צו קיום.

ס'איז ניט מעגלעך היינט קיין מהיכי־תיתי־יידישקייט. ס'איז ניט מעגלעך צו זיין אַ זייטיקער, נייטראַלער באַאָבאַכטער פון היסטאָרישע פּראָצעסן, אַ געלאַסענער אַרביטער אין אַ מין געשיכטלעכן ספּאָרט־פאַרמעסט, וואָס גיט אַכטונג: ווער־וועמען... דער ווער־וועמען, דאָס זיינען

מיר גופא, מיר אַלע, יעדער איינער פון אונדז. אין דער טראַגישן ספּאָרט־פּאַרמעסט שפּילט זיך אָפּ אונדזער אייגענער גורל.

די יידישע קולטור — שטענדיק, אין אַלע צייטן, און היינט נאָך מער ווי שטענדיק — איז דאָס פּלאַטערנדיקע צינגל פון אונדזער גורל־וואָג־שאָל. ווער וועט עס אָנרופן נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט?! אַן אַלט פאָלק, אַ טראַגיש פאָלק זוכט נאָך אַלץ זיין וועג אויף גאָטס ערד. און זוכט נאָך אַלץ — צווישן בלוט און פייער־ווענט פון שנאה. וועמענס שולד איז, וואָס דער חשבון ייד־און־וועלט איז נאָך אַלץ ניט געסילוקט?! און ווער, אויב ניט מיר, אויב ניט אונדזער קולטור, אונדזער ליטעראַטור, זאָל פּרואוון זיך דערגראָבן צו דעם זין פון טראַגישן פּלאָנטער, צו ליכט און פאַר־שטענדעניש דאָרטן, וואו עס שפּרייט זיך אַזויפיל טונקלקייט און אומזין?!

צי קאָן מען טענות האָבן צו עמיצן, וואָס שפּרייזט איבער אַן אָפּ־גרונט, אַז ער איז צופיל פאַרקוקט אין די אייגענע טריט? ווי דען זאָל ער טאָן, אויב ער וויל ניט אַריינפאַלן אין תהום?! אונדזער קולטור באַ־וועגט זיך, במשך פון יאָרטויזנטער, איבער תהומען פון ניט־זיין, פּונקט ווי אונדזער פאָלק. אַלץ אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס איז באמת ווערט־פול, מוז טראָגן און טראָגט אין זיך עפּעס פונעם ציטער און פון געשפּאַנטן אָטעם פון איבער־תהומען־שפּרייזער.

אפשר ליגט דאָ טאַקע דער עיקר־חילוק צווישן יידישער ליטעראַטור און ליטעראַטור פון און וועגן יידן. יידישע טעמאַטיק איז היינט אין דער מאָדע. ניט בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס פאַרמאָגן אַ פּלעיאַדע ערשטראַנגיקע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער פון יידישער אָפּשטאַמונג, נאָר אויך אין פיל אייראָפּעאישע ליטעראַטורן האָבן זיך באַוויזן ווערק אויף יידישע טעמעס, אָדער מיט יידישער העלדן און וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס.

אין די דאָזיקע ווערק איז אָבער דער ייד־עלעמענט ס׳רוב אַן אויסער־לעכער, אַפילו ווען ער פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט. ס׳איז אַ מין באַדינג־לעכע דעקאָראַציע, וואָס דאַרף ציען די אויפמערקזאַמקייט, באַצויבערן אָדער אָפּשטויסן, אָבער וואָס בלייבט ניט מער ווי אַן עקסעסואַר. מען קאָן די דעקאָראַציע לייכט טוישן, פאַרבייטן זי מיט אַ צווייטע, מחמת זי דרינגט ניט אַרויס פון קיין שום אינערלעכער נויטווענדיקייט. דאָ שפּרייזן ניט יידישע העלדן איבער היסטאָרישע תהומען. אויב עס שפּרייט זיך יאָ אַמאָל פאַר זייערע אויגן אַן אָפּגרונט, איז עס אַן אָפּגרונט אַ יחידישער. און אויב זיי פילן יאָ אַמאָל דעם עול פון יידישן גורל, איז עס בלויז בכדי פון אים זיך צו באַפרייען.

אָט דעם עול, דעם גרויסן עול פון יידישער גורלדיקייט, נעמען מיר אויף; און מיר נעמען אים אויף באהבה. מיר, פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקס־מענטשן, נעמען אויף באהבה דעם עול פון יידישן פאָלקס־גורל. מיר, פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־מענטשן, נעמען אויף באהבה דעם עול פון דער יידישער קולטור, פון דער גאַנצער, גרויסער, טויזנט־יאָריקער

ייִדישער קולטור, וואָס אונדזער היסטאָרישער זכרון האָט זי אונדז פאַרהיט און צוריקגעגעבן.

ס'איז אַוודאי קוים נויטיק איבערצוחזרן: אויב מיר זאָגן, אַז מיר נעמען אויף אונדזער קולטור אין איר געשיכטלעכער גאַנצקייט און פולקייט, דורך אַלע דורות און צייטן, הייסט עס ניט, אַז מיר נעמען אַלץ פון איר. דער מענטשלעכער זכרון איז סעלעקטיוו־אָפּקלייבעריש און אויך דער פאָלקס־זכרון איז סעלעקטיוו־אָפּקלייבעריש. מיר נעמען אויף בלויז דאָס וואָס האָט געשטאַרקט, געקרעפטיקט דעם גייסט פון פאָלק, אויף זיין געשיכטלעכן וועג. בלויז דאָס, וואָס האָט געשטרעבט צו דערהויבן דעם לעבנס־טאָנוס פון פאָלק, צו מאַכן אים מער לויטער, מער שטראַלנדיק און אויך מער אוניווערסאַל אַלמענטשלעך, פאַרהיטנדיק אָבער גלייכצייטיק די אייגענע פאָלקישע אידענטיטעט.

און דעריבער ווערן מיר לחלוטין ניט נתפעל, מיר פּראָגרעסיווע ייִדן, פּראָגרעסיווע ייִדישע קולטור־מענטשן, מיר וואָס שטרעבן מיט לייב־און־לעבן דווקא צו אַלמענטשלעכקייט, צו אַלברידערלעכקייט, צו אוניווערסאַלקייט, מיר ווערן לחלוטין ניט נתפעל פון אוניווערסאַלקייט אָן פאָלקישער אידענטיטעט.

מיט אַ צייט נאָך צוריק האָט מען געפּרוּווט אונדז איבערצייגן, אַז אַמגלייכסטן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און פאַרן ייִדישן שרייבער פון אונדזער צייט וואָלט אייגנטלעך געווען אַריינצוגיסן זיך, דורך איבערזעצונגען, אין דעם וואָס מען האָט באַצייכנט אַביסל מליצהדיק: דער אָקעאַן פון הונדערטער מיליאָנען לייענער. איז זיכער נישטאָ וואָס אויסצוזעצן קעגן פאַקט גופא פון צוקומען צו מיליאָנען. אויב אָבער זיך אַריינגיסן אין וועלכן ניט איז ים, אין וועלכן ניט איז אָקעאַן, טאָ זאָל עס זיין — מיט אַלע טייכן גלייך, לעבעדיקע, פול־וואַסערדיקע, שטראָמענדיקע מיטן שטראָם פון אייביקייט און ניט ווי עפּעס אָן אָרעמע ריטשקע, וועמענס פלאַכע וואַסערן ס'האָבן ערגעץ־וואו פאַרלוירן זיך, ערגעץ־וואו אויסגעטריקנט, אין די טריקענישן פון געשיכטע.

ווייל, ווידער אַמאָל — וואו מיר זאָלן זיך ניט קערן און וואו מיר זאָלן זיך ניט ווענדן — שטויסן מיר זיך אָן כסדר אין געשיכטע. און דער פּראָבלעם, אין תוך, איז דער זעלבער, מיט פאַרשיידענע וואַריאַנטן: היסטאָרישער זכרון און עול פון היסטאָרישן זכרון און עול פון געשיכטע, וואָס מען וויל אים יאָ אָדער נישט אויפנעמען. אַפילו דאָס יאָ־ווערלן אָדער נישט־ווערלן דעם עול איז אויך אַ פּערמאַנענטער עלעמענט אין אונדזער געשיכטע, פון די עלטסטע צייטן אָן, שיער־ניט פון באַרג סיני.

דאָס דאַרף מען באַזונדערס געדענקען ביים דורכטראַכטן און אויפקלערן פאַר אונדז גופא אונדזער נוסח פון וועלטלעך־פּראָגרעסיווער ייִדישקייט הייַנט צו טאָג, אין ליכט פון דער נייער ייִדישער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן מיטן אויפקומען פון מדינת ישראל.

***

די ישראלווירקלעכקייט, וואָס איז אײן־און־פאַר־זיך אָנגעפּיקעוועט מיט סתירות ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, האָט תמיד, ביי אונדז, יידן פון לינקן געזעלשאַפטלעכן לאַגער, מענטשן פון לינקן יידישן קולטור־סעקטאָר, אַרויסגערופן סתירות פון אַ ספּעציעלן מין.

אַנדערש האָט עס אייגנטלעך ניט געקאָנט זיין. די שפּראַך פון דער מדינה, העברעאיש, איז געווען פאַר אונדז אַ פרעמדע, פיינטלעכע שפּראַך. די פאָן פון דער מדינה — אַ פרעמדע פאָן פון אַ קעגנערישער פּאַרטיי. דער הימן פון דער מדינה — אַ פרעמד געזאַנג, פון וועלכן מיר האָבן יאָרנלאַנג געחוזקט.

די מדינה איז אָבער געוואָקסן מיט אַ שטוינענדיקן ריטם. גלייכצייטיק איז געוואָקסן איר אָנזען, איר ראָל און באַדייט אין אַלוועלטלעכן יידישן לעבן. וואָס ווייטער, האָבן מיר אָנגעהויבן אַלץ מער אונטערצושיידן צווישן פאָלק פון ישראל און די, וואָס האָבן מיטן פאָלק רעגירט. קעגן די רעגירונגען האָבן מיר געהאַט פיל, זייער פיל וואָס אויסצוזעצן. דאָס פאָלק אָבער, וואָס האָט געבויט דאָס לאַנד, און געבויט מיט אַזוי פיל שוואונג און התלהבות, האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַלץ מער סימפּאַטיע און באַוואונדערונג.

ביים פראַנצויזישן פילאָסאָף זשאַן פּאָל סאַרטר, איז פאַראַן אַ וואונ־דערלעכער געדאַנק: דער עיקר איז נישט דאָס, זאָגט סאַרטר, וואָס מען האָט געמאַכט פון מענטשן, נאָר דאָס, וואָס דער מענטש מאַכט פון דעם, וואָס מען האָט פון אים געמאַכט.

וואָס מ׳האָט פון אונדז געמאַכט, איז קוים בויטיק צו דערמאָנען — אַש! גרויער אַש, מיט ערגעץ וואָר־ניט־וואו שטיקלעך ניט־דערברענטע, ניט דערמאָלטע ביינער. און נישט בלויז אונדזערע גופים האָט מען ניט דער־ברענט און ניט דערמאָלט, נאָר אויך אונדזערע נשמות! דאָס שטאַמט דאָך פון אונדז גופא, אָט דער שרעקלעכער בילבול, אַז מיר האָבן זיך געלאָזט פירן, ווי שאָף צו דער שחיטה. דאָס האָט מען פון אונדז געמאַכט.

אָבער וואָס האָבן מיר געמאַכט פון דעם, וואָס איז פון אונדז געמאַכט געוואָרן?! דעם ערשטן ענטפער האָט געגעבן די עפּאָפּייע פון די געטאָ־אויפשטאַנדן. אַ פול בילד אָבער גיט אונדז — מדינת ישראל.

איך גלויב קוים, צי כ׳בין זיך טועה, מיר דוכט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן נאָך אַ לאַנד — און דערצו אַ קליין, אָרעם און פּאַרוויסט לאַנד — וואָס זאָל אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן אָנזאַמלען אַזאַ שלל מאַטעריעלע און גייסטיקע קולטור, פּראָפּאָרציאָנעל גענומען נאַטירלעך — אָנזאַמלען מיט אַזויפיל שוואונג און אינטעליגענץ, מיט אַזויפיל מוט און אויסדויער. ס׳איז, אין פולן זין פון וואָרט, דער זיג פון מענטשלעכן זשעני איבער דער העסלעכסטער פאָרם פון אוממענטשלעכקייט און רשעות, וואָס האָט געוואָלט אונדז אָפּמעקן פון דער ערד.

און נאָך עפּעס, פון אויסערגעוויינלעכער היסטאָרישער וויכטיקייט,

דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן: דאָס אויפקומען פון אַ גרויסן, קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער־קלאַס. דאָס האָט ער, דער יידישער פּועל פון ישראל, אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס און טראָגט ווייטער אויס דעם עול פון אויפבוי פון דער מדינה. דאָס האָט ער איבער־גענומען אין זיינע הענט דעם היסטאָרישן גורל פונעם לאַנד און פונעם פאָלק.

נישט ער איז נאָך דערווייל דער באַלעבאָס פון לאַנד, נישט ער געניסט פון אַלע פּרוכטן פון זיין מי. ישראל איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מדינה, מיט אַלע סתירות און אַלע איבלען פון קאַפּיטאַליזם, אַפילו שוין פון סאַמע פאַרגעשריטענעם קאַפּיטאַליזם. אָבער אויך אין ישראל, ווי אין גאָר דער וועלט, איז דער אַרבעטער־קלאַס פון שטאָט און דאָרף היינט־צו־טאָג דער אויפגייענדיקער געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס פאַר־קערפּערט די צוקונפט פון פאָלק, זיין המשך, דעם קיום־האומה.

דאָס מוז דערמאָנט ווערן, מחמת — אויב מען פאַרטראַכט זיך — און מען מוז זיך פאַרטראַכטן! — וועט דאָך קיינער ניט באַהויפּטן, אַז די קינדער אונדזערע — די אינזשענערן און שרייבער און מוזיקער און פּראָ־פעסאָרן און אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים און וויסנשאַפטלער און ווייסע־קאָלנער־לייט און די כלערליי מיטלשיכט־מענטשן, די פּיל־הונדערט־טויזנטער, שיר ניט מיליאָנען, אין אַמעריקע, אין מערב־אייראָפּע, אין ראַטן־פאַרבאַנד, צי ערגעץ־וואו אַנדערש — אַז זיי פאַרקערפּערן עס דעם געזונטן, דעם מאָדערנעם יידישן פאָלקס־המשך.

ניט אומזיסט האָט דאָך, מיט אַ יאָר פערציק צוריק דער „וסעראָסיס־קי סטאַראָסטאַ״, מיכאַיל קאַלינין, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דערקלערט, אַז בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון אַ יידישער סאָוועטישער נאַציע, איז נויטיק אַ יידישער פּראָלעטאַריאָט מיט אַ יידישן פּויערטום, זאָל זיין אַפילו ניט זייער צאָלמעסיק גרויס, אויף אַ געוויסער טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע. דאָס האָט געזאָלט געשאַפן ווערן אין ביראָבידזשאַן, וואָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און, ווי באַוואוסט, ניט קיין זייער פריילעך קאַפּיטל.

אַוודאי האָבן מיר יידישע אַרבעטער, אין אַ גרעסערער אָדער קלע־נערער צאָל, סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין מערב־אייראָפּע, סיי אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אָבער אַן אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַ־ריאָט, אַ באַוואוסטזיניקן יורש פון פאָלקס־גורל, אַזאַ ווי עס איז למשל, דער פראַנצויזישער אָדער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט, אַזאַ ווי מיר האָבן געהאַט אין מזרח־אייראָפּע פאַרן נאַצי־חורבן, אַזאַ פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגן מיר היינט בלויז אין ישראל.

פעסטשטעלן עס, הייסט לחלוטין נישט נעמען אַזאַ אָדער אַנדער שטעלונג לגבי דעם ציוניזם. דאָס הייסט פּשוט: אַנערקענען די ווירקלעכ־קייט, אַזאַ ווי זי איז און נישט אַזאַ, ווי עמיצער וואָלט אפשר געוואָלט, זי זאָל זיין.

און אַט דיווירקלעכקייט — אַ פּשוטע עלעמענטאַרע און אומאָפּפרעג־באַרע — לאָזט זיך דעפינירן אַזוי: דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער קולטור, היינט צו טאָג, לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פון גורל פון ישראל. אין אָט דעם קליינעם לאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ברענענדיקער שנאה, אין אָט דעם לאַנד, וואָס איז פון די עלטסטע צייטן אָן געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע געשיכטלעכע שטורעמס און פון וועלכן, ביי אַלע אומגליקן, עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַזויפיל גייסט אויף גאָר דער מענטשהייט, אויף אָט דעם קליינעם שטיקל ערד אין מיטעלן מזרח שפּילט זיך ווידער אָפּ אַן אַקט פון דער גרויסער, לאַנג־לאַנג־דויערנדיקער היסטאָרישער דראַמע וואָס הייסט — קיום פון אונדזער פאָלק, ווי אַ מאָדערן פאָלק.

איך שטרייך אונטער: דאָ גייט כלל ניט וועגן עפּעס אַ מיסטישן קיום. אַדרבא, עס האַנדלט זיך וועגן אַ ניכטערער, רעאַלער אָפּשאַצונג פון גע־זעלשאַפטלעכע כוחות. דער ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס, דאָס ישראלדי־קע פויערטום, פון קאָלעקטיוון און אינדיווידועלן סעקטאָר, זיינען די היס־טאָרישע טרעגער פון פאָלקישן קיום.

און דעריבער טאַקע האָט דאָס האַרץ פון יעדערן פון אונדז אַזוי אויפ־געציטערט, בעת ישראל איז ווידער געשטאַנען פאַר דער סכנה פון פאַר־ניכטונג. באַוואוסטזיניק אָדער אונטערבאַוואוסטזיניק, האָט יעדער ייד דערפילט, אַז די סכנה איז נוגע אים דירעקט און אים פּערזענלעך, אַז ער איז אַ צד אין דער מלחמה, צי ער וויל עס יאָ, אָדער נישט.

דאָס האָבן דערפילט אַפילו די, וואָס האָבן געפּרוּווט און פּרוּוון נאָך אַלץ און וועלן אויך ווייטער פּרוּוון צו באַפרייען זיך פון דעם עול פון יידישן פאָלקס־גורל. מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט אָבער, און אַ באַ־זונדער אינטענסיווקייט האָבן עס דערפילט די יידישע קולטור־שאַפער און קולטור־בויער, מיר אַלע, וואָס ווילן ניט — און אַפילו אויב מיר וואָלטן געוואָלט, קאָנען מיר עס ניט — פון דעם עול זיך באַפרייען.

מיר ווילן ניט און קאָנען ניט, מחמת אָט דער עול — דאָס זיינען מיר גופא. דאָס איז דער מהות, דער אייגנטלעכער זין פון אונדזער לעבן: באַ־וואַכן, אויפהיטן, פאַרטיפן, לויטערער מאַכן און באַרייכערן דעם שטראָם פון יידישער גייסטיקייט, וואָס ציט זיך ביז אונדז פון די טיפענישן פון געשיכטע און וואָס מיר ווילן ווייטער ציען עד סוף כל הדורות, אין פולן באַוואוסטזיין פון היסטאָרישן זכרון.

ס׳איז אָבער זיכער איינער פון די אויסטערלישסטע פּאַראַדאָקסן פון יידישן לעבן, וואָס די מאָדערנע ישראל־קולטור, וועלכע גייט אויף אין אַ לאַנד, וואו יעדער שטיין ממש רעדט וועגן געשיכטע, איז אין תוך אַזוי אומהיסטאָריש. ריכטיקער געזאָגט, זי איז געפּלאָגט מיט דער פּלאָג פון היסטאָרישן דאַלטאָניזם: טייל־היסטאָרישקייט, אַלט־היסטאָרישקייט הייסט ביי איר פולע און גאַנצע היסטאָרישע וויזיע.

ס׳איז פּאַראַדאָקסאַל, אָבער אַ פאַקט, אַז אויך די ישראל־קולטור פלייסט

זיך אויסצומעקן דעם היסטאָרישן זכרון פון פאָלק. און ס׳וואָרפט זיך פלוצ־לונג אין די אויגן אַן אויסטערלישע דערשיינונג: ווי ענלעך איז עס צו דעם, וואָס מיר האָבן שוין געזען. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען זיך געפלייסט צו פאַרווישן עטלעכע יאָר־טויזנט יידישע געשיכטע און אין ישראל פלייסט מען זיך צו פאַרווישן עטלעכע יאָר־טויזנט יידישע געשיכטע. אמת, נישט פונקט די זעלבע יאָר־טויזנטער, אָבער די פאַרקריפּלונג איז אַן ענלעכע. ס׳ווערט פאַרפּלאָנטערט דער גייסט, ס׳ווערט פאַראָרעמט דער אינערלעכער מהות, ס׳ווערט פאַרבלאָסט דווקא דאָס אָריגינעלע, דאָס אייגנאַרטיקע און איינציק־אַרטיקע, ס׳הייסט, דאָס אַממערסטן וועזנטלעכע און ווערטפולע.

מיר שטייען אין פּראָצעס פון אויסגעשטאַלטיקונג פון דער יידישער קולטור פון אונדזער צייט, ס׳הייסט, פון דער תקופה, וואָס איר קען־צייכן, אין אונדזער געשיכטע, איז דער אויפקום פון דער יידישער מדינה. די קולטור פון דער מדינה האָט שוין אָנגעהויבן באַווירקן — דערוויל נאָך אין זייער אַ קליינער מאָס, זי וועט באַווירקן אַלץ מער — דאָס קולטור־לעבן אין גאָר דער יידישער וועלט. פון דער צווייטער זייט אָבער, און ווי שוין ניט דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער געשיכטע, איז די קול־טור־שאַפונג פון די יידישע ישובים, און ספּעציעל פון די וויכטיקסטע פון זיי, מסוגל צו באַווירקן פונקט אַזוי שטאַרק און אפשר שטאַרקער נאָך — ס׳איז אַ פראַגע פון קוואַליטעט — דאָס קולטור־פּנים פון דער מדינה. אויב ס׳איז ניט מעגלעך, הייַנט צו טאָג, צו ריידן וועגן יידישער קולטור און ניט טראַכטן וועגן ישראל, איז אויך ניט מעגלעך צו טראַכטן ערנסט וועגן אויפקום פון אַן עכטער און גרויסער קולטור אין ישראל, ניט טראַכטנ־דיק וועגן יידישן קולטור־שאַפן אין גאָר דער וועלט. איינס איז פאַרבונדן מיטן צווייטן, אָרגאַניש און אומצעטיילבאָר.

די יונגע ישראלדיקע קולטור זוכט נאָך איר אייגן פּנים און אירע אייגענע וועגן. דאָס איז נאַטירלעך, ווייל זי איז יונג. דאָס זוכן קומט איר אָן זייער שווער און וועט ניט לייכטער ווערן, אַזוי לאַנג ווי זי וועט ניט אָפּגעפינען — דעם היסטאָרישן זכרון.

די אומגליקלעכע שיטה פון שלילת־הגלות האָט ביי די יונגע ישראל־דורות צוגערויבט די קרעפּטיקסטע, די זאַפטיקסטע אברים, די אַממערסטן מאָדערנע פאָרמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור. זי האָט ביי זיי צו־גערויבט, צוזאַמען מיט דער יידישער שפּראַך, די קערנדיקע פאָלקישקייט, די עכטקייט און וואָרצלדיקייט פון רוי־ערד, דעם טיף־יידישן, אָבער גלייכ־צייטיק מאָדערנעם און אוניווערסאַלן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער קולטור־אידענטיטעט.

ס׳איז ממש צו שטוינען, ווי אַפילו די בעסטע פאָרשטייער פון דער ישראלדיקער ליטעראַטור גייען אויף שטאָלצן, ווי אויפגעבלאָזן־מליצהדיק זיי זיינען, ווי עס פעלט זיי נאָך אָט דאָס ראַזשינקעלע, אָט דאָס חן־פּינ־טעלע, דווקא דאָס, וואָס דורות און דורות יידן, במשך פון לאַנגע יאָר־

הונדערטער האָבן, מיט נאַציאָנאַליסטישן אַתה־בחרתנואיזם אָנגערופן: דער יידישער טעם.

אַ שווערע היסטאָרישע עוולה איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי דער ישראל־קולטור. מ׳האָט זי מיט גוואַלד אָפּגעשניטן פון די לעבעדיק־דעמאָקראַטישע פאָלקס־קוואַלן, פון דער טראַדיציע פון האָרעפּאַשנער מאַסנשאַפט, פון גרויס־וועלטישקייט, פון שוואונג צו מאָרגן, אָנשטאָט היפּנאָז פון נעכטן.

די עוולה קאָן און מוז פאַרריכט ווערן. עס קאָן און מוז קומען קעגנזייטיקע דערקענונג און אָנערקענונג, דערנענטערונג און שפּעטער אויך מיטאַרבעט. אין ישראל מערקן זיך לעצטנס סימנים פון וואַקסנדיקער פאַרשטענדעניש פאַר יידיש. ס׳דאַרף אָבער קלאָר ווערן פאַר אַלעמען, אַז ניט וועגן דערבאַרעמען זיך אויף יידיש גייט עס. עס האַנדלט זיך וועגן דער צוקונפט פון דער קולטור פון אונדזער פאָלק, וועגן כאַראַקטער פון אָט דער קולטור, הן אויף יידיש און הן אויף עברית, וועגן גייסטיקן פּנים פון די דורות, וואָס ווערן אויף איר דערצויגן, וועגן גייסטיקן מהות פון יונגן מאָדערנעם ייד.

אין דעם פּראָצעס פון קעגנזייטיקער דערקענונג און דערנענטערונג האָט די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־באַוועגונג צו שפּילן אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל.

מיר, די איינציקע, קומען מיט דער וויזיע פון אַ פאָלער און גאַנצער קולטור, אַ דורכגעדרונגענער מיט היסטאָרישן זכרון, אַ קולטור וואָס נעמט אַרום אַלע צייטן און אַלע תקופות פון אונדזער פיל־טויזנט־יאָריקער געשיכטע.

מיר, די איינציקע, קומען מיט דער קלאָרער וויזיע פון אַ מאָדערנער יידישער קולטור, אַ קאָנסעקווענט־וועלטלעכער, אַ קאָמפּראָמיסלאָזער, אַ קולטור וואָס איז אָפן פאַר יעדן געדאַנק, ניט אויסגעשלאָסן דעם רעליגיעזן, אָבער וועלכע וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ דעם יאָך פון קלויז און בית־מדרש, וואָס מען וויל אויף אונז ווידער אַרויפצווינגען. נישט די כלערליי שול־קלאַפּער, נישט די שופר־בלאָזער פון כל המינים, נישט די פאַרשיידנסטע גאָט־ביי־דער־באָרד־האַלטער — נישט זיי זיינען מסוגל און בכוח צו געשטאַלטיקן דעם גייסט פון אַ מאָדערן פאָלק, וואָס זוכט זיין וועג און אָרט צווישן מאָדערנע פעלקער.

און לסוף, מיר, די איינציקע, קומען מיט דער וויזיע פון אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, אַזאַ וואָס מיט אַלע חושים איז זי געווענדעט צום מאָרגן, אָבער פאַרלייקנט ניט צוגלייך קיין שום זאַך פון נעכטן, אַזאַ וואָס איז ברייט צעעפנט פאַר אַלע יווירונגען, אַלע זוכונגען, אַלע פאַרמעסטן פון דער גרויסער וועלט, אַזאַ וואָס שטרעבט צום אוניווערסאַלן, צום אַל־מענטשלעכן, צום אַל־ברידערלעכן, אָבער איז ניט מוותר אויף קיין פּינטל אַפילו פון אייגענער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט.

די אָריגינעלקייט פון אונדזער וויזיע און איר קראַפט באַזונדערס היינט, אין דער תקופה פון געשיכטלעכער איבערגעשטאַלטיקונג, באַשטייט

אין איר היסטאָרישער דימענסיע. מיר מיען זיך נישט בלויז פאַר אונדז, פאַר אונדזער דור, מיר גייען מיטן טראַט פון געשיכטע. וואָס רייכער און רייפער עס וועלן זיין די פרוכט פון אונדזער מי, אויף אַלע געביטן פון קולטור, וואָס קלאָרער און פאַרטיפטער עס וועלן זיין די גרונט־יסודות פון אונדזער שאַפן — דווקא יידיש, דווקא מאָדערן, דווקא וועלטלעך, דווקא פּראָגרעסיוו — אַלץ גרעסער און דעצידירנדיקער וועט זיין אונדזער גע־שיכטלעכע ראָל ביים אויספורעמען די קולטור פון אונדזער פאָלק אויף גאָר דער וועלט, וואָס דאָס מיינט באַטירלעך אויך, אין ישראל, ניט גע־קוקט אויף אַלע שפּראַך־מחיצות.

מ׳האָט אַמאָל געזאָגט: ס׳איז לייכטער צו געפינען אַ לאַנד פאַר יידן, ווי יידן פאַר אַט דעם לאַנד. וואָלט מען געקאָנט פּאַראַפראַזירן: ס׳איז לייכטער צו געפינען אַ לאַנד פאַר יידן און אַפילו יידן פאַרן לאַנד, לייכטער אויפצובויען אַ מדינה, מיט אַ לאַנד־ווירטשאַפט, מיט אַן אינדוסטריע און מיט אַ זיגרייכער אַרמיי, אַלץ לייכטער — ווי אויסהאָדעווען אַ קול־טור. ריכטיקער געזאָגט, אַלץ איז שווער, שוידערלעך שווער: אי לאַנד, אי יידן, אי מדינה, אי לאַנד־ווירטשאַפט, אי אינדוסטריע, אי אַרמיי — אָבער קולטור איז נאָך שווערער, כ׳מיין אַן אמתע, אַ פול־ווערטיקע, אַן וועל־כער פאָלק איז נישט פאָלק, ווייל געגליכן צו אַ גוף אָן אַ נשמה.

ווי עס זאָל ניט אויסזען פּאַראַדאָקסאַל, נאָר דווקא מיר האָבן אונדזער גרויס וואָרט צו זאָגן, אונדזער גרויסן, דעצידירנדיקן חלק בייצוטראָגן צו דער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אויך אויף עברית.

איז אונדזער אויסבליק אַ טאָפּלטער: של מטה און של מעלה, טאָג־טעגלעכקייט און געשיכטע. איינס איז געבונדן מיט צווייטן, איינס טאָר ניט פאַרשטעלן דאָס צווייטע. אין די גראָע דאגות פון יעדן פרימאָרגן טאָר ניט צעשוואומען ווערן די וויזיע פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן. אַט די וויזיע דאַרף אָבער ניט פאַרווישן די זאָרגן פון טאָג־טעגלעכער מי.

לאָמיר זיך דערמאָנען, אין „צווישן צוויי בערג״ די באַגעגניש צווישן בריסקער רב און ביאַלער רבין. מען קאָן זען, זאָגט פרץ, און מען קאָן — אַנדערש זען.

מ׳קאָן זען, ווי מתנגדים, אַ פשוטן הימל און אונטן, פשוטע חסידים, אין פשוטע צעריסענע קאַפּאָטעס און הערן אַלטע, צעריסענע שטיקלעך ניגונים...

מ׳קאָן אָבער אַנדערש זען, אין חסידות: דער הימל זינגט, די גלגלים

זינגען און די ערד פון אונטן זינגט און די כיתות התלהבותדיקע חסידים, אַלץ זינגט.

מיר, וואָס האָבן אויסגעגלייכט די היסטאָרישע מחלוקת צווישן בריס־קער רב און ביאַלער רבין, מיר, וואָס האָבן באַשאַפן אַ מאָדערנעם, וועלט־לעכן סינטעז צווישן מתנגדות און חסידות, מיר האָבן טאַקע פאַר די אויגן די אָרעמע צעריסענע קאַפּאָטעס און אין די אויערן, די צעריסענע שטיקלעך ניגונים פון צעריסענע מענטשלעכע נשמות, אָבער אין אונדזערע הערצער — הערצער פון גלויביקע — קלינגט גלייכצייטיק אָפּ דאָס גע־זאַנג פון הימל און פון ערד.

1968

הײנטצײטיקײט און מאָדערנע ײדישע ליטעראַטור

ס'איז נישט פאַראַן אין קונסט, פונקט װי ס'איז נישט פאַראַן אין לעבן — קײן אױסערצײטלעכקײט. די גרעסטע װערק פון מענטשלעכן זשעני — אין װאָרט, אין קלאַנג, אין שטײן, אין פאַרב — טראָגן אױסגעקריצט אױף זיך דעם חותם פון צײט, פון זײער צײט. אונדזער תנ"ך איז צײטלעך און אױך האָמער און די גאָטישע קאַטעדראַלן און סערװאַנטעס און יאָהאַן־סעבאַסטיאַן באַך און רעמבראַנדט און שעקספּיר.

אײביקײט הײסט — פאַרגענגלעכקײט, װאָס דױערט, שפּרונג פון צײטלעכקײט אין איבערצײטלעכן. דװקא װאָס מער אַ װערק איז צײטלעך — נישט אױסערלעך, פון דער פלאַך גענומען, נאָר װאָרצלדיק, תמציתדיק — װאָס מער ברען־פּונקטן פון דער געגעבענער תקופה עס איז אין זיך כולל, אַלץ מער איז עס מסוגל אַריבערצװאַרפן אַ בריק פון אָט דער אײגענער צײטלעכקײט צום איבערצײטלעכן.

יעדער קינסטלער באַמיט זיך אױפצונעמען, מיט די ספּעציפישע מיטלען פון זײן קונסט, קודם דעם ציטער, דעם ריטם פון זײן תקופה, דאָס געזאַנג און געװײן פון דער ערד אין זײנע טעג, דעם אױסגעשרײ פון מענטשלעכן געװיסן פון זײן דור. פון זײנע טעג, פון זײן דור, פירט דער װעג צו אַלע טעג און צו אַלע דורות. פון מענטש און פון לעבן בפרט — צום מענטש און צום לעבן בכלל. צײטלעכקײט איז פאַר יעדער קונסט און גאָר באַזונדערס פאַר ליטעראַטור, ממש די מאַמע־ערד, װאָס שפּײזט און דערנערט, די לופט, װאָס דערהאַלט בײם לעבן.

צײטלעכקײט, נאַטירלעך, מײנט אין יעדער תקופה: צײטלעכקײט פון הײנט, הײנטצײטיקײט, איז עס אָבער װײניקער פּשוט, װי ס'קאָן אין פלוג זיך אױסװײזן. פּונקט װי דער יחיד טראָגט אין זיך דעם כלל און װי יעדער דור — פיל פאַרגאַנגענע דורות, אַזױ איז יעדע „הײנט־צײטיקײט" איבערגעלאָדן מיט „נעכטן־צײטיקײט". אַװדאי דריקט זיך אױס דער מהות פון אַ תקופה אין דער צאָל און אין כאַראַקטער פון די עיקר־פראַגן, װאָס זי שטעלט, פון די עיקר־קאָנפליקטן װעלכע זי איז באַרופן צו לײזן, אָבער די דאָזיקע פראַגן און קאָנפליקטן דערשײנען ניט דװקא און ניט תמיד מיט אַ באַשײנפּערלעכקײט נישט אָפּצופרעגן. פון כסדרדיקן דיאַלעקטישן געפּלעכט צװישן אַלט און נײ, צװישן פאַרגאַנגענהײט, קעגנװאַרט און צוקונפט, דאַרף דער קינסטלער אױפכאַפּן דאָס עיקרדיקע, דאָס װעזנטלעך־כאַראַקטעריסטי־

שע, וואָס גיט אָן דיין תקופה איר אייגנטלעכן, סיפערן זינען, איר ספּעציפישן אויסקלאַנג, איר איינציק־אַרטיקן קאָלאָריט.

עס זינגט אַ יידיש פאָלקס־ליד: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיה — טשירי־באָם, טשירי־באָם, טשירי־באָם... און זי ענטפערט — טשירי־באָם"...

דאָס ליד באַגנוגנט זיך מיט אַן אוניווערסאַלן — און ליידיקן ראַם פון דער וועלטס שאלות־ותשובות, וואָס ביידע זיינע זיי דאָסגלייכן אַבסטראַקט און ביידע פונקט אַזוי אַלץ זאָגנדיק ווי גאָרניט זאָגנדיק. דער „טשירי־באָם" ווערט אַ מין אָריגינעלער מאַטעמאַטישער צייכן, וואָס אַלע מאָל קאָן ער באַטייטן עפּעס אַנדערש און אַלע מאָל בלייבט ער אין תוך דער זעלבער, אפשר דערפאַר ווייל, ווי ס'האָבן לאַנג דאָך שוין געזאָגט אונדזערע חכמים: נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון...

אָט דעם אַבסטראַקט־אוניווערסאַלן צייכן דאַרף דער קינסטלער פונאַנ־דערשיפרירן און פאַרטייטשן. די וועלט פרעגט נישט בלויז אַן אַלטע קשיא — די צייט וואָלט לאַנג שוין אויף איר געגעבן ניט איינע, נאָר הונדערטער אויסשעפּנדיקע און באַפרידיקנדיקע תשובות — זי פרעגט כסדר נייע קשיות און אַלץ נייערע. דער שרייבער איז עס דער, וואָס דאַרף אָט די קשיות קינסטלעריש געשטאַלטיקן. ער מוז ניט דווקא זיי פאַרענטפערן, דאָס איז אייגנטלעך ניט זיין באַרוף. ס'איז גענוג, אַז דער קינסטלער זאָל בלויז פרעגן, אַז ער זאָל די קשיות אַרויסהויבן פונעם קיניגרייך פון נעפּל און סתירות, אַז ער זאָל זיי באַזיניקן און פאַרקערפּערן אין די אַדעקוואַטסטע פּלאַסטישע פאָרמען און סימבאָלן.

וועלכע זיינען אין אונדזערע טעג, אָט די גרונט־פראַגן פון אונדזער צייטלעכקייט, ס'הייסט, פון אונדזער הייַנטצייטיקייט? ס'וועט גענוג זיין צו דערמאָנען בלויז צוויי, וועלכע האָבן באַווירקט אַמטיפסטן די אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מאָדערנער גייסטיקייט, פון דער גאַנצער מאָדערנער קונסט און ליטעראַטור.

דער ערשטער „מאי קאָ משמע לן" איז שייך דער טראַגישער סתי־רה צווישן מענטשלעכער גרויסקייט, וואָס איז קליינמאָל, אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, ניט געווען נאָך אַזוי גרויס, און מענטשלעכער קליינקייט און אומזין, וואָס זיינען דוכט זיך נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי הימלשרייענדיק, אַזוי משונהדיק־אַבסורדאַל.

מענטשלעכע גרויסקייט — מיר לעבן אין אַ צייט פון די וואונדער־לעכסטע אַנטדעקונגען, פון די מערקווירדיקסטע דערגרייכונגען, וועגן וועלכע מ'האָט במשך פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער געקאָנט בלויז חלומען, טאַקע חלומען בפועל ממש ווי וועגן עפּעס פאַנטאַסטישעס און אומדער־גרייכבאַרס. היינט איז די פאַנטאַסטיק געוואָרן רעאַליטעט. דער מענטש האָט באַצוואונגען דעם אַטאָם, באַהערשט די נאַטור, זיך אָפּגעריסן פון דער ערד־פּלאַך, זיך אַריינגעריסן אין קאָסמאָס. גאָר בקרוב וועט דער מענטש זיך אַרויסזעצן אויף דער לבנה. פינף צי צען יאָר שפּעטער וועט קומען די רייע

אויף דער ווענוס־פּלאַנעט. און פופצן צי צוואַנציק יאָר נאָך שפּעטער, און אפשר גאָר פריער... אין דען פאַראַן בכלל אַ גרענעץ פאַר מענטשלעכער גרויסקייט ?!

אָבער אַ גרענעץ איז פאַראַן און דאָס איז — מענטשלעכער אומזין.

מער נאָך, ס׳ווערט אַלץ מער קלאָר און אַלץ מער זיכער, אַז מיר האָבן דעם גרענעץ שוין דערגרייכט און אַז ווייטער אַזוי גיין, מיטן זעלבן גאַנג און מיטן זעלבן דרך, איז נישט מעגלעך.

דער מענטש, וואָס שטייט נאָך אַלץ מיט פאַרגאַפונג פאַרן וואונדערלעך־פּשוטן, עלעמענטאַרן סוד פון לעבן, איז אַזוי פאַרשיכורט פונעם אויפדעקן דעם גרויסן סוד פון אַטאָמישן טויט, אַז די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק, די קרוב פופציק מיליאָן קרבנות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זעען אויס שוין ווי אַ דעטאַל בלויז אין דעם טאָטאַלן חשבון פון אומקום, וואָס ווערט געחשבונט וויסנשאַפטלעך־באַזאַכט, רואיק, מיט עלעק־טראָנישע מאַשינען און וואו די צוקונפטיקע קרבנות וועלן זיך ציילן אין די הונדערטער מיליאָנען און וואו די גאַנצע ערד דאַרף צוריק באַקומען איר אור־פּנים פון תוהו־ובוהו.

די ערד, די לבנה און די ליכטיקע שטערן... אויב דער מענטש זאָל זיך אַרויסזעצן אויף דער לבנה בלויז בכדי צו ברענגען אַהין דעם אַפּהילך פון אַטאָמישע אויפרייסן, אויב ער זאָל דערגרייכן צום ווענוס בלויז בכדי צו פאַרפולקומען אַ טעכניק, וואָס זאָל אָן דעם קלענסטן טעות און אָן דער מינדסטער רעטונג קאָנען מאָרדן מיליאָנען מענטשן־קינדער, טאָ וואָס איז ווערט אַזאַ גרויסקייט, וואָס איז ווערט אַזאַ ציוויליזאַציע און וואָס דאַרף מען זי בכלל ?

אַוודאי, די וויסנשאַפט שפּרייזט טאַקע מיט ריזן־שריט. געוויס, די מענטשהייט האָט, פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, געמאַכט מער אַנטדעקונגען, ווי פאַר די גאַנצע לעצטע צוואַנציק יאָרהונדערט. צי האַלט אָבער ניט דער מענטש אין באַשאַפן אַ מין עלעקטראָנישן גולם, וואָס וועט סוף כל סוף אומברענגען די מענטשהייט גופא ?

דער גרויסער פראַנצויזישער געלערנטער, דער נאָבעל־פּרייז טרעגער זשאַק מאָנאָ האָט, בעת זיין אַריינפיר־לעקציע אין „קאָלעזש־דע־פראַנס״, האַרבסט־צייט 1967, געוואָרפן אַן אַלאַרם־רוף: אונדזער וויסנשאַפט־קולטור פאַרמאָגט ניט מער קיין עטיק! מען מוז דעם מענטשן פון אונדזער צייט געבן אַן אידעאַל „איבער און ווייטער זיך גופא״!

אַן אַנגסטיקער פראַג־צייכן קומט אויף אַלץ שאַרפער און שאַרפער אין מאָדערנעם געדאַנק: ווי אַזוי און מיט וואָס קאָן לעבן אַ ציוויליזאַציע, וואָס האָט פאַרלוירן דעם חוש און דעם זין פון אייגענער עקזיסטענץ־באַ־רעכטיקונג ?!

מיט בערך טויזנט יאָר צוריק, האָט איבער אייראָפּע און איבער גאָר דער קריסטלעכער וועלט זיך צעטראָגן אַ פּסיכאָז פון פחד. ער האָט גע־הייסן: „דער גרויסער פחד פאַרן יאָר טויזנט״. ווען ס׳האָט געדאַרפט אויס־

שלאָגן דער קיילעכיקער טויזנט פון אונדזער צייט־רעכענונג, האָט די וועלט געזאָלט חרוב ווערן.

אין אונדזערע טעג שפּרייט זיך כסדר, דורכן באַוואוסטזיין און אונטער־באַוואוסטזיין, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווענטלעך ענלעך צום „גרויסן פּחד פאַרן יאָר טויזנט". עס נעסטיקט זיך אין אַ געפיל פון אַנגסט און פאַרמשפּט־קייט, פון טראַגישן סוף, פון אומברחמנותדיקן און אומזיניקן גורל. ס'איז אַפילו נישטאָ צו וועמען תפילה צו טאָן, פאַר וועמען צו בויגן הכנעהדיק די קני. דער גורל האָט פאַרלוירן די קלאַסישע אַטריבוטן פון מאַיעסטעטישער גרויסקייט און איז געוואָרן גראָטעסק און אַבסורדאַל. דער קיניג, באַשייב־פּערלעך, איז אָדם־נאַקעט: די שליסלען פון לעבן־און־טויט פון אַ וועלט ליגן ניט מער אין די הימלען, נאָר אויף דער ערד און עס באַוואַכט זיי — מענטשלעכער אומזין און מענטשלעכע משוגעת.

דאָס איז אין מין „מאַי קאָ משמע לן", אין מין נייע, גאָר נייע קשיא, וואָס עס שטעלט היינט די וועלט. און אָט איז אַ צווייטע, אויך אַן עיקרדיקע, און אַנגסטפולע: די קשיא וועגן דער טראַגישער סתירה צווישן אונדזער היינטצייטיקער טעכנישער ציוויליזאַציע, צווישן אונדזער שפע־געזעלשאַפט, וואָס ווערן אַלץ רייכער און בליענדיקער און דעם אייגנטלעך־מענטשלעכן אין אונדזער מאָדערנעם לעבן, וואָס ווערט אַלץ אָרעמער און אַלץ מער איינגעשרומפּן. דאָס איז די קשיה וועגן דער אַזוי גערופענער אַליענאַציע־דערשיינונג, וועגן דער בהדרגהדיקער אַנטמענטשלעכונג פון מענטש. מאַרקס האָט די דאָזיקע דערשיינונג גאוניש פאַראויסגעזען און זי דעפינירט אין זיין באַרימטער פאָרמולע וועגן דער סתירה צווישן האָבן און זיין: וואָס מער מען האָט, אַלץ ווייניקער איז מען.

אין די לעצטע יאָרצענדליקער איז אויפגעקומען אַ מעכטיקע ציוויליזאַ־ציע, וואָס איז מסוגל צו פאַרזיכערן נישט בלויז דעם מאַטעריעלן וואויל־שטאַנד פון מענטש, נאָר אויך דעם אַלזייטיקן פונאַנדערבלי פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט. איז אָבער די דאָזיקע ציוויליזאַציע געבויט אויפן פּרינציפּ פון סחורה און אין איר פאַנטאַסטישער פּראָדוציר־מאַשין האָט זי אַריינגעכאַפּט דעם מענטשן גופא און אויך אים פאַרוואַנדלט — אין אַ סחורה, דערצו נאָך אין אַ סטאַנדאַרט־סחורה, אין אַ ביליקן טאַנדעטנט־אַר־טיקל, אַן אויסגעאַרבעטן אין מאַסן־מאַסשטאַב, לויט די מאָדערנסטע פּראָ־דוקציע־מעטאָדן, מיט דער הילף פון פּרעסע, ראַדיאָ, קינאָ, טעלעוויזיע וכדומה.

די סטאַנדאַרדיזירונג פונעם מאַרק־אַרטיקל „מענטש" האָט אָנגענומען פאָרמען טראַגישע און גראָטעסקע צוגלייך. נישט בלויז שפּייזט מען זיך מיט די זעלבע „סענדוויטשעס" פון גשמיותדיקע און רוחניותדיקע קרייטעכצער, נאָר מען דענקט פּונקט מיט די זעלבע סטערעאָטיפּירטע קאַטעגאָריעס, מען ברענגט אַרויס פון מויל די זעלבע ווערטער, פראַזן און סלאָגאַנען. די שפּראַך גופא פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טאַנדעט־אַרטיקל. אַמאָל האָט מען פיל גערעדט וועגן מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין שאָטן. אין אונדזער מאָדערנער

שפע־געזעלשאַפט האָלט דער שאָטן ביים פאַרלירן — זיין מענטשן. ס׳בלייבט בלויז פלאַכער, בלייכער שאָטן. דער מענטש, לויט דער טשעקאָווער דע־פיניציע פון פּראָפעסאָר מאַרקוזע, ווערט פון איין אויסמעסט, בלויז פון איין דימענסיע.

די אַליענאַציע־דערשיינונג, די פאַרוואַנדלונג פון מענטש אין אַ זאַך, אין אַ סחורה, אין אַ זינלאָזן שריפל פון דער פּראָדוציר־מאַשין, איז בעצם כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ באַשטימטן טיפּ ציוויליזאַציע, פאַר אַ באַשטימטן טיפּ געזעלשאַפטלעכע און פּראָדוציר־יסודות. אַליענאַציע איז אַ נאַטירלעכע — מען וואָלט געקאָנט זאָגן: אַן אומפאַרמיידלעכע — באַגלייט־דערשיינונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. דעריבער טאַקע האָט עס אויסגעזען, אַז זי איז אוממעגלעך און אומבאַגרייפבאַר אין באַדינגונגען פון סאָציאַליזם. דאָס אוממעגלעכע און אומבאַגרייפבאַרע איז אָבער געוואָרן אַ פאַקט.

צוליב אַ גאַנצע רייע היסטאָרישע סבות, איז דער אַליענאַציע־פענאָמען דערשינען אויך אין די לענדער פון סאָציאַליזם, געוויס אין אַנדערע פאָרמען, וויניקער גראָטעסקע, אָבער צומאָל נאָך מער טראַגישע. במשך פון לאַנגע און גרויזאַמע יאָרן, האָט דער מענטש פאַרלוירן נישט בלויז דעם סחורה־ווערט — וואָס איז שוין מער ניט קיין קריטעריום אין סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן — נאָר יעדן ווערט בכלל. ער איז געוואָרן הפקר און איז צעריבן געוואָרן, אַן אַ פאַרוועז, אַן אַ פאַרוואָס, אויף אַ גרויזאַמען אופן, אין אַן אומזיניקער, אוממענטשלעכער, ביוראָקראַטישער מאַשין, אַ קאָשמאַר־אַרטיקער, ווי אַן אַרויסגעקומענער פון דער פאַנטאַזיע פון אַ פראַנץ קאַפקא. די דאָזיקע יאָרן געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דער פענאָמען פון אַליענאַציע ווירקט זיך ווייטער אויס, הגם אין געענדערטע באַדינגונגען.

די כלערליי טראַגישע „מאַי קאָ משמע לן׳ס״, די אַלע האַרבע קשיות, וואָס עס פרעגט ביי דער וועלט אונדזער היינטצייטיקייט, קשיות וועגן גורל פון מענטשהייט און גורל פון מענטש, אין אַ תקופה, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט גורלדיקייט, דאָס אַלץ האָט נאַטירלעך געמוזט זיך אויסווירקן — און האָט זיך אויסגעווירקט — אויף דער קונסט און ליטעראַטור. די אויסטער־לישקייט, די קוואַליטאַטיווע אַנדערשקייט פון אונדזער צייטלעכקייט האָט גע־מוזט אַרויסרופן — און האָט אַרויסגערופן — אויסטערלישקייט און קוואַ־ליטאַטיווע אַנדערשקייט אויך פון די קינסטלערישע סימבאָלן, וואָס האָבן אונדזער תקופה געדאַרפט געשטאַלטיקן. אין דעם זין, אויפן געביט פון זוכונגען, יוירונגען, פּרוּוון און פאַרמעסטן, איז אונדזער צייט באמת אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע.

די פּלאַסטישע קונסט למשל — מאָלעריי און סקולפּטור — האָט, פאַר אונדזערע אויגן ממש, דורכגעמאַכט איינע פון די ווייט־גייענדיקסטע רעוואָ־לוציעס פון דער גאַנצער קונסט־געשיכטע. מען מוז ניט דווקא זיין קיין ספּעציאַליסט, כדי אָפּצוגעבן זיך אַ דין וחשבון, ווי טיף עס גרייכט די איבערקערעניש. אין גערעגל פאַר נייע לייזונגען פון פאָרם, רוים און

באַוועגונג, האָט די מאָדערנע מאָלעריי צעבראָכן די לוחות פון איר באַרג סיני, זי האָט פאַרלייקנט און פאַרוואָרפן די כללים פון פערספעקטיוו אויף וועלכע די גאַנצע פלאַסטישע קונסט אין איירּאָפּע האָט זיך געשטיצט במשך פון קנאַפּע זעקס הונדערט יאָר, פון ערב־רענעסאַנס אָן. ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע פערספּעקטיווע, אַ נייע שפּראַך — אמת אַ שווער פאַרשטענד־לעכע — פון מאָלעריי און סקולפּטור, אַ נייער צוגאַנג צו פאַרנעם און ליכט, אַ נייע וויזיע פון דער וועלט.

אָט דער גערּאַנגל, די זוכונגען, די קאַמפן פאַר באַנייאונג זיינען פאַרבונדן קודם כל מיט די נעמען פון פּיקאַסאָ, בראַק, שאַגאַל און נאָך אַנדערע גרונטלייגער פון דער אַזוי גערופענער „פּאַריזער שול״. זיי האָבן די ערשטע צעריסן די צוימען, זיי האָבן די ערשטע דורכגעבראָכן נייע וועגן און אויפגעצוואונגען, מיט שטורעם־און־דראַנג, נייע פלאַסטישע סימבאָלן פאַר אונדזער היינטצייטיקייט.

דורך די אויפגעבראָכענע צוימען האָט, ספּעציעל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך דורכגעריסן מיט אַ באַזונדערן אימפּעט די אַזוי גערו־פענע אַבסטראַקטע, נישט־פיגוראַטיווע מאָלעריי און סקולפּטור. ס׳איז פאַרשוואונדן די וועלט פון קעגנשטאַנדן, פון נאַטור, פון ליכט־און־שאָטן, פון מענטשלעכן געזיכט, פון מענטש בכלל. פונעם בלויזן כשוף פון פאַרב און פון ליניע דאַרף אויפגיין אַ ריטם, אַן ערדישער און קאָסמישער צוגלייך, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער ריטם פון אונדזער צייט.

און ס׳איז דאָך געוויס ניט קיין צופאַל, וואָס אויך אַ צווייטער געביט פון קונסט — די מאָדערנע מוזיק — געפינט זיך אין פולער ברויזונג און יוירונג. אויך זי מאַכט דורך אַן אמתע רעוואָלוציע. די זעלבע סבות רופן אַרויס די זעלבע פאָלגן.

דער פונדאַמענט גופא, אויף וועלכן עס זיינען במשך פון די לעצטע זעקס־זיבן יאָרהונדערטער אויפגעבויט געוואָרן אַזוי פיל מוזיקאַלישע מייסטערווערק, אָט דער פונדאַמענט, דער טאָנאַלער סיסטעם, אונדזער אַלטע, גוט באַקאַנטע זיבן־טאָניקע גאַמע, ווערט אָפּגעפרעגט. אויך דאָ ווערן לוחות צעבראָכן. אַ נייער סיסטעם, אַן אַטאָנאַלער, דער דאָדעקאַ־פאָנישער סעריעלער סיסטעם, געשאַפן דורך שענבערג און זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, קעמפט האַרטנעקיג פאַר פּלאַץ אונטער דער זון און פּראָקלאַמירט בקול רם, אַז בלויז ער איז בכוח צו שאַפן די אַדעקוואַטע מוזיקאַלישע פאָרמען און סימבאָלן פון אונדזער יאָרהונדערט.

און ס׳רייסט זיך אימפּעטפול צום אויסדרוק די אַזוי גערופענע קאָנקרעטע מוזיק, וואָס זוכט אירע קוואַלן אין דירעקטער פאַרצייכענונג פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט. איז דען טאַקע באמת דער אויפגע־כאַפּטער קלאַנג פון אַ דורכלויפנדיקן אויטאָ, אָדער דער גערויש פון אַ פליענדיקן עראָפּלאַן ניט מער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער תקופה, ווי דער געצוויטשער פון אַ פויגל, וואָס ווערט אימיטירט, פאַלש און קאָנ־ווענציאָנעל, דורך אַ פלייט?...

און פונקט אַזוי אימפּעטפול פּאָדערט אירע רעכט די אַזוי גערופענע עלעקטראָנישע מוזיק, וועמענס שאַפערישע לאַבאָראַטאָריע איז דער מע־כאַנישער, עלעקטראָנישער קלאַנג, אין אַלע זיינע מאָדולאַציעס און אויס־טערלישע פאַרענדערונגען. די דאָזיקע מוזיק איז שטרענג אַבסטראַקט, זי שעפּט איר רוישטאָף נישט פון וועלכער ניט איז באַקאַנטער קלאַנגען־וועלט. נאָר אויסשליסלעך פון דער עלעקטראָנישער אַפּאַראַטור. אַזוי אַרום פּרואווט זי געפינען אַן אויסדרוק פאַר דער אויסטערלישער און אומהיימלעכער פאַנטאַסטיק פון אַ תקופה אין וועלכער דאָס מעכאַנישע, וואָס איז געווען אַ באַשאַף פון מענטשלעכן זשעני, האָט ביסלעכוויז גענומען די אויבערהאַנט און סוף כל סוף עלימינירט דעם מענטשן גופא.

נישט די סעריעלע מוזיק, נישט די קאָנקרעטע און עלעקטראָנישע האָבן נאָך דערווײַלע ניט געפונען קיין וועג צום ברייטן עולם. זיכער זיינען ניט אַלע ביז איצטיקע פּרואוון פון זעלבן ווערט און באַטייט און ניט אַלע פאַרמעסטן וועלן דערגיין צו דער צוקונפט. די אומפאַרשטענדעניש איז אָבער, פאַר זיך אַליין, נאָך קיין שום ראיה ניט, נישט פאַר און נישט קעגן. מען דאַרף געדענקען, אַז אויך וואַגנער איז מאוס דורכגעפאַלן ביי זיין ערשטער אויפפירונג אין פּאַריז און אַז אַן ענלעכן גורל האָבן געהאַט בערליאָז און דעביוסי און פיל־פיל אַנדערע צווישן די גרעסטע אין דער מוזיק. אַפילו „קאַרמען" פון ביזע, וואָס עס שפּילן היינט אַלע קאַטערינקעס אין דער וועלט, איז געוואָרן אויסגעפייפט אויף דער אור־פּרעמיערע.

די באַוועגונג פון גרינטלעכן אָפּפרעגן, פון לחלוטינדיקן פאַרלייקענען די יסודות פון גאַנצע קונסט־געביטן — די קלאַסישע פּערספּעקטיוו אין דער מאָלעריי און דעם טאָנאַלן סיסטעם אין דער מוזיק, — האָט אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער זיך אויסגעדריקט אין אָפּפרעגן דעם הויפּט־אינסטרומענט, דעם יסוד פון ליטעראַרישן שאַפן — די שפּראַך גופא. ס'איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פרעג־צייכן די שפּראַך, ווי אַ מיטל פון ווירקלעכן צווישן־מענטשלעכן פאַרקער און דאָס וואָרט, ווי דער כלומרשט אַדעקוואַטער אויסדרוק פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. אונטער אויסערלעכן גלאַנץ און נאַאיוון שפּראַך־פעטישיזם, איז אויפגע־דעקט געוואָרן פאַרגליווערטקייט, קאָנווענציאָנעלקייט, אומלאָגישקייט, כל־ערליי קנייטשן און שפּראַך־העוויות, אומזיניקייט פון סעמאַנטישע און גראַמאַטיקאַלישע כללים, טויטע, אויסגעהוילטע שאַבלאָנען, פּוסטע טראַפאַ־רעטן, וועלכע דאַרפן שאַפן אַן אילוזיע פון אַ בריק צווישן מענטש און מענטש, בעת אין דער אמתן איז דער מענטש — לויט דער פּעסימיסטי־שער שיטה פון וויטגייענדיקסטן מאָדערניזם — איינזאַם און אַליין, אין אַן אוניווערס וואָס איז עלנט און פּוסט.

פּאַראַדאָקסאַל האָט דאָס דאָזיקע טאָטאַלע אָפּפרעגן פון שפּראַך, וואָס האָט, אין לאָגישן סך־הכל, געדאַרפט פירן צו פאַרלייקענונג נישט בלויז פון דער עקזיסטירנדיקער ליטעראַטור, נאָר פון דער מעגלעכקייט גופא פון ליטעראַרישן שאַפן בכלל, געבראַכט פאַר דער ליטעראַטור באַניי־

אתנג און באַרייכערונג. דאָס עקסטרעם־ניהיליסטישע איז געבליבן ריין טעאָרעטיש און קליינלדיק. דאַגעגן האָט די אויפסניי אויפגעריסענע און דורכגעאַקערטע שפּראַך־רויערד געבוירן אַ שלל נייע פאָרמען און פאַרמעסטן.

די גאַנצע הייפּערטייסיקע פראַנצויזישע דיכטונג מאַכט דורך אַ כסדרדיקן ווייטאָקפולן פּראָצעס פון באַנייאונג, וואו פאָרם און אינהאַלט זיינען ענג געקניפּט און געבונדן. באַנייאונג פון פּראָסאָדיע, באַנייאונג פון פּאָעטיק, באַנייאונג פון אופן און מאַניר, מיט אויסערגעוויינלעכער געוואַגטקייט, ביז אַפילו דעם אַז. גער. אויטאָמאַטישן שריפט.

אין דער פּראָזע גייט אָן אַ קאָנצענטרירטער אָנגריף, אַן אמתע מלחמה קעגן קלאַסישן ראָמאַן פונעם סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. דער אָנגרייפער, דער אַזוי גערופענער נייער ראָמאַן — ביי זיין געבוירן, האָט ער זיך גערופן אַנטי־ראָמאַן — נעמט איין אַ פּאָזיציע נאָך דער צווייטער.

די טעאָרעטישע הנחה פון נייעם ראָמאַן לאָזט זיך דעפינירן מער־ווייניק אַזוי: אין אונדזער צייט פון אַליענאַציע, פון בהדרגהדיקן פאַרשווינדן פון יחיד, ווי אַן אינדיווידוום, האָט דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע פאַרלוירן יעטוועדע רעאַליטעט. עס קאָן דעריבער ניט זיין קיין העלד פון ראָמאַן, אין אַמאָליקן זין פון וואָרט, מחמת עס איז נישטאָ מער קייןווירקלעכער צווישן־מענטשלעכער פאַרקער און דער מענטש אַליין האָט ניט מער קיין ממשות. דער איינציקער העלד פון ראָמאַן, דאָס איז די אַרומיקע וועלט פון קעגנשטאַנדן, וועלכע דער שרייבער דאַרף ערשט באַנעמען און דערקענען אין פעריאָד פון שאַפן. דעריבער טאַקע דעפינירט דער הויפּט־פאָרשטייער און טעאָרעטיקער פון נייעם ראָמאַן, ראָב־גריע, זיין מיסיע: „איך שרייב, בכדי צו וויסן פאַרוואָס איך שרייב”.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז זיינע גרעסטע דערפאָלגן האָט דער נייער ראָמאַן צו פאַרדאַנקען נישט אַזוי די טעאָרעטישע חקירות, פון גאַנץ צווייפלהאַפטן ווערט, ווי דעם פאַקט, וואָס ער איז געוואָרן די שאָפערישע לאַבאָראַטאָריע פון כלערליי נייע פּראָזע־פאָרמען. אונטערן דירעקטן איינפלוס פון דער מאָדערנער קינאָ־טעכניק, האָט ער אויפגעריסן און ענדגילטיק פאַרוואָרפן אַלע ראַמען פון צייט און רוים, אַלע מחיצות צווישן נעכטן און היינט און אַלע אָנגענומענע איבערגאַנגען צווישן נעכטן און היינט. דערביי, הגם אין בפירושער סתירה צו די אייגענע טעאָרעטיזירונגען, האָט ער געזוכט און געפונען אין דער פּסיכאָאַנאַליז־שול אַ נייע מענטשלעכע דימענסיע פאַר זיין אַנטמענטשלעכטן העלד.

די אויסווירקונג פון נייעם ראָמאַן באַגרענעצט זיך ווייט ניט צו דער יונגער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור. זיין טעכניק איז אַריינגעדרונגען טיף אין דער גאַנצער פראַנצויזישער פּראָזע. דער דערפאָלגרייכסטער „יונג־ראָמאַניסט” איז היינט צו טאָג דווקא דער זיבעציק־יאָריקער לואי אַראַגאָן, דער אַמאָל איפעריקסטער פרייַדיקער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

נאָך טיפער, ברייטער און אויפרייסערישער ווי אין דער ליטעראַטור, האָט די היינטצייטיקייט זיך אַריינגעריסן אין טעאַטער. דאָס וואָס איז מיט קוים צוויי צענדליק יאָר צוריק געווען משונהדיקסטער אַוואַנגאַרד, איז היינט שיר־ניט קלאַסיק, די קלאַסיק פון מאָדערנעם טעאַטער. דער אַלגע־מיינער קען־צייכן פון אָט דעם טעאַטער איז: גורלדיקייט.

פונקט ווי די מאָדערנע מאַלעריי, מוזיק און ליטעראַטור, האָט אויך דער מאָדערנער טעאַטער איבערגעריסן מיט אַלע ביז איצטיקע פאָרמען־און־נאָרמען. ער האָט פאַרלייגט נייע יסודות (אָדער באַנייט גאָר אַלטע) פאַר דעם, וואָס שטעלט אייגנטלעך פאַר מיט זיך איין גרויסן מאַי־קאַ־משמע־לאָן, איין אומאויפהערלעכע וואַריאַציע וועגן גורל פון מענטשן אין דער געזעלשאַפט, וועגן גורל פון מענטשן אין דער וועלט. די מעדיטאַציע קאָן זיך אַנטוויקלען אין פאַרשיידענע ריכטונגען און אויף פאַרשיידענע פלאַכן: גרילצנדיקער געלעכטער פון לעבנס־אַבסורד אָדער פאַרטיפטע אינטעלעקט־טואַלישקייט, אַבסטראַקטע סימבאָלן פון אוניווערסאַלן פאַרס אָדער דירעקטע טראַגישקייט פון סוף־מענטש אין מיסטקאַסטן, עפּישע דראַיקייט, וואָס לאָזט איבער פאַרן צושויער אַליין צו געפינען דעם באַשייד אויף אַלע קשיות פון דער וועלט אָדער האַלוציגירנדיקע צערעמאָניעס, וואָס דאַרפן דעם צושויער אַזוי ווי אַריינציען אין אַ מין כשוף־קרייז.

די וועגן און מעטאָדן קאָנען זיין פאַרשיידענע, אָבער אומעטום לויערט די זעלבע אַנגסטיקע קשיה: מאַי־קאַ־משמע־לן, וואָס לאָזט אונדז צו הערן, דאָס לעבן פון מענטשן אין אונדזערע טעג?... דאָס איז דער אייגנטלעכער תוך פון דער גאַנצער היינטצייטלעכער קונסט, ליטעראַטור און טעאַטער.

ס׳וואָלט געווען אומזיניק צו זען אין אָט דער היינטצייטלעכקייט בלויז דעקאַדענץ און פאָרמאַליזם. אַוודאי פליסט דאָ ניט אַלץ פונעם זעלבן קוואַל און ניט אַלע קוואַלן זיינען פון דער זעלבער לויטערקייט. דער אימ־פּעטפולער שטראָם טראָגט מיט זיך, ווי אין אַלע צייטן, פיל שוים און שליים. אַוואַנגאַרדישקייט איז געוואָרן אַן ענין פון מאָדע און סנאָביזם און אויך דאָס איז אַלט ווי די וועלט. מען דאַרף קאָנען מאַכן אַ להבדיל, אָפּטיילן דאָס צופעליקע פונעם וועזנטלעכן, דאָס אויבערפלאַכלעכע פונעם קערנדיקן און דעם שוים — פון דער וואַסער־טיף. דורך אַלע שטורעמס און ברוי־זונגען, דורך אַלע שלאַכטן, דורכן אָפּפרעגן און פאַרלייקענען, דורכן פיינ־פולן זוכן פון נייע סימבאָלן און נייע אויסדרוק־מיטלען, דורך אַלע ליידנ־שאַפטלעכע וויכוחים — אָפט בכיוונדיק צו הויכע, מיט צו פיל פּאָזע, מיט צו פיל אָנשטעל — פירט אַ וועג צו באַנייאונג און דויער, אַ וועג פון היינטצייטלעכקייט צו איבערצייטלעכקייט.

אין די אַלע געוויטערס, אין די אַלע שלאַכטן, איז דער יידישער שרייבער, די יידישע ליטעראַטור, בדרך כלל — אָפּוועזנדיק, לחלוטין אָפּ־וועזנדיק. נאָך קיינמאָל, דוכט זיך, איז ניט געווען אַזאַ מהלך, אַזאַ אָפּגע־פרעמדקייט צווישן דער יידישער ליטעראַטור און דער וועלט־ליטעראַטור.

נאָך אונדזער גרויסן אומגליק, נאָך אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן, האָט

אונדזער ליטעראַטור, אַן אויסגעבלוטיקטע און אויסגעפּייניקטע, אַ פּאַרטויבּ־טע פון בלוט און טרערן, זיך איינגעשלאָסן אין זיך און — אין גרויסן און אַלגעמיין גענומען — אַזוי ווי זיך אויסגעשלאָסן פון צייט און וועלט.

מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דער זייגער פון דער יידישער ליטעראַ־טור (אויסער אפשר אין ראַטנפאַרבאַנד) איז, פּונקט ווי אַמאָל דער זייגער אין הויז פון אַ מת, אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ, טרעבלינקע און מאַידאַנעק. פון דאַן אָן זיינען די ווייזערס געבליבן אומבאַוועגלעך.

ס'איז פאַראַן אַן אַלטער יידישע מנהג — און אפשר איז עס אַ דין — אַז נאָך שבעה־זיצן, נאָך דער צייט פון אבילות שניידט מען אָפּ צווישן לעבן און טויט, ווייל לעבן איז הייליקער פון טויט. מען לאָזט ווידער אין גאַנג דעם אָפּגעשטעלטן זייגער, מחמת דער חשבון פון לעבנס־צייט, פון דער צייט וואָס געהערט דעם מאָרגן,טאָר ניט איבערגעריסן ווערן דורך קיין שום אומגליק פון נעכטן. אונדזער ליטעראַטור אָבער, אונדזער היינטצייטיקער יידישער שרייבער איז בדרך כלל — מיט ווייניקע אויסנאַמען — געבליבן פאַרמויערט אין נעכטן.

מער נאָך און מער אויפפאַלנדיק: אַפילו דאַן ווען די טעמאַטיק פון שרייבער שעפּט זיך ניט אויס מיטן נעכטן און ס'דערשיינט אין איר אויך, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, דער היינט, ווערט אָט דער היינט געשטאַלטיקט מיט קינסטלערישע מיטלען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן נעכטן. די פּראָבלעמען פון פאָרם, פון סטיל, פון אַרכיטעקטאָניק, פון שפּראַך אַפילו, אינטערעסירן ניט מער אונדזער שרייבער. ער איז באַהערשט און באַוועל־טיקט פון איין און איינציקער נאַגנדיקער פּראַגע: זיין אָדער ניט זיין. דערביי פאַרגעסט ער אָבער, אַז אויך דאָס זיין־אָדער־ניט־זיין איז אַ פונקציע פון כסדרדיקער באַנייאונג.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען די ליטעראַטור אין גאַנץ סאָוועטן־רוסלאַנד האָט געהאַלטן אין איין ברויזן און זידן, פּונקט ווי דאָס אַרומיקע לעבן, און נייע שיטות און שולעס און קליינלעך פלעגן יעדן טאָג געבוירן ווערן, כדי גלייך אויף מאָרגן צו פאַרשווינדן, האָט אַ צייט לאַנג געשמט אַ ריכטונג, וואָס האָט זיך גערופן „פּאַסעיסטן”. ווי אַ פּראָטעסט קעגן פוטוריזם און קעגן אַלע מינים אַנדערע „איזמען”, וועלכע האָבן, אין נאָמען פון דער צוקונפט, פאַרלייקנט און פאַרמשפּט אַן־בלאָק די פאַרגאַנגענהייט, האָט דער פּאַסעיזם דווקא צו אָט דער פאַרגאַנגענהייט (פּאַסעי, אויף פראַנצויזיש) תפילה געטאָן ביי־טאָג און ביינאַכט.

ס'מאַכט אַן איינדרוק, ווי אונדזער היינטצייטיקע יידישע ליטעראַטור וואָלט געווען באַהערשט פון אַ מין אויסטערלישן פּאַסעיזם. אַפילו די חורבן־טעמאַטיק, וואָס איז נאָך אַלץ אַ טייל פון אונדזער טראַגישן היינט, ווערט מיט דער צייט אַלץ זעלטענער. מיר פאַרטיפן זיך כסדר אַלץ מער אין נעכטן, אין אַמאָל, אין ערב־מבול.

זאָל זיין, אַז די יידישע ליטעראַטור פון אונדזערע טעג האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער היינטצייטיקייט, ווייל — די היינטצייטיקייט האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער יידישער ליטעראַטור?

ס'איז אמת: דער יידישער שרייבער האָט ס'רוב נישט מער היינט קיין דירעקטע השפעה, שוין ניט ריידנדיק וועגן שליטה, אויף אָט די כחות, וואָס זיינען די אַקטיווע בויער פון אונדזער צייטלעכקייט, אויף די יונגע דורות יידן, וואָס פאַרנעמען ניט מער זיין קול, מחמת זיי ריידן ניט און פאַרשטייען ניט אונדזער לשון, און ציען ניט מער פון אונדזער ליטעראַטור זייער גייסטיקע יניקה.

ס'איז בלי שום ספק: די יידישע צייטלעכקייט פון דער היינטיקער טראַגישער איבערגאַנג־תקופה, אין וועלכער מיר לעבן, ווערט געשטאַלטיקט אויסער דעם באַווירקונג־קרייז פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן שרייבער.

וואָס זשע איז אָבער דערפון געדרונגען?

אַוודאי קאָן מען „באַשטראָפן” די היינטצייטיקייט, וואָס שטראָפט אונדז אַזוי ביטער און אַזוי אומיושרדיק. זי איז אונדז מבטל? נו מילא, וועלן מיר זי אויך מבטל זיין און ניט זען זי און ניט הערן און זי איבערהיפּן און באַהעפטן זיך מיטן אַמאָל, מיט די אַלטע גוטע צייטן אָן פּראָבלעמען (יעדנ־פאַלס דוכט זיך אַזוי אויס פון דער ווייטן), מיט די צייטן ווען יידישקייט איז געווען גאַנץ און יידן זיינען געווען גאַנץ און יידיש איז געווען גאַנץ און יידיש לעבן און יידישע ליטעראַטור האָבן זיך אָנגעקערט ווי גוף און נשמה.

ס'איז זיכער גוט און וואַרעם אין אַ דורותדיק איינגעפונדעוועטער היים, אַלץ איז פעסט און סאָליד און אויסגעשטעלט לויט אַ סדר: עשירות און דלות און אוצרות שפּראַך און אוצרות שטייגער מיט טיפּאַזש — בויג זיך נאָר איין (ריכטיקער, שטרענג אָן דעם זכרון) און שעפּ מיט פולע הויפנס. טאָקע גוט, טאָקע וואַרעם, אָבער פּאָרט האָט פּרץ געוואָרנט: „אין ערגעץ ניט פאַרשטיינערט, אין ערגעץ ניט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ ניט בלייבן שטיין!”.

איז פאַראַן אַ צווייטער וועג: אַריינרייסן זיך אין דער היינטצייטיקייט און פּרוּוון זי באַוועלטיקן, הגם זי איז פליסיק און ברוזנדיק, ווי די לאַווע פון אַ פייער־שפּייענדיקן באַרג. נישט פאַראַן דאָ קיין שום פעסטער באָדן און קיין שום זיכערער אָנשפּאַר. נישט פאַראַן קיין ראַם פון שטייגער און אַפילו ניט פון שפּראַך. די העלדן, וואָס ריידן און טראַכטן אין בוך אויף יידיש, ריידן און טראַכטן באמת אויף רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, צי עברית. זייער יידיש איז קיין יידיש ניט און זייער יידישקייט — אין וואָס זייער יידישקייט באַשטייט, איז פאַר זיי גופא ס'רוב אַין גרויסער פּרעג־

צייכן. אָט דער פֿרעג־צייכן אָבער — צי עס געפֿעלט אונדז יאָ, צי עס געפֿעלט אונדז ניט — איז דער עיקר־שטריך פֿון דער ייִדישקייט פֿון אונדזער צייט, פּונקט ווי ער איז דער עיקר־שטריך פֿון אונדזער צייטלעכקייט בכלל. פֿאַר דעם דאָזיקן מאַי־קאָ־משמע־לאָן — דעם ייִדישן און מענטשלעכן צוגלייך — דאַרף, מוז די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור געפֿינען דעם געהעריקן קינסטלערישן תּיקון.

דער ייִדישער טעאַטער האָט לאַנג געגלויבט, אַז בכדי אַרויסצוקריגן זיך פֿונעם קלעם פֿון די כלערליי פּראָבלעמען און קאָנפֿליקטן, וואָס קומען אויף כּסדר אין לעבעדיקן אַרום, איז גענוג — צו אַנטלויפֿן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. אַנטלויפֿן דורך דער קלאַסיק, אַנטלויפֿן אויף אַלע אַנדערע אופֿנים, אַבי באַהאַלטן זיך אין נעכטיקע טעג. מען האָט זיך געפּלייסט נישט בלויז אָפּצושטעלן די צייט, נאָר זי צוריקדרייען, איינהאַלטן דעם גרויווערנדיקן צושויער אין דער וועלט פֿון זיין יוגנט, וואָס האָט אַלץ מער פֿון אים זיך דערווייטערט. דאָס האָט זיך געענדיקט מיט קאַטאַסטראָפֿע.

פֿון אַלע גורלדיקע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך אונדזער מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, איז דער פּראָבלעם פֿון היינטצייטיקייט צווישן די גורלדיקסטע, אויב נישט טאַקע — דער סאַמע גורלדיקסטער.

1968

יד־און־וועלט־פּראָבלעמען אין אונדזערע טעג

ווינטער־צייט 1968 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ניו־יאָרק. מעשה צופאַל האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך באַוועלטיקט און דערשיטערט ביז די טיפסטע טיפענישן, עפּעס, וואָס האָט אָגב מיט מיט אַמעריקע ניט געהאַט דעם מינדסטן שייכות.

אין ניו־יאָרקער יידישן מוזעאום איז געווען אָפן אַן אויסשטעלונג אַן אומגעוויינלעכע און אייגנציק־אַרטיקע. ס'איז ממש ניט מעגלעך געווען פון איר זיך אָפּצורייסן. די אויסשטעלונג איז געבראַכט געוואָרן פון ישראל — טיילנווייז, שטיקלעכווייז. געהייסן האָט זי — מסדה.

פאַראַן נעמען־דערמאָנונגען, וואָס בלויז זייער קלאַנג מאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ. צו זיי געהערט אויך דער נאָמען מסדה. אין די היילן פונעם מעכטיקן מדבר־פעלז, וואָס קוקט אַרויס צום ים־המלח, אין די שטיינערנע קאַזעמאַטן פון דער באַרג־פעסטונג מסדה — צי גאָר מצדה, צי מצודה — האָט מיט קאַרגע טויזנט ניין הונדערט יאָר צוריק זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער טראַגישער אַקאָרד פון דעם יידישן באַוואָפנטן קאַמף קעגן רוים.

אַ הייפל קנאים האָט זיך איינגעשלאָסן, מיט ווייב־און־קינד, אין פעלזיקן אָדלער־נעסט און אויסגעהאַלטן די באַלאַגערונג פון עטלעכע רוימישע לעגיאָנען. וויפל זיינען זיי געווען? אפשר אַ טויזנט. זיי האָבן געקעמפט מיט אומגעזעענער האַרטנעקיקייט און מסירת־נפש, ביז דער לעצטער מענטש־לעכער מעגלעכקייט. דערנאָך, בכדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון שונא, האָבן זיך אַלע גענומען דאָס לעבן, פון ערשטן ביזן לעצטן, ווידער מיט ווייב־און־קינד.

פון דאַן זיינען אַוועק יאָרהונדערטער און די זאַמדן פון מדבר האָבן אַלץ איינגעהילט, אַלץ פאַרדעקט און ביסלעכווייז פאַרווישט די שפּורן אַפילו פון דער אַמאָליקער פעסטונג, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין לויטער לעגענדע. ביז, מיט אַ יאָר פופצן צוריק, האָט אַן אמתע פאָלקס־באַוועגונג אין ישראל, פון טויזנטער און טויזנטער ענטוזיאַסטן, יונג און אַלט, זיך דערגראָבן, אונטער דער אָנפירונג פון אַרכעאָלאָגן, צו אָט־דעם לעצטן העלדישן באַס־טיאָן, צום לעצטן פראָנט־אָפּשניט פון די יידישע מלחמות אין אַלטערטום.

קיין ניו־יאָרק האָט מען נאַטירלעך דעם פעלז ניט געבראַכט. ס'זיינען געווען אויסגעשטעלט פאָטאָגראַפיעס, דאָקומענטן, היסטאָרישע רעקאָנסטרוק־ציעס. אויך אויטענטישע אויסגעגראָבענע חפצים — שווערדן, שטיקלעך געוואַנט פון קליידונג, קערנער און רעשטלעך פון באַשפּייזונג, סאַנדאַלן, צעפּ און צירונג פון פרויען, שפּילעכלעך פון קינדער.

אַ באַזונדערס דערשיטערנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט אַ הייל, וואָס איז מאַנטירט געוואָרן שטיין ביי שטיין. אַ טונקעלע הייל, מיט אויסגעהאַקטע שטיינערנע בענק, אינמיטן אַ הענגענדיקער קעסל איבער אַ שייטער. אויף די ווענט האָבן זיך געשפּרייט שוואַרצע שאָטנס פון רויך. אונטערן קעסל איז געלעגן, ווי נאָך פריש, אַ בערגעלע אַש. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן: אָט, גיב נאָר אַ ריר און באַלד וועט אויפלויכטן אינעם אַש אַ נאָך טליענדיקער פונק.

ס׳איז געווען מאָדנע אויסטערליש און פאַסצינירנדיק. מיטאַמאָל האָט זיך פאַרווישט, לחלוטין אָפּגעטאָן דער באַגריף פון ווירקלעכקייט און צייט.

ווען אייגנטלעך, ווען האָט אין דער הייל געפלאַקערט אָט דער שייטער? ווען זיינען אויף אָט די שטיינערנע בענק, אַרום פאַררויכערטן קעסל, געזעסן, פאַרקוקטע אויפן פייער, די העלדישע יידישע שלאַכט־לייט? זיינען באמת פון דאַן שוין פאַרלאָפן גאַנצע ניינצן יאָרהונדערט? איז עס ניט געווען ערשט נעכטן, ממש פאַר אונדזערע אויגן, בסך הכל מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק?

האָט דאָך ניט איינער פון אונדז געהאַט די זכיה צו דריקן די האַנט פון די לעצטע ניצול־געוואָרענע יידישע פרייהייט־קעמפער — טאַקע פון היילן, פון בונקערס פון קאַנאַלן! בין איך דאָך אַליין געשטאַנען, בלויז מיט איין־און־צוואַנציק יאָר צוריק, אויף דער כמעט נאָך וואַרעמער ערד פון מילא 18, ביי אַזוי פיל אויפגעריסענע היילן, אונטער די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ! און האָט דאָך דער שטאָב פון די געטאָ־אויפשטענדלער פאַרענדיקט דאָס לעבן פונקט אויפן זעלבן אופן, ווי די קנאים פון מסדה!

אונדזער נעכטן איז פאַרפלאָכטן מיטן היינט, צונויפגעהאָפטן — ניט אָפּצוטיילן און ניט אָפּצורייסן.

***

איז עס סתם אַזוי, לשם מליצה, לשם דראַמאַטישן עפעקט, אָט דאָס צונויפבינדן, אין אַן אַריינפיר, מסדה מיט געטאָ־אויפשטאַנדן? ניין. ביידע זיינען תוכיק, עיקרדיק פאַרן ענין „ייד־און־וועלט־פּראָבלעמען".

מסדה און געטאָ־אויפשטאַנד זיינען היסטאָרישע מייל־שטיינער. זיי זיינען פייער־זיילן, וואָס גלייכצייטיק שליסן זיי אָפּ תקופות און עפענען ניי־ע תקופות אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. ביידע דערשיינען, אין היס־טאָרישער פּערספּעקטיוו, ווי גרויסע טראַגישע סימבאָלן — סימבאָלן גלייכ־צייטיק פון סוף און פון אָנהייב, פון אומקום און אויפגאַנג, פון אומאויפ־הערלעכער, איינציקאַרטיקער אומוואַנדלונג און באַנייאונג.

דער פּראָבלעם „ייד־און־וועלט", אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, איז אויפגעקומען ערשט מיט מסדה, ריכטיקער, נאָך מסדה, נאַטירלעך, סימ־באָליש גענומען. פריער איז בכלל שווער אַזאַ פּראָבלעם צו געפינען. ס׳זיינען געווען פּראָבלעמען: ייד־און־גריך, למשל, ייד־און־רוימער, ס׳הייסט פון קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פעלקער און קולטורן, אָפט טאַקע אין בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון איין און דעם

זעלבן לעבנס־קרייז, פונעם געשיכטלעכן קרייז פון דער מיטללענדישער ציוויליזאַציע.

ס׳איז ניט געווען, ביז מסדה, קיין פּראָבלעם „ייִד־און־וועלט״ פּונקט ווי היינט איז ניט פאַראַן קיין פּראָבלעם „פראַנצויז־און־וועלט״, אָדער „איטאַליענער־און־וועלט״, הגם ס׳איז יאָ פאַראַן אַ פּראָבלעם „פראַנצויז־און־איטאַליענער״, וואָס האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגענומען מער אָדער ווייניקער שאַרפע פאָרמען. צווישן ייִד און וועלט איז ניט געווען קיין שום אינערלעכער ווידערשפּרוך, וואָס זאָל קעגנשטעלן איינעם, ווי אַ כלל, קעגן צווייטן, ווי אַ כלל, וואָס זאָל זיי פונאַנדערטיילן מיט אַ תוכיקער, קוואַליטאַטיווער מחיצה. זייט ביי זייט מיט אַנדער פעלקערשאַפטן, מיט אַנדערע קולטורן, מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אייגנאַרטן, איז דער ייִד — מיט זיין קולטור, מיט זיין וועלט־באַנעם, מיט זיין נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אייגנאַרט — געווען, הגם אין אומאויפהערלעכן פאַרמעסט, אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל, אַ פולבאַרעכטיקטער גליד פון דער דעמאָלטיקער מיטללענדישער קולטור־וועלט.

און אָט, נאָך מסדה, ס׳הייסט נאָכן חורבן בית־שני, ביים סוף פון די לאַנגע, האַרטנעקיקע מלחמות קעגן רוים, קומט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש און אומגעווייטלעך, נישט בלויז אין דער ייִדישער געשיכטע, נאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע, בכלל: אַ פאָלק הייבט אָן זיך שיידן מיט וועלט. ייִד און וועלט הייבן אָן זיך פונאַנדערגיין, ווי געגעט דורך אַ בלוטיקן גט. שיידן זיך מיט וועלט אָבער, נישט בכדי אַראָפּצוגיין פון דער געשיכטלעכער אַרענע, נישט בכדי אויפצולייזן זיך און פאַרשווינדן, ווי אַזוי פיל אַנדערע פעלקער און פעלקערשאַפטן פון אַלטערטום (און אַגב ווי, פריער, גאַנצע טיילן פון ייִדישן פאָלק גופא). דווקא קאַפויער! דאָס אָפּשיידן זיך פון וועלט איז אויסן געווען צו באַקרעפטיקן און באַפעסטיקן דעם אייגענעם ווייטערדיקן קיום. דאָס אויסשליסן זיך פון דער אַלגעמיינער געשיכטע האָט געדאַרפט פאַרזיכערן דעם המשך, דעם אייגענעם געשיכטלעכן דויער, דורך צייטן און דורות.

אין די דרייסיקער יאָרן, נאָענט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג דאָס באַרימטע ליד פון יעקב גלאַטשטיין: „אַ גוטע נאַכט, וועלט״... אין די צייטן פון מסדה האָט דאָס ייִדישע פאָלק, צום ערשטן מאָל, געזאָגט אַ גוטע נאַכט דער וועלט און זיך אויסגעדרייט צו דער וועלט מיטן רוקן.

מען דאַרף אונטערשטרייכן: דאָס ייִדישע פאָלק, ווי אַזעלכעס, ווי אַ כוללדיקע געשיכטלעכע גאַנצקייט. ייִדן — יחידים, גרופּן אַפילו, סעקטעס, חברות, האָבן לאַנג פריער שוין גענומען זיך אָפּקערן פון וועלט. זייער גאַנג אָבער איז געווען נישט לשם קיום פון ייִד, נאָר לשם קיום פון מענטש. אַזוי, למשל, האָבן די איסיים זיך אָפּגעקערט פון דער וועלט פון רשעות און גזלה און פאַרקליבן זיך אין מדבר־יהודה און דאָרט געשאַפן ברידערלעכע געמיינשאַפטן — די ערשטע, דוכט זיך, אויטענטישע קאָמונעס אין

דער וועלט־געשיכטע — בכדי צו לעבן פון ערלעכער אַרבעט, אין ריינקייט פון גוף און נשמה, אין הויכער מאָראַל און יראת־שמים. אויף אַזאַ אופן האָט געדאַרפט דערגרענטערט ווערן די שעה פון דערלייזונג — פון דער דערלייזונג פון מענטש. דאָ איז דער פּראָבלעם געווען: נישט ייד־און־וועלט, נאָר מענטש־און־וועלט. אויף אָט דעם אייגנאַרטיק־אוניווערסאַ־ליסטישן יידישקייט־צווייג האָט קורץ דערנאָך אַרויסגעשפּראָצט — דאָס קריסטנטום.

דער רוב מנין פון יידישן פאָלק איז אַוועק מיט אַ צווייטן געשיכט־לעכן גאַנג, מיטן דרך פון קיום האומה. נאָך מסדה איז געקומען יבנה, און אפשר גלייכצייטיק. דערציילט דאָך די לעגענדע, אַז רבי יוחנן בן זכאי איז אַנטרונען פון ירושלים בעת די שטאָט איז נאָך געווען באַלאַגערט און שלאַכטן זיינען אָנגעגאַנגען אַרום די מויערן.

יבנה האָט באַטייט איבערוואַרטונג פון אַלע ווערטן. ניט בלויז איז מען מוותר געווען אויף פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט — וואָס איז פון לאַנג שוין געהאַט געווען פאַרלוירן — נאָר אויך אויף מלוכהשאַפט גופא, אויף יעדן פּרינציפּ פון ערדישער מאַכט, אויף אַלע נאָרמעס פון פאָל־קישער געמיינשאַפטלעכקייט ווי ביי כל הגוים. יבנה האָט באַטייט קוואַלי־טאַטיווע אַנדערשקייט, געוואַלט־ריס צווישן ייד און וועלט.

דער ריס איז געוואָרן אַלץ שאַרפער, דער ווידעראַנאַנד אַלץ מער פאַרטיפט, מיט די כסדר נייע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס. דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד און איז אַוועק אויף נע־ונד. ס'האָט זיך אָפּגעטאָן דער רעאַלער באָדן פון אונטער די פיס, ס'איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן יעדער מין ערדישער סובסטראַט. די איינציקע נאַציאָנאַלע רעאַליטעט האָט געוואָרצלט אינעם גייסטיק־רעליגיעזן. אין פרעמדער און פיינטלעכער סביבה האָט דער מערקווירדיקער היסטאָרישער לעבנס־אינסטינקט זיך געשיצט מיט פאַנצער אויף פאַנצער, מיט סיג און מיט גדר.*

דער אוניווערז פון ייד האָט, מיט וויניקע אויסנאַמען — דער איס־לאַמישער מיטלאַלטער למשל — זיך באַוועגט אין אַן אַלץ מערער און אַלץ ענגער אָפּגעשלאָסענעם קרייז. יעדער צונויפטרעף מיט וועלט האָט באַטייט שאַרפער צוזאַמענשטויס, טראַגישע קאָליזיע, וואָס האָט ס'רוב זיך פאַר־ענדיקט מיט קאַטאַסטראָפע. אָבער אַפילו דער באו מים עד נפש האָט ניט באַוויזן אויפצורייסן די איינגעשלאָסנקייט, נאָר אַדרבא, זי נאָך שטאַרקער צונויפגענומען און אינערלעך פאַרפעסטיקט.

די ענווים זיינען געוואָרן סובלימירט און איינגעהילט אין קדושה. דער וועלט פון רשעות, פון שייטערהויפן און בלוט, האָט דער ייד־אוניווערז קעגנגעשטעלט זיין ברענענדיקע בענקשאַפט נאָך גאולה, נאָך ביאת־

* סיאַג, גדער — צוים, פּלויט.

המשיח. שלעכטס קאָן נישט האָבן קיין האָפּס. פריער צי שפּעטער, וועט די קעניגרייך פון סמאל מוזן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן מלכות שדי.

אויב מסדה איז געווען דער טראַגישער „אַ גוטע נאַכט דיר, וועלט", דער אָנהייב פון צעשיידונג, פון אויסדרייען זיך מיטן רוקן, פון אַוועקגיין אויף לאַנגע יאָרהונדערטער, איז די עפּאָפּייע פון די געטאָ־אויפשטאַנדן — דער אויסדרוק פון צוריקקער.

אין נייע היסטאָרישע באַדינגונגען, אין אַ נייער רעאַליטעט, וואָס האָט מיט איר גרויזאַמקייט ווייט איבערגעשטיגן אַלע אַלטע אומקום־מיסטעריעס, האָט אַ פאָלק, צווישן פאַלנדיקע ווענט און אָפּגייענדיק מיט בלוט, אָנגעזאָגט דער וועלט: „עס וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זיינען דאָ..."

עפּעס זייער וועזנטלעכס און עיקרדיקס האָט, במשך פון לעצטן יאָרהונדערט, זיך געענדערט אינעם ייד־אוניווערז; ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער מין גאַנג, אויף אַ נייעם מין קידוש־השם, פאַרן כבוד — צוגלייך! — פון ייד און פון מענטש, פאַר דער דערלייזונג — גלייכצייטיק! — פון ייד און פון וועלט. אָנשטאָט דער לחלוטינדיקער סתירותדיקייט — גורל־געמיינשאַפט, געמיינזאַמער תיקון. בפירוש, „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט".

ס'וואָלט אַוודאי געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז אָנשטאָט דעם אַמאָליקן „אַ גוטע נאַכט", האָט עס באַטייט „גוט מאָרגן דיר, וועלט". דער פּייזאַזש איז געווען אַ צו גרויזאַמער, אַ צו מאַוימדיקער, עס זאָל קאָנען קומען גרוס־און־ברכה פון די ליפּן. אָבער האָבן די געטאָ־אויפשטענדלער וואויל געוואוסט, אַז כמעט קיינער פון זיי וועט צום מאָרגן נישט דערלעבן.

אין „עלעקטראַ", אַ קרוין־ווערק פון פראַנצויזישן דיכטער און דראַ־מאַטורג זשאַן זשיראַדו, פרעגט אַ העלד:

„ווי רופט מען די שעה, ווען באַלד דאַרף ווערן טאָג, אָט ווי איצטער, און אַלץ איז צעשטערט און אַלץ ליגט אין חורבות — און דאָך, די לופט אָטעמט זיך מחיהדיק לייכט — און די שטאָט ברענט און אומשולדיקע ווערן אויסגעקוילעט און רוצחים גוססן אין אַ ווינקל פון דער נאַכט?"

און מען ענטפערט אים: „די שעה האָט זייער אַ שיינעם נאָמען. זי הייסט — ערב־באַגינען".

די געטאָ־אויפשטאַנד־עפּאָפּייע איז געווען דער סימבאָלישער ערב־באַגינען פון אונדזער צוריקקומען צו וועלט, ווי אַ פאָלק.

דעם „גוט־מאָרגן דיר, וועלט!" האָט זוכה געווען צו זאָגן, מיט אַ פריידיקן שמייכל, בלויז מיט פינף יאָר שפּעטער, די ניי־אויפגעקומענע יידישע מדינה.

***

דער אויסטערלישער, אומגעווײנלעכער גורל פונעם ייד האָט נאַטירלעך געמוזט רייצן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. וואו שטעקט דער סוד פון אָט

דעם עם־קשי־עורף, האָט זיך געפרעגט און האַלט ווייטער אין איין פרעגן — די וועלט.

סעאָריעס האָט מען געפּרוּווט שאַפן אַן אַ צאָל: אידעאַליסטישע, מאַטעריאַליסטישע, מעטאַפיזישע, פּאָזיטיוויסטישע און נאָך און נאָך, צומאָל אינטערעסאַנטע, פּאַרטיפּטע און ווערטופלע. אָרום און אַרום אָבער, אַפילו דאַן, ווען די השערות דערנענטערן זיך אַממערסטן צו דער ווירקלעכקייט, נעמען זיי אַרום ס׳רוב בלויז אַ טייל פון איר, בלויז געוויסע כאַראַקטער־שטריכן אירע.

פאַקטיש איז דער יידישער קיום, מיט דער איינציק־אַרטיקייט פון זיין היסטאָרישן גורל, ניט בלויז געווען, נאָר איז אויך ווייטער פאַרבליבן, לכל הדעות אין אַ גרויסער מאָס, אַ ניט אויפגעקלערטע רעטעניש, שיר־ניט אַ מין בייז־וואונדער, פאַר באַדייטנדיקע טיילן פון דער ניט־יידישער וועלט.

מען דאַרף אָבער למען האמת צוגעבן, אַז ניט בלויז ביי דער וועלט, נאָר אויך ביים ייד גופא איז וועזנטלעך פאַראַן עפּעס־וואָס (און אָפט זייער פיל) פון אָט דעם וואונדער־צוגאַנג צום אייגענעם קיום. ניט, חלילה, בייז־וואונדער, אָבער דאָך — וואונדער. מיר זיינען בלי ספק דאָס קלאַסישע פאָלק פון נסים. אויפן געביט פון על־הנסימדיקייט האָבן מיר געשלאָגן אַלע וועלט־רעקאָרדן. דאָס איבערנאַטירלעך־וואונדערלעכע האָט, במשך פון דורות און דורות, דורכגעדרונגען אונדזער פּסיכיק, אונדזער אַרט דענקען, אונדזער שפּראַך אַפילו. דאָס איז חל ניט בלויז אויף ווייטער געשיכטלעכקייט, נאָר אויך אויף דירעקטער, אוממיטלבאַרער, פּשוטער טאָג־טעגלעכקייט. קיינער, דאַכט זיך, אויף גאָר דער ערד, לעבט ניט אַזוי מיט נסים און פון נסים, ווי אַ ייד.

אין אַ פאָרם, וואָס איז צומאָל גראָטעסק און ס׳רוב טיף טראַגיש — אַגב, איינס שליסט ניט אויס דאָס צווייטע — דערשיינט פאַר אונדז אַזוי אַרום איינער פון די עיקר־פאַלגן פונעם אויסשליסן זיך פון דער וועלט־אַרביטע. נסימדיקייט הייסט — אַפּרייסן זיך לחלוטין פון יעטוועדער גע־זעצמעסיקייט, פון יעדן חוש און במילא פון יעדן אחריות־געפיל פאַר מעג־לעכקייט און אוממעגלעכקייט. דער פיל־הונדערטיאָריקער ווידעראַנאַנד ייד־און־וועלט האָט אין אוניווערז פון ייד אַרויסגערופן אַ טראַנספער פון רע־אַליטעט צו כולו פאַנטאַסטיק. מער נאָך, די אַרומיקע רעאַליטעט איז פאַר־לייקנט געוואָרן, האָט בכלל פאַרלוירן יעדע ממשות.

אין זיין בוך „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער", ברענגט אברהם גאָלאָמב אַ כאַראַקטעריסטישן וויץ (און אַ יידישער וויץ, זאָגט ער, איז ווי להבדיל אַ תורה). אַ רב אין אַ שטעטל האָט אַמאָל דערהערט, אַז ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן אַ מלחמה. רופט ער זיך אָפּ געלאַסן צו זיין עדה: „וואָס, די גוים שלאָגן זיך שוין ווידער?! קומט, יידן, לאָמיר גיין לערנען אַ בלעטל גמרא".

אַריינטאָן זיך אין יידישקייט האָט באַטייט — אויסטאָן זיך פון וועלט. די אָפּקלאַנגען פון וועלט זיינען צום ייד דערגאַנגען ווי פון אַ צווייטער

פלאַנעטע — אויסער ווען זיי האָבן זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט מיט אַ מבול פון פייער און בלוט. און אויף אָט די אָפּקלאַנגען האָט ער רעאַגירט — טאַקע ווי פון אַ צווייטער פּלאַנעטע, אָדער לכל הדעות, ווי פון צווישן־אַסטראַלע מרחקים, אויף וועלכע די ערד־אַטראַקציע איז מער ניט חל.

עס איז אונדז אַלעמען לעצטנס אויסגעקומען צו זען, אין טעלעוויזיע, די קאָסמאָס־פליער, מיט זייערע משונהדיקע, אומגעלומפּערטע באַוועגונגען. ניט געגאַנגען, נאָר עפּעס ווי געשוואומען, ווי געשוועבט. פּונקט אַזוי איז געזעסן דער ייד אין זיין איינגעשלאָסענעם אוניווערז, ווי אין אַ קאָסמישער קאַבינע, און די באַוועגונגען פון פליער זיינען געווען מאָדנע פאַנטאַסטישע, נישט אַדעקוואַטע, אָן קיין שום פיזישן אַטראַקציע־צענטער, אָן קיין שום אָנשפּאַר און ממשות.

ס'איז, אויב מען וויל, אַבסאָלוטע בטלנות — מיט איין מאָך מיט דער האַנט זיינען אין בית־מדרש, הינטערן אויוון, פאַרניכטעט געוואָרן די מעכטיקסטע וועלט־אַרמייען, געוואונען אָדער פאַרשפּילט די געוואַלדיקסטע וועלט־שלאַכטן.

ס'איז, אויב מען וויל, אַבסאָלוטע פאַנטאַסטיק — מען ווייסט טאַקע ניט, וואָס עס טוט זיך צוויי טריט הינטערן אייגענעם געבוירן־שטעטל, אָבער דערפאַר קען מען אויף אויסנווייניק די טאָפּאָגראַפיע פון ירושלים און דעם וועג צו דער מוטער רחלס קבר; מען איז טאַקע מבטל די נאַטור־שמאַטור, מחמת ס'איז אָן עבירה צו זאָגן „ווי שיין איז דער בוים״, אָבער מען לעבט אָפּ אַ לעבן לאַנג, אין דמיון, אונטער די צעדערן פון לבנון און אינעם שאָטן פון אייגענעם פייגנבוים און וויינגאָרטן.

און דערווייל, דערווייל — אין דער ענגער, הערמעטיש־געשלאָסענער צווישן־קאָסמישער קאַבינע פונעם ייד־אוניווערז — בעת דורות־לאַנג, יאָר־הונדערטער־לאַנג, האָבן מוחות געהאַלטן אין איין שלייפן זיך און דער דמיון אין איין פלאַקערן, דערווייל זיינען גופים געוואָרן אַלץ מער איינגעדאַרט און רוקנס אַלץ מער אויסגעקרימט. אונדזערע משהלעך־שלמהלעך, אונטער די גרינינקע בוימעלעך, האָבן, אויסער ציצית־קאַפּאָטקעלעך־פּיאהלעך, פאַרמאָגט שוין בלויז איינס נאָר — אויגעלעך... „מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך, פאַר אייערע כשרע אויגעלעך...״

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אָט פון די זעלבע משהלעך־שלמהלעך, וואָס זיינען געווען שוין הוילע רוחניות און האָבן קיין גוף שוין כמעט ניט פאַרמאָגט, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז פון זיי דווקא זיינען עס אַרויסגעוואַקסן, בסך־הכל אַ דור צי צוויי שפּעטער קעמפער אויף אַלע פרייהייט־באַריקאַדן פון דער וועלט און פירער פון וועלט־רעוואָלוציעס, בויער פונעם ישראל־ווערק און העלדישע שלאַכט־לייט אין די גרעסטע אַרמייען, כלערליי אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען און אינזשינערן אויף אַלע קאָנטינענטן, שוין ניט ריידנדיק וועגן צוים־ברעכער אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן גייסט — וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט און טעכניק — ווען מען דערמאָנט זיך וועגן דעם אַלעמען, קומט אויף נאָך מער באַשיינפּערלעך די אומ־

געהויערקייט פונעם געשיכטלעכן קפיצת־הדרך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַרן לעצטן יאָרהונדערט.

***

די תקופה, וואָס היסטאָריקער באַצייכענען זי געוויינלעך מיטן נאָמען מיטלאַלטער, האָט ביי אונדז געדויערט פיל לענגער, ווי ביי די אומות העולם. אונדזער ניי־צייט איז דעריבער געקומען ראַשיקער, שטורעמדיקער, מער דוגער־און־בליציק. די אויפטרייסלונג איז געווען טיפער און דער ריס צווישן דורות שאַרפער. די נייע, מאָדערנע, וועלטלעכע יידישקייט איז געבוירן געוואָרן אין פאַרביסענע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן. אַלע אַלטע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־נאָרמען האָבן געמוזט פאַרלייקנט ווערן, אויפ־געבראָכן ווערן. מען האָט געמוזט זיך אָפּרייסן פונעם עבר־נאָפּל, אַזאַ איז דאָס געזעץ פון לעבן, פון געמיינשאַפטלעכן פונקט ווי פון יחידישן. ערשט נאָכן תחילתדיקן ווידערשפעניקן, נאָכן לחלוטינדיקן פאַרלייקענען, האָט געקאָנט שפּעטער קומען געשיכטלעכער סינטעז צווישן אַלט און ניי, כוללדיקייט און גאַנצקייט.

דאָס איז געווען דער גרויסער היסטאָרישער שאַנס פון אונדזער פאָלקס־באַנייאונג און אויסגעטראָגן האָט אים דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום.

די גאַנצע שטוינענדיקע דינאַמיק פונעם היינטיקן יידישן לעבן אין גאַר דער וועלט — און קודם־כל אין מדינת ישראל — שטאַמט דירעקט פון די גרויסע מאַסן־ישובים אין מזרח־אייראָפּע, וואָס זיינען אַזוי טראַ־גיש פאַרמינערט געוואָרן בעת לעצטן חורבן. אָט דעם אימפּעט, דעם שוואונג, דעם כסדרדיקן אַלץ־העכער־און־העכער האָבן געבראַכט מיט זיך די יונגע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די מזרח־אייראָפּעאישע ישובים. די מאָדערנע יידישקייט איז אינגאַנצן זייער ווערק, דאָס ווערק פון יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש. דאָס האָבן זיי אויסגעטראָגן דעם מאָדערנעם יידישן געדאַנק, די נייע יידיש־וועלטלעכע קולטור, אין יידיש און העברעאיש. זיי אויך, און ניט קיין אַנדערע, האָבן איבערגענומען די זאָרג פאַרן פאָלקישן גורל און דעם עול פאַר דער צו־קונפט פון פאָלק.

דאָס איז אַגב נאַטירלעך, מער נאָך — דאָס איז בפירוש אַ פאָרמאַ־נענטע דערשיינונג אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. דעם עול פון נאַציאָ־נאַלן קיום האָט ביי אונדז, פון די עלטסטע צייטן אָן, אויסגעטראָגן, בלויז און איינציק, די האַרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסע פון שטאָט און דאָרף און די פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס איז מיט איר געווען פאַרבונדן. די יידישע גביראָקראַטיע, דער יידישער אָדל, די אויבערשטע־צען־טויזנט זיינען תמיד געווען קאָסמאָפּאָליטיש און נאַציאָנאַל־גלייכגילטיק.

פון די „העלעניסטן"־אַריסטאָקראַטן בעת דער גריכישער הערשאַפט, פון די צדוקים אין די צייטן פון רוים, ביז צום גרויס־בורזשואַ פון נאַ־

פּאָלעאָנס „סנהדרין״, דעם שפּאָגל־נייעם פראַנצויז פון משה רבינוס גלויבן, ביז צו די יאַהודים פון דער „וויסנשאַפט דאָס יודענטומס״ און ביז צום יידיש־רוסישן, צי יידיש־פּוילישן מאַגנאַט, וואָס האָט שטילערהייט אַפילו אַ ביסעלע זיך אונטערגעשמדט — ציט זיך איין און דער זעלבער היסטאָרישער פאָדעם. דאָס איז איינע און די זעלבע היסטאָרישע שיטה.

קעגן אָט דער שיטה האָט זיך פאַרנומען דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק, אין אַלע זיינע שאַטירונגען — סאָ־ציאַליזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, קאָמוניזם, פאָלקיזם, יידישיזם, — און האָט ממש אַנגעצונדן די אומגעהויערע רעזערוון פון פּאָטענציעלער נאַ־ציאָנאַלער ענערגיע, וואָס האָבן דורות־און דורות־לאַנג געדרימלט אין די טיפעניש פון פאָלק.

אַדאַנק אָט דער נייער, מאָדערנער יידישקייט איז דאָס יידישע פאָלק, במשך פון לעצטן יאָרהונדערט, געוואָרן אַ וועלט־פאָלק. אַדאַנק דער נייער, מאָדערנער יידישקייט האָט געקאָנט אויפקומען די יידישע מדינה. דערשיינט במילא דער פּראָבלעם ייד־און־וועלט אין אַ וועזנטלעך נייעם ליכט.

ייד — ס׳איז אַ נייער ייד, אַ גרויסשטאָטישער, אַ גרויסוועלטישער, וואָס אָטעמט מיטן אָטעם — גוט, צי שלעכט — פון די גרעסטע וועלט־מעטראָפּאָליעס פון אַמעריקע און אייראָפּע.

וועלט — אַ מאָדערנע וועלט — גוט, צי שלעכט, אָבער מיט אַ ציווי־ליזאַציע און טעכנאָלאָגיע, וועגן וועלכע מ׳האָט קוים געקאָנט טרוימען מיט בסך־הכל עטלעכע יאָרצענדליק פריער.

ניט בלויז איז פאַרשוואונדן די אַמאָליקע מחיצה צווישן ייד און וועלט. פיל מער: קיינמאָל דוכט זיך, אין אונדזער גאַנצער געשיכטע, איז ניט געווען אַזאַ קעגנזייטיקע באַרירונג, אַזאַ קעגנזייטיקע דורכדרינגונג צווישן ייד און וועלט.

און וואָס איז אייגנטלעך דער וואונדער?! אָט זיינען ניט לאַנג צוריק מענטשן געפלויגן אַרום דער לבנה. פון די אַסטראַלע מרחקים האָבן זיי געקוקט אויף אונדזער ערד און זי פאָטאָגראַפירט, צום ערשטן מאָל זינט מענטש איז מענטש. דער גאַנצער אוניווערז איז ווי קלענער געוואָרן, עפּעס ווי איינגעשרומפּן. דער באַגריף גופא פון דיסטאַנץ ווערט בהדרגהדיק פאַרווישט. ס׳זעט אויס מער ווי נאַטירלעך, ווען עס שמועסן צווישן זיך גלייכצייטיק, דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע, פּאַריז און מאָסקווע און ניו־יאָרק און ירושלים, און קאַירא און טאָקיאָ. די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע האָט בטול געמאַכט ניט בלויז גרענעצן צווישן לענדער און פעלקער, זי האָט אויפגעריסן אויך און אַריינגעריסן זיך אין גבול פון יחיד. דער מאָ־דערנער מענטש ווערט אַלץ מער און מער אַ וועלט־בירגער — אין גוטן, אָדער ווייניקער גוטן זין פון וואָרט. דאָס וואָס איז חל אויפן מאָדערנעם מענטשן בכלל, איז חל אויך, נאַטירלעך, אויפן מאָדערנעם ייד.

דאַרף מען זיך פרייען דערמיט? דאַרף מען אויף דעם טרויערן? מען

דאַרף עס קודם כּל פעסטשטעלן און פאַרגעדענקען. מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דער ענדגילטיקייט און אומווידערדרופלעכקייט פון די היס־טאָרישע פּראָצעסן, וואָס האָבן איבערגעשטאַלטיקט דאָס יידישע לעבן פון אונדזער תּקופה.

עס איז נישטאָ און וועט מער נישט זיין קיין אָפּגעשלאָסענער יידן־אוניווערז. אונדזער פאָלק האָט זיך ווידער איינגעשלאָסן אין וועט־געלויף פון וועלט.

**
*

די לעצטע יאָרן פּרוּוון יידישע דענקער צונויפשטעלן אַ מין היס־טאָרישן באַלאַנס: האָט זיך עס געלוינט — אויסצובייטן דעם אַלטן איינ־געפּונדעוועטן שטייגער, די דורותדיקע איינגעוואָרצלטע שטעטלשע קולטור, דאָס רייך־אייגנאַרטיק יידיש לעבן? אויסבייטן — אויף וואָס?! זיינען מיר אַמאָל ניט געבליבן, אין דער אונטערשטער שורה, קיין פאַרשפּילטע, הן אין יידישקייט און הן אין מענטשלעכקייט?

איז די שאלה בלי ספק אַ שאלה און מען קאָן זיך באַמיען צו פאַר־ענטפערן זי מיט פאַרשיידענע תּשובות, איינע אינטערעסאַנטער און גייסט־רייכער פאַר דער צווייטער. דער גאַנצער וויכּוח וועט אָבער בלייבן ניט מער ווי וויכּוח, וואָס איז ניט מסוגל צו באַאיינפלוסן, אין דער סאַמע קלענסטער מאָס, די ווירקלעכקייט פונעם היינט און פון מאָרגן און אונד־זער ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג.

מחמת וואָס הייסט עס בכלל — צי האָט זיך עס געלוינט? זיינען מיר דען געגאַנגען האַנדלען אַ מציאה אויפן מאַרק פון יידישער און וועלט־געשיכטע און האָבן לאַנג געוואויגן און לאַנג געמאָסטן, אָבער שלעכט אָפּגעוואויגן און שלעכט אָפּגעמאָסטן? האָט זיך דען די נייע צייט ניט אַריינגעריסן ווי אַ שטורעם־ווינט אין אונדזער אָרעמער און פינצטערער גאַס? געוויס, זינט אונדזער שטאָט — שיר ביט מיט אונדז אַלעמען צוזאַמען — איז אויף אַש אַוועק און פלאַמען, קוקן מיר מיט אַנדערע אויגן אויף די טראַגיש־פּוסטע, שוואַרץ־אָפּגעברענטע ווענט. פאַרמינערט עס אָבער די ריכטיקייט פון פּרצעס ווערטער: „נישט לופטיק איז אונדזער שטוב גע־וועזן, אַ פענצטער אין איראָפּע אַריין אויפרייסן האָט מען געמוזט”?

איז בפירוש גוט געשען, וואָס דאָס פענצטער איז אויפגעריסן געוואָרן. ס'איז גוט געשען, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערער אויפברויז האָט גרינטלעך באַנייט דאָס גאַנצע יידישע לעבן.

מיר דאַכט, אַ פרומער גלויביקער ייד וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זען אַ פינגער פון גאָט און דאַנקען די השגחה עליונה פאַר אָט דער באַניי־טער און מאָדערניזירטער יידישקייט. דאָס האָבן דאָך דווקא אָט די יינגלעך עזות־פּנימער, וואָס פלעגן רויכערן פּאַפּיראָסן אום שבת און עסן חזיר אום יום־כּיפּור, דאָס האָבן דווקא זיי דאָך — און נישט קיין אַנדערע — געלאָזט זיך טריקענען די זומפּן און אויסהאַקן שטיינערנע וועגן אין ארץ־ישראל! דאָס האָבן זיי דאָך געמאַכט פון אונדז אַ וועלט־פאָלק! דאָס האָבן

אויך זיי אַגב אויפגעבויט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פּאַר־איניקטע שטאַטן, אויסגעפורעמט דאָס דאַרטיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן און געשאַפן די סטרוקטורעלע באַזע פאַרן היינטיקן זעקס־מיליאַניקן אַמעריקאַנער יידישן ישוב.

ווען דער חורבן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה וואָלט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אונדז מיט פופציק יאָר פריער, וואָלט חלילה קיין שריד ופליט פון אונדזער פאָלק ניט פאַרבליבן.

בלי ספק, פאַרן פּראָצעס פון מאָדערניזירונג, פּאַרוועלטלעכונג און אורבאַניזאַציע האָבן מיר באַצאָלט אַ הויכן פּרייז. מיר האָבן באַצאָלט — און וועלן נאָך ווייטער צאָלן — מיט אַ סך צעשטויבונג פון נאַציאָנאַלער סובסטאַנץ. דאָס איז אָבער אַן אומפאַרמיידלעכקייט ביי יעדער היסטאָרישער אומוואַנדלונג, ווען אַלטע לעבנס־פאָרמען ווערן פאַרביטן דורך נייע.

מיר זיינען איצט אין אַן איבערגאַנג־צייט. אַ גרויס און טראַגיש קאַ־פּיטל יידישע געשיכטע איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן און אַ ניי קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן. ווער קאָן עס פאָראויסזען, ווער קאָן עס פאָראויסזאָגן גענוי, ווי אַזוי דאָס נייע קאַפּיטל וועט זיך איינשרייבן אין ספר הזכרונות פון אונדזער פאָלק? נאַטירלעך איז וויכטיק דער סך־הכל: וויפל זיינען אוועק, ווער איז אוועק... דער ענין איז אָבער נישט קיין קוואַנטיטאַטיווער, נאָר אַ קוואַליטאַטיווער. דאָס וואָס דעצידירט אין יעדער געגעבענער תקופה, איז די ספּעציפיק פון די ניי־געשאַפענע היסטאָרישע כוחות־פאַרהעלטענישן, זייער כאַראַקטער און מהות, זייער פּאָטענץ פּראָיעצירט צו ווערן אין דער צוקונפט, בכדי צו פאַרזיכערן המשך און קיום.

עס איז קלאָר, אַז דאָס עצמדיקע, וואָס כאַראַקטעריזירט די נייע תקופה, דאָס נייע קאַפּיטל יידישע געשיכטע, איז דער אויפקום פון יידישער מלוכהשקייט, ברען־פונקט פון צונויפטרעף צווישן ייד און וועלט, ברען־פונקט אויך פון צוזאַמענשטויס צווישן דמיון און קאָנקרעטקייט, צווישן מיסטיק און רעאַליטעט.

***

וואָס באַטייט פאַר יעדן פאָלק מלוכהשאַפט? דאָס באַטייט — נעמען אין די אייגענע הענט דעם אייגענעם גורל, איינבייסן זיך מיט ציין־און־נעגל אין אַ געוויסערווירקלעכקייט — אַ היסטאָרישער, אַ געאָגראַפישער אַן עקאָנאָמישער — בכדי זי צו פורעמען, בכדי זי צו באַוועלטיקן און געשטאַלטיקן, לויטן אייגענעם געשטאַלט, לויטן אייגענעם צלם־העם.

במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, האָבן מיר געלעבט, ווי אַ פאָלק, אויסער יעדער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, אויסער יעדער רעאַליטעט — קיין חילוק ניט, צי איבער איר, צי אונטער איר, לכל הדעות נישט אין איר. מיר האָבן דעריבער ווי פאַרלוירן די וואָג־און־מאָס פאַר רעאַליטעט, דעם חוש גופא פאַר די האַרבע געזעצן פון קאָנקרעטקייט. דער ווידערצונויפטרעף ייד־און־וועלט באַטייט קודם כל — צוריקאיינשליסן זיך אין אָביעקטיווער געזעצמעסיקייט.

דער ייד, וואָס קומט אויפסניי צו רעאַליטעט — פון ערד, פון הימל, פון שטעט און דערפער, פון מאַשינען — דער ייד, וואָס קומט פאָדערן זיין חלק ווירקלעכקייט אין דער גרויסער ווירקלעכקייט פון דער וועלט, מוז אויפסניי אויפלעבן אין זיך דעם חוש פאַר פּראַקסיס, פאַר באַזיגן די נאַטור אַדאַנק די גִעזעצן גופא פון דער נאַטור, דעם חוש פאַר מעגלעכקייט־און־אוממעגלעכקייט. און דאָס הייסט: מיר מוזן אויפהערן צו זיין דאָס פאָלק פון נסים מן השמים, מיר מוזן — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויס־דריקן — דעניסימפיצירן אונדזער לעבן, סיי אין אונדזער טאָג־טעגלעכ־קייט, סיי אין אונדזער שבת־יאָנטעוו, סיי אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, סיי אין אונדזער צוקונפט.

דעניסימפיצירן און דעמיסטיפיצירן!

ממש מיט דער מוטערס מילך האָבן מיר אַלע איינגעזאַפּט אין זיך דעם נס־חנוכה. וועלכער חדר־ייִנגל האָט עס ניט געפּרוּווט אויסגיסן, פון קאָכיקן בליי, אַ דריידל מיט די פיר איינגעקריצטע אותיות: נ. ג. ה. ש. נס גדול היה שם — אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען, באמת! נישט דער אָבער, וואָס מ׳האָט אונדז געלערנט. ער האָט געשטאַמט נישט מן השמים — פונעם וואונדערלעכן קריגעלע בוימל, נאָר מן העם — פון דער וואונ־דערלעכער העלדישקייט פון פאָלק, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דעם פרעמדן באַצווינגער, אויך פון דער אָריגינעלער פאַרטיזאַנער־סטראַטע־גיע פון די אויפשטענדלער און פון זייער שאַרפן פּאָליטישן חוש, וואָס האָט באַוויזן אויסצונוצן די אינערלעכע שוועריקייטן ביים שונא. ענלעכע נסים זעען מיר אַגב אויך אין אונדזערע טעג, ביי פאַרשיידענע אומות־העולם.

דער איינציקער נס איז נישט דער, וואָס קומט צום מענטשן, צום פאָלק, נאָר פונעם מענטשן, פונעם פאָלק. גלויביקע וועלן צוגעבן: אַלץ שטאַמט פון דער השגחה עליונה. זאָלן זיי גלויבן. אַ פראַנצויזיש ווערטל זאָגט: העלף זיך קודם אַליין, וועט אויך גאָט דיר העלפן. אַזוי רעדט אַ פאָלק פון שכל־הישר, מיט אַ טויזנט־יאָריקן חוש פאַר רעאַליטעט.

פאַר אונדזער דורותדיקן אויסקוקן אויף נסים און פאַרלאָזן זיך אויף נסים האָבן מיר, אין פאַרשיידענע צייטן, באַצאָלט מיט טייכן בלוט און טרערן. די גמרא „אין סומכים על הנס״ איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו די טיפענישן פון דער פאָלק־פּסיכיק. ווען נישט אונדזער נסים־טראַ־דיציע, וואָלטן מיר וואַרשיינלעך געהאַט אַ יידישע מדינה מיט דריי יאָר־הונדערט פריער.

אין זיין טאָג־בוך פאַרצייכנט דר. הערצל, אַז פאַרן זעצן זיך אַרבעטן איבערן „יודענשטאַט״, האָט ער פלייסיק דורכגעלייענט פאַרשיידענע מאַ־טעריאַלן וועגן שבתאי־צבי. אין מיסטישן יאָר פון די דריי זעקסן — 1666! — האָט דער מלך־המשיח שבתאי־צבי געזאָלט פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון דורות און אויפריכטן די יידישע מלוכהשאַפט אין ארץ־ישראל. די גאַנצע יידישע וועלט, אַלע ישובים פון אַזיע און איראָפּע, גרויסע און

קליינע. האָבן אויפגעפיבערט מיט אומגעזעצנעם גאולה־פיבער. די שפּאַנונג איז דערגאַנגען ביז קאָלעקטיווער היסטעריע, ביז משוגעת. גאַנצע קהי־לות האָבן זיך געלאָזט אין וועג, מיט ווייב און קינד, נישט געקוקט אויף קיין שום געפאַר.

מערקווירדיק איז, וואָס אויך די ניט־יידישע וועלט איז אַנגעשטעקט געוואָרן מיט אָט־דעם פיבער. גראַף דע־שאַמאַן, פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, האָט געשריבן קיין ווערסאַיל, צום קעניג לודוויג דעם פערצנ־טן: „ס׳ווייזט אויס, אַז דער סולטאַן איז מסכים אָפּצוגעבן אים [שבתאי־צביען] דאָס קעניגרייך פון גאַנץ פּאַלעסטינע. תחילת האָבן מיר אַלע געשפּאָט, אָבער דער ענין ווערט זייער ערנסט״. אין ענלעכן ראַפּאָרט האָט אָוועקגעשיקט קיין לאָנדאָן דער ראַטגעבער האַרוועי, פון דער ענג־לישער אַמבאַסאַדע ביים אָטאָמאַנישן הויף. דאָס איז נאַטירלעך ניט געווען קיין צופאַל. אַ רייע וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן — מרידות, מיליטע־רישע מפּלות און אויפשטאַנדן אויף די ראַנד־געביטן פון דער אָטאָמאַני־שער מדינה — האָבן געשאַפן אָט די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען מסוגל צו דערמעגלעכן די פאַרווירקלעכונג פונעם סוביעקטיוון גאולה־ווילן.

האָט אָבער דער דעמאָלסטיקער גאַנג צו גאולה זיך געשטיצט, בלויז און איינציק, אויף דערוואַרטונג פון נס. דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויף נס און אויך דער מיסטיקער, דער מקובל שבתאי־צבי האָט בלויז אויף נס אַרויסגעקוקט. און אַז דער נס איז נישט געקומען, ווייל ער האָט ניט גע־קאָנט קומען, האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט קאַטאַסטראָפע און אומבאַשרייב־לעכן יאוש.

מען דאַרף אַוודאי האָבן איינזען און פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס. אין דעם גלויבן, אין דער האָפענונג, אַז די ישועה קאָן קומען יעדע רגע, אויף די פליגל פון וואונדער און איבער־נאַטירלעכקייט, וואָלט זיי געווען שווערער נאָך און גרויזאַמער דורכצו־לעבן די גרויזאַמקייט פון יענע צייטן. דאָס איז אָבער מער ניט אָננעמבאַר און מער ניט חל אויף אונדזערע טעג.

אַ קורצע צייט נאָכן אויפשטאַנד פון געטאָ־וואַרשע, האָט אונדזער גרויסער דיכטער ה. לייוויק אָנגעשריבן אַ פּיעסע, וואָס הייסט „דער נס פון געטאָ״. איז די פּיעסע אַ פאַלשע דורך און דורך. אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זיין. לייוויקס געטאָ־אויפשטאַנד שפּילט זיך אָפּ אין אַ חסי־דים־שטיבל און דאָס איז סימבאָליש. איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט, אין אָפּגעפונענעם רינגעלבלום־אַרכיוו, כמעט אַלע דאָקומענטן, וואָס שטאַ־מען פון די קרייזן, וועלכע האָבן דעם אויפשטאַנד געגרייט און דורכגע־פירט. קיין איין וואָרט מיסטיק האָב איך דאָרט ניט באַגעגנט. דאַגעגן רעדט זיך זייער פיל וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וועגן גרינעם פּאַלמען־לאַנד, וועגן קאַרל מאַרקס און וועגן סטאַלינגראַד.

אויך דער אויפקום פון מדינת ישראל איז נישט געווען קיין נס. דער

אוראַלטער גאולה־טרוים האָט אין אונדזער תקופה געפונען אַ מאָדערנע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג און דער ישוב, נאָכן אומקום פון די זעקס מיליאָן, האָט באַוויזן, דער ערשטער אין מיטעלן מזרח, אויפֿצוהייבן די פאָן פון באַוואָפנטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

און אויך דער נצחון אין דער מלחמת השחרור און אין דער זעקס־טאָג־מלחמה שטאַמט ניט פון קיין נסים. דאָס איז דער זיג פון מענטשלעכער אינטעליגענץ, פון מענטשלעכן ווילן און מוט, פון מאָדערנער אָרגאַניזאַציע און טעכנאָלאָגיע איבער אַ קעגנער, וועמענס פאָרמען פון לעבן און דענקען זיינען געבליבן נאָך שטעקן אין מיטלאַלטער.

אין באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין: דעניסימפּיצירן אונדזער פּסיכיק, אונדזער געשיכטע, אונדזער פּאָליטיק! און דאָס מיינט גלייכצייטיק — דעמיסטיפיצירן!

ניט לאַנג צוריק איז אין פּאַריז דערשינען אַ גרעסערע דערציילונג פון אַ באַקאַנטן יידיש־פראַנצויזישן שריפטשטעלער. דאָס בוך האָט צוגעצויגן די אויפמערזאַמקייט פון דער קריטיק און איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ ליטעראַרישן פּריז. אַ זייער טאַלאַנטפול בוך, אָן שום ספק, אָבער אַ פאַלש בוך פון אָנהייב ביזן סוף. די עפּאָפּייע פון דער זעקס־טאָג־מלחמה שפּילט זיך אָפּ אויף אַ הינטערגרונט פון בעטלער און קאַליקעס, פון שכורים און משוגעים — כלומרשטע אָדער ווירקלעכע — וואָס זיינען אָבער אַלע איינגעטונקט אין קדושה און פירן אומענדלעכע היסטאָריאָזאָפישע וויכוחים, אין שיין פון דער לבנה, שעפנדיק מיט פולע הויפנס אין זוהר, אין קבלה און אין חסידות. די ישראל־ווירקלעכקייט דערשיינט אין אַן אויסטערלישן קרומען שפּיגל און עס באַקומט זיך דער איינדרוק — ספּעציעל ביים ניט־יידישן לייענער — אַז דער אייגנטלעכער, טיפערער זינען פון דער גאַנצער מלחמה איז געווען שיר־ניט — דאָס באַפרייען פון כותל מערבי.

דער שלייער פון מיסטיק, ביי דער גרעסטער אויפריכטיקייט אפילו, ביים בעסטן ווילן, ווערט דאָ מיסטיפיקאַציע.

דער בירגער פון ישראל־מדינה איז ניט געקומען אין לאַנד ווי די אַמאָליקע קרייצצוגלער, צו באַפרייען הייליקע קברים און שטיינער. ער איז געקומען בכדי, מיט זיין בלוט און מיט זיין שוויס, צו פאַרוואַנדלען וויסטע מדבריות אין בליענדיקע ישובים און דאָ, אויף באַגייטער ערד, צו בויען אַ ניי לעבן, אַ מאָדערן און אַ פריי לעבן. דער זין פון דער מלחמה איז געווען נישט דער כותל מערבי, נאָר דאָס זיין־אָדער־נישט־זיין, דאָס לעבן און די צוקונפט פון צוויי מיליאָן מענער, פרויען און קינדער, דער גורל פון אַ פאָלק און זיין רעכט אויף קיום, אויף ערד און אויף הימל. קיינער קאָן ניט פאַרלייקענען די גייסטיקע אוצרות פון דער קבלה אָדער פון חסידות און ווער נאָך האָט זיי אַזוי באַזונגען, ווי די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, מיט פרצן בראש. ס׳איז אָבער אַן אומזין צו וועלן איבער־

פלאַנצן דעם היינט אין דעם נעכטן, אָנשטאָט קאַפּויער, אַריינצוגלידערן דעם נעכטן אין דעם היינט.

מיסטיפיקאַציע אויך די גרונט־הנחה פון בוך, אַז די וועלט איז שטענדיק געווען קעגן אונדז און וועט שטענדיק זיין קעגן אונדז און אַז מיר טראָגן אויף זיך דעם אייביקן צייכן פון איינזאַמקייט. די הנחה איז פאַלש און געפערלעך.

פאַלש, קודם־כל היסטאָריש. די אַלטערטימלעכע וועלט איז לחלוטין נישט געווען קעגן אונדז. מען דאַרף ניט מיד ווערן צו דערמאָנען עס און אונטערשטרייכן, ווייל אַזאַ איז דער געשיכטלעכער אמת: מיר זיינען געווען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער און אונדזער גאָט איז געווען אַ גאָט ווי אַלע געטער. מיר האָבן ניט געטראָגן דעם מינדסטן צייכן פון איינזאַמקייט אין זיך און פון אָפּגעזונדערטקייט אויף אונדזער שטערן. אַדרבה, אין כסדרדיקן פאַרמעסט מיט די לענדער פון דער אַלטערטימלעכער וועלט, האָבן מיר געהאַט די אַמביציע צו דינען ווי אַ מוסטער, צו ווערן דאָס ליכט צווישן פעלקער.

פאַלש היסטאָריש, אָבער אויך געפערלעך, באַזונדערס געפערלעך אין ליכט פון אונדזער היינטצייטיקייט. ווי איז מעגלעך, דער ייד זאָל קו־מען צו דער וועלט און זאָגן: גיב מיר, וועלט, אַפּ מיין פּלאַץ ביי דיר אין שויס און שליס מיך ווידער איין אין זיך און גלידער מיך ווידער איין אין דיין געשיכטע, הגם איך ווייס גוט, אַז דו וועסט שטענדיק זיין מיר אַ שונא און אַז איך טראָג אויסגעקריצט דעם חותם פון איינזאַמקייט אין מיין נשמה און אויף מיין שטערן?! קאָן דאָך — אַזוי פּשוט, אַזוי נאַ־טירלעך — קומען די תשובה: גיי דיר, ייד (אין בעסטן פאַל: גיי דיר, ייד, געזונטערהייט) צוריק אין דיין אייביקער איינזאַמקייט אַריין...

און דאָס איז אייגנטלעך דער עיקר־אַספּעקט פון פּראָבלעם — אָט דער גורל־וויכוח, ריכטיקער, דער גורל־דיאַלאָג צווישן ייד און וועלט אין אונדזערע טעג.

***

עס שטייט דער ייד פאַר וועלט און זאָגט:

— נעם מיך ווידער, וועלט, אַריין אין דיינע אָרעמס. לאָז מיך ווידער צו, מיך ווי אַ פאָלק, צום גרויסן, ברידערלעכן (אין פּרינציפּ!)..) טיש פון די פעלקער!

— דו קומסט פון ווייט, ייד?

— פון זייער ווייט. ווייט אין צייט און ווייטער נאָך אין שטח, וואָס איז פול מיט בלוטיקע תהומען.

— ווייסטו ניט, ייד, פונעם כלל, אַז אַפּוועזנדיקע זיינען תמיד אומ־גערעכט?

— איך קען דעם כלל. נישט איך אָבער טראָג די שולד פאַר מיין אַוועקגיין און ניט די אחריות.

— און מיט וואָס, ייד, קומסטו איצט צוריק? ווער ביסטו אייגנטלעך היינט?

— אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. נישט קיין הייליק פאָלק פון כהנים, נישט קיין דעמאָניש פאָלק פון גאָט־מערדער און אויך נישט מער קיין פאָלק פון קדושים. ככל הגוים — מיט אַלע פעלקער גלייך!

—מיט גאָרנישט אַנדערש?! באמת נישט?!

— (טראַכט דער ייד אַ לאַנגע ווײַלע און ענטפערט שטיל) אפשר יאָ — מיט עפּעס אַנדערש... מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איך גלויב קוים, מען זאָל קאָנען נעמען עס פאַר אומגוט און מיר עס פאָרוואַרפן. איך האָב אַזוי לאַנג און אַזוי מוראַדיק געליטן פון אוממענטשלעכקייט, אַז ס'איז אויפּ־געקומען אין מיר אַ באַזונדערס שאַרפע און פאַרשפּיצטע פילבאַרקייט, אַ מין זעקסטער חוש אַזאַ — פאַר מענטשלעכקייט. מען האָט אַזוי לאַנג און אַזוי גרויזאַם פאַרגאָסן מיין בלוט, אַז מיך טרייסלט אויף און עקלט פון יעדער בלוט־פאַרגיסונג. איך בין אַזוי לאַנג און אַזוי אומשולדיק געווען אַ קרבן פון אומרעכט, אַז ס'האָט זיך אָנגעצונדן אין מיר אַן אומלעש־באַרער דורשט נאָך צדק און יושר.

וואָס־זשע ענטפערט אונדז דערויף — די וועלט?

אַמאָליקע צייטן, בעת דער ייד פלעגט קומען קלאַפּן אין די טירן פון וועלט, פלעגט מען אים הייסן אָפּזאָגן זיך, גלייכצייטיק, הן פון זיין גאָט, הן פון זיין פאָלק. שמד האָט באַטייט אָפּטריניק ווערן פון ביידע צוזאַמען.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 האָט אויפגעריסן די דורותדיקע יידישע צוויי־אייניקייט: גאָט־און־פאָלק. די „נאַציאָנאַל־פאַר־זאַמלונג" אין פּאַריז האָט אין 1791, פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: „דעם יידן, ווי אַ מענטש, ווי אַ יחיד — אַלע רעכט; דעם יידן, ווי אַ כלל, ווי אַ פאָלק — קיין שום רעכט". צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער קריסטלעכער אייראָפּע, האָט מען דעם יידן נישט געהייסן זיך אָפּ־זאָגן פון זיין גאָט. ס'איז געווען גענוג, בכדי צו עפענען פאַר אים די טירן פון וועלט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן בלויז פון זיין פאָלק. מיט גאָט האָט ער געדאַרפט ווי־ניט־איז שוין דורכקומען.

היינריך היינע האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז דער שמד־צעטל איז פאַר אים געווען נישט מער און נישט עפּעס אַנדערש, ווי אויסקויפן אַ באַן־בילעט קיין אייראָפּע, צו דער אייראָפּעאישער קולטור. אין דעם זאַג האָט געשטעקט אַ שפּאַר ביסל פּאָעטישע גוזמא. אַזאַ מין בילעט איז אין היינעס צייטן נישט געווען שוין מער נויטיק, לכל הדעות, נישט אומ־באַדינגט נויטיק. פאַרן פראַנצויז־דייטש־עסטרייכער־איטאַליענער פון משה רבינוס גלויבן איז דער אַריינפאַר קיין אייראָפּע געווען פריי, יעדנפאַלס, אין פּרינציפּ פריי. דער פריי־בילעט איז אָבער ניט פאַרטיילט געוואָרן בחנם. מ'האָט פאַר אים געמוזט באַצאָלן מיטן אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. די טויערן פון וועלט, וואָס האָבן זיך צעעפנט — רעלאַטיוו

גענומען — פאַרן ייד, ווי אַ בירגער, זיינען געבליבן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער פאַרן יידן, ווי אַ פאָלק.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 האָט אין פּראָבלעם ייד־און־וועלט אריינגעבראַכט טיפע, עיקרדיקע ענדערונגען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געגעבן דעם יידן בירגער־רעכט. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט גלייכצייטיק זיינע נאַציאָנאַלע רעכט, דאָס רעכט פון ייד, נישט בלויז ווי אַ יחיד, נאָר אויך ווי אַ כלל, ווי אַ פאָלק. יידישע נאַציאָנאַליטעט איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מלוכה ווי אַ פּרינציפּ פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט און מיט די זעלבע אַטריבוטן, ווי ביי אַלע פעלקער און פעלקערשאַפטן פון לאַנד. די מוטער־שפּראַך פון ייד, מאַמע־לשון, איז געוואָרן אַ מלוכה־שפּראַך, איינע פון די פילצאָליקע מלוכה־שפּראַכן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס׳איז אויפגעקומען, אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, אַ יידישע מלוכה־אַדמיניסטראַציע, יידישע געריכטן, יידישע שולן און הויך־שולן, יידישע פאַרלאַגן, צייטונגען, טעאַטערס, כאָרן, א. אַז. וו.

אָן אַן ערך מער וויכטיק, בעיקר פּרינציפּיעל, איז געווען דער ענין ביראָבידזשאַן. דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע רעכט פון סאָוועטישן ייד איז אויסגעברייטערט, פאַרטיפט און דערגאַנצט געוואָרן מיטן רעכט אויף טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג און אויף אייגענער יידישער מלוכהשקייט. אין 1928 איז דער ביראָבידזשאַנער ראַיאָן פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט פון ראַטן־פאַרבאַנד באַשטימט געוואָרן פאַר אַ געביט פון יידישער איינוואַנדערונג און ערד־באַזעצונג. אין 1931 איז דער ראַיאָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריאַלן איינס און אין 1934 — אין אַן אויטאָנאָמער יידישער געגנט, מיטן אויסזיכט צו ווערן אַ יידישע רעפּובליק.

אין 1936 האָט דער פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד, ס׳הייסט דער העכסטער מלוכה־אָרגאַן, געמאַכט פאָלגנדיקע אָפּשאַצונג וועגן די אויפטוען און דעם באַטייט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין אַ רעזאָלוציע פון 29טן אויגוסט:

„במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָט דאָס געדרודפּטע יידישע פאָלק געקעמפט קעגן דער צאַרישער אַליינהערשאַפט, פאַרן קיום פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור, פאַר רעכט אויף בילדונג, פאַר רעכט אויף אַ פריי לעבן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זיין הייס באַגער צו שאַפן אַ היימלאַנד, צו שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפט. אונטער דער אָנפירונג פון דער גרויסער פּאַרטיי פון לענין־סטאַלין און ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, בויען די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן ביי זיך און פאַרפעסטיקן אַ סאָוועטישע מלוכהשאַפט, אין פאָרמען צוגעפּאַסטע צו די נאַציאָנאַל־שטייגערישע באַדינגונגען פון זייער פאָלק“.

אינעם זעלבן חודש, אויגוסט 1936, איז פּלוצלינג דערשאָסן געוואָרן דער פאָרזיצער פון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, דער

„טראַקטיסט־נאַציאָנאַליסט״ פּראָפעסאָר ליבערבערג, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידירונג — אויב נישט אָפיציעלע, איז פּאַקטישע — פון דער יידישער מלוכהשאַפט אין ביראָבידזשאַן. דאָס איז געווען דער אָנהייב אויך פונעם באַרג־אַראָפּ (אָדער איז צונויפגעפאַלן מיט אים) פון דעם גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. די געשעענישן זיינען אָנגעוואַקסן אַלץ ראַשיקער און ראַשיקער, ווי אין אַ קאָשמאַר. געענדיקט האָט זיך עס מיט דער בלוטיקער קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר האָבן זי נאָך אַלע אין זכרון.

עס זעט אויס לחלוטין אומגלויבלעך: דאָס לאַנד פון אָקטאָבער, וואָס האָט — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע — פּראָקלאַמירט די נאַציאָנאַלע רעכט פונעם ייד און געשאַפן אַן עמבריאָן פון יידישער מלוכהשקייט; דאָס לאַנד, וואָס האָט, פונקט דרייסיק יאָר נאָך אָקטאָבער, פּראָקלאַמירט — ווידער צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע — דאָס רעכט פונעם יידישן פאָלק אויף זיין אַלט היסטאָריש היימלאַנד, דווקא אָט דאָס לאַנד האָט דעם פּראָקלאַמירטן פּרינציפּ פון יידישער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט אויסגעלייזדיקט פון יעדן לעבעדיקן אינהאַלט און זיך אויסגעדרייט מיט שוימיקן האַס קעגן דער יידישער מדינה.

דאָס איז אַ טראַגעדיע פאַר אונדזער פאָלק, אַ טראַגעדיע אויך פאַר אָט דעם לאַנד און אַ טראַגעדיע — בעיקר אפשר — פאַר דער פאָן פון אָקטאָבער, וואָס איז געוואָרן פאַרשוועכט.

געדענקען אָבער דאַרף מען תמיד: ס׳האָט געדויערט אַ גאַנצער יאָרהונדערט ביז די אידעאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 זיינען געוואָרן אַ היסטאָרישע ווירקלעכקייט. אין צווישנצייט זיינען געווען אַן אַ שיר באַרג־אַרויף־און־באַרג־אַראָפּן, רעסטאַווראַציע, רעאַקציע, בירגער־קריג, שחיטות און נאָך און נאָך. אַזאַ, אַפּנים איז דער גאַנג פון דער געשיכטע.

אָוודאי, דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ און אין אונדזער באַגער צו שלימות און גליק וואָלט געוואָלט זיך שטייגן אומאויפהערלעך אַלץ העכער און העכער. גראָד אָבער איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער דור עדות צו זיין אויך פון אַ טראַגישן באַרג־אַראָפּ. מען טאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך. אויב יעדער פון אונדז איז פאַרגענגלעך, לעבט אייביק דאָס פאָלק.

זיכער איז: די פּרימיטיווע, נאַאיוו־מאַניכעישע וועלט־וויזיע אין שאַרפן ווייס־און־שוואַרץ שטימט ניט היינט צו טאָג מיט קיין שום אָביעקטיווער רעאַליטעט, ריכטיקער — האָט קיינמאָל ניט געשטימט מיט קיין שום אָביעקטיווער רעאַליטעט. ניט דאָס שעפּעלע איז געוואָרן אַ וואָלף, ניט דער וואָלף האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שעפּעלע, ניט די וועלט באַשטייט פון בלויז שעפּעלעך אָדער פון בלויז וועלף.

ס׳זיינען פאַראַן צייטן פון היסטאָרישן שגעון, וואָס וועלן סוף־כל־סוף פאַרגיין, עס טרעפט אָבער קיינמאָל ניט — אפשר וועט עס געשען באחרית הימים — אַז אַ רויב־חיה, זאָל אויפהערן לעבן פון גזלה און רויב. די

וועלט, וואָס איז ווי אַ בערזע באַשאַפן, ווי אַ הפקר פאַר פויסט און פאַר שווינדל, איז און בלייבט די וועלט פון לית דין ולית דיין. רב שלמהס „אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!" קלינגט נאָך אַלץ מיט פולער קראַפט, הן פאַרן היינט, הן פאַרן מאָרגן. אויסגעלייזט אויך — פון דער אַנטמענטש־לעכונג, וואָס באַדראָט אַלץ מער און מער דעם מאָדערנעם מענטש, אומעטום.

באַקומט דעריבער אַ ספּעציעלע וואָגיקייט און אַ באַזונדער היינט־צייטיקן אויסקלאַנג דער דעוויז, וואָס ברוך שפּינאָזאַ האָט געלאָזט אויס־קריצן, אין לאַטייך, אויף זיין רינג, בכדי צו האָבן אים תמיד פאַר די אויגן: Caute! פאָרזיכט! כסדרדיקער, פאַרטיפטער ישוב־הדעת! אומדערשראָ־קענער קריטישער געדאַנק!

נישט בלויז איין טייל פון דער וועלט איז קראַנק, די גאַנצע וועלט איז קראַנק. עס עקבערט צייטנווייז אַ געדאַנק: רוקט זיך ניט אָן צומאָל אַ נייער מיטלאַלטער? איך גלויב, קאַפּויער, ס'איז נאָענט אַ נייער רענע־סאַנס. דער מענטש האָט איצט אַנדעקט דעם קאָסמאָס, פונקט, ווי מיט קרוב פינף הונדערט יאָר צוריק, די אומבאַקאַנטע קאָנטינענטן פון דער ערד. און ראַדיאָ־טעלעוויזיע איז נישט ווייניקער עפּאָכע־מאַכנדיק, ווי די דערפינדונג פון בוך־שריפט.

ס'איז נישט איינפאַך און נישט לייכט צוריק געפינען זיך אָן אָרט אין אָט דער פיבערדיקער וועלט. ס'איז אַ פּראָצעס ניט אויף יאָרן, נאָר אויף יאָרצענדליקער און אפשר אויף דורות. געוויס, פאַרלאָזן זיך איז מער נישטאָ אויף קיינעם און אויף גאָרניט. מען טאָר אָבער גאָרניט אויך אַרויסלאָזן פון חשבון.

מיט העכער דריי יאָרהונדערטער צוריק, איז איינער פון די גרעסטע גייסטער פון פראַנקרייך, דער מאַטעמאַטיקער, פיזיקער און פילאָזאָף בלעז פּאַסקאַל, אַרויסגעקומען מיט דער באַרימטער המצאה וועגן אַזוי גערו־פענעם געוועט.

פּאַסקאַל איז געשטאָרבן צו ניין און דרייסיק יאָר און האָט איבער־געלאָזט אַ ניט פאַרענדיקט ווערק, ריכטיקער, נאָטיצן צו אַ ווערק, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך זיין טויט, אונטערן נאָמען „מחשבות". דאָס בוך געהערט צו די שעדעוורן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און ווערט, נישט בלויז שטודירט, נאָר געלייענט מיט התמדה ביזן היינטיקן טאָג.

„מחשבות" שטעלט פאָר מיט זיך אַ מין פלאַמיקן מוסר־ספר פון אַ געניאַלן מאָראַליסט, וואָס שאַצט־אָפּ די גאַנצע גרויסקייט טאַקע פון מענטשלעכן שכל, אָבער זעט גלייכצייטיק די גאַנצע הבל־הבלימדיקייט זיינע. געפינט פּאַסקאַל אַ טרייסט אין אמונה. ער ווייסט, אַז מיט לאָגישע ראיות וועט ער קיינעם ניט אַרויפברענגען אויפן דרך־הישר, מחמת גלויבן קומט פונעם האַרצן און נישט פון געדאַנק, ווענדעט ער זיך צו די אומ־גלויביקע, אַזוי צו זאָגן: גייט אין געוועט מיט זיך אַליין! וועט זיך, אַז

אויסער אונדזער זינדיקער ערד, איז פֿאַראַן אַן אייביק לעבן, אַ יענע־וועלט פון כולו לייטזעליקייט און גליק. איר מוזט זיך ווענדן, איר האָט קיין ברירה נישט, מחמת במילא איז איינגעשטעלט אייער גאַנצער נפש. ווענט זיך, מיט זיך אַליין, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ גאָט. פֿירט זיך ווי די, וואָס האָבן אמונה, גייט אין קלויסטער, שטעלט אַ ליכטל, ביסלעכווייז וועט קומען אויך דער גלויבן. און ממה נפשך. אויב איר געווינט דעם געוועט — געווינט איר אַלץ, די גאַנצע אייביקייט; אויב איר פֿאַרשפּילט — פֿאַרשפּילט איר גאָרנישט.

אייגנטלעך, אַן ענלעכן געוועט, אין אַזאַ אָדער אַנדער פֿאָרם, אויף אַזאַ אָדער אַנדער געביט, מאַכט יעדער מענטש מיט זיך אַליין. דאָס איז זיין אַרבעט־היפּאָטעזע, זיין לעבנס־היפּאָטעזע. און זיכער מוז אַזאַ געוועט מאַכן יעדעס פֿאָלק.

אויך דער ייד מוז זיך ווענדן אין אַ מין פּאַסקאַל־געוועט. ער מוז עס, ווייל אויך ער האָט קיין ברירה ניט, מחמת אין קאָן איז איינגעשטעלט זיין גאַנצער גורל. אַ געוועט אָבער — נישט וועגן גאָט אין הימל, נאָר וועגן מענטש אויף דער ערד, נישט וועגן יענער וועלט, נאָר וועגן דער וועלט. אַ געוועט וועגן מענטשלעכקייט פון מענטש און וועלט.

ענדערט זיך במילא דער גאַנצער מהות פונעם געוועט. נישט אויס־וואַרטן פּאַסיוו אויף יאָ־אָדער־ניין, נאָר אַנשפּאַנען דעם גאַנצן ווילן און די גאַנצע כחות, בכדי דעם געוועט צו געווינען. דאָס הייסט, זיין אַנ־ווענזנדיק אומעטום, וואו ס'וויגט זיך דער גורל פון וועלט. נישט קיין פֿרעמדע מזבחות זיינען עס, נאָר אונדזערע אייגענע. ס'איז דאָך קלאָר, אַז אין אַ וועלט פון כולו רשעות זיינען מיר, פֿריער צי שפּעטער, פֿאַרמשפּט.

מיר חזרן אָפּט: שווער צו זיין אַ ייד. לעצטנס האָב איך זיך אָנגע־שטויסן אויף עפּעס, וואָס האָט מיך באמת דערשטוינט. ס'ווייזט זיך אַרויס, מיר זיינען נישט קיין בני־יחידים, וואָס שייך „שווער". אין דער ליטע־ראַטור פון נאָך אַ פֿאָלק האָט זיך באַוויזן אַט דער „שווער צו זיין..." נעמלעך: „שווער צו זיין אַ טשעך".

ריכטיקער, דוכט זיך, וואָלט געווען צו זאָגן בכלל — שווער צו זיין אַ מענטש. און נאָך ריכטיקער און נאָך פּינקטלעכער: שווער און שלעכט און ביטער צו זיין אַ מאָס אויף צו מעסטן יענעמס אוממענטשלעכקייט.

מיר זיינער אַן אַלט פֿאָלק, געוואוינט צום „שווער צו זיין..." פון אונדזער אַמאָליקן „אַ גוטע נאַכט" איז די וועלט נישט נתפּעל געוואָרן. אויף אונדזער נייעם „גוט מאָרגן דיר, וועלט" האָבן מיר נאָך דערווייל קיין לויטערן, ברייטן גוט־יאָר נישט באַקומען.

איז וואָס־זשע? מיר זעצן פֿאָר אונדזער גאַנג — אַן אילוזיעס, אַן

אויסוואַרטונג אויף נסים, מיט האַרטנעקיגן ווילן אַרויסצושלאָגן, אַלץ העכער און העלער, קודם פון זיך גופא, דעם איינציקן ווירקלעכן נס אויף דער וועלט — דעם וואונדער, דעם נס פון מענטשלעכן זשעני.

אויב מען וויל, איז נאָך אַלץ גילטיק דער אַלטער פסוק: אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם אלוהינו... אויף אַ מאָדערנעם לשון, מיט אַ היפשן שלום־עליכם־טביהדיקן פשט, וואָלט מען געקאָנט עס פאַרטייטשן אַזוי: ווער עס גייט מיט אַטאָמישן וואָפן, ווער עס לאָזט זיך מיט טאַנקען קעגן פרייהייט, מיר אָבער גייען און וועלן גיין אין נאָמען פון מענטשלעכקייט, וואָס מיר דערהויבן ביז געטלעכקייט, אין נאָמען פון אונדזער אוראַלטער וויזיע פון צדק און שלום צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן יעדן בעל־חי, וואָס לעבט אויף גאָטס ערד.

אויף דעם דאָזיקן וועג — איך גלויב אין דעם באמונה שלמה — וועט דער ייד סוף כל סוף צו וועלט דערגיין.

1969

אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט

וועגן זיך און וועגן מיין שאַפן

איך בין געבוירן אין 1905, אין ביאַליסטאָק. די שטאָט האָט דאַן פאַרמאָגט אַ פערציק טויזנט ייִדן. געשמט האָט זי איבער דער גאַנ־צער רוסישער אימפּעריע מיט איר טעקסטיל־אינדוסטריע און באַלד אויך — מיט איר גרויזאַם־בלוטיקן פּאָגראָם.

פון פינף קינדער, זיינען ביי אונדז פאַרבליבן דריי. אונדזער היים, אַן אָפענע און פריילעכע, איז געפירט געוועזן יידישלעך, אָבער גרויס־שטאָטיש־פריי. מיין פאָטער, אַ לעדער־אַרבעטער, וואָס האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך גענומען צו מסחר און לופט־פּרנסות, איז געוועזן אַ ביז גאָר קליינער מאמין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער מיר העלפן פאַנאַנדערפירן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. דעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן שטייגער האָב איך כמעט ווי נישט געקענט. מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו וואוינען אין אַ קליין שטעטל, אַזוי אַז די שטעטלשע ראָמאַנטיק, וואָס פאַרנעמט אַזאַ אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, איז מיר לחלוטין פרעמד.

אין חדר בין איך געגאַנגען אינגאַנצן אַ יאָר צוויי, און דאָס אויך — אין אַ „מאָדערנעם" חדר, אין אַ חדר־מתוקן. מיין אָנהייבן חומש איז גע־פייערט געוואָרן מיט אַ גרויסער סעודה, און מיין ערשטע בלאַט גמרא — מיט נאָך אַ גרעסערער. מער קיין סעודות פון דעם מין איז מיר אָבער נים באַשערט געוועזן בייצוזיין, מחמת מיינע עלטערן, נאָך בבא קמא און בבא מציעא, האָבן איינגעפּונען, אַז איך בין שוין אַ גענוג גרויסער למדן און מיך אָפּגעשיקט אין אַ רוסישע שול.

די איינציקע איינדרוקן, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן פון דער רו־סישער שול, זיינען ריין־דעקאָראַטיווע: די פּאָרטרעטן פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און פון דער צאַרין אויף די ווענט און די פייערלעכע אוניפאָרמען פון די לערער. די דעקאָראַציעס האָבן זיך איבעריקס שנעל געביטן. ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, ביאַליסטאָק איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, און די שול איז, פון אַ רוסישער, געוואָרן אַ דייטשישע. עטלעכע חדשים שפּעטער בין איך, נאָך דעם חדר־מתוקן, נאָך דער רו־סישער שול און נאָך דער דייטשער, אַריבער — אין אַ יידישע שול.

די מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע שול האָט אין אונדזער ליטעראַטור קיין אָפּשפּיגלונג כמעט ווי נישט באַקומען. אפשר דערפאַר, ווייל ס'האָט אויסגעפעלט דערצו היסטאָרישע דיסטאַנץ. אפשר אויך, ווייל דער עלטע־רער דור שרייבער האָט דעם מהות פון דער שול גופא נישט אינגאַנצן

געהאַט באַנומען, און דער ייִנגערער דור, וואָס איז אָפּט פון דער שול אַליין אַרויסגעוואַקסן, האָט נישט דערגרייכט נאָך, פאַר דער לעצטער מלחמה, צו געהעריקער קינסטלערישער רייפקייט. ס'איז אָבער בלי ספק, אַז אין ייִדישן קולטור־רענעסאַנס פון צווישןביידע וועלט־מלחמות, איז דאָס ייִדיש־וועלטלעכע שול־וועזן געווען איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען.

מײַן שול (און נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז זי פאַר מיר אַלץ: מײַן שול) האָט געהייסן: ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע פאָלקס־שול ביים „יוגנט־פאַראיין". געגרינדעט אין פעברואַר 1916, איז זי געווען די ערשטע אין ביאַליסטאָק פּולע, נאָרמאַלע טאָג־שול מיט ייִדיש אַלס לימוד־שפּראַך. די לערער, יונגע בחורים און מיידלעך, ס'רוב סטודענטן, זײַנען געווען נישט קיין סך עלטער פון די תלמידים. אַנשטאָט דערפאַרונג האָבן זיי פאַרמאָגט — ענטוזיאַזם. אַלץ האָט מען געמוזט אימפּראָוויזירן, אַליין שאַפן, אַליין דער־פינדן — מעטאָדיק, טערמינאָלאָגיע, לערן־מאַטעריאַל. אַלץ איז געווען בראשית. אָבער דער פּלאַם, ביי די לערער און טוער, איז אויך געווען אַ בראשיתדיקער.

אָט דער פּלאַם האָט זיך איבערגעגעבן אונדז, שילער. איך גלויב קוים, עס זאָל מעגלעך זײַן אַרויסצורופן אין אַ שול מער פרייד, מער התלהבות, צו צינדן העלער קינדערישע הערצער, צו באַווירקן טיפער און דויער־האַפטיקער קינדערישע נשמות. דאָס געליטערטע ייִדישע וואָרט, דאָס ייִדישע ליד זײַנען געווען דאָס טאָג־טעגלעך ברויט פון אונדזער נייער, רוחניותדיקער היים — פון אונדזער שול. ייִדישע שרייבער האָבן אויסגעזען ווי העלדן פון לעגענדע. אין אַ שכנותדיקן חדר האָבן ייִנגלעך געקנעלט, אומגערן און אין לאַנגווייליקייט, אַ פּרשה חומש אָדער אַ בלאַט גמרא. מיר האָבן, מיט ברען און פאַרכטיקייט, געלערנט אַ פּרק מענדעלע, אַ קאַפּיטל שלום־עליכם, אַ זייטל פּרץ.

גאָר שנעל זײַנען מיר געוואָרן ריטער פון מאַמע־לשון, אייפעריקע און אייפערזיכטיקע ריטער. איינעם שפּראַכן־קאַמף, וואָס האָט זיך צע־פלאַקערט צווישן ייִדיש און העברעאיש, זײַנען מיר, שילער פון די ייִדישע שולן, געווען די פאַרביסנסטע קנאים, די אומדערשראָקנסטע שלאַכט־לייט. די ערשטע קרבנות פון אונדזער קאַמף־לוסט זײַנען געווען... אונ־דזערע אייגענע לערער פון העברעאיש, צו וועמען מיר האָבן זיך באַצויגן מיט סאַרקאַזם און בטול, אויב נישט — מיט אָפענער שנאה.

דער קולט פאַר דער שפּראַך פון פאָלק און פאַר דער לעבעדיקער ליטעראַטור פון פאָלק האָט אונדז פרי געעפנט די אויגן אויף די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון פאָלקס־לעבן. די שול איז אַזוי אַרום געוואָרן די ערשטע לאַבאָראַטאָריע פון ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

ניט געקוקט אויפן גרויזאַמען הונגער און אויף די טיפוס־עפּידעמיעס פון די אָקופּאַציע־יאָרן, איז דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן געווען אין פולן אויפשוואונג. ס'זײַנען אויפגעקומען אַלץ נייע אינסטיטוציעס

און חברות. דער פּאַרטיי־קאַמף האָט געפּלאַקערט. ס׳האָט געשפּילט כּסדר אַ יידיש טעאַטער. מ׳האָט ניט געקאַנט גענוג זיך אָנזעטיקן מיטן יידישן פאָלקס־ליד. באַלד זיינען דערגאַנגען די אָפּקלאַנגען פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע און דערנאָך — פון אָקטאָבער. די שטאָט האָט מיטגעפיבערט מיט די געשעענישן. זי האָט זיך נאָך אַלץ געפילט ווי אַ טייל פון גרויסן רוסלאַנד.

דער ערשטער, דאַכט זיך, וואָס האָט אונדז געבראַכט אין קלאַס (איך בין שוין דאַן געווען אין לעצטן קלאַס) אַ גרוס פונעם לאַנד פון דער רע־וואָלוציע איז געווען אונדזער לערער פון יידיש און יידישע ליטעראַטור, יעקב פּאַט. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער לערער, וואָס האָט אונדז מיט זיינע לעקציעס באַצויבערט. נאָכן בריסקער שלום־אָפּמאַך פון 1918, האָט זיך איינגעשטעלט אַ פּאַרקער צווישןביידע זייטן פראָנט. אומקערנדיק זיך פון אַ באַזוך אין אוקראַינע, האָט יעקב פּאַט אונדז דערציילט, אויספיר־לעך און מיט התלהבות, וועגן דער איבערקערעניש, וואָס האָט אויפגעבראָזט ביז די טיפסטע טיפענישן דאָס גאַנצע יידישע לעבן. מיר זיינען געזעסן פאַרכשופטע, ממש אָן אָטעם. די פאַרשיידענע פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמען (אונ־דזער לערער האָט פיל גערעדט וועגן קולטור־אויטאָנאָמיע און פּערסאָנאַל־אויטאָנאָמיע) זיינען געווען איבער דער השגה פון אונדזערע קינדערישע מוחות. די אָרומיקע ווערטער האָט זיך רעדוצירט פאַר אונדז צו עטלעכע שליסל־ווערטער: אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פרייהייט... און צוזאַמען מיט זיי, דער שם המפורש: יידישע קולטור.

זומער 1919 איז פאָרגעקומען די סיום־פייערונג פון אונדזער שול. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויסלאָז. אין נאָמען פון די שילער, האָב איך פייערלעך פאַרזיכערט אונדזערע לערער און שול־טוער, אַז „אויף די באַריקאַדן פון קאַמף פאַר דער יידישער קולטור וועלן מיר זיך טרעפן".

צי האָבן מיר אָט־די הבטחה געהאַלטן?

עס ליגט פאַר מיר אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע. דער ערשטער אַרויסלאָז פון דער שול. זעכצן שילער און, אין דער מיט, אונדזער קלאַסן־לערער. צייל איך. זיבן פון מיינע שול־בחורים — צווישן זיי אויך מיין פרוי — זיינען געוואָרן יידישע פאָלקס־לערער. בלויז דריי האָבן איבערגעלעבט די מלחמה. דריי שול־חברים זיינען געוואָרן פירנדיקע טוער אין דער אומלעגאַ־לער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פוילן און ווייסרוסלאַנד. איינער פון זיי איז אומגעקומען, די אַנדערע צוויי, נאָך יאָרן תּפיסות און וואַנדערונגען, פאַרנעמען איצט הויכע מלוכה־פּאָסטנס אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן. נאָך אַ שול־חבר איז מעדיצין־דאָקטאָר אין ישראל. דער גורל פון די אי־בעריקע איז מיר אומבאַקאַנט. וואָס שייך אונדזער קלאַסן־לערער, א. י. מאַ־שעוויצקי, מיטגרינדער און לאַנגיאָריקער פאַרוואַלטער פון דער שול, איז ער אין 1940 געווען פאַרזיצער פון שטאָט־ראָט פון סאָוועטישן ביאַליסטאָק און דעפּוטאַט צום העכסטן סאָוועט פון ראַטנפאַרבאַנד. ער וואוינט איצט אין גראָדנע, וואו ער איז נאָך אַלץ טעטיק אַלס לערער. אויב אָט־די שורות

וועלן צו אים דערגיין, אויב זיי וועלן דערגיין צו די אַנדערע אַמאָליקע לערער מיינע, זאָל עס זיין פאַר זיי אַן אויסדרוק פון מיין האַרציקער דאַנקבאַרקייט און טיפער אָנערקענונג.

די שול האָב איך פאַרענדיקט צו פערצן יאָר. קיין יידישע גימנאַזיע איז נאָך דאַן אין ביאַליסטאָק נישט געווען. בין איך אָנגעקומען אויף לערער־קורסן, וואָס האָבן זיך גראָד דאַן געעפנט. אמת, קיין באַזונדערן דראַנג צו לערעריי האָב איך נישט געהאַט. געטרוימט האָב איך גאָר וועגן אַן אַנדער באַרוף. מיין חלום איז געווען — צו ווערן אַן אַקטיאָר, עווענטועל, אַן אָפּערע־זינגער.

פון די פריסטע יאָרן אָן האָב איך געהאַט אַ ליידנשאַפטלעכן אינטע־רעס צו טעאַטער. נאָך גאָר קליינערהייט פלעג איך, מיט די שכנישע קינדער, אָרגאַניזירן גראַנדיעזע ספּעקטאַקלען אונטערן פרייען הימל, ס'הייסט, ביי אונדז אויפן הויף. מיר האָבן עס גערופן: מאַכן אַ צירק.

אַן אמתן טעאַטער האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן צו זעקס אָדער זיבן יאָר. נאָך לאַנגע תחנונים מיינע און נאָך טייכן פאַר־גאָסענע טרערן האָבן מיינע עלטערן מיך מיטגענומען אויף אַ פאָרשטעלונג פון אַ יידישער טרופּע. דער איינדרוק איז געווען ממש אַ דערשיטערנדיקער. מ'האָט געשפּילט „כאַנטשע אין אַמעריקע".

אין דער יידישער שול האָט זיך מיין טעאַטער־ליידנשאַפט נאָך פאַר־שטאַרקט. די שול האָט זיך געפונען בשכנות מיטן שטאָט־טעאַטער, וואו מיינעם אַ חברס פאָטער איז געווען קאַסירער. בזכות זה בין איך דאָרט שנעל געוואָרן אַ גאַנצער באַלעבאָס. אַלע טאָג, גייענדיק אַהיים פון שול, פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין טעאַטער, וואו די אַקטיאָרן פלעגן מאַכן פּראָבע. ס'איז נישט געווען פאַר מיר קיין גרעסערער תענוג, ווי זיצן אין טונקעלן, ליידיקן טעאַטער־זאַל און קוקן ווי די שוישפּילער, אויף דער אָפענער, קוים־באַלויכטענער בינע, רעפּעטירן זייערע ראָלן. קומענדיק דערנאָך אַהיים, פלעג איך בסודי־סודות איבערשפּילן די ראָלן, מיט אַלע תנועות און אינ־טאָנאַציעס, איינשליסנדיק אויך די „טענצע־און־געזאַנגע". אַ באַזונדערס מעכטיקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט „דאָס פּינטעלע ייד". חדשים־לאַנג האָב איך געזונגען, מיט גרויס כוונה:

> אַ ייד צו זיין איז טייער, אַ ייד צו זיין איז גיט
> (גיט, ניט גוט!)
> שרייען וועל איך ביזן טויט אַריין,
> אַכט טאָג נאָך מיין געבוירן, שוין געוואָרן אַ ייד,
> געפילט דעם טעם, וואָס הייסט אַ ייד צו זיין!

כדי צו שטילן כאָטש טיילווייז מיין ברענענדיקן טעאַטער־דורשט, האָב איך זיך גענומען צו מאַכן „אָוונטן", ס'רוב מיט די חברים און חברטעס פון שול. כלומרשט איז עס געווען בלויז לשם־שמים, מיט וואוילטעטיקע צוועקן, אָט פאַר אַ קראַנקער שכנה, צי פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן קרוב. איך בין געווען דירעקטאָר, רעזשיסאָר און הויפּט־שוישפּילער. אַמאָל אויך פּאַרפּאַ־

סער פון טעקסט. אַזוי האָבן מיר אָפּגעשפּילט כּמעט אַלע שלום־עליכמס איינאַקטערס.

די קרוינונג פון מיין שוישפּילער־קאַריערע איז געווען אַ גרויסע קינ־דער־פאָרשטעלונג פון אונדזער שול. טאַקע אין שטאָט־טעאַטער, אויף דער זעלבער בינע, וואו ס׳האָבן געשפּילט אמתע אַקטיאָרן, פאַר אמתן ראַמפּן־ליכט, אין אמתן גרים, צווישן אמתע דעקאָראַציעס און דערצו נאָך — אין דער הויפּט־ראָל און... מיט שטורמישן דערפאָלג!

דער קרייז פון די שול־חברים איז תיכף געוואָרן צו ענג. צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, האָב איך געגרינדעט... אַ טעאַטער־געזעלשאַפט, מיטן קליי־נגענדיקן נאָמען „פאַראיין פון יוגנט־ליבהאָבער דער קונסט". מיטן פאַראיין האָט אָנגעפירט אַ געוויילטער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אין אַ שיינעם העלן פאַרנאַכט דערקלערט אַלס — דיקטאַטור־קאָמיסיע. אַזוי־אַרום זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

און פּלוצלינג בין איך אין אָט־דער תקופה אַריבערגעטראָגן געוואָרן גאָר אויף אַן אמת. סיי די לערער־קורסן, סיי די „יוגנט־ליבהאָבער דער קונסט", סיי מיין טעאַטער־טרוים זיינען ווי אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און געוואָרן פאַרשאָטנט. אַ ניי שליסל־וואָרט איז אויפגעקומען: „קאָמסאָמאָל"!

פרילינג 1920 איז אויסגעבראָכן די פּויליש־סאָוועטישע מלחמה. נאָך די ערשטע נצחונות פון פּוילישן מיליטער, וואָס איז דערגאַנגען ביז קיעוו, איז די רויטע אַרמיי אַריבער אין אַ קאָנטער־אָפענסיווע און ווי אַן אומצוימ־באַרע כוואַליע דורך אַן אויפגעריסענער דאַמבע, זיך אַ לאָז געגעבן קיין מערב. אַ באָרוועסע אַרמיי, אַ הונגעריקע, אַ שלעכט־באַוואָפנטע, אָבער אַ זינגענדיקע און צעפלאַמטע. וואַרשע איז שוין געווען אָט־אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און ווי וויט איז פון וואַרשע ביז צום רעוואָלוציאָ־נערן בערלין? דער גורל פון דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע האָט זיך געוואויגן אויף אַ וואָג־שאָל.

אין יולי 1920 האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען ביאַליסטאָק. בערך אַ חודש שפּעטער האָט זי די שטאָט געמוזט פאַרלאָזן. דער פראָנט ביי דער ווייסל איז געוואָרן דורכגעריסן. די כוואַליע האָט זיך געקייקלט צוריק. צו־זאַמען מיט אַ גרויסן טייל ביאַליסטאָקער יוגנט, האָב איך זיך געלאָזט קיין מזרח.

אין אַ שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט, פּלוצלינג, אומגעריכט, האָבן זיך אַזוי־אַרום פאַרענדיקט די קינדער־יאָרן. נישט געווען אַפילו קיין צייט אָנצוזאָגן אין דער היים, אַז איך גיי אַוועק, צו פוס, אין וויטן רוסלאַנד.

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן נייע, וואונדערלעכע טעג און באַלד וואָכן און חדשים און יאָרן.

אַ פופצן־יאָריק ייִנגל, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל — און נאַטירלעך האָט ער קיין אָנונג נישט, ווי אַזוי מיטן ביקס זיך צו באַגיין. לאַנגע נאַכט־מאַרשן, שווייגנדיקע, אין געאייל. דערנאָך צוגן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אומ־געריכט אין פעלד, שטייען אָפּ שעהן־לאַנג און לאָזן זיך פּלוצלינג ווייטער

אין ווע״ג. מינסק, בילדונג־קאָמיסאַריאַט. דער פּאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג איז אסתר פרומקין. דער אָנפירער פון דער יידישער סעקציע איז מיינער אַ געוועזענער לערער פון דער ביאַליסטאָקער שול. דער זומער איז פאַר־גאַנגען, האַרבסט, ווינטער. קעלט, הונגער, דאַכלאָזיקייט. די קאָמיוגיסטן זיינען מאָביליזירט. מען מאַרשירט איבער די גאַסן, אין געשלאָסענע רייען. דאָס ליד, וואָס מען זינגט אַממערסטן און מיט גרעסטן התלהבות איז: „סמיעלאָ מי וו׳ באָי פּאָידיאָם״, אַ פאַר־מלחמהדיקער סענטימענטאַלער רוסישער ראָמאַנס, וועלכן די רעוואָלוציע האָט אָנגעקליידט מיט נייע ווערטער: „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט — פאַר דער מאַכט פון די סאָוועטן — און אַלע ווי איינער וועלן מיר פאַלן — פאַר אָט־דער זאַך״.

עוואַקואַציע פון מינסק. סמאָלענסק, גרויזאַמער ווינטער. מאָסקווע. דער רויטער פּלאַץ פינקלט פון שניי און פראָסט. קאָמיוגיסטן מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען. דריטער קאָנגרעס פון קאָמסאָמאָל. עס רעדט לענין די יוגנטלעכע דעלעגאַטן שלינגען יעדעס וואָרט זיינס, זאַפּן איין דעם קלאַנג פון זיין קול מיט אַלע פיבערן פון גוף און פון נשמה. די צייט איז אַ וואונדערלעך־גרויסע, דאָס לעבן איז וואונדערלעך־שיין, אַלץ איז וואונ־דערלעך איינפאַך, זיכער און קלאָר.

ביי איינעם אַ קאָמיוגיסט פאַרקלעמט פלוצלינג דאָס האַרץ. ער דער־מאָנט זיך, מיט שניידנדיקער בענקשאַפט, אַז זיינע גאַנצע יאָרן — פופצן יאָר, אַ קליינינקייט! — האָט ער געטרוימט צו ווערן אַ שוישפּילער. אויב ער האָט, מיט אַלע כוחות, זיך אַזוי געריסן קיין מאָסקווע, איז עס דאָך אויך, דעם אמת זאָגנדיג געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געהערט וועגן עפּעס אַ יידישער טעאַטער־סטודיע, וואָס עס האָט געגרינדעט אַ געוויסער גראַנאָווסקי. יאָ, אָבער — האָט עס דען אַ זין, פאַר אַ קאָמיוגיסט, אין דעם גורלדיקן ווינטער 1920, צו טראַכטן וועגן יינגלשע חלומות?! „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט״...

דער קאָנגרעס פון קאָמסאָמאָל איז געענדיקט. ווידער סמאָלענסק. ווידער מינסק. ווידער דער ווע״ג. אָבער דאָס מאָל קיין מערב, קיין פּוילן. צו פוס, דורך ווייטע פעלדער־וועלדער, דורך אומבאַקאַנטע גרענעצן. אַ גרויסע, ווייסע וועלט. פּויערישע כאַטעס, באַדעקטע מיט שניי, פאַרקאַוועטע מיט אייז. שטעטלעך מיט יידן. אַ יונג יינגל, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, פאַרלייזיקט, מיט שמאַטעס אויף די פיס, גייט רואיק זיין גאַנג, דורך שניי און ווינט און שטורעם, צו פוס, טאָג נאָך טאָג, איין וואָך, אַ צווייטע. „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט״...

ווידער די היים. אומלעגאַלער קאָמיוג. געהיימע טרעפונגען, זיצונגען, פאַרזאַמלונגען. פאַרשיכורנדיקע ראָמאַנטיק פון יוגנטלעכן אונטערערד. אויפרופן, ציַיטונגען, רויטע פאָנען. דעמאָנסטראַציעס, רעפעראַטן, מיטינגען — צוזרשט אין דער היימשטאָט, דערנאָך — אין וואַרשע, אין פאַרשידענע שטעט פון פּוילן. טרעף־פונקטן, אומלעגאַלע דירות, רייזעס, קאָנפערענצן — שטורעמדיקע טעג־און־נעכט. פלוצלינג — תפיסה־וועגט. הינטער די קראַטן

איז אַ נייע וועלט, וואָס לעבט מיט אַן אייגנאַרטיקן, אָבער אויסערגעוויינלעך אינטענסיוון לעבן. דער ריטם פון צייט־פאַרלויף איז אַ גאַנץ באַזונדערער, די מאָס פון יאָרן לחלוטין אַן אַנדערע, ווי אויף דער פריי. לערנען, לערנען, לערנען. אָבער אויך דאָ, כסדרדיקער קאַמף, „אַקציעס", הונגער־סטרייקן. „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט"...

די אוניווערסיטעטן מיינע האָב איך אַזוי אַרום פאַרענדיקט נאָך איידער איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל פון פאַריזער סאָרבאָנע. דאָס זיינען געווען: די יידישע שול, דאָס אומפאַרגעסלעכע יאָר 1920 און די העכער האַלב טוץ תפיסות פון אַמאָליקן פּריצישן פּוילן.

***

אָנגעהויבן שרייבן האָב איך פריי, נאָך אין דער יידישער שול. מיין ערשטלינג איז געווען אַ דראַמאַטיזאַציע פון אַ קאַפּיטל „פּישקע דער קרו־מער". דערנאָך האָב איך פאַרפאַסט פאַרשיידענע מאָנאָלאָגן, הומאָריסטישע נאַטירלעך, לויטן רעצעפּט פון „לאַכן איז געזונט". פון די סאַמע פריע פּען־פאַרמעסטן, איז סצענישע פאָרם געווען פאַר מיר אַ מין אָרגאַנישע נויטווענדיקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. כ'האָב קיינמאָל ניט גע־פּרוּווט שרייבן קיין לידער, אָדער קינסטלערישע פּראָזע.

מיין ערשט גרעסער ווערק איז געווען אַ דראַמע אין אַנדערהאַלבן אַקטן. דער ערשטער אַקט האָט געדויערט לייענען פיר שעה, די העלפט פון צווייטן אַקט — קאַרגע דריי שעה. אויף ממשיך זיין אין אַזאַ פּלאַנעטאַרן מאַסשטאַב, האָט מיר אויסגעפעלט אָטעם. די וויטערדיקע פּיעסע איז שוין געווען אַ פאַרגאַנצטע, אין פולע פיר אַקטן און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין ווייסן פּערז. דעם נאָמען האָב איך פאַרגעדענקט: „אַ שווערע אָפּעראַציע".

אין 1926 האָב איך די פּיעסע געבראַכט אויף מבינות צו אַלטער קאַ־ציזנען. איך האָב דאַן געוואוינט אין וואַרשע, וואו כ'בין אָנגענומען געוואָרן אין אַ פּוילישער הויך־שול. קאַציזנע האָט מיט דער פּיעסע זיך פאַראינ־טערעסירט און געפּרוּווט אויך פאַראינטערעסירן דוד הערמאַנען, וואָס האָט געהאַט אַ שם, נאָך זיינע באַרימטע אויפפירונגען מיט דער „ווילנער טרופּע", פאַרן גרעסטן יידישן רעזשיסער. איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָנגעקלונגען אין דוד הערמאַנס טיר. קאַציזנע האָט אויסגעפועלט פאַר מיר אַ טרעפונג. אָן לאַנגע פאָררעדעס, האָב איך זיך געזעצט לייענען.

דוד הערמאַן האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, האַלב צוגעמאַכט די אויגן, מיט דביקות, עטוואָס ווי אַ חסידישער רבי. ס'איז געוואָרן מיטאָג־צייט און איך האָב ערשט געהאַלטן ביים דריטן אַקט. פרוי הערמאַן האָט דיסקרעט געגרייט צום טיש, זיך אַנטשולדיקט און דערלאַנגט מיטאָג. דוד הערמאַן האָט ווייטער זיך צוגעהערט, מיט כוונה, און פּונקט אַזוי, מיט כוונה, אָנגעהויבן עסן. זיין פרוי, ווי אַ טרייער וועכטער, האָט אים כסדר דערמאָנט: „עס, דאַווישו, דאָס געגזנס ווערט קאַלט". דוד הערמאַן האָט,

דביקותדיק, געגעסן דאָס געגנזנס, איך האָב פלאַמיק געלייענט מיין פיעסע, און ווען מיר האָבן בײדע געענדיקט, האָט אויסגעשלאָגן די אומברחמנות־דיקע שעה פון קריטיק. צו מיין גרויס שטוינען, האָט הערמאַן אָנגעהויבן ריידן וועגן מחבר פון דער פיעסע אין דער דריטער פערזאָן, פונקט ווי ער וואָלט צו מיר נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות. „אין דעם־און־דעם אַקט האָט דער מחבר... אין דער־און־דער סצענע איז דער מחבר”... נאָך אַ רייע אַלגעמיינע באַמערקונגען, האָט הערמאַן געבעטן דעם מחבר, ער זאָל איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט, אויף איבערלייענען אַ צווייטן מאָל. אַן אויספירלעכע תשובה וועט קומען שריפטלעך. איבעריק צו זאָגן, אַז נישט די תשובה און נישט זיין מאַנוסקריפּט האָט דער מחבר קיינמאָל אין די אויגן ניט אָנגעזען. אפשר אויך דערפאַר, ווייל קורץ דערנאָך האָט ער פאַרלאָזן פוילן.

עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען אין פראַנקרייך, האָב איך זיך באַשלאָסן אויף אַ שריט, וואָס האָט אויסגעזען שיער נישט ווי אַ העראָאישער. ביי מיין חשובן עלטער — איין־און־צוואַנציק יאָר — און מיט מיין גאַנצער רומפולער גזעלשאַפטלעכער פאַרגאַנגענהייט, האָב איך זיך געזעצט, ווי אַ חדר־יינגל, אויף דער שול־באַנק פון אַ פאַריזער ליצעאום. דאָס איז, אגב, מעגלעך געווען בלויז אַדאַנק דער אויסערגעוויינלעכער פראַנצויזישער מענטשן־פריינטלעכקייט, וועלכע האָט תיכף געוואונען מיין האַרץ, ווייל נישט בלויז בין איך שוין געווען אַרויס פון שול־עלטער, נאָר כ'האָב דערצו נאָך כמעט ווי נישט געקענט קיין פראַנצויזיש.

אין ליצעאום בין איך פאַרבליבן צוויי יאָר. דערנאָך, גאַנצע פינף, אין אוניווערסיטעט. פאַר אָט־די יאָרן האָב איך פיל געשריבן, אָבער — אויף פראַנצויזיש. מיין אָפּגעשפּאָרטער פאַרמעגן פון אָט־דער צייט באַשטייט אין אַ האַלב־צענדליק פיעסן און אין עטלעכע ביכער. די פיעסן, נישט קיין ערגערע און נישט קיין בעסערע פון טויזנטער זייערס גלייכן, ליגן אין שופלאָד און רוען זייער אייביקע רו. די ביכער, מיט געליישטע רוקנס, שטייען אויף פאָליצעס פון ביבליאָטעקן. איין בוך הייבט זיך אָן מיט אַן אַריינפיר פון אַ באַרימטער פראַנצויזישער פערזענלעכקייט, וואָס פאַרזיכערט דעם לעזער, ערנסט און קאַטעגאָריש, אַז איך האָב, אַדאַנק מיין ווערק, „זיך דערוואָרבן גרויס פאַרדינסט פאַר איראָפּע און פאַר פראַנקרייך”.

ווי גרויס דער פאַרדינסט איז באמת געווען, איז נאַטירלעך, שוין אַן אַנדער פראַגע. יעדנפאַלס, פרעסע־אָפּרופן, אין פראַנקרייך און פון אויסלאַנד, זיינען געוואָרן כסדר צאָלרייכער און וואַרעמער. ס'האָבן אָנגעהויבן קומען פאָרשלאָגן פון אַרויסגעבער. ס'האָט זיך געעפנט אַ וועג צו די גרויסע פראַנצויזישע פאַרלאַגן און דורך זיי אפשר אויך — צו דער פראַנצויזישער בינע.

דאָס איז אָבער געווען אין יאָר 1936. פון יענער זייט ריין האָט אַלץ העכער און ווילדער זיך געטראָגן דאָס ליד וועגן יידן־בלוט, וואָס שפריצט פון מעסער. דער הימל איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און דראָענדיקער. און

פלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז מיט מיין גאַנצן פראַנצויזיש־שרייבן, מיט אַלע מיינע „פאַרדינסטן פאַר איראָפּע און פאַר פראַנקרייך", איז עפּעס נישט דאָס...

אין אַ שיינעם העלן פרימאָרגן, האָב איך אָפּגעטריקנט דעם טינט פון מיין פראַנצויזישער פען און — מיטן גאַנצן האַרצן, מיט לייב־און־לעבן — זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין... אין יידישער קולטור־אַרבעט.

יידישער קולטור־פראָנט אין פראַנקרייך. פּלאַן צו פאַררופן אַן אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, פאַרבאַראַטונגען, לאַנד־קאָמיטעטן, צעפלאַקערטער גרעזלשאַפטלעכער קאַמף אין גאַנץ „יידיש־לאַנד". גאָלד־האַרבסטיקע סעפּטעמבער טעג אין פאַריז 1937, געבורט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד „איקוף", צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון איקוף, איקוף־טורנעי אין די באַלטישע לענדער אין האַרבסט 1938, איקוף־טורנעי אין מערב־איראָפּע (בעלגיע, האָלאַנד, ענגלאַנד) אין פרילינג 1939. איניציאַטיוון, פּאַרמעסטן, פּלענער — אויף יאָרן און יאָרצענדליקער. און אָט — ערשטער סעפּטעמבער 1939, מלחמה.

נאָך דער פּאַניק פון די ערשטע מלחמה־טעג, נאָך דער עוואַקואַציע פון פרויען און קינדער, איז פאַריז פּלוצלינג איינגעהילט געוואָרן אין אַן אויס־טערלישער שטילקייט. אין דער אויסגעלאָשענער „שטאָט פון ליכט", וואַרטנ־דיק אויף מיין מאָביליזאַציע־צעטל, ביי פאַרשטעלטע פענצטער און אַ קאַרגן טיש־לאָמפּ, האָב איך זיך גענומען — צום שרייבן. נאַטירלעך, אַ פּיעסע. דאָס מאָל, אויף יידיש. דער נאָמען: „המנס מפּלה".

פּיראַנדעלאָ, אין זיינער אַ באַרימט־געוואָרענער דראַמע, האָט אויסגע־דיכטעט זעקס העלדן, וואָס זוכן אַ מחבר. אין דער אמתן, זוכן אַלע העלדן זייער מחבר. אַ ריכטיקע, אַן עכטע טעמע, אומאָפּהענגיק פון איר פאַרנעם, צווינגט זיך אַליין אַרויף אויפן שרייבער און אָפט, מיט אַזאַ דראַנג, מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער איינציקער אופן ווי אַזוי פון איר זיך צו באַפרייען איז — זיך איר אונטערגעבן.

אַ גרויזאַמער המן, דער גרויזאַמסטער פון אַלע צייטן, האָט זיך פאַר־מאָסטן אומצוברענגען אַן אומבאַשיצט פאָלק. זיין מאַכט איז געווען אומ־געהויער, ער איז געגאַנגען פון איין נצחון צום צווייטן. אָבער אין די טי־פענישן פון דער נשמה פון פאָלק האָט געטליעט בטחון און גלויבן, וואָס האָבן אים געמאַכט אומבאַזיגבאַר. דער היסטאָרישער פאָלקס־אָפּטימיזם האָט זיך אויפגעצוואונגען דעם שרייבער דווקא אין שעה פון בלוטיקסטער סכנה. אויף אַ נאַטירלעכן אופן, האָט די המן־טעמע געפירט צו דער פּורים־שפּיל־פאָרם, צו אָט דער עלטסטער און אָריגינעלסטער יידישער טעאַטער־פאָרם, וועלכע האָט מיך פון לאַנג שוין געהאַט געלאָקט. אַלטער לאָגל, נייער וויין, מאָדערנע, צעשפּילטע טעאַטראַלישקייט.

די פּיעסע האָב איך פאַרענדיקט, ווען די היטלער־אַרמייען זיינען גע־שטאַנען שוין הינטער פאַריז און מיט דער לעצטער פּאָסט אַוועקגעשיקט אַן עקזעמפּליאַר צו מיין פריינט נ. בוכוואַלד אין ניו־יאָרק. אַ טאָג־צוויי

שפּעטער איז שוין געווען — „יציאת פּאַריז". מיליאָנען מענטשן אויף די וועגן, נישט בלויז פון פּאַריז שוין, נאָר פון האַלב פראַנקרייך, וואָס אַנט־לויפן פאַרן שונא, אין אומבאַשרייבלעכער בהלה. מיין פרוי און זון זיינען געווען איןווישי, עוואַקואירט פון פריער. ווען איך האָב זיך צו זיי דער־שלאָגן, נאָך אַ וואָך וואַגלעניש, איז די שטאָט געווען שוין פאַרנומען דורך די דייטשן. זיי האָבן זיך אָבער באַלד צוריקגעצויגן, נאָכן אונטערשרייבן פון וואַפנשטילשטאַנד, און ווישי איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון דער אַזוי־גערופענער „פרייער זאָנע", די מלוכה פון מאַרשאַל פּעטען.

אויף דער הייסער מינוט, אונטערן פרישן איינדרוק פון דער וויסטער בהלה אויף די וועגן און פון דעם אומגלויבלעך־פּלוצלינגדיקן פּאַנאַדערפאַל פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, האָב איך אָנגעשריבן אַ דראַמע „אויף די וועגן פון פראַנקרייך". אַ פּאַריזער יידישער שניידער, אַ פרייוויליקער זעל־נער אין פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן, פאַלט צופעליק, פון אַ בלינדער קויל, עטלעכע שעה נאָכן אונטערשרייבן דעם וואַפנשטילשטאַנד. די פּיעסע איז נאָך דער מלחמה אָנגענומען געוואָרן אין אַ פראַנצויזישן טעאַטער, אָבער צו קיין אויפפירונג איז נישט דערגאַנגען.

און ס'הויבן זיך אָן די שרעקלעכע, בלוטיקע אָקופּאַציע־יאָרן. מיר זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ווישי און האָבן זיך באַזעצט נעבן ליאָן. אויף אונדזערע דאָקומענטן שטייט דער שטעמפּל „ייד". ביסלעכווייז ווערט קלאָר, אַז אָט־דער שטעמפּל באַטייט — טויט־אורטייל (ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז די יידישע באַפעלקערונג האָט עס באַנומען). די דייטשישע אַרמיי פאַרנעמט באַלד גאַנץ פראַנקרייך. מיר גייען אַריבער אין אומלעגאַליטעט. אַ פראַנצויזישע משפחה נעמט צו זיך אונדזער זון, אַנדערע פראַנצויזישע משפחות, פיל אַנדערע, גיבן אונדז הילף און שוץ אויף כל־ערליי אופנים. חיים סלאָוועס ווערט מגולגל אין זשאַן־פּאָל אַנרי סאַליוועז, אַ געבוירענער אין פּאַריז און נאַטירלעך, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער פראַנצויז. שטייענדיקער נאַצי־טעראָר, מאַסן־אַרעסטן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דע־פּאָרטאַציעס. עס שפּרייט זיך אין גאַנצן לאַנד די ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן אָקופּאַנט. עס וואַקסט און שטאַרקט זיך די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

כסדרדיקער שאָטן פון טויט. און דאָך, צוגליך מיט אויפרופן, צוגליך מיט אַרטיקלען פאַר אונדזערע אומלעגאַלע אויסגאַבן, אין יידיש און פראַנ־צויזיש, שרייב איך — אַ נייע דראַמע, „די געלע לאַטע". ווידער אַ טעמע, וואָס האָט זיך אויפגעצוואונגען אויפן מחבר. און אַ געפיל פון חוב, פון מוז: זאָל זיין יידיש קולטור־שאַפן דווקא אין דער פאַנטאַסטישער קאָשמאַר־צייט, ווען דאָס בלויזע אָנצייכענען אַ יידישן אות האָט געקאָנט דראָען מיט אומ־קום! אויב מען וועט ווער אַליין די מלחמה נישט איבערלעבן, וועט יעדנפאַלס איבערלעבן דאָס פאָלק. יעדעס געשריבענע וואָרט איז געווען געוווער און גלייכצייטיק — צוואה. עמעצן וועט עס דינען אין קאַמף. צו עמעצן וועט עס

דערגיין. אַן ענלעך געפיל האָבן זיכער געהאַט אויך די יידישע שרייבער אין די געטאָס פון פוילן.

ניט געקוקט אויף דער אומאויפהערלעכער טויט־סכנה, איז אָבער קיין דערשלאָגנקייט ביי קיינעם נישט געווען. אדרבא, ס׳האָט גיכער געהערשט אַ מונטערקייט. מ׳האָט זיך געפילט, ווי זעלנער אויפן פראָנט, און די מפּלה פון שונא איז שוין געווען אַ געחתמעטע. אויסערדעם האָבן מיר, ביז דער לעצטער רגע, ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן גרויליקן פאַרנעם פון חורבן אין מזרח־אייראָפּע. דאָס קאָן קלינגען אוממגלויבלעך, אָבער אַזאַ איז דער אמת — מיר האָבן נישט געוואוסט. געוויס, מיר האָבן געהערט וועגן די געטאָס, וועגן הונגער, נויט, קראַנקהייטן, דעפּאָרטאַציעס און לאַגערן; מיר האָבן באַוואונדערט דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ סך וועלן אומקומען, צענדליקער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, בעיקר — קראַנקע און אַלטע לייט, אָבער אַז עס ווערט אויסגעראָטן אַ גאַנץ פאָלק — דאָס האָבן מיר, וואָס האָבן אַליין זיך געפונען אין פּירהויז פון טויט, בשום אופן ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן. אַזוי האָט אויסגעזען די טייוולאַניש־ראַפינירטע נאַצישע מאָרד־סטראַטעגיע.

די לעצטע חדשים פון דער אָקופּאַציע זיינען געווען באַזונדערס גרויזאַמע. מ׳האָט געכאַפּט און געשאָסן אין די גאַסן. מיין פרוי איז אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דער געשטאַפּאָ און ממש דורך אַ נס באַוויזן זיך אַרויסצורייסן. מ׳האָט געמוזט טוישן איין וואוינונג נאָך דער צווייטער, לויפן אָפּט אונטער אַ האָגל פון קוילן. ווען ס׳וואָלט אַזוי זיך געצויגן נאָך עטלעכע וואָכן, וואָלט וואַרשיינלעך קיינער פון אונדז ניט געבליבן לעבן.

די פרייד פון באַפרייאונג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אמת, די צוריקגעפונענע „שטאָט פון ליכט”, פּאַריז, איז נאָך אַלץ געווען וואונדערשיין, אַפילו אין פינצטערניש, אין הונגער, אין קעלט, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַן אייגן פּאָדעם אויפן לייב. ס׳איז אָבער נאָך געווען מלחמה און, בעיקר — ס׳האָט אָנגעהויבן זיך אַנטפּלעקן דאָס מוראדיקע בילד פון אומקום. פון די באַפרייטע אין מערב־דייטשלאַנד לאַגערן — בוכענוואַלד, בערגען־בעלזען — האָבן ביסלעכווייז זיך צוריקגעקערט די געציילטע לעבן־געבליבענע יידן, וואָס זיינען געהאַט דעפּאָרטירט געוואָרן פון פּאַריז. זיי האָבן געבראַכט די ערשטע גרוסן וועגן אוישוויץ, וועגן מאַידאַנעק און טרעבלינקע. מיט אוממבאַשרייבלעכן שוידער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס פּוילישע יידנטום איז אומגעבראַכט, אַז אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, זיינען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

און ווידער האָט זיך אויפגעצוואונגען אַ טעמע: דער זין פון יידישן אומקום. דאָס האָב איך געפּרוואוט געשטאַלטיקן אין מיין דראַמע „נקמה־נעמער”.

ביים סאַמע תהום פון מיליאָנען־טויט האָבן זיך שנעל באַוויזן די ערשטע אומדרייסטע שפּראָצן פון ניי־לעבן. אַ מעכטיקער לעבנס־דראַנג האָט אַרומגענומען די אָפּגעראַטעוועטע רעשטן פון אייראָפּעאישן יידנטום.

ס׳איז געווען רירנדיקער פּאַטאָס פון ווידעראויפבוי — מיט טראַגיש פאַר־מינערטע כוחות, אָבער מיט מיליאָניק געכּופּלטן אימפּעט.

ווידעראויפבוי אויך פון קולטור־לעבן. פאַרבאַנד פון יידישע קולטור־געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך. געמיינזאַמער יידישער קונסט־טעאַטער. גע־מיינזאַמער זשורנאַל. געמיינזאַמער לערער־סעמינאַר. איראָפּייאישע יידישע קולטור־קאָנפערענץ. פאַנאַנדערבלי פון געזעלשאַפטלעכן יידישן טעאַטער אין פראַנקרייך, בעלגיע, פוילן, רומעניע.

וואונדער פון ניי־לעבן! אָבער — בויען אויף וועלכע יסודות? פאַרגעסן, אַנטלויפן, פאַרלייקענען זיך? אויסדרייען זיך מיטן רוקן צו אַלע מינים אימפּעראַטיוון — געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָנאַלע, מענטשלעכע?

ס׳איז פאָרט די צייט נאָך המנס מפּלה. אַפילו אויף אַן ערנסטן נמשל לאָזט זיך ברענגען אַ לוסטיקן משל. חברה פּורים־שפּילער האָבן זיך ווידער באַוויזן, דאָס מאָל אין „די יונהס און דער וואַלפיש״. צעשפּילטע פאָלקס־טימלעכע און קאָמעדישע באַדינגלעכקייט פאַרווישן דעם גרענעץ צווישן לעגענדע און וואָר, צווישן נעכטן און היינט.

כמעט ווי אין קאָנטראַפּונקט, אויף דער רעפּערטואַר־ליניע פון דראַמע, איז דערנאָך געקומען „די צייט פון געזאַנג״, אַ פּרואוו, נישט קיין ענד־גילטיקער, צו געשטאַלטיקן די גרויסע טעמע, וואָס באַוועלטיקט און לאָזט נישט רוען — געטאָ־אויפשטאַנד.

אין ראַשיקן טעמפּאָ פון די לעצטע יאָרן זיינען אַנטשטאַנען אינגאַנצן נייע פּראָבלעמען, האָבן זיך אויפגעוואָוגעט נייע טעמעס. איך האָב גע־פּרואווט זיי באַרירן אין צוויי היסטאָרישע דראַמעס: „ברוך פון אַמסטער־דאַם״ און „די מלחמה פון גאָט״ (שבתי־צבי־טראַגעדיע).

ס׳קאָן אין פלוג זיך אויסדוכטן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ווידערשפּרוך צווישן היינטצייטיקייט — אין וועלכער עס נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אונדזער טע־אַטער־רעפּערטואַר — און היסטאָרישער פּיעסע. דער ווידערשפּרוך איז אָבער בלויז אַן אויבנאויפיקער.

היסטאָרישע דראַמע, אויב זי איז נאָר דראַמע און נישט היסטאָריאָ־גראַפיע, מוז אָטעמען מיט דער עפּאָכע פון מחבר. מער נאָך, זי קאָן אַמאָל, מחמת איר געשיכטלעכער פאַרגאַנגנקייט און ענדגילטיקער אויסקריסטאַ־ליזירונג, זיין מער „אַקטועל״, ווי פיל אַקטועלע, אָבער נישט בעצם־כאַראַק־טעריסטישע צייט־פּיעסעס.

ס׳איז באַקאַנט בערטאָלד ברעכטס מיינונג, אַז דער צושויער איז מסוגל אויפצונעמען, אויף אַן אָביעקטיוון אופן, די אַרומיקע ווירקלעכקייט בלויז דאַן, ווען זי ווערט אים צוגעטראָגן אַ געהעריק „דיסטאַנצירטע״. ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו דער דאָזיקער „דיסטאַנצירונג־טעאָריע״,

איז אָבער זיכער, אַז גראָד אַ היסטאָרישער שפּיגל־בילד קאָן, אין געוויסע באַדינגונגען, אַנטפּלעקן אַמבולטסטן און אַמשאַרפסטן די פאַרוויקלטע גרונט־פּראָצעסן פון דער היינטצייטיקייט.

אויף אַלע געביטן — פאָלקסשפּיל, היינטצייטיקע דראַמע, היסטאָרישע דראַמע — פּלענער, פּלענער לרוב! זאָל נאָר כוחות סטאַיען — „היום קצר והמלאכה מרובה": די אַרבעט איז גרויס און דאָס לעבן איז קורץ. נאָך קלינגט אין האַרצן און אין געמיט דאָס ליד פון התלהבותדיקן קאָמיוגיסט; „דרייסט וועלן מיר גיין אין שלאַכט", אָבער די האָר באַדעקן זיך ביסלעכ־ווייז מיט שניי. און בלויז פאַר תמימותדיקע קינדער־אויגן איז, אין אונדזער באמת וואונדערלעך־גרויסער צייט, אַלץ איינפאַך און גראַדליניק און קלאָר.

יעדער שאַפערישער טאַט איז — קאַמף. קאַמף מיט זיך, אין זיך און אַרום זיך. די שווערסטע שלאַכט איז די, וואָס דאַרף נאָך ערשט אויסגע־שפּילט ווערן. דאָס וויכטיקסטע ווערק, פאַרן שרייבער, איז דאָס, וואָס דאַרף נאָך ערשט ווערן געבוירן.

1961

אינהאַלט:

ביי די אָבות

אָמר מענדעלע — — — — — — — — — — — — — 7

דער ברענענדיקער דאָרן — — — — — — — — — — 18

דער געלעכטער פון אַ פשוטן יידן — — — — — — — — 28

הינטערן רויטן פאָרהאַנג

אונדזער טעאַטער־פּאַטער — — — — — — — — — — 41

די טראַגישע סתירה — — — — — — — — — — 63

דער אויסטערלישער גורל פון יידישן טעאַטער — — — — 28

דערשיטערונג

אַ בליק אויף אונדז גופא — — — — — — — — — — 111

וועגן דער יידישער קולטור אין סאָוועטן פאַרבאַנד — — — 121

אויסרוף־צייכן, פרעג־צייכן און קלאַמערן

(פינף יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד") — — — — — — 158

פּראָבלעמען

כאַראַקטער־שטריכן פון אונדזער ווידערשטאַנד ליטעראַטור — 185

דער פראַנצויזיש־יידישער ישוב אין דער פראַנצויזישער

ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — 202

היסטאָרישע יידישקייט ביי י. אָפּאַטאָשו — — — — — 221

יידיש קולטור־פּראָבלעמען פונעם פערטל־יאָרהונדערט — — 230

קולטור און היסטאָרישער זכרון — — — — — — — 245

היינצייטיקייט און מאָדערנע יידישע ליטעראַטור — — — — 264

ייד־און־וועלט־פּראָבלעמען אין אונדזערע טעג — — — — — 276

אַ נ ש ט א ט אַ נ אָ כ וו אָ ר ט

(וועגן זיך און וועגן מיין שאַפן) — — — — — — 299

ווערק פון ח. סלאָוועס:

„נקמה־נעמער"

טראַגעדיע אין דריי אַקטן

פאַרלאַג „אויפסניי", פאַריז 1947.

„המנס מפּלה"

פאָלקס־שפּיל אין פיר אַקטן

פאַרלאַג „אויפסניי", פאַריז 1949.

„די יונהס און דער וואַלפיש"

פאָלקס־שפּיל אין דריי אַקטן

פאַרלאַג „אויפסניי", פאַריז 1953.

„ברוך פון אַמסטערדאַם"

דראַמע אין פיר אַקטן

„איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1956.

„די מלחמה פון גאָט"

דראַמע אין דריי אַקטן

„איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1963.

„צען ברידער זיינען מיר געווען"

דראַמע אין דריי אַקטן

פאַרלאַג „אויפסניי", פאַריז 1965.

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון:

ל. סיב, ברוקלין;

באָרים טאַבאַטשניקאָוו, בראָנקס, אין אָנדענק פון זיין פרוי פעני (אסתר פרומקע);

רחל זילבערבערג, בראָנקס, אין אָנדענק פון איר מאַן סאָל, געשטאָרבן יולי 7, 1968;

משה און היימאַן גאָלדמאַן מיט זייערע פאַמיליעס, סאַן פראַנציסקאָ, אין אָנדענק פון זייערע טראַגיש אומגעקומענע עלטערן, דזשעק און מיני גאָלדמאַן;

אין אָנדענק פון יחיאל און כאַווקע מילער, פעטאַלומאַ, דורך רובין און יעטע וועגנער;

לינאַ אָרלאָף, אין אָנדענק פון איר מאַן נייטן.

ספּאָנסאָרס:

עמאַ גליקפעלד, סאַן פראַנציסקאָ
פיליפּ און רחל פרעסמאַן
איזידאָר אוונער
קליוולאַנד „איקוף"-קאָמיטעט
שיקאַגאָ „איקוף"-קאָמיטעט
בען באָרדין
ז. וויינפּער לייען-קרייז, באָסטאָן
שרה ק. גאָלד
ש. גלאַזמאַן
מאיר און רחל דריבינסקי
י. ב. זאָלצבערג, טאָראָנטאָ
ס. סאָלניצקי, טאָראָנטאָ
ד"ר ה. ב. סטעלער
לעאָן און בעלאַ פעלד
פיליפּ ראָזענבערג
דזשעק און ביטרים שוואַרצבערג
הערמאַן רייבינס
דוד קעס
א. קאָהן, פּיקסקיל
גדליה און בעלאַ לאַנדמאַן
מרים סקלאַדמאַן
עוועלין אַלעקסאַנדער, לאָס אַנדזשעלעס

אַבאָנענטן:

שלום עליכם קולטור־קלוב, טאָמס ריווער
עמאַ לאַזאַרוס קלוב, טאָמס ריווער
שלום אַש לייען־קרייז, שיקאַגאָ
פּרץ גראָדזיסקער סאָסאַיעטי, בראָנקס
לאה אַדלער
הענאַ אַראָנאָף
מרים באַומעל
אַברהם און סילוויאַ אָרענשטיין
לואי ביאַלי, מיאַמי ביטש
חנה סאַפּראַן־ביאַלי, מיאַמי ביטש
שרה בלאַק
א. בערניקער, ווינדזאָר
אסתר און שלמה גאָלדבערג
בעלאַ גאָלדווירט
בראָניאַ גאָלדין
בלענטש גודמאַן
דזשוליוס גאָלדשטיין, מיאַמי ביטש
אהרן גלימטשער
יאַנקל און צייטל דאָראָשקין
ה. דוליצקי
מאיר האריטאָן
גדליה האַלפּערן

סאָל און שרה האָרוויץ
אסתר טענענהאָלץ
משה און ריווע האָראָוויץ
רחל זילבערבערג
דאָראַ כאָראָווער
סאל טאָלבערג
רחל סאפּרין
מאַקס סטוירן
היימאַן סילווער
כייקע עטקינס
היימאַן סילווער
חיים עפּשטיין
הערשל פּאַס, טאָראָנטאָ
סעם קאַגאַן, טאָראָנטאָ
לואי שטיינבערג, טאָראָנטאָ
וועלוול קאַץ, טאָראָנטאָ
ראָוז קוירק
שרה און בערל קוואַלוואַסער
י. ראָזענבוים
בערל און לאה ראָלער
ב. ריפּין
טאַניאַ שנײדערמאַן